JEWISH PUBLIC LIBRARY
TORONTO

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/unkown0000vari_j1j7

JEWISH PUBLIC LIBRARY
TORONTO

#4759

י. ג. פאָגט.

וועלטגעשיכטע

פון אוראַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג.

בעאַרבייט אין אידיש פון

א. ח. ראָזענבערג.

אונטער דער רעדאַקציאָן פון

אלכסנדר הארקאַווי.

—

אילוסטרירט.

ערסטער באנד: אורגעשיכטע און אלטע צייט.

ניו יאָרק:
היברו פאבלישינג קאמפאני.
.1918

JEWISH PUBLIC LIBRARY TORONTO

Copyright 1918 by the Hebrew Publishing Company, New York.

ספריה עממית בטורונטו * JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO *
יודישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא

פאָרוואָרט.

וואָס קען דעם ציוויליזירטען מענשען מעהר אינטערעסירען ווי די געשיכטע פון די פעלקער — זייערע העלדענטאטען, זייערע מלחמות און נצחונות, זייער גייסטיגע ענטוויקלונג, זייער קולטור או. אז. וו.? די קענטניס פון דער געשיכטע האָט אויך אַ פ ר א ק ט י ש ע בעדייטונג; זי איז נעטיג אום צו קענען פערשטעהן די סאָציאַלע פערהעלטניסען פון לעבען. די געגענוואַרט בערוהט אויף דער פערגאַנגענהייט; ווער עס איז בעקאַנט מיט דער לעצטער בעגרייפט ווי דער היינטיגער צושטאַנד האָט זיך ענטוויקעלט פון איהר און קען אויך אַריינבליקען אין די צוקונפט.

די ליטעראַטור אין אונזער מוטער־שפּראַך (אידיש) איז אין דער לעצטער צייט רייך געוואָרען אויף פערשיידענע פעלדער — וויסענשאַפט, פּובליציסטיק, פּאָעזיע — אָבער זי איז פערבליבען אָרים אויף דעם פעלד פון געשיכטע, איבערהויפּט פון וועלטגעשיכטע. מען האָט שוין געפּרובירט אַרויסגעבען וועלטגעשיכטעס אין אידיש, אָבער די פּראָבעס זיינען געוועזען זעהר קליינע און אויך דיזע האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען. אַזאַ גרויסע, פּאָלשטענדיגע וועלטגעשיכטע ווי דיזע איז אין אידיש נאָך קיין מאָל ניט אונטערגענומען געוואָרען. דאָס איז די ערסטע בעדייטענדע אונטערנעהמונג פון אַ וועלטגעשיכטע אין אידיש.

דער פונדאַמענט פון דיזען ווערק איז די „וועלטגעשיכטע פיר דאָס פאָלק” פון פ אָ נ ט. זי איז געוועהלט געוואָרען צוליב די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען פון אונזער צייט און וועגען די ספּעציעלע מעלות, מיט וועלכע זי צייכענט זיך אויס פון די געוועהנליכע וועלטגעשיכטעס. איהר הויפּט־מעלה איז, דאָס זי איז אַ געשיכטע פ י ר ד אָ ס פ אָ ל ק. אָנ־

שטאָט צו געבען אונזער ערקלערונג וועלען מיר לאָזען רעדען דעם פּער-פּאַסער אַליין. ער זאָגט אין זיין פאָררעדע פאָלגענדעס:

„ביכער פון געשיכטע פעהלען ניט און עס זיינען שוין אויך געשריבען געוואָרען מאנכע וועלטגעשיכטעס פיר דאָס „פאָלק”... אָבער צום גרעסטען טייל דערצעהלען זיי נאָר פון די גדולים און זייערע גבורות, פון מלחמות און נצחונות, דאָס הייסט הויפּטזעכליך פון דער צושטערונגס-אַרבייט פון דער מענשהייט. דער שטודיום פון געשיכטע אין די שולען בעוועגט זיך נאָר אין דיזע ראַהמען. ביאָגראַפיעס פון קריגס-לייט און קעניגען, נעמען און דאַטומס פון שלאַכטפעלדער זיינען די הויפּט זאכען, וואָס ווערען איינגעדריקט אין די מוחות פון יונגע קינדער, עס ווערט אָבער אין זיי וועניג בעריהרט די וויכטיגסטע מענשליכע טעטיגקייט, די אַרבייט, קערפּערליכע ווי גייסטיגע, וועלכע ווערט געשאפען פון פאָלק, וועלכעס ערפינדעט און שאַפט אַלעס, וואָס די גרויסע העלדען און זיג-רייכע פעלקער צושטערען. די אַרבייט איז די קוועלע פון יעדער קולטור, און נאָר אין דעם קולטור-לעבען שפּילט זיך אָפּ דאָס, וואָס מיר רופען אָן וועלטגעשיכטע, וואָס נעהמט אַרום אַלע געזעלשאַפטליכע, רעליגיעזע און גייסטיגע בעוועגונגען. די בעשאַפער פון דיזער קולטור פערדינען וועניג-סטענס די זעלביגע אויפמערקזאַמקייט ווי די העלדען און עראָבערער, וועל-כע האָבען מעהרסטענס נאָר געווירקט אַלס צושטערער און פערניכטער...

„דער לעזער וועט זעהן, ווי דורך די בעטראַכטונג פון דיזער וויכטי-גער קראַפט, דער אַרבייט, ווערען אונז קלאָר די אורזאַכען און די פער-בינדונג פון די געשיכטליכע פאַסירונגען און מיר קריגען אַ טיפען, ריכטי-גען בליק אין דעם וואָרום פון יעדער געשיכטליכער פאַסירונג. די געשיכטע-שרייבער האָבען זיך ביז איצט געוועהנליך בענוגענט מיט דער-צעהלען די פאַסירונגען לויט דער אָרדנונג פון דער צייט, אָבער זיי צו בע-גרינדען, געבען זייערע אורזאַכען, די וועלטגעשיכטע מאַכען פערשטענדליך און דורך דעם זי מאַכען אינטערעסאַנט און ניצליך — דאָס האָבען זיי ביז יעצט וועניג אָדער גאָר ניט פערשטאַנען. דאָס אַזאַ אויפגאַבע איז פער-בונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען, ווייס איך, אָבער איך וועל מיט אַלע מיינע קרעפטען שטרעבען זי צו ערפילען . . .”

און מיר קענען זאָגען, דאָס דער פערפאַסער האָט דיזע אויפגאַבע גע-וויסענהאַפט ערפילט.

אין דער בעאַרבייטונג פון דיזער וועלטגעשיכטע זיינען געמאַכט געוואָרען איייניגע פערמעהרונגען פיר די נוצען פון אידישע לעזער. די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק, וועלכע איז אין דעם אָריגינאַל בעהאַנדעלט געוואָרען זעהר קורץ, ווערט דאָ געגעבען גאַנץ לאַנג ווי אַ זעלבשטענדיגע היסטאָריע פון אַ פאָלק. אין דער אידישער געשיכטע איז דער בעאַרבייטער נאָכגעגאַנגען דעם בעריהמטען רוסיש-אידישען היסטאָריקער ש. דובנאָוו.

צווישען די געשיכטעס פון אוראַלטע פעלקער איז צוגעגעבען געוואָרען אַ קאַפּיטעל איבער די פעלקער פון כנען. דיזער קאַפּיטעל איז בעאַרבייט געוואָרען פון דעם רעדאַקטאָר נאָך ש. מונק׳ס בעריהמטען ווערק „פּאַלעסטינא" (אין פראַנצויזיש). פיר ביבעל-שטודענטען, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דער געשיכטע און געאָגראַפיע פון פּאַלעסטינא, יועט דיזע הוספה זיין זעהר ניצליך.

פון די מאָדערנע פעלקער האָט דער בעאַרבייטער געפונען פיר נעטיג צו פערברייטערן די געשיכטע פון רוסלאַנד, ווייל די מעהרסטע אידישע לעזער קומען פון דיזען לאַנד. די רוסישע געשיכטע איז פערברייטערט געוואָרען נאָך ש. מאַנדעלקערן׳ס אויסגעצייכענטען ווערק „דברי ימי רוסיא". איין קאַפּיטעל וועגען רוסלאַנד — פון פּעטער דעם גרויסען ביז יעקאַטערינא דער 2טער — איז אויך צוגעגעבען געוואָרען פון דעם רעדאַקטאָר.

פּאָגט׳ס געשיכטע ענטהאַלט די וועלט-פּאַסירונגען ביז דעם יאָהר 1900. אין דיזער בעאַרבייטונג איז די געשיכטע צוגעפיהרט געוואָרען ביז דעם יעצטיגען טאָג. די וועלט-מלחמה, פון וועלכער דער פּראָפעסער פון דעם אָריגינאַל-ווערק האָט נאָך ניט גע׳חלומ׳ט, ווערט שוין פערצייכענט אין דיזער אידישער אויסגאַבע. וואָס אָנבעלאַנגט אידישע געשיכטע, זיינען צוגעגעבען געוואָרען אַלע וויכטיגע פּאַסירונגען זינט דעם יאָהר 1880, מיט וועלכען דובנאָוו׳ס אידישע היסטאָריע ענדיגט זיך: די פּאָגראָמען זינט דער ערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם 2טען; די רעאַקציאָן נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציאָן, דער ביילים-פּראָצעס, די עמיגראַציאָן נאָך אַמעריקאַ, דער ציוניזם ביז דער דעקלאַראַציאָן פון ענגלאַנד או. אז. וו. אַלס קוועלע פיר די נייעסטע אידישע געשיכטע האָט געדינט דר. מאַקס ריייזען׳ס „A History of the Jews in Modern Times, וועלכע ווערט יעצט אַרויסגעגעבען פון דער „היברו פּאָבלישינג קאָ."*

דיזעס ווערק איז רייך אילוסטרירט. אחוץ די פיעלע אילוסטראַ־ציאָנען פון דעם אָריגינאַל, קומען זעהר פיעלע אנדערע בילדער און צייכנונ־גען, איבערהויפט אין דער אידישער געשיכטע. מאנכע פון דיזע זיינען אזעל־כע, וועלכע מען טרעפט נאָר אין זעלטענע ווערק. די אילוסטראַציאָנען זיי־נען א שעצבארער אלבום.

מיט דעם לעצטען (12טען) באנד קומט א פאָלשטענדיגער רעגיסטער אָדער פערצייכניס פון אלע ענינים נאָך'ן אלף־בית, דורך וועלכען די לעזער וועלען קענען אויפשלאָגען יעדען היסטאָרישען געגענשטאנד, וועגען וועלכען זיי ווילען גלייך לעזען אָדער אָפפרישען זייער זכרון.

די בעארבייטונג פון דיזען ווערק איז דורכגעפיהרט געוואָרען זעהר געוויסענהאפט. ווי דער איבערזעצער, דער עהרווירדיגער געלעהרטער א. ה. ראָזענבערג, אזוי האָט אויך דער רעדאַקטאָר געטאָן זיין בעסטעס דאָס ווערק צו מאכען פאָלקאָמען. זעהר פיעל איז געזאָרגט געוואָרען דאָס ווערק צו מאכען לייכט פיר דעם גרויסען עולם. די איינטיילונג איז אזוי איינפאך ווי מעגליך און די שפראך איז קלאָר און דייטליך, דאָך ניט וואַסערדיג. אין אויסשטאַטונג און סטיל דארף זיך דיזע וועלטגעשיכטע ניט שעמען קעגען די גרויסע וועלטגעשיכטעס פון די אומות העולם.

אלכסנדר הארקאַווי.

ניו יאָרק, אויגוסט 1918.

אינהאַלט־פּערצייכניס

פון ערסטען באַנד.

זייט

פאָרוואָרט I

אורגעשיכטע.

די מענשליכע ראַסען 1
קאַווקאַזיער, מאָנגאָלען, מאַלאַיער, אַמעריקאַנער, עטיאָפּען ז. 3. דער אור־מענש ז. 7.
דאָס פייער 12
די שטיין־צייט 18
די דאָלמען ז. 21.
די מעטאַל־צייט 21
די קולטור־ראַסען 22
די וואַנדערונגען פון די קולטור־ראַסען ז. 24.

די אַלטע צייט.

די פעלקער פון די מזרח־לענדער.

די כינעזער 37
די מיטהאָלאָגישע צייט ז. 41. די פּאַטריאַרכען און די ערסטע רעגירער ז. 43. קולטור און אַרבייט ז. 45. די כינעזישע וואַנט ז. 47. די ערסטע דינאַסטיעס ז. 51. די צייט פון דער אונגעווו-

זייט

סער געשיכטע ז. 52. די דינאַסטיע היאַ ז. 53. די שאַנג־דינאַסטיע ז. 54. דאַס סיסטעם פון ערד־פערטיילונג ז. 55. די דינאַסטיע טשעאו ז. 56. די טסין־דינאַסטיע ז. 57. די האַן־דינאַסטיע ז. 59. די כינעזישע מאַכט אין אויסלאַנד ז. 61. די טצין־דינאַסטיע ז. 63. די סאַנג־דינאַסטיע, טסי־דינאַסטיע, לעאַנג־דינאַסטיע, טשין־דינאַסטיע און סואי־דינאַסטיע ז. 63. כינעזישע קולטור ז. 65. כינעזישע קונסט ז. 67. כינעזישע ערפינדונגען ז. 69. כינעזישע רעליגיאָן ז. 71. קאָנג־פו־טסע (קאָנפוציוס) ז. 73. — די אידען אין כינאַ ז. 75.

די אינדיער 78

אינדישע פעלקער ז. 79. צוטיילונג אין קאַסטעס ז. 80. די בראַה־מאַנען ז. 83. דאַס געזעצבוך פון מאַנו ז. 85. בודהאַ ז. 87. די פריסטער־מאַכט ז. 89. די בעדריקונג פון פאָלק ז. 91. דאַס גע־מיינדע־לעבען ז. 93. דאַס אינדישע קולטור־לעבען ז. 95. אַרכי־טעקטור און סקולפּטור ז. 97. די וויסענשאַפטען ז. 99. די אידען אין אינדיען ז. 100.

די באַבילאָניער און אַסיריער 104

אַסיריען ז. 106. נינוה ז. 111. עקאָנאָמישער און סאָציאַלער צו־שטאַנד ז. 117. די באַבילאָניש־אַסירישע קולטור ז. 123.

די עגיפּטער 127

די איבערשוועמונג פון נילוס ז. 127. קוועלען פון עגיפּטישער גע־שיכטע ז. 134. איינוואַנדערונג פון די עגיפּטער ז. 138. גרינדונג פון דער מאָנאַרכיע ז. 139. די פּיראַמידעס ז. 141. דער בעפאַל פון די היקסאָס ז. 145. די עגיפּטישע עקאָנאָמיע ז. 165. די בוי־קונסט ז. 168. די וויסענשאַפט ז. 179. טויטען־פערעהרונג און רעליגיאָן ז. 188. די קאַסטעס ז. 193. דאַס פאַמיליען־לעבען ז. 196. דאַס גע־זעליגע לעבען ז. 197.

די פעניציער 203

די פּאָליטישע געשיכטע ז. 207. די סאָציאַלע פערהעלטניסען ז. 215. קונסט און וויסענשאַפט ז. 216. רעליגיאָן ז. 219.

[stamp]

זייט

די העברעער (אידען, בני ישראל) 223

די אורצייט פון אידישען פאָלק ז. 223. די פעריאָדע פון די ריכטער ז. 232. דאָס פעראייניגטע פאָלק אונטער די ערסטע דריי קעניגען ז. 237. די מעכטיגע רעגירונג פון דוד'ן ז. 243. די רעגירונג פון שלמה'ן ז. 248. די צוטיילונג פון דער אידישער מלוכה אין צוויי קע־ניגרייכען ז. 252. די דינאַסטיע עמרי און די פעראייניגונג פון די צוויי מלוכות ז. 256. די דינאַסטיע יהוא און דער פּאָליטישער צו־שטאַנד אין יהודה און ישראל ז. 262. דער אונטערגאַנג פון דעם קעניג־רייך ישראל ז. 269. דאָס קעניגרייך יהודה אונטער דער הערשאַפט פון אַשור און בבל ז. 275. דער קאַמף מיט בבל און דער פאַל פון יהודה ז. 285. די אידען אין גלות בבל און די פערסישע הערשאַפט ז.. 295. דער זיג פון כורש'ן און די אידישע האָפנונגען ז. 300. די מאַטעריעלע און גייסטיגע קולטור פון אידישען פאָלק ז. 322. אַקערבוי און האַנ־דעל, הייזליכעס לעבען ז. 322. פאַמיליען־לעבען, געזעלשאַפט. רעגי־רונג ז. 325. רעליגיאָן און געטליכער דינסט ז. 330. די נביאים ז. 340. שפּראַך און ליטעראַטור ז. 345. קונסט און וויסענשאַפט ז. 346. בוי־קונסט ז. 354. אינדוסטריע ז. 356.

אורפעלקער פון פּאַלעסטינאַ 361

פיזישע געאָגראַפיע פון פּאַלעסטינאַ ז. 361. פּאָליטישע געאָגראַפיע ז. 367. די פּראָווינץ גליל ז. 368. טיבעריאַס (טבריה) ז. 370. די פּראָווינץ שומרון ז. 373. שכם ז. 375. די פּראָווינץ יהודה ז. 377. די שטאָדט יריחו ז. 379. מיטעל־יהודה ז. 380. ירושלים ז. 381. בית לחם ז. 384. חברון ז. 385. מערב־יהודה ז. 386. יפו ז. 387. יבנה ז. 388. די פּראָווינץ פּערעאַ (עבר הירדן) ז. 391. די פערשיידענע פעלקער פון פּאַלעסטינאַ ז. 398. די אור־פעלקער אָדער די ריזען ז. 398. די כנענים ז. 399. די חתים ז. 400. די יבוסים ז. 401. די אמורים ז. 401. די גרגשים ז. 401. די חוים ז. 401. די פּרזים ז. 402. די פּלשתים ז. 405. די ציוויליזאַציאָן פון די פאַרצייטיגע איינוואוינער פון פּאַלעסטינאַ ז. 409. רעליגיאָן פון די כנענים ז. 411. דער קולט פון מולך ז. 412. די במות (הויכע ערטער) ז. 414. די תרפים ז. 415. איוי־ניגע אַרומיגע פעלקער פון פּאַלעסטינאַ ז. 417. די עמונים ז. 417.

זייט

די מואבים ז. 419. דער מאָנומענט־שטיין פון מישע מלך מואב
ז. 421 (אַנמערקונג). די אדומים (בני אדום) ז. 421. די עמלקים
ז. 423. די מדינים ז. 424.

די מעדיער און די פערסיער 423

די שטאַמען פון איראַנישען הויכלאַנד ז. 426. זייער רעליגיאָן
ז. 426. זענד־אַוועסטאַ ז. 426. אַהרימאַן און אַהוראַמאַזדאַ (אָרמוזד)
ז. 426, 427. די שטאָדט עקבאַטאַנאַ ז. 428. די מעדאָ־פערסישע
אימפעריע ז. 428. פראַאָרטעס ז. 428. קיאַקסאַרעס ז. 428.
אסטיאַגעס ז. 428. כורש'ס יוגענד ז. 429. די פערסישע מלוכה,
כורש, קרעזוס און סאָלאָן ז. 435. קאַמביזעס ז. 440. פסיידאָ־סמער-
דיז (פאַלשער סמערדיז) ז. 443. דאַריוס דער 1טער (היסטאַספּעס)
ז. 444. זיינע נצחונות ז. 447. די סקיטהען ז. 447. דאַריוס'עס
קאַמף מיט גריכענלאַנד ז. 449. קסערקסעס דער 1טער ז. 450. אַרטאַ-
קסערקסעס דער 1טער ז. 450. קסערקסעס דער 2טער ז. 450. דאַריוס
דער 3טער (נאָטהוס) ז. 450. אַרטאַקסערקסעס דער 2טער ז. 451.
דער ריקצוג פון די 10,000 אונטער קסענאָפאָן ז. 451. אַרטאַקסער-
סעס דער 3טער (אָכוס) ז. 451. דאַר·וס קאָדאָמאַנוס ז. 451. די
פערסישע קולטור ז. 451. דעספּאָטיזם ז. 452. שטייערן ז. 453.
רעגירונגס־פאָרמע ז. 455. די מאַגיער ז. 456.

געשיכטע פון אור-אַלטע צייטען.

די היסטאָריקער שעפּען זייער מאַטעריאַל פון פערשיידענע קוועלען:

1) פון כראָנאָלאָגישע טאַבעלען, ד. ה. פון טאַבעלען, אין וועלכע מענשען האָבען פערצייכענט אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטראָפען און פּאַסירט אין זייער צייט — א מלחמה, א מגפה, אן ערד־ציטערניס, א לקוי־חמה, א לקוי־לבנה א. ד. גל.; 2) פון לעגענדעס און טראַדיציאָנען, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען מינדליך פון איין דור צום אַנדערן, פון אור־אַלטע צייטען אָן; 3) פון אַלטע געזעצען, וועלכע כאַראַקטעריזירען דעם מאַטעריעלען און גייסטיגען צושטאַנד פון דער צייט, ווען זיי זיינען געגעבען געוואָרען; 4) פון פערשיידענע מאָנומענטען און אַלטע געביידעס, פּאַלאַצען, טעמפּלען א. ד. גל. זעלבסטפערשטענדליך, דאָס די היסטאָריקער קענען אָנפאַנגען זייערע ערצעהלונגען נאָר פון אזעלכע צייטען, ווען די מענשהייט האָט דערגרייכט א געוויסע שטופע פון קולטור, ווען די מענשען זיינען שוין אין שטאַנד געווען צו מאַכען געזעצען, בויען פערשיידענע וויכטיגע געביידעס, אויפשטעלען מאָנומענטען און פערשרייבען די וויכטיגע פּאַסירונגען און ערשיינונגען פון זייער צייט.

אָבער ניט ווילענדיג שטעלט אויף די מענשליכע נייגיריגקייט די פראַגע: וואָס פיר א סאָרט לעבען האָט די מענשהייט געפיהרט איידער זי איז געקומען צו דער שטופע פון קולטור, ווען די מענשהייט איז אין שטאַנד געווען צו מאַכען געזעצען, אויפשטעלען מאָנומענטען א. ד. גל. און וועלכע מיטלען האָבען געפיהרט די מענשהייט צו דיזער שטופע פון ענטוויקלונג?

מיט דיזער פראַגע האָבען זיך בעשעפטיגט אַלע פעלקער אין אַלע צייטען, און יעדעס פאָלק האָט זי געזוכט צו פערענטפערן לויט זיין פערשטאַנד און ענטוויקלונג. ביי יעדען פאָלק געפינען מיר לעגענדעס און זאַגעס וועגען דער בעשאַפונג פון דער וועלט און וועגען דעם ערסטען מענשען. דיזע זאַגעס זיינען געוועהנליך איינגעוויקעלט אין א מאַנטעל פון אמונה,

ווייל די אור־אַלטע געשיכטע פון דער מענשהייט איז פיר אונז פערדעקט און פערדונקעלט.

די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען פון דער לעצטער צייט האָבען פיעל ליכט אריינגעבראַכט אין דיזע דונקעלע פראַגע. די נייע פאָרשונגען וועגען ערד־קוגעל (געאָלאָגיע), וועגען די אור־אַלטע חיות און פּלאַנצען און וועגען די זיטען (מנהגים) פון פרעמדע פעלקער האָבען ענטדעקט פאַר אונזערע אויגען א נייע וועלט, אין וועלכער עס שפּיגעלט זיך אָפּ די אור־געשיכטע פון דער מענשהייט אזוי קלאָר, אזוי ריכטיג, דאָס עס בלייבט ניט דער מינדעסטער צווייפעל. די אור־אַלטע וועלט ווערט פאַר אונז בולט, אזוי קלאָר כמעט ווי די וועלט אין אונזער אייגענער צייט, מיט דעם אונטערשייד נאָר, דאָס די סמנים פון דער אור־געשיכטע געפינען זיך ניט א ו י ף דער ערד, נאָר א ו נ ט ע ר דער ערד. דער היינטיגער היסטאָריקער געפינט זיך אַלזאָ אין א גליקליכער לאַגע צו קענען בעגרינדען די אור־געשיכטע פון דער מענשהייט דורך וויסענשאַפטליכע בעווייזען, ניט דורך אַלטע זאַגעס און לעגענדעס.

בעטראַכטענדיג די ערסטע אילוסטראַציאָן, וועלכע ווייזט די טיפּען פון די הויפּט־ראַסען פון דער מענשהייט. ערוועקט זיך באַלד די פראַגע: ווי קומט עס, וואָס די מענשהייט איז צוטיילט אין פערשיידענע ראַסען? וואָס איז די הויפּט־אורזאַך פון אזא פערשיידענהייט? — לעזענדיג דיזע געשיכטע וועט זיך דער לעזער איבערצייגען, ווי ווייט וויכטיג עס איז די ערקלערונג פון דיזע פראַגעס אום ריכטיג צו פערשטעהן די וועלט־געשיכטע.

דער ערסטער, וועמען עס איז איינגעפאַלען צו טיילען די מענשהייט אין ראַסען, איז געוועזן דער פראַנצויזישער געלעהרטער פ. בערניער, וועלכער האָט בערייזט די וועלט און האָט צוריקקומענדיג פון זיין רייזע אין 1684 בעהויפּטעט, דאָס די מענשהייט בעשטעהט פון פיער פערשיידענע ראַסען: די ו ו י י ס ע — אין אייראָפּאַ, די ג ע ל ע — אין אזיען, די ש ו ו א ר צ ע — אין אפריקא. און אַלס פערטע ראַסע האָט ער בעטראַכט די ל א פּ ע ן אין ווייטען צפון.

די געלעהרטע פון יענער צייט האָבען ניט אָנגענומען דיזע קלאַסיפיציר־רונג. אויך די איינטיילונג פון דער מענשהייט, וואָס די גרויסע נאַטור־פאָרשער ליננע און בופפאָן האָבען שפּעטער געמאַכט, זיינען ניט אָנערקענט געוואָרען אין זייער צייט. מעהר מזל האָט געהאַט די קלאַסיפיצירונג, וואָס דער פּראָפעסאָר בלומענבאַך פון גאָטינגער אוניווערזיטעט אין דייטש־לאַנד האָט געמאַכט אין יאָהר 1775. בלומענבאַך האָט איינגעטיילט די

מענשהייט אין פאָלגענדע פינף ראַסען: די קאווקאזישע, די מאָנ-גאָלישע, די עטהיאָפּישע, די אמעריקאנישע און די מאלאיאישע. ער האָט בענוצט דאָס וואָרט „קאווקאזישע״ אַנ-שטאָט דעם וואָרט „אייראָפּעאישע״, וואָס די פריהעריגע געלעהרטע האָבען געברויכט, ווייל די קאווקאזישע בערג געפינען זיך נאָהענט צום באַרג אררט, אויף וועלכען נח׳ס תבה איז געבליבען נאָך׳ן מבול. א גרויסען איינ-פלוס אויף די געלעהרטע פון יענער צייט האָבען געהאַט די ביבלישע ערצעה-לונגען וועגען דעם געגענשטאַנד. אפילו דער בעריהמטער פראנצויזישער גע-לעהרטער קיוביע האָט זיך געשטיצט אין זיינע פאָרשונגען אויף דער ערצעה-לונג וועגען מבול אין דער תורה. נאָך זיין מיינונג האָבען זיך אַלע ראַסען ענטוויקעלט פון די דריי פּאָאַר פאָלק, וואָס זיינען אַרויס פון דער תבה נאָך׳ן מבול: פון שם, חם און יפת מיט זייערע ווייבער. דאַרום האָט קיוביע (1817) איינגעטיילט די מענשהייט נאָר אין דריי ראַסען: די ווייסע אָדער קאווקאזישע, די מאָנגאָלישע און די נעגער־ראַסע (שווארצע). וועלכע ער האָט ווידער צוטיילט אין פערשיידענע צווייגען. די געלעהרטע אָבער זיינען מיט זיין איינטיילונג אויך ניט צופרידען געווען, ווייל ער האָט ניט גענומען אין בעטראַכט די מאַלאַיען, פּאַפּואַסען, לאַפּען, עסקימאָסען און אַמעריקאַנער (אור־אַלטע איינוואוינער פון אַמע-ריקאַ). דעריבער האָט קיוביע׳ס איינטיילונג פון דער מענשהייט אין דריי ראַסען ניט געקענט מבטל זיין בלומענבאַך׳ס איינטיילונג, הגם קיוביע איז געווען א גרויסע אויטאָריטעט אין זיין צייט.

בלומענבאַך טיילט איין די מענשהייט אין פינף ראַסען לויט די פאָל-גענדע סמנים:

1) די קאווקאזישע ראַסע — ווייסער הויט־קאָליר, רויטע באַקען, ברוינע אָדער ברוינליכע האָאַר, געדיכטע באָרד, רונדער קאָפּ־שאַרבען, לענגליכעם געזיכט. צו דיזער ראַסע געהערען די אייראָפּע-ער (מיט אויסנאַהמע פון די לאַפּען און פינען), די איינוואוינער אויף די אינזלען און ברעגען פון דעם מיטעללענדישען ים און פון מערב־אַזיען (ביז דעם טייך גאַנגעס, קאַספּישען ים און דעם טייך אָב).

2) די מאָנגאָלישע ראַסע — געלער הויט־קאָליר, שווארצע האָאַר, שיטערע באָרד, כמעט א פיער־קאַנטיגער קאָפּ, ברייטער פּנים, גרוי-סע באַקען־ביינער און שמאָלע אויגען־שפּאַלטען. צו דיזער ראַסע געהערען די אַזיאַטישע פעלקער (מיט אויסנאַהמע פון די קאווקאַזער און מאַלאַיער), די פינען, לאַפּען און עסקימאָסען.

3) די מאַלאַיאישע ראַסע — ברוינער הויט קאָליר, שוואַרצע ווייכע, געדיכטע און געקרייזעלטע האָאר, שמאָלער קאָפּ, סטאַרטשענדע אויבערסטע קינבאַקען. די פעלקער, וועלכע געהערען צו דיזער ראַסע, זיינען די בעוואוינער פון די אינזלען אין שטילען אָקעאַן (פּאַסיפיק), נעמליך, די געבאָרענע אויף די אינזלען מאַריאַנען, פיליפּינען, מאָלוקען און סונדאַ־אינזלען, אויך די בעוואוינער פון דער האַלב־אינזעל מאַלאַקאַ.

4) די אַמעריקאַנישע ראַסע — קופּער־פאַרביגע הויט, שוואַרצע שטייפע האָאר, אַ ברייטער, אָבער ניט פלאַכער, פּנים מיט אַ מוטיג־שטאַרקער נאָז. צו דיזער ראַסע געהערען די אור־אַלטע איינגעבאָרענע שבטים אין אַמעריקאַ, מיט דער אויסנאַהמע פון די עסקימאָסען.

5) די עטהיאָפּישע ראַסע — שוואַרצער הויט־קאָליר, שוואַרצע געקרייזעלטע האָאר, צוזאַמענגעדריקטער שאַרבען. די פעלקער, וועלכע געהערען צו דיזער ראַסע, צייכנען זיך אויס בעזונדערס מיט קרום־שטעהענדע אויבערסטע צייהנער, דיקע ליפּען און צוריקגעבויגענעם קין (מאָרדע). צו דיזער ראַסע געהערען די אַפריקאַנישע פעלקער מיט אויסנאַהמע פון די, וואָס וואוינען אין צפון אַפריקאַ.

בלומענבאַך'ס קלאַסיפיצירונג צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס אין איהר שפּילט די הויפּט־ראָלע די פאָרם פון דעם שאַרבען, וועהרענד די אַנדערע געלעהרטע האָבען מעהר געוויכט געלעגט אויף דעם הויט־קאָליר, הגם די הויפּט־פאַרב שפּילט ביי בלומענבאַך'ן אויך ניט קיין קליינע ראָלע. בלומענבאַך'ס איינטיילונג איז אַ לאַנגע צייט געווען די אָנגענומענע. פערשיידענע געלעהרטע האָבען זיך בעמיהט אויסגעפינען נייע קלאַסיפיצירונגען מיט נייע סמנים צו בעשטימען די ראַסען. די מיינונגען וועגען דיזע סמנים זיינען געווען זעהר פערשיידען. איינינע געלעהרטע האָבען אָנגענומען אַלס אונטערשיידונגס־סמנים די פאָרמע פון קאָפּ־שאַרבען; אַנדערע—דעם הויט־קאָליר; פיעלע פאָרשער, וויעדער, האָבען אָנגענומען די אייגענשאַפטען פון די האָאר אַלס צייכענס פיר ראַסען־איינטיילונג. אָבער דיזע אַלע סמנים זיינען צו קליין, ניט גענוג, און האָבען ניט געקענט בעקומען די הסכמה פון אַלע נאַטור־פאָרשער. און די פראַגע פון ראַסען־איינטיילונג איז נאָך ביז יעצטיגער צייט ניט אין גאַנצען פערענטפערט. מיר וועלען נאָר אין קורצען אָנצייגען אויף די פערשיידענהייט אין די מיינונגען פון פערשיידענע געלעהרטע וועגען דעם ענין. ווירער נעהמט אָן 2 ראַסען, זאַשיקנאַ—3, קאַנט—4, בלומענבאַך—5, בופפאָן—6, האָנטער — 7, אַגאַססיז — 8, פּיקערינג — 11, באָרי סט. ווינ-

מענשען־ראַסען.

1. אויסטראַליער. 2. מעלאַנעזיער. 3. כינעזער. 4. אינדיאַנער פון נאָרד־אַמע־ריקאַ. 5. אינדיער. 6. בושמאַן (אַפריקאַ). 7. נעגער. 8. אייראָפּעער.

בענט — 15, דעמילען — 16, מאַרטאַן — 22, קראָפּאָרד — 60, בייער — 63.

פון וואַנען נעמען זיך די פערשיידענהייטען פון די ראַסען און וואָס איז די טיפּע אורזאַך פון דיזע פערשיידענהייטען? צו פערענטפערן דיזע פראַגען זיינען דאָ צוויי טעאָריען. די ערשטע און עלטעסטע טעאָריע איז מיילס געגרינדעט אויף תורת משה און איז אַנערקענט געוואָרען פון דעם גרעסטען פּראָצענט געלערנטע ביז היינט. לויט דיזער טעאָריע איז די ערד אויסגעשטאַנען פיעלע ענדערונגען און איבערקערעניסען זינט פּלאַנצען און חיות האָבען זיך צום ערשטען מאָל אויף איהר באַוויזען; עס זיינען פון פערשיידענע נאַטור־קרעפטען, ווי פייער ערד וואַסער, אַלע עקזיסטירענדע פּלאַנצען און חיות צערשטערט געוואָרען און אינטערגעגאַנגען און אויף זייער אָרט האָט די שאַפונגס־קראַפט איבערגעבראַכט נייע פאָרמען פון געוויקסען און לעבעדיגע בעשעפעניסען, וועלכע זיינען געווען פיעל בעסער, שענער און פאָלקאָמענער פון די אינטערגעגאַנגענע. מיט דיזער טעאָריע ערקלערען זיי עס, וואָרום מיר געפינען טיף אין דער ערד, אין פערשיידענע שיכטען, מינים פון פּלאַנצען און חיות, וואָס געפינען זיך שוין יעצט ניט מעהר אויף אונזער ערד, אָדער אַזעלכע מינים, וואָס זיינען אַנדערש אין פאָרמע פון די היינטיגע. און אין צייט פון דיזע וועלט־ענדערונגען איז אויך דער מענש ענטשטאַנען. לויט דיזער טעאָריע זיינען אַלע פערשיידענע מענשען־ראַסען פיקס־און־פערטיג בעשאַפען געוואָרען אין איין צייט. די צווייטע טעאָריע איז בעוואוסט אַלס ט ע אָ ר י ע פ ו ן ע װ אָ ל י צ י אָ ן אָדער ע נ ט װ י ק ל ו נ ג ס־ט ע אָ ר י ע, געשאַפען און פעסטגעשטעלט פון דעם ענגלישען נאַטור־פאָרשער ט ש אַ ר ל ז ד אַ ר װ י ן. לויט דיזער טעאָריע האָבען אַלע פערשיידענע מינים פון פּלאַנצען און לעבענס־בעשעפעניסען זיך ענטוויקעלט לאַנגזאַם און כסדר פון איינינע אור־פאָרמען אָדער װאָגאר פון איין איינציגער אור־פאָרמע. דיזע לעהרע איז יעצט אַנערקענט כמעט פון אַלע גרויסע נאַטור־פאָרשער און האָט געמאַכט אַ גרויסע איבערקעהרעניס אין נאַטור־פאָרשונג.

יעדע לעבעדיגע בעשעפעניס דאַרף קענען זיך צופּאַסען צו די אומשטענדען, וואָס אַרום איהר, אום צו קענען עקזיסטירען. ווייל, אָבער, די אומשטענדען זיינען ניט איבעראַל גלייך, דעריבער מוזען אויך די לעבעדיגע בעשעפעניסען זיין פעהיג צו ענטוויקלען זייערע אָרגאַניזמען לויט די פאָדערונגען און אומשטענדען פון די ערטער, וואו זיי געפינען זיך. די לעבענס־בעדינגונגען אין וואַסער זיינען גאַנץ אַנדערע ווי אויף דער יבשה.

אויף אויף דער יבשה זיינען די בעדינגונגען פערשיידען, ווי צ. ב. פערשיי־דענע קלימאטען, פערשיידענע נאהרונגס־מיטלען א. ד. גל. לעבעדיגע בע־שעפעניסען מוזען נאך אחוץ דעם אויך ענטוויקלען אין זיך די פעהיגקייט צו בעזיצען זיך געגען פיינד, וועלכע קאנקורירען און שטרייטען מיט זיי צו פערכאפען די מיטלען צום לעבען. דיזער שטרייט צווישען די בעשע־פעניכען איז בעוואוסט אונטער'ן נאמען „קאמף פיר עקסיסטענץ" (מלחמת הקיום).

ווען א לעבעדיגע בעשעפענים האט זיך צוגעפאסט צו די אויסערע אומ־שטענדען בלייבט זי לעבען, ווען ניט — מוז זי אונטערגעהן. עס טרעפט אויך, דאס בעשעפעניסען זיינען געצוואונגען צו פערלאזען זייערע ערטער און זוכען א היים ערגעץ אנדערש צוליב פערשיידענע אורזאכען, ווי גרויסע פערפלייצונגען, ערד־ציטערניסען, מאנגעל אין נאהרונג א. ד. גל. צווישען די אורזאכען, וואס בעוועגען די בעשעפעניסען — מענשען אדער חיות — צו וואנדערן אין נייע ערטער, איז זייער צו־שטארקע פערמעהרונג א גאנץ וויכטיגע סבה, ווייל דאן זיינען זיי פשוט צוליב ענגשאפט געצוואונגען צו פערלאזען די אלטע היים. די איבערוואנדערונג אין א נייעם ארט מיט אן אנדערן קלימאט און פערשיידענע בעדינגונגען בכלל, רופט מיט דער צייט ארויס געוויסע ענדערונגען אין די ארגאניזמען פון די בעשעפעניסען, און דאס איז די אורזאך, ווארום איינער און דער זעלביגער מין ענטוויקעלט זיך אין פערשיידענע סארטען, ווי צום ביישפיל פערשיידענע הינט, פערשיי־דענע קיה, פערשיידענע געפליגעל א. ד. גל. אין דעם קאמף פיר עקסיס־טענץ מוזען די שוואכע אונטערגעהן, נאר די שטארקע בלייבען, און די לעצטע גיבען איבער בירושה זייער פעהיגקייט צו זייערע קינדער און קינדס־קינדער. אזוי האט זיך ענטוויקעלט די וועלט פון לעבעדיגע בעשע־פעניסען פון נידריגען צום העכערן ביז עס איז געקומען צום מענשען, וועל־כער שטעהט אויף דער העכסטער שטופע פון בעלי חיים.

דער מענש האט זיך אויך לאנגזאם, שטופענווייז ענטוויקעלט ביז ער האט דערגרייכט זיין שטופע פון קולטור. דער אור־אלטער מענש איז געוועזען ניט פיעל העכער פון א חיה. דיזע בעהויפטונג איז ניט קיין השערה, נאר איז בעגרינדעט דורך פעסטע בעווייזען. די געאלאגען, אדער פאר־שער פון דער ערד, האבען געפונען טיף אין דער ערד מענשליכע גלידער און אויך גאנצע סקעלעטען, וועלכע בעווייזען קלאר, דאס דער קערפער־געביי פון דעם אור מעגישען איז געוועזען גאנץ אנדערש פון דעם געביי פון היינטיגע מענישען. טיילען פון אור־אלטע מענשליכע קערפערס האט

מען צום ערסטען מאל ענטדעקט אין יאהר 1701. דאן האט מען געפונען
ניט ווייט פון קאנשטאט אין ווירטעמבערג א שטיק פון א מענשליכען
שארבען, וועלכער איז געווען פיעל אנדערש פון א שארבען פון א היינטי-
גען מענשען. א צווייטע ענטדעקונג איז געמאכט געווארען אין יאהר 1857
ביי אן איבערגאנג אין נעאנדערטהאל צווישען דיסעלדארף און עלבער-
פעלד. שפעטער האט מען ווייטער געפונען פערשיעדענע ברוכשטיקער פון
מענשליכע קערפער, וועלכע האבען בעוויזען די ריכטיגקייט פון דער מע-
אריע, דאס דער קערפער פון דעם אור-מענשען איז געווען אנדערש פאר-
מירט ווי דער קערפער פון דעם היינטיגען מענשען. אבער, ווייל די דער-
מאהנטע ענטדעקונגען זיינען נאר געווען איינצעלנע ברוכשטיקער, האבען
איניגע געלעהרטע געצווייפעלט אין דער וואהרהייט פון דיזער מעאריע. די
וויכטיגסטע ענטדעקונג פון דיזען סארט זיינען דעריבער די צוויי פאלשטענ-
דיגע סקעלעטען פון אור-מענשען, וואס מען האט געפונען אין בעלגיען אין
יאהר 1868 ניט ווייט פון ספי. דיזע ענטדעקונג האט צוגענומען יעדען צווי-
פעל אין דיזער זאך און האט קלאר בעוויזען, דאס דער אור-מענש איז
געווען קערפערליך און גייסטיג ניט פיעל העכער פון א חיה. פראפע-
סאר פרעפאנט פון לוטטיך (בעלגיען) שרייבט, אז די געפונענע סקעלע-
טען ביי ספי זיינען קליין, קרעפטיג געבויט און אין געשטאלט זעהר
ענהליך צו היינטיגע לאפען; דער שארבען איז לאנג, גלאט-געדריקט
און שמאל; די אייגען-לעכער זעהר גרויס, די ברעמען-געוועלבען ווי ביי
מאלפעס (אפען), דער מארדע-ביין סמארטשעט ארויס פון פארנט אזוי,
אז דאס געזיכט האט געמוזט האבען דאס אויסזעהן פון א שנויץ. דער גע-
ביי פון דיזע סקעלעטען צייגט דייטליך, דאס דיזע אור-מענשען זיי-
נען ניט געגאנגען, ווי מיר, מיט א גראד-שטעהענדען קערפער, אויפרעכט
(בקומה זקופה), נאר איינגעבויגען, ווי חיות.

דער גייסטיגער צושטאנד פון דעם אור-מענשען האט הארמאנירט, אי-
בעראיינגעשטימט מיט זיין קערפער-געביי. דאס בעווייזען אונז די שטיי-
נערנע ווערקצייג, וואס מען האט געפונען אין דער ערד — ווערקצייג,
וואס שטאמען פון דער פעריאדע, ווען דער אור-מענש האט עקסיסטירט
און געשאפט.

מיר ווייסען, דאס דער מענש אונטערשיידעט זיך פון חיות איבערהויפט
מיט זיין פעהיגקייט צו ערפינדען און בענוצען ווערקצייג. פראנקלין בעציי-
כענט דעריבער דעם מענשען מיט דעם נאמען: "Toolmaking animal" —
ד. ה. „ווערקצייג-מאכענדע חיה". דיזע מעגליכקייט האט איהם די נאטור גע-

געבען אום ער זאָל קענען פיהרען זיין קאמף געגען נאַטור און חיה. דער מענש האָט ניט קיין פעל, ווי די חיות, וואָס זאָל איהם בעשיצען פון שלעכטע וועטערן; ער האָט ניט קיין שטאַרקע צייהנער, הערנער, געזונדע מוסקלען, וועלכע זאָלען איהם העלפען אין דעם קאמף מיט ווילדע חיות. דער מענש וואָלט זיכער שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, ווען די נאַטור וואָלט איהם ניט בעשענקט מיט דער פעהיגקייט צו ערפינדען פערשיידענע ווערק־צייג און אינסטרומענטען, ער זאָל זיך קענען קינסטליך בעשיצען. דיזע פעהיגקייט צו שאַפען ווערקצייג האָט איהם געמאַכט פיר דעם הערשער פון דער ערד. די ערפינדונגס־פעהיגקייט איז די וויכטיגסטע אייגענשאַפט פון דעם מענשען. דורך דיזע אייגענשאַפט איז דער מענש אין שטאַנד צו שאַ־פען קינסטליכע פּראָדוקטען און דערמיט אַ גאַנץ נייע זעלבשטענדיגע וועלט, אַ קולטור־וועלט, אין דער נאַטור־וועלט צו בעשאַפען. הגם מיר געפינען אויך אין דער נאַטור־וועלט קינסטליכע שאַפונגען, ווי צום ביישפּיל די צעלען (וואַקס־קעמערלאַך) פון די בינען, די געביידעס פון די מוראַשקעס און טערעמיטען, די בנינים פון די ביבערס א. ד. גל. אָבער דיזע אַלע שאַפונגען זיינען נאָר אַ רעזולטאַט פון אינסטינקט, פון נאַטור־טריב. דיזע בעשעפעניסען מוזען אַזוי פּראָדוצירען, זיי קענען ניט טאָן אַנ־דערס, בכן זיינען דיזע שאַפונגען פּראָדוקטען פון נאַטור. דער מענש אָבער שאַפט פריי לויט זיין אייגענעם ווילען, אָהן קיין שום צוואַנג פון דרויסען און ער איז אין שטאַנד מיט זיינע שאַפונגס־פעהיגקייטען צו דער־גרייכען די העכסטע מדרגה.

דיזע זעלבשטענדיגע שאַפונגס־פעהיגקייט ליגט נאָר אין דעם מהות, אין דעם וועזען, פון דעם מענשען; אַזאַ פעהיגקייט האָט קיין שום אַנ־דערע בעשעפענים ניט. חיות לעבען צוזאַמען מיט דעם מענשען אין די זעלביגע קלימאַטען און אין די זעלביגע אומשטענדען, און דאָך איז אין זיי ניט צו בעמערקען קיין שפור פון אַזאַ פעהיגקייט. דאָס צייגט אונז, אַז דאַרווין איז נאָך ניט אין גאַנצען גערעכט מיט זיין טעאָריע, אַז די הויפּט־אורזאַך פון ענטוויקלונג ליגט אין די אויסערע אומשטענדען פון דער נאַטור. דאָס בעווייזט, אַז עס זיינען נאָך אויך פאַראַנען וויכטיגע א י נ ע ר ־ ל י כ ע ענטוויקלונגס־אורזאַכען, וועגען וועלכע מיר ווייסען יעצט נאָך גאָר ניט. אַזעלכע אינערליכע ענטוויקלונגס־אורזאַכען האָבען געוויס געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע ביי דער ענטשטעהונג פון דער מענשהייט. ביי דעם סאַ־מע ערסטען אָנפאַנג פון דעם מענשען איז איהם אָהן צווייפעל געגעבען גע־וואָרען דער ערסטער פונק פון אינטעליגענץ (פערשטאַנד) און די פעהיגקיי־

טען פיר שפּראַך און ערפינדונג. פון דעם אויגענבליק אָן, ווען ער איז בע-
פרייט געוואָרען פון דעם חיה'שען אינסטינקט און איז בעשענקט געוואָרען
מיט שאַפונגס־פעהיגקייט, איז ער מ ע נ ש געוואָרען און איז געוואָרען הע-
כער פון אַלע חיות. די חיות זיינען געבליבען פערשקלאַפט צו דער נאַטור,
דער מענש אָבער איז געוואָרען פריי, ער האָט זיך דערהויבען א י ב ע ר
דער נאַטור. די ערסטע פונקען פון זעלבשטענדיגען שאַפונגס־גייסט האָ-
בען זיך ביים מענשען מיט דער צייט ענטוויקעלט אין גרויסע פלאַמען, וועל-
כע בעלייכטען יעצט די גאַנצע וועלט.

דאָס, וואָס האָט דעם מענשען געפיהרט צו זיין הויכער קולטור־שטופע,
זיינען געווען ווערקצייג און די אַרבייט, וואָס איז געטאָן געוואָרען מיט זיי.
נאָר דורך ווערקצייג, נאָר דורך אַרבייט האָט זיך דער מענשליכער גייסט
דערהויבען צו דער הויכער שטופע פון קולטור. לאַנגזאַם, טריט ביי טריט,
פון שטופע צו שטופע, מאַכענדיג איין ערפינדונג נאָך דער אַנדערער, איז
דער מענשליכער גייסט געגאַנגען פאָרווערטס, און אויף אַזאַ אופן איז ער
פון די איינפאַכסטע שטיינערנע ווערקצייג געקומען ביז צו אונזערע היינטי-
גע דאַמף־מאַשינען, ביז צו די קונציגסטע וויסענשאַפטליכע אינסטרומענ-
טען.

אָבער יעדער אָנהייב איז שווער. די ערסטע, אַפילו די איינפאַכסטע
ערפינדונגען זיינען געמאַכט געוואָרען זעהר לאַנגזאַם און מיט גרויסע שווע-
ריגקייטען. ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, האָט עס געדויערט מעהר פון
הונדערט טויזענד יאָהר ביז דער מענש איז געקומען צו דער שטופע פון קול-
טור, ווען ער האָט אויפגעהערט צו געברויכען די איינפאַכע שטיינערנע
ווערקצייג און האָט אויסגעפונען ווי צו שמעלצען מעטאַלען און זיי געברויכען
צו זיינע צוועקען. אין דיזער לאַנגער פעריאָדע איז איהם נאָר צוגעקומען
די ידיעה ווי צו בענוצען פייער פיר זיין ארבייט. די העכסטע שאַפונגס־
קראַפט פון דאַמאָלדיגען מענשען האָט קוים דערגרייכט די שטופע, אויף
וועלכער עס שטעהען יעצט די האַלב־ווילדע נאַטור־פעלקער. אָבער מיר
מוזען האָבען גרויס דרך ארץ פאַר די איינפאַכע ערפינדונגען פון דעם אור־
מענשען. פיעל שווערער איז איהם אָנגעקומען צו ערפינדען אַ שטיינערנעם
האַמער, ווי דעם הייגטייגען מענשען די ערפינדונג פון דעם גוואַלדיגען
שטאָל־האַמער, וואָס ווערט געטריבען דורך דאַמף.

די ווערקצייג גיבען אונז ניט נאָר אַ בעגריף וועגען דער ענטוויקלונג
פון דעם אור־מענשען, וועגען זיין פאָרשריט אין טעכניק און פעהיגקייט צו
שאַפען אין פּראָדוציר־ען, נאָר זיי גיבען אונז אויך אַ מעגליכקייט צו ענט-

פערן אויף די פראַגע : ווי אַלט איז די מענשהייט, ווי לאַנג עקסיסטירט דער מענש אויף דער וועלט ?

און גאַנץ פערשטענדליך. ווייל ווערקצייג זיינען געמאַכט געוואָרען דורך מענשליכע הענט, קענען מיר דערפון פערשטעהן, אַז וואו מען געפינט ווערקצייג, האָט דאָרט געוויס דער מענש עקסיסטירט. אום צו בעשטימען די צייט, ווען די אור־אַלטע ווערקצייג, וואָס זיינען געפונען געוואָרען אין דער ערד, זיינען געמאַכט און בענוצט געוואָרען, מוזען מיר אָנקומען צו דער הילף פון דעם געאָלאָג (ערד־פאָרשער).

די געאָלאָגיע בעווייזט מיט אותות ומופתים, דאָס די אויבערפלעך פון דער ערד האָט זיך שוין פיעל מאָל אומגעענדערט. די אומענדערונגען זיינען פאָרגעקומען, ערסטענס, דורך די וואולקאַנישע אונטערערדישע קרעפטען, דורך וועלכע די אויבערפלעך פון דער ערד האָט זיך אין אייניגע ערטער אויפגעהויבען און אין אַנדערע ערטער זיך טיף אַראָפּגעלאָזען. דערפון זיינען אַרויסגעקומען גרויסע ענדערונגען אויף דער ערד — עס איז געוואָרען יבשה, וואו עס איז פריהער געווען ים און, פערקעהרט, עס איז געוואָרען ים, וואו פריהער איז געווען יבשה. צווייטענס זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער אויבערפלעך דורך לופט און וואַסער. פון ים הייבט זיך אויף אַ פּאַרע, אַ וואָלקען, וואָס ווערט אין פערשיידענע ערטער פערוואַנדעלט אין רעגען. די רעגען־וואַסערן מאַכען אויף דער ערד קוואַלען און טייכען, וועלכע פיהרען דאָס וואַסער אין די ימים. אַט דיזע קוואַלען און טייכען, אין זייער פליסען צום ים, שווינקען אָפּ דעם באָדען פון דער ערד, איבער וועלכען זיי פליסען, און פערשלעפּען די אָבגעשווינקטע ערד אין ים אַריין.

אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען ווערען אויף אַזאַ אופן גאַנצע בערג ביסלאַכווייז אַראָפּגעשווענקט און אַראָפּגעטראָגען צום גרונד פון ים, פון וואַנען עס הייבען זיך אויף מיט דער צייט נייע אינזלען.

דורך אַזעלכע און אַנדערע פּראָצעסען ווערען די לאַגערונגען פון דער ערד כסדר פערענדערט. דיזע פערענדערונגען און פערוואַנדלונגען זיינען בעקאַנט אין דער געאָלאָגיע מיט דעם נאָמען פ אָ ר מ א צ י אָ נ ע ן. אין אייניגע אַזעלכע פאָרמאַציאָנען, אָדער ערד־שיכטען, געפינען זיך פיעלע רעסטען פון חיות און פלאַנצען פון די אור־אַלטע צייטען, וועלכע גיבען דעם ערד־פאָרשער אַ מעגליכקייט צו שטודירען די אור־געשיכטע פון דער ערד און איהרע בעוואוינער.

דורך געוויסע וויכענשאַפטליכע בעווייזען האָט די געאָלאָגיע בעשטימט דעם עלטער פון יעדער פאָרמאַציאָן. און ווייל אין די אור־אַלטע שיכטען האָט מען קיין רעכטען פון מענשען ניט געפונען, נאָר ערסט אין די שפּעטערע שיכטען, האָבען די געאָלאָגען דאָס אָנגענומען פיר אַ בעוויז, אַז אין דער אור־צייט פון דער ערד האָט נאָך דער מענש ניט עקסיסטירט. די שיכטען, אין וועלכע מען האָט געפונען מענשען־רעסטען, זיינען בעוואוסט אין דער געאָלאָגיע מיט דעם נאָמען ד י ל ו בֿ י ו ם ־ שיכטען *). די געאָלאָגען בערעכנען, אַז דיזער מין שיכטען האָט זיך געבילד'עט און עקסיסטירט מיט 220,000 יאָהר צוריק. דער מענש, וואָס האָט דאַמאָלס געלעבט און געשאַפט, טראָגט אין דער געאָלאָגיע דעם נאָמען ד י ל ו בֿ י אַ ל ־ מ ע נ ש.

מאַנכע געאָלאָגען גלויבען ניט, אַז דער מענש האָט עקסיסטירט אין די ערסטע פעריאָדען פון דער דילובֿיום־צייט און זיי בערעכנען, דאָס די ענטשטעהונג פון דעם מענשען איז געווען נאָר מיט הונדערט טויזענד יאָהר צוריק; ד. ה. דער מענש איז ענטשטאַנען אין מיטען פון דער דילובֿיום־צייט. פיעלע געאָלאָגען אָבער זיינען איבערצייגט, אַז דער מענש האָט עקסיסטירט נאָך פיעל פריהער פאַר דער דילובֿיום־צייט. זיי ערקלערען עס מיט דעם, וואָס מען האָט געפונען שפורען פון בעאַרבייטע זאַכען אין די שיכטען פון נאָך אַ פריהערדיגער ערד־פעריאָדע, וועלכע איז בעקאַנט אונטערן נאָמען ט ע ר צ י ע ר ־ צ י י ט, הגם מען האָט נאָך ביז יעצט ניט געפונען קיין רעסטען פון מענשען אין די שיכטען פון דער דאָזיגער צייט. לויט דיזער בעהויפּטונג קומט אויס, אַז דער מענש עקסיסטירט שוין אויף דער ערד מעהר אַלס 240,000 יאָהר. ווי קליין איז די צייט פון פיער אָדער פינף טויזענד יאָהר זינט דער מענש האָט אָנגעהויבען פיהרען זיין געשיכטע, גענגען דעם אונגעהייערן צייט־רוים פון 240,000 יאָהר, זינט דער אור־מענש איז ענטשטאַנען!

דאָס פייער. איינער פון די בעסטע מיטלען פיר דעם מענשען'ס שאַפען איז אימער געווען, ווי אויך יעצט, — דאָס פייער. די בענוצונג פון פייער איז איינע פון דעם מענשען'ס פריהערסטע ענטדעקונגען. אין די בע-

---

*) ד י ל ו בֿ י ו ם ווערט אָנגערופען באָדען, וואָס האָט זיך געבילדעט פון דעם אָפּזאַץ פון פליכענדע וואַסערן אָדער פון שטיין און זאַמד, וואָס זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרען דורך אַייז־מאַסען פון הויכע ערטער אין נידריגע. די דילובֿיאַל־צייט ווערט געטיילט אין דריי פעריאָדעס, פון וועלכע איינע ווערט בעצייכענט אַלס די אַייז־צייט, ווייל אין איהר איז די ערד געווען בעדעקט מיט אַייז.

ארבייטע זאכען, וואָס מען האָט געפונען אין די שיכטען פון דער טערציער-צייט, איז צו בעמערקען שפּורען פון פייער בענוצונג. עס איז דעריבער קיין צווייפעל ניט, דאָס דער שפּעטערדיגער דילוביאַל-מענש האָט געברויכט פייער ביי זיין ארבייט. מען קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי אזוי דער מענש וואָלט געקענט לעבען אָהן פייער אין דער אונגעהייער קאַלטער דילוביאַל-פּעריאָדע. און ווירקליך, אין די ערד-שיכטען פון דער דילוביאַל-צייט האָט מען געפונען אַן אונגעהייערע צאָהל פייער-פלעצער.

מען האָט פריהער געגלויבט, אז דער מענש איז בעקאַנט געוואָרען מיט פייער און זיינע נוצען נאָר דורך דעם בליץ. אין אמת'ן אָבער איז דער בליץ ניט דער איינציגער, וואָס האָט געקענט אָנווייזען דעם אור-מענשען וואָס פייער איז און צו וואָס מען קען עס בענוצען. די וואולקאַנישע ארבייט פון אונזער ערד האָט דעם מענשען פיעל מעהר געקענט געבען צו פערשטעהן די נוצען פון פייער צו זיין ארבייט. אין די ערטער, וואו די וואולקאַנען (די פייער-שפּייענדע בערג) ווארפען ארויס די ברענענדע לאַווא, האָט דער מענש געהאַט א גוטע געלעגענהייט בעקאַנט צו ווערען מיט דעם געברויך פון פייער און זיינע נוצען צו דער ארבייט. אלכסנדר פאָן הומבאָלדט האָט בעמערקט, דאָס די לאַך פון דעם וואולקאַן יארוללאָ (אין מעקסיקאָ) איז 20 יאָהר נאָך זיין אויסברעכען געוועזען אזוי היים, דאָס האָלץ האָט זיך דאָרט לייכט אָנגעצונדען. אויסער דעם געפינען זיך אויף דער ערד, אין פערשיידענע ערטער — אין נאָרד-אמעריקא, יאפּאַן, כינא, אינדיען, געגענדען ביים קאַספּישען ים — פיעלע פייער-קוואַלען, ד. ה. קוואַלען, פון וועלכען עס געהען ארויס ברענענדע גאַזען, וואָס צינדען זיך לייכט אָן דורך וואולקאַנישע סבות. אזעלכע קוואַלען האָבען דעם מענשען געקענט לייכט בעקאַנט מאַכען מיט פייער און זיין געברויך.

פייער איז אזא ניצליכע זאך פיר דעם מענשען, דאָס קוים איז עס ערגעץ-וואו ענטדעקט געוואָרען, האָט עס געמוזט שנעל בעקאַנט ווערען אין אַלע ערטער, וואו מענשען זיינען געוועזען פערשפּרייט.

מען קען געווים רעכנען, אז פון יענער צייט, ווען דער מענש האָט זיך דורך נאַטור-ערשיינונגען צוערסט בעקענט מיט פייער, ביז דער צייט, ווען ער האָט אויסגעפונען מיטלען פייער זעלבשטענדיג צו מאַכען, האָט עס זעהר לאַנג געדויערט. ווייל אויב דער מענש וואָלט גלייך ביים אָנפאַנג פון זיין בעקענען זיך מיט פייער, אויך געוואוסט די מיטלען, ווי צו מאַכען אַליין פייער צו יעדער צייט, ווען עס איז איהם נעטיג געווען, וואָלט מען קוים געקענט ערקלערען, פאַרוואָס דער מענש האָט אָנגעווענדט אזוי

ווי דער אור־מענש האָט געמאַכט פייער.

פיעל מיה צו אויפהאלטען א פייער. עס וואָלט אויך געווען שווער צו פערשטעהן, וואָרום האָט פייער געשפּילט אזא גרויסע ראָלע אין רעליגיאָן. פערשיידענע פאָרשער נעהמען אָן, אז דער מענש איז געקומען צום שכל מאכען פייער דורך רייבונג, ווען ער האָט בעמערקט, אז ביי זיין ארביי- טען שטיינערנע־ווערקצייג און בויערן לעכער אין די שטיינערנע העק, ווערט דער שטיין היים. דיזע מיינונג ווערט אונז פערשטענדליכער, ווען מיר גערענקען, אז די ווילדע און האלב־ווילדע פעלקער פון טאאיטי, ניי־זעע- לאנד, סאנדוויטש־אינזלען, טאָנגאָ־ און סאמאָא־אינזלען, וועלכע קומען ניט אין בעריהרונג איינע מיט די צווייטע, מאכען אויך פייער דורך רייבען א האָלץ אָן א האָלץ.

די אַלטע גריכישע זאגעס וועגען דעם, ווי דער טיטאן (האלב־גאָט) פּראָמעטהעאוס האָט ארויסגעכאפּט ביי די געטער דאָס פייער, בעווייזען, אזביידע השערות, וועלכע מיר האָבען געבראכט וועגען דעם, ווי אזוי דער אור־מענש האָט בעקומען פייער, זיינען ריכטיג. איין גריכישע זאגע דערצעהלט, אז פּראָמעטהעאוס האָט ביים הויפּט־הימלישען גאָט צ ע א ו ס ארויסגעכאפּט א בליץ און האָט בעגליקט די מענשהייט מיט דער פייער־ קראפט. אַן אנדערע זאגע דערצעהלט, דאָס פּראָמעטהעאוס האָט דאָס פיי- ער ארויסגעכאפּט ביים וואולקאנישען גאָט העפעסטאָס ביים וואולקאן מאָסי- כאָס אויף דער אינזעל לעמנאָס.

די זעהר גרויסע נוצען, וואָס פייער האָט פערשאפט דעם מענשען, האָט געוויס געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דעם מענשען'ס גערענקען־ וועלט. פייער האָט אויף דעם אור־אַלטען מענשען געמאכט כמעט דעם זעלבען איינדרוק ווי די זון, און דעריבער האָט דער אור־מענש פערגעטערט דאָס פייער גלייך מיט דער זון. דאָס ערקלערט אונז אויך, וואָרום פייער האָט געשפּילט אזא גרויסע ראָלע אין רעליגיאָן און אין פיעלע רעליגיעזע צערעמאָניעס פון אייניגע אַלטע פעלקער. ביי דעם געטליכען דינסט פון די אַלטע רוימער, ווען אין דעם טעמפּעל פון דער געטין וועסטא איז דאָס פייער צופעליג פערלאָשען געוואָרען, האָט מען ניט געטאָרט מאכען א נייעס פייער אויף דעם דאמאָלסדיגען געוועהנליכען אופן, דורך קלאפּען א קרעמען־שטיין אָן שטאָל, נאָר מען האָט עס געמוזט בעקומען לויט דעם אור־אַלטען הייליגען מנהג — דורך רייבען א הייליגעס שטיק האָלץ אָן א הייליגע ברעט.

ווי מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט, בויט דער מענש, ד. ה. דער קולטור־מענש, א בעזונדערע אייגענע וועלט, א קולטור־וועלט אין דער נאַ-

טור־וועלט. דיזע קולטור־וועלט בעשטעהט דורכאויס פון קינסטליכע פּראָ־
דוקטען, וואָס דער מענש האָט געשאַפען. יעדע ערפינדונג, יעדע ענט־
דעקונג, וואָס דער מענש מאַכט, דינט אַלס יסוד פיר וויימערע ערפינדונ־
גען, און דער מענש שטייגט אימער העכער און העכער אויף דעם לייטער
פון שאַפונגען. אויף דעם קולטור־לייטער געהט דער מענש נאָר שטופענ־
וויז, איבערהיפּען שטאַפּלען איז אונמעגליך. יעדע נייע ערפינדונג ווערט
געבויט אויף אַ פריהעריגער. עס איז צ. ב. אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען,
אַז דער מענש האָט אָנגעפאַנגען צו בעאַרבייטען מעטאַלען איידער ער
האָט דערגאַנגען, ווי צו בענוצען פייער, אָדער, אַז דער מענש האָט ער־
פונדען אַ פערגרעסערונגס־גלאָז, איידער ער האָט געוואוסט, ווי צו מאַכען
גלאָז. אין זיינע ערפינדונגען קען דער מענש מאַכען פאָרשריט נאָר שטו־
פענוויז. און דאָס איז דאָס הויפּט־פּרינציפּ פון דער מענשליכער ענטוויק־
לונג ווי אין דער געשיכטליכער, אַזוי אויך אין דער פאָר־געשיכטליכער
צייט — אין דער צייט פון דעם אור־מענשען.

פיר דעם אור־מענשען איז געווען זעהר וויכטיג צו בעזאָרגען זיך מיט
אַן אָרט, וואו ער זאָל זיך קענען אויפהאַלטען און שיצען זיך פון שלעכטען
וועטער און פון ווילדע חיות. און אַזאַ מין אָרט פלעגט ער זיך אויסזוכען
אין העהלען, אין פעלזען א. ד. גל. אַזעלכע וואוינונגען פון דעם אור־מענשען
געפינט מען יעצט זעהר אָפט ביי אויסגראָבונגען אין פערשיידענע לענדער.
אַלץ שוץ־מיטעל געגען ווילדע חיות האָט איהם אַ חוץ זיין נאַטירליכע וואוי־
נונג אויך געדינט דאָס פייער, פאַר וועלכען ווילדע חיות האָבען מורא.

אין די געגענדען, וואו דער אור־מענש האָט פיר זיך ניט געפונען קיין
שוץ־ערטער אויף דער יבשה, האָט ער געזוכט שוץ אויף'ן וואַסער.

דאָס נעבען־שטעהענדע בילד שטעלט פאָר הייזער, וואָס זיינען געבויט
אויף קלעצער אַריינגעשלאָגען אין גרונד פון דעם וואַסער.

אייניגע היינטיגע נאַטור-פעלקער, ווי צ. ב. די קאַדער און אַנדערע
שבטים פון דרום־אינדיען, בויען זיך וואוינונגען אויף די שפּיצען פון הוי־
כע בוימער אום זיך צו בעשיצען פון שלאַנגען, ווילדע חיות א. ד. גל. עס
איז מעגליך, אַז אויך דער אור־מענש האָט געזוכט אַ שוץ־אָרט אויף בוימער.
וויכטיגער פון שוץ און זיכערער וואוינונג איז פיר דעם אור־מענשען געווען
די פראַגע פון נאַהרונג. עס זיינען דאָ זעהר פיעלע בעווייזען, דאָס דער אור־
מענש האָט זיך מעהרסטענס בעזעצט ביי די ברעגען פון ימים און טייכען,
ווייל דאָרט האָט ער געהאַט אַ מעגליכקייט לייכט צו בעזאָרגען זיך מיט שפּייז
דורך כאַפּען פיש און אַנדערע וואַסער־בעשעפעניסען.

אַ בילד פון אַ הויז אויף קלעצער אין וואַסער.

דער אור־מענש האט זיך געמוזט בענוגענען מיט די נאטור־וואוינונגען אין העהלען, פעלזען־שפאלטען, כל זמן ער האט נאך קיין ווערקצייג ניט געהאט צו בעארבייטען שטיינער.

די ערסטע נאטירליכע ווערקצייג איז דעם מענשען׳ס האנט. דער גרוי־סער גריכישער פילאזאף אריסטאטעל רופט אן די האנט „די ווערק־צייג פון אלע ווערק־צייג. די הענט העלפען דעם מענשען פערווירקליכען זיינע געדאנקען, זיינע איינפאלען, און זיינען דערום דער פונדאמענט פון דער גאנצער מענשליכער קולטור. אלס געהילפען צו זיך האבען די הענט לויט דעם בעפעהל פון דעם מענשען׳ס גייסט געשאפען די קינסטליכע ווערקצייג. וואס בעסער, וואס פאלקאמענער די ערפונדענע ווערקצייג זיי־נען, אלץ העכער איז דעם מענשען׳ס קולטור. די אייגענשאפטען פון די ווערקצייג, ווי אויך דער מאטעריאל, פון וועלכען די ווערקצייג זיינען גע־מאכט, זיינען אפהענגיג פון דעם מענשען׳ס גייסטיגער ענטוויקלונג. און לויט די מאטעריאלען, פון וועלכע דער אור־מענש האט זיינע ווערקצייג געמאכט, איז די פארגעשיכטליכע צייט איינגעטיילט אין דריי פעריאדעס: ש ט י י ן־צייט, ב ר א נ ז־צייט און א י י ז ע ן־צייט.

שטיין געפינט דער מענש זעהר לייכט איבעראל, דעריבער איז דיזער מאטעריאל געוועזן דער ערסטער, וואס דער מענש האט אנגעפאנגען צו ברוי־כען אלס ווערקצייג. איבערהויפט האט ער זיך בענוצט מיט דעם פייער־שטיין אדער קרעמען, ווייל ער איז הארט און שטארק, און איז זעהר גוט צו מאכען פון איהם שארפע אינסטרומענטען אדער געצייג צום שניידען. די נאטור־פארשער טיילען די שטיין־צייט אין צוויי פעריאדעס. די ערסטע פעריאדע איז די צייט, ווען די שטיינערנע ווערקצייג זיינען נאך געוועזן זעהר גראב, ניט געפאלירט. צו דיזער פעריאדע געהערען אויך די ווערק־צייג, וואס דער מענש האט געמאכט פון ביינער. פערשיידענע ווערקצייג און אינסטרומענטען פון דיזער פעריאדע געפינט מען זעהר פיעל אין דרום־פראנקרייך און אין די פירענעאישע בערג. דארט האט מען געפונען מע־סערס, העק, זעגען, פיילען א. ד. גל., געמאכט זעהר גראב פון שטיינער און ביינער. די צווייטע אינגערע פעריאדע איז די צייט, אין וועלכער דער מענש איז שוין געוועזן מעהר ענטוויקעלט און איז געווין אין שטאנד צו מאכען פון דעם זעלביגען מאטעריאל, פון שטיין און ביין, פיעלע פיי־נערע ווערקצייג און אינסטרומענטען. די העק און אנדערע געצייג הא־בען שוין פאסענדע הענטלאך, אויך האט ער שוין בענוצט מעהר סאר־טען שטיינער צו מאכען זיינע ווערקצייג. אויסער קרעמען האט ער שוין

בעארבייט באזאלט, פּאָרפיר, אגאַט און אַנדערע זעהר הארטע שטיינער. אין דער זעלביגער פעריאָדע איז שוין דער מענש אויך געווען אין שטאנד צו מאַכען כלים פון לעהם און זיי פערהאַרטעווען אין פייער. מיר געפינען שוין דאַן אויך שפּורען פון אַקערבוי, אָבער די ווערקצייג, וואָס דער מענש האָט דאַמאָלס בע־נוצט, זיינען נאָך געווען זעהר איינפאַך און ניט גענוגענד. צו דער זעלביגער צייט האָט דער מענש צום כאַפּען פיש שוין געקענט פלעכטען נעצען פון פלאַנ־צען=פאָדים און אויסאַרבייטען האַקענס פון ביינער און הערנער.

1 2 3



4 5 6

אינדוסטריע=אַרטיקלען פון די קלעצער=געביידעס.

1. קאָרב=געפלעכט. 2. מאַטע (ראָגאָזשע). 3. יאַגד= אָדער פישער=נעץ. 4. געוועב פון קאָרע=שטריק. 5. שטריק און שנירלאַך. 6. געקרייצטעס געוועב.

דאָס נעבען=שטעהענדע בילד ווייזט אַ בעדייטענדע ענטוויקלונג פון דעם מענשען אין דער פּאָריגער פעריאָדע אין פלעכטען און וועבען. לויט געפונענע שמוק= און פוין=אַרטיקלען פון דער שטיין=צייט, איז דער מענש שוין דאַן אין שטאַנד געווען צו מאַכען פערשיידענע צירונגען פון ביין, האָרן, בורשטין, לעהם און אַנדערע מאַטעריאַלען. דאָס צייגט אונז אַב, דאָס די לוסט צו פוין הערשט אין מענשען נאָך פון די אור=אַלטע צייטען.

מאנכע פון די חיות, וואס האבען געלעבט צוזאמען מיט דעם מענשען אין דער ערסטער פעריאָדע פון דער שטיין־צייט, עקסיסטירען שוין ניט מעהר. די ווערקצייג, אבער, די כלים, די אינסטרומענטען, געוועהר א. אז. וו. פון דער שטיין־צייט געפינט מען צוזאמען מיט רעסטען פון אזעלכע מינים חיות, וואס עקסיסטירען נאך. די געלעהרטע האבען אויסגערעכענט, אז די צווייטע אינגערע פעריאָדע פון דער שטיין־צייט האט געדויערט 20,000 יאהר; די ערסטע עלטערע פעריאָדע, אבער, האט, לויט זייער אויסרעכנונג, געדויערט 200,000 יאהר. דאס בעווייזט ווי לאנגזאם די ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען גייסט איז געגאנגען און ווי שווער עס איז איהם אנגעקומען אין אנפאנג יעדער שריט פון קולטור.

און אזוי ווי דער ערפינדונגס־גייסט האט זיך אין מענשען לאנגזאם, שטופענווייז ענטוויקעלט, אזוי האט זיך אויך לאנגזאם ענטוויקעלט ביים מענשען דאס געזעלשאפטליכע לעבען — די פאמיליע, די געמיינדע, דער שטאאט א. ד. גל. פריהער איז לויט דער אלטער זאגע געווען אלגעמיין אנגענומען, אז די מענשהייט איז ארויסגעקומען פון איין פאאר פאלק און די פאמיליע האט מען בעטראכט אלס אנפאנג פון געזעלשאפטליכען לעבען. פון דער פאמיליע זיינען געווארען שבטים און פון די שבטים זיינען, ענדליך, געווארען פעלקער. לויט שפעטערע פארשונגען איז מען געקומען צום שלוס, אז די פאמיליע איז ענטשטאנען פיעל שפעטער. די ערסטע מענש-הייט האט געפיהרט א לעבען, ווי עס פיהרען די חיות. די פרוי האט ניט געהערט צו איין מאן, ווי היינט, און די קינדער האבען ניט געוואוסט זייערע פאטערס. עס זיינען געווען פשוט סטאדעס מענשען, אויסגעמישט מענער מיט פרויען. ערסט שפעטער, לאנגזאם, זעהר לאנגזאם האט זיך געבילדעט דאס לעבען אין פאמיליעס און דערנאך, ענדליך, האבען זיך פון די פאמיליעס געבילדעט געמיינדעס, שבטים, פעלקער און עס איז ענט-שטאנען א געזעלשאפטליכעס לעבען.

אויך דער מענשליכער גייסט, די מענשליכע נשמה, האט זיך ענטוויי-קעלט לאנגזאם און שטופענווייז. פון דער צייט אן, וואס מענשען האבען אנגעהויבען צו פיהרען געשיכטע, האבען מיר קלארע בעווייזען פיר דעם.

וואהרשיינליך איז אן ענטוויקלונג פון מענשען׳ס גייסט און נשמה אויך אין דער פאר־היסטארישער צייט פארגעקומען. ווען מיר וואלטען פון דער געשיכטליכער צייט אפילו ניט געהאט קיין געשריבענע בעווייזען, וואלטען מיר דאך דורך די פיעלע מאנומענטען, טעמפלען, קירכען א. אז. וו. זיכער געקענט בעשטימען, וועלכע רעליגיעזע מיינונגען און מנהגים

די פריהערדיגע פעלקער האָבען געהאַט. האָט אויך דער אור־מענש, דער מענש פון דער פאָר־געשיכטליכער צייט, געהאַט אַ בעגריף פון רעליגיאָן? אויף דיזע פראגע איז ניט אַזוי לייכט צו ענטפערן מיט זיכערהייט. פון אַלץ, וואָס מיר געפינען אין דער ערד פון די אור־אַלטע צייטען, איז קיין שפור ניט צו בעמערקען פון וועלכען עס איז טעמפעל, מזבח א. ד. גל. דאָס איינציגע, וואָס קען אונז געבען אַ שטיקעל בעגריף וועגען דער רעליגיאָן פון דעם מענשען אין דער שטיין־צייט, זיינען די ד אָ ל מ ע ן, ד. ה. קברים־שטיבער, געמאַכט פון זעהר גרויסע שטיינער. דיזע קברים־שטיבער צייגען, ערסטענס, דאָס דער אור־מענש האָט געהאַט אַ געוויסע אמונה, אַ געוויסע רעליגיעזע אַנזיכט; צווייטענס, ווייזען זיי אונז, אַז די מענשען האָבען שוין דאַמאָלס, אין יענער אַלטער צייט, געלעבט אין גרויסע גרופּעס צוזאַמען, ווייל אַן איינצעלנער מענש אָדער אַפילו אַ קליינע גרופּע מענשען וואָלטען ניט אין שטאַנד געווען צוזאַמענטראָגען אַזעלכע גרויסע שטיינער ווי די, פון וועלכע די דאָלמען זיינען געמאַכט.

פון דער גרויסער אָנשטרענגונג, וואָס דער אור־מענש האָט געמאַכט אויפצושטעלען פון גרויסע, שווערע שטיינער געביידעס פיר זיינע מתים, קען מען שליסען, אַז ער האָט געגלויבט אין השארת הנפש, ער האָט גע-גלויבט, אַז דער מענש לעבט אויך נאָך'ן טויט. די ווערקצייג, געוועהר און כלים, וואָס מען געפינט אין די קברים פון דער שטיין־צייט אַרום די רעסטען פון מענשליכע קערפּערס, ווייזען קלאָר, דאָס דער אור־מענש, האָט געגלויבט, אַז דער בעגראָבענער פיהרט ווייטער אַ געוויסען סאָרט לע-בען און נעטיגט זיך ווייטער אין זיינע געוועהר און ווערקצייג.

די מעטאַל־צייט. דער גרעסטער פאָרשריט פון דעם מענשען איז געווען, ווען ער האָט אויסגעפונען ווי צו בעאַרבייטען מעטאַלען פיר זיין גע-ברויך, פיר זיינע נויטווענדיגקייטען. דיזע ערפינדונג האָט געטריבען די קולטור מיט אַ שטורמדיגער שנעלקייט און דער מענש האָט פערהעלט-ניסמעסיג אין אַ קורצער צייט דערגרייכט די שטופע פון ציוויליזאַציאָן. די געשיכטליכע צייט איז ענג פערבונדען מיט דער מעטאַל־צייט. נעהמט צו פון די קולטור־פעלקער די מעטאַלען, וועט די עקסיסטענץ זיי אָנקומען זעהר שווער. די נאַטור־פאָרשער האָבען די מעטאַל־צייט איינגעטיילט אין צוויי פעריאָדעס: די ב ר אָ נ ז ־ פעריאָדע און די א י י ז ע ן ־ פעריאָדע. וועלכע פון דיזע פעריאָדעס איז געווען פריהער איז אָפּהענגיג פון דעם כאַראַקטער פון לאַנד. צ. ב. די אינדיאַנער פון צפון־אַמעריקא האָבען פרי-הער געברויכט קופּער, ווייל זיי האָבען עס לייכט, אָהן בעזונדערער מיה,

געפונען אויף דער אויבערפלעך פון דער ערד ביי די ברעגען פון דעם האָד-סאָן-בעי ; דאגעגען, האָבען די אפריקאנער פריהער בענוצט אייזען, וויל דיזער מעטאל געפינט זיך דאָרט לייכט אויף דער אויבערפלעך פון דער ערד.

בראָנז און קופּער זיינען געווען מעהר אָנציהענד פיר דעם מענשען ווי אייזען צוליב זייער גלאַנץ און עהנליכקייט אין אויסזעהן צו גאָלד. אויסער דעם איז קופּער פיעל לייכטער צו שמעלצען ווי אייזען. דעריבער האָט דער אור-מענש בעסער געברויכט בראָנז און קופּער איידער אייזען.

די קולטור-ראַסען. מיר קעהרען זיך יעצט צוריק צו דער פראַגע, וועלכע מיר האָבען דאָ פריהער געשטעלט : וועלכע אורזאכען האָבען ארויסגערופען אין דער מענשהייט פערשיידענע ראַסען ? דער ריכטיגער ענטפער אויף דיזע פראַגע וועט אונז אויך ערקלערען פיעלע געשיכטליכע ערשיינונגען. פיר די געשיכטע האָט די ראַסען-פערשיידענהייט אַ זעהר וויכטיגע בעדייטונג. מיר זעהען, אַז ניט אלע ראַסען שטעהען גלייך אויף איין שטופע פון קולטור. איינינע זיינען געבליבען אויף אַ זעהר נידריגער מדרגה פון ענטוויקלונג און שפּילען אין דער געשיכטע אַ ניט-בעדייטענדע ראָלע אין דער צייט, וואָס די אַנדערע האָבען הויך געשטיגען אויף דעם לייטער פון קולטור און שפּילען אין דער געשיכטע אַ גאַנץ גרויסע ראָלע. בכן, וויעדערהאָלען מיר די פראַגע : וואָס האָט ארויסגערופען די פערשיידענהייט פון די ראַסען ? — די תשובה אויף דיזע פראַגע קען זיין איינס פון די צוויי : אָדער מיר זאָלען אָננעהמען די ערקלערונג פון די פריהעריגע פאָרשער, דאָס פון אָנפאַנג אָן האָט די נאַטור ארויסגעבראַכט פערשיידענע ראַסען, אָדער מיר ערקלערען דאָס לויט דארווין'ס טעאָריע פון עוואָלוציאָן, ד. ה. פון לאַנגזאַמער ענטוויקלונג, לויט וועלכער אלע פערשיידענע מענשען-ראַסען האָבען זיך שטופענווייז ענטוויקעלט פון איינעם און דעם זעלביגען מין מענש.

דאָ קומט די געשיכטע זעלבסט אונז צו הילף אין אויפקלערען די זאַך. מיר ווייסען, אַז ניט אלע קולטור-ראַסען זיינען די אור-איינוואוינער פון די ערטער, וואו זיי געפינען זיך יעצט, נאָר זיי האָבען אהין איינגעוואַנדערט פון אַנדערע ערטער און האָבען פערטריבען די דאָרטיגע אור-איינוואוינער. אַ לעבעדיגען ביישפּיל גיט אונז אַמעריקאַ. ווען אַמעריקאַ איז ענטדעקט געוואָרען איז דיזער וועלט-טייל געווען בעוואוינט פון אינדיאַנער. די אייראָפּעער האָבען דיזע אור-איינוואוינער אונטערגעוואָרפען אונטער זיך, אַ טייל אינדיאַנער האָבען זיי פערטריבען, אַ טייל — פערניכטעט און האָבען דאָרט איינגעפיהרט די אייראָפּעאישע קולטור. אין פיעלע יאָהר-הונ-

דערטעער אַרום וועט מען רעדען פון דיזער קולטור ווי פון אַן אַמעריקאַנישער; מען וועט פערגעסען, אַז דיזע קולטור איז גאָר אַן אייראָפּעאישע, ניט קיין זעלבשטענדיג-אַמעריקאַנישע. די אמת'ע אַמעריקאַנישע קולטור, די קול-טור פון די אינדיאַנער — איז שוין לאַנג פערשוואונדען צוזאַמען מיט די אינדיאַנער. דאָס זעלבע האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט אַלע קולטור-פעלקער. אין אַלע לענדער: כינאַ, פּערסיען, בבל, אשור, מצרים, אויך איי-ראָפּעאישע לענדער זיינען די דאָרטיגע קולטור-ראַסען ניט דאָרט געבאָרען געוואָרען, נאָר זיי זיינען אַהין געקומען פון אַנדערע לענדער.

דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס די אור-איינוואוינער זיינען איבעראַל געווען מיט דונקעלן הויט-קאָליר און די איינגעוואַנדערטע מענשען זיינען געווען אָהן אויסנאַהמע העל אין הויט-קאָליר. דאָס האָבען אַלע היס-טאָריקער פּאַקטיש בעוויזען אין בעצוג אויף אַלע לענדער און פעלקער פון אַזיען, אייראָפּאַ און אַלע אינזלען פון שטילען אָקעאַן (פּאַסיפיק). פון דיזען פאַקט ציהען היסטאָריקער און נאַטור-פאָרשער דעם שלוס, דאָס די אור-מענשען האָבען געהאַט אַ דונקעלן הויט-קאָליר, ווייל זיי שטאַמען פון די הייסע געגענדען ביים עקוואַטאָר, וועלכע ווערען בעצייכענט אַלס דאָס וויגעלע פון דער מענשהייט און פון אַלע אַנדערע לעבעדיגע בעשעפענישען. אייניגע נאַטור-פאָרשער זיינען פון דער מיינונג, דאָס די מענשהייט איז צוערסט ענטשטאַנען אויף אַן ערד-טייל, וואָס געפינט זיך יעצט אין אָפּ-גרונד פון דעם אינדישען אָקעאַן. דיזען ערד-טייל רופען זיי מיט דעם נאָ-מען „לעמוריען”. פון דיזען ערד-טייל האָט זיך די ערסטע מענשהייט, לויט די דאָזיגע נאַטור-פאָרשער, צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס איז אָבער ניט מעהר ווי אַ השערה, ווייל קיין בעשטימטע בעווייזען האָבען זיי דערצו ניט. ווען דיזע השערה וואָלט געווען אמת, וואָלט זי בעשטעטיגט דאַרווין'ס טעאָריע פון עוואָלוציאָן, לויט וועלכער די פער-שיידענע ראַסען קומען אַרויס פון איין שטאַם. די ערסטע מענשען-ראַסע, וועלכע האָט געהאַט אַ דונקעלן הויט-קאָליר, ווייל זי איז צוערסט ענט-שטאַנען אין אַ הייסען קלימאַט, האָט זיך לאַנגזאַם צושפּרייט איבער אַנ-דערע וועלט-טיילען מיט מעסיגערע קלימאַטען, און אונטער דיזע און נאָך אַנדערע נאַטירליכע בעדינגונגען האָט זיך זייער הויט-קאָליר געענדערט און עס האָבען זיך אויף אַזאַ אופן געבילדעט נייע ראַסען. דאָ איז ניט דער אָרט אויספיהרליך צו ערקלערען, דאָס דער העלער הויט-קאָליר געהט האַנט אין האַנט מיט קולטור-פעהיגקייט. אונז אינטערעסירט יעצט נאָר דער פּונקט, וואָס אַלע קולטור-ראַסען זיינען געקומען אין די לענדער, וואו

זיי געפינען זיך יעצט, פון אנדערע ערטער. נאַטירליך שווימט ארויף די פראַגע : פון וואַנען קומען זיי, די קולטור-ראַסען ?

מיר האָבען צו בעטראַכטען אויסער די כינעזער צוויי קולטור-ראַסען, וועלכע שפּילען די הויפּט-ראָלע אין דער וועלט-געשיכטע : די ס ע מ י ט י ש ע און די א ר י ש ע. די סעמיטישע ראַסע האָט זיך די ערסטע בעוויזען אויף דער סצענע פון דער געשיכטע און האָט געשאַפען די ערסטע קולטורען. די סעמיטישע פעלקער האָבען געגרינדעט די עלטעסטע קולטורען אין בבל, אשור, מצרים. נאָך די סעמיטען זיינען געקומען די ארישע פעלקער פון אינדיען און פערסיען און האָבען געגרינדעט זייערע קולטורען. די ארישע פעלקער האָבען אין גרויסע מאַסען איבערגעוואַנדערט אין די מערב-לענדער, אין אייראָפּאַ, און האָבען דאָרט געבילדעט די אייראָפּעאישע קולטורען.

בעטראַכטענדיג דיזע וואַנדערונגען קומען מיר צום שלוס, דאָס דיזע אַלע פעלקער קומען מעהר אָדער ווייניגער פון איין אָרט, פון צענטראַל-אזיען. די כינעזער האָבען איינגעוואַנדערט אין זייער לאַנד פון אַן אָרט, וואָס ליגט צו מערב פון זייער יעצטיגער מדינה ; די הינדוסען (אינדיער) זיינען געקומען פון צפון-מערב צו דרום-מערב נאָך אינדיען ; די פּערסיער האָבען איינגעוואַנדערט אין זייער לאַנד פון צפון-זייט ; די סומעריער און אַקאַדיער, וואָס שטאַמען פון די אַלטאַיאישע פעלקער און האָבען געגרינדעט די קולטור פון אשור און בבל, זיינען געקומען פון צפון-מזרח ; די אייראָפּעאישע פעלקער פון דער ארישער ראַסע קומען פון אזיען. דיזע בעהויפּטונג ווערט אויך בעשטעטיגט דורך שפּראַך-פאָרשונג, וואָס בעווייזט, אַז די אַלע פערשיידענע שפּראַכען פון די דערמאָהנטע פעלקער געהערען מעהר אָדער ווייניגער צו איין אַלגעמיינעם שטאַם, צו דער שפּראַך פון די אור-אַלטע איינוואוינער פון די אַלטאַי-בערג אין צענטראַל-אזיען.

אין די געגענדען פון די אַלטאַי-בערג זיינען די אור-עלטערן פון די דערמאָהנטע איבערגעוואַנדערטע פעלקער געקומען פון די טראָפּישע, הייסע לענדער, וואָס ליגען ביים עקוואַטאָר. דער קלימאַט און אנדערע אָרטיגע נאַטירליכע בעדינגונגען אין די אַלטאַי-געגענדען האָבען אזוי געווירקט אויף די דאָזיגע פעלקער, דאָס זיי זיינען געוואָרען קולטור-פעהיג און אויך זייער הויט איז פון דונקעל העל געוואָרען.

אָבער וואָס איז די נאַטור, וועלכע זיינען די אייגענשאַפטען פון די אַלטאַי-געגענדען, וואָס האָבען געמאַכט אַזאַ גרויסע ענדערונג אין די איינגעוואַנדערטע מענשען, געמאַכט זיי קולטור-פעהיג, ווען די זעלביגע מענשען

אין זייער אַלטער היים זיינען פערבליבען אויף א נידריגער שטופע פון ענט-
וויקלונג ? אויף דיזע פראגע קען מען נאָך ניט געבען קיין ריכטיגען ענט-
פער. מאנכע געלעהרטע גלויבען, דאָס די אַלטאַי-געגענדען זיינען פיעל
אָרימער פון די טראָפּישע לענדער און די נייע איינוואנדערער האָבען דאָ
געמוזט קעמפען מיט דער נאַטור צו שאַפען זייערע לעבענס-בעדערפעניסען,
בכן איז דער קאמף פיר עקסיסטענץ געווען דער לעהרער, וואָס האָט ענט-
וויקעלט די קולטור-פעהיגקייט אין דעם מענשען.

דיזע מיינונג פערענטפערט אָבער ניט די פראגע, וואָרום אין די
אָרימסטע און רויהעסטע געגענדען, ווי אין דעם ווייטען נאָרד, וואו דער
קאמף פיר עקסיסטענץ דארף זיין זעהר שווער, איז דעם מענשען ניט גע-
לונגען צו שאַפען א קולטור. עס מוזען דריבער זיין געוויסע אינערליכע
גייסטיגע אייגענשאַפטען אין דעם קולטור-מענשען, וואָס מאַכען איהם
קולטור-פעהיג. נאָר אויך אזא השערה וואָלט ניט געווען גענוג צו ערקלע-
רען, וואָרום די סעמיטישע און ארישע קולטור-פעלקער האָבען זיך ניט ענט-
וויקעלט אין זייערע אור-ערטער אין צענטראַל-אזיען, וואָרום האָבען זיי
אָנגעהויבען צו ענטוויקלען זיך ערסט נאָך דעם, ווי זיי האָבען איבערגע-
וואנדערט פון צענטראַל-אזיען אין אַנדערע לענדער.

די העכסטע קולטור-פעהיגקייט איז נאָך ניט גענוג, אז מענשען זאָ-
לען קענען שאַפען א קולטור, ווען עס פעהלען זיי צו דעם אויסערע בע-
דינגונגען. בעזעצט די קולטור-פעהיגסטע ראַסען ביי דעם קאַלטען אייזי-
גען נאָרד-פאָל און זיי וועלען דאָרט ניט זיין אין שטאַנד צו שאַפען
א וועלכע עס איז קולטור. אום א קולטור צו שאַפען מוזען דעם מענשען
שטענדיג קומען צו הילף צוויי זאכען: ערסטענס, די נאַטור-גאַבען, די
מאַטעריאַלען, וואָס די נאַטור שאַפט אונז; צווייטענס, די פעהיגקייט פון
מענשען די נאַטירליכע מאַטעריאַלען צו בעאַרבייטען.

וואָס מעהר פּראָדוקטען דער מענש בריינגט ארויס שטייגט זיין קולטור
אַלץ העכער און העכער. מען דאַרף אָבער וויסען, אז ניט אַלע לענדער האָ-
בען איינע און די זעלבע נעטיגע מאַטעריאַלען, וועלכע א הויכע קולטור
פאָדערט. דיזער פאַקט האָט ארויסגערופען א דריטע פאָדערונג צו דער ענט-
וויקלונג פון א הויכער קולטור, דאָס איז די פאָדערונג פון פערקעהר, פון
האַנדעל, דורך וועלכען איין לאַנד קען בעקומען פון א צווייטען די מאַטע-
ריאַלען, וואָס פעהלען ביי איהם און דאָרט זיינען זיי דאָ אין איבערפלוס.
מסחר, האַנדעל, איז איינע פון די וויכטיגסטע בעדינגונגען צו ענטוויקלען
א הויכע קולטור. דער ערפאָלג פון האַנדעל איז אָפּהענגיג פון די פער-

קעהרס־מיטלען, וועגען אויף דער יבשה און אויף'ן וואַסער, וועלכע פער-איינינען לענדער איינע מיט די אַנדערע. ווען די וועגען זיינען בעסער, בע-קוועמער, איז דער האַנדעל צווישען די לענדער מעהר פערברייטערט. די נאַטירליכע וועגען, ווי טייכען, ימים א. ד. גל. זיינען געווען די ערסטע און בעסטע מיטלען פון מסחר צווישען פערשיידענע פעלקער און דעריבער אויך די בעסטע מיטלען צו פערברייטערן קולטור. דאָס ערקלערט אונז, וואָ-רום די ערסטע קולטורען האָבען זיך ענטוויקעלט נאָר ביי די ברעגען פון פערשיידענע טייכען און ימים, ווי צ. ב. אין די לענדער, וואָס ליגען ביי די טייכען אייפראַט (פּרת) און טיגרים (חדקל), אויף די אינזלען און האַלב־אינזלען, וואָס ליגען אין מיטעללענדישען ים ביי גריכענלאַנד און איטאַליען. קיינמאָל אָבער האָט זיך די קולטור ניט ענטוויקעלט הויך אין לענדער, וואָס האָבען ניט קיין טייכען און ליגען ווייט פון ים.

ווען מיר זעהען, אַז די וואַסער־וועגען זיינען געווען אַ נעטיגע בע-דינגונג צום פערשפּרייטען קולטור, ווערט אונז קלאָר דער וואַנדערונגס-פּראָצעס פון די קולטור־ראַסען. זיי האָבען צוערסט געמוזט זיך בעזעצען ביי וואַסערן, ביי טייכען, און האָבען פון דאָרט ווייטער געצויגען צו די ימים אום צו ענטוויקלען זייערע קולטורען. פון די צענטראַל־אַזיאַטישע לענ-דער פיהרען מעכטיגע, גרויסע וואַסער־שטראָמען צום צפון, אָבער דיזע שטראָמען ציהען זיך אַוועק ביז די קאַלטע פּאָלאַר־געגענדען, וואו קיין קולטור האָט זיך ניט געקענט בילדען, און מיר ווייסען דעריבער ניט פון קיין וואַנדערונגען, וואָס פעלקער זאָלען האָבען געמאַכט אין דיזער ריכטונג. צו דרום־מזרח פון די צענטראַל־אַזיאַטישע בערג ציהען זיך די גרעסטע אַזיאַ־טישע מדבריות, אין וועלכע אַ קולטור איז גראַדע אַזוי ווענינ מעגליך, ווי אין דעם קאַלטען צפון. נאָר אין דער ריכטונג צו דרום־מזרח, אין די פרוכטבארסטע, רייכסטע געגענדען ביי די ברעגען פון ים, האָבען די כי-נעזער געגרינדעט זייער אַלטע קולטור נאָך דעם, ווי זיי האָבען אַהין אי-בערגעוואַנדערט פון מערב־זייט.

די בעסטע בעדינגונגען פיר די ענטוויקלונג פון אַ העכערער קולטור זיינען געווען אין דרום און מערב פון די צענטראַל־אַזיאַטישע בערגיגע לענ-דער. און אין דיזע ריכטונגען זיינען געגאַנגען די מעהרסטע קולטור־פעל-קער. די ברעגען פון דעם אינדישען אָקעאַן זיינען דעריבער געווען פון די ערסטע ערטער, וואו קולטור־פעלקער האָבען זיך בעזעצט. דאָ האָבען זיך צוערסט בעזעצט די רויטע און דאַן די ווייסע קולטור־ראַסען.

די ערסטע קולטורען האָבען געגרינדעט די סעמיטען: די אַסיריער

(אַשורים), די באַבילאָניער (בבליים), די עגיפּטער (מצרים), די פּעני־ציער (כנענים) א. אַז. וו. ביי די טייכען טיגריס, אייפראַט, ביי דעם נילוס און ביי די ברעגען פון קליין־אַזיען, און די אַריער: די הינדוסען און די פּערסיער, ביי די טייכען גאַנגעס און אינדוס און אין די נאָהענטע לענדער פון די ברעגען פון אינדישען אָקעאַן. זעהר גינסטיג צו ענטוויקלען קולטור זיינען געווען די לענדער אַרום די מיטעלענדישע ימים, ווי אַרום קאַספּישען, שוואַרצען און איבערהויפּט אַרום דעם מיטעללענדישען ים מיט זיין גרויסער צאָהל אינזלען. דערמיט ווערט ערקלערט דער פאַקט, וואָס נאָך דעם, ווי די דרום־ערטער זיינען געווען בעזעצט, האָט זיך אַ פעלקער־שטראָם געצויגען נאָך מערב, נאָך אייראָפּאַ, צווישען וועלכע די וויכטיגסטע קולטור־ראַסע איז געווען די אַרישע.

לויט דיזע ערקלערונגען קענען מיר בעהויפּטען, דאָס די אור־מענשען, וועלכע האָבען זיך צוערסט בעוויזען אין די טראָפּישע לענדער, ד. ה. אין די הייסע געגענדען אַרום עקוואַטאָר, האָבען פון דאָרט אויסגעוואַנדערט נאָך לענדער מיט אַ מעסיגען קלימאַט, צום צפון פון עקוואַטאָר. דאָ, אונטער פערשיידענע לעבענס־בעדינגונגען, האָבען זיי זיך ענטוויקעלט צו העכערע קולטור־ראַסען. דיזע לעצטע האָבען ווידער פערלאָזען זייערע ערטער און האָבען אויסגעוואַנדערט אין די פרוכטבאַרע לענדער פון דרום, וואו זיי האָבען געגרינדעט די ערסטע קולטור פון דער מענשהייט. אַזוי האָט די ערסטע דונקעלע מענשען־ראַסע געוואַנדערט נאָך צפון; דאָרט איז זי געוואָרען העל־פאַרביג און האָט זיך צוריקגעקעהרט צום דרום.

דיזער צוריקקעהר פון מענשען צום דרום האָט פעראורזאַכט גרויסע שטרייטען און בלוט־פערגיסונגען. ווען די אור־מענשען האָבען צום ערסטען מאָל אויסגעוואַנדערט פון זייערע טראָפּישע געבורטס־ערטער, האָבען זיי איבעראַל געפונען פרייע לענדער, וועלכע זיי האָבען געקענט פערנעהמען אונגעשטערט. זיי האָבען פאַר זיך געהאַט נאָר איין מלחמה, איין קאַמף, דאָס איז דער קאַמף מיט דער נאַטור און ווילדע חיות. אָבער ווען די קולטור־ראַסען האָבען אויסגעוואַנדערט פון צענטראַל־אַזיען, אום צוריקצוגעהן אין די לענדער פון דרום, זיינען שוין דיזע אַלע לענדער געווען בעזעצט. די קולטור־ראַסען האָבען דעריבער שוין יעצט געמוזט אָנהייבען אַ נייעם סאָרט מלחמה — אַ מלחמה מיט די מענשען גופא אום צו בעזיגען די נייע ערטער. אַלזאָ, מיט דעם ערסטען אויפטריט פון די קולטור־פעלקער אויף די ביהנע פון דער וועלט־געשיכטע פאַנגט זיך אָן דער בלוטיגער קאַמף צווישען מענש און מענש.

די בעוועגונגען און וואַנדערונגען האָבען זיך אָנגעפאַנגען, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, פון די הייסע געגענדען אין אזיען. ווען די אור־מענשען האָבען פערלאָזען זייערע ערטער אין די טראָפּישע, הייסע לענדער, זיינען זיי דאָס געווען געצוואונגען צו טאָן מחמת צופיעל בעפעלקערונג. ניט פון פערגניגען וועגען האָבען זיי אויסגעוואַנדערט פון זייערע היימישע ערטער און האָבען זיך געלאָזען זוכען אַ היים אין דער פרעמד, נאָר די נויט האָט זיי געצוואונגען צו זוכען מיטלען פיר עקסיסטענץ, וואָס עס האָבען זיי געפעהלט אין זייער אַלטער היים.

די פעלקער, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט פון צענטראַל־אזיען נאָך כינאַ, אינדיען, פערסיען, קליין־אזיען און עגיפּטען, האָבען געהאַט גרויסע שוועריגקייטען ביז זיי זיינען געקומען צו דיזע נייע ערטער, ווייל זיי האָבען אויף זייערע וועגען געפונען פערשיידענע שטערונגען, ווי צ. ב. הויכע בערג, גרויסע מדבריות, ימים און טייכען. גאַנץ אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען מיט די פעלקער־וואַנדערונגען נאָך אייראָפּאַ. די וועגען צו דיזען וועלט־טייל זיינען געווען פיר די אויסוואַנדערער פון צענטראַל־אזיען די בעקוועמליכסטע און נאַטירליכסטע, און דעריבער איז זיי זעהר לייכט געווען אריבערצוואַנדערן אַהין און זיך דאָרט בעזעצען. ביים קאַספּישען ים און שוואַרצען ים ליגען פלאַכע, ניט קיין בערגיגע לענדער מיט פרוכטבארער ערד. דיזער לייכטער וועג פון אזיען נאָך אייראָפּאַ האָט עס געמאַכט, דאָס די וואַנדערונגען האָבען זיך דאָ ווידערהאָלט מעהרערע מאָל.

עס איז אונמעגליך צו געבען אַ ריכטיגעס בילד פון די וואַנדערונגען פון די קולטור־ראַסען. די מיינונגען פון געלעהרטע וועגען דיזען געגענשטאַנד זיינען זעהר פערשיידען און אָפט ווידערשפּרעכען זיי איינע די צווייטע. עס איז אָבער זעהר וויכטיג, אום די געשיכטע פון דער מענשהייט צו פערשטעהן, מען זאָל האָבען אַ וועלכען עס איז בעגריף פון דיזער פעלקער־וואַנדערונג, ווייל אויף דעם און אויף די גרופּירונגען פון דיזע איבערגעוואַנדערטע פעלקער איז די היסטאָריע געגרינדעט.

הגם די אויסוואַנדערונג פון די פעלקער פון אזיען איז פאָרגעקומען אין פערשיידענע צייטען, קענען מיר די וואַנדערונגס־צייט איינטיילען אין צוויי הויפּט־פּעריאָדעס. דיזע איינטיילונג איז געבויט אויף די צוויי הויפּט־טיפּען פון די קולטור־ראַסען, וועלכע אונטערשיידען זיך איינע פון די אַנדערע מיט דעם, דאָס זייערע אור־עלטערן זיינען געוועזן אָפּגעטיילט און דאָס זיי האָבען זייערע וואַנדערונגען אָנגעהויבען אין פערשיידענע צייטען. צו צפון-

צו, אויף די אַלטאַיאישע בערג, האָט זיך ענטוויקעלט אַ גרופּע פון פֿעלקער, וועלכע מען רופט טוראַנישע אָדער מאָנגאָלישע; און דיזע פעלקער־גרופּע איז די עלטעסטע. צו דרום־צו, אויף דעם הינדו־קוש און אויף די הימאַלאַיען, האָט זיך ענטוויקעלט די אַרישע פעלקער־גרופּע, וועלכע האָט צוזאַמען מיט די סעמיטען זיך בעזעצט מעהר צו דרום און האָט אָנגעהויבען איהרע וואַנדערונגען שפּעטער ווי די מאָנגאָלען אָדער טוראַניער.

די מאָנגאָלישע אָדער טוראַנישע פעלקער־גרופּע האָט זיך זעהר פריה ענטוויקעלט. דיזע פעלקער־גרופּע שיינט צו זיין זעהר לעבענס־פעהיג, וויילזי האָט אָנגעפאַנגען איהרע אויסוואַנדערונגען אין אור־אַלטע צייטען און האָט זיי פאָרטגעזעצט ביז אין די געשיכטליכע צייט. דיזע גרופּע האָט זיך פערשפּרייט איבער די ברייטע סטעפּעס פון דעם טוראַן, וועלכער געפינט זיך צווישען די אַלטאַיאישע און אוראַלישע בערג. די טוראַניער אָדער מאָנגאָלען ווערען איינגעטיילט אין דריי קלענערע גרופּעס: כ י נ ע ז י ש ע, ט ע ר ק י ש ־ ט אַ ט אַ ר י ש ע און פ י נ אָ ־ א ו ג ר י ש ע. צו דער פינאָ־אוגרישער גרופּע געהערען: די פינען, לאַפּען, עסטען, ליפלענדער, טשודען, וואָטיאַקען, מאָרדווינען, טשערעמיסען, וואָגולען, אָסטיאַקען, סאַמאָיעדען א. אז. וו., וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין צפון־אזיען און אין צפון־אייראָפּאַ.

פון דער מאָנגאָלישער גרופּע האָבען די כינעזער נאָך אין די גאַנץ אַלטע צייטען זיך אָפּגעטיילט און האָבען זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען אויף אַ בעזונדערען אופן, גאַנץ אַנדערש ווי די אַלע איבעריגע פעלקער פון זייער ראַסע. דאָס זעהט מען קלאָר פון זייער שפּראַך, זייער כאַראַקטער, זייער גלויבען, וועלכע זיינען גאַנץ אַנדערש ווי ביי די איבעריגע מאָנגאָלישע פעלקער.

פיר די געשיכטע פון די פעלקער, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין אייראָפּאַ, איז די פערברייטונג פון די פינאָ־אוגרישע פעלקער די וויכטיגסטע. דיזע פערברייטונג איז זיכער אויף פאָרגעקומען אין דער זעלביגער צייט, ווען די מאָנגאָלען האָבען געוואַנדערט. פּונקט ווי די מאָנגאָלען האָבען אימער געשטרעבט צום מזרח און דרום־מזרח, אזוי האָבען די פינאָ־אוגרישע פעלקער געשטרעבט צו וואַנדערן נאָך מערב. וואָרום עס איז פעסטגעשטעלט, אז די פינאָ־אוגרישע פעלקער האָבען פערנומען דעם גרעסטען טייל פון אייראָפּאַ, ווען די אַרישע פעלקער האָבען ערסט זייערע וואַנדערונגען אָנגעפאַנגען און האָבען די פינאָ־אוגרישע פעלקער צוריקגעטריבען, ביז דיזע זיינען געצוואונגען געוואָרען צו קומען אין די ערטער

וואו זיי געפינען זיך אויך יעצט — אין דעם וויייטען צפון. דאס זאל האבען פאסירט וועניגסטענס איבער צוויי טויזענד יאהר צוריק, ווייל די פארצייטיגע היסטאריקער פטאלעמעאוס און טאציטוס דערמאהנען שוין די פינען אלס איינוואוינער פון היינטיגער ליטא און פון די ווייקסעל־געגענדען.

די פעלקער פון דיזער צווייטער גרויסער איינוואנדערונג, וועלכע האבען ארויפגעלעגט זייער שטעמפעל אויף אלע היינטיגע פעלקער פון אייראפא, ווערען לויט זייער שפראך בעצייכענט מיט דעם נאמען אינדא־גערמאנען, ריכטיגער וואלט געווען — אינדא־אייראפעער, ווייל זיי האבען זיך פערשפרייט ביז דעם סאמע מערב פון אייראפא. די אינדא־גערמאנישע שפראכען קענען איינגעטיילט ווערען אין דריי הויפט־גרופעם: 1) אין צפון — די סלאווישע און דייטשע, 2) אין דרום — גריכישע, לאטיינישע און קעלטישע, 3) אין אזיען צו דרום־מזרח — עראנישע און סאנסקריטישע שפראכען.

נאך איידער די ארישע האבען איינגעוואנדערט אין אייראפא האט זיך שוין געפונען אין א ווינקעל פון אייראפא א פאלק, וועלכעס איז בעקאנט מיט דעם נאמען א י ב ע ר ע ן. איינער פון די שבטים פון דיזען פאלק אונטער דעם נאמען ב א ס ק ע ן איז פערבליבען ביז היינטיגען טאג אין די פירענעאישע בערג. די באסקישע שפראך צייגט, דאס דיזער שבט געהערט גאר צו אן אנדער ראסע, ווייל באסקיש האט קיין שום עהנליכקייט ניט צו די ארישע שפראכען. די אלטע איבערען האבען שוין בעוואוינט שפאניען, פארטוגאל און א טייל פון יעצטיגען פראנקרייך, ווען די פעניציער האבען בעזוכט מערב־אייראפא. אין דעם זעקסטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג האבען זיך אין שפאניען בעוויזען די ק ע ל ט ע ן, וועלכע האבען זיך צוזאמענגעשמאלצען מיט די איבערען אין איין שטאם — אין דעם ק ע ל ט י ש ־ א י ב ע ר ־ ש ע ן, וועלכער האט שפעטער געשפילט א וויכטיגע ראלע אין דער צייט פון די פוניש־רוימישע מלחמות.

וועגען דער אפשטאמונג פון די איבערען, צו וועלכע עס געהערען די באסקען, זיינען די מיינונגען זעהר פערשיידען. איינינע געלעהרטע גלויבען, דאס זייער אור־וואוינונג איז געווען אזיען; אנדערע דענקען, דאס זיי קומען פון אפריקא. אין גרונד גענומען איז עס קיין גרויסער אונטערשייד ניט, ווייל אויך די אפריקאנישע פעלקער קומען ארוים פון אזיען, וואס רעכענט זיך פיר דאס „וויעגעלע פון דער מענשהייט".

ווי מיר האבען שוין פריהער געזאגט, האט זיך די וואנדערונג פון די

קולטור־ראַסען געצויגען טויזענדער יאָהרען. צום ערסטען האָבען איבער-
געוואַנדערט די טוראַנישע אָדער מאָנגאָלישע און שפּעטער די אַרישע פעל-
קער. מיט די וואַנדערונגען פון די אַרישע פעלקער האָבען די מאָנגאָלען נאָך
ניט אויפגעהערט צו וואַנדערן, נאָר זיי האָבען כסדר געהאַלטען אין אַרי-
בערציהען און בעזעצען זיך אַרום די אַריער. די מאַגיאַרען (די אונגאַרען),
וועלכע געהערען צו דער פינישער ראַסע, זיינען ערסט אין דעם 9טען
יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייט־רעכנונג געקומען פון אַזיען אין
זייער יעצטיגע מדינה און די אָפטע אָנפאַלען פון די טאַטאַרען און טער-
קען האָבען זיך געצויגען ביז דער נייער געשיכטליכער צייט.



אַזיאַטישע נאָמאַדען, וועלכע זוכען אַ היים אין עגיפּטען.

אויך די חאַמיטאָ־סעמיטישע פעלקער (בני חם ושם) האָבען פיעלע
אויסוואַנדערונגען געמאַכט. אַ לאַנגע צייט זיינען זיי געווען שכנים מיט
די אינדאָ־גערמאַנישע פעלקער. דאָס איז בעוויזען דורך די פערוואַנדטשאַפט
פון זייערע שפּראַכען, ווי אויך פון דער עהנליכקייט אין זייערע רעליגיאָ-
נען און לעגענדעס. נאָך דעם, ווי זיי האָבען זיך אָפּגעטיילט פון די אינדאָ־
גערמאַנען, האָבען די חאַמיטען (בני חם) צוזאַמען געלעבט מיט די סעמיטען
(בני שם). ערסט נאָך דעם, ווען די פעלקער פון הויך־אַזיען האָבען זיי אַרויס-
געשטופּט פון זייערע ערטער, האָבען זיי זיך איינע פון די אַנדערע אָפּגעטיילט.
די סעמיטען האָבען זיך בעזעצט אין מעסאָפּאָטאַמיען (ארם נהרים) צווישען
די טייכען אייפראַט און טיגרים; די חאַמיטען האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך

אַפריקאַ. דיזע ראַסען זיינען געקומען אין זייערע נייע ערטער ניט אָפּצונעהמען לאַנד דורך מלחמה, נאָר זעהר אָפט אַלס פרידליכע מענשען צו זוכען אַן אָרט, וואו זיך צו בעזעצען און לעבען פרידליך מיט די אַלטע איינוואוינער.

די מעהרסטע אויסוואַנדערונגען האָט דורכגעמאַכט די אינדאָ-גערמאַנישע ראַסע. דיזע וואַנדערונגען זיינען ענג פערבונדען מיט דעם, וואָס די פערשיידענע צווייגען פון דער אינדאָ-גערמאַנישער ראַסע האָבען געשטרעבט אָפּצוזונדערן זיך איינע פון די אַנדערע, און יעדער פון זיי האָט בעזונדער געזוכט פיר זיך אַ היים. דיזע פעלקער-צווייגען ווערען געצעהלט ביז אַכט, נעמליך: אינדיער, עראַניער, איללירער, גריכען, איטאַליער, קעלטען, סלאַווען און גערמאַנען. נאָך דער מיינונג פון פראַנץ מיללער האָבען זיך צוערסט פון דער ראַסע אָפּגעטיילט די איללירער און האָבען זיך בעזעצט אויף די באַלקאַנישע האַלב-אינזעל און אין איטאַליען. שפּעטער האָט די ראַסע זיך צוטיילט אין צוויי הויפּט-טיילען; צו איינעם האָבען געהערט די קעלטען, איטאַליער און גריכען; צום אַנדערן — די עראַניער, אינדיער, סלאַווען און גערמאַנען. די קעלטען האָבען זיך נאָכהער אָפּגעטיילט און זיך בעזעצט אין מערב, די איטאַליער און די גריכען זיינען נאָך אַלץ פערבליבען אין זייער אַלטער היים. אַזוי האָבען זיך אויך אָפּגעטיילט די גערמאַנען פון די אינדיער און סלאַווען און האָבען געוואַנדערט צום צפון. צולעצט האָבען זיך די איטאַליער אָפּגעטיילט פון די גריכען און די סלאַווען פון די אינדיער און עראַניער.

די אויסוואַנדערונג פון די אינדאָ-גערמאַנישע פעלקער פון זייער אור-אָרט זיינען פאָרגעקומען אין פאָלגענדער אָרדנונג: נאָך מזרח זיינען געגאַנגען די עראַניער און אינדיער. צו די עראַניער געהערען די היינטיגע פערסיער, קורדען, אָססעטען, אַרמעניער, בעלודזשען, אַפגהאַנען און אין די אַלטע צייטען — די מעהרסטע פעלקער פון קליין-אַזיען, ווי די פריגיער און די קאַפּאַדאָקיער. די אַנדערע בעוואוינען יעצט די האַלב-אינזעל אינדיען פון צפון ביז צום דעקאַן. די קעלטען האָבען צוערסט אויסגעוואַנדערט ווייט צום מערב און דרום-מערב, וואו זיי האָבען געפונען די איבעריער און זיי אַרויסגעשטויסען פון דאָרט. שפּעטער האָבען די איטאַליער אויסגעוואַנדערט, זיך פערשפּרייט איבער איטאַליען און דעם דרום-מזרח פון אייראָפּאַ און פערטריבען די קעלטען. ענדליך האָבען איבערגעוואַנדערט די גערמאַנען און די סלאַווען. דיזע אויסוואַנדערונגען האָבען זיך געענדיגט מיט דער גרויסער פעלקער-איבערוואַנדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דעם 5טען יאָהרהונדערט נ. קר.

מיר האָבען אין אונזערע ערקלערונגען איבער די וואַנדערונג פון די פעלקער בעריהרט נאָר די קולטור-ראַסען פון דער מעהר אָדער ווייניגער

געשיכטליכער צייט. מיר האבען די וואנדערונג געטיילט אין צווייפעריא-
דעם: די טוראנישע און די ארישע. מיר ווייסען אבער גארניט, וועל-
כע פעלקער האבען בעוואוינט איירא̇פא איידער די טוראניער און איבערען
זיינען אהין געקומען. מיר ווייסען נאר, אז איירא̇פא איז שוין געווען בע-
זעצט נאך פאר דער איינוואנדערונג פון די טוראניער.

דיזע וואנדערונג פון די קולטור=ראסען, איבערהויפט פון דער ערסטער
פעריאדע, האט געשפילט די גרעסטע ראלע אין דער ענטוויקלונג פון דער גע-
שיכטע. אזוי ווי די אלע לענדער, אין וועלכע דיזע קולטור=ראסען האבען זיך
אריינגעכאפט, זיינען שוין געווען בעזעצט פון אור=פעלקער, וועלכע האבען זיך
געוויס געגען די אנקומענדע שטארק געוועהרט, האבען די קולטור=ראסען גע-
קענט דיזע ערטער בעזיגען נאר מיט גוואלד. וואס איז אבער פון דיזע ערסטע
איינוואוינער פון איירא̇פא געווארען? זיי זיינען, נאטירליך, אין די מעהר-
סטע פעלען געווארען אונטעריאכט און פערשקלאפט. און איבעראל, וואו די
קולטורען ענטשטעהען, געהען זיי האנט אין האנט מיט שקלאפעריי. די פער-
שקלאפונג פון אנדערע האט אויף די פערשקלאפער געווירקט צו זייער אייגע-
נעם שאדען, ווייל דאס האט ערוועקט צווישען זיי גופא א חשק צו פערשקלא-
פען זייערע אייגענע שוואכערע, עס האט אויך געוויזען א וועג די שטארקערע
פעלקער, וועלכע זיינען געקומען שפעטער, זיי אלעמען צו אונטעריאכען.
נאר איין כינא האט קיינמאל ניט געוואוסט פון דיזער שקלאפעריי און האט
רוהיג געקענט אנפיהרען איהר ארבייט; אין דעם ליגט עס דער סוד,
וואס די כינעזער בעזיצען אזא וואונדערבארע לעבענס=פעהיגקייט, וואס
האט זיי געגעבען א מעגליכקייט צו איבערלעבען כמעט אלע אלטע קול-
טור=פעלקער, און נאך היינט האבען זיי שטארקע האפנונג צו ענטוויקלען
זיך גלייך מיט די איבריגע קולטור=פעלקער פון אונזער צייט.

די קולטור=פעלקער, וועלכע האבען איינגעוואנדערט אין די נייע לענדער,
האבען צווישען זיך אנפאנגס געלעבט פרידליך, זיי האבען ניט געשטרעבט צו
אונטעריאכען און פערשקלאפען איינע די אנדערע. מיר ווייסען וועגען די ארי-
ער, דאס זיי האבען ליב געהאט פרייהייט, האבען ניט געקענט ליידען קיין אונ-
טערטעינגקייט, דאס אפילו זייערע אייגענע קעניגען האבען ניט געהאט קיין
גרויסע און שטארקע מאכט איבער זיי. זייערע קעניגען זיינען נאר געווען די
אנפיהרער אין א צייט פון מלחמה, אבער מיט דער אונטעריאכונג פון די אור=
בעוואוינער האט זיך אויך געענדערט דער בליק אויף פרייהייט ביי די איינגע-
וואנדערטע קולטור=פעלקער. דאס פערשקלאפען איינע די אנדערע האט גע-
פיהרט צו שרעקליכע מלחמות צווישען די איינגעוואנדערטע קולטור=פעלקער

און די מלחמות זיינען עס יאָהרהונדערטער געווען דער הויפּט־געגענשטאַנד אין דער געשיכטע פון פעלקער.

די פריהערדיגע היסטאָריקער האָבען איינגעטיילט די פעלקער אין צוויי קלאַסען: אין קריגערישע פעלקער און אין פרידליכע. צווישען די פרידליכע פעלקער האָבען זיי גערעכענט די כינעזער, וועלכע האָבען אימער ליב געהאַט די אַרבייט, די אינדוסטריע, מעהר ווי מלחמה—זיי האָבען ליב געהאַט בעסער בויען ווי צושטערן — און דאָס האָט זיי געמאַכט אונפעהיג אָנטייל צו נעהמען אין דעם געשיכטליכען גאַנג פון די איבריגע קולטור־פעלקער. די אורזאַך דער־פון איז די געאָגראַפישע לאַגע פון כינאַ. דיזעס לאַנד איז דורך נאַטירליכע פערהעלטניסען אָפּגעשלאָסען, אָפּגעצאַמט פון אַלע איהרע שכנישע לענדער. אין צפון פון כינאַ געפינען זיך מדבריות, וויסטעניסען; אין מערב — גרויסע בערג; די איבריגע זייטען זיינען בעשיצט פון ימים. דיזע נאַטירליכע גרענ־צען האָבען בעשיצט די כינעזער פון אנדערע פעלקער, יענע זאָלען זיי ניט קע־נען בעפאַלען. דעריבער האָבען עס די כינעזער אונגעשטערט געקענט זיך ענט־וויקלען און רוהיג אַרבייטען פיר זייער קולטור. גאַנץ אַנדערס זיינען אָבער די אומשטענדען אין מערב־אַזיען און אין אייראָפּאַ. די געאָגראַפישע לאַגע פון די לענדער דאָרט זיינען מעהר צוגעפּאַסט צו אַ לייכטען פערקעהר צווישען זיך. דער פּלאַץ פון דיזע לענדער איז קליין, צו קליין צו ענטוויקלען אַ פרייע קולטור. די פעלקער פון דיזע לענדער זיינען ניט ווילענדיג געקומען אין צוזאַמענשטויס; דאָס האָט געפיהרט צו פערשיידענע שטרייטען און מלחמות און אייראָפּאַ איז געוואָרען אַ שטענדיגעס שלאַכט־פעלד. אַלזאָ, דער קריגערישער גייסט פון די מערב־אַזיאַטישע און אייראָפּעאישע פעל־קער איז ניט קיין נאַטירליכער, וואָס זיי האָבען גע'ירש'ענט פון זייערע עלטערן, נאָר ער האָט זיך ענטוויקעלט אין זיי צוליב דער געאָגראַפישער לאַגע פון זייערע לענדער. ווען מען וואָלט די כינעזער בעזעצט אין אייראָ־פּאַ און פערקעהרט, די אַרישע פעלקער — אין כינאַ, וואָלטען די כינעזער געוואָרען מלחמה־לייט און די אַריער וואָלטען געוואָרען פרידליך.

אָבער די געשיכטע הייבט אָן צו ענדערן איהר אינהאַלט און איהר גאַנג, זי הייבט אָן צו אינטערעסירען זיך מעהר מיט דער קולטור, מיט דער אַרבייט פון דער מענשהייט, מיט איהר פרידליכען פּראָגרעס, ווי מיט פערניכטיגונג און צושטערונג.

די אַלטע צייט.

פון דער ענטשטעהונג

פון די

עלטעסטע מלוכות

ביז

צום אָנפאַנג

פון דער

פעלקער-וואַנדערונג

(375 נ. קר.).

I. די פעלקער פון די מזרח-לענדער.

1. די כינעזער.

פון די עלטעסטע צייטען ביז צו דער טאַנג-דינאַסטיע (618 נ. קר.).

די אייראָפּעאישע היסטאָריקער האָבען ביז דער לעצטער צייט די כינעזער בעהאַנדעלט ווי שטיף-קינדער און האָבען זיי אָפּגעזאָגט וועלכען עס איז אָנטייל אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. מען דערמאָהנט די כינעזער מאַנכמאָל אַלס אַ קולטור-פאָלק, ווייל אין פיעלע פּרטים האָבען זיי זיך ווירקליך זעהר פריה ענטוויקעלט; דאָך רעכענט מען, אַז זיי פערדינען ניט מען זאָל זיי געשיכטליך בעהאַנדלען, הגם זייער צאָהל איז אונגעהייער גרויס, כמעט אַ פערטעל פון דער גאַנצער מענשהייט, און זיי האָבען איבערגעלעבט אַלע געשיכטליכע פּעריאָדעס. שוין צוליב זייער צאָהל און אַלטקייט אַליין האָבען די כינעזער ביי אונז פערדינט, אַז מיר זאָלען זיך צו זיי בעציהען מיט גרויס אינטערעס. מיר זיינען אָבער צו גרויס ביי זיך צו אָנערקענען די כינעזער אַלס אַ געשיכטליכעס קולטור-פאָלק, אונזער שטאָלץ פערבלענדט אונז די אויגען צו בעטראַכטען זיי אונפּאַרטייאיש. מיר רעכנען, אַז נאָר אונזער ראַסע איז די איינציגע, וואָס פערדינט דעם נאָמען קולטור-ראַסע; די איינציגע, וועלכע האָט געגעבען דעם אמת'ען, ריכטיגען טאָן פון דער געשיכטע.

עס איז זעהר נאַטירליך, דאָס די אַרישע פעלקער זאָלען זיך אינטערעסירען מיט זייער אייגענער קולטור פיעל מעהר ווי מיט די פרעמדע קולטורען. אָבער עס איז אַ גרויסער פעהלער צו גלויבען, אַז נאָר די אַריער אַליין מיט זייער קולטור האָבען גליקליך געמאַכט די וועלט, דאָס זייערע זיטען, זייערע מנהגים זיינען די איינציגע, וואָס פערדינען, אַז די מענשהייט זאָל זיי אָננעהמען און אַלע אַנדערע האָבען קיין שום ווערט ניט. דער פאַקט אַליין, וואָס פיעלע פון אונזערע קולטור-פעלקער זיינען שוין

לאַנג אונטערגעגאַנגען, עס איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבען, בעוויזט, דאָס מיר דאַרפען זיין פאָרזיכטיג מיט אונזערע אורטיילען.

אין פערשיידענע ציימען האָבען זיך ענטוויקעלט צווישען דער מענש־הייט פערשיידענע קולטור־קרייזען, וועלכע זיינען געווען צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון די פעלקער. יעדע קולטור, וואָס איז צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער, צו די איינגענשאַפטען פון אַ געוויסען פאָלק אָדער צו אַ געוויסער גרופּע פון פעלקער, האָט דאָס פולע רעכט צו עקסיסטירען און פערדינט אָנערקענט צו ווערען, ווען אַפילו זי איז אונז פרעמד און געגען אונזערע בעגריפען. די כינעזישע קולטור איז אונז ווירקליך פרעמד און כמעט אונ־פערשטענדליך, אָבער דיזע קולטור עקזיסטירט, זי איז צוגעפּאַסט צום לעבען פון אַ גרויסען פאָלק, וועלכעס לעבט און ווירקט שוין אַזוי לאַנג. מיר מוזען דעריבער פאַר דיזער קולטור האָבען רעספּעקט. הגם די כינעזער האָבען קיין אָנטייל ניט גענומען אין אונזער געשיכטליכער ענטוויקלונג און זייער געשיכטע האָט פיר אונז קיין אינטערעס ניט, קיין געשמאַק, קע־נען מיר פון זיי דאָך עטוואָס לערנען, צום וועניגסטען קענען מיר פון זיי לערנען דעם סוד פון ל ע ב ע נ ס ־ פ ע ה י ג ק י י ט. אונזערע אונ־פריינדליכע בעציהונגען צו די כינעזער פערענטפערן מיר געוועהנליך מיט דעם, וואָס זיי זיינען געבליבען שטעהן אויף איין אָרט און ענטוויקלונג און געהען ניט וויימער אויף דעם וועג פון פּראָגרעס. עס איז אמת, אַז די כינעזער האָבען שוין לאַנג צוריק דערגרייכט אַ געוויסע שטופע, אַפילו אַ הויכע שטופע פון קולטור, אָבער דאָ זיינען זיי געבליבען אונבעוועגליך שוין טויזענדער יאָהרען.

אָבער מיט וואָס קענען מיר ערקלערען דעם וויכטיגען פאַקט, דאָס אין דער נייער צייט האָבען זיך די כינעזער אַזוי שטאַרק פערמעהרט? אין ערסטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג איז די צאָהל פון כינעזער געווען עטוואָס העכער פון צוואַנציג מיליאָן נפשות און צום סוף פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז זייער צאָהל געוואַקסען ביז 160 מיל־יאָן, יעצט האָט זי געשטיגען ביז 400 מיליאָן. די פערמעהרונג פון אַ פאָלק ווערט אימער בעטראַכט אַלס אַ צייכען פון זיין פאָרשריט. און דאָס איז באמת ריכטיג, וואָרום ווען אויף דעם זעלביגען אָרט, וואו עס זיי־נען פריהער געזעסען און געלעבט 20 מיליאָן מענשען, קענען יעצט לעבען און שאַפען 400 מיליאָן, מוז מען דערפון שליסען, אַז דאָס פאָלק האָט פּראָגרעסירט עקאָנאָמיש, געזעלשאַפטליך און שטאַאַטליך. אין דעם לע־בען פון די פעלקער קען ניט זיין קיין שטילשטאַנד, ווי עס איז ניטאָ קיין

שטילשטאַנד אין דער נאַטור בכלל. עס קען נאָר זיין איינס פון די צוויי: פאָרשריט אָדער ריקשריט. פערמעהרונג פון א בעפעלקערונג און ריקשריט זיינען צוויי זאַכען, וואָס זיינען כנגד איינע דער אַנדערער. דעריבער איז די בעהויפּטונג פון די אייראָפּעאישע פעלקער וועגען דעם שטילשטאַנד פון די כינעזער זעהר אַ פאַלשער, עס איז גאַנץ מעגליך, אַז אין דער נאָהענטער צוקונפט וועלען מיר מוזען מיט די כינעזער זיך ערנסט רעכנען. מיר מעגען דעם ווערט פון זייער קולטור פערקלענערן וויפיעל מיר ווילען, אָבער מיר קענען ניט אָפּלייקענען, דאָס זיי זיינען די העלדען פון אַ ר־ב י י ט. די אַרבייט איז אין דער מענשליכער וועלט ניט קיין קלענערע מאַכט ווי דער שווערד. די צייט פון דעם שווערד׳ס ממשלה האַלט ביים אונטערגעהן, די צוקונפט טרעט אַרויס אונטער דער פאָהן פון אַרבייט. און דאַן וועלען די כינעזער ערשיינען אויף דעם קאַמף־פּלאַץ מיט אונז און דאָ וועלען זיי אונז לאָזען פיהלען זייער מאַכט.

דער הויפּט־אונטערשייד צווישען דער אייראָפּעאישער קולטור און דער כינעזישער בעשטעהט אין דעם, וואָס ביי די אייראָפּעער איז די קולטור־געשיכטע פון ש ו ו ע ר ד, וועז ביי די כינעזער איז עס די געשיכטע פון דער ס אָ כ ע. מיט דער סאָכע, מיט דעם אַקער־אייזען האָבען די כינעזער איינגענומען זייער לאַנד, מיט דער סאָכע האָבען זיי פעלקער אונטערגעיאָכט, מיט דעם אַקער־אייזען האָבען זיי זייערע שונאים, די בעזיגער פון זייער איינענעם לאַנד, ווידער פערניכטעט און זייער זעלבשטענדיגקייט גערעטעט. ביי די וויסטע ברעגען פון דעם טייך פעי־האָ, ווי אין די פרוכטבאַרסטע געגענדען פון כינאַ, איז איבעראַל און אונטער אַלע אומשטענדען די אַרבייט דער יסוד. לײדער סימפּאַטיזירען די אייראָפּעער וועניג מיט אַזאַ יסוד, פיר זיי איז פיעל גרויסאַרטיגער, פיעל אָנציהענדער דער שווערד. אונטער די דונערן פון האַרמאַטען, קאַנאָנען, אונטער דעם פייער פון ביקסען, אונטער די קרעכצען פון די פערוואונדעטע אויף׳ן שלאַכטפעלד פיהלען זייערע הערצער עפּעס אַ בעזונדערעס פערגניגען און זיי בעטראַכטען אַ בלוט־בעשפּריצטען זיגער מיט גרויס רעספּעקט און אַ בעזונדערן יראת הכבוד. אַלס אַ פאָלק פון סאָכע, פון אַרבייט, האָבען דעריבער די כינעזער פיר אונזערע מאָדערנע פעלקער קיין אָנציהונג ניט, הגם מיר האָבען פיעל, פיעל צו לערנען פון די כינעזער. זייער צוריקגעשטאַנענע געשיכטע וואַרפט אַ שאָטען אויף אונזער פאָרשריט.

די געשיכטע פון די כינעזער איז די געשיכטע פון פאָלק זעלבסט, ניט פון קעניגליכע דינאַסטיעס. די כינעזער האָבען דורכגעמאַכט אַלע פאָ־

ליטישע פּריאָדעס, וואָס די אײראָפּעער האָבען דורכגעמאַכט, נעמליך: דעספּאָטיע און פעאָדאַליזם. די כינעזער האָבען אָבער פיעל וױיטער געבראַכט, ווי די אײראָפּעער. די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן פון די כינעזער איז יעצט אויף אַ פאָלשטענדיג דעמאָקראַטישען פונדאַמענט.

ערד־אַרבײט בײם ברעג פון טײך פּײ־האָ (כינא).

אין כינא האָבען די פאָלקס־אינטערעסען נאָך פון אור־אַלטע צײטען פ ע ר נ ו מ ע ן דעם וויכטיגסטען אָרט. דאָס בעווײזען אונז די אור־אַלטע מאָנומענטען און היסטאָרישע דאָקומענטען פון די אַלטע צײטען. ווען מיר בעטראַכטען די אַלע פּ י ר א מ י ד ע ן פון עגיפּטען, די אונגעהײער גרויסע קעניגליכע פּאַלאַצען פון פּערסיען, אינדיען, ב ב ל און א ש ו ר, וואָס אויף בויען זײ האָבען הונדערטער טויזענדער מענשען געאַרבײט צעהנדליגע יאָהרען, פערשטעהען מיר, דאָס די דאָרטיגע פעלקער זײנען געוועזען פערשקלאַפּט, ווײל דורך פרײע ארבײט איז אונמעגליך אַזעלכע אונגעהײער גרויסע בנינים

אויפצושטעלען. דאָס פאָלק בכלל האָט פון דעם קיין נוצען ניט געהאַט, נאָר געצוואונגענע ארבייט האָט אַזעלכע געביידעס געקענט שאַפען. אין כינאַ אָבער זיינען אַזעלכע ריזיגע אונטערנעהמונגען געמאַכט געוואָרען פון פאָלק פיר דאָס פאָלק, פיר זיינע אייגענע נוצען, ווי צ. ב. די וועלט-בעריהמטע כינעזישע וואַנט, וואָס האָט פון אַלטע צייטען בעשיצט דאָס גאַנצע לאַנד, דאָס פאָלק, פון ווילדע שבטים און פעלקער. די אונגעהייער גרויסע קאַנאַלען און וואַסער-לייטונגען, וועלכע האָבען וויסטע ערטער פרוכטבאר געמאַכט, זיינען אויך פון פאָלק און פיר דאָס פאָלק געמאַכט געוואָרען. דאָס אַלץ ווייזט דעם פּאָליטישען צושטאַנד פון די כינעזער, וועלכער האָט זיי אַפילו געצוואונגען צו ארבייט, אָבער דאָך פיר זייערע אייגענע נוצען און ניט נאָר אום צופרידען צו שטעלען דעם קאַפּריז פון א דעספּאָט, א הערשער. מיר טרעפען אַפילו סמנים פון געצוואונגענער ארבייט פיר די דעספּאָטען, צ. ב. די קברים פון די הערשער פון דער מינג-דינאַסטיע, אָבער דיזע כענעזישע געצוואונגענע ארבייט אין פערגלייך מיט די געצוואונגענע אַרבייטען ביי די עגיפּטישע פּיראַמידען זיינען ווי א קאַרליק געגען א ריז.

די געשיכטע פון כינאַ ווייזט, אַז דאָס פאָלק האָט זיך ענטוויקעלט פון זיך זעלבסט אויף דעם יסוד פון זיין פלייסיגקייט צו ארבייט. קיין פירסטען, קיין פּאָליטישע פּאַרטייען, קיין פרעמדע זיגער האָבען ניט בע-שטימט דעם גאַנג פון דער כינעזישער געשיכטע. ווען עס זיינען פּאָרגע-קומען שטורמישע צייטען, וועלכע האָבען זיי אַראָפּגעשלאָגען פון זייער וועג, האָבען זיי זיך געקעהרט צו זייער אַרבייט, צו דער סאָכע. אַט אין דעם בעשטעהט דער קאָנסערוואַטיווער גייסט פון די כינעזער און דאָס איז, וואָס די אייראָפּעאישע היסטאָריקער האָבען גערופען מיט'ן נאָמען דער כינעזישער שטילשטאַנד.

די מיטהאָלאָגישע צייט. ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, איז דער פונדאַמענט פון דער כינעזישער געזעלשאַפט די סאָכע, ערד-אַרבייט. אויף דיזען יסוד זיינען געוועזן געבויט אַלע איהרע אינסטיטו-ציאָנען. ווער עס האָט זיך ניט געוואָלט בעשעפטיגען מיט ערד-אַרבייט, דעם האָבען די כינעזער פעריאָגט אין די נאָהענטע מדבריות, וואו ער האָט גע-קענט לעבען אַלס נאָמאַד, אַלס פּאַסטוך, אָבער האָט ניט געטאָרט צוריק-קומען אַלס נאָמאַד אין זיין פאָטערלאַנד, אין כינאַ. אויף דעם אופן האָ-בען זיך אין כינאַ ענטוויקעלט צוויי פערשיידענע פאָלקס-שטאַמען: די כינעזישע ערד-ארבייטער און טאַטארישע נאָמאַדען. דיזע צוויי שטאַמען



אַ כינעזישער קבר־מאָנומענט.

האָבען איינע די אַנדערע פיינד געהאַט, איבערהויפּט האָבען די טאַטאַ-רען פיינד געהאַט די כינעזישע ערד־אַרבייטער און פלעגען זיי אָפט בעפאַלען.

פון די אור־אַלטע צייטען אָן ביז דער יעצטיגער צייט בעמערקען מיר אין דעם כינעזישען פאָלק אַן אונגעהייער שטאַרקען פלייס און א געזונדען פערשטאַנד צו טאָן און שאַפען נאָר וואָס איז ניצליך און פּראַקטיש. דיזע אייגענשאַפטען האָבען געשטעלט די כינעזער פיעל העכער פון אַלע מערב־אַזיאַטישע פעלקער. דיזער געגענזאַץ צווישען כינא און די פעלקער פון מערב־אַזיען ווערט שוין אָנגעוויזען אין זייער מיטהאָלאָגיע.

די כינעזער, ווי אַנדערע פעלקער, האָבען אויך דורכגעמאַכט די דונקעלע פעריאָדע, וואָס ווערט געוועהנליך בעצייכענט אַלס מיטהאָלאָגי-שע צייט. דיזע פעריאָדע ביי די כינעזער פאַנגט זיך אָן פון דער עלטעסטער צייט ביז דער הערשאַפט פון זייער בעריהמטען פּאַטריאַרך יאַאָ, ד. ה. ביז 235 פ. קר. די כינעזער גלויבען, דאָס דיזע צייט האָט זיך געצויגען 3 מיליאָן 266 טויזענד יאָהר. אייניגע געלעהרטע גלויבען, אַז דיזע פעריאָדע האָט זיך נאָך לענגער געצויגען!

אין דער מיטהאָלאָגיע פון די אייראָפּעאישע פעלקער הערשט דער גייסט פון העלדען פון מלחמה. אין דער גריכישער מיטהאָלאָגיע צ. ב. ווערט דערצעהלט, ווי די ערסטע צייט פון דער וועלט־ענטשטעהונג האָבען די טיטאַנען, די האַלב־געטער, געשטריטען און פערניכטעט איינע די אַנדע-רע, העלדען־טאַטען האָבען געשפּילט די גרעסטע ראָלע, דער קריגערישער גייסט איז געוועזען די גרעסטע מעלה פון מענשען. אין דיזע שטרעבונגען און פערגעטערונג פון דער צושטערונגס־קראַפט שפּיגעלט זיך אָפּ דער כאַ-ראַקטער פון די אַלטע אַרישע, אייראָפּעאישע פעלקער. ביי די כינעזער בעגעגנען מיר ניט קיין הערקולעס, קיין טהעסעאוס, קיין מלחמה־עקס-פּעדיציאָן פון אַרגאָנאַווטען, פון וועלכע די מיטהאָלאָגיע דערצעהלט אונז. די העלדען פון דער כינעזישער מיטהאָלאָגיע זיינען העלדען פון א ר - ב י י ט, העלדען פון ע ר פ י נ ד ו נ ג ע ן, פאַר וועלכע דער כינעזער בוקט זיך, ווי דער אייראָפּעער פאַר די העלדען פון שווערד. די עלטעסטע כינעזישע פּאַטריאַרכען און פירסטען, ווי יאַאָ, שון, יו און אַנדערע, זיינען געוועזען העלדען, וועלכע האָבען געמאַכט גאַסען, אויסגעאַרבייט וועל-גען, אויסגעהאַקט וועלדער און אויסגעטריקענט זומפּען צו שאַפען פּלאַץ פיר ערד־אַרבייט. די העגט פון דעם פּאַטריאַרך יו — דערצעהלט די כינע-זישע מיטהאָלאָגיע — זיינען געוועזען אזוי האַרט, ווי ביי א שמיד. ער איז געוועזען אזוי פערהאַרטעוועט, דאָס ער האָט קיין מורא ניט געהאַט

פאר קיין וועטער. אונטער דעם שיין פון די געטער האט ער געמאכט לאנגע, ווייטע רייזעס איבער די גרענצען פון כינא און איבעראל האט ער בענוצט זיין ענערגיע צו מאכען דאס לאנד פעהיג פיר בעארבייטונג.

די כינעזישע היסטאריקער זוכען צו איבערשטייגען איינע די אנדערע אין בעווייזען וועמען פון זייערע גרויסע פארצייטיגע פירסטען צו־צו־שרייבען די פיעלע ערפינדונגען פיר ערד־ארבייט, פיר פייער־מאכען, פיר מעטאל־בעארבייטונג, די שריפט, אסטראנאמיע, קאמפאס א. אז. וו. דיזע אלע ערפינדונגען זיינען אייגענטליך דער פראדוקט פון דעם פאלקס־גייסט פון די כינעזער. דאס ווייזט אונז נאך אמאל, אז די כינעזער פערעהרען ניט דעם שווערד, די מלחמות, מענשען־מארד, נאר זיי עהרען ארבייט, ערפינדונג און פראדוקציאן פון נוצליכע זאכען.

די כינעזער האבען אין זייער נייער היים, אין כינא, איינגעוואנדערט אלס נאמאדען, ווי אלע אנדערע וואנדער־פעלקער. די ערסטע פיהרער זייערע זיינען געווען פאטריארכען. מיט א צייט שפעטער, ווען זיי האבען זיך שוין פעסט בעזעצט אין לאנד, זיינען זייערע רעגירער געווען פירסטען. דיזע פירסטען זיינען געווען א לאנגע צייט אויסגעוועהלט און זייער מאכט איז ניט איבערגעגאנגען בירושה צו זייערע קינדער. די פירסטען פון יענער צייט ווערען נאך מאנכמאל בעטראכט אלס פאטריארכען (אבות), ווי צ. ב. דער קיסר יאא. אונגעפעהר אין 3טען יאהר־טויזענד פ. קר. האבען זיך אנגעפאנגען אין כינא קעניגליכע דינאסטיעס. אבער די געזעצען פון די כאמע ערסטע רעגירער, די פאטריארכען, זיינען געבליבען ניט געענדערט ביז היינטיגער צייט. דער הייפט־פונדאמענט פון כינעזישען פאלק איז די פאמיליע. אויף דיעזען פונדאמענט זיינען געבויט די עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע אינטערעסען פון פאלק. די פאמיליע איז אויך די הויפט־שטיצע פון פאליטישער זעלבשטענדיגקייט געגען דער מאכט פון דער רעגירונג. די כינעזישע פאמיליע איז נאך אויך אין היינטיגער צייט א מין משפחה־געמיינדע. די פערהייראטע זיהן בלייבען אין פאטער'ס הויז מיט זייערע פאמיליעס אפט עטליכע דורות. דיזע פאמיליעס האבען געמיינשאפטליכע אינטערעסען און ארביימען צוזאמען. ווייל די כינעזער האבען קיינמאל ניט צוגעלאזען ביי זיך קיין שקלאפעריי, איז די ארבייט אימער געבליבען אין זייערע הענט און דאס האט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו בעהאלטען זייער זעלבשטענדיגקייט און שטיצען זיך געגען וועלכען עס איז אנגריף אויף זייער פרייהייט.

דורך דעם פאקט, וואס די עקסיסטענץ פון די כינעזער איז געגרינדעט

אויף אַרבייט, ווערט אונז אויך קלאָר די געשיכטע פון אַלע אַנדערע קול-
טור־פעלקער, הגם זי איז אַזוי פערשיידען פון דער כינעזישער. ווי מיר
האָבען שוין פריהער בעמערקט, איז די קולטור־וועלט געבויט אויף די פּראָ-
דוקטען, וואָס דער מענשליכער ערפינדונגס־גייסט שאַפט. עס פערשטעהט
זיך, אַז וואָס מעהר די קולטור־פּראָדוקטען זיינען, אַלץ העכער איז די
קולטור. דאָס גאַנצע שטרעבען פון מענשען איז צו שאַפען וואָס מעהר קול-
טור־גיטער, ווייל אויף דעם בערוהט די הויפּט־מאַכט פון דער מענשליכער
געזעלשאַפט. עס איז אַ כלל, אַז וואָס מעהר אַ מענש בעזיצט, אַלץ גרע-
סער איז זיין מאַכט. מאַכט איז בעזיץ. ווער עס האָט פיעל ערד אָדער
פיעלע שאַפענדע הענט, שקלאַפען, דער האָט די מאַכט. די וועלט־גע-
שיכטע בעהאַנדעלט איבערהויפּט די פראַגע פון מאַכט. די מאַכט האָט זיך
אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער נאָר דאָרט ענטוויקעלט, וואו קולטור
און רייכטום זיינען געשאַפען געוואָרען. מיר האָבען נאָך קיינמאָל ניט
געהערט, דאָס אַ קריעגס־העלד זאָל זיך אַוועקלאָזען צום אייזיגען נאָרד־
פּאָל, אום דאָרט זיינע גבורות צו בעווייזען, ווייל דאָרט איז ניטאָ וואָס
אָפּצונעהמען, ווייל דאָרט זיינען ניטאָ קיין קולטור־גיטער.

עס זיינען דאָ צוויי וועגען ווי צו קריגען קולטור־גיטער, אָדער —
וואָס דאָס איז איינס און דאָס זעלביגע — ווי צו בעקומען מאַכט. איין וועג
איז — מיט גוואַלד, מיט'ן שווערד אָפּצונעהמען קולטור־גיטער פון די,
וואָס האָבען זיי געשאַפען. דיזע צוויי וועגען זיינען גוואַלדיגע געגנער איי-
נער פון דעם צווייטען: די אַרבייט שאַפט און דער שווערד צושטערט.
ווערקצייג און שווערד זיינען פון אייביג אָן די גרעסטע שונאים צווישען זיך
און קעמפען איינער מיט דעם אַנדערן. דיזער קאַמף צווישען ווערקצייג און
וואַפען איז דער הויפּט־אינהאַלט פון דער וועלט־געשיכטע. דאָס ווערקצייג,
וואָס שאַפט גיטער, וואָס שאַפט די קולטור, מוז ענדליך אויך זיין דער
זיגער אין דיזען אייביגען קאַמף. דער שווערד איז דער אייביגער פּאַראַזיט,
דער דאַרמאָיעדניק, וואָס האָט אימער געלעבט אויף'ן חשבון פון דעם ווערק-
צייג.

דיזער גרונד־בעגריף פון מאַכט ווייזט זיך אַרוים קלאָר אין דער געשיכ-
טע פון כינאַ. די כינעזער האָבען איבערגעלעבט אַלע אַנדערע פעלקער און
יעצט בעזיצען זיי נאָך אַזאַ שטאַרקע פעהיגקייט צו פּראָדוצירען, וועלכע
גיט זיי די מעגליכקייט צו שאַפען די עקסיסטענץ־מיטלען פיר איבער אַ פער-
טעל פון דער גאַנצער מענשהייט. איז דאָס ניט אַן אונגעהייער גרויסע
מאַכט? דיזע מאַכט האָבען די כינעזער צו פערדאַנקען נאָר זייער אַר-

בייט. דאָס ווערקצייג פון דעם כינעזער האָט איבערגעלעבט דעם שווערד פון אַלע אַלטע קולטורען.

די אָפּגעזונדערטקייט פון די כינעזער, זייער צוריקהאַלטען זיך פון די אַנדערע קולטור=פעלקער (וועלכעס איז אגב פיעל איבערטריבען) ערקלערט זיך זעהר לייכט. די פערסיער און די רוימער צ. ב. האָבען זייער גאַנצע מאַכט, זייערע אימפּעריעס, געגרינדעט אויף דעם שווערד. דאָס זיינען



לאַ=אָ=טסע. (נאָך אַ כינעזישען אָריגינאַל.)

געווען פעלקער, וואָס האָבען געזוכט צו בעזיגען לענדער, וועלכע האָבען קולטור=גיטער נאָר ווייניג געשאַפען און זיי איז ליבער געווען גיטער צו רויבען, אָפּנעהמען זיי מיט'ן שווערד. אין דער כינעזישער געשיכטע קומט ניט פאָר קיין איינציגער פאַל, דאָס זיי זאָלען בעפאַלען און בערויבען אַן אַנדער פאָלק; די כינעזער האָבען אַלע זייערע קולטור=גיטער אַליין געשאַפען און האָבען דעריבער ניט געהאַט נעטיג אַן אַנדער פאָלק אָדער לאַנד

צו בערויבען אום זיך צו בערייכערן. דערפאַר אָבער האָבען זיי געדאַרפט מורא האָבען, דאָס זיי זעלבסט זאָלען ניט בערויבט ווערען פון אַנדערע. און דעריבער איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס זיי האָבען זיך אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט און האָבען שווער געמאַכט פיר פרעמדע צו־צו־קומען צו

קאָנג־פו־טסע. (נאָך אַ כינעזישען אָריגינאַל.)

זייער לאַנד. און צוליב דעם האָבען עס זיך די כינעזער אַרומגעשלאָסען מיט דער בעריהמטער כינעזישער וואַנט. די כינעזישע וואַנט איז ניט גע-בויט געוואָרען פון קאפּריז, בלויז צו אָפּזונדערן זיך פון אַנדערע פעלקער, נאָר צו אַ ניצליכען צוועק — צו שיצען זיך געגען די בעפאַלען פון די באַר-

די כינעזישע וואנט.


SUD-EST
SUD.O

בארישע פעלקער פון צפון. ווען די כינעזער וואָלטען ניט געווען א פאָלק פון ארבייט, נאָר א פאָלק פון שווערד, וואָלטען זיי זיך ניט אָפּגעשלאָסען פון אַלע אַנדערע פעלקער און וואָלטען זיך אויך אין דער וועלט־געשיכטע גע־מאכט א „בכבוד'ען" נאָמען אַלס קריגס־העלדען און זיגער.

עס וואָלט געווען פאַלש, ווען מיר זאָלען בעהויפּטען, דאָס אין כינא האָט דער שווערד גאָר קיינמאָל קיין ראָלע ניט געשפּילט. עס איז א כלל, דאָס די זעלביגע אורזאכען ברייגגען די זעלביגע ווירקונגען. ווען אין כינא זיינען די קולטור־גיטער פערמעהרט געוואָרען האָבען זיך אויך דאָרט געפונען געגנוג מענשען, וואָס זיינען ניט געווען פעהיג צו פערשאַפען זיך גיטער דורך אייגענעם פלייס און אייגענע אַרבייט, און האָבען עס געזוכט צו שאַפען דורך דעם שווערד. מיר געפינען, אז דאָס פרידליכע פּאַטריאַר־כאַלישע לעבען אין כינא איז כיסלאַכווייז בעזייטיגט געוואָרען דורך די גוואַלד־געזעצען פון רעגירונג. דער שווערד האָט אויך אין דיזען לאַנד גע־זוכט ווי נאָר מעגליך צו מאַכען זיך בעקוועם אין לאַנד. אָבער דעם שווערד איז געשטאַנען ענטקעגען דער מאַכט פון דעם אַרבייטסזאַמען כינעזישען פאָלק. און די כינעזישע דינאַסטיעס זיינען דעריבער געבליבען ניט אַהין און ניט אַהער, זיי זיינען געוואָרען דעספּאָטען, אָבער אָהן דעספּאָטישער מאַכט.

די געשיכטע פון די ערסטע כינעזישע דינאַסטיעס זיינען איינגעווי־קעלט אין א שלייער פון לעגענדע. לאַ־אָ־טסע (600 פ. קר.), דער בעגרינדער פון דער כינעזישער רעליגיאָן „טאאָ", דער רעליגיאָן פון שכל, ערצעהלט פון דער אַלטער צייט פון כינא און איהרע דינאַסטיעס. אָבער דאָס, וואָס ער ערצעהלט, געהערט צו לעגענדע און ווערט ניט בעטראַכט אַלס היס־טאָריע. ערסט מיט קאָנג־פו־טסע (קאָנפוציוס, 551 — 478 פ. קר.) הייבט זיך אָן ריכטיגע כינעזישע היסטאָריע. קאָנג־פו־טסע איז געווען דער ערסטער, וואָס האָט צוזאַמענגעקליבען די טראַדיציאָנען פון 1,800 יאָהר פאַר איהם און האָט זיי צוזאַמענגעשטעלט אין א געוויסער אָרדנונג אין א בוך, וואָס איז בעקאַנט מיט דעם טיטעל „שו־קינג".

אַלס דער ערסטער גרויסער הערשער פון כינא ווערט אָנגעגעבען פ אָ־ה י , וועלכער האָט צוערסט געלערענט דעם פאָלק פיש־פאַנג און יאַגד. פאָ־הי האָט איינגעאָרדענט דאָס פאַמיליען־לעבען, און ווייל דאָס פאָלק האָט זיך זעהר שנעל פערמעהרט און אין דעם אָרט, וואו זיי האָבען זיך צוערסט בעזעצט, אין דעם היינטיגען שען־סי, איז זיי ענג געוואָרען, האָט ער פיר דאָס פאָלק געעפענט די צוויי פּרוכטבאַרע געגענדען האָ־נאַו און שאַן־טונג. פאָ־הי האָט אָנגענומען אַלס צייכען אויף דער כינעזישער פאָהן

א דראַכען (פליהענדע שלאַנג), וואָס איז נאָך פערבליבען ביז היינטיגען
טאָג. פאָ־הי איז געוועזען דער גרינדער פון אַסטראָנאָמיע און אויך דער ער-
פינדער פון כינעזישער שריפט. און צוליב דיזע גרויסע, וויכטיגע אויפטי-
אונגען זיינע ווערט פאָ־הי בעצייכענט מיט דעם נאָמען דער גרויסער, דער
לענצענדער (טאַי־האַ־אָ).

עס איז לייכט צו פערשטעהן, אַז דאָס וואָס עס ווערען אַלע דער-
מאָהנטע ערפינדונגען צוגעשריבען צו אַן איינציגער פּערזאָן, דעם הערשער
פאָ־הי, איז מעהר לעגענדע, ווי אמת. עס איז פאַלש צו זאָגען, אַז מען
האָט ווען א פאָלק געלערנט כאַפּען פיש און יאַגד פונקט, ווי צו זאָגען,
אַז אַסטראָנאָמיע איז געוואָרען א וויסענשאַפט מיט איין מאָל. און ניט
אָר די ערצעהלונגען וועגען פאָ־הי זיינען מעהרער לעגענדע ווי היסטאָרישער
פאַקט, נאָר אויך די ערצעהלונגען וועגען וויטערע הערשער, ווי וועגען די
הערשער שין־נאָנג, האָאַנג־טי און אַנדערע. דעם הערשער
שין־נאָנג ווערט צוגעשריבען די ערפינדונג פון אַקערבוי, פון ערד־ארבייט,
דעם גרויסען קיסר האָאַנג־טי ווערט צוגעשריבען די ערפינדונג פון קאָמפּאַס
און זיין פרוי, די קייזערינע, זאָל האָבען די ערסטע איינגעפיהרט די ציכט
פון זייד־ווערים.

אָבער ווען די כינעזישע ערסטע היסטאָריקער האָבען ניט געהאַט קיין
אנדערע זאַכען צו דערצעהלען וועגען זייערע ערסטע הערשער, ווי דיזע
גרויסאַרטיגע מעשים און ערפינדונגען, איז דערפון צו שליסען, אַז די
כינעזישע הערשער האָבען זיך אינטערעסירט נאָר מיט דעם גליק און וואויל-
שטאַנד פון פאָלק. די כינעזישע הערשער האָבען קיין געלעגענהייט ניט גע-
האַט צו פיהרען מלחמות און איינגעהמען לענדער, ווי עס האָבען געטאָן די
העלדען פון שווערד ביי די פעלקער פון די מערב לענדער. די אינטערעסען פון
פאָלק האָבען ביי די כינעזער אַלעס בעהערשט, אפילו די טעטיגקייט פון דעם
קיסר. דיווירקליכע מאַכט איז געלעגען אין די הענד פון ארבייטענדען פאָלק
און די מאַכט פון די הערשער איז געוועזען א שוואַכע אין פערגלייך מיט דער
מאַכט פון דעם פאָלק. און באמת, ווי אזוי האָט זיך געקענט ענטוויקלען
די מאַכט פון דעם הערשער אָהן דער הילף פון מחנות שקלאַפען, וועלכע
זאָלען איהם דינען אַלס חיל צו אונטערדריקען דאָס פאָלק? אין די מערב-
לענדער: אשור, בבל, פרס, מצרים, אינדיען האָבען די שקלאַפען
צוזאַמען אוצרות פון רייכטום פיר זייערע הערשער און האָבען זיי געגעבען
די מעגליכקייט צו פערקלינגען די וועלט מיט זייער דעספּאָטישער מאַכט
און גלאַנץ. די געשיכטע פון כינא איז אָבער אַן איינפאַכע געשיכטע פון

א פּאָלק, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט ערד־ארבייט, א פּאָלק אָהן שקלא־פעריי, וואָס זיינע הערשער האָבען זיך געמויזט בענוגענען מיט קליינע שטייערן, וועלכע דאָס פּאָלק האָט פיר זיי בעשטימט, און זיינען ניט גע־ווען ארומגערינגעלט מיט אזא פּראכט, ווי די הערשער ביי די מערב־פעלקער.

די צייט פון דער אונגעוויסער געשיכטע פון יאָאָ ביז קאָנג־פו־טסע (235 — 552 פּ. קר.) טראָגט אין אָנהייב דעם זעלבען כאראקטער, ווי די מיטהאָלאָגישע צייט. די דריי גרויסע כינעזישע קיסרים, וועלכע האָבען געהערשט אין אָנפאנג פון דיזער צייט, נעמליך: יאָאָ (2357 — 2255 פּ. קר.), שון (2255 — 2208) און יו (2207 — 1297), זיינען די פערטרעטער פון די אינטערעסען פון פּאָלק. זיי האָבען ניט געפיהרט קיין מלחמות, זיי האָבען ניט געבויט פיר זיך קיין פּאלאצען, נאָר זיי האָבען געטאָן ניצליכע זאכען פיר דאָס פּאָלק: אויסגעהאקט און אויסגעברענט וועלדער, אום מען זאָל קענען דעם באָדען אקערן און אויף איהם זעען, זיי האָבען אויסגע־טריקענט בלאָטעס און זומפּען און געמאכט די ערטער פעהיג פיר אקערבוי. יו האָט געלאָזט גראָבען קאנאלען אום פרוכטבאר צו מאכען די ערטער, וואו עס האָט געפעהלט וואסער; האָט געלאָזען מאכען וואסער־ווענט אום די גרויסע וואסערן זאָלען ניט פערפלייצען די אומגעגענד; ער האָט אויך געמאכט נייע וועגען אויף דער יבשה אום צו פערלייכטערן דעם פערקעהר צווישען פערשיידענע שטעדט און דורך דעם צו ענטוויקלען דעם האנדעל.

עס ווייזט אויס, אז אין דער צייט פון דער הערשאפט פון יו, האָט כינא דערגרייכט די פּאָלקאָמענסטע אָרדנונג אין איהר רעגירונג. די מדינה איז געוואָרען איינגעטיילט אין 9 פּראָווינצען, שפּעטער זיינען צוגעקומען נאָך 12 פּראָווינצען; יעדע פּראָווינץ האָט געהאט איהר אייגענעם גובערנא־טאָר, וועלכער האָט קיין געהאַלט ניט בעקומען פיר זיין דינסט, נאָר גע־וויסע לאנד־שטייערן האָבען איהם געגעבען די נויטיגע מיטלען צום לעבען. דאָס לאנד איז ניט געווען דאָס אייגענטום פון איינצעלנע, פון יחידים, נאָר עס האָט געהערט צום פּאָלק; יעדער מענש אין דעם אלטער פון 20 ביז 60 יאָהר האָט געהאט דאָס רעכט צו בעזעצען זיך, וואו ער האָט געוואָלט און בעארבייטען אזוי פיעל ערד, ווי ער איז געווען אין שטאנד. אין יע־נער צייט האָבען זיי שוין געוואוסט צו פּראָדוצירען רייז, ווייץ, הירז און בעבלאָך. דיזע געמיזען האָבען געשפּילט די הויפּט־ראָלע אלס שפּייז. זיי האָבען שוין דאמאלס זיך אויך בעשעפטיגט מיט פלאנצען פערשיידענע פרוכט־בוימער און בוימער פיר בוי־מאַטעריאל און מעבעל. דער טעע, וועל־כער ווערט בעטראכט אלס די היימישע כינעזישע פלאנץ, האָט זיך ביי זיי

אַנגעהייבען צו ענטוויקלען ערסט אין דעם 5טען יאָהרהונדערט (נ. קר.) אונטער דער רעגירונג פון דער דינאַסטיע טסי.

ווי מיר האָבען פריהער ערקלערט, איז דער באָדען אין כינא געווען דאָס אייגענטום פון דעם גאַנצען פאָלק. יעדער כינעזער האָט געקענט פריי אויסקלייבען וואָס פיר אַ שטיק ערד ער האָט געוואָלט צום בעאַרביי- טען. אויף אַזאַ אופן זיינען מענשען און ארבייט געווען גאַנץ פריי. אָן דיזע אָרדנונג האָט זיך דער כינעזער געהאַלטען זעהר פעסט און יעדע שטע- רונג אין דיזער אָרדנונג פון דער זייט פון דער רעגיערונג האָט אימער ארויסגערופען אַ שטאַרקען פראָטעסט פון פאָלק און האָט זעהר אָפט גע- פיהרט צו רעוואָלוציאָנען. עס שיינט, אַז די כינעזישע רעגירונג האָט פיעלע מאָל געפרופט דיזע אַלטע אָרדנונג אומענדערן און דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָרום אין כינאַ זיינען פאָרגעקומען אַזוי פיעל רעוואָלוציאָנען, מעהר ווי אין אַלע אַנדערע לענדער.

די דינאַסטיע היאַ (2207 — 1766 פ. קר.). דער גרויסער כי- נעזישער קיסר יו האָט פאַר זיין טויט אין דעם יאָהר 1297 בעשטימט אַלס יורש אויף דעם טראָן זיין משנה למלך פ ע י. אָבער זיין איי- גענער זוהן ק י איז מיט דער הילף פון הויכע רעגירונגס-בעאַמטע ארויף אויף דעם טראָן. און פון דאַמאָלס אָן איז עס געוואָרען אַ מנהג און גע- זעץ אין כינאַ, דאָס דער טראָן זאָל איבערגעהן בירושה פון פאָטער צום זוהן. די פריהערדיגע אָרדנויג צו ערוועהלען הערשער איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. אויף אַזאַ ארט איז יו געוואָרען דער פאָטער פון אַ גאַנצער קייזערליכער די- נאַסטיע, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „היאַ-דינאַסטיע". דיזע ענדערונג אין הערשאַפט האָט מיט זיך געבראַכט זעהר אַ וויכטיגע ענדערונג אין דעם גאַנצען פאָלקס-לעבען. דאָס אַלגעמיינע פאָלקס-אייגענטום, וואָס האָט געהערשט פון אור-אַלטע צייטען, איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין פריוואַט-אייגענטום. דיזע ענדערונג האָט געהאַט זעהר טרויעריגע רע- זולטאַטען פיר דאָס פאָלק. צום ערסטען האָט מען ערקלערט אַלס פריוואַט- אייגענטום דאָס שטיק ערד, וואו יו איז געזעסען. אום זיין דינאַסטיע צו בעפעסטיגען, האָט דער קיסר ק י די גרעסטע עמטער פון דער רעגירונג צוטיילט צווישען די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע און האָט יעדען פון זיי בעשטימט אַ שטיק לאַנד אַלס אייגענטום, וואָס זאָל איבערגעהן בירושה פון פאָטער צום זוהן. דיזע גרויסע בעאַמטע פון זייער זייט האָבען פער- טיילט די קלענערע שטעלעס אין דער רעגירונג צו פערזאָנען, וואָס זיי- נען געווען אונטערטעניג און געהאָרכזאַם צו זיי און האָבען פיר דיזע בע-

אמטע אויך בעשטימט אלס ירושה־אייגענטום געוויסע שטיקער לאנד. אויף אזא ארט איז אין פערלויף פון דער צייט דאס גאנצע לאנד געווארען דאס אייגענטום פון די בעאמטע, וועלכע האבען שפעטער זיך אנגעפאנגען צו קריגען איינע מיט די אנדערע וועגען זייער לאנד־אייגענטום, אזוי איז עס פארגעקומען אין אייראפא אין די צייטען פון מיטעל־אלטער, ווען די באראנען, גראפען און דוכסים האבען אריינגעכאפט דאס אייגענטום אין זייערע הענד און האבען געפיהרט מלחמות צווישען זיך. גראדע דאס זעלביגע איז אויך פארגעקומען אין יענער אלטער צייט אין כינא: די אונאפהענגיגע גוט־בעזיצער האבען זיך געריסען מיט דער היא־דינאסטיע און שפעטער אויך מיט דער שאנג־דינאסטיע (1765 — 1123 פ. קר.). דיזע שטרייטען האבען געבראכט דערצו, דאס די בארבארישע פעלקער צום צפון און דרום פון כינא האבען אנגעפאנגען צו בעפאלען דאס לאנד, און דאס פאלק איז געווען געצוואונגען צו רעוואלטירען, מאכען אן אויפשטאנד. וועגען דער שאנג־דינאסטיע האט די געשיכטע קיין אינטערעסאנטעס צו ערצעהלען. מיר וועלען דעריבער וועגען דיזער פעריאדע ניט רעדען. דאס פאלק האט צו יענער צייט פיעל געליטען פון אונארדנונגען. דאס פאלק איז אבער געבליבען גאנץ שטארק און לעבענספעהיג אין דיזער אונארדנונג צו בעשיצען און פערהיטען א טייל פון זיינע אינטערעסען, וועלכע די וואסאלען *), די יחסנ׳ישע גוט־בעזיצער, זיינען געווען געצוואונגען צו רעספעקטירען. און דאס האט זיי געראטעוועט פון שקלאפעריי און אונטערגאנג.

דאס כינעזישע פאלק האט ניט דערלאזען, אז די ערד זאל ווערען דורכאויס אן אייגענטום פון די וואסאלען, די אדעל־לייט; עס האט ניט דערלאזען זיי זאלען זיך בענוצען מיט די פראדוקטען און פרוכט פון דער ערד. דאס לאנד איז דעריבער געבליבען דאס אייגענטום פון דעם שטאאט, פון דער מדינה, וועלכע האט געמוזט בעשיצען די פרייהייט און די אינטערעסען פון דעם בויער. דאס לאנד איז געווארען פערטיילט אויף אזא ארט, דאס יעדער קוואדראט־לי (א כינעזישע מאס, וואס ווערט געטיילט אין 900 מאו) איז איינגעטיילט געווארען אין 9 גלייכע קוואדראטען; פון דיזע 9 קוואדראטען איז דער מיטעלער קוואדראט געבליבען דאס אייגענטום פון דעם שטאאט, פון דער מלוכה. די איבריגע 8 קוואדראטען זיי-

*) פערזאנען, וועלכע האלטען לאנד־גיטער פון אדעליגע הערען, וועמען זיי זיינען דערפאר מחויב צו זיין טריי׳ע אונטערטאנען און דינער.

נען פערטיילט געוואָרען צו 8 פאַמיליעס פיר זייערע אייגענע בעארבייטונג און בענוצונג. דער מיטעלער קוואדראט, וועלכער איז געווען בעשטימט פיר דעם שטאאט, האָט געדארפט בעארבייט ווערען פון דיזע 8 פאַמיליעס פיר די נוצען פון דער רעגירונג. אויף די האנדווערקער און הענדלער האָבען געקריגען צו שטיקלאך ערד, נעמליך איין פינפטעל פון אזא טייל, ווי די בויערן האָבען ערהאלטען.

דיזעס סיסטעם פון ערד־פערטיילונג האָט געהערשט אָהן א שום ענדערונג אין דעם פערלויף פון דער הערשאפט פון דריי דינאסטיעס, כמעט א משך פון 2 טויזענד יאָהר. מען רעכענט, אז דאָס איז צו פערדאנקען דעם קאָנסערוואטיווען גייסט פון דעם כינעזישען פאָלק. אין גרונד גענומען, אָבער, איז דאָס דער רעזולטאט פון דעם פראקטישען סיסטעם, וואָס האָט בעשיצט די אינטערעסען פון פאָלק. די מיינונג האָט געהערשט אין פאָלק, דאָס דער קיסר און די רעגירונג דינען די אינטערעסען פון דעם פאָלק און ניט דאָס פאָלק — די אינטערעסען פון דער רעגירונג. די פליכט פון דער רעגירונג מוז זיין צו זאָרגען פיר דאָס גליק און וואוילשטאנד פון פאָלק. נאָך היינט איז דער הערשער פון כינא פעראנטוואָרטליך פיר אַלע אונגליקען, וואָס טרעפען דאָס פאָלק. די אַלטע קיסרים פלעגען אַלע 5 יאָהר בערייזען דאָס לאנד צו זעהן, ווי די פעלדער ווערען בעארבייט אום זיך צו איבערצייגען וועגען דעם צושטאנד פון פאָלק. „דאָס לעבען פון פאָלק בעשטעהט אין ארבייט און ביי ארבייט איז ניטאָ קיין נויט," איז א כינעזישער שפרוך, וועלכער איז שטארק אָנגענומען ביים פאָלק. דער אָרימאַן — זאָגען זיי — קען לייכט ווערען א גנב, דער רייכער מאַן קען לייכט ווערען שטאָלץ און פערדאָרבען. דעריבער האָבען די אַלטע הערשער אַזוי איינגעאָרדענט דאָס פערמעגען פון פאָלק, אז עס זאָל ניט קומען צו גרויסער אָרימקייט און צו גרויסען רייכטום". דער גרויסער כינעזישער געלעהרטער מאַ־טואַן־לין זאָגט וועגען דיזעס סיסטעם פון לאנד־פערטיילונג פאָלגענדעס: „אין פערלויף פון דיזער פעריאָדע האָט געהערט דאָס גאנצע לאנד פון ד'ער מדינה צו דעם שטאאט. דאָס פאָלק האָט דאָס לאנד בעקומען פון דעם שטאאט, האָט עס בעארבייט, האָט זיך ערנעהרט פון די פראָדוקטען פון זיין ארבייט און האָט געצאָהלט די שטייערן. אזוי האָבען די אונטערע קלאסען ערפילט זייער פליכט און די אויבערע קלאסען האָבען זיי בעהאנדעלט מיט פאָטערליכער השגחה. און ווייל דאמאָלס זיינען ניט געווען קיין צו רייכע און צו אָרימע, האָט דאָס גאנצע פאָלק דאמאָלס געלעבט צופרידען און אין פרידען איינע מיט די אַנדערע".

אָבער זינט דיזעם סיסטעם פון לאַנד פערטיילונג איז איינגעפיהרט געוואָרען האָבען זיך די גליקליכע צייטען אין כינאַ געענדערט צום ערגערן. אין 12טען יאָהרהונדערט פ. קר., ווען מען האָט פערטריבען די שאַנג־דינאַסטיע, איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען איינגעטיילט אין 70 גרויסע פירסטענטימער און אַן ערך 1,000 קלענערע וואַסאַל פּראָווינצען. די אַלע פירסטען און וואַסאַלען האָבען געוועהנליך געשטריטען צווישען זיך, און אין דיזע מלחמות האָבען מעהר פון אַלעמען געליטען די קליינע ערד־בעזיצער, די בויערן, און זיי זיינען אָפט געווען געצוואונגען צו רעוואָלטירען, צו מאַכען אַן אויפשטאַנד. און דעריבער הערען מיר שוין פון זעהר אָפטע כינעזישע רעוואָלוציאָנען אין דיעזע אַלטע צייטען.

ניט בעסער זיינען אויך געווען די אומשטענדען אונטער דער פאָלגענדער דינאַסטיע.

די דינאַסטיע טשעאו (122 — 225 פ. קר.) איז געזעצען אויף דעם כינעזישען טראָן לענגער ווי אַלע אַנדערע דינאַסטיעס. דער קיסר וואו־וואַנג איז געווען דער אור־פאָטער פון דער טשעאו פאַמיליע. אַלע פירסטען נאָך איהם האָבען געטראָגען דעם טיטעל ו ו אַ נ ג, ד. ה. קעניג, וועהרענד די פריהערדיגע פירסטען האָבען געטראָגען דעם טיטעל ט י, ד. ה. הערשער אָדער קיסר. אין דער צייט פון דיזער דינאַסטיע האָט די צאָהל פון פערשיידענע כינעזישע פירסטענטימער און הערשאַפטען דערגרייכט ביז 1,800, ווען דאָס פאָלק איז נאָר בעשטאַנען פון 13 מיליאָן נפשות. די געשיכטע פון דיזער דינאַסטיע איז ניט די געשיכטע פון דעם פאָלק, נאָר די געשיכטע פון די שטרייטען און רייסעניסען פון די פערשיידענע פירסטען צווישען זיך. אין דיזע שטרייטען האָבען זיי איינע די אַנדערע פערניכטעט, אַזוי אַז אין דעם 6טען יאָהרהונדערט (פ. קר.) איז די צאָהל פון פירסטענטימער געזונקען ביז 160. די דינאַסטיע זעלבסט איז אויך שוואַך געוואָרען און האָט געמוזט אונטערגעהן, הגם די הערשער פון דיזער דינאַסטיע ווערען געשילדערט אַלס זעהר גוטע, וואָס האָבען עהרליך ערפילט זייערע פליכטען.

די טסין־דינאַסטיע (225 — 206 פ. קר.). די טשעאו דינאַסטיע איז אַראָפגעוואָרפען געוואָרען דורך איין מאַן, אַ פירסט פון דער טסין־פאַמיליע מיט דעם נאָמען שי־האָ־אַנג־טי. דיזער פירסט האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גייסט פיר אונטערנעהמונג און טאַלאַנט פיר הערשאַפט. דאָס לאַנד איז דאַמאָלס געווען פערפלאָנטערט אין שרעקליכע מלחמות צווישען זיך צוליב די קריגערייען פון די פירסטען צווישען זיך,

עס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַכט־פעלד פון בירגער־קריג. עס ווערט ערצעהלט פון שלאַכטען, אין וועלכע עס האָבען אָנטייל גענומען אַ מיליאָן חיל — פון שלאַכטען, אין וועלכע צעהנדליגע טויזענדער מענשען האָבען זייער לעבען פערלאָרען. דער בעריהמטער כינעזישער גענעראַל פּי־קי האָט געפאַנגען אזוי פיעל סאָלדאַטען, דאָס ער האָט 450 טויזענד אומגעבראַכט מיט'ן שווערד. דאָס איז נאַטירליך אַ גוזמא, אָבער יעדענפאַלס צייגט עס דעם צושטאַנד פון לאַנד אין יענער צייט. דער רייכטום פון לאַנד האָט צו יענער צייט געמוזט זיין אונגעהייער גרויס, ווען די פירסטען האָבען געקענט אויפהאַלטען און פיהרען אין שלאַכט אַזעלכע גרויסע אַרמעען, וואָס האָבען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען אָנגעמאַכט גרויסע פערוויסטונגען און געשאַפען פערמעגענס פון רויב. אין פיעלע פּראָווינצען איז דאַן די שאַפונגס־קראַפט פון פאָלק געווען אין גאַנצען פּאַראַליזירט. דער בויער האָט נאָר בעאַרבייט זיין אייגענעם חלק און געלאָזען ניט־בעאַרבייט דעם חלק לאַנד פון דער רעגירונג. דורך דעם איז דאָס אַלטע סיסטעם פון לאַנד־פערטיילונג ביסלאַכווייז פון זיך אַליין אונטערגעגאַנגען. אין דעם שטאַאַט טסין איז דאָס אַלטע סיסטעם אונטערגעגאַנגען אין יאָהר 350 פ. קר. און עס איז אָנשטאָט דעם איינגעפיהרט געוואָרען פּריוואַט־אייגענטום. דיזע נייע אָרדנונג איז איינגעפיהרט געוואָרען איבער דעם גאַנצען לאַנד אין יאָהר 221 פ. קר. דורך די דינאַסטיע טסין.

שי־האָ־אַנג־טי האָט מיט זיין גרויסער מאַכט געמאַכט אַ סוף צו די שטרייטען און רייסערייען פון די מעהרסטע פירסטען און האָט געבראַכט זייערע פּראָווינצען אונטער אַ קאָנטראָל פון דער הויפּט־רעגירונג. דאַמאָלס איז צוערסט אונטערגעגאַנגען די טשע־או דינאַסטיע און עס האָט זיך בעפעסטיגט די טסין־דינאַסטיע.

אין יענער צייט, ווען כינאַ האָט אַזוי שטאַרק געליטען פון אינערליכע אונאָרדנונגען, האָבען די ה ו נ ע ן, אַ האַלב־באַרבאַריש פאָלק אין צפון פון כינאַ, געמאַכט זעהר אָפטע אָנפאַלען אויף די צפון פּראָווינצען און האָבען די צרות, די ליידען פון פאָלק נאָך מעהר פערגרעסערט. פון דיזע האַלב־ווילדע הונען האָבען שפּעטער אויך די אייראָפּעער ניט ווייניג געליטען. שי־האָ־אַנג־טי האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט מאַכען אָרדנונג אין לאַנד גופא, נאָר ער האָט אָנגעווענדעט פיעל קראַפט צו בעשיצען דאָס לאַנד פון אויסען, איבערהויפּט פון די אָנפאַלען פון די הונען. פריהער פון אַלץ האָט ער געלאָזט אויפבויען אַ הויכע געמויערטע וואַנט מיט פערשיידענע טורמס

ביי דעם צפון גרענעץ פון דעם שטאאט טסין. דאס זעלבע האבען אויך גע-
טאן אנדערע פירסטען פון לאנד, אין אויף אזא אופן איז אויפגעבויט גע-
ווארען די גרויסע בעריהמטע כינעזישע וואנט, א וואנט, וועלכע
ווערט גערעכענט פיר איינע פון די וואונדער פון דער וועלט —
א געמויערטע וואנט, וועלכע ציהט זיך אויף 1,000 מייל די לענג.
דיזע ריזען־וואנט ווייזט אויף דעם אונגעהייער גרויסען אונטערנעה-
מונגס־גייסט ביי כינעזער, מיט וואס זיי קענען שטאלצירען געגען די
אייראפעאישע קולטור־פעלקער. דיזע וואנט איז יעצט אין פיעלע ער-
טער איינגעפאלען, אין אנדערע ערטער זיינען קוים פערבליבען שפורען;
אבער אין מזרח־זייט איז נאך היינט די וואנט א שטאלצער מאנומענט
פיר די אלטע כינא, וועלכע איז געווען בעשיצט געגען די אנפאלען פון
בארבארען אין א משך פון גאנצע 2,000 יאהר. אויסער דיזער מערקווירדי-
גער וואנט זיינען אין לאנד אויך געמאכט געווארען שאסעען און אנדערע
וועגען צו פעראייניגען די פראווינצען, עס זיינען דורכגעשניטען געווארען
דורכגענג דורך הויכע בערג א. ד. גל.

שי־הא־אנג־טי האט אין פיעלע הינזיכטען אפגעטראטען פון דעם
וועג, אין וועלכען די הערשער פאר איהם זיינען געגאנגען. ניט קוקענדיג
אויף זיינע גוואלד־טאטען, האט ער געהאט א פיעל העכערען, מענשלי-
כערן בליק אויף די אינטערעסען און ווירקליכעם גליק פיר דאס פאלק. ער
האט בעסער ווי אלע, וואס האבען געהערשט פאר איהם, פערשטאנען די
צרות, וואס קומען אויף די כינעזער צוליב זייער כאראקטער זיך צו האל-
טען פעסט אן די אלטע אידעען און זיטען, צוליב זייער ענטלויפען פון אלץ,
וואס איז ניי.

דער כינעזער בליקט אימער אין די צוקונפט. שי־הא־אנג־טי האט
בעשלאסען אנווענדען אלע קרעפטען צו ברעכען דיזען קאנסערוואטיווען
גייסט פון די כינעזער. צו דיזען צוועק האט ער בעפוילען צו פערברענען
אלע ביכער פון קאנג־פו־טסע און זיינע נאכפאלגער, אום דורך דעם אפצו-
ציהען דעם גייסט פון פאלק פון די אלטע פערשטיינערטע מיינונגען און
מנהגים און עס פיהרען אין נייע וועגען, אין וועגען פון פארשריט. שי־הא־
אנג־טי האט אבער דורך דיזען אויפטו ניט דערגרייכט זיין צוועק. דער
פאלקס־גייסט פון די כינעזער איז פיעל שטארקער געווען פון דעם קאפריז
פון אן איינצעלנעם הערשער. עס איז געווען אונמעגליך דורכצופיהרען דעם
פלאן פון שי־הא־אנג־טי שוין צוליב דעם אליין, וואס עס איז געווען אונ-
מעגליך צו פערניכטען די טויזענדער עקזאמפלארען פון די ווערק פון די

אַלטע כינעזישע שריפטשטעלער, וואָס זיינען געווען פערשפּרייט אין אַזאַ גרויסען לאַנד. דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען אַלעס — ער האָט דערמיט צורייצט די געפיהלען פון פאָלק, וועלכעס האָט נאָך מיט מעהר חשק אָנגעפאַנגען צו פערעהרען זיינע אַלטע אויטאָריטעטען. זעהר פיעלע געלעהרטע האָבען זיך געשטעלט געגען דעם הערשער, וואָס האָט געוואַגט אַרויסצוגעבען אַזאַ מין בעפעהל, און האָבען געראַטען דעם פאָלק זיך האַלטען פעסט אָן די אַלטע לעהרערס. שי־האָ־אַנג־טי האָט דערפאַר פיעלע פון דיזע געלעהרטע בעשטראָפט מיט'ן טויט, אָבער ער האָט דערמיט גאָרניט אויסגעפיהרט. פערקעהרט, דאָס פאָלק האָט די אומגעבראַכטע געלעהרטע נאָך פערהייליגט אַלס מאַרטירער.

אויף דיזער מעכטיגער הערשער, וועלכער האָט פערגרעסערט דאָס לאַנד ביז די ברעגען פון ים, האָט ניט געקענט האָבען אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דאָס לעבען און שיקזאַל פון כינעזישען פאָלק, וועלכעס איז פון אייביג אָן געוועהנט צו געהן זיין אייגענעם וועג. אַלע זיינע בעפעהלען האָבען ניט געהאַט די מאַכט עטוואָס צו שאַפען, וואָס זאָל בלייבען אויף לאַנג, און מיט זיין טויט (210 פ. קר.) איז זיין דינאַסטיע געבראָכען געוואָרען און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייע דינאַסטיע, וועלכע איז בעוואוסט אַלס די ה א ן־דינאַסטיע.

דער גרינדער פון דיזער נייער דינאַסטיע איז געווען אַ געוויסער ל י ע־א ו־פ א נ ג, וועלכער איז געווען אַ קליינער דאָרף־בעאַמטער. ער האָט זיך אָבער ערהויבען צו אַ פירסט און איז געוואָרען הערשער פון דעם שטאַאַט האַן.

די האַן־דינאַסטיע (260 פ. קר. — 263 נ. קר.). ליע־או־פאַנג האָט פיעל געטאָן אום דעם כינעזישען פאָלק צו פערשאַפען רוה און פריעדען. ער ווערט דעריבער גערעכענט צו די בעסטע קיסרים פון כינאַ. די הערשער פון דער האַן־דינאַסטיע האָבען זיך שטאַרק בעמיהט אָפּצושוואַכען די מאַכט פון בעזונדערע פירסטען און מאַכען אַ סוף צו זייערע מחלוקות איבער לאַנד און גיטער, ווי אויך דאָס לאַנד צו שיצען פון זייערע רויבערייען. דער וויכטיגסטער הערשער פון דיזער דינאַסטיע איז געווען דער קיסר ו ו א ו־ט י, וועלכער איז אַרויף אויף דעם כינעזישען טראָן אין יאָהר 141 (פ. קר.). די צייט פון זיין ממשלה ווערט גערעכענט אַלס די גאָלדענע צייט פיר די געלעהרטע פון לאַנד. דיזער הערשער האָט זיך בעמיהט צו פערשפּרייטען כינעזישע בילדונג צווישען די באַרבאַרישע שכנים. ער האָט געמוזט פיהרען שווערע מלחמות מיט די

טאַטאַרען, וועלכע האָבען זעהר אָפט געפּלאָגט דאָס לאַנד מיט זייערע רויבערייען. אָבער זיינע מיליטערישע נצחונות איבער די טאַטאַרען אין צפון האָבען פיעל וועניגער ווערט אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע זיגען, וואָס ער האָט געוואונען אין מערב פון לאַנד.

שוין אין דער צייט פון דער טשעאו דינאַסטיע האָט כינאַ דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון ענטוויקלונג אין האַנדעל. עס איז בעוויזען, אַז שוין אין יענער צייט איז כינאַ געשטאַנען אויף דער זעלבער שטופע פון ענטוויקלונג אין געשעפט, ווי זי שטעהט היינט. די שטעדט, די שאָסעען, די מערק האָבען שוין דאַמאָלס געהאַט אַזאַ אייכזעהן, ווי זיי האָבען היינט. די ריהרעוודיגקייט, די בעוועגליכקייט פון פאָלק אין די האַנדעלס-פּלעצער זיינען שוין דאַמאָלס געווען ביי זיי גראַד אַזוי ווי מען זעהט עס ביי זיי היינט. די כינעזער זיינען שוין אין יענע צייטען געשטאַנען אין האַנדעלס-פערבינדונגען מיט פיעלע אויסלענדישע נאַציאָנען. שוין 1,000 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייט-רעכנונג האָבען די כינעזער געשיקט זיידענס נאָך אינדיען. דער קיסר וואו-טי האָט פיעלעס געטאָן צו פערגרעסערן דעם האַנדעל מיט אויסלאַנד. ער האָט געשיקט שלוחים נאָך מערב אויסצופאָרשען די לענדער אין צענטראַל-אַזיען, און איהם איז געלונגען צו פערברייטען דעם כינעזישען איינפלוס אויף ווייטע לענדער, וועלכע זיינען געלעגען ווייט פון כינאַ איבער 500 געאָגראַפישע מיילען *). אויך די נאָכפאָלגער פון קיסר וואו-טי האָבען פיעלעס געטאָן צו פערשפרייטען דעם כינעזישען האַנדעל אין ווייטע לענדער. און צום אָנפאַנג פון דער קריסטליכער צייט-רעכנונג האָבען שוין די כינעזער געהאַט פערשפרייט זייער מסחר ביז צו דעם טייך אָקסוס **), און האָבען שוין געהאַט ביז דאָרט גוטע שאָסעע-וועגען. פיער גענעראַל-גובערנאַטאָרען האָבען אין אָרדנונג געהאַלטען דעם פערקעהר צווישען דעם באַלקאַש-זעע און דעם טייך אָקסוס און איינינע הונדערט מיליטער-סטאַציאָנען האָבען בעשיצט דיזע האַנדעלס-וועגען. דערצו האָבען אָבער די כינעזער ניט געברויכט קיין שווערד. די אַלע זיגען, וואָס זיי האָבען געהאַט אין מערב און צענטראַל-אַזיען האָבען זיי געוואונען מיט זייער דיפּלאָמאַטיע. די פרעמדע פירסטען זיינען געוואָרען גוטע פריינד

*) אַ געאָגראַפישע מייל איז אַן ערך 7,420½ פראַנצויזישע קילאָמעטערן אָדער נאָהענט פון רוסישע 7 וויאָרסט.

**) דער פאַרצייטיגער נאָמען פון דעם טייך אַמור-דאַריאַ, וועלכער פאַלט אַריין אין דעם קאַספּישען ים.

פון די כינעזער דורך די כבודים, וואָס די כינעזישע קיסרים האָבען זיי אויסגעטיילט דורך הויך־קלינגענדע טיטלען, דורך דיפּלאָמעס א. ד. גל. די כינעזער האָבען זיך אימער אויסגעצייכענט מיט א גרויסער מעלה — מיט געדולד. דורך געדולד האָבען זיי אָפּגעשוואַכט די אונגערעכטע פּאָדערונגען פון די וואַסאַלען־פירסטען און אין פערלויף פון גאַנצע טויזענד יאהר האָבען די כינעזער פערשפּרייט זייער האַנדעלס־איינפלוס ווייט צו מערב. זיי האָבען געשטרעבט צו פערשפּרייטען זייער האַנדעל ביז צום מיטעללענדישען ים, און דער קיסר הו־ען־טי האָט אין 166 (נ. קר.) געשלאָסען אַ האַנדעלס־אָפּמאַך מיט די רוימער. דער רוימישער קיסר מאַרקוס אַודעליוס אַנטאָניוס האָט זיך זאָגאַר אומגעטראָגען מיט אַ געדאַנק צו גרינדען אַ רוימיש־כינעזישע וועלט־הערשאַפט. דיזער חלום האָט נאָך געשוועבט אין 6טען יאָהרהונדערט. עס קען זיין, אַז דיזער חלום וואָלט פערווירקליכט געוואָרען, ווען עס וואָלט דאַמאָלס ניט אַרויף אויף די סצענע אַ נייע וועלט־הערשאַפט — דער באַגדאַדער כאַליפאַט (מאַחמעדאַנער קייזערטום), וועלכער האָט געמאַכט אַ סוף צו דער רוימיישער אימפּעריע און האָט פערטריבען די כינעזער פון מיטעל־אַזיען.

אונטער דער האַן־דינאַסטיע האָט כינא דערגרייכט אין אויסלאַנד די העכסטע מאַכט און גרעסטען גלאַנץ, אָבער צו דער זעלבער צייט איז זי ביי זיך גופא אויסגעשטאַנען פיעלע איבערקעהרעניסען. ווי מיר האָבען שוין פריהער געוויזען, האָבען די טסין־פירסטען אין דעם יאָהר 350 (פ. קר.) אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס די אַלטע אָרדנונג פון גיטער־פערטיילונג איז ניט מעהר גילטיג, און יעדער כינעזער האָט דאָס רעכט צו נעהמען פיר זיך אַלס איינענטום אַזוי פיעל ערד, ווי פיעל ער האָט נויטיג פיר זיך; ער האָט אויך דאָס רעכט די גענומענע ערד ארומצאַמען און פערקויפען אָדער אויסבייטען לויט זיין איינענעם גוטען ווילען. דיזע נייע איינריכטונג איז צוערסט איינגעפיהרט געוואָרען אין דעם טסין־שטאַאַט און שפּעטער, אין דעם יאָהר 221 (פ. קר.), איז זי אַריין אין קראַפט אין גאַנצען לאַנד.

כל זמן דאָס לאַנד איז ניט געווען זעהר געדיכט בעזעצט, האָט מען געקענט לייכט איינפיהרען דאָס דערמאָהנטע נייע געזעץ. גאַנץ אַנדערס איז די זאַך פאָרגעקומען, ווען די בעפעלקערונג האָט זיך אונגעוועהנליך פערמעהרט. דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די פּאָליטיישע אונאָרדנונגען אין דער צייט, ווען די טסין־דינאַסטיע איז אראָפּגעזעצט געוואָרען פון טראָן און די לאַנד־ווירטשאַפט איז אין פיעלע געגענדען אין גאַנצען רואינירט גע-

ווארען. מיליאנען מענשען האבען פערלארען זייער עקסיסטענץ, ווייל זיי זיינען געווען געצוואונגען דורך אומשטענדען זייער ערד=אייגענטום צו פערקויפען אין קליינע שטיקלאך. פערקעהרט ווידער, זיינען פיעלע איינצעלנע פרזאנען רייך געווארען, ווייל זיי האבען געהאט א מעגליכקייט די קליינע שטיקלאך אויפצוקויפען און האבען אויף אזא ארט זיך געשאפען א גרויסעם גרונד=אייגענטום. די פריהערדיגע אייגענטימער פון אזעלכע פערקויפטע שטיקער ערד זיינען ווייטער געבליבען אויף דעם באדען, האבען בעארבייט די ערד, וואס זיי האבען פערקויפט, און האבען פיר די בענוצונג פון דער ערד דעם נייעם אייגענטימער געגעבען א העלפט פון די פראדוקטען, וואס זיי האבען געשאפען מיט זייער ארבייט. דיזע נייע ארדנונג האט דעם פאלק געבראכט פיעל אונגליק און ליידען. די גרויסע גוט-בעזיצער, די רייכע, האבען בערויבט דאס פאלק. און דאס פאלק האט אנגעהויבען פאדערן צוריק זיינע אלטע רעכטען, די אלטע גלייכע פערטיילונג פון גרונד און ערד. די רעגירונג האט זיך געפונען צווישען צוויי פייערן. פון איין זייט האט זי געהאט צו שטרייטען די גרויסע גוט=בעזיצער, וועלכע זיינען שוין געווען א גרויסע מאכט. פון דער אנדערער זייט האט זי געהאט צו טאן מיט'ן פאלק, וועלכעס האט רעוואלטירט און געמאכט גרויסע אונרוהען. אלע מיה פון דער רעגירונג צו שאפען נייע געזעצען, בריינגען ארדנונג און רוה, זיינען געווען אומזיסט. מיט מאנכע נייע געזעצען זיינען די גוט=בעזיצער ניט געווען צופרידען, מיט אנדערע ווידער, איז דאס פאלק געווען ניט צופרידען. עס זיינען דעריבער ארויסגעקומען שרעקליכע אונרוהען. דאס פאלק האט אנגעווענדט אלע כחות אום צוריק צו געווינען זיינע אמאליגע רעכטען. און א דאנק זיין פעסטקייט און געדולד אין קאמף האט עס זיינע אלטע רעכטען ענדליך צוריקגעוואונען. דאס איז א פאקט, וואס מען קען ניט געפינען זיין גלייכען אין דער געשיכטע פון דער גאנצער מענשהייט. די רעוואלוציאנען, וועלכע האבען נאך אין דער צייט פון דער האן=דינאסטיע אויסגעבראכען און האבען געדויערט גאנצע 20 יאהר (פון 220 ביז 240 נ. קר.), האט געקאסט 42 מיליאן מענשען=קרבנות — די צאהל פון דער כינעזישער בעפעלקערונג, וועלכע איז ביז דיזע רעוואלוציאנען געווען 50 מיליאן, איז דורך די שלאכטען געזונקען ביז 8 מיליאן! דיזע שרעקליכע אונרוהען האבען זעהר פיעל אפגעשוואכט די מאכט פון דער כינעזישער רעגירונג, און די וואסאלען האבען ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ. כינא איז דאמאלס (פון יאהר 223 נ. קר.) צופאלען און צוטיילט געווארען אין דריי בעזונדערע ממשלות:

ש אַ, װ ו ע י, װ ו א ו. דיזע דריי קעניגרייכען האָבען זיך געריסען צװי-
שען זיך און יערע האָט געוואָלט האָבען די אויבערהערשאַפט.

דער פירסט פון טסין, סע־מאַ־יען, האָט װיעדער פעראייניגט דיזע
דריי קעניגרייכען און האָט געגרינדעט די ט צ י ן ־דינאַסטיע.

די טצין־דינאַסטיע (263 — 420 נ. קר.). אין איינצעלנע כינע-
זישע שטאַאטען װי אויך אין דעם גאַנצען לאַנד האָט מען געמאַכט פער-
שיידענע פראָבעס, װי צו רעגולירען די ערד־צוטיילונג. דיזע אַלע פראָ-
בעס האָבען ניט בערוהיגט דאָס פאָלק. גרונד־בעזיץ אויף דעם גרויסען
אופן איז געװאָרען אַ ביסעל בעגרענעצט, דאָס לאַנד איז װיערער צו-
טיילט געװאָרען נאָך פערשיידענע קלאַסען פון פאָלק. מען האָט אַרויס-
געגעבען נייע געזעצען, לויט װעלכע איין פערזאָן האָט געקענט בעזיצען
נאָר אַ געװיסעס שטיק לאַנד און ניט מעהר. דער קיסר און די פירסטען האָ-
בען געזוכט פון דיזען צושטאַנד צו ציהען נוצען פיר זיך זעלבסט אום צו
בעקומען מאַכט. זיי האָבען געגעבען פערשיידענע הבטחות אַמאָל צו די
גרויסע גוט־בעזיצער און אַמאָל דעם פאָלק, אום יעדען צד צו געװינען
אויף זייער זייט, אָבער זיי האָבען די הבטחות ניט געקענט מקיים זיין,
װייל די צושטענדען זיינען ניט געװען אָפּהענגיג פון איין קלאַס, נאָר פון
אַלע קלאַסען פון פאָלק. און דאָס, װאָס פיר איין קלאַס איז געװען גוט,
איז פיר די אַנדערע געװען שלעכט. פון איין זייט האָט דאָס פאָלק גע-
קעמפּט מיט דער הערשענדער רעגירונג פיר זיינע אַלטע רעכטען און אייגענ-
טום ; פון דער אַנדערער זייט האָבען די פירסטען זיך בענוצט מיט דער
אונצופרידענהייט פון פאָלק און האָבען, װי מען זאָגט, געכאַפּט פיש
אין מוטנע װאַסער. די געשיכטע פון די דינאַסטיעס פון יענער צייט איז
פול מיט די געמיינסטע אינטריגעס און אַלערליי אכזריות. עס איז ניט
װערט די מיה צו פערשרייבען די נעמען פון דיזע דינאַסטיעס און, נאָך
װעניגער, צו דערמאָהנען די נעמען פון די קיסרים פון יענער צייט. נאָר
פון אָרדנונג װעגען װעלען מיר זיי אויסרעכנען. נאָך דער טצין־דינאַסטיע
איז אַרויף אויף דעם טראָן די ס אָ נ ג־דינאַסטיע (420—479 נ. קר.), נאָך
דיזער — די ט ס י־דינאַסטיע (479 — 502 נ. קר.), דאַן די ל ע ־ א נ ג ־
דינאַסטיע (502—556 נ. קר.), דאַן — די ט ש י ן ־ דינאַסטיע (556—
588 נ. קר.), ענדליך — די ס ו ־ א י ־ דינאַסטיע (588—618 נ. קר.).
מיט דער סו־אי־דינאַסטיע ענדיגט זיך די אַלטע געשיכטע פון די כינעזער.
אין דער גאַנצער צייט פון דער הערשאַפט פון דיזע אַלע אויסגערעכענטע די-
נאַסטיעס האָבען אין כינאַ געהערשט אונרוהען, בלוט־פערגיסונגען, אום

צוריק אײַנצופיהרען די אַלטע אָרדנונג פון ערד־צוטיילונג צווישען דעם פאָלק. עס זיינען צייטענווייז אַרויסגעגעבען געוואָרען פערשיידענע געזעצען און אײַנגעפיהרט געוואָרען פערשיידענע רעפאָרמעס פיר אייגענטים פון לאַנד, אָבער קיינע פון די רעפאָרמעס האָבען דאָס פאָלק ניט געקענט צופרידען שטעלען.

די גרעסטע אָנשטרענגונג צו ברייננגען אָרדנונג אין דער ערד־פראַגע איז געמאַכט געוואָרען אין דעם כינעזישען שטאַאַט ו ו ע י. דאָרט האָט מען אין דעם יאָהר 485 (נ. קר.) אַרויסגעגעבען פאָלגענדע געזעצען: יעדער מאַן אין דעם עלטער פון 15 ביז 60 יאָהר בעקומט 40 מאָו אַקער־לאַנד און אויסער דעם בעקומט נאָך יעדע פאַמיליע 20 מאָו לאַנד פיר מויל־בער־בוימער (צום האָדעווען זייד־ווערים) און פערשיידענע ביימער פיר געהילץ. אינגערע פון 15 יאָהר און עלטערע פון 60 יאָהר אין פרויען בעקומען העלפט דערפון, ווען זיי פיהרען איין אַן אייגענע הויז־ווירטשאַפט. די קרובים פון דער קייזערליכער פאַמיליע, די פירסטען און בעאַמטע האָבען בעקומען אַ טייל לאַנד לויט זייער שטאַנד. די גיטער פון די פירסטען זיינען איבערגעגאַנגען צו זייערע קינדער בירושה. די גיטער פון די בעאַמטע זיינען ניט איבערגעגאַנגען צו זייערע נאַטירליכע יורשים, נאָר צו זייערע נאָכפאָלגער אין אַמט. אום אויסצומיידען יעדע אינגלייכהייט אין דער צוקונפט האָט דאָס געזעץ געפאָדערט, אַז דעם ערסטען מאָנאַט פון יעדען יאָהר זאָל געמאַכט ווערען אַ נייע פערטיילונג פון ערד, עהנליך ווי פאַרצייטען ביי אידען, וועלכע האָבען אין דעם יאָהר פון יובל (אַלע 50 יאָהר) אויסגעגלייכט דאָס לאַנד־אייגענטום. יעדער אייגענטימער פון ערד האָט געהאַט אַ רעכט צו פערקויפען אָדער אַוועקגעבען נאָר אַזעלכע ערד, וואָס ער האָט געהאַט איבער דער געזעצליכער מאָס. אין דער זעלביגער צייט האָט דאָס געזעץ שטרענג פערבאָטען אַן ערד־אייגענטימער אַוועקצוגעבען אָדער פערקויפען אַ טייל ערד, ווען ער האָט בעזעסען ניט מעהר פון דער געזעצליכער מאָס. אויף אַזאַ אופן האָט די רעגירונג אויסגעגלייכט די פערמעגענס פון פאָלק. אויך די סוּ־אי־דינאַסטיע און טאַנג־דינאַסטיע האָבען זיך שטרענג געהאַלטען אָן דיזער אײַנריכטונג. אָבער דיזעס סיסטעם האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, ווייל די אינערליכע אונרוהען און מלחמות האָבען פעראָרימט פיעלע פון פאָלק, פיעלע האָבען געמוזט געגען דעם געזעץ פערקויפען אָדער פער'משכון'ען זייער ערד. די ערסטע צייט, ווען דער האַנדעל מיט ערד איז געוועזען פערבאָטען, האָט מען דאָס געשעפט געמאַכט מיט דרעהדלאַך אַזוי, אַז עס זאָל האָבען כלומר'סט אַ געזעצליכען פנים. ענד-

ליך איז דער פערקויף פון לאַנד געזעצליך ערלויבט געוואָרען; דורך דעם איז דאָס סיסטעם פון גיטער-פערטיילונג מיט דער צייט אָפּגעשאַפּט געוואָרען און אָנשטאָט שטאַאַטס-אייגענטום איז אין כינאַ ווידער איינגעפיהרט געוואָרען פּריוואַט-אייגענטום.

אַלע אינערליכע אונרוהען אין כינאַ דרעהען זיך אַרום דעם קאַמף פון פאָלק וועגען לאַנד-בעזיץ, און דעריבער האָבען אַלע גרויסע פירסטען געזאָרגט איינצופיהרען אַ געזונדע אַגראַר-פּאָליטיק, ד. ה. איינצואָרדנען די גערעכטע פערטיילונג פון ערד. הגם די רעפאָרמע, וואָס די ו ו ע י-פּיר-סטען האָבען איינגעפיהרט, איז ווידער אָפּגעשאַפט געוואָרען, איז זי דאָך געווען די איינציגע, אין וועלכער עס איז געלעגען דאָס גליק פון פאָלק און זי איז דעריבער געוואָרען דער פונדאַמענט פון די שפּעטערע רעפאָרמעס, וועלכע האָבען אין 14טען יאָהרהונדערט דורך די מ י נ ג - דינאַסטיע געקריגען אַ דויערהאַפטע עקסיסטענץ. דיזע רעפאָרמעס זיינען אויף דער פונדאַמענט, אויף וועלכען עס איז געגרינדעט די היינטיגע עקאָנאָמישע איינריכטונג פון כינאַ. דאָס כינעזישע פאָלק האָט ענדליך נאָך אַ טויזענד-יאָהריגען קאַמף צוריקגעקריגען זיינע אַלטע רעכטען פון אייגענטום.

כינעזישע קולטור. עס איז זעהר שווער צו געבען אַ ריכטיגע אָפּשאַצונג פון דער כינעזישער קולטור, איבערהויפּט ווען מען וויל זי פערגלייכען מיט די אייראָפּעאישע קולטורען. פריהער פאַר אַלין מוז מען בעשטימען, וואָס מען פערשטעהט אונטער דעם וואָרט קולטור. פערשטעהט מען אונטער דעם וואָרט קולטור נאָר די גרויסע פאָרשריטען, וואָס דער מענש האָט געמאַכט אין טעכניק, קונסט און וויסענשאַפט, אָדער מען פערשטעהט אונטער דעם וואָרט קולטור אויך די פערברייטונג פון די קולטור-שאַפונגען צווישען אַלע שיכטען פון פאָלק? אויב קולטור מיינט בלויז דאָס דערגרייכען אַ הויכע שטופע פון קולטור און קונסט, אַפילו ווען מיט דעם האָט זיך בענוצט נאָר אַ קליינער טייל פון פאָלק, דאַן זיינען די אייראָפּעאישע קולטורען די העכסטע. מיינט מען אָבער אונטער קולטור, דאָס פערברייטערן דעם גענוס פון טעכניק, וויסענשאַפט און קונסט צווישען די ברייטע שיכטען פון פאָלק, דאַן איז די כינעזישע קולטור די העכסטע. אין כינאַ האָט דאָס פאָלק גענאָסען פון אַלע קולטור-גיטער פון אָנפאַנג אָן פון זיין עקסיסטענץ און אַלע בעמיהונגען פון איינצעלנע פערזאָנען, פון קיסרים און פירסטען, צו בערויבען דאָס פאָלק פון דיזע גיטער זיינען ניט געלונגען, ווייל דאָס פאָלק האָט מיט זיין גאַנצער ענערגיע געקעמפט געגען דעם און האָט ניט געלאָזען רויבען זיינע רעכטען. דעם כינעזישען פאָלק

איז געלונגען צו בלייבען דער זיגער אין דיזען קאמף נאר דערפאר, ווייל עס האט ניט צוגעלאזען, אז עס זאל איינגעפיהרט ווערען שקלאפעריי ביי איהם אין לאנד. מיר געפינען אפילו אין דער צייט פון דער טשעאו־די־נאסטיע דאס כינעזיישע ווארט „נו“, וואס בעדייט „שקלאף“. און עס איז בעוואוסט, אז אין דעם קייזערליכען הארעם (בית הנשים) זיינען געווען סריסים, אבער דאס זיינען נאר געווען פעלען פון פערשקלאפונג פון איינצעלנע פערזאנען, וועלכע די כינעזער האבען געפאנגען ביי פרעמדע פעלקער. אין שפעטערע צייטען געפינען מיר אין כינא געזעצען, וועלכע ערלויבען עלטערן אין א צייט פון הונגער צו פערקויפען זייערע קינדער פיר שקלאפען, אבער דיזע שקלאפען האבען ניט געטארט בעהאנדעלט ווערען ווי א זאך, ווי א חפץ, ווי עס איז געווען דאס געזעץ ביי די רוימער, נאר דאס געזעץ האט געפאדערט פיר זיי מענשליכע בעהאנדלונג. באלד ווי די כינעזישע שקלאפען האבען דערגרייכט צו דעם עלטער פון הייראט, האבען זייערע אייגענטימער זיי געמוזט פריי לאזען און אפילו אויך בעזארגען מיט אלץ, וואס זיי האבען געהאט נויטיג צו זייער הייראט. ווייל די ארבייט ביי די כינעזער איז געבליבען פריי און האט ניט געקענט פערשקלאפט ווערען, איז אין כינא געווען אונמעגליך, אז איינצעלנע פערזאנען זאלען קענען אפשאפען גרויסע רייכטימער, אפילו פיר פירסטען און קיסרים איז עס געווען אונמעגליך. עס איז אמת, דאס עס האבען אויך אין כינא זיך געפונען איינצעלנע דעספאטען, וואס האבען פערשווענדט גרויסע סומעס ארויסצוווייזען זייער פראכט און גלאנץ, אבער דאס אלץ איז א קלייניגקייט אין פערגלייך מיט די פערשווענדונגען אויף לוקסוס, וואס מיר בעגעגענען ביי די קולטור־פעלקער פון די מערב־לענדער, וועלכע האבען דורך שקלאפעריי געשאפען אונגעהייערע אוצרות.

אויף וואס אבער האבען די כינעזער אנגעווענדט זייער פרייע ארבייט? נאר אויף בעפרידיגען זייער בעדערפניסען. יעדער כינעזער ארבייט ניט פיר די בעדערפעניסען פון די יחסנים. ניט אום צופרידען צו שטעלען די קאפריזען פון די גרויסע לייט, נאר פיר זיינע אייגענע בעדערפעניסען. יעדער כינעזער איז געווען צוגעבונדען מיט דער גאנצער קראפט פון זיין נשמה צום באדען און דעריבער האט ער פון קיין אנדערע זאכען אויסער צו בעארבייטען די ערד ניט געוואוסט און נאר דאס, וואס איז פראקטיש און נוצליך, האט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט. דער כינעזער איז בכלל א מאטעריאליסט, זיין גייסט איז ניט הויך, זיין גאנצעס שטרעבען איז נאר זיך צו שאפען א זיכערע עקסיסטענץ. אין דיזער אייגענשאפט זיינער

ליגט זיין שוואכקייט. אָבער, פון דער אנדערער זייט, ליגט אין דעם אויך זיין שטארקקייט, דער סוד פון זיין וואונדערבארער לעבענס־פעהיגקייט.

דאָס אלטעגליכע לעבען איז געשטאַנען ביים כינעזער אויף׳ן ערסטען פּלאַן. זיין גאנצע ענערגיע, זיין גאנצע ארבייטס־פעהיגקייט האָט ער בע-נוצט צופרידען צו שטעלען זיינע אלטעגליכע לעבענס־פאָדערונגען. האָט ער דיזע פאָדערונגען צופרידען געשטעלט, האָט ער מעהר ניט פערלאַנגט. וואָס אנבעטרעפט דאָס פראַקטיישע לעבען האָבען די כינעזער שוין זעהר לאַנג וויכטיגע זאכען געשאפען. פיר די ענטוויקלונג פון ערד־ארבייט האָ-בען זיי ענטוויקעלט א גרויסארטיגעס קאנאל־סיסטעם אום צו בעוואסערן דעם באָדען. דערמיט האָבען זיי די בעארבייטונג פון באָדען געבראַכט צו א שטופע, אויף וועלכער קיין אנדער פאָלק האָט דאָס ניט געבראַכט.

נאָך היינט ברייגגען די כינעזער ארויס פון זייער באָדען מיט זיי׳ער אונגעהייערן פלייס פיעל מעהר אפילו, ווי די אמעריקאנער מיט זייערע נייע מאשינען פיר ערד־ארבייט.

אָבער ניט נאָר אין ערד־ארבייט האָבען זיך די כינעזער אויסגעצייכענט, נאָר אויך אין פאבריקאציאָן פון טייערע פארצעלייענע כלים, אין זיידען־וועבעריי, שטיקערייען, שניצערייען פון העלפאַנד־ביין א. אז. וו. אין האנד־ווערק זיינען די כינעזער אזוי געשיקט, דאָס זיי קענען קאָנקו-רירען מיט די העכסטע קולטור־פעלקער פון אייראָפּאַ.

די כינעזער האָבען שוין אין די גאַנץ אַלטע צייטען ענטוויקעלט א הויכען געפיהל פיר קונסט און א גרויסען געשמאַק פיר פאַרבען. זייערע וואוינונגען און זייער מעבעל צייגען אַן עדעלען געשמאַק, וועלכער איז אין קיין פאַל נידעריגער פון דעם געשמאַק פון די אייראָפּעאישע פעלקער און אין געוויסע פּרטים העכער פון זייערן.

די כינעזישע קונסט צייכענט זיך אויס איבערהויפּט מיט דער קליינ-קייט און שענקייט פון די קונסט־ארטיקלען, וועלכע זיי שאַפען צ. ב. מיניאַטור לאַנדשאַפטען, מיניאַטור בריקען א. אז. וו. אפילו די בוי-קונסט פון די כינעזער צייכענט זיך אויך אויס מיט איהר קליינקייט. אפילו אין זייערע גליקליכסטע צייטען האָבען די כינעזער ניט אויפגע-שטעלט קיין הויכע געביידעס א חוץ דער דערמאָהנטער כינעזישער וואַנד. זייערע טייערסטע געביידעס זיינען געוועזען שעהן בעצירט, אָבער ניט גרויס און אזוי שטארק, דאָס זיי זאָלען קענען דויערן לאַנג. מען פער-זיכערט, דאָס אין גאַנץ כינאַ איז ניטאָ קיין איינציגעס געביידע, וואָס זאָל זיין עלטער פון 250 יאָהר. אפילו די קעניגליכע פּאַלאַצען זיינען קיין

פאַרצעלייענער טורם (אין פעקינג).

אויסנאַהמע אין דיזען פרט. איבערהויפּט איז צו בעוואונדערן דעם כינעזער'ס געשמאַק פון קליינקייט אין גערטנעריי. איהם איז געלונגען אויסצוהאָדעווען פלאַנצען פיעל קלענער פון זייער נאַטירליכער גרויס, צו שאַפען פלאַנצען=קאַרליקעס.

אַזוי באַלד, ווי מיר טרעטען אַריבער דעם גרענעץ פון פּראַקטישער טעטיגקייט ביי די כינעזער און בעטראַכטען זייער פעהיגקייט צו עטוואָס אידעאַלעס, געפינען מיר אַ גרויסען קאָנטראַסט צווישען זיי און די קולטור=פעלקער פון די מערב=לענדער. די כינעזער צייכנען זיך אויס מיט זייער ערפינדונגס=גייסט. שוין אין די אַלטע צייטען זיינען זיי בעקאַנט געוואָרען מיט אַ ס ט ר אָ נ אָ מ י ע, מיט דעם ק אָ מ פּ אַ ס, מיט פּ ו ל ו ו ע ר און אַפילו מיט ד ר ו ק ע ר י י. דיזי ערפינדונגען האָבען אָבער די כינעזער ניט געבראַכט צו אַזאַ הויכער מדרגה, ווי די אייראָפּעאישע פעלקער האָבען זיי געבראַכט. די אַסטראָנאָמיע איז ביי זיי פערבליבען אַ מין אַסטראָלאָגיע, ד. ה. אַבערגלויבישע שטערן=זעהעריי. דעם פּולווער האָבען זיי לאַנג בענוצט פיר פייער=ווערק, ביז די יעזואיטען, וועלכע פלעגען קומען אין כינאַ אַלס מיסיאָנערען, האָבען זיי אויסגעלערענט צו בענוצען דאָס צום שיסען. זייערע ערפינדונגען האָבען זיי קיינמאָל ניט געפיהרט צו טיפערע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, וועלכע זאָלען זיי ערקלערען די ערשיינונגען פון דער נאַטור. די כינעזער זיינען קיינמאָל ניט געקומען אויף דעם וועג פון אמת'ן גריכישען דענקער=גייסט, וועלכער האָט אַזוי בערייכערט די אייראָפּעאישע קולטור. גייסטיג זיינען די כינעזער נאָך ביז יעצט פערבליבען קינדער, ווייל זייער גאַנצע קראַפט האָבען זיי אימער פערווענדט אויף פּראַקטישע אַרבייט.

דיזע גייסטיגע צוריקגעשטאַנענקייט פון די כינעזער צייגט זיך איבערהויפּט אין זייער שפּראַך און זייער שריפט, וועלכע זיינען נאָך יעצט אין דעם זעלביגען צושטאַנד, ווי זיי זיינען געווען אין די אַלטע צייטען. די כינעזישע שפּראַך בעשטעהט פון איין=זילביגע ווערטער, וועלכע בעהאַלטען אימער זייערע פאָרמעס, האָבען ניט קיין ביגונגען אָדער ענדערונגען. יעדעס וואָרט אין כינעזיש האָט זעהר פיעלע בעדייטונגען, וועלכע ווערען אונטערשיידען ניט דורך ביגונגען אָדער ענדערונגען, נאָר דורך זייער אָרט אין זאַץ, נאָך'ן עניין נאָך, און אין רעדען — דורך פערשיידענע ענדערונגען אין דער שטימע, אין דעם טאָן, מיט וועלכען זיי ווערען אַרויסגערעדט. אַזאַ שפּראַך איז נאַטירליך זעהר אַ שווערע. דערצו נאָך קומט די שוועריגקייט פון דיזער שפּראַך אין שרייבען און לעזען. אין דער

כינעזיישער שריפט ווערט יעדעס וואָרט, יעדער בעגריף אויסגעדריקט דורך א בעזונדער צייכען און דער כינעזער דאַרף אָנווענדען פיעל מיה, אום אויסצולערנען זיך בלויז לעזען און שרייבען. פיר דעם געוועהנליכען טעג-ליכען געברויך זיינען פיר דעם כינעזער גענוג 1,500 — 2,000 שריפט-צייכענס. עס זיינען דאָ כינעזישע געלעהרטע, וועלכע ווייסען ביז 30,000 שריפט-צייכענס, עס זיינען אָבער דאָ ווייניגע, וועלכע זאָלען קענען אַלע צייכענס פון דיזער שפּראַך. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דער כינעזער שטעלט אזוי הויך די קונסט פון שרייבען און רעכענט עס פיר די גרעסטע ערפינדונג פון דעם מענשליכען גייסט. יעדעס בעשריבענע שטיק פּאַפּיער איז פיר דעם כינעזער עטוואס הייליגעס, ערהאבענעס, שריפטען זיינען פיר איהם די העכסטע צירונגען. אין כינא עקסיסטירט שוין פון זעהר אַלטע צייטען זעהר א גוטעס שול-סיסטעם. און יעדער כינעזער, אַפּילו דער אָרימסטער, ווען ער ווייזט זיך נאָר אַרויס ביים עקזאַמען אלס פעהיג, בעקומט אויף דער רעכנונג פון דער רעגירונג א העכערע בילדונג, וועלכע גיט איהם א מעגליכקייט צו פערנעהמען א הויכעס אמט אין דער רעגירונג. אָבער דיזע גוטע איינריכטונג איז ניט דער רעזולטאַט פון ליבע פיר בילדונג, נאָר דער רעזולטאַט פון א געזונדען פּאָליטישען פערשטאַנד פון דעם כינעזישען פאָלק — דאָס בעווייזט נאָר, אז דאָס כינעזישע פאָלק האָט אימער געשטרעבט צו גלייכע רעכטען. וואָס וואָלטען די קולטור-פעלקער פון די מערב-לענדער מיט זייערע בעזונדערע נייגונגען צו אידעאַלען ניט געקענט אויפטאָן פיר דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, ווען זיי וואָלטען איינגעפיהרט ביי זיך אזא בילדונגס-סיסטעם, ווי די כינעזער האָבען עס פון גאַנץ אַלטע צייטען ? !

אין בעצוג אויף דאָס גייסטיגע לעבען זיינען די כינעזער פערבליבען קינדיש. פונקט ווי זייער שפּראַך אזוי טראָגט אויך זייער רעליגיאָן דעם שטעמפּעל פון אן ערסטער ענטוויקלונגס-שטופע: זייער רעליגיאָן איז נאָך ביז היינט פערבליבען א רעליגיאָן פון עלטערן-פערעהרונג, אָדער פערעהרונג פון פערשטאָרבענע, ווי זי איז געווען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק. דער גלויבען אין גייסטער (רוחות) ערפילט די גאַנצע נשמה פון די כינעזער, האָט איינפלוס אויף אַלע זייערע האַנדלונגען, ער איז דער פונדאמענט פון אַלע זיינע פייערליכע צערע-מאָניעס מען קען זאָגען, דאָס די אמונה אין גייסטער איז אימער געוועזן די גרעסטע פּלאַגע פון דעם כינעזישען פאָלק. איין גליק איז אָבער דאָ, וואָס די פּראַקטישקייט פון דעם כינעזער מאַכט איהם גלייכגילטיג צו זיין

רעליגיאָן און דערפאר אויך טאָלעראנט צו אַנדערע גלויבענס. אין כינא האָט מען קיינמאָל ניט פערפאָלגט קיין מענשען צוליב זייער רעליגיאָן. דער רעליגיעזער פאנאטיזם, וואָס האָט אַזוי פיעל קרבנות געקאָסט ביי די קולטור־פעלקער פון די מערב־לענדער, איז אין כינא ניט בעקאַנט. ווען מיר הערען אין אונזערע צייטען פון קריסטען־פערפאָלגונגען אין כינא, איז דאָס ניט דער רעזולטאט פון רעליגיאָנס־האס, נאָר א פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע בעוועגונג און איז מעהרסטענס א פּראָטעסט געגען דער עקס־פּלואטאציאָן פון די קריסטליכע פעלקער. כל זמן די אייראָפּעער האָבען ניט געזוכט כינא צו עקספּלואטירען, צו בערויבען זי פון איהרע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכטען, האָבען די כינעזער קיינמאָל ניט פערפאָלגט די קריסטען אין זייער לאַנד.

די גלייכגילטיגקייט פון די כינעזער צו רעליגיאָן האָט אין זיך נאָך א מעלה, דאָס זי האָט זיי פערהיט פון א ממשלה פון גייסטליכע. די פּריס־טער האָבען קיינמאָל ניט געקענט אויפרייצען דעם פאנאטיזם פון פאָלק געגען אַנדערע, אום דורך דעם צו קריגען מאכט. די פּריסטער אין כינא זיינען קיינמאָל ניט געוועזען העכער פון פאָלק און האָבען אויך ניט געהאט קיין בעזונדערע רעכטען. ווי מיר האָבען פריהער געזעהען, איז אין כינא בכלל זעהר שווער געווען צו פערכאפּען וועלכע עס איז מאכט, ווייל געגען דעם איז געשטאַנען ווי אַן אייזערנע וואַנד די זעלבשטענדיגע פרייע מאכט פון ארבייט. אפילו וועלטליכע הערשער, וועלכע האָבען געהאט די דעה אויף די גראָבע מאכט פון מיליטער, האָבען זעהר אָפט געמוזט נאָכגעבען דעם פאָלק אין זיינע פאָדערונגען פיר גלייכע רעכטען און האָבען ניט גע־וואגט צו געברויכען וואפען.

נאָר איין מאכט אויסער דער הערשער־מאכט האָט זיך ענטוויקעלט אין כינא — די מאכט פון די געלעהרטע. אַזוי ווי די געלעהרטע אין כינא ביל־דען ניט קיין בעזונדערע קלאַס, נאָר זיי קומען פון פאָלק, קענען מיר זאָ־גען, אַז די כינעזער האָבען זייער גורל אין זייערע אייגענע הענט. אָבער דאָס פאָלק פערעהרט נאָר דעם געלעהרטען, וועלכער צייכענט זיך אויס אַלס פּאָלי־טיקער, אַלס שטאַאטסמאַן; קוים געהט ער אראָפּ פון דיזען וועג און גיט זיך אָפּ בלויז מיט וויסענשאַפט, פערלירט ער זיין ווערט ביים פאָלק, וואָס קוקט דאַן אויף איהם, ווי אויף א מענשען, וועלכען עס פעהלט דער טיפער וואהרער פערשטאַנד. דאָס איז ניט נאָר אַזוי מיט די געלעהרטע בכלל, נאָר אויך מיט אַזעלכע בעריהמטע היסטאָרישע פּערזאָנען ווי לאָ־אָ־טסע, קאָנג־פו־טסע (קאָנפוציוס), מענג־טסע א. אז. וו., וועלכע זיינען

ביים פאָלק גרויס און פערעהרט נאָר צוליב זייער געלעהרזאַמקייט אין חכמה אין שטאאטס־אנגעלעגענהייטען.

אין די לעהרעס פון דיזע גרויסע מענער ווייזען זיך ארויס די רעליגיע־זע און פילאָזאָפישע אנזיכטען פון דעם פאָלק. דעריבער האָט דאָס פאָלק צו עהרע פון דיזע גרויסע אויפגעבויט טעמפלען. די עלטעסטע טעמפלען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען צום אנדענקען פון קאָנג טסע (ד. ה. פון דעם „קלוגען לעהרער”).

טעמפעל פון מענג־טסע.

לאָא־טסע, וועלכער האָט געלעבט אין 6טען יאָהרהונדערט פ. קר., האָט געפרעדיגט די לעהרע, לויט וועלכער דער מענש און זיין דענקען ליגט אין דעם טאָא — אין שכל, פערנונפט. דער מענש מוז זיך אין דעם טאָא פערטיפען, אין איהם מוז ער לעבען און לסוף צו איהם צוריקקומען. אלע מעשים טובים און גוטע מדות בעריהען אויף דעם פעראייניגען זיך מיט דעם טאָא. די הויפט־שטרעבינגען פון לאָא טסע זיינען געוועזען צו שיצען די פאָלקס־אינטערעסען. ער זאָגט: „דער כלל פון די פאַרצייטיגע איז געוועזען ניט בילדען דאָס פאָלק, נאָר מאַכען עם דומ. א קלוגעס פאָלק איז שווער צו

דעגירען. דעריבער זאָגט מען: ווער עס רעגירט אַ מדינה מיט דומהייט,
דער האַלט אויף די מדינה. אין פאַמיליע און לעהר־שול ווערען קינדער
ערצויגען צווישען געצען. ווען זיי קומען אין פריה־מאָרגען אין שול, לערנט
מען זיי צו פערעהרען דאָס בילד פון קאָנג־פו־טסע. דיזער מנהג מוז

טעמפעל ביים קבר פון קאָנג־פו־טסע.

אָפגעשאַפט ווערען." דיזע ווערטער בעווייזען אונז אגב אורחא, דאָס
שוין דאַמאָלס איז די פערגעטערונג פון בילדער געווען פערשפּרייט אין
כינא.

אַ פיעל גרעסערען איינפלוס אויף די כינעזער האָט געהאַט קאָנג־פו־
טסע, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט לאַ־אָ־טסע, אָבער איז

געווען אינגער פון איהם. קאָנג־פו־טסע איז אנערקענט ביי דעם כינעזישען פאָלק אלס דער גרעסטער חכם פון אַלע חכמים אין אַלע צייטען. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דעם יאָהר 551 פ. קר. אין דער שטאָדט קיו־פו אין דער היינטיגער פראָווינץ שאַן־טונג און איז געווען דער זוהן פון אַ סאָלדאַט. ער האָט זיך באַלד געמאַכט אַ גרויסען נאָמען און איז אין יעדען פירסטליכען הויף אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס כבוד. ווען ער איז אַלט געווען 30 יאָהר האָט ער שוין צוזאַמענגעשטעלט די הויפּט־פרינציפּען פון זיין פילאָזאָפיע. זיין מאָראַלישעס לעבען און זיין ערעלע אויפפיהרונג זיינען בעוואוסט און אָנגענומען געוואָרען אומעטום.

קאָנג־פו־טסע איז ניט געווען קיין גרינדער פון אַ רעליגיאָן. זיינע לעהרעס זיינען געווען איבערהויפּט וועגען מאָראַל, דרך ארץ און פּאָליטיק. זיין לעהרע וועגען גאָטהייט איז אויסגעדריקט בלויז אין דיזע ווערטער: „גיב עהרע די געטער, אָבער האָב מיט זיי וואָס װעניגער צו טאָן”. עס ווערט פון איהם דערצעהלט, דאָס ער פלעגט זעהר וועניג רעדען פון וואונדער און גייסטער. ער האָט אויך גאָר ניט געזאָגט וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה (השארת הנפש), ער האָט אימער געפּרעדיגט וועגען עהרע צו עלטערן און וועגען היטען געזעץ. צו עהרע פון קאָנג־פו־טסע האָט דאָס כינעזישע פאָלק געבויט טעמפּלען אין פיעלע ערטער.

איינער פון די וויכטיגסטע נאָכפאָלגער פון קאָנג־פו־טסע'ס לעהרע איז מענג־טסע, געבאָרען 371 פ. קר. אין דער היינטיגער פראָווינץ שאַן־טונג. זיין לעהרע איז געווען, דאָס די פירסטען זיינען פיר דאָס פאָלק, ניט דאָס פאָלק פיר די פירסטען. דאָס וויכטיגסטע איז דאָס פאָלק, נאָכהער קומט דאָס לאַנד און די פירסטען זיינען צום לעצטען. ווען די רעגירונג איז שלעכט האָט דאָס פאָלק אַ רעכט צו מאַכען אַ רעוואָלוציאָן און די טיראַנישע הערשער אפילו צו ערמאָרדען. דיזע לעהרע האָבען נאָך פיעלע אַנדערע כינעזישע געלעהרטע פערברייטערט. אויך צו עהרע פון דיזען גרויסען מענג־טסע האָבען די כינעזער פיעלע טעמפּלען געבויט. מענג־טסע איז געשטאָרבען אין דעם עלטער פון 84 יאָהר.

פון אַלץ, וואָס מיר האָבען ביז יעצט דערצעהלט פון די כינעזישע געלעהרטע איז צו זעהן, דאָס זיי האָבען מיט רעליגיאָן אַזוי גוט ווי גאָרניט געהאַט צו טאָן. זייערע לעהרעס האָבען זיך איבערהויפּט בעשעפטיגט מיט מאָראַל און פּאָליטיק. און דעריבער איז די רעליגיאָן פון די כינעזער פערבליבען ביז יעצט אַזוי, ווי זי איז געווען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק — אַ רעליגיאָן פון פערעהרען פערשטאָרבענע עלטערן. די כינעזישע גע-

לעהרטע פערנעהמען זעהר א וויכטיגען אָרט אין רעגירונג. זיי שטעהען צווישען דעם פאָלק און דעם הערישער און ווערען געשעצט פיעל העכער, ווי אין וועלכער אנדער מדינה אין דער וועלט.

ווייל דעם כינעזישען פאָלק פעהלט א נייגונג צו רעליגיאָן, האָט דער בודהיזם, וועלכער איז געקומען אין כינא פון אינדיען אין דעם יאָהר 65 נ. קר., דאָרט פערלאָרען זיין ערסטע ריינקייט און איז געזונקען ביז צו א מין געצען-דינסט. דעם כינעזער איז אונפערשטענדליך יעדע העכערע וויסענשאפט, יעדע העכערע פילאָזאָפיע, ווי אויך יעדע העכערע קונסט. דער כינעזער האָט נאָך קיינמאָל ניט ארויסגעגעבען א ריכטיגעס בילד פון א מענשען. איהם פעהלט די פאנטאזיע, די טיפע געפיהלען פון לע-בען. דאָס זעלביגע קען מען אויך זאָגען וועגען זיין פאָעזיע. עפּאָס (העלדען-געדיכט) און דראמא איז ביי איהם קיינמאָל ניט געוועזען ענטוויי-קעלט, אפילו זיינע לירישע לידער זיינען זעהר נאאיוו, קינדיש. דאָס כינעזישע פאָלק איז נאָר גרויס אין שאפען זיינע מאטעריעלע נויטווענ-דיגקייטען און אין דעם שטעהט עס העכער פון אלע אנדערע פעלקער. אָבער אויף דעם פעלד פון וויסענשאפט און קונסט, אויף דעם פעלד פון אידעאליזם, שטעהען די פעלקער פון די מערב-לענדער פיעל העכער פאר זיי.

די אידען אין כינא.

די צייט, ווען אידען האָבען זיך בעזעצט אין כינא, ווייס מען ניט גע-נוי. מען רעכענט, דאָס זיי זיינען אהין געקומען אין דעם ערסטען יאָהר-הונדערט. אנדערע גלויבען, דאָס זיי האָבען איינגעוואנדערט אין כינא, ווען די עשרת השבטים זיינען פערטריבען געוואָרען פון ארץ ישראל, ד. ה. אן ערך 700 יאָהר פ. קר. אין 12טען יאָהרהונדערט נ. קר. האָט דער כינעזישער הערשער איינגעלאדען אידען צו זיך אין לאנד און האָט זיי געגעבען פיעלע פריווילעגיעס. אין יענער צייט האָט אויסגעבראָכען א מלחמה צווישען כינא און די טאטארען. דער הערשער האָט געבעטען די אי-דען זאָלען איהם העלפען. זיי האָבען ערפילט זיין וואונש און האָבען בע-וויזען גרויסע גבורות אין דער מלחמה געגען די טאטארען. אלס בע-לוינונג פיר דיזען דינסט האָבען די אידען בעקומען גרויסע רעגירונגס-שטעלעס, איבערהויפּט אלס ריכטער. פיעלע רייזענדע דערצעהלען אין זייערע רייזע-בעשרייבונגען וועגען אידען אין כינא אין פערשיידענע צייי-

טען. אין דעם 8טען יאָהרהונדערט האָט דער כינעזישער קיסר פון דער דינאַסטיע טאַנג בעשטימט אַ בעזונדערען גרויסען בעאַמטען פיר די אידען אין כינאַ. דאָס צייגט, אַז די צאָהל פון אידען אין כינאַ איז דאַמאָלס געווען גרויס. אין דעם יאָהר 878 נ. קר. ווען די כינעזער האָבען אַרויסגעטריבען און אויסגעהרג'עט פיעלע אויסלענדער, זיינען פיעלע אידען אויך אומגעקומען. דער אַראַבישער שריפט־שטעלער אַבו־סעיד־אַלחסין דערצעהלט פון אידען אין קאַנג־פו אין דעם 11טען יאָהרהונדערט. דער בעריהמטער איטאַליענישער רייזענדער מאַרקאָ פּאָלאָ דערצעהלט אין זיינע רייזע־בעשרייבונגען, דאָס אין דעם יאָהר 1286 זיינען געווען אין כינאַ זעהר פיעלע אידען און זייער איינפלוס אויף די פּאָליטיק פון לאַנד און אין דעם קייזערליכען הויף איז געווען זעהר גרויס. דער אַראַבישער שריפט־שטעלער אבן־באַטוטאַ דערצעהלט אין זיינע רייזע בעשרייבונגען, דאָס אין זיין צייט אין 14טען יאָהרהינדערט זיינען אין כינאַ געווען זעהר פיעלע אידען, וועלכע האָבען געהאַט זעהר פיעלע שולען. דער גייסטליכער אַלעני, וועלכער האָט בעזוכט די אידישע געמיינדע אין קאַי־פאַנג־פו אין יאָהר 1613 האָט ביי זיי געפונען אַ זעהר אַלטע ספר תורה.

דער רייזענדער טראַגי־אַלין (אין אָנפאַנג פון 17טען יאָהרהונדערט) איז געווען דער ערסטער, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, דאָס די כינעזישע אידען שטאַמען פון די עשרת השבטים. דער גייסטליכער דומענגאָ ערצעהלט, דאָס ער האָט בעזוכט אין דעם שבת פון דעם דריטען אָקטאָבער 1772 אַ אידישע שול אין קאַי־פאַנג־פו. יענער טאָג איז אויסגעקומען שמיני עצרת, אין שול האָט מען אָבער דאַמאָלס ניט געלייענט „עשר תעשר", נאָר זיי האָבען געלייענט די סדרות וילך און האזינו. אויף מאָרגען האָבען זיי געפייערט מיט גרויס פּאַראַד שמחת תורה מיט הקפות אַרום דער בימה, ריכטיג ווי ביי היינטיגע אידען. אין מיטען שול איז געשטאַנען אַ שענע בימה, אויף וועלכער מען האָט געלייענט די תורה און ביי וועלכער דער רב פלעגט זאָגען זיין דרשה.

די אידען אין כינאַ, ווי אין פיעלע אַנדערע אָריענטאַלישע (מזרח־) לענדער, זיינען זיך נוהג אויסטאָן די שיך איידער זיי געהען אַריין אין שול. דער בעל־קורא איז אָנגעטאָן אויף'ן פנים מיט אַ דורכזיכטיגען שלייער, דורך וועלכען ער קען לייענען. לעבען דעם בעל קורא שטעהט איינער, וואָס זיין פליכט איז איהם אויפמערקזאַם צו מאַכען, ווען ער מאַכט אַ טעות אין לייענען. זייערע לוחות, זייער צייט־רעכנונג פון ימים טובים שטימען מיט אונזערע. שבת היטען זיי אָפּ זעהר שטרענג.

יוענגען דער צאָהל אידען אין כינא ווייסען מיר ניט קיין בעשטימטעס. די ידיעות ווידערשפּרעכען אַזוי ווייט איינע די אַנדערע, דאָס עס איז שווער צו דערגעהן פון זיי דעם אמת. אַזוי צ. ב. האָט אין דעם יאָהר 1863 דערצעהלט אַ אידישער אָפיציער, וואָס האָט געדינט אין דער ענגלישער פלאָטע, דאָס ווען ער איז געוועזען אין כינא האָט ער געפונען אַ שטאָדט, אין וועלכער עס רעכענט זיך איבער אַ מיליאָן אידען. אין דער צייט פון דעם קריג צווישען די אייראָפּעאישע מעכטען און כינא האָבען צייטונגען געבראַכט ידיעות, דאָס אין כינא געפינט זיך לערך אַ האַלבער מיליאָן אידען. אַנדערע אָבער האָבען געשריבען, דאָס אין כינא געפינען זיך נאָהענט פון 40 מיליאָן אידען. דאָקטאָר מאַרטין האָט געפונען אין דעם יאָהר 1866 געשריבען אויף אַ שטיין, וואָס איז פערבליבען פון אַן אַלטער אידישער שול אין קאַי־פאָנג־פו, דאָס 70 משפחות אידען זיינען געקומען פון אינדיען (הודו) נאָך כינא און האָבען מיט זיך געבראַכט באַוועל אַלס געשענק צום כינעזישען קיסר, און דאַמאָלס האָבען זיי זיך דאָרט בעזעצט. דאָס איז געוועזען אין דער צייט פון דער דינאַסטיע היען, וועלכער האָט רעגירט אין כינא פון 200 פ. קר. ביז 220 נ. קר. לויט דר. מאַרטין ערצעהלט, זיינען די אידען אין קאַי־פאָנג־פו זעהר אָרים. די כינעזער רופען זיי טיאָא־קיו־קיאָו, ד. ה. מענשען, וואָס שניידען אויס די אָדערן (וואָס עסען ניט פון דעם גיד הנשה). פון אידישקייט ווייסען זיי כמעט גאָר ניט.

די ענגלישע און אַמעריקאַנישע אידען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין שאַנגהאַי, האָבען זיך געמאַכט פיר אַן אויפגאַבע צו רעטען די כינעזישע אידען פון אונטערגאַנג דורך אַסימילאַציאָן מיט די כינעזער, און זיי פיהרען מיט זיי אונטערהאַנדלונגען צו פערבעסערן זייער מאַטעריעלע און מאָראַלישע לאַגע. אין דעם יאָהר 1901 האָבען די ענגלישע און אַמעריקאַנישע אידען פאָרגעשלאָגען די אידען אין קאַי־פאָנג־פו צו איבערבויען זייער אַלטע צושטערטע שול און צו שיקען זיי רעליגיאָנס־לעהרער, אָדער ווען זיי ווילען, זאָלען זיי אַריבער פאָהרען אין שאַנגהאַי און זיי וועלען דאָרט קריגען אַלע מעגליכע שטיצע. אָבער צוליב די דאַמאָלסדיגע מלחמות און אונרוהען אין כינא איז די זאַך אָפּגעלעגט געוואָרען אויף אַן אונבעשטימטע צייט.

2. די אינדיער.

אינדיען איז פון אייביג אן פערערכענט פיר א לאנד פון וואונדער. די אונגעהייער גרויסע רייכטימער, די שענע רייצענדע נאטור, האבען דיזעס לאנד געמאכט אנציהענד פיר פיעלע גרויסע אונטערנעהמער, פיר פיעלע געלעהרטע פון אנדערע לענדער, אהין צו רייזען און אויספארשען אלע געהיימניסען פון דעם לאנד. עס איז קיין וואונדער ניט וואס וועגען אינדיען געפינען זיך ביי אלע פעלקער אזוי פיעלע זאגעס און לעגענדעס, וועלכע פערגרעסערן דעם אינטערעס אין דיזען לאנד נאך מעהר. אינדיען איז אין פיעלע הינזיכטען דער קאנטראסט, דער היפוך פון כינא.

דעם גרעסטען איינפלוס אויף די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון אינדיען האט געהאט דער פאקט, וואס די בעפעלקערונג פון אינדיען איז צוזאמענגעשטעלט פון פיעלע פערשיידענע פעלקערשאפטען. אין דעם קאפיטעל „די געשיכטע פון אור־אלטע צייטען" האבען מיר שוין דערמאהנט די איינוואנדערונג פון דער ארישער קולטור־ראסע אין אינדיען, ווי די נייע איינוואנדערער האבען די אור־איינוואוינער פון דיזען לאנד טיילס פערטריבען, טיילס פערניכטעט און טיילס אונטערגעיאכט. עס איז זעהר שווער ריכטיג אנצואווייזען די אפשטאמונגען פון דעם פעלקער־געמיש אין אינדיען. ווייל די פערשיידענע ראסען, וועלכע האבען אין די אור־אלטע צייטען זיך בעזעצט אויף דיזער האלב־אינזעל, האבען זיך שפעטער אזוי צוזאמענגעמישט, דאס זיי זיינען כמעט צוזאמענגעשמאלצען געווארען אין איין פאלק. אויך דער ארישער טייל פון דער אינדישער בעפעלקערונג, וועלכער איז נאך אין פיעלע ערטער געבליבען ריין ביז היינט, האט זיך אין פיעלע אנדערע ערטער צוזאמענגעמישט מיט אנדערע ראסען. צוזאמען מיט דעם ריין־ארישען טיפ בעגעגנען מיר נאך דארט אויך דעם ריינעם טיפ פון די אור־בעוואוינער, וועלכע לעבען יעצט אין די וואלד־געגענדען אין די בערג. דאס נעבען־שטעהענדע בילד צייגט אונז א בהואי־יא, וועלכער געהערט צו דער דונקעלער אור־ראסע, וועלכע בעוואוינט נאך היינט די וואלד־געגענדען און

די בערג=געגענדען. די בהואי=יאַ וואוינען אין אָריססאַ און אין די נאַכבאַר-שאַפטליכע געגענדען.

צו דיזע בעוואוינער פון די וואַלד=געגענדען געהערען די פעלקער: ב ה י ל, ק אָ ל, ס אַ נ ט ה אַ ל, ק אַ ד ע ר א. אַנד., וועלכע זיי-נען עד היום געבליבען ווייט פון יעדער קולטור. דיזע פעלקער וואוינען צו-טיילט אין הונדערטער שבטים איבער דעם גאַנצען לאַנד אין וועלדער און

אַ בהואי=יאַ.

אויף בערג פון די הימאַלאַיען אין צפון פון אינדיען ביז קאַפּ קאָמאָרין ביי דעם דרום'דיגען שפּיץ פון אינדיען. אויב דיזע אַלע פעלקער זיינען ווירק-ליך די אור=בעוואוינער פון לאַנד, אָדער איינינע פון זיי זיינען איינגעוואַנ-דערטע פון אַנדערע ערטער, איז שווער צו זאָגען אויף ריכטיג. פון די דער-מאָהנטע פעלקער דאַרף מען אונטערשיידען די ד ר אַ ו ו י ד אַ = פעלקער. אויך וועגען דיזע פעלקער זיינען די מיינונגען פערשיידען, און איינינע

פֿאַרשטער בעהויפּטען, אז זיי זיינען געקומען פֿון צפֿון מערב. צו דער צייט, ווען די ארישע הינדוכען (אינדיער) האָבען איינגעוואַנדערט, זיינען די דראַווידען געווען זעהר פֿאַרגעשריטען און האָבען זיך זעהר שטאַרק געשטעלט געגען די אַריער. אָבער מיט דער צייט האָט זיך אַ בעדייטענדער טייל דראַווידען צוזאַמען מיט אַנדערע אור-פֿעלקער פֿערמיישט מיט די אַריער. דאָס זעהען מיר פֿון דער אינדיישער שפּראַך, פֿון ס אַ נ ס ק ר י ט, וועלכע איז אַפּילו פֿערוואַנדט מיט פּערסיש. אָבער זי איז ניט פּערסיש, נאָר אַ שפּראַך וועלכע האָט זיך געבילדעט אין אינדיען דורך די פֿערמישונג פֿון פּערסיש מיט די לשונות פֿון די אור-פֿעלקער פֿון אינדיען. די אַריער האָבען די אור-איינוואוינער פֿון אינדיען בעזיגט און זיי האָבען זיך דאָרט בעפֿעסטיגט. די אונטערגעיאָכטע אור-איינוואוינער ווערען גערופֿען אין אינדיען מיט דעם נאָמען ס ו ד ר אַ — ד. ה. „איין-מאָל געבאָרענע", די בעזיגער זיינען בעוואוסט מיט דעם נאָמען אַ ר י אַ ס, וועלכע בעטראַכטען זיך אַלס „צוויי-מאָל געבאָרענע" (דער נאָמען אַריאַס איז לויט די שפּראַך-פֿאָרשער פֿון דעם סאַנסקריטישען שרש אַ ר, ד. ה. אַקערן). די אַריאַס ווערען בעטראַכט אַלס ריינע אין די סודראַ — אַלס אונריינע (טמאים). דיזע שפּאַלטונג האָט ענדליך געבראַכט דערצו, אַז דאָס אינדיישע פֿאָלק איז איינגעטיילט געוואָרען אין בעזונדערע קלאַסען, אין קאַסטעס, און דאָס האָט געהאַט זעהר אַ שלעכטען איינפֿלוס אויף דעם גאַנצען גאַנג פֿון דער געשיכטע פֿון די אינדיער און האָט געשטערט זייער פֿרייע ענטוויקלונג.

איינינגע ווילען בעהויפּטען, דאָס די צוטיילונג פֿון די הינדוסען אין קאַסטעס איז אַ רעזולטאַט פֿון דעם כאַראַקטער פֿון דיזען פֿאָלק. דיזע מיינונג איז אָבער פֿאַלש. דאָס אינדיישע פֿאָלק, ווי אַלע אַנדערע קולטור-פֿעלקער, איז פֿריהער געווען נאָמאַדיש, ד. ה. עס האָט געפֿיהרט אַ וואַנדערנדעס לעבען. אין אַ נאָמאַדישען צושטאַנד בעזיצען ניט די פֿעלקער קיין רייכטימער און דעריבער קומט זעלטען פֿאָר ביי זיי מלחמות און שטרייטען. אזוי, שיינט עס, איז ווירקליך געווען דער צושטאַנד פֿון דעם אינדישען פֿאָלק אין די אַלטע צייטען, ווען זיי האָבען נאָך ניט געוואוסט פֿון קאַסטעס און יעדער פֿאַמיליען-פֿאָטער האָט געהאַט דאָס רעכט צו בעטען צו די געטער און מקריב זיין קרבנות פֿיר די גאַנצע פֿאַמיליע. אזוי פֿערשטעהט מען פֿון די אינדישע הייליגע ביכער, וועלכע זיינען בעוואוסט מיט דעם נאָמען ו ו ע ד אַ ס. די לאַגע איז אָבער געוואָרען אַנדערס, ווען עס האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבען ווייזען די מאַכט פֿון פֿירסטען און קעניגען. די פֿירסטען און

קעניגען האָבען אָנגעפאַנגען צו פּראַווען רעליגיעזע צערעמאָניעס, מקריב־זיין קרבנות מיט גרויס פּראַכט און גלאַנץ. וואָס עס האָט געפיהרט צו אַ פּריסטערטום, צו אַן אַמט פון כהנים, וועלכע זיינען געווען הויך געשעצט און געעהרט פון די פירכטען. אויסער די פּריסטער זיינען ענטשטאַנען בעזונדערע זינגער־פאַמיליעס, וועלכע האָבען געזונגען הייליגע לידער, מזמורים, ביי דעם קרבנות־דינסט. פון דיזע זינגער־פאַמיליעס שטאַמען עס די ר י ג־ו ע ד א ס, וועלכע בילדען דעם עלטעסטען טייל פון די ווערדאַס. אין דיזע לידער ווערט געשילדערט דאָס לעבען פון ערד־אַרבייטער און פאַסטוכער פון די פאַטריאַרכען אין דעם פּ ו נ ד ז ש אַ ב („דאָס לאַנד פון פינף טייכען”), וועלכע האָבען מקריב געווען קרבנות צו דעם זונען־גאָט אַ י נ ד ר אַ, צו דעם הערשער פון דעם וועלט־רוים און פון דעם ים ו ו אַ ר ו נ אַ און צו דעם גאָט פון פייער און ליכט אַ ג נ י.

אָבער דיזע פּריסטער און זינגער־פאַמיליעס האָבען נאָך ניט געבילדעט קיין בעזונדערע קאַסטע מיט העכערע פּריוויליגיעס ווי אַנדערע פון פאָלק. קאַסטעס האָבען זיך אָנגעהויבען בילדער שפּעטער. די לוסט צו אונטעריאָכען זייערע אייגענע ברידער האָבען די אַריער בעקומען דורך דעם, וואָס זיי האָבען אונטערדריקט די אור־איינוואוינער פון לאַנד. פון אונטעריאָכען און פערשקלאַפען פּרעמדע ביז טאָן דאָס זעלביגע צו אייגענע שוואַכערע ברידער איז נאָר איין שריט. די פערשקלאַפונג פון די ס ו ד ר אַ האָט די אַריער פערשאַפט גרויסע רייכטימער און דורך דיזע רייכטימער האָבען זיי געקריגען אַ גרויסע מאַכט צו אונטערדריקען דאָס פאָלק. די פּריסטער זיינען דעריבער געוואָרען אַ בעזונדערע קאַסטע מיט אַ גרויסער מאַכט. די מלחמות אַרום דעם טייך גאַנגעס און אַרום יאַמונאַ, וועלכע האָבען זעהר אָפּגעשוואַכט דאָס פאָלק, האָבען נאָך מעהר פערשטאַרקט די מאַכט פון דער פּריסטער־קאַסטע, וועלכע איז געוואָרען די גרעסטע און העכסטע מאַכט פון לאַנד.

אום צו בעפעסטיגען זייער הערשאַפט האָבען די פּריסטער אָפּגעשאַפט די אַלטע נאַטור־רעליגיאָן און האָבען געשאַפען אַ נייע רעליגיאָנס־לעהרע, די לעהרע פון ע מ אַ נ אַ צ י אָ ן, ד. ה. אויף אונזער קבלה־שפּראַך „אצילות”. לויט דיזער לעהרע איז די הויפּט־גאָטהייט ב ר אַ ה מ אַ, ד. ה. די נשמה פון דער וועלט. פון איהם עמאַנירען, שטראָמען אַרויס, די אַנדערע געטער: אַ י נ ד ר אַ, י אַ מ אַ, ו ו אַ ר ו נ אַ, אַ ג נ י און ר ו ד ר אַ (דער פאָטער פון די ווינטען). אונטער דיזע גאָטהייטען שטעהען אַלע נאַטור־קרעפטען, די גייסטער און די הייליגע, ריינע מענ-

ישען. דאָס בוך, אין וועלכען דיזע לעהרע פון די פּריסטער איז אויספיהר-
ליך בעשריבען, רופט זיך וועדא, ד. ה. דאָס וויסען, די חכמה.
לויט דער וועדא ווערט דאָס אינדיישע פאָלק איינגעטיילט אין דריי „ריינע"
קאסטעס אָדער קלאַסען: 1) די בראהמאַנען, וועלכע קומען
ארויס פון בראהאמאַ'ס מויל, 2) די קשאטריא, די קריעגס-לייט,
וועלכע שטאַמען פון בראהאמאַ'ס הענט און 3) די וואיזא, די ערד-
ארבייטער, סוחרים און בעלי מלאכות, וועלכע זיינען ענטשטאַנען פון
בראהאמאַ'ס פיס.

די סודרא, די „אונריינע", טיילען זיך אויך לויט דער וועדא אין
פערשיידענע קאסטעס, ווי צ. ב. די פּאַריא, טשאַנדאַלאַ א.
אַז. וו. צווישען דיזע קאסטעס האָט זיך מיט דער צייט געבילדעט א גרויסע
צאָהל פון מיטעל-קאסטעס, פון וועלכע עס גיט נאָך איבער פערציג. דיזע
אַלע קאסטעס, לויט דער רעליגיאָן פון די אינדיער, מוזען לעבען שטרענג
אָפּגעזונדערט איינע פון דער אַנדערער, זיי טאָרען ניט פערקעהרען, ניט
דייראַטען איינע מיט די אַנדערע א. אַז. וו. די אַלע „אונריינע" קאסטעס זיי-
נען בעהאנדעלט געוואָרען מיט א שרעקליכער פעראַכטונג. פון דיזע „אונ-
ריינע" קאסטעס קומען ארויס די ציגיינער.

נאָך דעם מענשען האָבען פון דער הויפּט-גאָטהייט בראהאמא ארויסגע-
שטראָמט די חיות, די בוימער, די שטיינער א. אַז. וו. דיזע לעהרע פון
דער וועדא האָט ניט געקענט צופרידען שטעלען די מאסע פון פאָלק, וועל-
כע האָט געפאָדערט געטער, וואָס מען זאָל זיי קענען זעהן און פיהלען;
דעריבער האָבען די אינדיער א חוץ דעם הויפּט-גאָט בראהמא פערעהרט נאָך
צוויי געטער: ווישנו און שיווא.

ווישנו איז דער אויפהאַלטער און ערלעזער פון דער מענשהייט. פיר
דאָס גליק פון דער מענשהייט בעווייזט ער זיך אַלס מענש און קעמפט גע-
גען שלעכטס, געגען בייזעס. שיווא איז די צושטערענדע קראַפט פון דער
נאַטור, ער ערשיינט אימער אין שרעקליכען שטורם און צושטערט אַלץ,
וואָס די אַנדערע געטער שאַפען.

די קלוגע, כיטרע בראהמאַנען האָבען גוט פערשטאַנען ווי צו אויס-
נוצען די פאַנטאַזיע פון די הינדוסען אום זיי צו מאַכען געהאָרזאַם און קע-
נען הערשען איבער זיי. זיי האָבען אויסגעטראַכט די לעהרע פון גלגול,
ד. ה. אַז די נשמה פון א זינדיגען, וואָס פאָלגט ניט די לעהרע פון בראַה-
מאַ, ווערט נאָך דעם טויט מגולגל אין חיות, שטיינער א. אַז. וו. און לייד
דערביי שרעקליכע יסורים. זיי האָבען אויך ערפונדען די לעהרע פון עונש

אין גיהנם פיר רשעים. וואָס זינדיגען געגען די בראהמאנען. האָט איי-נער פערוואונדעט אַ בראַהמאַן, וועט ער אין גיהנם אַזוי פיעל יאָהרען צו-ריסען ווערען אין שטיקער פון ווילדע חיות, וויפיעל זאַמד־שטויבען עס האָט בענעצט דאָס פליסענדע בלוט פון דעם פערוואונדעטען בראַהמאַן. ווער עס האָט אַ בראַהמאַן ערמאָרדעט, וועט זיין נשמה מגולגל ווערען אין אַ הונט, אין אַן עזעל, אין אַ באָק, אין אַ וואָרים און אַז. וו. די פריסטער האָבען אויך געלערנט דאָס פאָלק צו זיין אַסקעטען (פּרושים), צו פיהרען אַ לעבען פון בעלי תשובה. צו פּייניגען דעם גוף, אום די נשמה זאָל קע-נען זיך צוריקקעהרען צו איהר אור־קוועלע, צו דער גאָטהייט. צו דיזען צוועק מוז דער מענש טאָן תשובה, וועלכע בעשטעהט אין אָנטאָן זיך אַלער-ליי יסורים, פאַסטען, וואַלגערן זיך אין שנעע, ענטזאַגען זיך פון יעדען געפיהל צום לעבען, ניט צולאָזען קיין פרייען מוט. דיזע פינסטערע לעה-

בראַהמאַ, ווישנו און שיוואַ.

רע פון תשובה און ענויים האָט געהאַט דעם צוועק צו פערשקלאַפען דעם גייסט פון פאָלק, פערלעשען אין איהם יעדען פונק פון פרייהייט, אום צו קענען לייכטער בעהערשען די נשמה צוזאַמען מיט'ן גוף. און דיזען צוועק האָבען די ביטרע פריסטער פאָלשטענדיג ד'ערגרייכט.

דער רעזולטאַט פון דיזער פינסטערער לעהרע איז געווען, דאָס די בראַהמאַנען זעלבסט זיינען געוואָרען די אָפּפער פון זייער אייגענעם דעס-פּאָטיזם. אום זייער לעהרע זאָל אָנגענומען ווערען ביים פאָלק, האָבען זיי מיט זיך אַליין געמוזט ווייזען אַ ביישפּיעל דעם פאָלק פון איבערגעבענהייט צו דער לעהרע, וועלכע זיי פּרעדיגען. זיי האָבען אָנגעהויבען פּראַווען תשובה, זיך אָנטאָן אַלערליי יסורים און ענויים און געלעבט אין איינזאַמ-קייט. לעבענדיג אין איינזאַמקייט האָבען זיי זיך איבערגעגעבען צום דענ-קען, צו גייסטיגע, הימלישע זאַכען, זיי האָבען דאָס אונפערשטענדליכע

מיט נאָך מעהר אונפערשטענדליכקייט ערקלערט. דאָס אינדיישע העלדען-געדיכט „ראמאיאנא" דערצעהלט אונז פיעלעס וועגען אזעלכע פריסטער, וואָס האָבען געלעבט איינזאם, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, פון דער גאנצער מענשהייט, שטענדיג אונטער'ן פרייען הימעל, אויף די הויכע בערג, אָדער אין טיפע העהלען אויף דער ערד, האָבען זיך געשפּייזט נאָר מיט גראָזען און וואסער און האָבען געשלאָפען אויף דער הוילער ערד; אַנדערע פון זיי האָבען פשוט גאָר ניט געגעסען, האָבען אונטערגעהאלטען זייער חיות נאָר מיט לופט, מיט זונען-שטראהלען און לבנה-שטראהלען. פיעלע פון דיזע פריסטער פלעגען טראָגען שטענדיג נאַכע קליידער, אַנדערע זיינען יאָהרען-לאנג געשטאַנען ביז'ן האלז אין וואסער. פיעלע האָבען זיך געפּייניגט מיט פייער, האָבען געלאָזען די הייסע שטראהלען פון דער זון זאָלען זיי ברענען אין קאָפּ, פיעלע זיינען געשטאַנען יאָהרען-לאנג אויף איין פוס אָדער אויף דעם שפּיץ פון דעם גראָבען פינגער פון פוס; אַנדערע זיינען געשטאַנען אויף'ן קאָפּ אָדער זיינען געהאנגען מיט די פיס אויף אַ צווייג פון אַ בוים. דאָס אַלץ קענען מיר בעטראַכטען פיר אַ משוגעת, פיר אַ קראַנקהייט פון מענשליכען גייסט. אָט אויף אַזאַ אופן האָבען די בראהמאַנען, וועלכע האָבען געזוכט צו פערשקלאַפען אַנדערע, אָנגעטאָן קייטען אויף זיך אַליין, וועלכע האָבען געשטערט זייער פרייע ענטוויקלונג און האָבען פערפינסטערט זייער אייגענעם גייסט.

ווייל די גאנצע מאכט פון די בראהמאַנען איז געלעגען אין זייער העכערער גייסטיגער ענטוויקלונג, דעריבער האָבען זיי זיך אַלע מיה געגעבען דיזע העכערע ענטוויקלונג צו בעהאלטען אַלס זייער אייגענע פּריווי-לעגיע און האָבען דאָס פאָלק ניט צוגעלאָזען צו בילדונג און אויפקלערונג. נאָר די דריי ריינע קלאַסען אָדער קאַסטעס האָבען געהאַט דאָס רעכט צו לערנען די הייליגע ביכער און נעהמען אַ אַנטייל אין די קרבנות צו די געטער. עס איז אָבער געווען שטרענג פערבאָטען צו לאָזען די אונריינע קלאַסען צו שטודירען די הייליגע לעהרע און בריינגען קרבנות. לויט דעם געזעץ פון דער רעליגיאָן האָט דער פריסטער ניט געטאָרט געבען וועלכע עס איז עצה צו אַן „אונריינעם", אָדער געבען איהם עטוואָס פון דער שפּייז פון זיין טיש, געבען רעליגיעזען טרויסט אָדער לערנען ווי צו טאָן תשובה. ווער עס איז עובר אויף דיזע געבאָטען, דער ווערט פערפאַלען אויף אייביג אין דעם גיהנם „אַזאַמאַריטאַ".

אָבער די פריסטער האָבען זיך בעגנוגענט מיט זייער גייסטיגער, רעליגיעזער ממשלה, זיי האָבען אויך געזוכט אַריינכאַפּען אין זייערע הענט

די וועלטליכע מאַכט. דעם טראָן און די הויכע אַמטען אין דער רעגיערונג האָבען זיי איבערגעלאָזען צו דער מיליטערייִשער קאַסטע. זיי האָבען אָבער פערשטאַנען, ווי אַזוי צו מאַכען דיזע קאַסטע אין גאַנצען אָפּהענגיג פון זיי, פון די פּריסטער. מיט דער הילף פון דער מיליטער־קאַסטע איז עס די פּריסטער געלונגען צו האַלטען דאָס גאַנצע פאָלק אין די צוואַנגען פון דעספּאָטיזם, פון וועלכען די הינדוסען האָבען געליטען מעהר פון וועלכען עס איז אַנדער פאָלק אין דער וועלט. די בראַהמאַנען זיינען לויט געזעץ געווען הייליג, פיר קיין פערברעכען האָט מען זיי ניט געטאָרט בעשטראָ-פען. ווען אימיצער האָט זיי מיט עפּעס בעליידיגט, איז ער בעשטראָפט געוואָרען מיט אַלערליי שטראָפען אויף דיזער וועלט, איהם האָבען אויך ערוואַרטעט גרויסע שטראָפען אויף יענער וועלט און ער האָט פיר דיזע זינד קיינמאָל קיין מחילה ניט געהאַט. מיט דער זעלביגער הייליגקייט האָבען זיי אויך אַרומגערינגעלט די הערשער, די קעניגען, וועלכע זיי האָבען גע-שטעלט גלייך מיט די געטער. די בראַהמאַנען זיינען געווען די הויפּט ראַט־געבער פון די הערשער און דערמיט האָבען זיי אויך די קעניגען גע-האַלטען אין זייערע צוואַנגען.

אַזוי האָבען די בראַהמאַנען אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענט די וועלט-ליכע, שטאַאַטליכע און בירגערליכע מאַכט אין אינדיען. אַלע געזעץ-צען וועגען דעם שטאַאַטליכען און בירגערליכען לעבען האָבען זיי פערשריבען; אין דעם הייליגען געזעץ־בוך פון מ א נ ו, וועלכער איז לויט זיי געוועזען דער ערסטער מענש, דער ערסטער קעניג, דער ערסטער פּריסטער און דער ערסטער געזעץ־געבער.

דיזעס בוך ענטהאַלט אַלע געזעצען, וואָס רעגולירען דאָס עפענטלי-כע און פּריוואַט־לעבען פון די הינדוסען, און איז אָנגענומען געוואָרען אין אַלע אינדישע שטאַאַטען.

עס פערשטעהט זיך, דאָס מיט אַזאַ צוטיילונג אין קאַסטעס האָט ניט געקענט זיין קיין אמת'ע איינינקייט, קיין אחדות, אין דעם אינדישען פאָלק. דעריבער געפינען מיר שוין אין אַלטע צייטען אינדיען צוטיילט אין פיעלע קלענערע און גרעסערע שטאַאַטען. אפילו אין יעדען בעזונדערן שטאַאַט איז ניט געווען קיין ריכטיגע פעראייניגונג צווישען די בירגער. די שטאָדט־געמיינדעס האָבען געהאַט אַנדערע אינטערעסען, ווי די דאָרפס'יע געמיינדעס, און האָבען ניט געהאַט קיין פערבינדונג איינע מיט די אַנדערע. דאָס איינציגע, וואָס האָט צוזאַמענגעבונדען די הערשענדע געמיינדעס, איז געווען די הערשאַפט פון די בראַהמאַנען, דער אַלגעמיינער דעספּאָ-

טיזם, וואס האט אלעמען גלייך געדריקט. די בראהמאנען זיינען געווען פריי פון אלע שטייערן, די גאנצע לאסט פון די הוצאות פון שטאאט האבען אויף זיך געטראגען די נידריגע קלאסען. דאס פאלק האט געמוזט צאהלען שטייער פון אלע תבואות פון די פעלדער און פון אלע ארטיקלען פון האנדעל. עס איז געווען איינגעפיהרט א ספעציעלע קאפ־שטייער און אויסער דעם האט יעדער בעל־מלאכה און טאג־ארבייטער (שכיר יום) געמוזט ארבייטען איין טאג אין מאנאט אומזיסט פיר די הערשענדע קאסטעס. אזוי איז דער רייכטום פון די פריווילעגירטע קלאסען געשטיגען אימער העכער און העכער און די אנדערע קלאסען, די נידריגערע, די ארבייטער, זיינען געזונקען אין ארימקייט.

עס וואלט געווען א טעות צו גלייבען, דאס עס איז די בראהמאנען לייכט אנגעקומען צו בעהערשען דאס פאלק, דאס די אונטערדריקטע האבען זיך ניט געשטעלט געגען דעם און האבען דאס מקבל באהבה געווען. פיעלע אינדישע לעגענדעס דערצעהלען פון בלוטיגע מלחמות, וואס זיינען פארגעקומען צווישען די הערשענדע בראהמאנען און דעם אינדישען פאלק, וואס האט פראטעסטירט געגען דער צוטיילונג פון דעם פאלק אין קאסטעס. אויך די מיליטערישע קאסטע איז פיעל מאל אויפגעשטאנען געגען דער הערשאפט פון די בראהמאנען. דעם ערסטען קלאפ האבען געקריגען די בראהמאנען דורך דעם בודהיזם אין דעם 6טען און 5טען יאהרהונדערט פ. קר.

בודהא. דער אונערטרעגליכער דרוק, וועלכען דאס אינדישע פאלק האט געליטען דורך די איינטיילונג אין קאסטעס מיט די שרעקליכע שטראפען און פייניגונגען, האט געמוזט ארויסרופען אין פאלק אן אויפשטאנד געגען דיזער שרעקליכער ארדנונג. דעם וועג צו זיין ערלעזונג האט פארבערייט א מאן, וועלכער האט געהאט ניט נאר אן עדעלעס, מיט־פיהלענדעס הארץ פיר די ליידען פון דעם פאלק, נאר אויך דעם מוט ארויסצוטרעטען געגען די בראהמאנען. דיזער מאן איז געווען ג א ו ט א מ א ב ו ד ה א, ד. ה. דער ליכטיגער.

אין קאפילאוואסטו, אין די הימאלאיאישע בערג, האט געהערשט דער קעניג ס ו ד ה א ד ז י נ א. זיין פרוי, די קעניגען מאיא, האט אין 623 פ. קר. געבארען א זוהן, וועלכען זיי האבען א נאמען געגעבען ס י ד א ה ר ט א. ווען דיזער סידאהרטא איז אלט געווען 29 יאהר — דערצעהלט א לעגענדע — האט א טרויעריגע פאסירונג איהם פלוצלונג געמאכט נאכדענקען וועגען די מענשליכע צרות. די קלעגליכע לאגע פון

פאָלק האָט איהם טיף געריהרט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין רעכט אויף דעם טראָן, זיך אָפּגעזונדערט פון מענשען, געלעבט אין איינזאַמקייט, אויך איבערגעביטען דעם נאָמען ב ו ד ה א אויף דעם נאָמען פון דעם קריעגער־שטאַם ס א ק י א, צו וועלכען ער האָט געהערט, און האָט זיך גערופען ס א ק י א ־ מ ו נ י, ד. ה. דער איינזאַמער, דער נזיר סאַקיא. (ער האָט זיך אָפט אויך גערופען ג א ו ט א מ א, אַן אַנדער שטאַם־נאָמען.) אין זיין איינזאַמקייט האָט ער אויסגעקלערט אַ נייע לעהרע פיר די ערלעזונג פון דעם פאָלק, און ווען דיזע לעהרע איז ביי איהם צייטיג געוואָרען האָט ער פערלאָזען זיין איינזאַמעס לעבען און געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט אין בעגלייטונג פון אייניגע תלמידים בעקאַנט צו מאַכען דעם געדריקטען פאָלק זיין נייע ערלעזענדע רעליגיאָן. אין זיין תורה פערוואָרפט ער דאָס וועלט־סיסטעם פון די בראַהמאַנען מיט זייער לעהרע וועגען פייניגונגען פון דעם גוף אום צו רעטען די נשמה, וועגען קרבנות און טבילות א. אז. וו. און אָנשטאָט דעם פּרעדיגט ער, דאָס דער יסוד פון מענשליכען גליק און פריידען איז באַרמהערציגקייט און מענשען־ליבע. איינער פון די הויפּט פּרינציפּען פון זיין לעהרע איז, דאָס אַלע מענשען זיינען גלייך, און דערמיט האָט ער צושטערט דעם גאַנצען געביי פון די בראַהמאַנען וועגען דער צוטיילונג פון דעם אינדישען פאָלק אין קאַסטעס מיט בעזונדערע רעכטען. ער האָט אָפען פאַר אַלע קלאַסען מענשען ערקלערט די אורזאַכען פון דעם וועלט־שמערץ און די רפואה צו דיזען שמערץ. ער האָט זיך געמישט צווישען די קלאַסען, וועלכע זיינען געוועזען בעטראַכט אַלס „אונריינע", און האָט אריינגענומען צווישען זיינע שילער פערברעכער און שקלאַפען. „מיין לעהרע", האָט ער געזאָגט, „איז גלייך צו וואַסער, וואָס רייניגט און וואַשט אַלעמען גלייך, רייכע און אָרימע, גוטע און שלעכטע. פּונקט ווי די פּיער־טייכען, וועלכע פאַלען אריין אין דעם הייליגען טייך גאַנגעס, פערלירען זייערע נעמען אַזוי באַלד, ווי זיי גיסען זיך אין איהם אריין, אַזוי הערט אויף דאָס פאָלק צו זיין געטיילט אין פערשיידענע קאַסטעס: בראַהמאַנען, קשאַטריאַ, וואַיזאַ און סודראַ, ווי נאָר עס אַנערקענט די נייע לעהרע פון בודהאַ". דיזע נייע תורה האָט באַלד געקריגען פילע בעגייסטערטע אָנהענגער, אָבער זי האָט צו דער זעלביגער צייט אַרויסגערופען געגען זיך אַ שרעקליכען שטורם פון די העכערע קאַסטעס, וועלכע האָבען אין דיזער לעהרע געזעהען אַ געפאַהר פיר זייער עקסיסטענץ.

פינף און פערציג יאָהר האָט בודהאַ געוואַנדערט איבער פערשיידענע ערטער פון זיין לאַנד און האָט אומעטום פערשפּרייט זיין לעהרע. ער איז

געשטאָרבען 543 פ. קר. אין דעם עלטער פון 80 יאָהר. פיעלע פון זיינע תלמידים זיינען אָנגעגאַנגען מיט זיין ארבייט. זיי האָבען גלייך ווי זייער לעהרער געוואַנדערט אין געלע בעטלער קליידער פון אָרט צו אָרט און האָבען פעררשפּרייט די לעהרע פון בארמהערציגקייט און גלייכהייט. כאָטש די הערשענדע קלאַסען האָבען בודהא׳ס אָנהענגער שרעקליך פערפאָלגט, האָבען זיי דאָך ניט אויפגעגעבען זייער הייליגע ארבייט. דיזע לעהרע האָט געמאכט אַזאַ איבערקעהרענים אין דעם לעבען פון דעם אינדיישען פאָלק, דאָס אין יאָהר 400 פ. קר. האָט שוין אפילו א ס ו ד ר א געקענט ווערען א קעניג. דאָס פאָלק האָט געעהרט דאָס אנדענקען פון בודהא דורך פיעלע רעליגיעזע געביידעס.

די בראַהמאַנען זיינען ניט געבליבען גלייכגילטיג און האָבען אָנגעווענדט אַלע כחות דעם בודהיזם צו פערניכטען. מיט פייער און שווערד איז זיי ענדליך, אין דעם 6טען יאָהרהונדערט נ. קר., געלונגען בודהא׳ס רעליגיאָן אין גאַנצען פון אינדיען צו פערטרייבען. אָבער דערפאַר האָט דער בודהיזם געשלאָגען טיפע וואָרצלען און זיך פערשפּרייט אין אַנדערע לענדער, ווי אין טיבעט, כינא, יאפּאַן און אויף די אינזלען פון אָסט-אינדיען, אַזוי דאָס יעצט האָט דער בודהיזם כמעט 400 מיליאָן אָנהענגער.

דער הויפּט-יסוד פון בודהא׳ס לעהרע איז באַרמהערציגקייט, רחמנות. בודהא פערלאַנגט גוטסקייט ניט נאָר צו מענשען, נאָר אויך צו אַלע אַנדערע בעשעפעניסען. לויט זיין תורה איז פערבאָטען צו טויטען וועלכע עס איז לעבעדיגע זאַך. די בודהיסטען האָבען עס דעריבער געהאַלטען פיר א פערברעכען צו פערפאָלגען אַפילו זייערע בעסטע שונאים, די בראַהמאַנען, ווען זיי האָבען געהאַט די מאַכט עס צו טאָן אין איינער פון די פּראָווינצען אין אינדיען, וואו זיי האָבען געקריגען די אויבער-מאַכט. די בודהיסטען קענען זיך ריהמען, דאָס זייער רעליגיאָן איז די איינציגע, וואָס האָט ניט פערגאָסען קיין בלוט פון אַנדערס-גלויבענדע, כאָטש זיי אַליין האָבען געליטען שרעקליכע רדיפות פון אָנהענגער פון אַנדערע רעליגיאָנען. דער בודהיזם האָט אויך געהאַט זיין ווירקונג אויף דאָס עפענטליכע לעבען פון לאַנד. אַזוי צ. ב. האָט מען צו פערדאַנקען זיין לעהרע פון מענשען-ליבע און רחמנות, דאָס מען האָט אויפגעהערט אין אינדיען צו ערמאָרדען קריגס-געפאַנגענע אָדער אַרויסטרייבען די איינוואוינער פון א לאַנד, ווען דאָס לאַנד איז איינגענומען געוואָרען, ווי עס איז פריהער געווען דער גרויזאַמער מנהג.

אָבער נאָך אַלעמען האָט דער בודהיזם ניט געמאַכט קיין רעוואָלוציאָן

אין דער דענקונגס-אַרט פון די הינדוסען. בודהא אליין האָט זיך ניט גע-קענט אין גאַנצען בעפרייען פון דעם אינדישען גייסט. אויך ער האָט בע-טראַכט אלס הויפּט-ציל פון דעם מענשען'ס לעבען צו דערשטיקען אלע ליי-דענשאַפטען און פערלאַנגען, ניט איבערגעבען זיך צו אַ מאַטעריעלען לע-בען, נאָר זיך אימער בעשעפטיגען מיט נאָכדענקען, מיט התבוננות. זיי-נע געבאָט צו פיהרען אַ לעבען פון איינזאַמקייט און זיך אָפּזאָגען פון עולם הזה האָט ניט געקענט ענטוויקלען אין פאָלק אַ נייגונג צו ארבייט און טע-טיגקייט, און דעריבער זיינען די אינדיער אויך ניט געווען אין שטאַנד אין גאַנצען צו פערניכטען דעם דעספּאָטיזם. אין אמת'ן האָט דער בודהיזם ניט פערבעסערט די לאַגע פון דער נידריגער קלאַס פון פאָלק. כל זמן די העכערע קאַסטעס זיינען געווען פריי פון אלע אָפּצאָהלונגען און האָבען זיך געבאָדען אין לוקסוס אויף די קאָסטען פון פאָלק און דורך די ארבייט פון די שקלאַפען, האָבען די פּרינציפּען פון בודהא'ס לעהרע ניט געקענט מאַכען אַ גרויסע ענדערונג אין דעם לעבען פון פאָלק. (דער בודהיזם האָט אפילו די שקלאַפעריי אויך ניט געקענט אָפּשאַפען!)

ווען מיר זאָלען פערגלייכען די אינדיער מיט די כינעזער, וועט זיך ארויסווייזען, אז זיי זיינען דער קאָנטראַסט, דער הפוך איינע פון די אנדערע. די כינעזער אַלס פּראַקטישעס, ארבייט-ליבענדעס פאָלק האָבען ווייניג פאַנטאַזירט, האָבען ניט געהאַט קיין אידעאַלע נייגונגען, דעריבער האָט מען זיי דורך רעליגיעזע מיטלען ניט געקענט פערשקלאַפען און עקס-פּלואַטירען. די אינדיער, דאַגעגען, זיינען פון דער נאַטור פאַנטאַזיאָרען, האָבען אַ נייגונג צו אידעאַלען. די רעליגיאָן האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט הויך שוין אין די פריהעסטע צייטען. אין אינדיען האָט זיך דעריבער גע-גרינדעט אַ גרויסע פּריסטער-מאַכט, וועלכע האָט ארויפגעלעגט איהר שטעמפּעל אויף דעם אינדישען לעבען. אלע אינדיישע שטאַאַטען זיינען אין גרונד גענומען פריסטער-שטאַאַטען. די מאַכט פון די פירסטען איז געווען אונטערוואָרפען אונטער דער מאַכט פון די פּריסטער. די אינדישע פּרינ-צען האָבען געגלענצט דורך זייערע גרויסע פערשווענדונגען און פּראַכט, אָבער ניט דורך זייער פּאָליטישע מאַכט. דאָס בעווייזען קלאָר די אָפטע ענדערונגען פון די דינאַסטיעס (רעגירענדע פאַמיליעס), מיט וועלכע די געשיכטע פון אינדיען איז פול. די פירסטען האָבען זיך זעהר אָפט געביטען אויפ'ן טראָן, אָבער די בראַהמאַנען זיינען געבליבען.

איבער די אינדישע פירסטען דערצעהלט אונז די געשיכטע זעהר ווע-ניג. ווי עס שיינט, האָבען די אַריער באַלד נאָך זייער איינוואַנדערונג

אין די גאַנגעס־לענדער געגרינדעט צוויי הויפּט־קעניגרייכען: דאָס קעניג־רייך קורו מיט דער הויפּטשטאָדט האַסטינאַפּור און דאָס קעניגרייך פּאַנדו. לויט דער ערצעהלונג אין מאַהאַבהאַראַטאַ (אַ בעריהמטעס אינ־דישעס העלדען־געדיכט) האָבען דיזע צוויי קעניגרייכען שטענדיג געפיהרט קריג צווישען זיך. זייערע מלחמות האָבען זיך געענדיגט דערמיט, וואָס פּאַנדו האָט בעזיגט דאָס אַנדערע קעניגרייך, קורו. דאָס זאָל האָבען פּאַ־סירט אין 14טען יאָהרהונדערט פ. קר. אין די לענדער אַרום דעם טייך גאַנגעס האָבען שוין אין די גאַנץ אַלטע צייטען עקסיסטירט נאָך אַנדערע פּריסטער־שטאַאטען, צווישען זיי דער שטאַאט מאַגאַדהאַ; אין דרום, געפינט זיך דאָס רייך פּאַנדזשאַ, ביים טייך קרישנאַ — דאָס רייך קאַרנאַטאַ.

די ערסטע ריכטיגע היסטאָרישע ידיעות וועגען די בעציהונגען פון אַנ־דערע לענדער צו אינדיען האָבען מיר ערהאַלטען דורך דעם פּערסישען קע־ניג דאַריוס (אין דער ביבעל: דריויש), וועלכער האָט רעגירט אין 6טען יאָהרהונדערט פ. קר. דיזער קעניג האָט אונטערגעיאָכט די אינדישע פּראָווינצען, וואָס ליגען אויף די ברעגען פון דעם בעריהמטען טייך אינדוס. אַלכסנדר דער גרויסער, אָדער — ווי אידען רופען איהם — אַלכסנדר מוקדון, האָט נאָך טיפער איינגעדרונגען אין אינדיען. ער איז אין 326 פ. קר. גע־קומען ביז צו מזרח פון לאַהאָר. צו דיזער צייט געפינען מיר אין פּונדזשאַב, אין דעם לאַנד פון פינף טייכען, צוויי קעניגרייכען. אין איינעם פון די זע קעניגרייכען האָט געהערשט טאַקסילעס, אין דעם צווייטען — פּאָרוס. אַלכסנדר האָט דאָרטען געגרינדעט פיעלע נייע קאָלאָניעס, און זיי צו בעשיצען געגען דעם אָנפאַל פון די הינדוסען האָט ער דאָרט איבער־געלאָזען פיעלע גריכישע סאָלדאַטען. נאָך אַלכסנדר׳ס טויט איז אין אינדיען אַרויף אויף דעם טראָן דער מעכטיגער קעניג טשאַנדראַגופּטאַ (315 — 291 פ. קר.) און האָט פערטריבען דיזע סאָלדאַטען. דיזער קע־ניג איז געוועזען דער ערסטער הערשער, וועלכער האָט פעראייניגט גאַנץ צפון־אינדיען אונטער איין קעניג. ער איז געוועזען דער גרינדער פון דער מאַורי־דינאַסטיע, וועלכע האָט געהערשט אין אינדיען פיעלע יאָהרהונ־דערטער. אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט פ. קר. הערען מיר שוין, ווי די טערקיש־טאַטאַרישע פעלקער פון צענטראַל־אַזיען בעפאַלען אינדיען און שטעלען דאָרט אויף זייערע מלוכות. פון דיזער צייט אָן האָט שוין קיין אינ־דישער דינאַסטיע ניט געלונגען צו דערגרייכען אַ גרויסע מאַכט. די קליינע מלוכה׳לאַך זיינען נאָך געוועזען זעלבּשטענדיג, אונאָפּהענגיג פיר אַ טויזענ־

יאָהר, אָבער זייער אַלעמען׳ס פּאָליטישע מאַכט איז ניט געווען גרויס, ווייל זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט פעראייניגט צו אַן אַלגעמיינעם צוועק, נאָר — פערקעהרט — זיי האָבען זיך גריסען צווישען זיך און אָפּגעשוואַכט איינע די אַנדערע. נאָר די פּאַנדזשאַ־דינאַסטיע אין דרום האָט נאָך געהאַט איהר אור־אַלטען איינפלוס. איהר הויפּטשטאָדט מאַדהוראַ איז געבליבען אין פערלויף פון פיעלע יאָהרהונדערטער דער מיטעלפּונקט פון געלעהרטע. אין 7טען יאָהרהונדערט נ. קר. איז אין אינדיען פאָרגעקומען אַ גרויסע אי־בערקעהרענים דורך דעם בעפאַל פון די מאַחמעדאַנער, וועלכע האָבען געמאַכט אַן ענד צו דער אונאָפּהענגיגקייט פון די מעהרסטע אינדישע מלוכות.

דיזע אומשטענדען האָבען פיעל געשטערט צו דער קולטורעלער ענט־וויקלונג פון דער אַרישער ראַסע אין אינדיען, כאָטש זיי זיינען געווען זעהר פעהיג צו ענטוויקלען אַ הויכע קולטור. אינדיען איז געוואָרען אַ גע־גענשטאַנד פון רויב צו פרעמדע פעלקער, וועלכע זיינען זיי בעפאַלען. דער דעספּאָטיזם און דער לוקסוס פון די אינדישע פירסטען האָבען פיעל גע־האָלפען צו זייער אונטעריאָכונג.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, ווי דאָס אינדישע פאָלק איז געווען געצוואונגען צו צאָהלען הויכע שטייערן. די ערד־אַרבייטער צ. ב. האָבען מאַנכמאָל געמוזט צאָהלען אַ פערטעל פון די תבואות פון די פעלדער. אויסער שטייערן פון פּראָדוקטען זיינען אין אינדיען אויך געווען איינגע־פיהרט שטייערן אין געלד, און בעלי־מלאכות האָבען איין טאָג אין מאָנאַט פיר דעם קעניג געמוזט אַרבייטען אומזיסט, איבערהויפּט טאָן אַזעלכע אַרבייטען, וועלכע זיינען געווען נויטיג פיר די מלוכה, ווי צ. ב. מאַכען קליידער און געוועהר פיר די סאָלדאַטען. זעהר אַ גרויסע הכנסה האָבען אַריינגעבראַכט אין די קעניגליכע קאַסע די שטייערן אויף פערשיידענע אויסגעאַרבייטע אַרטיקלען, מיט וועלכע אינדיען איז געווען אַזוי בעריהמט און וועלכע האָבען צוגעצויגען צו זיך פיעלע סוחרים פון דער גאַנצער וועלט. דער זעקסטער טייל פון אַלע דיזע הכנסות האָט געהערט צום קעניג זעלבסט, דאָס איבריגע האָט געהערט צו דער רעגירונג אויף צו מאַכען פערשיידענע רעגירונגס־געביידעס, פעסטונגען, וועגען, קאַנאַלען, צו צאָהלען בעאַמ־טע, צו אויסהאַלטען אָרימע לייט א. אז. וו. די ליבע צו פּראַכט און לוקסוס פון די העכערע קאַסטעס איז געווען גרויס, די פערשווענדונג איז געווען אונגעהייער. דאָס האָט מיט דער צייט אונטערגעגראָבען דעם פונדאַמענט פון דעם שטאַאַט און פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון פאָלק. אין אַזאַ צו־שטאַנד זיינען די פריהערדיגע איינפאַכע זיטען פערשוואונדען. די העכערע

קאַסטעס האָבען זיך געשטיצט אויף די קראַפט פון געלד. דאָס אויסגעזויי-
געגע און אונטערדריקטע פאָלק האָט רוהיג איבערגעטראָגען אַלערליי צרות
וועלכע עס האָבען איהם פערשאַפט די דעספּאָטיישע פירסטען אין זייערע
בעאַמטע. אַ בעזונדערע קוועלע פון רייכטום איז געוועזען דאָס פּראָצענט-
געשעפט, וועלכעס איז געוועזען מעהרסטענס אין די הענד פון די בראַהמאַנען
און האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט נאָך מעהר אויסצוזויגען דאָס בלוט פון
אָרימען פאָלק. די העכערע קאַסטעס האָבען זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען
צו זייערע תאוות, דורך וואָס זיי זיינען אימער געוואָרען שוואַכער און
שוואַכער ביז זיי זיינען שוין מעהר ניט געוועזען אין שטאַנד זיך צו וועה-
רען געגען די פרעמדע שונאים.

וואָס פיר אַ קאָנטראַסט צווישען דעם צושטאַנד פון דעם אינדישען
פאָלק און דעם צושטאַנד פון דעם כינעזישען! די כינעזישע פירסטען האָ-
בען גענומען דעם גרעסטען אָנטייל אין די אינטערעסען פון פאָלק, בשעת
די פירסטען פון אינדיען האָבען געהאַט אין זינען נאָר די אינטערעסען פון
די דינאַסטיעס, פון די הערשענדע פאַמיליעס. אין כינאַ זיינען די פיר-
סטען געוועזען פיר דאָס פאָלק, אין אינדיען איז דאָס פאָלק געוועזען פיר די
פירסטען. אין כינאַ האָט דאָס פאָלק זעלבסט גענאָסען די פרוכט פון זיין
אַרבייט, די שטייערן האָבען נאָר פערשאַפט די נויטיגע מיטלען צו אויפ-
האַלטען דער שטאַאַט; אין אינדיען, אָבער, האָבען די פירסטען, די
בעאַמטע און די העכערע קאַסטעס אויסגעזויגען דעם לעצטען טראָפּען בלוט
פון פאָלק, וועלכעס האָט זעלבסט פון זיין שווערער מיה און אַרבייט זעהר
ווייניג גענאָסען. אין כינאַ האָט די הויפּט-ראָלע געשפּילט דער פּערזענליכער
ווערט און די פעהיגקייט פון יעדער פּערזאָן, קיינער האָט ניט געקענט ווע-
רען גרויס און קריגען אַיינפלוס, ווען ער האָט ניט אויפגעטאָן עפּעס נוצ-
ליכעס פיר דאָס פאָלק. יעדער מענש אין כינאַ האָט געקענט ווערען גרויס,
ווען זיינע פעהיגקייטען און זיינע מעשים האָבען איהם געגעבען דאָס רעכט
דערצו. קיין אַמט, קיין רעגירונגס-שטעלע איז אין כינא ניט געווען
בירושה, אויסער דער קעניגליכער טראָן. גאַנץ אַנדערש איז עס געווען
אין אינדיען. פּערזענליכער ווערט און די פעהיגקייטען פון אַ פּערזאָן האָ-
בען קיין ראָלע ניט געשפּילט. די העכערע קאַסטע האָט אַלעס בעקומען
בירושה. קיין העלדענטאַט, קיין אויסצייכנונג איז ניט געוועזען אין שטאַנד
צו געבען אַ מענשען די מעגליכקייט זיך צו דערהויבען צו עפּעס העכערעס.
אין כינאַ איז די פאָלקס-בילדונג געוועזען אַן אַלגעמיינע; אין גאַנצען לאַנד
זיינען פאַרגעקומען עקזאַמענס אים אויסצוקלייבען די פעהיגסטע מענשען

פיר אַמטען. מערקווירדיג איז דער פאַקט, דאָס אַלע פעלקער און רעגירונ־גען פון די מערב־לענדער האָבען נאָכגעטאָן ניט די כינעזער, נאָר די אינ־דיער. מעהר פון אַלץ איז די שקלאַפעריי, וועלכע האָט אַזעלכע טיפע וואָרצלען געשלאָגען אין אַלע מערב־לענדער און האָט געבראַכט אַזוי פיעל אונגליק צו די דאָרטיגע פעלקער און רעגירונגען.

עס בלייבט פיר אונז אַ וואונדער, דאָס אינדיען האָט זיך נאָך ערהאַל־טען ביז אונזער צייט, ווען אַלע קולטורען פון די מערב־לענדער זיינען שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. מיר מוזען גלויבען, דאָס די אינדיער זיינען אַלס קולטור־ראַסע בעשענקט פון דער נאַטור מיט אַן אונגעוועהנליכער לעבענס־פעהיגקייט, וועלכע האָט זיי געהאָלפען אויסהאַלטען אַלע אונטערדריקונג־גען און בלייבען לעבען.

די הויפּט־אורזאַך, פאַרוואָס די אינדיער זיינען ניט אונטערגעגאַנ־גען, ליגט אין זייער אייגענאַרטיגען געמיינדע־לעבען. די אינדיער געמיינ־דעס זיינען געוועזען פריי און זעלבשטענדיג, זיי האָבען בעזעסען זייער גרונד און באָדען בשותפות, און זיינען אין דיזען רעכט ניט געוואָרען געשטערט. די דאָרף־געמיינדעס זיינען געוועזען איינגעאָרדענט פּאָליטענדיג קאָמוניסטיש. די רעגירונגען זיינען איבעראַל געוועזען געגנוג קלוג זיך צופרידען צו שטעלען מיט די אָפּצאָהלונגען און שטייערן, זיי האָבען ניט געשטערט די איינגע־פיהרטע אָרדנונג פון די געמיינדעס און דאָס פאָלק האָט געאַרבייט, אָנגע־זאַמעלט פיר די יחסנים פון לאַנד אוצרות אויף אוצרות, ניט קימערנדיג זיך וועגען די שטרייטען פון די פירסטען און די גרויסע לייט. אונטער אַלע פּאָליטישע שטורמס איז דאָס פאָלק געבליבען רוהיג ביי זיין אַרבייט, און אָט דיזע אונערמידליכע אַרבייט איז געבליבען דער פעסטער יסוד פון דער אינדישער מדינה. קעניגרייכען זיינען ענטשטאַנען, קעניגרייכען זיינען אונטערגעגאַנגען, דאָס אינדישע פאָלק איז אימער געבליבען ביי זיין אַר־בייט, וועלכע איז געוועזען געשיצט געגען יעדען אַנגריף דורך די געמיינ־שאַפט פון פּראָדוקציאָן. ווי דריקענד די לאַסטען און שטייערן זיינען גע־וועזען, האָט די געמיינשאַפט פון אינטערעסען קיינמאָל ניט געלאָזען די שאַפונגס־קראַפט פון פאָלק זאָל זיך אָפּשטעלען. אויך האָט די איינטיילונג אין קאַסטעס געהאַט די איין גוטע מעלה, דאָס די בראַהמאַנען האָבען די אַרבייט געהאַלטען פיר נידריג און זי אין גאַנצען איבערגעלאָזען צו די וואַיזאַ; דיזע לעצטע, ווידער, ווייל זיי זיינען געוועזען אויסגעשלאָסען פון יעדען העכערען גייסטיגען לעבען, האָבען געגעבען זייער גאַנצע ענערגיע און טעטיגקייט צו אַרבייט.

נאך א זאך, וואס האט געהאלפען פערהיטען דאס אינדישע פאלק פון
אונטערגאנג, איז דער נאטירליכער רייכטום פון לאנד. אינדיען האט זיך
אימער אויסגעצייכענט מיט די טייערסטע פראדוקטען אין דער וועלט --
פראדוקטען, וואס קיין אנדער לאנד האט ניט געהאט — און דאס האט
אינדיען געמאכט פיר דעם מיטעלפונקט פון דעם וועלט-האנדעל. דיזער
וועלט-האנדעל האט פיעל געהאלפען צו ענטוויקלען די מיטלען פון פער-
קעהר. וואסער-פערקעהר, שאסעען און אנדערע וועגען זיינען געוועזען
גוט איינגעארדענט. די גריכען אין דער צייט פון אלכסנדר מוקדון האבען
בעוואונדערט די יבשה-וועגען און וואסער-וועגען פון אינדיען. קאראוואנען,
קאמפאניעס פון סוחרים, פלעגען רעגעלמעסיג געהן דורך אלע
פראווינצען; די גאסען, שאסעען און אנדערע וועגען זיינען גע‏וועזען בע-
זארגט מיט גוט איינגעריכטעטע האטעלען פיר די בעקוועמליכקייט פון די
רייזענדע, די מארק-פרייזען זיינען געוועזען גוט גערעגעלט; מינצען,
(מטבעות), מאסען, געוויכטען און געלט-וועקסעל זיינען געוועזען אונטער
א זעהר שטרענגער קאנטראל.

צווישען די בעוואונדערנס-ווערטע זאכען פון אינדיען רעכנען די
פארצייטיגע שריפטשטעלער ניט נאר צאהלרייכע נאטירליכע פראדוקטען,
נאר אויך מערקווירדיגע אינדוסטריע-ארטיקלען און קונסט-ארבייטען. אינ-
דוסטריע און קונסט זיינען ביי די אינדיער געוועזען זעהר הויך ענטוויקעלט.
זעהר הויך געשטעלט צווישען די אינדישע פראדוקטען זיינען געוועזען: עדעל-
שטיינער, פערל, גאלדשמיד-ארבייט און יובעליער-ארבייט, צירונג און
שמוק-זאכען פון פערלמוטער און העלפאנד-ביין. דער געהארטעטער שטאהל
וואס די אינדיער האבען געמאכט, האט ניט געהאט צו זיך קיין גלייכען
אין דער גאנצער וועלט, און ער איז דעריבער געוועזען פערשפרייט אין אלע
לענדער. אויך איז וועבעריי אין אינדיען געוועזען שטארק ענטוויקעלט. טיי-
ערע אינדישע באוועל-שטאפען האבען געגלענצט אין אלע מערק פון דער
וועלט. פון אינדיען האט מען ארויסגעפיהרט: געווירצען, צימערינג, קאפע,
סעזאם-אויל (שמן שמשמין), אינגבער, פעפער, רייז, צוקער-סירופ,
סאנדעל-האלץ, אינדיגא, לאקא (א מין פארב), באוועל, אינדישע
הינט פיר לייבען-יאגד און טיגער-יאגד. דיזע אלע פראדוקטען האט
די וועלט אימער שטארק געפאדערט און מען פלעגט אפט פיר זיי
בעצאהלען זעהר טייער — מאנכמאל אזוי פיעל גאלד, וויפיעל די זאכען
האבען געוואויגען. דורך סוחרים פון אנדערע לענדער זיינען אין אינדיען
אריינגעפיהרט געווארען פראדוקטען פון אויסלאנד. אין די אלט-אינדישע גע-

זעץ־ביכער און דיכטונגען ווערען דערמאָהנט אַזעלכע ארטיקלען, ווי פעלין־וואַרג, זיידענס, פּאַרצעליי, ווייהרויך און נאָך אַנדערע, וועלכע זיינען געקומען פון כינא.

די אינדיער פלעגען זעהר זעלטען אַליין פאָהרען נאָך אַנדערע לענדער פערקויפען זייערע סחורות, נאָר די סוחרים פון דער וועלט פלעגען קומען צו זיי. דאָס איז געוועזן ערסטענס דערפאַר, ווייל די נאַטור האָט די אינדיער געגעבען אַלץ, וואָס זיי האָבען געהאַט נעטיג צום לעבען אָהן בעזונדערער מיה און זיי זיינען ניט געוועזן געצוואונגען צו זוכען פערדינסטען אָדער טויִשען אין אויסלאַנד; צווייטענס איז דער אינדיער פון נאַטור אַ מענש, וואָס ליבט אַ רוהיגעם לעבען. דורך אינדוסטריע און האַנדעל איז אינדיען געוואָרען אַלץ רייכער, און דאָס האָט צוגעצויגען פיעלע לענדער־בעזיגער. די רייכטימער פון אינדיען זיינען געוואָרען בעוואוסט אין דער גאַנצער וועלט. אַלס זעלטענע אויסנאַהמע האָבען אינדיישע סוחרים בעזוכט מיט זייערע סחורות אַנדערע לענדער, דאָרט געגרינדעט קאָנטאָרען און בערייזט פערשיידענע ימים.

דאָס אינדישע קולטור־לעבען. עס איז לייכט צו פערשטעהן, דאָס ביי אַ פאָלק, ווי די אינדיער, ביי וועלכען די רעליגיאָן האָט געהאַט אַזאַ גרויסען איינפלוס אויף דאָס פּאָליטישע לעבען, האָט די רעליגיאָן געמוזט לעגען איהר שטעמפּעל אויף זיין גאַנצעם קולטור־לעבען. דאָס האָט זיך איבערהויפּט געצייגט אין דער אינדישער אַרכיטעקטור. דער ערסטער שטויס צו אַ העכערער אַרכיטעקטור איז געקומען פון רעליגיאָן. די תלמידים פון בודהאַ רופען זיך בהיקשו, ד. ה. בעטלער־מאָנאַכען. זיי דאַרפען זיך אָפּזאָגען פון אַלע ערדישע פערגניגענס, פון די תענוגי עולם הזה, זיי מוזען נאָר לעבען פון צדקה, פערברייננען זייער גאַנצע צייט אין איינזאַמקייט, אין רוהה, און ניט צולאָזען צו זיך קיין ליידענשאַפט. ווען זיי האָבען געקריגען די איינגשאַפטען, די מדות, וועלכע די לעהרע פון בודהאַ פאָדערט, דאַן ווערען זיי פאָלקס־לעהרער, זיי געהען אין פאָלק און לערנען איהם דעם וועג, ווי זיך צו רעטען און ערלעזען פון דעם עמק הבכא, פון דעם יאָמער־טאָל פון לעבען. אין דער רעגען־צייט, ד. ה. אין די מאָנאַטען פון יולי ביז אָקטאָבער, האָבען זיך די בהיקשו, די בעטלער־מאָנאַכען, געמוזט פערזאַמלען אום אַליין זיך אָפּצוגעבען מיט רעליגיעזע איבונגען, מיט עבודה און תשובה. עהנליכע דינים זיינען געוועזן פיר די בהיקשוני, ד. ה. די בעטלער־מאָנאַשקעס, די נאָנעס.

די בודהיסטישע מאָנאַכען פלעגען אויסקלייבען פיר זייער איינזאַמקם

לעבען העהלען אין פעלזען. דיזע זיינען געוועזען דאָס רוב נאַטירליכע העה־
לען, וועלכע זיינען מיט לייכטער מיה געמאַכט געוואָרען פאַסענד פיר
וואוינונגען. אין איינער פון אַזעלכע פעלזען־העהלען האָבען זיך פערזאַ־
מעלט 500 בודהאַ'ס תלמידים איינינע מאָנאַטען נאָך זייער לעהרער'ס טויט
זיך צו בעראַטען וואָס צו טאָן אום צו פערשפּרייטען בודהאַ'ס לעהרע.
אַזוי ווי די נדבות, וואָס די אינדישע מאָנאַכען פּלעגען צוזאַמענקלייבען,
זיינען מיט דער צייט געוואָרען צו אונגעהייער גרויסע סומעס, האָבען זיי
געהאַט די מעגליכקייט צו פערלאָזען זייערע נאַטירליכע העהלען אין אויס־
בויען גרויסאַרטיגע מאָנאַסטירען. דיזע מאָנאַסטירען זיינען מיט דער



געביידעס אויף די קברים פון הייליגע הינדוס.

צייט רואינירט געוואָרען און צופאַלען, אָבער די נאַטירליכע פעלזען־העה־
לען זיינען נאָך פערבליבען ביז היינטיגע צייטען. דיזע העהלען ווייזען ווי
גרויס עס איז געוועזען די קונסט און שעפערישע קראַפט, וועלכע די אינדיער
האָבען פערברויכט זיי צו בעפוצען און בעשענען.

די עלטעסטע פעלזען־מאָנאַסטירען זיינען בעשטאַנען פון אַ גרויסען
זאַאַל, פון וועלכען מען האָט געקענט אַריינקומען אין פערשיידענע קליי־
נע קאַמערן, וואָס זיינען געוועזען בעשטימט אַלס וואוינונגען פיר די מאָנאַכען.
אין דיזע קאַמערן פּלעגט מען אַריינגעהן אָדער גלייך פון דעם אַלגעמיינעם
זאַאַל, אָדער פערשיידענע גאַלעריעס און קליינע הויפען האָבען געפיהרט צו

זיי פון זאַל. די עבודה פון די בודהיסטען איז איבערהויפּט בעשטאַנען אין פערעהרען די היילינע, און מיט דעם האָבען זיי אַרויסגעשטויסען די עבודה פון קרבנות ביי די בראַהמאַנען. אין דעם גרויסען זאַל פלעגען די בודהיסטען אנידערשטעלען א שראַנק, אין וועלכען עס זיינען געלעגען די ביינער פון א היילינען, און די פערזאַמעלטע געמיינדע איז געפאַלען אויף די קני און דיזען היילינען פערעהרט. פיעל ענערגיע און קונסט האָבען די אינדיער פערברויכט צו דיזע העהל־מאָנאַסטירען מיט פערשיידענע זיילען, פיגורען, בודהאַ־בילדער, וועלכע זיי האָבען אויסגעהאַקט אין די נאַטירליכע פעלזען־העהלען. דיזע אין שטיין אויסגעהאַקטע טעמפּלען און מאָנאַסטירען געפינען זיך נאָך עד היום אין א זעהר גרויסער צאָהל אין מערב־אינדיען, אין בעהאַר, די היימאַט פון בודהיזם, ווי אויך אין דער פּראָווינץ אָריססאַ.

די בראַהמאַנען האָבען מקנא געווען די בודהיסטען, וואָס זיי האָבען געבויט אזעלכע וואונדערבאַרע טעמפּלען און מאָנאַסטירען, און זיי האָבען אויך אָנגעהויבען אויפשטעלען גרויסאַרטיגע געביידעס און נאָך איבערשטייגען זייערע פערהאַסטע געגנער. זיי האָבען אויסגעבויט אונגעהייער גרויסע בראַהמאַנישע פעלזען־טעמפּעלען מיט געוואַלדיג־גרויסע פיגורען פון געטער, מענשען און חיות. דאָס גרויסאַרטיגסטע געביידע פון דיזער אַרט איז דער הויפּט־טעמפּעל אויף דער קליינער אינזעל עלעפאַנטאַ, ניט ווייט פון באָמביי. דער פעלז איז אויסגעהאַקט 40 מעטער לאַנג און ברייט, די הויך איז ביז 6 מעטער. דער באַלקען איז אָנגעשפּאַרט אויף צוויי שורות זיילען, צו 18 זיילען אין יעדער שורה. יעדע זייל איז 9 מעטער דיק, אָבער זי איז דינער אין דעם אויבערסטען טייל. אויך זיינען בעריהמט די טעמפּלען פון סאַלסעטטע (ביי באָמביי) און פון עללאָראַ (אין מיטען פון דער אינדישער האַלב־אינזעל). מען זאָגט, דאָס די טעמפּלען אין עללאָראַ שטייגען איבער אַלע אַנדערע מאָנומענטען פון דיזער אַרט אין קונסט. די טעמפּלען פערנעהמען דאָרט דעם אונגעהייערן רוים פון אַ שטונדע גאַנג און זיינען בעצירט מיט טייערע זעהר גרויסע סקולפּטור־אַרבייטען, אויף וועלכע עס האָבען געאַרבייט טויזענדער הענט זעהר פיעלע יאָהרען, אָהן צווייפעל מיט דער הילף פון פיעלע שקלאַפען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער ערצעהלט, האָט דער בודהיזם איינגעפיהרט די פערגעטערונג פון היילינע. עס פלעגען אָפט אַרויסקומען מלחמות צוליב די ביינער פון אַ היילינען. פיר דאָס טייערסטע און הייליגסטע האָט זיך ביי די בודהיסטען גערעכענט דער אויבערסטער לינקער אויגען־צאָהן



אַריינגאַנג צום פעלזען־טעמפעל אויף עלעפאַנטינע.

פון בודהאַ. אַזעלכע רעסטען פון אַ הייליגען האָט מען געהאַלטען אין אַ כלי, וועלכע האָט געהאַט די פאָרמע פון אַ קירכען־קופּעל. אַלע טעמפּעל־געביידעס זיינען דעריבער געוועזן בעצירט מיט אַזעלכע קופּלען.

די אינדישע אַרכיטעקטור און סקולפּטור צייכנען זיך אויס מיט דער אונגעהייערער גרויס פון געביידעס און פיגורען, אָבער זיי שטימען ניט מיט די רעגלען פון קונסט. אין די מענשליכע פיגורען איז ניט צו בעמערקען קיין וואַהרע קונסט, קיין ריכטיגען אויסדרוק פון דער נשמה. דיזע פעה-לערן זיינען דער רעזולטאַט פון דעספּאָטיזם און שקלאַפעריי. קונסט פער-לאַנגט פרייהייט פון דער נשמה, דאָס אָבער געפינט מען ניט ביי אַ פאָלק אונטער אַ דעספּאָטישער הערשאַפט, וועלכע דערשטיקט יעדעס געפיהל פון פרייהייט, יעדען פונק פון פרייער פאַנטאַזיע.

די בראַהמאַנען דאַגעגען, וועלכע זיינען געוועזן די הערשענדע קאַסטע און האָבען די וויסענשאַפט בעטראַכט אַלס זייער מאָנאָפּאָל, האָבען זיך גייסטיג געקענט ענטוויקלען אונגעשטערט. זיי האָבען שוין אין די גאַנץ אַלטע צייטען ענטוויקעלט אַ שענעם שפּראַך־געשמאַק. די שענע סאַנ-סקרימ־שפּראַך, וועלכע איז די ליטעראַטור־שפּראַך פון די געבילדעטע אינ-דיער, איז דאָס קינד פון די בראַהמאַנען. די שענע קלינגענדע אויסשפּראַך, דער רייכטום אין ווערטער און די וואונדערבאַרע גראַמאַטישע אויסבילדונג פון דיזער בעריהמטער שפּראַך איבערשטייגען אַפילו די הויך־געבילדעטע לאַ-טיינישע און גריכישע שפּראַכען.-זינט די אייראָפּעאישע געלעהרטע האָבען זיך בעקענט מיט דער סאַנסקריט־שפּראַך איז די טעאָריע וועגען דער ענטשטעהונג פון די אייראָפּעאישע שפּראַכען אין גאַנצען געענדערט געוואָרען, וויייל מען האָט אין דיזער שפּראַך ענטדעקט די הויפּט־קוועלע פון די שפּראַכען פון אַלע אייראָפּעאישע קולטור־פעלקער (מיט אויסנאַהמע פון אייניגע קלענערע פעלקער, ווי די פינען און אונגאַרען, וועלכע געהערען צו די טוראַניער). סאַנסקריט האָט זינט דעם 6טען יאָהרהונדערט פ. קר. אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלקאָם־שפּראַך. איהר אָרט האָט פערנומען פּ אַ ל י, די שפּראַך פון מיטעלען הינדוסטאַן. בודהאַ האָט ניט געשריבען זיין לעהרע אין דער סאַנסקריטישער שפּראַך, נאָר אין דער פאָלקס־שפּראַך, ד. ה. אין דעם פּאַלי־לשון.

די שריפט אין אינדיען איז איינגעפיהרט געוואָרען ערסט אין 5טען יאָהרהונדערט פ. קר. די אינדישע שריפט האָט זיך ענטוויקעלט פון היעראָ-גליפען, ד. ה. פון בילדער־שריפט. מאַנכע פאָרשער בעהויפּטען, דאָס די אינדישע שריפט איז ענטשטאַנען פון אַ סעמיטישען (פעניציישען) אלף־בית.

אויסער שפּראַך־וויסענשאַפט, גראַמאַטיק, האָבען אַסטראָנאָמיע און מעדיצין ביי די בראַהמאַנען שוין אין די אַלטע צייטען דערגרייכט אַ הויכע שטופע. אויך די אַלגעבראַ און דאָס צעהנער־סיסטעם פון רעכנען זיינען ענטשטאַנען אין אינדיען, פון וואַנען זיי זיינען דורך די אַראַבער אַריבער געבראַכט געוואָרען אין אייראָפּאַ. אין געשיכטע האָבען די בודהיסטען איינִיגע גוטע ווערק איבערגעלאָזען.

זעהר גרויס זיינען די אינדיער געווען אין דיכטונג, אין פּאָעזיע. מיר האָבען שוין פריהער ביי פערשיידענע געלעגענהייטען דערמאָהנט זייערע גרויסאַרטיגע העלדען־געדיכטען. אין זייערע רעליגיאָנס־ביכער, איז די וועדאַס, הערשט נאַטירליך דער רעליגיעזער אינהאַלט. ריינע העלדען־געדיכטען זיינען די אַלטע זאַגעס, וועלכע זיינען בעוואוסט מיט די נעמען מ א ה א ב ה א ר א ט א און ר א מ א י א נ א. די ערסטע ענטהאַלט די געשיכטע פון דעם גרויסען קאַמף צווישען די פערוואַנדטע פעלקער קורו און פּאַנדו; די צווייטע, וועלכע געהערט צו אַ שפּעטערער צייט, שילדערט דעם קאַמף פון די אינדיישע זאַגענהאַפטע העלדען געגען די ווילדע פעלקער פון דעקהאַן. אויך דאָס דראַמאַ אין פערבינדונג מיט טאַנץ און מוזיק איז זעהר פריה ענטוויקעלט געוואָרען אין אינדיען.

עלטעסטע אינדישע שריפט.

אין זאַמלונגען פון פאַבלען (משלים) אין זאַגעס האָבען די אינדיער צו זיך ניט געהאַט קיין גלייכען צווישען אַנדערע נאַציאָנען. זעהר פיעלע פון אונזערע בעקאַנטע פאַבלען, ווי אויך אַ גרויסע צאָהל פון די אַראַבישע וואונדער־מעשיות פון „טויזענד און איין נאַכט“, שטאַמען פון אינדיען.

וועגען דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער אינדישער קולטור, וועלכע איז זעהר שטאַרק בעאיינפלוסט געוואָרען פון דעם איסלאַם (מאַחמעדאַנישען גלויבען), וועלען מיר רעדען אין דער שפּעטערער געשיכטע.

די אידען אין אינדיען.

די אידען אין אינדיען זיינען פון צוויי מינים: ווייסע און שוואַרצע. די שוואַרצע שטאַמען פון געמישטע הייראַטען און ווערען דעריבער ניט גערעכענט פיר עכטע, כשר'ע אידען, אַזוי דאָס די ווייסע ווילען מיט זיי

זיך ניט מתחתן זיין. די ווייסע אידען ווערען איינגעטיילט אין צוויי קלאַסען: בני ישראל און יהודים. ווי די זאַגע ערצעהלט זיינען די בני ישראל די ערסטע, וואָס זיינען געקומען אין אינדיען פון די עשרת השבטים, אַן ערך 150 יאָהר פאַר דעם חורבן בית ראשון. די יהודים, גלויבט מען, שטאַמען פון די שבטים יהודה און בנימין און זיי זיינען געקומען אין אינדיען נאָך דעם חורבן בית שני. די נייע פאָרשער אָבער בעהויפטען, דאָס די בני ישראל פון אינדיען שטאַמען פון אראביען.

די בני ישראל האָבען ביז ניט לאַנג צוריק געוואוסט גאַנץ ווייניג פון דער אידישער רעליגיאָן, דאָך האָבען זיי זיך ניט פערמיישט מיט אַנדערע פעלקער און האָבען אָפּגעהיט זייערע אַלטע מנהגים. זיי ערצעהלען, דאָס ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין אינדיען, האָבען זיי געהאַט אַ ספר דברי הימים, אַ כראָניק, אין וועלכער עס איז געווען אויספיהרליך אָנגעגעבען זייער אָפּשטאַמונג מיט זייער געשיכטע, אָבער מיט דער צייט, אונטער פיעלע צרות, איז דאָס פערלאָרען געוואָרען.

די ערסטע צייט נאָך זייער אָנקומען דאָרט האָבען די בני ישראל זעהר פיעל געליטען פון די אינדיער, וועלכע האָסען יעדען מענשען פון אַן אַנדער גלויבען, ווייל זיי רעכנען איהם פיר אַ טמא. ווען אַ בן ישראל האָט בעגעגענט אַן אינדיער אין גאַס האָט ער זיך געמוזט זעצען אויף דער ערד אום דער אינדיער זאָל חס ושלום ניט דורכגעהן אין דעם בן ישראל'ס שאָטען און דורך דעם ווערען טמא. די בני ישראל זיינען אין די אַלטע צייטען ניט צוגעלאָזען געוואָרען צו קיין ארבייט, נאָר איין זאַך האָט מען זיי ערלויבט צו טאָן — צו מאַכען מאָהן־אויל, אַן אַרבייט, וועלכע די אינדיער האַלטען פיר זעהר אַ נידריגע. דיזער צושטאַנד האָט געדויערט ביז די מאַהמעדאַנער האָבען בעהערשט אינדיען, דאַן האָבען די בני ישראל אָנגעהויבען זיך בעשעפטיגען מיט ערד־ארבייט און פערשיידענע אַנדערע אַרבייטען. ווען אינדיען איז געקומען אונטער דעם שוץ פון ענגלאַנד האָבען די בני ישראל בעקומען די פולע פרייהייט, פיעלע פון זיי זיינען אַריין אין ענגלישען מיליטער־דינסט און האָבען זיך דערדינט צו הויכע אַמטען.

אין דער העברעאישער ליטעראַטור פון מיטעלאַלטער ווערען אָפּטמאָל דערמאָהנט די אידען אין אינדיען, אָבער די בעריכטען וועגען זיי זיינען פערשיידען. צ. ב. דער רמב"ם אין זיין תשובה צו די חכמי לוניל אין יאָהר 1149 זאָגט וועגען די אידען אין הודו (אינדיען), דאָס זיי ווייסען אפילו ניט די תורה שבכתב, ד. ה. תורת משה, און ווייסען בכלל גאָרניט פון דער אידישער רעליגיאָן, אויסער וואָס זיי היטען שבת און

מילה. דער בעוואוסטער רייזענדער פון 12טען יאהרהונדערט בנימין פון טודילה דערמאהנט אין זיין רייזע-בעשרייבונג די אידען אין אינדיען און דערצעהלט גראדע פערקעהרט, דאס די אידען אין מאלאבאר (מערב-אינדיען) ווייסען אפילו תורה שבעל פה, ד. ה. אויך דעם תלמוד.

אין דער יעצטיגער צייט פיהרען זיך אויף די בני ישראל פון אינדיען אין רעליגיאן גלייך מיט אלע אנדערע אידען, נאר איניגע אייגענע אלטע מנהגים האלטען זיי נאך אויף. זונדערבאר איז זייער מנהג תשעה באב אויף דער נאכט נאך דעם תענית. דאמאלס וויקלען זיי איין לינזען אין א בגד, לעגען דאס אריין אין א כלי מיט וואסער און קאכען דאס מיט פער-שיידענע בשמים. דאס איז ביי זיי א סימן פון אבלות, פון טרויער *). זיי זיינען זיך נוהג צו פאסטען גאנץ חדש אלול און עשרת ימי תשובה. ראש השנה איז ביי זיי א פרעהליכער יום טוב. דעם טאג נאך יום כפור מאכען זיי גרויסע מאהלצייטען, לאדען איין פיעלע געסט, גיבען מתנות צו ארימע לייט און קוסען די הענט פון זייער חזן אדער לעהרער, ווי עס פלעגען טאן די אידען אין צייט פון בית שני דעם כהן גדול. חמשה עשר בשבט איז ביי זיי א גרויסער יום טוב, מען עסט פרוכט און מען זינגט מזמורים פון הבדלה לכבוד אליהו הנביא, ווייל זיי גלויבען, אז אין דיזען טאג איז אליהו הנביא ארויף אויף'ן הימעל. די בני ישראל דערמאהנען אליהו הנביא אין אלע יום-טוב'דיגע טעג און ביי יעדער שמחה. דער פסוק „שמע ישראל" געהט ניט אראפ פון זייערע ליפען; זיי זאגען איהם ביים אויפשטעהן און ביים לעגען זיך און צו יעדער צייט מיט גרויס התלהבות. עס איז ביי זיי אן אלטער מנהג ניט שערען אדער גאלען א קינד ביז עס ווערט אלט פינף יאהר, און דאן, ווען מען גאלט איהם צום ערסטען מאל, מאכט מען א גרויסע סעודה און צערעמאניע. דאס אפגעגאלטע האאר ווערט אפגעוואויגען מיט גאלד אדער זילבער, וועלכעס ווערט געגעבען אלס נדבה פיר די הצטרכות פון שול.

די בני ישראל זיינען קערפערליך זעהר שעהן און שטעהען גייסטיג זעהר הויך, לויט ווי דער ריכטער פון דעם סופרים קאורט (העכסטען געריכט) פון באמביי כאראקטעריזירט זיי. זיי צייכנען זיך אימער אויס אין מילי-טער-דינסט און פון זיי זיינען דא אין דער ענגלישער ארמעע פיעלע גרויסע

---

*) עסען לינזען איז ווירקליך אן אלטער אידישער מנהג פון טרויער. דיזען מנהג דערמאהנט דער בערימטער אידישער פוסק „שבלי הלקט" אין הלכות אבלות.

בעאַמטע. נעקלײדט געהען זײ גלײך מיט אַלע אינדיער, נאָר אין דער־
לעצטער צײט האָבען זײ אָנגעפאַנגען צו קלײדען זיך נאָך דער אײראָפּע־
אישער מאָדע. זײערע טעכטער האָבען אױפגעהערט צו טראָגען נאָז־בענ־
דער, װי די פרױען פון די אינדיער. די פּערזענליכע נעמען זײערע זײנען
מעהרסטענס װי די נעמען פון די שבטים, די פאַמיליען־נעמען זײנען גע־
נומען פון די נעמען פון די דערפער אָדער שטעדט, װאו זײ זיצען. אין
די לעצטע הונדערט יאָהר האָבען זײ זיך שטאַרק גענומען צו בילדונג.
פיעלע פון זײ, סײ מענער, סײ פרױען, בעזוכען די אוניװערזיטעטען
און פערנעהמען גרױסע שטעלעס אין דער רעגירונג. װאָס אָנבעטרעפט רע־
ליגיאָן זײנען זײ בכלל אָרטהאָדאָקסען, אָבער עס זײנען דאָ צװישען זײ
אױך רעפאָרמירטע.

אין יאָהר 1790 זײנען אָנגעקומען פון בבל אײניגע אידען אין באָמבײ
און האָבען זיך דאָרט בעזעצט. זײ פלעגען דאַװנען אין אײן שול מיט די
בני ישראל, אָבער האָבען ניט געװאָלט זיך מתחתן זײן מיט זײ. װען דאָס
איז בעװאוסט געװאָרען צו די רבנים אין צפת און טבריה האָבען זײ
שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם.

די צאָהל פון די אינדישע אידען אין אַלגעמײן איז יעצט אַן ערך
20,000, צװישען זײ רעכענט מען די בני ישראל אונגעפעהר 10,000 נפשות.

3. די באַבילאָניער און אַסירער.

ווען מיר ווענדען זיך פון אינדיען צו מערב, בעגעגנען מיר צוערסט די דאָזיגע מלוכות, וועלכע האָבען זיך מעהר פון אַלע אויסגעצייכענט מיט זייער אונטערדריקענדער הערשאַפט, וואָס האָט אונערבאַרמליך אויסגעזויגען די בעזיגטע פעלקער, עקספּלואַטירט שקלאַפען=אַרבייט און געשטערט פרייע אַרבייט. אין דיזע מלוכות האָט דער דעספּאָטיזם פון די דינאַסטיעס געבליהט און געשלאָגען טיפע וואָרצלען. וואָס ווייטער מיר געהען צו מערב ווערט די געשיכטע פון פעלקער אַלץ אונרוהיגער, גרויזאַמער, בלוטיגער. מלחמות זיינען דאָרט טאָג=טעגליכע ערשיינונגען.

שוין אין די עלטעסטע צייטען, נאָך פיעל פריהער אַלס נאָך אינדיען, האָבען די קולטור=ראַסען פון צענטראַל=אַזיען גענומען אויסוואַנדערן נאָך די פרוכטבאַרע לענדער פון דעם אייפראַט (פרת) און טיגרים (חדקל). עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס די קייל=שריפט (באַבילאָניש=אַסירישער כתב, וואָס איז עהנליך צו שפּיציגע פלעקלאַך) איז ניט ערפונדען געוואָרען דורך אַרישע שטאַמען, נאָר דורך טוראַנישע פעלקער, נעמליך די סומעריער און אַקאַדען, וועלכע האָבען לויט די עלטעסטע מאָנומענטען פון כאַלדעאַ (בבל) שוין 4,000 יאָהר פ. קר. געלעגט דעם פונדאַמענט צו דער אַסיריש=באַבילאָנישער קולטור. אָבער שוין 3,000 יאָהר פ. קר. געפינען מיר דיזע לענדער בעזעצט מיט סעמיטישע פעלקער. לויט אינשריפטען אין קייל=שריפט זיינען פאַר די סעמיטען דאָרט געוועזען אַרישע פעלקער. אָבער אין דער גאַנצער היסטאָרישער צייט זיינען דיזע לענדער געוועזען בעוואוינט נאָר פון סעמיטישע פעלקער. די עלטערע איינוואוינער פון דיזע לענדער, די טוראַניער און קושיטען (בני כוש), זיינען צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען מיט די איינגעוואַנדערטע סעמיטען. לויט ווי אַלטע באַבילאָנישע בילדער ווייזען, זיינען די אור=איינוואוינער געוועזען אַ ווילדעס נעגער=פאָלק, וואָס האָט זיך בעשעפטיגט מיט יאַגד.

אָבער עס זיינען אויך דאָ בעווייזען, דאָס נאָך פאַר דער געשיכטליכער
צייט האָבען די איינוואוינער פון באַבילאָניען (בבל) זיך שוין בעשעפטיגט
מיט ערד־ארבייט און פיה־צוכט. וואו פרידליכע ערד־ארבייטער האָבען גע-
וואוינט נעבען ווילדע יעגער האָבען זיי געמוזט זיך שיצען געגען אָנפאַלען
און בויען פעסטע ווענט אַרום זייערע ערטער.

די גרינדונג פון דיזע שטעדט איז דעריבער געווען דאַמאָלס אַ נויט-
ווענדיגקייט. דער לעהמיגער באָדען פון באַבילאָניען האָט געליפערט בוי־-
מאַטעריאַל, וואָס איז געווען לייכט צו בעאַרבייטען, אָבער פון דיזע־
לעהם אַליין האָט מען ניט געקענט מאַכען קיין שטאַרקע ציגעל, וואָס זאָ-
לען ניט צושטערט ווערען אין די רעגענס. אום דיזער לעהם זאָל קריגען
די נויטיגע פעסטקייט האָט מען איהם געמיישט מיט ערד־פעך, וואָס האָט
זיך געפונען פיעל אין די בערג פון אַסיריען
(אשור). די שטעדט, וואָס מען האָט דאַמאָלס
געבויט, האָבען געהאַט אין זייער מיטען אַן אָנ-
געשאָטענעם באַרג, פון וועלכען מען האָט גע-
קענט זעהן, ווען ווילדע ווילען בעפאַלען די
פעלדער, און וואַרנען די אַרבייטער זיי זאָלען
אַריין צוריק אין די געמויערטע ווענט, וואָס האָ-
בען געשיצט די שטאָדט. די בערג־בעוואוינער
פון באַבילאָניען און אַסיריען האָבען זיך מעהר-
סטענס בעשעפטיגט מיט פיה־צוכט. דיזע זיי-
נען אַראָפּגעגאַנגען פון צייט צו צייט אין די
פלאַכע לענדער, אין די טאָלען, האָבען אונטער-
יאָכט די ערד־אַרבייטער און געגרינדעט פיעלע
נייע שטעדט. דאָס איז די אורזאַך, וואָרום מיר געפינען אין די גאַנץ אַלטע
צייטען אין דיזע ערטער אַזוי פיעלע איינצעלנע שטעדט, וועלכע זיינען
דאַמאָלס געווען אונאָפּהענגיגע קעניגרייכען. פון דיזע קליינע קעניגרייכען
האָבען זיך ענטוויקעלט צוויי גרויסע און מעכטיגע מלוכות: באַבילאָניען
(בבל) און אַסיריען (אשור), פון וועלכע באַבילאָניען איז געווען די עלטערע.
לויט די בעריכטען פון דעם באַבילאָנישען פריסטער בעראָסוס, וועלכער
האָט געלעבט אין 3טען יאָהרהונדערט פ. קר., איז באַבילאָניען געגרינדעט
געוואָרען 2.000 פ. קר. אַ פאָרשער פון דער נייער צייט, פ. האָממעל, בע-
וויזט דורך שפּראַך־פאָרשונג, דאָס באַבילאָניען איז געגרינדעט געוואָרען
צווישען 3,700 — 3,800 פ. קר.

אַ קעניג.

די עלטעסטע געשיכטע פון באַבילאָניען איז פול מיט וואונדערליכע ערצעהלונגען און זאגעס. צווישען דיזע שפּילט די הויפּט־ראָלע די זאגע וועגען דעם מבול. לויט דער זאגע האָט דער לעצטער פון צעהן באַבילאָנישע קעניגען, קסיסוטהראָס, זיך געראַטעוועט פון דעם מבול מיט פערשיידענע חיות אויף אַ שיף. אויך דערצעהלען באַבילאָנישע זאגעס פון דער צומישונג פון שפּראַכען נאָך דעם מבול. דיזע זאגעס שטימען מיט די ערצעהלונגען פון תורת משה. לויט די באַבילאָנישע זאגעס האָט נ מ ר ו ד באַלד נאָך דעם מבול געגרינדעט אַ מלוכה אין צפון פון כאַלדעא. זיי דערמאָהנען אויך אַ קעניג א ו ר ו ך אָדער א ר ך, וועלכער שיינט צו זיין אַ גע־שיכטליכע פּערזאָן, ווייל עס עקסיסטירען נאָך יעצט חורבות פון כאַלדעאי־שע שטעדט, אויף וועלכע דיזער נאָמען קומט פאַר זעהר אָפט. די הויפּט־שטאָדט פון דעם קעניג אורוך איז געווען א ו ר, וועהרענד ב ב ל איז ערסט שפּעטער געוואָרען די הויפּטשטאָדט פון דיזען קעניגרייך. איינער פון די מעכטיגסטע קעניגען פון דיזער מלוכה שיינט צו זיין ס ר ג ו ן ד ע ר 1 ט ע ר אָדער ג ו ר ג ו נ א, וועלכער האָט געהערשט פון 1825 ביז 1775 פ. קר. וועגען דיזען קעניג געפינען זיך נאָך פיעלע אינ־שריפטען. די באַבילאָנישע הערשאַפט איז ביסלאַכווייז געוואָרען שוואַכער און שוואַכער דורך די מאַכט פון אסיריען (אשור) און האָט אין דעם 16טען יאָהרהונדערט פ. קר. אָנגעהויבען צו זינקען. אסיריען, וועלכע איז פרי־הער געווען אונטערגעיאָכט אונטער באַבילאָניען האָט דורך קאַמף געקרי־גען איהר זעלבשטענדיגקייט און איז ענדליך געוואָרען אַ וועלט־מאַכט. פון די באַבילאָנישע קעניגען, וועלכע האָבען נאָך שפּעטער געשפּילט אַ ראָלע, איז צו דערמאָהנען נאָר נבוכדנצר דעם 1טען און מרודך־נאַדין־אַך, אונגעפעהר 1100 פ. קר.

אַסיריען. לויט די עלטעסטע אַסירישע אינשריפטען איז א ס ו ר ־ ב ל ־ נ י ז י ס געווען דער ערסטער קעניג, וועלכער האָט אין 16טען יאָהרהונדערט פ. קר. פעראייניגט אַלע אַסירישע שבטים אין איין פאָלק. ש ל מ נ א ס ר ד ע ר 1 ט ע ר, וועלכער האָט געקיניגט פון 1290 ביז 1270, האָט איינגענומען אַ טייל פון די בערג, וועלכע רינג־לען ארום דעם טאָל פון דעם טייך טיגריס (חדקל). ער האָט געגרינ־דעט אַ נייע הויפּטשטאָדט קאַלעה אָנשטאָט דער פריהערדיגער הויפּט־שטאָדט אסור (אשור). די אַסירישע קעניגען האָבען געהאַט אַן אונבעגרענצ־טע מאַכט, זיי זיינען געווען די העכסטע ריכטער, די העכסטע אַרמעע־פיהרער און די העכסטע פּריסטער, זיי האָבען זיך בעטראַכט אַלס די

פערטרעטער פון גאָט דורכצופיהרען זיינע בעפעהלען. זיי האָבען געוועלטיגט איבער דעם פאָלק מיט אייזערנער דעספּאָטיע. ווי עס זעהט אויס, האָבען זיי גוט געוואוסט די קונסט, ווי צו פערשקלאַפען אַ פאָלק און מאַכען עס געהאָרזאַם, אָהן דעם מינדעסטען ווידערשטאַנד, אַנדערס וואָלט געווען שווער צו פערשטעהן, ווי אַזוי אַזאַ קליינעס לאַנד האָט זיך געקענט ערהייבען צו אַ וועלט־מאַכט.

צווישען די ערסטע זיגרייכע אַסירישע קעניגען גלענצט דער קעניג תּגלת סאַמדאַן דער 1טער, וועלכער האָט רעגירט נאָך שלמנאסר׳ן. דיזער הערשער האָט פערגרעסערט זיין קעניגרייך אין דרום און האָט איינגענומען באַבילאָניען. ער האָט זיך פון דעסטוועגען ניט ערלויבט די בעריהמטע שטאָדט בבל צו מאַכען פיר זיין הויפּט־שטאָדט; ער האָט זיך בענוגענט מיט דעם, וואָס ער האָט דאָרט אריינגעזעצט אַן אַסירישע דינאַסטיע און געצוואונגען צו צאָהלען טריבוט (מס). דיזע דינאַסטיע איז אָבער באַלד פערטריבען געוואָרען און באַבילאָניען האָט פיר אַ קורצע צייט צוריק געקריגען איהר זעלבשטענדיגקייט. אונטער דער געוואַלדיגער הערשאַפט פון תּגלת־פּלאסר דעם 1טען, דעם עניקעל פון תגלת סאַמדאַן דעם 1טען, האָט אַסיריען געוואונען איהרע גרעסטע נצחונות. דיזער הערשער האָט זיך בעריהמט, דאָס ער האָט 42 לענדער איינגענומען, אַלע לענדער צווישען דעם מיטעללענדישען ים און די טייכען אייפראַט און טיגרים (פּרת און חדקל). קורץ פאַר דעם סוף פון זיין רעגירונג האָט ער געפיהרט מלחמה מיט באַבילאָניען, האָט איינגענומען די הויפּטשטאָדט, האָט פערוויסטעט און בערויבט דאָס גאַנצע לאַנד ביי די ברעגען פון אייפראַט. אָבער דער באַבילאָנישער קעניג מרודך־נאַדין־אַך האָט איהם צוריק פערטריבען און ביי איהם אָפּגענומען פיעלע אָנגערויבטע זאַכען, צווישען דיזע פיעלע אַסירישע געטער־בילדער, וועלכע תגלת־פּלאסר האָט מיט זיך געפיהרט. דיזע געטער־בילדער זיינען פערבליבען אין באַבילאָניען 400 יאָהר, מען האָט זיי דאָרט געהאַלטען טייער אַלס צייכענס פון זיג איבער די אַסיריער.

די געשיכטע פון אַסיריען דערצעהלט ניט פון וועלכע עס איז נצחונות נאָך דעם טויט פון תגלת פּלאסר. דאָס אַסיריען האָט שוין מעהר קיין ראָלע ניט געשפּילט אין מערב־אַזיען, ווייזט אויף דער פאַקט, דאָס דאַמאָלס זיינען די אידישע קעניגען דוד און שלמה געוואָרען אונאָפּהענגיגע הערשער אין פּאַלעסטינאַ. דאָס וואָלט געווען אונמעגליך, ווען די אַסירישע קעניגען וואָלטען דאַמאָלס געווען אַזוי מעכטיג, ווי פריהער.

א נייע גליקליכע צייט האט זיך אנגעפאנגען פאר אסיריען מיט דעם קעניג אסור־אידאני־פאל (סארדאנאפאל דער 1טער), וועלכער האט רעגירט פון 888 ביז 860 פ. קר. דיזער קעניג האט פערברייטערט זיין הערשאפט אין אלע ריכטונגען. ער איז דורכגעצויגען דורך פיעלע געגענדען און האט איינגענומען לענדער, וועלכע די פריהערדיגע קעניגען האבען גאר אין זינען ניט געהאט. די איינגענומענע לענדער האט ער בעהאנדעלט מיט גרויס אכזריות. דעם הערשער, וועלכער האט זיך ניט פרייוויליג אונטערגעגעבען אונטער איהם, האט ער אומגעבראכט. די געפאנגענע האט ער געטרייבען פייניגען און נאך דעם הענגען. פערוויסטענדיג און רויבענדיג האט ער אזוי געצויגען ביז דעם מיטעללענדישען ים. אויך מיט דעם אידישען קעניגרייך האט ער געפיהרט מלחמה. פון לבנון האט ער געבראכט צעדער־בוימער



אסור־אידאני־פאל (סארדאנאפאל דער 1טער) אויף'ן טראן.

און ציפרעסען נאך נינוה, די הויפט־שטאדט פון אסיריען, אום דערמיט צו בעצירען די קעניגליכע געביידעס. דאס בילד אויף דיזער זייט ווייזט, ווי דער קעניג, זיצענדיג אויף זיין טראן, פייערט זיינעם א נצחון. די צייכנונג איז געמאכט נאך אן אסירישען מאנומענט, וואס געפינט זיך אין דעם בריטישען מוזעאום.

אסור־אידאני־פאל האט זיך אויסגעצייכענט ניט נאר מיט זיינע נצחונות, נאר אויך מיט זיינע אויפטואונגען ביי זיך אין לאנד. ער האט געלאזען גראבען פיעלע קאנאלען, צווישען דיזע דעם גרויסען קאנאל, וואס האט פעראייניגט דעם טייך צאב מיט דעם טיגריס. דיזער קאנאל איז געווען 25 מייל לאנג און איז געגאנגען דורך א בארג, אין וועלכען עס איז געווען דורכגעגראבען א טונעל. ער האט זיך זעהר פיעל בעשעפטיגט מיט

בוי־קונסט. די פּרעכטיגע געביידעס, וועלכע ער האָט געלאָזען אויפשטע-
לען, איבערטרעפען די בנינים פון אַלע פריהערדיגע קעניגען פון אסיריען.

אויך די נאָכפאָלגער פון אַסור־אידאני־פּאַל האָבען זיך אויסגעציי-
כענט מיט שרעקליכע אכזריות. מיר לעזען פון שרעקליכע פּייניגונגען, וואָס
קריגס־געפאַנגענע האָבען געהאַט אויסצושטעהן — פון קרייציגען, פער-
ברענען, אָפּשניידען אברים, אויסשטעכען די אויגען א. אז. וו. כמעט
אַלע אסירישע קעניגען האָבען בעגאַנגען אַזעלכע גרויזאַמקייטען; פריד-
ליכע, מענשליכע אסירישע הערשער זיינען געווען זעהר ווייניג. צו די לעצ-
טערע געהערט איוואַ־לוז דער 4 טער (851 — 822 פ.
קר.), דער מאַן פון סומוראַמיט, וועלכע איז פיליכט די העלדין
פון דער זאַגע וועגען דער קעניגין סעמיראַמיס, וואָס ווערט דער-
צעהלט ביי דעם גריכישען היס-טאָריקער העראָ-דאָט. די קעני-גין סעמיראַ-מיס, וועלכע, ווי די זאגע ער-צעהלט, איז גע-ווען די פרוי פון נינוס, דעם גרינדער פון דער שטאָדט נינוה 2,000 פ. קר., און וועלכע האָט נאָך דער ערמאָרדונג פון איהר מאַן גע-
פיהרט מלחמות, געשאַפען גרויסאַרטיגע געביידעס און וואונדער־ווערק,
איז ניט געווען קיין געשיכטליכע פערזאָן. די געשיכטליכע סעמיראַמיס
(סומוראַמיט) האָט געלעבט פיעל שפּעטער און האָט זיך מיט קיין זאַך
ניט אויסגעצייכענט אויסער מיט דעם, וואָס זי האָט אויפגעשטעלט איי-
ניגע שטאאטס־געביידעס. אזוי ווי סומוראַמיט איז די איינציגע פרוי,
וואָס ווערט דערמאָהנט אין די אַסירישע אינשריפטען, גלויבען די אַסי-
ראָלאָגען (פאָרשער פון אַסירישע אַלטערטימער), דאָס סומוראַמיט איז
געווען א קעניגין פון באַבילאָניען און איוואַ־לוז האָט זי געהייראַט אום
דורך דעם צו פעראייניגען ביידע מלוכות, אַסיריען און באַבילאָניען,



תגלת־פלאסר.

אין איין מעכטיגע מדינה. דאָס איז נאָך זייער מיינונג דער גרונד, וואָרום זי ווערט אין די אינשריפטען דערמאָהנט צוזאַמען מיט איהר מאַן דעם קעניג.

די צייט פון די פרידליכע הערשער און פון דער רוהיגער אינערליכער ענטוויקלונג רופען די היסטאָריקער אָן: די צייט פון דער אָפּשוואַכונג פון דער אַסירישער מלוכה. ווען פרעמדע לענדער ווערען ניט פערוויסטעט דורך שווערד און פייער, ווען געפאַנגענע קרעכצען ניט אונטער גרויזאַמע פיי-



אַן אַסירישער קעניגליכער פּאַלאַץ פון אינווענינ.

ניגונגען אָדער פילען ניט אָן די רייהען פון די שקלאַפען, ווען מענשען ציי-גען ניט קיין ווילדקייט און פערשפרייטען ניט אַרום זיך טויט או פערוויס-טונג, איז דאָס ביי די היסטאָריקער געוועזן אַ צייכען פון שוואַכקייט! און דעריבער בעגריסען דיזע היסטאָריקער מיט פרייד דעם מעכטיגען אַסי-רישען קעניג ט ו ק ל אַ ט ־ ה אַ ב אַ ל ־ אַ ס אַ ר ד ע ם 2 ט ע ן (745 — 727 פ. קר.), וועלכער האָט אַסיריען ווידער אויפגעריהרט און

די אַסירישע הערשאַפט פערשפּרייט ווייטער און ברייטער פון אַלע פריהער-דיגע אַסירישע הערשער. אין דער ביבעל איז דיזער קעניג בע-וואוסט אונטער דעם נאָמען פּ ו ל אָדער ת ג ל ת ־ פ ל א ס ר. דאָס נעבען־שטעהענדע בילד, וועלכעס איז געצייכענט נאָך אַן אַסירישען מאָנומענט, שטעלט פאָר דיזען קעניג, ווי ער שטעהט אויף אַ קריגס־וואָגען. אויך די אידען האָבען שטאַרק געפיהלט זיין אייזערנע האַנד, פיעלע טויזענדער פון זיי זיינען דורך איהם געפאַנגען געוואָרען און פערקויפט געוואָרען פיר שקלאַפען. פון פּאַלעסטינאַ האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו דמשק, וועלכע ער האָט נאָך אַ צוויי־יעהריגער בעלאַגערונג איינגענומען. גאַנץ סיריען איז דאַמאָלס גע-וואָרען אַן אַסירישע פּראָווינץ.

נאָך דעם טויט פון טוקלאַט־האבאַל־אַסאר האָבען די אונטערגעיאָכ-טע לענדער זיך אויפגעהויבען געגען אַסיריען, אָבער די קעניגען ש ל מ נ א ס ר ד ע ר 5 ט ע ר (725 — 721 פ. קר.) און ס ר ג ו ן ד ע ר 2 ט ע ר (721 — 704 פ. קר.) האָבען זיי אין גאַנצען אונטער-געיאָכט און פעראייניגט אַלע מערב־אַזיאַטישע לענדער אונטער דער אַסירי-שער הערשאַפט. שלמנאסר דער 5טער האָט בעזונדערס פעניציען (כנען) און סיריען ווידער אונטערגעיאָכט. אויך פּאַלעסטינאַ האָט געפּרוּפט בע-פרייען זיך פון דעם יאָך פון אַסיריען, אָבער עס איז איהר ניט געלונגען. דער קעניג הושע פון די מלכי ישראל האָט זיך געווענדט נאָך הילף געגען שלמנאסר'ן צו עגיפּטען, אָבער שלמנאסר האָט בעזיגט די מלוכה פון ישראל איידער עגיפּטען איז געקומען צו הילף. הושע איז אַריינגעוואָרפען גע-וואָרען אין געפענגניס, וואו ער איז געשטאָרבען. שלמנאסר האָט אָבער ניט געקענט איינגעהמען די הויפּט־שטאָדט פון די עשרת השבטים, שומרון, דאָס האָט ערסט דורכגעפיהרט סרגון דער 2טער.

אונטער דיזע לעצטערע קעניגען איז נינוה, די אַלטע הויפּטשטאָדט פון אַסיריען, געוואָרען די גרעסטע און וואונדערבאַרסטע שטאָדט אין דער וועלט. שלמנאסר האָט צו דיזער שטאָדט צוגעבויט אַ גאַנץ נייעם טייל, פון וועלכען עס זיינען נאָך פערבליבען די רעסטען פון אַ פּאַלאַץ צווישען די רואינען פון חאָרסאבאד (אַ דאָרף אין אַזיאַטישער טערקיי). דער נביא נ ח ו ם פערגלייכט די צאָהל פון איהרע האַנדעלס־לייט מיט די שטערן פון הימעל און מיט אונצעהלבאַרע מחנות פון היישעריקען. דער גריכישער היסטאָריקער דיאָדאָר פון סיציליען שרייבט, דאָס נינוה איז גע-וועזן אונגעהייער גרויס. לויט יונה הנביא האָט נינוה געהאַט אַ שטח פון



א טעמפעל=געביידע אין נינוה.

3 טעג רייזע. דיזע בעהויפטונגען האָט מען געהאַלטען פיר גוזמאות, איבער-
טרייבונגען, אָבער נאָך די אויסגראָבונגען, וואָס מען האָט געמאַכט אין
דער נייערער צייט, און נאָך דער מיינונג פון דעם אַסיראָלאָגישען געלעהר-
טען ל אַ י אַ ר ד, שיינען דיזע בעהויפטונגען צו זיין ריכטיג. לאַיאַרד
האַלט די חורבות פון נמרוד, קויונדזשוק, חאָרסאַבאַד און קאַראַמלאָס פיר
די טיילען פון איינער און דער זעלביגער שטאָדט, וועלכע האָבען אַלע צו-
זאַמעןווירקליך אַ שטח פון 3 טעג רייזע. נאָך זיין מיינונג איז יעדעס
פערטעל אַ קעניגליכע רעזידענץ, אַרומגערינגעלט מיט אַ שטאַרקער מויער
און פערשיידענע פעסטונגען און ענטהאַלט אין זיך אויסער די וואוינונגען
אויך גרויסע יאַגד־פּלעצער, גערטנער און גראָז־פּלעצער פיר פּאַשע. דאָס
נעבען שטעהענדע בילד פון אַ טעמפּעל גיט אַ בעגריף פון די שענקייט און
גרויסקייט פון די געביידעס אין נינוה.

די מאַכט פון אַסיריען האָט אַלץ געשטיגען העכער און העכער. דער
נאָכפאָלגער פון סרגון דעם צווייטען איז געווען דער מעכטיגער ס נ ח ר י ב
(704 — 681 פ. קר.). ער האָט ווידער אונטעריאָכט די מעדיער און באַ-
בילאָניער (פעלקער פון מדי און בבל), וועלכע האָבען זיך ביי גינסטיגע גע-
לעגענהייטען געמאַכט אונאָפּהענגיג. אַן אַסירישע אינשריפט בעצייכענט
איהם אַלס בעזיגער פון אַלע קעניגען פון אַזיען פון דעם אויבערסטען וואַלד
(לבנון) ביז צום אונטערסטען ים (פּערסישען ים־בוזים), וועלכער האָט אונ-
טערגעיאָכט דעם באַבילאָנישען קעניג מרודך־בלאַדן און פיעלע שטעדט פון
באַבילאָניען, מעדיען, סיריען און פעניציען.

זיין זוהן אַ ס ר ־ ח ד ו ן (681 — 667) איז געווען נאָך מעכטיגער
און קריגערישער פון איהם. ער האָט בעזיגט עגיפּטען, איינגענומען די
בעריהמטע עגיפּטישע שטעדט מעמפיס (מוף) און טהעבען (נא אמון), און
האָט נאָך געהייסען אויסקריצען זיין נאָמען אין שטיין אַלס „קעניג פון עגיפּ-
טען, טהעבען און עטהיאָפּיען” נעבען די זיג־מאָנומענטען פון דעם בעריהמ-
טען עגיפּטישען קעניג ראַמסעס דעם 2טען. אסר־חדון'ס זוהן, אַ ס ו ר ־
ב אַ ן ־ ה אַ ב אַ ל (667 — 626), האָט עגיפּטען נאָך מעהר אונטערטע-
ניג געמאַכט.

אין דער צייט פון אסור־באַן־האַבאַל'ס רעגירונג האָט אַסיריען דער-
גרייכט די העכסטע שטופּע פון איהר מאַכט. נאָך דיזען הערשער האָט אַסי-
ריען אָנגעהויבען אַרונטערצוגעהן פון איהר גרויסקייט. די אונטערטע-
ניגע לענדער: עילם, באַבילאָניען, אַראַביען, סיריען, לידיען, עגיפּ-
טען האָבען אָנגעהויבען רעבעלירען געגען דעם דרוק פון דעם אסירישען דעס-

פּאַטיזם. די אַסיריער האָבען צוזאַמענגענומען אַלע קרעפטען די רעוואָלוציאָנען צו דערשטיקען. צוערסט האָבען זיי זיך גענומען צו באַבילאָניען, וועלכע איז נאָך אַ לאַנגער בעלאַגערונג געווען געצוואונגען זיך צו אונטערגעבען. דאַן האָבען זיי זיך גענומען צו עילם. אין דיזען לאַנד האָבען די אַסיריער אָנגעמאַכט גרויסע חורבנות און צולעצט איז אויך געפאַלען די גרויסע און בעריהמטע שטאָדט ס ו ז א (שושן), וועלכע איז צוליב איהר שענקייט אָנגערופען געוואָרען „די שטאָדט פון די געטער" (645 פ. קר.). דאָס קעניגרייך עילם איז אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען, זיינע איינוואוינער זיינען פערטריבען און צושפּרייט געוואָרען איבער די פערשיידענע מדינות פון דער אַסירישער אימפּעריע. דאָס איינציגע לאַנד, וואָס איז געבליבען ניט בעריהרט פון דער אייזערנער האַנד פון אַסור-באַן-האַבאַל, איז געווען עגיפּטען. ווי עס שיינט, האָט דיזער דעספּאָט ניט געוואַגט אָנצופאַנגען מיט דעם בעריהמטען מעכטיגען עגיפּטישען קעניג פּסאַמעטיך.

אָבער דיזע אַלע גרויסע נצחונות האָבען ניט געגעבען אַסיריען גענוג קראַפט צו אַ דויערהאַפטער עקסיסטענץ. דאָס פאָלק האָט געזיפצט אונטער דעם דרוק פון דער שרעקליכער דעספּאָטיע, דער אַדעל און די בעאַמטע האָבען זיך איבערגעגעבען צו אַ הולטייסקען לעבען, וועלכעס האָט זיי געמאַכט פיר שוועכלינגען. די אונגעוועהנליכע אַכזריות פון אַסור-באַן-האַבאַל געגען די אונטערטעניגע פעלקער האָבען זיי שרעקליך ערבימערט געגען אַסיריען. און דעריבער, ווי נאָר אַסור-באַן-האַבאַל איז געשטאָרבען (626 פ. קר.), האָט אַסיריען ניט געקענט ביישטעהן דעם גרויסען שטורם פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער. אַזוי באַלד ווי זיין זוהן אַסור-אידיל-אילי איז אַרויף אויף דעם אַסירישען טראָן האָבען זיך געגען איהם אויפגעהויבען ק י אַ ק - ס אַ ר ע ס, דער קעניג פון מעדיען (מדי), און נ אַ ב ו - ב ו ל - אַ ס י ר (נבו-פלאסר), דער קעניג פון באַבילאָניען. זיי זיינען אַרויס געגען איהם מיט אַן אונגעהייער גרויסער מיליטערישער מאַכט און האָבען בעלאַגערט די אַסירישע רעזידענץ נינוה. אַסור-זידיל-אילי האָט זיך אַפילו פערטיידיגט מיט גרויס מוט, אָבער צו זיין אונגליק האָט אַ פערפלייצונג איינגעריסען אַ שטיק פון דער מויער און דאָס האָט די בעלאַגערער געגעבען די מעגליכקייט אַריינצוגעהען אין שטאָדט. ווען דער אונגליקליכער אַסירישער קעניג האָט געזעהן, דאָס עס איז פיר איהם ניטאָ קיין רעטונג, האָט ער אַליין אונטערגעצונדען זיין פּאַלאַץ און האָט זיך פערברענט צוזאַמען מיט זיינע ווייבער און זיינע אוצרות (625 פ. קר.). די פּרעכטיגע שטאָדט נינוה איז צושטערט געוואָרען ביז צום גרונד און די מעכטיגע אַסירישע אימפּעריע

האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירען. די זיגער האָבען זיך צוטיילט מיט די בעזיגטע מדינות. קאיאקסארעס האָט צוגענומען אסיריען און נאבו=בול=אוסור האָט צוגענומען מעסאָפּאָטאמיען (ארם נהרים). סיריען און פאלעסטינא און האָט דיזע פעראייניגט מיט באבילאָניען. פון דער געוועזענער אסירישער אימפעריע זיינען יעצט ענטשטאנען צוויי נייע קעניגרייכען: דאָס קעניגרייך מ ע ד י ע ן (מדי) און נ י י = ב א ב י ל אָ נ י ע ן.

אונטער דער רעגירונג פון נאבו=בול=אוסור איז באבילאָניען געוואָרען גרויס און שטארק. אָנשטאָט נינוה איז באבילאָן (בבל) געוואָרען די גרעסטע הויפּטשטאָדט. די בעפעסטיגונגען און גרויסע געביידעס, וועלכע נאבו=בול=אוסור האָט אונטערגענומען פיר די בעשיצונג און פערשענערונג פון דער שטאָדט, האָט זיין זוהן נ אַ ב ו = ק ו ד ו ר = א ו ס ו ר אָדער נ ב ו כ ד נ א צ ר (604 — 561 פ. קר.) פאָרטגעזעצט און האָט געבראכט באביליאָן צום העכסטען גלאנץ. צו עהרע פון זיין ווייב פון מעדיען האָט נבוכדנאצר געלאָזען מאכען די „הענגענדע גערטענער פון סעמיראמים", וועלכע האָבען זיך גערעכענט פיר איינס פון די וואונדער=ווערק פון דער אלטער וועלט.*)

עגיפּטען האָט נאָך אין דער צייט פון נאבו=בול=אוסור בעפאלען דאָס לאַנד יהודה און סיריען, אָבער נבוכדנאצר האָט די עגיפּטער אין גאנצען צושלאָגען ביי כרכמיש, אַ שטאָדט ביי דעם ברעג פון אייפראט (פרת), און האָט זיי פערטריבען צוריק. פינף יאָהר שפּעטער האָט אויך דאָס לאַנד יהודה זיך געמוזט אונטערגעבען אונטער זיין שווערד, ירושלים איז צושטערט געוואָרען און אַ גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג איז פערטריבען געוואָרען אין בבל (597 פ. קר.).

נבוכדנאצר האָט געבראכט באבילאָניען צו דער העכסטער מאכט; ער האָט בעהערשט האלב אזיען און אלע פיינד האָבען געציטערט פאַר איהם. אָבער אַזוי געשווינד ווי דיזעס קעניגרייך איז ארויפגעשטיגען צו זיין העכסטער גרולה, אַזוי גיך איז עס געזונקען צוריק. דער זיגרייכער נבוכדנאצר איז געשטאָרבען אין דעם יאָהר 561 פ. קר. זיינע נאָכפאָלגער זיינען געווען הולטייסקע, אויסגעלאסענע דעספּאָטען. זיין זוהן א ו י ל = מ ר ו ד ך און זיין נאָכפאָלגער נ א ב ו = נ א ה י ד, וועלכער האָט זיין זוהן ב ע ל = ס א ר = א ו ס ו ר (בלשצר) געמאכט אלס מיט=קעניג, זיינען געווען גרויסע בריות צו געבען רייכע בעלער און צו ווייזען דער וועלט זייער רייכטום

*) וועגען סעמיראמים ז. זייט 109.

און גלאַנץ, אָבער זיי זיינען ניט געוועזען אין שטאַנד צו ווייזען גבורות אויף'ן שלאַכט־פעלד. אין דיזער צייט איז ערשינען אויף דער בינע פון דער געשיכטע דער קעניג צ י ר ו ס (כורש), דער גרינדער פון דער פער־סישער אימפעריע, וועלכער האָט בעשלאָסען איינמאָל צו וואַרפען באַבילאָניען אונטער זיין הערשאַפט. די אָפּגעשוואַכטע איינגעלאַבענע באַבילאָנישע הער־

דער קעניג שטעכט אויס א געפאַנגענעם די אויגען.

דאָס צעהלען פון אָפּגעהאַקטע קעפּ.

שער און פירסטען האָבען זיך ניט געקענט וועהרען געגען דיזען פערסישען לייב און באַבילאָניען איז געפאַלען אין די הענד פון די פערסיער (538 פ. קר.). בעל־סאַר־אוסור איז געפאַלען אין קאַמף, און אין א קורצער צייט נאָך דעם, ווי אַסיריען האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען אלס וועלט־מאַכט, איז אויך באַבילאָניען געפאַלען און איז געוואָרען א טייל פון דער



די פייניגונג פון געפאַנגענע.

פערסישער אימפעריע. די פערסישע הערשער האָבען די פרעכטיגע שטאָדט באַבילאָן ניט צושטערט און האָבען די איינוואוינער מילד בעהאַנדעלט.

דיזע פלעצליכע ענדערונגען, דאָס שטייגען און פאַלען, וועלכע מיר זעהען אין די באַבילאָניש־אַסירישע וועלט־מלוכות, איז דער רעזולטאַט פון אַ דעספּאָטיזם, וועלכער האָט צו זיך ניט געהאַט קיין גלייכען און קיין

שום אַנדערער מלוכה. אין דיזע מלוכות האָט נאָר געהערשט איין ווילען — דער ווילען פון דעם הערשער. דאָס פאָלק איז געווען בלויז אַ ווערקצייג אין די הענט פון דעם הערשער, אַ ווערקצייג אָהן אַ ווילען. דאָס שיקזאַל, דער גורל פון גאַנצען לאַנד איז געלעגען אין איין איינציגער האַנט. איז די האַנט געווען שטאַרק, האָט זיך די וואָג־שאָל פון גליק אויפגעהויבען, איז זי אָבער געווען שוואַך, איז די וואָג־שאָל אַרונטער. די אַסירישע הערשער האָבען געפאָדערט געטליכע פערעהרונג און דאָס פאָלק האָט זיי דיזע פערעהרונג געגעבען. אַלע גבורות, אַלע נצחונות זיינען צוגעשריבען געוואָרען צו די קעניגען. די גרויסע מחנות סאָלדאַטען זיינען נאָר געווען אַ ביי־זאַך. די קעניגען אַליין זיגען, די קעניגען אַליין נעהמען איין פעסטונגען, און דאָס פאָלק, דאָס מיליטער, איז גאָר ניט. אויף בילדער־ווערק, וועלכע מען האָט געפונען צווישען די אַלטע חורבות פון אַסיריען און באַבילאָניען, ווערען די קעניגען פאָרגעשטעלט אַלס ריזען און די איבריגע קריגס־לייט אַלס קליינע — דאָס איז צו ווייזען, אַז דער הערשער איז העלדישער און מעכטיגער אַלס אַ מענש פון אַן אַנדערן שטאַנד.

ווי ווילד, ווי באַרבאַריש די אַסיריער זיינען געווען, הגם זיי זיינען געווען אַ קולטור־פאָלק, ווייזען קלאָר די נעבען־שטעהענדע בילדער, וועלכע זיינען געקאָפּירט פון געפונענע אַסירישע בילדער־ווערק. דיזע בילדער שטעלען פאָר, ווי דער קעניג, מיט זיין אייגענער האַנט, שטעכט אויס די אויגען פון אַ געפאַנגענעם, ווי מען שניידט אָפּ די קעפּ פון געפאַנגענע און מען צעהלט זיי, ווי מען פייניגט געפאַנגענע מיט אַלערליי פייניגונגען. און אַזעלכע גרויזאַמע מעשים האָט מען נאָך געהאַט די ווילדע חוצפּה צו פעראייביגען אַלס שטאָלץ. דאָס אַלץ איז דער טרויעריגער רעזולטאַט פון דעספּאָטיזם.

דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער צושטאַנד אין באַבילאָניען און אַסיריען. די טייכען אייפראַט (פרת) און טיגריס (חדקל), וועלכע האָבען בעוועסערט אַסיריען און באַבילאָניען, זיינען פיר דיזע לענדער געווען דאָס זעלביגע, וואָס דער נילוס איז געווען פיר עגיפּטען. אויך דיזע טייכען האָבען מיט זייערע איבערשוועמונגען בעוועסערט דאָס לאַנד און האָבען געמאַכט פּרוכטבאַר די ערד אַרום. די ביידע טייכען זיינען געווען גוט פיר שיפען־גאַנג און האָבען שוין פון זעהר אַלטע צייטען געדינט אַלס נאַטירליכע וועגען פיר האַנדעל און פערקעהר מיט פערשיידענע פעלקער. פיעל האָט געהאָלפען צו דער ענטוויקלונג פון מסחר און קולטור דער פאַקט, וואָס דער ים איז געווען זעהר נאָהענט צו דיזע לענדער. דיזע אייגענשאַפ-

טען האָבען געווירקט אויף די ערסטע בעוואוינער פון דעם לאַנד צו פער-בייטען זייער וואנדער-לעבען אלס פאסטוכער אויף אַקער-בוי און פיהרען אַן אָנזעסיגעם לעבען. די אָפטע שטארקע פערפלייצונגען פון דעם אייפראַט האָבען געהאַט נאָך אַ סאָרט ווירקונג אויף די ענטוויקלונג פון קולטור אין יענע געגענדען, נעמליך: זיי האָבען געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון אַ קאנאַל-סיסטעם מיט פערשיידענע בוי-ווערק ביי די ברעגען פון דעם טייך צו פערבעסערן און פערגרעסערן דעם פערקעהר פון שיפען. די נעטיגקייט פון אזעלכע מיטלען האָט נאַטירליך געפיהרט צו פאָרשריט אין דער טעכני-שער קונסט.

אקער-בוי איז אין באַבילאָניען און אסיריען מיט דער הילף פון קינסט-ליכער בעוועסערונג געוועזען אויסגעצייכענט. פאַבריקאַציאָן האָט בעזונדערס אין באַבילאָן דערגרייכט אַ הויכע שטופע, איבערהויפט די וועבעריי פון וואָל און ליינען. די באַבילאָנישע טעפּיכען (קאָוויאָרען) האָבען זיך געפּרייזט זעהר הויך פיר זייער גוטע קוואַליטעט און רייצענדע פאַרבען און זיי זיינען געוועזען געזוכט איבעראַל. פון העלפאַנד-ביין און פון הארטע האָלצען, וואָס די באַבילאָניער פלעגען איינקויפען אין אינדיען, פלעגען זיי מאַכען זעהר קונציגע שניצערייען; פון אינדישען שטאָהל פלעגען זיי אויסארבייטען פערשיידענע פיינע שטאָהלענע אַרטיקלען; פון די עדלע מעטאַלען, פון גאָלד און זילבער, פלעגען זיי מאַכען פערשיידענע שמוק-זאַכען, צירונגען. אויסער דיזע אַרבייטען זיינען אין באַבילאָן פערפערטיגט געוואָרען פערשיי-דענע זאַלבען און אַלערליי פּערפיומען פיר טואַלעט. דיזע אַלע אינדוסטריע-צווייגען האָבען געבראַכט אין לאַנד פיעל רייכטום. דורך איהר מסחר איז באַבילאָן געקומען אין בעריהרונג מיט אַראַביען, עגיפּטען, פעניציען און אַנדערע לענדער. באַבילאָן האָט ניט נאָר פערקויפט איהרע פּראָדוקטען אין יענע לענדער, נאָר זי האָט אויך אימפּאָרטירט פיעלע אַרטיקלען פון יענע לענדער צו זיך. פון אַראַביען האָט זי אימפּאָרטירט פערשיידענע געוויר-צען, פון אינדיען — שאַאַלען און יאַגד-הינד, פון אַרמעניען — וויין, פערד און פערשיידענע מעטאַלען.

אין באַבילאָניען זיינען געוועזען אַלע נעטיגע בעדינגונגען צו ענטוויקלען אַ הויכע קולטור. די אונגעוועהנליכע פרוכטבארקייט פון דער ערד, די גרויסע האַנדעלס-פערבינדונגען מיט אַנדערע לענדער, די הויך-ענטוויקעל-טע אינדוסטריע האָבען דיזען לאַנד פערשאַפט גרויסע רייכטימער. אָבער דיזע גליקען האָבען ניט געשיצט דיזעס דעספּאָטישע לאַנד פון אונטערגאַנג. באַבילאָניען איז מיט איין מאָל פון איהר הויכען שטאַנד אַראָפּגעפאַלען אין

טיפען אָפּגרונד, פון וועלכען זי האָט זיך שוין מעהר קיינמאָל ניט געקענט אויפהויבען. די אורזאַך דערפון ווערט אונז קלאָר נאָך דעם, ווי מיר בע-קענען זיך מיט דער געשיכטע פון כינא און עגיפּטען.

כינא האָט אויך פיעל פּראָדוצירט. פיעלע רייכטימער געשאַפען, אָבער דאָרט בלייבען די רייכטימער אין די הענט פון פאָלק, וואָס האָט די רייכ-טימער געשאַפען, נאָר א קליינער טייל פון דעם איז אָנגעקומען צו די פירסטען און דעם קיסר. דאָס פאָלק האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזען פער-שקלאַפען, די ארבייט איז געבליבען פריי, דעריבער איז דאָס כינעזישע פאָלק געבליבען לעבענס־פעהיג ביז היינטיגער צייט. ביי די אינדיער גע-פינען מיר שוין פערשקלאַפטע ארבייט, אָבער דערביי אויך א גרויסען טייל פרייע ארבייט, וועלכע האָט זיי געהאָלפען איבערלעבען אַלע פּאָליטישע שטורמס און בלייבען עקסיסטירען.

גאַנץ אנדערש זיינען געווען די פערהעלטניסען אין אסיריען און באַבי-לאָניען. אויך דאָ זיינען די אור־איינוואוינער אונטערגעיאָכט און פער-שקלאַפט געוואָרען פון נייע איינוואַנדערער, אָבער די שקלאַפעריי האָט אין דיזע מדינות אָנגענומען א שרעקליכען כאַראַקטער, ווייל די סעמיטישע פעלקער, וועלכע האָבען איינגעוואַנדערט אין דיזע לענדער, זיינען גע-ווען פיעל ווילדער, פיעל פאַנאַטישער אַלס די אינדיער. די אַסיריער האָ-בען זיך אויסגעצייכענט מיט א ליידענשאַפט צו הערשען, וועלכע האָט געפיהרט צו א פאַנאַטישער פערקנעכטונג פון דעם גאַנצען פאָלק. אין אינדיען איז די הערשאַפט געווען געטיילט צווישען פערשיידענע אויבערע קאַסטעס, וועלכע האָבען וועניגסטענס איינע די אַנדערע געהאַלטען אין צוים, און דאָס פאָלק האָט דערפון פּראָפיטירט. אין אַסיריען און באַבי-לאָניען, אָבער, זיינען קיין קאַסטעס ניט געווען, די גאַנצע מאַכט איז געווען אין דער פּערזאָן פון דעם קעניג, דעריבער האָט זיך דאָ, אין באַ-בילאָניען און אַסיריען, דער דעספּאָטיזם ענטוויקעלט שרעקליכער, ווי אין וועלכען עס איז אַנדערן לאַנד אין דער וועלט. דער קעניג איז דאָ גע-ווען דער אַבסאָלוטער הערשער. נאָר די געלעהרטע, די מאַגיער, די כאַל-דעער, די כשדים, זיינען געווען נאָהענט פון דעם הערשער. דאָס פאָלק, די מאַסע פון פאָלק, איז נאָר בעשאַפען געוואָרען אום דעם קעניג צו דינען. דער גרעסטער טייל פון דעם, וואָס דאָס לאַנד האָט פּראָדוצירט דורך דעם פלייס פון פאָלק, אָדער פון דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפען דורך אינדוסטריע און מסחר, איז אַריין אין די הענט פון דעם קעניג און פון זיינע געליבטע בעאַמטע. די אַלע גרויסע געביידעס, וואָס דאָס פאָלק

איז געווען געצוואונגען צו בויען, זיינען ניט געווען פיר די נוצען פון פאָלק, נאָר צו פערגרעסערן דעם גלאַנץ און די עהרע פון דעם קעניג. דאָס פאָלק אליין האָט קיין הייזער ניט געהאַט און איז געווען געצוואונגען צו וואוינען אין געצעלטען, ווי די נאָמאַדען, די וואַנדערנדע פאַסטוכער. א בליק אויף דאָס נעבען־שטעהענדע בילד, וועלכעס איז א קאָפּיע פון א בילד־ווערק, וואָס מען האָט געפונען צווישען די אַסירישע חורבות, ווייזט אונז דייטליכער ווי אַלע בעשרייבונגען, וויפיעל ארבייטס־קראַפט פון פאָלק עס איז פערשווענדעט געוואָרען פיר די בעצירונג פון קעניגליכען פאַלאַץ. דאָס בילד שטעלט פאָר, ווי מען טראַנספּאָרטירט אַן אונגעהייער גרויסע סטאַטוע פון אַן אָקס מיט פליגלען, וואָס איז געווען בעשטימט צו בעצירען אַ קעניגליכעס געביידע. דאָס איז אַ וואַהרעס בילד פון אַ פערשקלאַפּטען פאָלק, וועלכעס איז מיט'ן בייטש געווען געצוואונגען צו טאָן אונניצליכע ארבייט, נאָר צופרידען צו שטעלען דעם קאַפּריז פון אַ דעספּאָט.

עס איז אגב אינטערעסאַנט צו בעטראַכטען, ווי ווייט די פעלקער אין יענער צייט זיינען געווען ענטוויקעלט אין טעכניק, דאָס זיי האָבען שוין דאַמאָלס געוואוסט, ווי צו איבערפיהרען אונגעהייער גרויסע מיטאות פון איין אָרט נאָך דעם צווייטען. די אונגעהייער גרויסע סטאַטוע ווערט געשלעפּט אויף אַ העבערן אָרט. זי שטעהט אויף אַ געשטעל, וואָס געהט אויף וואַלצען. פון הינטען העלפען מענשען צו מיט אַן אונגעהייער גרויסען דראָנג. פון פאָרנט שלעפּט אַ גרויסע מאַסע אין רייהען מיט שטריק. דער קאָמאַנדיר, דער אויפזעהער אויף די ארבייט, שטעהט פון פאָרנט אויף דעם געשטעל און ווייזט אַן מיט די הענט צו ציהען. בשעת די אונגעהייער גרויסע סטאַטוע בעוועגט זיך, ווערט זיי אונטערגעשטיצט פון ביידע זייטען מיט שטאַנגען און געהאַלטען אין גלייכגעוויכט דורך שטריק. די נויטיגע מיטלען צום שלעפּען די סטאַטוע (די קלעצער, די שטריק) ווערען מיטגעטראָגען און מיטגעפיהרט.

עס איז אמת, דאָס אויסער די פּרעכטיגע געביידעס האָבען די אַסירישע און באַבילאָנישע קעניגען געלאָזען מאַכען אויך ניצליכע זאַכען, ווי צ. ב. קאַנאַלען צו בעוועסערן די ערטער, וואָס האָבען ניט געהאַט גענוג וואַסער, אָדער צו פערגרינגערן דעם פערקעהר פון האַנדעל, אָבער דערביי האָבען זיי ניט געהאַט אין זינען די נוצען פון פאָלק, נאָר זייערע אייגענע הכנסות, אום צו קענען לעבען אין לוקסוס.

זעהר פיעלע בעאַמטע זיינען געווען בעשעפטיגט איינצומאַהנען די שטייערן אין נאַטור־פּראָדוקטען אָדער אין גאָלד און זילבער. פון אַלע פּראָ־



די טראַנספאָרטירונג פון אַ שטיינערנעם געפליגעלטען אָקס.

ווינצען אין לאַנד האָבען געשטראָמט אונגעהייערע קאראוואַנען פון בעאַמטע מיט די שטייערן. אויסער די רעגעלמעסיגע הכנסות פון שטייערן זיינען נאָך געווען די גרויסע איינקונפטען פון אַנגערויבטע זאַכען אין מלחמות, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט אויפגעהערט. די פּאַלאַצען פון די קעניגען און פירסטען אָדער פון גרויסע בעאַמטע זיינען געווען איבערפילט מיט גאָלד און זילבער אין דער צייט, ווען דאָס פאָלק האָט געשמאַכטעט פון הונגער און נויט. דער לוקסוס פון די קעניגען און פון די בעאַמטע האָט זיי גע-פיהרט צו פערדאָרבענהייט און אויסגעלאַסענהייט, וועלכע האָבען זיי אָפּ-געשוואַכט און געמאַכט אונפעהיג זיך צו פערטיידיגען אין אַ צייט, ווען אַ שונא איז בעפאַלען דאָס לאַנד. דעריבער זיינען די מלוכות פון אַסיריען און באַבילאָניען געפאַלען אַזוי באַלד, ווי זיי האָבען געהאַט צו טאָן מיט אַ מעכטיגען פיינד.

די באַבילאָניש־אַסירישע קולטור. ווי עס שיינט איז די איינגע-וואַנדערטע סעמיטישע ראַסע געווען די טרעגערין פון אַ העכערער קולטור, הגם די אור־בעוואוינער, די טוראַנישע פעלקער (די סומעריער און אַקאַדיער), האָבען איהר אַ געוויסע קולטור איבערגעלאָזען. וואָרום די טוראַנישע פעלקער האָבען מיטגעבראַכט די קונסט ווי צו בעאַרבייטען מעטאַלען און זיינען גע-ווען די גרינדער פון דער שפּעטערדיגער באַבילאָניש־אַסירישער קייל־שריפט (בוכשטאַבען ווי דריי־קאַנטיגע פלעקלאַך). די סעמיטישע פעלקער זיינען אין אָנפאַנג געווען איינגעטיילט אין קאַסטעס (קלאַסען), פון וועלכע די כּריסטער־קאַסטע איז געווען די הערשענדע. לאַנגזאַם האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט אַ שטאַרקע קעניגליכע דינאַסטיע, וועלכע האָט מיט איהר דעספּאָטיזם פערניכטעט די מאַכט פון די גייסטליכע און איז געוואָרען די איינציגע הערשערין. דער פּריסטער־שטאַנד איז אָבער פערבליבען, הגם ניט מיט זיין פריהערדיגער מאַכט. די איינוואַנדערער האָבען זיך פער-מישט מיט די אור־איינוואוינער, אויסער די פּריסטער, וועלכע זיינען געבליבען ריין, ניט פערמישט, ווייל זייער שטאַנד איז איבערגעגאַנגען פון פאָטער צום זוהן. די באַבילאָנישע פּריסטער זיינען געווען אַזוי שטאַרק געאַכטעט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט אָנגענומען זייער נאָמען כ אַ ל ד ע ע ר. זיי זיינען געווען די איינציגע געלערנטע לייט, די איינציגע בעשיצער פון די וויסענשאַפטען פון זייער צייט, די הויפּט־טרעגער פון דער באַבילאָ-ניש־אַסירישער קולטור.

עס איז שוער אָנגעקומען די איראָפּעאישע פאָרשער צו געפינען דעם שליסעל, ווי צו לעזען די קייל־שריפט פון די באַבילאָניער און אַסיריער.

ענדליך האָבען זיי אויסגעפונען דעם סוד. די באַבילאָניער און אַסיריער האָבען געשריבען ניט אויף פּאַפּיער, נאָר אויף ליימענע טאַפלען, דינע ציגעל. דער ענגלישער פאָרשער לאיארד האָט געפונען אונטער די חורבות פון נינוה אַן אונגעהייער גרויסע ביבליאָטעק פון אַזעלכע ליימענע טאַפלען מיט קייל־שריפט. דיזע ביבליאָטעק געפינט זיך יעצט אין דעם בריטיש מוזעאום אין לאָנדאָן, און זי איז די בעסטע קוועלע פיר דאָס שטודיום פון דער שפּראַך און פון די וויסענשאַפטען פון די באַבילאָניער און אַסיריער. דיזע זעלטענע ביבליאָטעק איז ענטשטאַנען אונטער אַסור־באַן־האַבאַל. ביי- דע זייטען פון די טאַפלען זיינען בעדעקט מיט געדריכטער שריפט, וועלכע איז איינגעצייכענט געוואָרען אויף דעם פרישען לעהם. די טאַפלען זיינען גענומערירט און זיינען איינגעטיילט אין ביכער. לאיארד האָט געזאַמעלט 10,000 פון דיזע טאַפלען איבער פערשיידענע ענינים, ווי גראַמאַטיק, גע-



באַבילאָניש־אַסירישע אינשריפטען.

שיכטע, געטער־לעהרע (מיטהאָלאָגיע), נאַטור־געשיכטע, אַסטראָנאָמיע, אַסטראָלאָגיע (שטערן־דייטונג) א. אז. וו. די גראַמאַטיקאַלישע טאַפלען האָ- בען פיעל געהאָלפען די געלעהרטע צו ערלערנען די באַבילאָניש־אַסירישע שפּראַך. די נעבען־שטעהענדע אינשריפט איז פון דער צייט פון דעם קעניג אוראַך, וועלכער האָט געהערשט אין א ו ר פון 2093 ביז 2070 פ. קר. דיזע אינשריפט ענטהאַלט איז זיך די ווערטער: „באַלטיס, זיין פרוי, האָט גע׳פועל׳ט ביי איהר מאַן, דעם פרומען הערר און קעניג פון אור און קעניג פון אַקאַד (אכד), צו בויען איהר אַ טעמפּעל.“

די רעליגיאָן פון די כאַלדעער איז געוועזן שטערן־דינסט (עבודת כוכבים ומזלות). זיי האָבען פערגעטערט די זון, די לבנה, די פּלאַנעטען און אַנ- דערע שטערן, און האָבען צו זיי געבעטען ווי צו געטער. דיזער שטערן- דינסט האָט ענטוויקעלט ביי די באַבילאָניער די אַסטראָנאָמיע, וועלכע די

שפּעטערדיגע פעלקער האָבען איבערגענומען פון זיי. די כאַלדעער זיינען געווען די ערסטע, וואָס האָבען ערפונדען די 12 מזלות און האָבען איינגע-טיילט אַ מאָנאַט אין 4 וואָכען נאָך די 4 פאַזעס (געשטאַלטען) פון דער לבנה. זיי האָבען אויך געקענט בערעכנען די צייט פון לקוי־לבנה'ס. אַלס אָרט פון וואַנען צו בעטראַכטען די שטערן האָט זיי געדינט דער טעמפּעל פון בל. צוזאַמען מיט דער אַסטראָנאָמיע האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט די אַסטראָלאָגיע אָדער שטערן־דייטונג. די פּריסטער האָבען אין די שטערן געלעזען דעם מענשען'ס מזל, וואָס פיר אַ וועטער עס וועט זיין, ווען עס וועלען פאָרקומען ערד־ציטערניסען, לקוי־חמה'ס און לקוי־לבנה'ס. מיט אַסטראָלאָגיע האָבען זיך אָבער בעשעפטיגט די נידריגערע, וועניגער גע-בילדעטע פּריסטער; די הויכע, געבילדעטע פּריסטער האָבען פון דעם ניט געהאַלטען.

פּריסטער־פיגור מיט פליגלען.

אין גאַנץ אַלטע צייטען האָבען די באַ-בילאָניער און אַסיריער, ווי די פּערסיער, פערעהרט די זון אַלס די העכסטע גאָטהייט. זי האָט ביי די באַבילאָניער געהייסען „איל" אָדער „רא", ביי די אַסיריער „אַסור". אָבער צוזאַמען מיט דעם שטערן־דינסט האָט ביי דיזע פעלקער עקסיסטירט די פערגעטערונג פון חיות, וועלכע זיי האָבען גע'ירש'נט פון די טוראַנישע אור־איינוואוינער. אויף אַלטע בילדער־ווערק געפינט מען אַ פיש, אַ לייב א. אַז. וו. אַלס גאָטהייט. אין שפּעטערדיגע צײ-טען ווערען די פּריסטער פאָרגעשטעלט מיט צייכענס, וועלכע דייטען אָן אויף דיזע חיות, ווי די נעבען־שטעהענדע געפליגעלטע פּריסטער־פיגור ווייזט. מיר געפינען אויך פּריסטער־פיגורען מיט מאַסקעס פון חיות. אין די עלטעסטע צייטען האָט יעדער שטאָדט געהאַט איהר הייליגטום, אָבער די גאָטהייט איז געווען איבעראַל די זעלביגע, נאָר אונטער פערשיידענע נעמען. אַזוי האָט די גאָטהייט אין באַבילאָן געהייסען „ב ל י י" און „מ ר ו ד ך" (פון וועלכער עס איז שפּעטער געוואָרען „בל־מרודך"), אין באָרסיפּאַ „נבו", אין קוטהאַ „נרגל", אין ניפּור אָדער כלנה „באַלטיס", אין היט „העאַ" אָדער „האַאַ", אין ארך „אַנאַ", אין אור האָט מען פערגעטערט די לבנה, אין סיפּאַראַ — די זון. פון דיזע איינצעלנע געטער האָט זיך מיט דער צייט, ווען די שטעדט האָבען זיך פעראייניגט צו איין מלוכה, געבילדעט

א געטער-פאַמיליע, און ווען די איינצעלנע קעניגרייכען זיינען געוואָרען וואַסאַלען-שטאַאַטען, ד. ה. אָפּהענגיגע און אונטערטעניגע צו דער הויפּט-מלוכה, זיינען אויך די איינצעלנע געטער געוואָרען די אונטערטאַנען פון דעם הויפּט-גאָט „איל" (אל) אָדער „רא". פערשיידענע גאָטהייטען האָבען זיי פאָרגעשטעלט אַלס חיות מיט פליגלען; אויף מאַנכע בילדער ערשיינט נ ר ג ל, שפּעטער דער פּלאַנעט מאַרס, אין דער געשטאַלט פון א לייב מיט א מענשליכען קאָפּ און מיט פליגלען. צוזאַמען מיט דעם אויבערסטען זון-גאָט בל (בעל), דעם הערר פון הימעל און ליכט, וועלכער האָט בעשאַפען די וועלט און די מענשען, וועלכער האָט זיין טראָן איבער די וואָלקענס און ווייזט די שטערן זייער וועג, — האָבען די באַבילאָניער אויך פערעהרט אַ וויבליכע גאָטהייט מ י ל י ט א אַלס סימבאָל פון געבערען (העברעאיש מ ו ל ד ת — געבערערין). די זעלביגע געטין האָט ביי די אסיריער געהייסען א י ס ט א ר (עשתרות). יעדע פרוי האָט איין מאָל אין איהר לעבען אין דעם טעמפּעל פון מיליטא זיך געמוזט אָפּגעבען מיט א פרעמדען מאַן, וועלכער האָט זי אין דעם נאָמען פון דיזער געטין דערצו אויפגעפאָדערט. דיזער אָפּשייליכער מנהג האָט עקסיסטירט אויך ביי אַנדערע פעלקער און הערשט נאָך היינט ביי אייניגע אַראַבישע שבטים. דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט, פון וועלכען מיר ערפאַהרען וועגען דיזען מנהג, בעמערקט אויסדריקליך, דאָס דיזער מנהג האָט אין באַבילאָניען ניט געפיהרט צו אויסגעלאַסענקייט.

אויסער דיזע גרויסע געטער האָבען די באַבילאָניער געהאַט אויך פיעל הויז-געטער, געצען, וואָס זייער עובדא איז געווען צו היטען דאָס גליק פון הויז. דאָס פאָלק האָט געלעבט אין טיפער אונוויסענהייט, עס האָט געגלויבט, דאָס די געטער-בילדער זיינען לעבעדיגע וועזענס, וועלכע פערצעהרען די קרבנות, וואָס מען אָפּפערט צו זיי, ווען אין דער ווירקליכקייט זיינען די כהנים אין געהיים מיט זייערע פאַמיליעס געגאַנגען ביי נאַכט אין טעמפּעל די קרבנות צו פערצעהרען.

וועגען דער באַבילאָנישער קולטור ווייסען מיר ניט זעהר פיעל. אויסער אַסטראָנאָמיע, שיינט עס, האָבען די פּריסטער ניט ענטוויקעלט קיין הויכע וויסענשאַפטען. פון מעדיצין האָבען זיי געהאַט זעהר א פאַלשען בעגריף. די קראַנקהייטען זיינען נאָך זייער מיינונג געוועזען די אַרבייט פון שדים, פון שלעכטע גייסטער, און קורירען זיי האָט מען נאָר געקענט מיט תפלות און אָפּשפּרעכען.

דאָס די אַסיריער און באַבילאָניער האָבען בעזעסען פעהיגקייט פיר

קונסט, זעהט מען קלאָר פון זייערע איבערגעבליבענע בוי־ווערק און סקולפּטורען. ווען די קונסט האָט זיך ביי זיי ניט ענטוויקעלט זעהר הויך, א־ז דאָס געוויס געווען צו פערדאַנקען אויסערע אומשטענדען. אזוי ווי די באַבילאָניער האָבען אין זייער לאַנד ניט געהאַט קיין שטיין־מאַטעריאַל פיר געביידעס, האָבען זיי אויסגעקלערט צו מאַכען ציגעל — אַ טייערע ערפינדונג, וועלכע האָט דער וועלט געבראַכט גרויסע נוצען. דערמיט האָבען זיי געשאַפען אַ בעקוועמעס מאַטעריאַל דורכצופיהרען זייערע גרויסאַרטיגע בנינים. די ציגעל־ערד איז אויך געווען אַ בעקוועמעס מאַטעריאַל אויסצופאָרמעווען אַלע אַרטען בילדער און פיגורען. אויך די אַסיריער, הגם זיי האָבען געהאַט אין זייער לאַנד גענוג שטיין־מאַטעריאַל, האָבען זיך ליבער בעדינט מיט די ציגעל־שטיינער. פיר סקולפּטור איז דיזעס מאַטעריאַל ניט גוט, דעריבער געפינען מיר, דאָס ביי די אַסיריער, וועלכע האָבען בעזעסען שטיין־מאַטעריאַל, איז דיזע קונסט געווען וויט פאָרגעשריטען. די צייכנונגען פון די אַסירישע בילדער־ווערק וויזען אַרוים פיעל לעבעדיגקייט און גרויסע נאַטור־טרייהייט. דיזע מעלות געפינט מען ניט אין די אינדישע אָדער עגיפּטישע בילדער־ווערק. די אַסיריער זיינען אין סקולפּטור געווען די לעהרער פון די גריכען, וועלכע האָבען דיזע קונסט געבראַכט צו דער העכסטער שטופע.

4. די עגיפּטער.

דאָס וואונדערבארע לאַנד עגיפּטען (מצרים), דאָס לאַנד פון די פּי-ראַמידעס, האָט דורך זיינע גרויסע געביידעס און מאָנומענטען צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט און בעוואונדערונג פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער. עגיפּטען איז דער זיץ פון דער עלטעסטער קולטור אין מערב, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר אייגענאַרטיגקייט. דיזע אייגענאַרטיג-קייט האָט די עגיפּטישע קולטור צו פערדאַנקען דעם זונדערבאַרען כאַראַק-טער פון לאַנד. דער טייך נילוס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער גאַנצער וועלט. ער אַליין איז דער ערנעהרער, דער שפּייזער פון גאַנצען לאַנד. אָהן איהם וואָלט עגיפּטען אויך היינט געוועזן אַ וויסטעניס, אַ מדבר. ער מאַכט דאָס לאַנד פרוכטבאַר דורך זיינע איבערשוועמונגען.

אין דעם מאָנאַט יוני פאַנגט אָן דער נילוס רעגעלמעסיג צו שטייגען און אין אָנפאַנג אָקטאָבער דערגרייכט ער זיין העכסטע שטופע (אין דער צייט פון הערבסט 16 איילען הויך, אין היינטיגע צייטען ביז 23 איילען). דאַן הייבט ער אָן לאַנגזאַם זינקען און לאָזט נאָך זיך איבער אַ שלאַם, אַ בלאָטע, וועלכע ער האָט מיטגעשלעפּט פון די אַביסינישע בערג. הערא-דאָט, דער ערסטער היסטאָריקער, וועלכער האָט בערייזט עגיפּטען 450 פ. קר., רופט אָן עגיפּטען אַ „מתנה פון נילוס". דיזער נאָמען פּאַסט נאָך אויך היינט פיר דיזעם לאַנד. דאָס יאָהר אין עגיפּטען האָט דריי תקופות: די 4 חדשים פון איבערשוועמונג, פון יוני ביז אָקטאָבער; די 4 חדשים פון זעען און וואַקסען, פון נאָוועמבער ביז פעברואַר; דאַן די 4 חדשים שניט-צייט, פון מערץ ביז יוני. דורך זיינע איבערשוועמונגען שאַפט דער נילוס אימער נייעס פרוכטבאַרעס לאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד, וועלכעס איז יעצט בעקאַנט מיט דעם נאָמען „דעלטאַ", איז אַ מאָל געוועזן אונטער וואַ-סער.

מענשען האָבען זיך געוויס געשטעלט די פראַגע: פון וואַנען נעהמט זיך דיזע רעגעלמעסיגע איבערשוועמונג? די עגיפּטער האָבען עס אפילו

ערקלערט, אָבער זייער ערקלערונג איז פאַבעלהאַפט. נאָך אַן אַלטער עגיפּ־טישער זאגע לאָזט גאָט ארונטער אין איינע פון די נעכט פון חדש יוני אַ טראָפּען אין דעם נילוס און פון דיזען טראָפּען שוועלט ער אויף אזוי הויך, דאָס ער בעוועסערט דאָס גאַנצע לאַנד. נאָך עד היום ווערט די נאַכט, אין וועלכער דער נילוס פאַנגט אָן צו שטייגען, אָנגערופען די „נאַכט פֿון טראָפּען" און ווערט געפייערט אַלס אַ יום טוב. פון די גריכישע געלעהרטע, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער ערקלערונג פון דיזער פראַגע, איז הערָאָדאָט מיט זיין ערקלערונג געקומען נעהענטער צו דער וואהרהייט, נעמ־ליך: דאָס די אורזאַך פון דער איבערשוועמונג פון נילוס זיינען די גרויסע רעגענס, וועלכע קומען פאָר אין אַפריקאַ ביים עקוואַטאָר. פריהער, איידער די קוועלען פון נילוס זיינען ענטדעקט געוואָרען, איז דיזער טייך געווען בעדעקט מיט אַ צויבער־שלייער. היינט אָבער ווייסען מיר שוין זיין זיין אָנפאַנג — דאָס ער הייבט זיך אָן אין די עקוואַטאָריאַלע געגענדען פֿון אפריקאַ; מיר ווייסען, דאָס פון די גרויסע זעען (אָזיערעס) וויקטאָריאַ און אַלבערט־ניאַנצאַ פליסען ארוים זיינע ביידע קוואַל־שטראָמען: אַביאַד און אַזרעק, ד. ה. דער ווייסער און דער בלויער נילוס, און דערמיט איז אונז מיט זיכערהייט קלאָר געוואָרען די אורזאַך פון זיין רעגעלמעסיגער אי־בערשוועמונג.

עס איז זעהר וויכטיג מען זאָל האָבען אַ ריכטיגעס בילד פון דיזער איבערשוועמונג, ווייל זי האָט אַ זעהר גרויסע בעדייטונג פיר די גאַנצע עגיפּטישע קולטור. אַ זעהר אינטערעסאַנטע און לעבעדיגע שילדערונג אין דער נייעסטער צייט גיט אונז דער פראַנצויזישער רייזענדער מאַספּעראָ אין זיין בוך „געשיכטע פון די פעלקער פון די מזרח־לענדער אין אַלטערטום". לויט זיין אייגענער אויספאָרשונג שרייבט ער אַזוי: „מען מוז בעטראַכ־טען דעם נילוס אין דער צייט, ווען דאָס וואַסער איז צום טיפסטען, אַ חדש פאַר דעם לענגסטען טאָג אין יאָהר (יום הארוך), אום מען זאָל פער־שטעהן, וואָס עס וואָלט געוואָרען פון עגיפּטען, ווען דיזער מערקווירדיגער פלוס וואָלט פערשווינדען. דער נילוס ווערט דאַן אַ העלפט פון זיין געוועהנ־ליכער ברייט, און זיין שלאַם־וואַסער זעהט אויס ווי שטעהענדעס וואַסער, וואָס פליסט ניט און בעוועגט זיך גאָר ניט. זיינע ביידע ברעגען זעהען אויס, ווי שוואַרצע בלאָטע פערטריקענט פון דער זון; דאָס לאַנד אַרום איז ווי אַ דאַרע וויסטעניס, ווייל דער חמסין (חמשין), ד. ה. דער מדבר־ווינט, וואָס בלאָזט 50 טעג, ברייננט מיט זיך היץ און זאַמד. די ביימער מיט זייערע בלעטער זיינען אַזוי בעדעקט מיט זאַמד און שטויב,

בעשטייגונג פון דער חופו=פיראמידע.

דאס עס איז אונמעגליך צו אונטערשיידען צווישען זיי און דער וויסטעניס. נאר אין די גערטנער פון דעם פאשא איז צו בעמערקען עטוואס גרינע פלאנצען, ווייל מען ווענדט דארט אן זעהר פיעל מיה זיי צו בעוועסערן. ענדליך הייבט זיך אויף דער נארד־ווינט, וועלכער איז דער ערסטער אנזא־גער, דאס עס איז שוין געקומען אן ענד צו דיזער שרעקליכער תקופה. דיזער נארד־ווינט בלאזט אפט זעהר שטארק גאנצע טעג נאכאנאנד; ער טרייבט אראפ דעם שטויב פון די בוימער, אזוי דאס זיי קריגען ווידער זייער גרינעם פנים. דער נארד־ווינד בלאזט דארטען 3 מאנאטען נאכאנאנד און קיהלט אפ די לופט, וועלכע ווערט דערהיצט פון דער ברענענדער זון.

„מיט דעם נילוס פאנגט זיך אן א גאנצע פערענדערונג. ער הייבט זיך אויף א צאהל ארער צווי, דאס וואסער פערלירט זיין קלארקייט, עס בעקומט א גרינע, מאטע פארב; דיזען מאטען שטאף איז נאך עד היום קיינעם ניט געלונגען דורך וועלכען עס איז מיטעל אויסצורייניגען, אום מען זאל דאס וואסער קענין טרינקען. זעקס חדשים שטעהט דער טייך אויף איין שטאנד אונטער דער הייסער זון פון עגיפטען, דאס וואסער ווערט שרעקליך פויל, ענדליך קומט א נייע איבערשוועמונג און טרייבט דאס וואסער צוריק אין זיין ארט, אין זיין פלוס־בעט.

„דאן איז זעהר אפט צו בעמערקען א זעלטענע ערשיינונג: דאס וואַ־סער, אין וועלכען די זונען־שטראהלען שיינען אפ, ווערט רויט ווי בלוט. דער נילוס פערוואנדעלט זיך אין א בלוט־שטראם. נאך דיזער ערשיינונג הייבט זיך דער נילוס אויף אייניגע צאל. דאס וואסער ווערט אבער דא־מאלס ליבליכער, געזונדער און ערפרישענדער אלס ביי דער איבערשווע־מונג.

„אין דער גאנצער נאטור איז קוים צו בעמערקען נאך אזא וואונדער־בארע ערשיינונג, ווי די, וועלכע דער נילוס שטעלט פאר אין דער צייט פון זיין שטייגען. פאר אונזערע אויגען פערוואנדלען זיך וויסטעניסען אין פאראדייזען. דער נילוס פערשפרייט לעבען און פרייד איבעראל, וואוהין זיין איבערשוועמונג דערגרייכט. מענער און קינדער, סטאדעס פון רינדער און פויגלאך פרייען זיך מיט זיין איבערשוועמונג. אן אונגעהייערע מא־סע פון קליינע ברואים'לאך בעלעבען דעם באדען אזוי באלד, ווי זיין וואַ־סער בעפייכטעט די טרוקענע, זאמדיגע ערד. אין הערבסט, ווען די טעג ווערען ביי אונז גלייך מיט די נעכט, דערגרייכט דער נילוס זיין העכסטע שטופע פון איבערשוועמונג און ער הייבט אן צו זינקען; און באלד נאך אונזער יום הקצר (אין ווינטער) איז ער שוין צוריק אין זיינע ברעגען און

האָט שוין צוריק געקריגען זיין העל־בלויען קאָליר. אין דער צווישען־צייט האָט מען געזעעט, און ווען די איבערשוועמונג איז געקומען צו ענד, איז מען מיט דעם זעען פערטיג. אין פריהלינג איז אין עגיפּטען שניט־צייט, און איידער דער חמסין (מדבר־ווינט) הייבט אָן צו בלאָזען זיינען שוין אַלע תבואות און פרוכטען אריינגעבראַכט אין די שייערן און שפּייכלער."

אָבער דער נילוס איז נאָך ניט דער איינציגער יסוד פון דער עגיפּטי-שער קולטור. פיעלע געלעהרטע האָבען זיך בעמיהט צו בעווייזען, דאָס די אייגעשאַפט פון לאַנד איז די אונטערלאַגע פון דער עגיפּטישער קולטור. אָבער דיזע בעהויפּטונג איז צו איינזייטיג. די עגיפּטער זיינען ניט געוועזן די אור־איינוואוינער פון לאַנד. פאַר זיי האָט דאָ עקסיסטירט אַ דונ-קעלע ראַסע, וועלכע די שפּעטערע איינוואַנדערער האָבען ארויסגעשטופּט פון לאַנד צום דרום, און דיזע דונקעלע ראַסע האָט קיין שפּור פון קולטור הינטער זיך ניט איבערגעלאָזען. ווען די עגיפּטער זיינען ארונטער פון דער ביהנע פון דער היסטאָריע איז מיט זיי אויך פערשוואונדען זייער קולטור, הגם דאָס לאַנד מיט זיינע אייגענשאַפטען איז געבליבען דאָס זעלביגע. מיר זעהען אין דיזען לאַנד דאָס זעלביגע, וואָס אין אַלע אַנדערע קולטור־לענ-דער: אינדיען, באַבילאָניען, אַסיריען א. אז. וו. די גוטע אייגענשאַפטען פון אַ לאַנד זיינען נאָך ניט גענוג אום צו ענטוויקלען אַ קולטור, דערצו מוז נאָך די ראַסע, וועלכע בעזיצט דאָס לאַנד, זיין קולטור־פעהיג. די אור־איינוואוינער, די נעגערן, האָבען אין עגיפּטען ניט ענטוויקעלט קיין קולטור איידער די עגיפּטער האָבען דאָ איינגעוואַנדערט, אויך ניט נאָך דעם, ווי יענע האָבען דאָס לאַנד פערלאָזען.

פון וואַנען אָבער איז דיזע קולטור־ראַסע געקומען? עס זיינען ווע-גען דעם דאָ זעהר כיעלע השערות. פון די געפּאַרבטע בילדער, וואָס מען האָט געפונען אויף עגיפּטישע מאָנומענטען, קען מען אונטערשיידען ווייסע, שוואַרצע, געלע און רויטע מענשען. די הערשער, די פּריסטער און די אדעל־לייט פון לאַנד, ווערען מעהרסטענס פאָרגעשטעלט העל־פאַרביג. דער-פון שליסט מען, דאָס די גרינדער פון דער עגיפּטישער קולטור זיינען געוועזן פון דער ווייסער ראַסע. פיעלע דענקען, דאָס די גרינדער פון דער עגיפּ-טישער קולטור זיינען געוועזן פּריסטער, וועלכע האָבען איינגעוואַנדערט אין עגיפּטען פון אינדיען. דער בעוויז דערצו איז, דאָס אין עגיפּטען, ווי אין אינדיען, איז דאָס פאָלק געוועזן איינגעטיילט אין קאַסטעס און איינער פון די עיקרים פון דער רעליגיאָן איז געוועזן די אמונה אין זעעלען־וואַנדערונג (גלגול הנפש). דיזע איינוואַנדערונג פון אינדיען, גלויבט מען, איז

פריהער געקומען איבער אראביען נאך עטהיאפיען (כויש) און פון דארט נאך עגיפטען. אבער דער גרויסער גריכיישער היסטאריקער העראדאט האט בע-וויזען פערקעהרט, דאס די עטהיאפיער האבען זייערע מנהגים און קולטור איבערגענומען פון די עגיפטער. די בנינים, וועלכע געפינען זיך נאך היינט אין נוביען (א טייל פון עטהיאפיען) וויזען, דאס זיי געהערען ניט צו א פריהערדיגער שטופע פון עגיפטישער בוי-קונסט, נאר זיי זיינען נאכ-אהמונגען פון די עגיפטער. עס איז אבער דא נאך א שטארקערער בעווייז, דאס די עגעפיטער האבען זייער קולטור ניט איבערגענומען פון די אינדיער, נעמליך דער פאקט, דאס די אינדישע קולטור-איז געקומען פיעל שפעטער. ווי די עגיפטישע. די צייט, ווען די ארישע ראסע האט איינגעוואנדערט אין אינדיען איז קוים 2,000 יאהר פ. קר. און פון עגיפטען בעזיצען מיר ריכטיגע היסטארישע בעווייזען וועגען אן ענטוויקעלטער קולטור און הער-שענדע דינאסטיעס פון 3,000 יאהר פ. קר. אין דער צייט פון דער פערטער די-נאסטיע (אן ערך פון 2830 פ. קר.) זיינען געבויט געווארען די גרויסע פירא-מידעס פון גיזעה: ח ו פ ו (כעפאס), ח א פ ר א (חפרע) און מ ע נ ק ע ר א. מיר מוזען אננעהמען, דאס די עגיפטער זיינען שוין דא-מאלס פון איניגע טויזענד יאהר פריהער געווען שטארק ענטוויקעלט, ווען זיי זיינען געווען אין שטאנד אויסצובויען אזעלכע וואונדערבארע בנינים, ווי די פיראמידעס. ביי העליאפאלים (און) און מעמפיס (מוף) האט מען אין א טיפקייט פון 60 ביז 72 פוס געפונען שטיקער ציגעל און לעהמענע טעפ. נאך גענויע אונטערזוכונגען און בערעכנונגען האט מען פעסטגעשטעלט, דאס דער טאל פון נילוס אין יענער געגענד ווערט אין א הונדערט יאהר אנ-געשאטען העכסטענס 5 צאל. לויט דיזען חשבון זיינען די געפונענע שטי-קער ציגעל און טעפ אלט פון 12,000 ביז 14,000 יאהר. יעדענפאלס ווייזט דאס אונז, דאס די עגיפטישע קולטור איז זעהר אן אלטע.

די וויכטיגע ידיעות וועגען די עגיפטער זעלבסט, ווי אויך וועגען נאכבארשאפטליכע פעלקער, וועלכע זיינען צו דער צייט פון די פרעה'ס מיט זיי געשטאנען אין פריינדליכען אדער פיינדליכען פערקעהר, האבען מיר צו פערדאנקען, ווי שוין אויבען דערמאהנט, דער עגיפטישער מאלע-ריי. די בילדער, וועלכע מיר געפינען נאך יעצט געמאלט אין פערשיידע-נע פארבען אויף אלטע עגיפטישע בנינים, ווייזען אונז ניט נאר די קערפער-פארמע, נאר אויך דעם הויט-קאליר פון דיזע פעלקער, אזוי דאס מען קען בעשטימען, צו וועלכער ראסע זיי האבען געהערט: צו דער ווייסער, שווארצער, רויטער אדער געלער.



די דריי גרויסע פּיראַמידעס פון גיזעה.

די העל־פאַרביגע פעלקער אויף דיזע בילדער זיינען לויט אַלע סימנים פון איין אָפּשטאַמונג מיט די קולטור־פעלקער, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט פון צענטראַל־אזיען, און לויט דעם בעריהמטען עגיפּטאָלאָג ב ר ו ג ש האָבען זיי געהערט צו דעם דריטען צווייג פון די קושיטען (כושיים). אויף די שפּראַך־פאָרשונג האָט פיעל געהאָלפען צו ענטפערן אויף דיזע פראַגע. פון דער אַלט־עגיפּטישער שפּראַך איז פיעל פערבליבען אין דער קאָפּטישער שפּראַך, וועלכע ווייזט אַ גרויסע פערוואַנדטשאַפט מיט די סעמיטישע שפּראַכען. דאָס אַלץ בעווייזט, דאָס די עגיפּטישע קולטור־ראַסע האָט איינגעוואַנדערט פון צענטראַל־אזיען איבער דעם סועץ (אַ שמאַלער פּאַס לאַנד, וואָס האָט פעראייניגט אזיען מיט אפריקאַ) און האָט פערטריבען די שוואַרצע אור־איינוואוינער פון די ברעגען פון נילוס.

די געשיכטע. איבער דער געשיכטע פון עגיפּטען האָבען מיר פיעל צו פערדאַנקען דעם „פאָטער פון היסטאָריע" הערַאָדאָט, וועלכער האָט אונז געגעבען זעהר פיעלע וויכטיגע ידיעות פון דיזען לאַנד. הגם פיעלע פון זיינע ערצעהלונגען זיינען לויט די נייעסטע פאָרשונגען אין ספק, ווייל אַלס פרעמדער האָט ער אַלץ נאָר געקענט נעהמען אויף'ן וואָרט און זיך צופרידען שטעלען מיט וואָס די איינוואוינער פון עגיפּטען האָבען איהם דערצעהלט, און עס איז גאַנץ מעגליך, אַז די עגיפּטישע פּריסטער האָבען איהם אָפט געגעבען פאַלשע ידיעות, ווי עס האָט געפּאַסט צו זייערע אינטערעסען. אַ צווייטער היסטאָריקער, דיאָדאָר פון סיציליען, וועלכער האָט געלעבט 400 יאָהר נאָך הערָאדאָט און האָט אויך געשריבען וועגען עגיפּטען, האָט געשעפּט זיינע ידיעות מעהרסטענס פון גריכישע קוועלען. אַ גרויסען ווערט האָבען פיר אונז די שריפטען פון דעם עגיפּטישען פּריסטער מ אַ נ ע ט ה אָ, וועלכער האָט געלעבט אין 3טען יאָהרהונדערט פ. קר. און וועלכער האָט אויף דעם פערלאַנג פון דעם קעניג פּטאָלעמעאוס פילאַדעלפוס געשריבען די געשיכטע פון עגיפּטען אין דער גריכישער שפּראַך. דיזע געשיכטע איז צוזאַמענגעשטעלט נאָך אָריגינעלע עגיפּטישע קוועלען, לײדער אָבער זיינען אונז פערבליבען נאָר ברוכשטיקער פון איהר. פריהער האָבען אייניגע געלעהרטע געצווייפעלט אין די ריכטיגקייט פון די פאַקטען, וועלכע מאַנעטהאָ האָט מיטגעטיילט, אָבער די נייעסטע פאָרשונגען בעשטעטיגען זיי.

זעהר וויכטיגעס פון דער געשיכטע פון עגיפּטען ליפערן אונז די אינשריפטען, וואָס מען געפינט אויף די עגיפּטישע מאָנומענטען און געביידעס. דיזע אינשריפטען זיינען געמאַכט אין ה י ע ר אָ ג ל י פ ע ן —

א בילדער־שריפט, וועלכע איז א לאנגע צייט געוועזען א געהיימנים פיר די וועלט, אבער א דאנק דעם שארפזין פון די אייראָפּעאישע פאָרשער האָט מען אין דעם פאָריגען יאָהרהונדערט דערגאנגען ווי זי צו לייענען. דער ענגלענדער יאָנג און דער פראנצויז שאמפּאָלליאָן האָבען די ערסטע אויסגעפונען דעם שליסעל צו דיזען געהיימנים. דיזע צוויי געלעהרטע איז איינגעפאלען, דאָס די היעראָגליפען זיינען ניט בלויז בילדער, סימבאָלען, נאָר זיי שטעהען פיר בוכשטאבען; די בילדער ווערען ניט בענוצט צו בעצייכנען די פיגורען פון זאכען, נאָר אלס צייכענס פון קלאנגען, און נעמליך אויף אזא אופן, אז יעדעס בילד בעצייכענט דעם ערסטען בוכשטאב פון

די קאָלאָסאלע ספינקסען ביי טהעבען.

דעם וואָרט, דורך וועלכעס דער געגענשטאנד פון דעם בילד זעלבסט ווערט בעצייכענט. אזוי למשל האָט מען פיר דעם אות ר געצייכענט א מויל, ווייל א מויל איז אין עגיפּטיש געוועזען ראָ; פיר דעם בוכשטאב ד האָט מען געצייכענט א האנט — דאָט, פיר דעם בוכשטאב ט א ברויט — טאָ, פיר דעם בוכשטאב כ א שאָל — כעלאָל, פיר דעם בוכשטאב ל א לייב— לאבאָ א. אז. וו. אורשפּרינגליך האָבען די היעראָגליפען פאָרגעשטעלט טאקע בילדער פון געגענשטענדע, אלס בוכשטאבען האָט מען זיי אנגעפאנגען

צו בענוצען שפּעטער. דער פֿאָרשריט פון בילדער־שריפט ביז צו צייכענס פון קלאַנגען איז פיר די ענטוויקלונג פון דער קולטור געוועזן פון זעהר גרויסער בעדייטונג; דאָס איז איינע פון די גרויסארטיגסטע לייסטונגען פון די עגיפּ־טער, מיט וועלכער קיין אנדער פאָלק קען זיך ניט ריהמען. מיט דער צייט האָבען זיך דורך פערשיידענע פערקירצונגען פון דער היעראָגליפען־שריפט ענטוויקעלט צוויי אנדערע שריפט־פאָרמעס: די היעראטישע און

די ספינקסען פון וואַדי־סעבוּאַ.

די דעמאָטישע. אזוי ווי עס איז געווען בעשווערליך און עס האָט אויך אוועקגענומען פיעל צייט צו צייכנען אַ גאַנצע רייהע פון בילדער אום אויסצודריקען אַן איינציגעס וואָרט, איז מען מיט דער צייט געקומען אויף די אידעע איינצעלנע צייכענס אָפּצוקירצען, זיי צייכנען אין איינפאכע שטריכען. דערפון איז ארויסגעקומען די היעראטישע שריפט,

וועלכע איז א קורסיוו־שריפט פון דער היעראָגליפישער. דורך ווייטערע אָפּ-קירצונגען און פעראיינפאַכונגען איז ענטשטאַנען די ד ע מ אָ ט י ש ע שריפט. די היעראָגליפישע שריפט האָט מען געוועהנליך בענוצט, ווען מען האָט געוואָלט עטוואָס פעראייביגען אין שטיין, די היעראַטישע און די דעמאָטישע שריפטען האָט מען געברויכט אויף פאַפירוס אָדער אויף לעהמע-נע פלאַטעס. נאָך דעם ווי דיזע אַלטע שריפטען זיינען פערגעסען גע-וואָרען, האָט אין דעם 4טען יאָהרהונדערט נ. קר. זיך געבילדעט די אינג-סטע עגיפטישע שריפט, די ק אָ פ ט י ש ע, וועלכע איז געגרינ-דעט אויף דעם גריכישען אַלף־בית.

דעם ערסטען יסוד צו דער ערקלערונג פון די היעראָגליפישע שריפטען האָבען געלעגט די אויבען־דערמאָהנטע געלעהרטע יאָנג און שאַמפאָלליאָן. אין דעם יאָהר 1799, אין דער צייט פון נאַפאָלעאָן'ס עקספעדיציאָן אין עגיפ-טען, האָט דער קאַפיטאַן בוססאַר ביי דער שטאָדט ראָזעטט געפונען א שטיי-נערנע טאַפעל, אויף וועלכער עס איז געווען אן אינשריפט צו עהרע פון דעם קעניג פטאָלעמעאוס דעם 5טען. דיזע אינשריפט איז געווען אין גריכיש, אין היעראָגליפען־שריפט און אויך אין דער דעמאָטישער שריפט. דער פראַנצויז סילוועסטער דע סאַסי און דער שוועד אַקערבלאַד האָבען אויסגעפונען צו לעזען די דעמאָטישע שריפט. דעם ענגלענדער יאָנג איז עס געלונגען צו לעזען די היעראָגליפען, אָבער ער האָט נאָך ניט דערגאַנגען גענוג צו קענען אויסמאַכען אין גאַנצען ריכטיג. דעם ריכטיגען שליסעל צו די היעראָגליפען האָט ערסט ענטדעקט דער פראַנצויז שאַמפאָלליאָן (געשטאָרבען 1832), און נאָך איהם איז די קענטניס פון די היעראָגליפען פערפאָלקאָמט געוואָרען דורך די געלעהרטע ל ע פ ס י ו ס, ב י ר ט ש, ד ע ר ו ז ש ע, מ א ר י ע ט ט, ג ו ד ו י ן, ב ר ו ג ש און אַנדערע.

דיזע פאָרשונגען און ענטדעקונגען האָבען געבראַכט גרויסע רעזולטאַ-טען. זיי האָבען אויפגעעפענט פאַר דער וועלט דעם אינהאַלט פון די אינ-שריפטען אויף די פיעלע שטיינערנע מאָנומענטען און פאַפירוסען, וועלכע זיינען א דאַנק דעם גוטען קלימאַט פון עגיפטען פערבליבען גאַנץ ביז אונ-זער צייט.

די געשיכטע פון עגיפטען טיילט מען געוועהנליך איין אין דריי פע-ריאָדען: 1) די הערשאַפט פון די ערסטע 10 דינאַסטיעס, ווען די רעזי-דענץ איז געווען אין דער שטאָדט מ ע מ פ י ס (מוף). 2) די הערשאַפט פון דעם צווייטען צעהנדליג דינאַסטיעס, ווען די רעזידענץ איז געווען

ט ה ע ב ע ן. 3) די הערשאַפט פון דעם דריטען צעהנדליג דינאַסטיעס, ווען די רעזידענץ איז געוועזן די שטאָדט ס אַ א י ס.

די עלטעסטע געשיכטע פון עגיפּטען איז איינגעוויקעלט אין אַ דונקעלן שלייער פון זאגעס, פון לעגענדעס. מיר ווייסען ניט, אויב די איינוואַנדערער פון צענטראַל־אַזיען, ווען זיי זיינען געקומען אין עגיפּ-טען, האָבען מיט זיך געבראַכט די קונסט צו בעאַרבייטען מעטאַלען. עס שיינט, דאָס די ערסטע איינוואַנדערער זיינען געווען געטיילט אין שבטים, וועלכע האָבען זיך אין אָנפאַנג בעשעפטיגט מיט פיה־צוכט און נאָך דעם אָנגעפאַנגען צו בעשעפטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט. ווען מיר זאָלען אורטיילען נאָך דער געשיכטע פון אַלע אַנדערע אור־פעלקער, זיינען דיזע שבטים געווען פריי אָרגאַניזירט. קיין שבט האָט ניט געהערשט איבער די אַנדערע, קיין שבט האָט דעם אַנדערן ניט פערקנעכטעט. עס איז ווירקליך ניט געווען קיין אורזאַך פיר איינעם צו וועלען הערשען איבער דעם אַנדערן. קיין רייכטום האָבען זיי נאָך ניט געהאַט. די פיהרער האָ-בען נאָר געשפּילט אַ ראָלע אין דער צייט פון קריג, פון שטרייט מיט דעם שונא. ערסט דאַן, ווען די שבטים האָבען אָנגעהויבען בעשעפטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט און האַנדעל און עס האָט זיך אָנגעזאַמעלט ביי איינינגע רייכ-טום, האָט זיך אָנגעפאַנגען ביי איינינגע צו ענטוויקלען דער חשק אָפּ-צונעהמען אייגענטום ביי אַנדערע דורך גוואַלד אָדער שווינדעל און צו הערשען איבער זיי.

דיזע געזעלשאַפטליכע ענדערונג, ווי מיר האָבען געזעהען ביי אַנ-דערע קולטור־ראַסען, געהט צו נאָך שנעלער, ווען די אור־איינוואוינער ווע-רען פערשקלאַפט דורך די איינוואַנדערער. די פערשקלאַפונג פון די אור־איינוואוינער איז דער אָנפאַנג פון פערשקלאַפונג אויך פון די אייגענע מענ-שען. אויך די עגיפּטער האָבען פון אָנפאַנג פערשקלאַפט די אור־איינוואוי-נער. די ערסטע פאָרמע פון רעגירונג אין עגיפּטען איז געווען פריסטער־הערשאַפט (ממלכת כהנים). אין אונטער־עגיפּטען זיינען שוין אין די גאַנץ אַלטע צייטען געווען איינינגע פריסטער־הערשאַפטען. לויט ווי מאַנעטהאָ ערצעהלט האָט אַ געוויסער קעניג מ ע נ ע ס צושטערט די פריסטער-הערשאַפטען און האָט געגרינדעט אַ מאָנאַרכיע אין מעמפיס. נאָך העראָ-דאָט'ן האָט מענעס זעלבסט געגרינדעט די שטאָדט מעמפיס און האָט אין איהר געלאָזען אויסבויען דעם בעריהמטען פטאַה־טעמפעל.

מיר בעגעגענען אין עגיפּטען דעם זעלבינען געזעלשאַפטליכען און שטאַאַטליכען ענטוויקלונגס־גאַנג, ווי אין אַלע אַנדערע קולטור־לענדער. עס

וואַנדערן איין קולטור=ראַסען אין פרייע שבטים, די איינוואַנדערער פער-
שקלאַפען די אור=איינוואוינער, נאָך דעם ווערען זיי אַליין אונטעריאָכט
און בעהערשט, צוערסט פון אַ פריסטער=הערשאַפט דאַן דורך אַ מאָנאַרכיע.
שוין אין דער געשיכטע פון באַבילאָניען, אַסיריען און אינדיען האָבען מיר
בעמערקט דיזען ענטוויקלונגס=גאַנג. מאַנכע האָבען דערפון געשלאָסען,
דאָס דיזע קולטור=פעלקער האָבען אַ פערוואַנדטשאַפט צווישען זיך. אָבער
דער שלוס איז ניט ריכטיג. גלייכע אורזאַכען ברינגען אַרויס איבעראַל די
זעלביגע ווירקונגען.

דער מהות פון דעם מענשען, די פעהיגקייט פון זיין גייסט און זיין
נשמה, איז דער יסוד פון יעדער ענטוויקלונג, פון יעדער קולטור, מיט
איהרע גוטע און שלעכטע זייטען. דיזער מהות פון דעם מענשען ווירקט
אומעטום מיט דער זעלביגער רעגעלמעסיגקייט. אויך די אויסערע פערהעלט-
ניסען האָבען איבעראַל געווירקט אויף די מענשען אויף דעם זעלביגען
אופן. וואו נאָר עס האָט זיך ענטוויקעלט די קולטור, וואו נאָר עס האָט
זיך אָנגעזאַמעלט רייכטום, דאָרט האָט זיך ענטוויקעלט אַ חשק צו איי-
גענטום און מאַכט, דאָרט האָט זיך אויך ענטוויקעלט הערשאַפט, שקלאַ-
פעריי און אונטערדריקונג. מיט דער ענטוויקלונג פון קולטור געהט אונטער
די פרייהייט און גלייכהייט פון דעם נאַטירליכען געזעלשאַפטליכען לעבען
פון די וואַנדערנדע הירטען=פעלקער (פאַסטוכער) און יעגער=פעלקער. די
ברכה און די קללה פון דער קולטור געהען אימער האַנט אין האַנט. דיזע
געגענזעצען, דיזע הפוכים, מוזען מיר שטענדיג האָבען פאַר אונזערע אוי-
גען, ווייל אַרום זיי דרעהט זיך די גאַנצע געשיכטע פון דער מענשהייט,
זיי זיינען די אורזאַכען פון יעדען קאַמף און שטרייט צווישען מענשען.
עס זיינען דאָ צוויי מיטלען צו אונטערדריקען און בעהערשען מענשען:
רויהע געוואַלט און פערשטאַנד. מיר האָבען געזעהען, דאָס אין די קולטור=
לענדער באַבילאָניען, אַסיריען, אינדיען, עגיפּטען האָבען זיך פריהער גע-
גרינדעט פריסטער=הערשאַפטען און נאָך דעם זיינען ענטשטאַנען מאָנאַרכי-
שע רעגירונגען; דאָס הייסט, אַז אָנפאַנגס האָט ניט דער שווערד, די
רויהע געוואַלט, נאָר דער גייסט, דער פערשטאַנד אַריינגעכאַפּט די ממשלה
איבער די אַלע פרייע שבטים. עס איז זעהר לייכט צו פערשטעהן, פאַר-
וואָס מען האָט פריהער ניט בענוצט דעם שווערד צו בעהערשען די מענש-
הייט: דער שווערד איז געווען צו שוואַך צו אונטערוואַרפען מענשען,
וועלכע האָבען געלעבט אין פרייהייט טויזענדער יאָהרען, ביי וועלכע דער
טריב צו פרייהייט איז געלעגען אין זייער פלייש און בלוט. דעם שווערד

האָט מען דאָן געקענט נאָר בענוצען געגען א פרעמדען שוואכען פיינד, אבער ניט געגען די אייגענע שטאַם-ברידער, וועמעס ליבע צו פרייהייט עס איז געווען שווער צו בעזיגען מיט רויהער געוואַלט.

פיעל גרינגער איז עס געווען פיר אַ קלוגען קאָפּ מיט בעזונדערע גייס-טיגע פעהיגקייטען אויסצוגעפינען אַ מיטעל, ווי צו בעהערשען זיינע שטאַמ-

אָבעליסק. ווערט אָנגערופען: „קלעאָפּאַטראַ׳ס נאָדעל“; פריהער אין העליאָפּאָ-לים, יעצט אין אַלעקסאַנדריען אויפגעשטעלט.

ברידער, ווי זיי צו מאַכען אונטערטעניג. די רעליגיאָן האָט זיך גראַדע גע-ציינט אַלס דאָס זיכערסטע מיטעל צו פאַנגען דעם גייסט און די נשמה פון מענשען, צו מאַכען זיי מיט גוטען, אָהן שום צוואַנג, טאָן דעם רצון פון דעם הערשער-גייסט. מיר דאַרפען וויסען, דאָס ביי דעם נאַטור-מענשען

הערשט דאָס נשמה־לעבען אין זיין גאַנצער נאַטירליכקייט. דאָס נאַטירליכע גייסטיגע לעבען איז אַ זעהר פרוכטבארער באָדען פיר רעליגיאָן און דעריבער איז גאַנץ נאַטירליך, אַז די ערסטע שטאַאַטליכע איינריכטונגען זאָלען זיין פּריסטער־הערשאַפטען. מיר מוזען אָבער בעמערקען, אַז דיזע רעגעל האַלט אויס נאָר אין אַזעלכע קולטור־לענדער, וואו גלייך ביי זייער אייננעהמען איז אויף איינגעפיהרט געוואָרען די שקלאַפעריי, וועלכע איז געווען דער ערסטער סיגנאַל פון הערשאַפט. איין אויסנאַהמע האָבען מיר געזעהען ביי די כינעזער, וועלכע האָבען ניט צוגעלאָזען קיין שקלאַפעריי; אויך ביי די גריכען און רוימער איז דער ענטוויקלונגס־גאַנג געווען אַנדערש, ווי מיר וועלען זעהן אין די געהעריגע ערטער.

שוין אונטער די ערסטע דינאַסטיעס האָט זיך די שטאַדט מעמפיס געשווינד ענטוויקעלט און איז געוואָרען דער צענטער פון עגיפּטישער קולטור. ליטעראַטור, וויסענשאַפט און קונסט האָבען דאָ דערגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע. אָבער שוין אין דיזער צייט האָט זיך אויף ענטוויקעלט ביי די עגיפּטער אַ בעזונדערע נייגונג צו זאָרגען פיר זייערע פערשטאָרבענע, פיר זייערע מתים. קיין מיה איז זיי ניט שווער געווען צו בעזאָרגען, אַז די טויטע קערפּערס זאָלען ניט פערפוילט ווערען. די קברים־געביידעס, די פּיראַמידעס, זיינען געבויט געוואָרען אַזוי שטאַרק, דאָס זיי זיינען פערבליבען ביז היינטיגען טאָג. מיר האָבען שוין פריהער בעהויפּטעט, דאָס די רעליגיאָן האָט איהר ערסטען אָנפאַנג אין דער פערעהרונג פון די פערשטאָרבענע עלטערן. די כינעזישע רעליגיאָן איז נאָך ביז היינט געבליבען אויף דיזער שטופע. די עגיפּטישע פּריסטער האָבען דאָס פאָלק געהאַלטען פעסט אָן דיזען גלויבען. דער שרעק פאַר דעם טויט, די אונוויסענהייט פון דעם, וואָס עס וועט זיין מיט דעם מענשען נאָך'ן טויט, האָט שטאַרק בעשעפטיגט די פאַנטאַזיע פון די עגיפּטער. דאָס לעבען, האָבען זיי געגלויבט, מוז אויך דויערן נאָך דעם טויט, די נשמה איז אַוועק פון דעם גוף נאָר פיר אַ געוויסע צייט, זי מוז אָבער נאָך אַ לאַנגער וואַנדערונג צום גוף קומען צוריק. דעריבער מוז מען בעזאָרגען דעם גוף, ער זאָל ניט צופוילט ווערען, ווען די נשמה וועט זיך צו איהם צוריקקעהרען זאָל זי איהם געפינען גאַנץ. דעריבער האָבען זיי פיעל מעהר זאָרג געהאַט צו מאַכען שטאַרק די קברים, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פיר אייביגע ערטער, איידער די וואוינונגען, וועלכע זיי האָבען בעטראַכט בלויז פיר אַ אַכסניות, פיר גאַסט־הייזער.

שוין אין דער צייט פון דער ערסטער דינאַסטיע איז די פערעהרונג פון

די קברים געווען אין עגיפּטען אויף דער העכסטער שטופע. די אונגעהייער גרויסע פּיראַמידעס זיינען קברים פון די קעניגען. אויפצובויען דיזע ריזיגע געביידעס האָבען געאַרבייט מיליאָנען פערשקלאַפּטע מענשען. אום די קברים זאָלען ניט פערדאָרבען ווערען פון די איבערשוועמונגען פון דעם נילוס, האָט מען געוועהלט א הויכע געגענד צו מערב פון מעמפיס, וואו דאָס וואסער פון נילוס האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט. אין דיזען אָרט האָבען זיי די קברים אויסגעהאַקט אין די פעלזען אָדער זיי האָבען אריינגעבויט אין דער ערד זעהר שטאַרקע בנינים. נאַטירליך האָט דאָ, אין די בתי קברות, אויך געהערשט דער זעלביגער אונטערשייד פון מענש צו מענש, ווי ביים לעבען. דעם פערשטאָרבענעם אָרימאַן האָט מען בעגראָבען אין זאמד, אָהן אַן ארון און אָהן תכריכים. די רייכע און די מעכטיגע האָט מען באַלזאמירט און מען האָט פיר זיי אויסגעבויט טייערע דויערהאַפטע קברים-געביידעס. אויף די קברים פלעגען זיי מאַכען בערגלאַך פון ערד אָדער שטיינער, אום ווילדע חיות זאָלען ניט קענען אויסגראָבען די טויטע קערפּערס און זיי אויפפרעסען. די שטאַרקע ווינטען פון דער אַ אַבישער וויסטענעס פלעגען אָפט פערשיטען די קברים מיט זאמד און פון זיי ניט איבערלאָזען קיין שפּור. די קעניגען, וועלכע האָבען געוואָלט, אַז דער אָנדענקען פון זייער הערליכקייט און גרויסקייט זאָל פערבלייבען פיר אַלע צייטען, האָבען אָנשטאָט אָנגעשאָטענע בערג פיר זיך געלאָזען מאַכען געמויערטע בערג, פּ י ר אַ מ י ד ע ס, וועלכע זאָלען ניט קענען צושטערט ווערען און זאָלען בלייבען אַן אייביגער צייכען פון זייער כבוד און מאַכט. די היסטאָריקער האָבען אָפּגעשאַצט די גרויסקייט און הערליכקייט פון די עגיפּטישע קעניגען נאָך דער גרויס פון די פּיראַמידעס, וועלכע זיי האָבען געלאָזען אויפשטעלען זיך צו פעראייביגען. די ערסטע דינאַסטיע, וועלכע מענעס האָט געגרינדעט אין מעמפיס, האָט געהערשט 252 יאָהר. די צווייטע דינאַסטיע האָט געהערשט אַן ערך 300 יאָהר און די דריטע — אַן ערך 200 יאָהר. פון דיזע דינאַסטיעס ווייסען מיר וועניג, מיר קענען בלויז אייניגע נעמען. די קעניגען חופו (ביי די גריכען כעאָפּס), ח פ ר ע (כעפרען) און מ ו נ ק אַ ר אַ (מיקערינאָס) פון דער פערטער דינאַסטיע האָבען פיעלליכט איבערגעשטיגען אַלע פריהערדיגע קעניגען, ווייל זיי זיינען געווען די יעניגע, וואָס האָבען אויפגעשטעלט די דריי גרעסטע פּיראַמידעס ביי מעמפיס. די גרעסטע פון דיזע איז די פּיראַמידע פון חופו, וועלכע איז יעצט 137 מעטער הויך, אָבער איז אַ מאָל געווען 146 מעטער הויך. אויסער דעם דאָם אין קעלן און דעם אייפעל-טורם אין פּאַריז האָט

נאָך קיין געביידע אין דער וועלט ניט דערלאַנגט אַזאַ הויך. די חופו־פּיראַמידע ענטהאַלט אין זיך 2½ מיליאָן קוביק מעטער מויערווערק און לויט ווי הערָאדָאט דערצעהלט האָבען געאַרבייט אויף איהר 100,000 מענשען 20—30 יאָהר. לויט דיאָדאָר פון סיציליען איז די צאָהל פון די אַרבייטער געוועזען 300,000. מיר בעוואונדערן דיזע ריזען־אַרבייט, וועלכע קיין אַנדער פאָלק האָט ניט בעוויזען צו מאַכען. אויסצופיהרען אַזאַ געוואַלדיגע אַרבייט האָט מען געמוזט קאָנצענטרירען די גאַנצע אַרבייטס־קראַפט פון לאַנד אויף איין איינציגען פונקט, אַ זאַך, וואָס מען געפינט ניט ביי קיין אַנדער פאָלק.

דאָס בויען פון די פּיראַמידעס.

אָבער דיזע גרויסקייט לאָזט אונז פון דער אַנדערער זייט בליקען אין אַ טיפען אָבגרונד, אין אַ פערשקלאַפונג פון פאָלק, וועלכע האָט צו זיך אויך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע. נאָר דורך שקלאַפען־אַרבייט איז געווען מעגליך אַזאַ ריזען־אַרבייט אויסצופיהרען. אום דאָס צו פערשטעהן וועלען מיר נעהמען אַ ביישפּיל פון דער נייער צייט. איינע פון די גרעסטע אונטערנעהמונגען פון היינטיגער ציוויליזאַציאָן איז אָהן צווייפעל די אויסגראָבונג פון דעם סועז־קאַנאַל. צו דיזער אַרבייט האָט מען בענוצט 25,000 עגיפּטישע אַרבייטער און די אַרבייט האָט געדויערט 10 יאָהר, פּין

1859 ביז 1869. דיזע אונטערנעהמונג אונטער פרייער ארבייט האָט אָבער געפאָדערט 20 מיליאָן פונט סטערלינג. אויף דער חופו-פּיראַמידע האָבען לויט העראָדאָט'ן געאַרבייט צום ווענינסטענן 100,000 מענשען פיר אַ צייט פון 20 יאָהר, וואָס וואָלט ביי פרייער אַרבייט געקאָסט צום ווענינסטען פינף מאָל אַזוי פיעל, ווי עס האָט געקאָסט דער סועץ-קאַנאַל, ווייל דער סועץ-קאַנאַל איז נאָר אויסגעגראָבען, אָבער ניט אויסגעמויערט. מיט רעכט זאָגט באָקל, דאָס קיין רייכטום אין דער וועלט וואָלט ניט געווען אין שטאַנד צו דעקען די קאָסטען פון אַזעלכע בויוועדק, ווען די אַרבייט וואָלט געטאָן געוואָרען דורך פרייע מענשען פיר אַן עהרליכען לוין. נאָך דער בערעכנונג פון זשאָמאַר וואָלט מען פון די שטיינער פון דער חופו-פּיראַמידע קענען מאַכען אַ מויער אַרום גאַנץ פראַנקרייך, וועלכע זאָל זיין כמעט אַ מעטער די הויך און דריי-צעהנטעל פון אַ מעטער דיק. און אַזעלכע פּיראַמידעס זיינען אין עגיפּטען אויפגעשטעלט געוואָרען אַ הונדערט! די שווערקייט פון אַזאַ אַרבייט אין אַ צייט, ווען מען האָט ניט געוואוסט פון דאַמף-קראַפט, וואָס זאָל טרייבען שלעפּ-מאַשינען אָדער הייב-מאַשינען, איז גאָר ניט משער צו זיין. נאָך העראָדאָט האָבען 2,000 מאַן גאַנצע דריי יאָהר געאַרבייט אום איין איינציגען שטיין איבערצושלעפּען פון עלעפאַנטינע נאָך סאַאיס. דאָס לעבען פון דעם פערשקלאַפּטען פאָלק האָט קיין ווערט ניט געהאַט. 120,000 מענשען זיינען אומגעקומען נאָר ביים גראָבען דעם קאַנאַל צום רויטען מעער (ים סוף). אונטער דעם קעניג ראַמסעס דעם 4טען זיינען געווען נעטיג 8,365 מאַן אַריבערצוטראַנספּאָרטירען שטיינער אויפצושטעלען פּראַכט-געביידעס אין טהעבען — 5,000 סאָלדאַטען, 2,000 אַרבייטער און 50 פיהרער פון לאַסט-וואָגענס, פון וועלכע יעדערער איז געשלעפּט געוואָרען פון זעקס אָקסען, ווי אויך 130 שטיין-האַקער — און אין דער צייט פון דער טראַנספּאָרט-אַרבייט זיינען פון דיזע אַרבייטער צושטאָרבען ניט ווענינער ווי 900 מענשען. עס ווייזט אויס, דאָס די דריי גרויסע קעניגען חופו, חפרע און מענקאַראַ האָבען דאָס פאָלק דורך זייער בעדריקונג געטריבען צו פערצווייפלונג. העראָדאָט ערצעהלט, דאָס חופו איז געווען ביים פאָלק זעהר פערהאַסט צוליב זיינע שרעקליכע און גרויזאַמע בעדריקונגען. דיאָדאָר שרייבט, אַז דאָס פאָלק איז געגען דיזען קעניג און זיין זוהן חפרע געווען אַזוי אויפגערעגט, דאָס זיי האָבען זיי אַרויסגעריסען פון זייערע קברים און צוריסען אויף שטיקער. דאָס בעווייזט, דאָס די אונצופרידענהייט פון דעם פאָלק האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דער צייט פון חופו און איז געוואַקסען אַלץ מעהר און מעהר

אונטער די בעדריקונגען פון זיינע נאָכפאָלגער, ביז די געדולד פון פאָלק האָט געפּלאַצט און עס האָט אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף די מויטע ביינער פון דעם „טיראַן" חופו. ווי דאָס פאָלק האָט איהם נאָך אָנגערופען צו הערָאָדאָט'ס צייט.

פון דיזער אומזיסטער פערשווענדונג פון קראַפט און ארבייט איז דאָס עגיפּטישע פאָלק פיעל אָפּגעשוואכט געוואָרען. שוין מיט דער 6טער דינאַס־טיע האָט די גרויסקייט און בעדייטונג פון דער רעזידענץ־שטאָדט מעמפיס אָנגעהויבען צו זינקען. נאָר איינציגע קעניגען, ווי פּאַפּי דער 1טער, מערענראַ און נאָווערקאַראַ האָבען נאָך ווי עס איז אויפ־געהאַלטען דעם אַלטען גלאַנץ. די רעזידענץ פון מעהרערע דינאַסטיעס איז איבערגעגאַנגען פון מעמפיס אין אַנדערע שטעדט. די 9טע און 10טע די־נאַסטיע האָבען שוין געהאַט זייער רעזידענץ אין הערַאקלעאָפּאָליס; זיי זיי־נען שוין דאַמאָלס געווען אַזוי אָפּגעשוואכט, דאָס די פירסטען פון טהעבען האָט געלונגען אַרויסצורייסען די מאַכט פון זייערע הענד און די הערשאַפט איז איבערגעגאַנגען צו די דינאַסטיעס פון דיזער שטאָדט (טהעבען).

עס פערשטעהט זיך, אַז דיזע ענדערונג איז ניט אָפּגעגאַנגען גלאַט, אָהן רעוואָלוציאָנען. מיר ווייסען, אַז אַזעלכע רעוואָלוציאָנען זיינען אויס־געבראָכען אין דער רעגירונגס־צייט פון אַמענעמהאַט דעם 1טען, וועלכער איז געווען דער ערסטער קעניג פון דער 12טער דינאַסטיע, ביז עס האָט ענדליך די שפּעטערדיגע קעניגען פון דיזער דינאַסטיע געלונגען צו בערוהיגען דאָס פאָלק און צו פעראייניגען די הערשאַפט איבער עגיפּטען אין איין האַנט. אונטער די קעניגען פון דיזער דינאַסטיע צייכענט זיך אויס אוסאָרטעסען דער 3טער, וואָס האָט געענצליך אונטערוואָרפען אונטער זיין מאַכט די נוביער, וועלכע האָבען אַ לאַנגע צייט רעבעלירט. אַלס גרויס און מעכטיג ווערט אויך געשילדערט דער קעניג אַמענעמ־האַט דער 3טער (2221 — 2179 פ. קר.). ער האָט זיך אויס־געצייכענט דורך זיינע גרויסאַרטיגע געביידעס, בעזונדערס דורך דעם לאַבירינט, דעם ריזיגען פּאַלאַץ, וועלכער האָט ענטהאַלטען 3,000 צימערן פיר וואוינונגען און קברים.

דער בעפאַל פון די היקסאָס. עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס דורך די קאָנקורענציע פון די קעניגען איבערצושטייגען איינער דעם אַנדערן אין אויפשטעלען אַלץ גרעסערע און גרויסאַרטיגערע געביידעס, פון וועלכע די קראַפט פון פאָלק האָט זיך אימער אויסגעשעפּט, איז די ענטוויקלונג פון עגיפּטען ניט געגאַנגען כסדר פאָרווערטס. נאָר איז אָפט געגאַנגען צוריק.

דורך דיזע גרויסע שווערע ארבייטען איז אין דער צייט פון דער 13טער און 14טער דינאַסטיעס דאָס פאָלק געוואָרען אזוי אָפּגעשוואַכט, דאָס 2100 פ. קר. האָבען באַרבאַרישע שבטים פון פּאַסטוכער, וואהרשיינליך פון סי-ריען, געקענט בעפאַלען און בעזיגען דיזעס מעכטיגע לאַנד, וועלכעס איז געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופּע פון קולטור. לויט מאַנעטהאָ איז אין דער צייט פון דעם קעניג ט י מ א אָ ס א באַרבאַרישעס פאָלק פון מזרח פּלוצלונג בעפאַלען און איינגענומען דאָס לאַנד, אונטערוואָרפען די הער-שער, ערמאָרדעט די איינוואוינער, פערשקלאַפט די פרויען, פערברענט די הייליגטימער פון די געטער און דאַן ארויפגעזעצט אויף דעם טראָן איינעם פון זיך מיט'ן נאָמען ש א ל י ט אלס קעניג. דיזער קעניג האָט גענומען די אַלטע מלוכה־שטאָדט מעמפיס פיר זיין רעזידענץ, האָט פון דאָרט אויף דאָס גאַנצע לאַנד ארויפגעלעגט אָפּצאָהלונגען און האָט די וויכטיגסטע ער-טער בעזעצט מיט חיל. דיזע פרעמדע בעצווינגער זיינען אין עגיפּטען גע-ווען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען ש א ס ו אָדער ש ו ס, ד. ה. רויבער (העברעאיש: ש ו ס י ם). זייערע פיהרער האָבען געהייסען ה י ק - ס אָ ס. דיזעס פאָלק איז אויך בעקאַנט אונטער דעם נאָמען מ ע נ ט י א ו (פּאַסטוכער) אָדער ס א ט י א ו (בויגען־שיסער). לויט מאַנעטהאָ האָט דיזעס פאָלק געהערשט אין עגיפּטען 500 יאָהר. אָבער זייער הערשאַפט האָט זיך ניט אויסגעברייטעט איבער גאַנץ עגיפּטען.

די היקסאָס האָבען אָנפאַנגס זיך ניט אזוי פיעל געשראָקען פאַר די עגיפּטער, ווי זיי האָבען מורא געהאַט פאַר זייערע אייגענע שטאַם־ברידער, וועלכע זיינען געוועזען אויף יענער זייט פון סועץ, און איבערהויפּט פאַר די כאַלדעער. זייער קעניג ש א ל י ט האָט דעריבער געלאָזען אויפשטעלען א גרויסע פעסטונג ביי דער שטאָדט ה א ר ו ס א ר, וואו ער האָט שטענ-דיג געהאַלטען גרייט אַן ארמעע פון 200,000 מאַן. אלס הויפּטשטאָדט האָט ער געמאַכט ט א נ י ס. די היקסאָס האָבען באַלד איינגעזעהן, ווי נעטיג עס איז פיר זיי אָנצונעהמען די עגיפּטישע קולטור, אום זייער מאַכט צו בעפעסטיגען. זיי האָבען דעריבער אָנגענומען די עגיפּטישע מנהגים און איינריכטונגען און ביז א געוויסען גראַד אויך די עגיפּטישע קונסט. די עגיפּטישע היסטאָריקער רעכנען די היקסאָס פיר די 16טע דינאַסטיע. מען גלויבט, דאָס אין דער צייט פון דיזע היקסאָס איז יעקב מיט זיינע קינדער געקומען אין עגיפּטען.

די היקסאָס האָבען ניט צושטערט די עגיפּטישע קולטור, אין געגענ-טייל, זיי האָבען זיך צוגעפּאַסט צו איהר. זיי זיינען געוואָרען ציוויליזיר-

דער בעפאַל פון די היקסאָס.

טער, אָבער דערמיט זיינען זיי נאָך מעהר פערהאַסט געוואָרען ביי די עגיפּטער. די עגיפּטער, וועלכע זיינען געווען שטאָלץ אויף זייער אייגענע קולטור, האָבען פיינד געהאַט אַלץ, וואָס איז געווען פרעמד, און דעריבער האָבען זיי ניט געקענט לאַנג בליהען אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט, אי־בערהויפּט אין דער צייט, ווען זייער קולטור האָט געהאַלטען אין שטייגען העכער.

די מאַכט פון די היימישע פירסטען אין טהעבען האָט מיר דער צייט זיך ביסלאַכווייז געהויבען און זיי האָבען דאַן אָנגעפאַנגען צו נעהמען זיך צו די היקסאָס. די בעפעלען אויף די היקסאָס זיינען בעזונדערס געלונגען דאַן, ווען די קלענערע עגיפּטישע פירסטען זיינען געווען פעראייניגט אונ־טער דער 17טער דינאַסטיע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם פירסט פון טהעבען, ר א ־ ס ק ע נ ע ן ט א א ד ע ם 3 ט ע ן (1800 פ. קר.). אין ערך 150 יאָהר האָט געדויערט דער קאַמף פיר בעפרייאונג און עס איז די עגיפּטישע פירסטען ענדליך געלונגען צו פערטרייבען די היק־סאָס פון מיטעל־עגיפּטען נאָך דער שטאָדט מעמפיס. אונטער דער 18טער דינאַסטיע איז אויך מעמפיס בעזיגט געוואָרען דורך די עגיפּטער און ענדליך האָט טוטהמאָסים דער 3טער (1625 — 1591 פ. קר.) פון די היקסאָס אָפּגע־נומען דעם לעצטען שטיץ־פּונקט, די פעסטונג הארואר, פון וואַנען זיי האָבען אָפּגעצויגען צוריק נאָך סיריען. דערמיט איז עגיפּטען בעפרייט גע־וואָרען אויף שטענדיג פון דער פרעמדער הערשאַפט, וועלכע האָט געדויערט 500 יאָהר.

דיזער בעפרייאונגס־קאַמף האָט ווידער אויפגעוועקט דעם קריגערישען גייסט פון די עגיפּטער, און מיר הערען פון די נצחונות פון די קעניגען ט ו ט ה מ אָ ס י ם ד ע ם 3 ט ע ן, א מ ע נ אָ פ י ס ד ע ם 3 ט ע ן און אַ מ ע נ אָ פ י ס ד ע ם 4 ט ע ן, וועלכע האָבען בעזיגט סיריען, פּאַלעסטינאַ, מעסאָפּאָטאַמיען און עטהיאָפּען.

די העכסטע שטופע פון מאַכט און קולטור האָט עגיפּטען דערגרייכט אונטער דער 19טער דינאַסטיע, און זייער גאַנצער גלאַנץ, ווי עס שיינט, האָט זיך פעראייניגט אין די צוויי גרויסע זיגער ס ע ט ה אָ ס ד ע ם 5 ט ע ן און זיין זוהן ר א מ ס ע ס (רעמסס) ד ע ם 2 ט ע ן. דעם ווירק־ליכען גלאַנץ פון עגיפּטען אין דיזער גליקליכער צייט האָבען די היסטאָריקער בעפּוצט מיט וואונדערבאַרע זאַגעס, לויט וועלכע דער גאַנצער גלאַנץ פון דיזער פּעריאָדע ווערט צוגעשריבען צו איין איינציגער העלדען־פּערזאָן, וואָס ווערט אָנגערופען מיט דעם נאָמען ס ע ס אָ ס ט ר י ס. די נייעסטע פאָר־

שונגען אָבער האָבען בעוויזען, דאָס די גרויסע העלדענטאַטען און וואונ-
דערבארע געביידעס, וועלכע ווערען צוגעשריבען צו ס ע ס אָ ס ט ר י ס,
זיינען אין אמת׳ן די אויפטואונגען פון דער גאַנצער 18טער דינאַסטיע און
פון די קעניגען סעטהאָס דעם 1טען און ראַמסעס דעם 2טען, וועלכע האָ-
בען זיך אויסגעצייכענט פון אַלע קעניגען פון דער 19טער דינאַסטיע.

דער גרינדער פון דער 19טער דינאַסטיע איז געווען ר א מ ס ע ס ד ע ר
1 ט ע ר, וועלכער האָט דעם טראָן גענומען מיט געוואַלד. זיין זוהן ס ע ט-
ה אָ ס ד ע ר 1 ט ע ר (1439 — 1388 פ. קר.) האָט זיך אויסגעציי-
כענט מיט פיעלע גרויסע
נצחונות, וועלכע האָבען
פערשאַפט עגיפּטען א
גרויסען איינפלוס איבער
פיעלע לענדער. סיריען
איז דאַמאָלס געווען א
גרויסע מאַכט און זי האָט
פיעל געשטערט עגיפּטען
אין פערשפּרייטען איהר
איינפלוס. סעטהאָס דער
1טער האָט דעריבער גע-
פּלאַנט סיריען צו אונ-
טערוואַרפען. נאָך דעם,
ווי דיזער קעניג האָט אונ-
טעריאָכט איינינע ווילדע
פערקערשאַפטען, וועלכע
האָבען זיך געפונען אין
צפון און מזרח פון עגיפּ-
טען, האָט ער געצוויגען
נאָך סיריען, וואו ער האָט אָנגעווענדט אַלע כחות צו בעקעמפען די אַל-
טע שונאים פון עגיפּטען, די היקסאָס. נאָך דעם, ווי ער האָט דיזע בע-
זיגט, האָט ער געצוויגען נאָך פּאַלעסטינא, וועלכע האָט זיך געהאַט
פעראייניגט מיט די היקסאָס. ער איז געצוויגען זיגרייך ביז מעסאָפּאָ-
טאַמיען ביז די ברעגען פון דעם טייך אייפראַט (פּרת), ער האָט אָבער די-
זע אַלע לענדער ניט אונטערגעוואָרפען אונטער זיין הערשאַפט און האָט
זיי ניט אונטעריאָכט.

מומיע־קאָפּ פון סעטהאָס דעם 1טען.

פון סעטהאָס דעם 1טען האָט מען געפונען די מומיע (ד. ה. דעם פער-שטיינערטען באַלזאַמירטען קערפער), וועלכע איז געבליבען זעהר גוט בע-האַלטען. מיר גיבען דאָ צוויי בילדער פון איהר.

אָבער ניט די זיגרייכע מלחמות אליין האָבען דעם קעניג סעטהאָס דעם 1טען פערשאַפט א הויכען אָרט אין דער געשיכטע, זיין רעגירונגס-צייט האָט זיך נאָך בעזונדערס אויסגעצייכענט דורך דעם, דאָס מיט איהר האָט די עגיפּטישע קונסט, די קולטור אין אַלגעמיין, דערגרייכט די העכסטע שטופע. איבער דיזען הויכען צו-שטאַנד פון דער עגיפּטישער קול-טור אין די רעגירונגס-צייטען פון סעטהאָס דעם 1טען און ראַמסעס דעם 2טען וויסען מיר נאַטירליך פון די רואינען פון די פּרעכטיגע געביידעס פון יענער צייט, אָבער צוזאַמען מיט דעם לערנען מיר אויך דעם טרויעריגען צושטאַנד פון פאָלק, וועלכעס איז געוועזען גע-צוואונגען צו שאַפען אַזעלכע שווע-רע ריזען-אַרבייטען אָהן שום נוצען פיר זיך. און דיזעס, נאָך אונזער בעגריף פון קולטור, וואַרפט א פינ-סטערען שאָטען אויף דעם כאַראַק-טער פון יענער קולטור. מיר בע-וואונדערן די גרויסאַרטיגע ריזיגע בנינים פון די טהעבאַנישע קעני-גען, אָבער מיר פערגעסען דערביי, וויפיעל מיה און שוויים עס האָט געקאָסט דעם פאָלק, און וויפיעל עס האָט איהם געשאַדט צו זיין טעגליכען לעבען, ווייל עס האָט געמוזט צוליב דעם פערנאַכלעסיגען צו בעאַרבייטען די ערד, צו ענטוויקלען דעם אַקערבוי, וואָס דאָס איז אימער די הויפּט-קוועלע פון דעם מענשען׳ס עקסיסטענץ.

מומיע פון סעטהאָס דעם 1טען.

די קברים, וועלכע די עגיפּטישע קעניגען האָבען געלאָזען אויסהאַקען

פון פעלז, זיינען מאַנכמאָל געווען אַזוי ריזענהאַפט און האָבען געפאָדערט אַזוי פיעל אַרבייט, דאָס עס האָט דערגרייכט ביז אונזין, ביז משוגעת. די קעניגען פון דער 19טער און 20טער דינאַסטיע האָבען געלאָזען מאַכען פעלזען־קברים, וועלכע האָבען ענטהאַלטען זאַאַלען און צימערן ביז 100 מעטער *) לאַנג און ברייט. פיינער פון אַלע קברים איז געווען אויסגעאַר־בייט דער פעלזען־קבר פון סעטהאָס דעם 1טען. דיזער קעניג האָט זיך אויך געמאַכט אונשטערבליך דורך דעם בוי פון דעם גרויסען טעמפעל פון אָמון אין קאַרנאַק. דיזען טעמפעל האָבען נאָך די קעניגען פון דער 11טער די־נאַסטיע אָנגעהויבען צו בויען און פאָלגענדע קעניגען האָבען איהם ווייטער פערפאָלקאָמט און אַלץ גרויסאַרטיגער געמאַכט, ביז סעטהאָס דער 1טער און ראַמסעס דער 2טער האָבען איהם פערענדיגט און געמאַכט צום גרעס־טען און פרעכטיגסטען טעמפעל־געביידע אין דער וועלט. די לענג פון די־זען טעמפעל איז 365 מעטער און זיין אומפאַנג 2,400 מעטער. 450 ספינק־סען, ד. ה. לייבען־געשטאַלטען מיט מענשליכע קעפּ, זיינען צושטעלט אין די פערשיידענע דורכגענג. דער גרויסער זאַאַל פון דעם טעמפעל איז אונטערשטיצט מיט 134 ריזען־זיילען און האָט 50 מעטער אין דער לענג און 100 מעטער אין דער ברייט. דער אויבערסטער טעלער פון יעדער זייל איז 6 מעטער אין דורכמאָס (ד. ה. גראַדע ליניע דורך'ן מיטען). די שטיי־נערנע באַלקענס, וועלכע ווערען אונטערגעהאַלטען דורך דיזע זיילען, זיינען אין דורכשניט ניין מיט אַ פינפטעל מעטער לאַנג און יעדער האָט אַ געוויכט פון אַן ערך 65,000 קילאָגראַם **). די רואינען פון קאַרנאַק זיינען די גוואַל־דיגסטע, ריזענהאַפטעסטע אין דער וועלט. דאָ איז אַלעס ריזענהאַפט גרויס: רוים און זיילען, מויערווערק און שטיינערנע בילדער. אַלע גרעסטע געביידעס אין דער וועלט ווייזען אויס קליין, אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט די אונגעהייערע ריזען־געביידעס אין קאַרנאַק.

אויף די ווענט פון טעמפעל אין קאַרנאַק האָט סעטהאָס דער 1טער גע־לאָזען פעראייביגען אַלע זיינע זיגען אין ווערטער און בילדער. די קעניגען, ווי ביי די אַסיריער, זיינען פאָרגעשטעלט אין גרעסערע פיגורען, ווי אַנדערע פערזאָנען. די קעניגען אַליין זיינען געווען די זיגער, זיי אַליין האָבען איינגענומען פעסטונגען, אַלע גבורות פון פאָלק זיינען געווען זייערע, דאָס פאָלק אַליין איז געווען גאָרניט. דאָס איז דער גייסט פון דעספּאָטיזם.

*) אַ מעטער איז אַ יאַרד מיט 3 צאָל.

**) אַ קילאָגראַם איז אַן ערך 2½ פונט.

אין דעם נעבען־שטעהענדען בילד ווערט סעטהאָס דער 1טער פאַרגעשטעלט אין דער זעלביגער ריזען געשטאַלט, ווי דער גאָט, וואָס זיצט געגען איהם אויף א טראָן. כמעט אויף אַלע עגיפּטישע בילדער זיינען די קעניגען פאַר־געשטעלט אין א פיעל גרעסערער געשטאַלט, ווי אַנדערע מענשען. די אויפשריפטען אויף די ווענט פון טעמפּעל אין קאַרנאַק בעשרייבען די גבורות פון דעם קעניג סעטהאָס דעם 1טען מיט בעריהמרייטע, ענטהוזיאַסטישע, התלהבות׳דיגע ווערטער, ווי צ. ב.: „די מדבר־שבטים אין דעם לאַנד מאַרמאַריקאַ האָט ער בעזיגט ביז ער האָט זיי פערוואַנדעלט אין גאָרניט; ער האָט געוואַרט אויף דעם קאַמף־פּלאַץ ביז זיי האָבען מעהר ניט געקענט האַלטען דעם בויגען און האָבען ווי פוקסען זיך בעהאַלטען אין זייערע העהלען פון שרעק פאַר זיין מאַיעסטעט". — „אַלע זיינע פיינד זיינען פאַר איהם געפאַלען פון שרעק". — „זיין האַרץ האָט זיך געפרייט ביים אָנבליק פון בלוט, ווען ער האָט געזעהען, ווי מען האַקט אַראָפּ די קעפּ פון פיינד". — „זיין מאַיעסטעט האָט ליב געהאַט מלחמה מעהר ווי אַלע פערגניגענס; ער טויטעט זיינע פריינד מיט אַמאָל, ניט איבערלאָזענדיג קיין איינעם פון זיי". נעבען דיזע שוידערהאַפטע ווערטער געפינען זיך בילדער, וועלכע שטעלען פאַר, ווי דער קעניג האַקט אַראָפּ די קעפּ פון פיעלע געפאַנגענע מיט איין קלאַפּ.

אום אויסצומיידען שטערונגען אָדער אויפשטאַנדען פון פערוואַנדטע, וועלכע האָבען פּרעטענזיעס אויף דעם עגיפּטישען טראָן, האָט סעטהאָס דער 1טער גענומען אלס מיט־רעגירער זיין זוהן ראַמסעס דעם 2טען (1388—1322 פ. קר.) נאָך ווען דיזער איז געוועזן א קינד. ראַמסעס האָט בעגלייט זיין פאָטער סעטהאָס אויף זיינע מלחמות געגען סיריען און האָט גאַנץ פריה זיך אויסגעלערנט צו בעפעהלען. די גריכישע היסטאָריקער העראָדאָט און דיאָדאָר האָבען איהם שטאַרק געריהמט און האָבען זיין גרויסקייט דערצו נאָך איבערטריבען. לויט ווי זיי דערצעהלען, האָט ער באַלד נאָך זיין בעשטייגען דעם טראָן אָנגעפאַנגען א קריגס־צוג אום צו בעזיגען די גאַנצע וועלט. די אַרמעע זיינע איז בעשטאַנען פון 600,000 פוס־סאָלדאַטען, 29,000 רייטער און 27,000 רייט־וועגען. ער האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך עטהיאָ־פּיען ביז צום ים, און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די עגיפּטער האָבען פיינד געהאַט דאָס מעער, האָט ער געבויט א גרויסע פלאָטע. איין טייל פון דער פלאָטע האָט ער אַוועקגעשיקט אין מיטעללענדישען ים און האָט בעזיגט די אינזעל ציפּערן (קפריסין) און די ברעגען פון פעניציען (צור און צידון). פיער הונדערט שיפען פון דיזער פלאָטע האָט ער געשיקט נאָך אינדיען, וועלכע

רואינען פון דעם טעמפעל אָמון ראַ אין קאַרנאַק.

ער האָט בעזיגט פון איבער׳ן גאַנגעס ביז צום ים. ער האָט אויך בעזיגט די מעדיער און אַסיריער (מדי און אשור). פון אינדיען איז ער געצויגען צו צפון, האָט בעזיגט די סקיטהען ביז דעם טייך טאַנאיס (דאָן). ניין יאָהר האָבען געדויערט זיינע מלחמות און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט נאָך עגיפטען אַלס דער גרעסטער זיגער. אָבער דיזער קריגס־צוג שיינט צו זיין פיעל איבערטריבען, שטאַרק פערגרעסערט. לויט די אינשריפטען אויף די עגיפטישע מאָנומענטען איז ער ניט געקומען ווייטער פון צור און צידון (פע־ניציען). פון דער אַנדערער זייט ווייזען די אינשריפטען, דאָס ראַמסעס דער 2טער האָט פערשפרייט די עגיפטישע מאַכט אין עטהיאָפּיען ווייט מעהר, ווי די קעניגען פאַר איהם.

ראַמסעס דער 2טער האָט אויך איינגעשטילט די ח ת י ם, אַ פאָלק, וואָס איז געזעסען אין דרום פון כנען. דיזע חתים האָבען פריהער געצאָהלט מריבות (מס) צו עגיפּטען, אָבער זיי האָבען זיך פעראייניגט מיט איינינע קליינע פעלקער פון קליין־אַזיען און זיינען אייניגע מאָל בעפאַלען עגיפּטען. שוין סעטהאָס דער 1טער האָט ביטער געקעמפט געגען דיעזען פאָלק און ראַמסעס דער 2טער האָט פון דאָס ניי אויפגענומען דעם קאַמף געגען די פעראייניגטע פיינדליכע פעלקער. די מלחמה ביי דער שטאָדט ק ד ש האָט די מאַכט פון די חתים געבראָכען אויף אימער און זייערע פירסטען האָבען געשלאָסען אַ אויביגען פרידען מיט עגיפטען. דיזער פרידענס־אָפּ־מאַך איז דער ערסטער, וועלכער קומט פאָר אין דער געשיכטע; ער איז אינ־טערעסאַנט מיט דעם, וואָס ער ענטהאַלט אין זיך אַלע פונקטען, וועלכע ווערען דערמאָהנט אין היינטיגע אַזעלכע אָפּמאַכען. דער פירסט פון די חתים און דער קעניג פון עגיפטען האָבען זיך פערפליכטעט איינער דעם אַנ־דערן צו העלפען אין פאַל פון מלחמה מיט אַן אַנדער פאָלק. דיזער פונקט פון דעם אָפּמאַך לויטעט אַזוי: „ווען אַ פיינד וועט אַרויסטרעטען געגען איינער פון די מדינות, וועלכע זיינען אונטערטעניג צום גרויסען קעניג פון עגיפטען, און דיזער קעניג וועט שיקען צו דעם פירסט פון די חתים און וועט זאָגען: קום, ברייננ מיר שטרייט־קרעפטען געגען יענעם, זאָל עס דער גרויסער פירסט פון די חתים טאָן; קען ער אָבער אַליין ניט קומען, זאָל ער שיקען זיינע בויגען־שיסער און זיינע שטרייט־וואָגענס". די זעלביגע פערפליכטונגען האָט אויף זיך גענומען דער קעניג פון עגיפטען. אין דיזען אָפּמאַך געפינען זיך אויך פונקטען וועגען געגענזייטיגער בעשיצונג פון האַנ־דעל און אינדוסטריע איןביידע לענדער, ווי אויך וועגען דער אַרויסגעבונג פון פערברעכער. זעהר אינטערעסאַנט איז דער פונקט, וועלכער לויטעט,

דאָס יעדער אַרבייטער, וועלכער בעזעצט זיך אין דעם לאַנד פון דעם אַנדערן, זאָל צוריקגעשיקט ווערען, אָבער ניט בעשטראָפט ווערען. „מען זאָל זיין הויז ניט צושטערען, מען זאָל זיין ווייב און קינדער ניט אומ-ברייננגען, מען זאָל איהם ניט שלאָגען אויף די אויגען, ניט איבער'ן מויל, ניט אויף די פיס, מען זאָל קיין קרימינעלע קלאַגע ניט מאַכען געגען איהם". מיר זעהען דערפון ווי די קעניגען האָבען נעטיג געהאַט די אַרבייטס-קרעפ-טען, דאָס זיי האָבען געוואָלט זיין צו די אַרבייטער מילד אום צו געווינען זיי צוריק. די עקאָנאָמישע לאַגע האָט דיזע פעלקער שוין דאַן געמוזט שטאַרק בעשעפטיגען, ווען אין אַזאַ מין אָפּמאַך האָט מען געפונען פיר נעטיג אַריינצושטעלען אַ פּונקט וועגען ענטלאָפענע אַרביי-טער.

מומיע-קאָפּ פון ראַמסעס דעם 2טען.

אייניגע היסטאָריקער שרייבען צו דיזען אָפּמאַך צו סעטהאָס דעם 1טען. די חתים זאָלען איהם האָבען עטליכע מאָל געבראָכען, ביז ראַמסעס דער 2טער האָט זיי בעזיגט און פון דאַמאָלס אָן האָבען זיי דעם אָפּמאַך רע-ספּעקטירט.

מיר האָבען שוין פריי-הער בעמערקט, דאָס די ידיעות וועגען די גבורות און זיגען פון ראַמסעס דעם 2טען זיינען איבערטריבען. דערפאַר אָבער זיינען די בעריכטען וועגען זיינע אויפטואונגען ביי זיך אין לאַנד פיעל ריכטיגער און פּינקטליכער. דיזע בעריכטען ווייזען, דאָס ער האָט ריכטיג פערדינט דעם ביינאָמען דער „גרויסער", וועלכען דאָס פאָלק האָט איהם געגעבען. אויף זעהר פיעלע מאָנומענטען און געביידעס גלענצט זיין נאָמען, און מען רעכענט זיין צייט פיר די בליהענדסטע צייט פון עגיפּטישע קונסט און קולטור.

ווי זיינע פֿאָרגענגער האָט זיך אויך ראַמסעס דער 2טער בעמיהט צו ברייננען די רעזידענץ־שטאָדט טהעבען צו דער העכסטער שטופע פֿון גלאַנץ און פּראַכט. דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס די עגיפּ־טישע אַכיטעקטור האָט געשאַפֿען אין די עלטעסטע צייטען, האָט ער אריבערגעבראַכט אין די וועלט־בעריהמטע שטאָדט טהעבען מיט איהרע הונ־דערט מויערן, און דאָס אַליין האָט דאָרט דערגרייכט אַזא הויכע שטופע פֿון אויסבילדונג, ווי עס האָט נאָך קיינמאָל פֿריהער ניט דערגרייכט.

ווי מען קען שליסען פֿון די רואינען, די חורבות פֿון די מאָנומענטען, וועלכע זיינען צושפּרייט אויף אַ גרויסען שטח, האָט די אַלטע שטאָדט טהעבען געהאַט אַן אומפאַנג וועניגסטענס פֿון 45 קילאָמעטער (אַן ערך 50 טויזענד יארד). אין דיזער ריזען־שטאָדט ערהייבען זיך די אונפֿער־גלייכליכע פּראַכט־טעמפּלען, וואָס מיר בעוואונדערן זייערע רואינען נאָך היינטיגען טאָג. נעבען די פּרעכטיגע געביידעס האָבען די רייכע געהאַט זייערע וואוינונגען און לאַנד־הייזער. דאָס פֿאָלק אָבער האָט געוואוינט אין אָרימע לעהמענע הייזלאַך, וועלכע מיר בעגעגנען נאָך היינט ביי די פֿעלאַחען (עגיפּטיש־אַראַבישע בויערן).

אָבער נוט די רעזידענץ־שטאָדט טהעבען אַליין, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען בעצירט מיט אַזעלכע פּראַכט־געביידעס. די טהעבאַנישע קעני־גען האָבען פֿערשפּרייט זייער בוי־אַרבייט ביז דער האַלב־אינזעל סיני, ווי מען קען זעהן פֿון די חורבות, וועלכע זיינען נאָך דאָרט פֿערבליבען.

פֿאַר דעם פֿעלזען־טעמפּעל פֿון אַבו סימבעל, וועלכען ראַמסעס דער 2טער האָט אויסגעבויט, האָט ער זיך זעלבסט פֿערעהרט דורך אונגע־הייער גרויסע סטאַטועס, די גרעסטע אין גאַנץ עגיפּטען. די סאַטועס זיי־נען אויסגעהאַקט פֿון דעם פֿעלז זעלבסט. די פֿאַסאַדע פֿון טעמפּעל איז 38½ מעטער ברייט און 28½ מעטער הויך. דער העכסטער ווערט פֿון אַרכיטעקטור ווערט צוגעגעבען דעם ר אַ מ ע ס ע א ו ם, דעם „די־מענט פֿון עגיפּטישער בויקונסט”, דעם טעמפּעל פֿון ראַמסעס דעם 2טען אין טהעבען. די דעק (באַלקען) פֿון דיזען טעמפּעל איז געשטיצט אויף 48 גאָלד־געלע זאַמד־שטיינערנע זיילען פֿון פֿאָלקאָמענער שענהייט.

אויך ביי טהעבען, עהנליך ווי ביי מעמפיס, ליגט אויף די ליבישע בערג, 300 פֿוס הויך, אַ טויטען־פֿעלד, אַ בית־עולם. די קברים אויף דיזען בית־עולם ציהען זיך אויף אַ שטרעקע פֿון 2 שטונדען גאַנג. היר האָט מען געפֿונען אונגעהייער פֿיעלע מומיעס, פֿערשטיינערטע באַלזאַמירטע טויטע קערפּערס. די אַראַבער בענוצען מאַנכמאָל דיזע מומיעס אַלס הייץ־מאַ־

טעריאַל. אויסער דעם פּרעכטיגען פּעלזען־קבר פון סעטהאָס דעם 1טען, וועלכען מיר האָבען פריהער בעשריבען, געפינען זיך דאָ אויך די פּרעכטיגע קברים פון אַמעמפּיס דעם 3טען, פון ראַמסעס דעם 1טען און ראַמסעס י״ט ב 3טען. די מומיע פון ראַמסעס דעם 2טען האָט מען געפונען גאַנץ און אונבעשעדיגט. אויף אַ פריהערדיגער זייט קומט דאָס בילד פון דעם קאָפּ פון דיזער מומיע.

אויסער די פיעלע פּראַכט־געביידעס האָט ראַמסעס דער 2טער אויך דורכגעפיהרט פיעלע נוצליכע בוי־ווערק. ער האָט פיעל אויפגעטאָן צו פערברייטען דעם פערקעהר פון שיפען. צו דיזען צוועק האָט ער אונטערגענומען צו גראָבען אַ קאַנאַל צו פעראייניגען דעם נילוס מיט דעם רויטען מעער (ים סוף). ער האָט אָבער בעוויזען דורכצוגראָבען בלויז אַ טייל פון דיזען וויכטיגען קאַנאַל, וועלכער איז אין גאַנצען געענדיגט געוואָרען ערסט אין דער צייט, ווען די פּטאָלעמעער האָבען געהערשט אין לאַנד.

ראַמסעס דער 2טער האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך 59 זיהן און 60 טעכטער. זיין 13טער זוהן מ ע נ ע פ ט א האָט בעשטיגען דעם טראָן אונטער דעם טיטעל מענעפּטא האָטעפּ־הי־מאַ (גאָט פון דער זון). ער איז געווען זיגרייך אין אַ מלחמה מיט די ליביער. נאָך איהם איז געוואָרען קעניג מ ע נ ע פ ט א ד ע ר 2 ט ע ר, אַ שוואַכער פירסט, וועלכער האָט ניט געקענט בעשיצען דאָס לאַנד געגען דעם בעפאַל פון פיינד, אַזוי דאָס אַ טייל פון עגיפּטען איז געקומען אונטער דער הערשאַפט פון סיריען. מען רעכענט, דאָס אונטער דער הערשאַפט פון מענעפּטא דעם 2טען זיינען די אידען ארויס פון עגיפּטען. זיין נאָכפאָלגער ס ע ט ה אָ ס ד ע ר 2 ט ע ר האָט אַפּילו דאָס לאַנד צוריק געבראַכט אין גאַנצען אונטער עגיפּטישער הערשאַפט, אָבער די עגיפּטישע גרויסע לייט האָבען זיך געריסען צווישען זיך און האָבען געבראַכט דאָס לאַנד אין אַ מהומה.

אונטער דער רעגירונג פון זיין זוהן ר אַ מ ס ע ס ד ע ם 3 ט ע ן (1269 — 1244 פ. קר.), וועלכער איז געווען דער גרינדער פון דער 20טער דינאַסטיע, איז אין לאַנד ווידער געוואָרען רוהיג. קונסט, האַנדעל און אינדוסטריע האָבען פון דאָס ניי אויפגעלעבט. העראָדאָט רופט דיזען קעניג אָן ר ה אַ מ פּ ס ע נ י ט און ערצעהלט פון איהם פאָלגענדע געשיכטע, וועלכע מיר גיבען דאָ וועגען איהר קוראָזיטעט. רהאַמפּסעניט איז געוועזען זעהר רייך. אום זיין רייכטום צו שיצען פון גנבים, האָט ער געלאָזען אויסבויען אַ שאַץ־קאַמער, וועלכע האָט ניט געהאט קיין טירען און קיין פענסטער, נאָר איין אַריינגאַנג צו זיינע אייגענע צימערן. דער בוי־

מייסטער האָט אָבער אָהן דעם קעניג׳ס וויסען אריינגעזעצט א גרויסען שטיין אזוי קינצליך, דאָס מען האָט איהם פון דרויסען געקענט לייכט ארויסנעהמען, ווען מען האָט געוואוסט דאָס געהיימניס. דער בוי־מייסטער אליין האָט זיך ניט בענוצט מיט דיזען געהיימניס, ווייל ער איז באלד געשטאָרבען, ווי די שאַץ־קאַמער איז פערטיג געוואָרען. אָבער איידער ער איז געשטאָרבען האָט ער דעם סוד ענטדעקט צו זיינע צוויי זיהן. דיזע האָבען באלד נאָך זייער פאָטער׳ס טויט זיך בענוצט מיט דעם געהיימניס און האָבען ביי נאַכט ארויסגענומען פון שאַץ־קאַמער אזוי פיעל גאָלד, ווי פיעל זיי האָבען נאָר געקענט טראָגען. דער קעניג האָט באלד בעמערקט, אז עס פעהלט איהם פון זיינע אוצרות, אָבער ער האָט ניט געקענט פערשטעהן, ווי אזוי עס איז געשעהען. אום צו כאַפּען דעם גנב האָט דער קעניג אריינגעלעגט צווישען די אוצרות פערשיידענע נעצען מיט דער האָפנונג, דאָס דער גנב וועט אריינפאַלען אין איינעם פון זיי. און ווירקליך איז דער ערסטער ברודער, וועלכער איז אריין אין שאַץ־קאַמער דעם צווייטען מאָל צו גנב׳ענען פון די אוצרות, אריינגעפאַלען אין אַ נעץ, פון וועלכען ער האָט זיך ניט געקענט בעפרייען. ווען ער האָט דערזעהן, דאָס ער איז פערלאָרען, האָט ער געבעטען זיין ברודער, ער זאָל איהם אָפּהאַקען דעם קאָפּ, אום מען זאָל איהם ניט דערקענען און דערמיט וועט וועניגסטענס געראַטעוועט ווערען דער ברודער, וועלכער איז געבליבען דרויסען ביי דער שאַץ־קאַמער. דיזער האָט ערפילט דעם וואונש פון דעם אונגליקליכען. דער קעניג איז נאָך מעהר פערוואונדערט געוואָרען, ווען ער האָט געפונען דעם קערפּער אָהן אַ קאָפּ אין זיין שאַץ־קאַמער. דער קעניג איז געפאַלען אויף די אידעע צו בענוצען זיך מיט דעם רעליגיעזען געפיהל פון דעם פאָלק, מיט זיין הייליגען רעספּעקט צו די טויטע, אום צו ענטדעקען דאָס געהיימניס. ער האָט געהייסען אויפהענגען דעם געקעפּטען קערפּער אויף דער מויער און האָט אָנגעזאָגט די וועכטער, זיי זאָלען פעסטהאַלטען יעדען, וועער עס וועט צוגעהן צום קערפּער און וועט איהם בעקלאָגען. דער קעניג האָט ווירקליך גוט בערעכענט. ווי די מוטער פון די צוויי ברידער האָט געהערט פון דער שאַנדע, האָט זי באַלד בעפוילען דעם ברודער, וואָס איז געבליבען לעבען, ער זאָל איהר צושטעלען דעם טויטען קערפּער, און אויב ניט וועט זי דעם קעניג אויפדעקען די גאַנצע געשיכטע. דער ברודער איז דאַן געפאַלען אויף אַ נייעם איינפאַל. ער האָט אָנגעלאָדען אַן עזעל מיט לאָגלען וויין און איז געקומען צום טויטען קערפּער. דאָרט האָט ער געעפענט אַ לאָגעל און דער וויין האָט אָנגעהויבען ארויסרינען. די וועכטער האָבען ניט געקענט ביישטעהן דעם

נסיון און האָבען זיך גענומען צום ווייך ביז זיי זיינען בערוישט געוואָרען און זיינען איינגעשלאָפען. דערווייל איז געוואָרען פינסטער און עס האָט געלונגען דעם קלוגען יונג אָפּצושניידען דעם קערפּער און ברייננגען איהם אין א זיכערן אָרט. צו מאכען חוזק האָט ער נאָך יעדען פון די וועכטער אָפּגעשאָרען א האַלבען באָרד. דער קעניג איז געוואָרען שרעקליך אויפגעבראכט, ער איז אָבער געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס ער וועט מיט בייזען גאָר ניט אויספיהרען. אָבער ער איז געווען אזוי נייגיריג צו וויסען דעם קלוגען, כיטרען גנב, דאָס ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר דעם לעצטען מיטעל, אַנצובאָטען זיין טאָכטער פיר א פּרוי דעם יעניגען, וועלכער וועט איהר ערצעהלען די קליגסטע און שענדליכסטע טאַט פון זיין לעבען. דער פרעכער גנב האָט בעשלאָסען דעם קעניג ווידער אָפּצונאַרען. ער איז געקומען צו דעם קעניג'ס טאָכטער און האָט איהר ערצעהלט, דאָס זיין שענדליכסטע טאַט איז געווען, וואָס ער האָט ערמאָרדעט זיין ברודער אין דעם קעניג'ס שאַץ־קאַמער, און זיין קליגסטע טאַט איז געווען, וואָס ער האָט די וועכטער פער'שכור'ט און דעם טויטען קערפּער ארויסגע'גנב'עט. די פּרינצעסין האָט איהם באַלד אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, אָבער צו איהר פערוואונדערונג איז ביי איהר געבליבען די האַנט פון דעם טויטען ברודער און דער כיטרער גנב איז ענטלאָפען. דער קלוגער גנב האָט פערשטאַנען דעם קעניג'ס שפּיצעל און האָט איהם בעצאָהלט מיט א גרעסערען און קליגערן שפּיצעל. ווען ער איז געגאַנגען צו דער פּרינצעסין האָט ער אָפּגעשניטען די האַנד פון זיין טויטען ברודער און האָט זי בעהאַלטען אונטער'ן מאַנטעל. דער קעניג איז געוואָרען אָפּהענטיג און זיין צאָרן איז איבערגעגאַנגען אין בעוואונדערונג פיר די חכמה פון דעם כיטרען גנב. ער האָט געלאָזען וויסען, דאָס ווען ער וועט זיך מודה זיין, וועט ער איהם ניט נאָר פערצייהען זיין פערברעכען, נאָר ער וועט איהם אויך גוט בעלוינען. דער גנב האָט געטרויט דעם קעניג'ס וואָרט און האָט איהם אַלין אָפען אויסגעזאָגט, און דער קעניג האָט איהם אַלס דעם קליגסטען מענשען פון דער וועלט געגעבען זיין טאָכטער פיר א פּרוי.

אויב דיזע מעשה איז אַן אמת, אָדער זי איז נאָר אַן אויסגעטראַכטע, קען מען גענוי ניט בעשטימען. אָבער די שאַץ־קאַמער פון דעם קעניג רהאַמפּסעניט האָט מען ווירקליך ענטדעקט אין מעדינעט־אַבו און דאָרט האָט מען אויך געפונען פערצייכניסען פון די טייערע זאַכען און אוצרות, וועלכע האָבען זיך אַמאָל דאָרט געפונען.

ראַמסעס דער 3טער האָט פיעל מאָל צוריקגעשלאָגען די בעפאַלען פון פערשיידענע פעלקערשאַפטען אין צפון־מזרח און מערב פון עגיפּטען. ער האָט אויך געוואונען פיעלע זיגען אויף דעם ים איבער די איינוואוינער אויף די ברעגען פון דעם רויטען מעער (ים סוף). ער האָט אויך געבויט גרויס־אַרטיגע מאָנומענט־ען נאָך דעם ביישפּיל פון די בעריהמטע פריהערדיגע קעניגען.

אָבער די שטענדיגע מלחמות און די פערשוועדונג פון דעם פאָלק'ס קראַפט אויף אויסצובויען אונגעהייער גרויסע בנינים האָבען דאָס לאַנד שוואַך געמאַכט. ניט ראַמסעס דער 4טער, דער זוהן פון ראַמסעס דעם 3טען, און ניט די דריי קעניגען פון זיין הויז, וואָס האָבען געהערשט נאָך איהם, האָבען געקענט אויפהאַלטען דעם פריהערדיגען גלאַנץ פון זייער רעזידענץ טהעבען. דאָס גאַנצע לאַנד איז שוואַך געוואָרען. די לעבענס־קראַפט פון דער עגיפּטישער קולטור, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אין אַ צייט פון טויזענד יאָהר, איז געקומען צו אַן ענדע. די אונענדליכע פער־שקלאַפונג פון ארבייט האָט אונטערגעגראָבען דעם פונדאַמענט פון לאַנד. די הערשאַפט פון טהעבען איז פערשוואונדען געוואָרען. נאָר אין דעם אונ־טערן עגיפּטען האָבען זיך נאָך אויפגעהויבען אייניגע דינאַסטיעס, צום מעהרסטען קעניגען פון פּריסטער־שטאַנד, וועלכע האָבען געגרינדעט זייער רעזידענץ אין סאַאיס. מיט דער 21טער דינאַסטיע איז אונטער־עגיפּטען ווידער אַרויף אויף די ביהנע פון דער געשכטע.

די געשיכטע פון יענער צייט איז אָבער זעהר דונקעל. מיר הערען נאָר פון דעם ערסטען קעניג פון דער 22טער דינאַסטיע ש ע ש אָ נ ק דעם 1 ט ע ן (אין דער ביבעל: ש י ש ק), וועלכער איז אַרויף אויף דעם טראָן אַלס פיהרער פון אַ רעוואָלוציאָן. דיזער קעניג האָט אונטערגענומען אַ מלחמה געגען דעם אידישען קעניג רחבעם, דעם זוהן פון שלמה המלך, און האָט אין דעם יאָהר 971 פ. קר. בעזיגט ירושלים און אויסגערויבט די אוצרות פון טעמפּעל. ווייטער וויסען מיר פון איהם זעהר וועניג.

די מאַכט פון עגיפּטען איז אָבער אימער געוואָרען שוואַכער און שוואַ־כער. אין מיטען פון 8טען יאָהרהונדערט פ. קר. האָט דער עטהיאָפּישער קעניג ס אַ ב אַ ק אָ אונטערגעוואָרפען עגיפּטען אונטער זיין הערשאַפט און האָט דאָרט געגרינדעט די 25טע דינאַסטיע. נאָך איהם איז אַרויף אויף דעם עגיפּטישען טראָן זיין זוהן ס ע ב י כ אָ ס. אָבער דער נעכסטער קעניג ת ר ה ק ה (700 — 672 פ. קר.), ווי די גריכישע היסטאָריקער ערצעהלען, איז פון די עגיפּטער אַראָפּגעזעצט געוואָרען און האָט זיך צו־

ריקגעקעהרט נאָך עטהיאָפּיען. דאָרט האָט ער געגרינדעט דאָס קעניגרייך מ ע ר אָ ע, וועלכעס מען האָט פריהער גערעכענט פיר דעם ערסטען אָרט פון דער עגיפּטישער קולטור, אָבער דאָס איז פאַלש. אסירישע בעריכטען ערצעהלען, דאָס דער אַסירישער קעניג אסר־חדון (690 — 667) האָט בעזיגט עגיפּטען און עס געמאַכט אונטערטעניג אונטער איהם און דערנאָך אונטער זיין זוהן אַסור־באַן־האַבאַל. נאָך דיזע בעריכטען איז תרהקה ניט געשמירצט געוואָרען פון די עגיפּטער, נאָר פון די אַסיריער.

די אַסיריער האָבען איינגעטיילט עגיפּטען אין צוואַנציג גובערניעס. איינער פון די גובערנאַטאָרען, פּסאַמעטיך, האָט זיך אויפגעהויבען געגען דער אַסירישער הערשאַפט און האָט אַלס פ ס א מ ע ט י ך ד ע ר 1 ט ע ר (653 — 610 פ. קר.) וויעדער געגרינדעט אַ היימישע דינאַסטיע, די 26טע, וועלכע האָט געהאַט סאַאיס אַלס איהר רעזידעניץ. פּסאַמעטיך דער 1טער איז אַרויף אויף׳ן טראָן מיט דער הילף פון פרעמדע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געווען פיעל געשיקטער און מוטיגער פון די עגיפּטישע סאָל-דאַטען, און מיט זייער הילף האָט ער אויך די אַנדערע עגיפּטישע פירסטען אונטערגעוואָרפען אונטער זיין מאַכט. עגיפּטען איז וויעדער געוואָרען אַ פרייע, זעלבשטענדיגע מדינה. אָבער די הילף פון די פרעמדע סאָלדאַטען האָט מיט זיך געבראַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס אין לאַנד. דיזע פרעמדע עלע-מענטען האָבען געצוואונגען עגיפּטען אַרויסצוטרעטען פון איהר ביזהעריגער אָפּגעשלאָסענקייט און קומען אין אַ גרעסערען און ענגערען פערקעהר מיט אויסלאַנד. די עגיפּטער האָבען מיט זייער גאַנצער קראַפט פּראָטעסטירט געגען דיזער ענדערונג. די פּריווילעגיעס, וואָס די רעגירונג האָט געגעבען צו די פרעמדע, האָט שטאַרק אויפגערעגט דאָס מיליטער און 200,000 היימישע סאָלדאַטען האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך עטהיאָפּיען. פּסאַמעטיך איז אָבער געבליבען ביי זיינס און האָט פּאָרטגעזעצט זיין נייע פּאָליטיק. ער האָט גע-לענט פיעל געוויכט אויף דעם האַנדעל און די אינדוסטריע, וואָס די גרי-כען האָבען ענטוויקעלט אין לאַנד, און ער האָט געברויכט אַלע מיטלען זיי צו־צו־ציהען. ער האָט פיר די גריכען געעפענט פערשיידענע האַפענס און זיי האָבען זיך דאָרט בעזעצט אין אַ גרויסער צאָהל, איבערהויפּט אין נ א ו ק ר א ט י ס. אויך די היימישע קונסט האָט אונטער זיין רעגירונג נאָך אַמאָל אויפגעבליהט. זיינע פּלענער צו פערשפּרייטען זיין הערשאַפט צו מזרח זיינען איהם ניט אין גאַנצען געלונגען. אין אַ לאַנגען, פערביסע-נעם קאַמף האָט ער בעזיגט די סיריער, אָבער דאָס איז געווען זיין איינצי-גער זיג, ווייל ער איז באַלד נאָך דעם געשטאָרבען.

זיין זוהן נ כ ה ד ע ר 1 ט ע ר (610—595 פ. קר.) האָט ווידער אויפגענומען די פּלענער איינצונעהמען אנדערע מדינות. ער איז אפילו אומגעגאנגען מיט דעם געדאנק איינצונעהמען באַבילאָניען. צוערסט האָט ער בעקעמפט די אידען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט געגען איהם אונטער דער רעגירונג פון זייער קעניג יאשיהו; ער האָט זיי בעזיגט ביי מגידו (600 פ. קר.) און זיי האָבען איהם געמוזט צאָהלען טריבוט. ער האָט אויך געמאַכט אונטערטעניג אַלע לענדער ביז דעם טייך אייפראַט. אָבער די באַבילאָניער אונטער נבוכדנאצר'ן האָט בעזיגט זיין אַרמעע נעבען כרכמייש ביים אייפראַט און האָבען אָפּגענומען פון איהם אַלע לענדער, וועלכע ער האָט געמאַכט אונטערטעניג אונטער זיך.

נכה'ס זוהן, פ ס א מ ע ט י ך ד ע ר 2 ט ע ר (595—589 פ. קר.), האָט אונטערגענומען א קריגס־צוג געגען עטהיאָפּיען, אָבער עס זיינען ניטאָ קיין צופערלעסיגע נאַכריכטען וועגען דעם, מיט וואָס דיזער פעלד־צוג האָט זיך געענדיגט, אויך וויסען מיר גאָרניט וועגען זיין איבעריגער טעטיגקייט.

נכה'ס אייניקעל, ח פ ר ע אָדער אַפּריעס (589 — 570 פ. קר.), האָט געפיהרט קריג מיט די פעניציער, אָבער אָהן ערפאָלג. קורץ נאָך דעם האָט ער געוואָלט קומען צו הילף דעם אידישען קעניג צדקיהו געגען באַבילאָניען, אָבער נבוכדנאצר האָט איהם אין גאנצען צושלאָגען. זיין אונטערגאנג האָט ער געקריגען דורך א קריגס־צוג, וועלכען ער האָט געמאַכט געגען קירענע, א גריכישע שטאָדט אין ליביען. אזוי ווי ער האָט מורא געהאַט אַרויסצושטעלען זיינע גריכישע סאָלדאַטען געגען זייערע לאַנדסלייט, האָט ער בענוצט עגיפּטישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געליטען א שרעקליכע נידערלאַגע. צווישען די עגיפּטער האָט דעריבער אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד און דאָס מיליטער האָט עו'נאַנט אַלס קעניג איינעם פון זיינע גענעראַלען מיט'ן נאָמען א מ א ס י ס. עס איז צווישען אמאַסיס און חפרע געקומען צו א קאַמף, אין וועלכען דער לעצטער איז בעזיגט געוואָרען און גענומען געוואָרען אין פּלען. חפרע איז געבראַכט געוואָרען נאָך דער רעזידענץ־שטאָדט סאַאיס, וואו אַן ערביטערטע, אויפגערעגטע מאַסע האָט איהם דערוואָרגען.

אמאַסיס איז געווען דער לעצטער עגיפּטישער ענערגישער קעניג. ער האָט געשטאַמט פון א נידריגער פאַמיליע, ער האָט אָבער מיט זיין הויכען פערשטאַנד און מיט זיינע פרייע מאַנירען געוואונען א גרויסען איינפלוס נאָך זייענדיג אין דער אַרמעע. ער האָט געהייראַט די טאָכטער פון פסאמעטיך דעם 2טען און דאָס האָט איהם געגעבען א מין געזעצליכעס רעכט אויף

דעם עגיפּטישען טראָן; אָבער אויך אָהן דעם האָט ער געוואונען די ליבע און אַכטונג פון דעם עגיפּטישען פאָלק צוליב זיין אויסגעצייכענטער רע-גירונג, אונטער וועלכער האַנדעל און אינדוסטריע האָבען געמאַכט גוואַלדיגען פאָרשריט. ער האָט בעזונדערס פיעל געטאָן צו הייבען דעם פערקעהר, ער האָט געלאָזען אויסבעסערן און פערגרעסערן דאָס גאַנצע קאַנאַל-סיסטעם און האָט געשלאָסען האַנדעלס-טראַקטאַטען מיט פערשיידענע גריכישע שטאַאַ-טען. אזוי ווי זיינע פאָרגעגנגער האָט ער אויך גוט פערשטאַנען די הויכע בעדייטונג פון דעם גריכישען איינפלוס אויף די היימישע קולטור. ער האָט ערלויבט די גריכען זיך בעזעצען אין עגיפּטען, ער האָט זיי אפילו ערלויבט דאָ צו בויען אייגענע טעמפּלען און עפענטליך צו האַלטען זייער רעליגיאָנס-דינסט. עגיפּטען האָט געשיינט דאַמאָלס צו-זיין אין אַ נייער בליהונגס-צייט. העראָדאָט בעהויפּטעט, דאָס אונטער אַמאַסיס' רעגירונג האָט עגיפּ-טען זיך געפונען אין אַ זעהר גליקליכען צושטאַנד, אזוי דאָס אין זיין צייט זיינען געווען אין לאַנד 20,000 בעוואוינטע שטעדט. די גרעסטע שטעדט זיינען געלעגען אין דער דעלטאַ *), און צווישען זיי איז די רעזידענץ סאַאיס געווען די וויכטיגסטע. די גרעסטע בעפעלקערונג האָט געהאַט מעמפיס. אַמאַסיס האָט אין סאַאיס געלאָזען אויפשטעלען גרויסאַרטיגע געביידעס, וועלכע האָבען אין שענקייט, גרויסקייט און קוואַליטעט פון מאַטעריאַל אי-בערגעטראָפען אַלע אַנדערע. ער האָט געלאָזען ברייגגען גוואַלדיג גרויסע גראַניט-שטיינער פון דער אינזעל עלעפאַנטינע איבער'ן נילוס נאָך סאַאיס, וואָס זייער טראַנספּאָרט האָט בעשעפטיגט טויזענדער מענשען יאָהרען לאַנג.

די אונגעוועהנליכע ליבע פיר אַלץ, וואָס קומט פון גריכענלאַנד, האָט געפיהרט דערצו, דאָס אַמאַסיס האָט געשלאָסען פריינדליכע טראַקטאַטען מיט פערשיידענע גריכישע פירסטען. צום מעהרסטען זיינען אונז בעקאַנט זיינע פריינדליכע בעציהונגען צו פּ אָ ל י ק ר אַ ט ע ס, דער הערשער פון דער אינזעל סאַמאָס, וועגען וועלכע העראָדאָט ערצעהלט אונז אַ זעהר אינטערעסאַנטע געשיכטע. די פערסיער האָבען שוין געהאַט איינגענומען די אינזלען כיאָס און לעסבאָס און האָבען זיי געבראַכט אונטער זייער הער-שאַפט. נאָר סאַמאָס איז נאָך געבליבען אונטער פּאָליקראַטעס, וועלכער

*) אַזוי הייסט אַ דריי-עקיגע אינזעל, וועלכע בילדעט זיך צווישען צוויי מינ-דונגען פון אַ טייך (פון דעם גריכישען בוכשטאַב ד ע ל ט אַ, וועלכער האָט די פאָרמע פון אַ דריי-עק). היר איז געמיינט די טעריטאָריע צווישען די מינדונגען פון דעם נילוס.

האָט זיך דאַמאָלס גערעכענט פיר דעם גליקליכסטען מענשען אין דער וועלט. זיין פריינד אַמאַסיס, וועלכער איז געוועזען איבערצייגט, דאָס די הצלחה פון דיזער וועלט האָט ניט קיין קיום, און האָט מורא געהאַט, דאָס די געטער וועלען איהם דיזע הצלחה מקנא זיין און איהם פערפאָלגען, האָט געראַטען פּאָלי-קראַטעס'ן, ער זאָל זיך אַליין אָנטאָן א "שמעריז", אום אויסצומיידען די קנאה פון די געטער. פּאָליקראַטעס האָט געפאָלגט די עצה פון זיין פריינד און האָט אַריינגעוואָרפען אין ים א טייערן רינג, וועלכער איז איהם געוועזען ליבער פון אַלע זיינע אוצרות. אין עטליכע טעג ארום האָט א פישער גע-בראַכט צו פּאָליקראַטעס'ן א מתנה, א זעהר שענעם פיש, וועלכען ער האָט געפאַנגען אין ים. ווען מען האָט דעם פיש גענומען פערטיג מאַכען צום קאָכען, האָט מען אין זיין בויך געפונען דעם טייערן רינג, וואָס פּאָליקראַ-טעס האָט אין ים אַריינגעוואָרפען. פּאָליקראַטעס האָט אין דעם געזעהן א צייכען, דאָס די געטער זיינען צו איהם פריינדליך, און האָט דאָס מיט שמחה געגעבען צו וויסען זיין פריינד, אַמאַסיס. דיזער האָט זיך שטאַרק דערשראָ-קען פאַר דיזען אונגעוועהנליכען גליק, ווייל ער האָט געגלויבט, דאָס זיין פריינד פּאָליקראַטעס'ן ערוואַרטעט יעצט נאָך א פיעל גרעסערער אונגליק. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פריינדשאַפט צו איהם אום ניט צו וויסען פון זיין ביטערען סוף. ווי העראָדאָט ערצעהלט, האָט פּאָליקראַטעס געהאַט א טרויעריגען סוף: ער איז געפאַלען דורך א פערסיער, וועלכער האָט איהם דערוואָרגען.

אָבער אויך אַמאַסיס האָט דערפיהלט, אז גליק איז ניט קיין אייביגע זאַך. אַלע מיה, וואָס ער האָט זיך געגעבען, עגיפּטען צו ברייננגען אויף די הויבע שטופע פון מאַכט און גלאַנץ, אויף וועלכער זי איז געשטאַנען אין די אַלטע צייטען, האָבען איהם ניט געהאָלפען אָפּצוהאַלטען דעם שטורם, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס אויפגעהויבען אין די מזרח=לענדער און האָט אויך עגיפּטען אויף אימער בערויבט פון איהר זעלבשטענדיגקייט. די קרעפ-טען פון די אַלטע חאַמיטישע און סעמיטישע פעלקער זיינען אויסגעשעפּט געוואָרען און אויף די ביהנע פון דער געשיכטע זיינען אַרויף די פעלקער פון מעדיען און פערסיען (מדי און פרס), וועלכע זיינען געווען פון ארישער אָפּשטאַמונג. צירוס (כורש) האָט געגרינדעט א גרויסע פערסישע מלוכה, און זיין זוהן קאַמביסעס האָט גלייך נאָך דעם, ווי ער איז אַרויף אויף דעם טראָן, אונטערגענומען א קריגס=צוג געגען עגיפּטען. אַמאַסיס איז אין דער צייט פון דיזען קריגס=צוג געשטאָרבען און זיינע אויגען האָבען ניט געזעהן דעם פינסטערן סוף פון זיין מלוכה. זיין זוהן פּ ס א מ ע נ י ט (פּסאַ=

מעמיך דער 3טער) האָט זיין טראָן געמוזט אָפּרעטען צו די פּערסיער אַזוי באַלד, ווי ער האָט איהם בעשטיגען. ביי דער שטאָדט פּעלוסיום האָבען די ביידע אַרמעען, די עגיפּטישע און די פּערסישע, זיך בעגעגענט. עס איז פאָרגעקומען אַ ביטערע שלאַכט, אין וועלכער די עגיפּטער האָבען געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע און האָבען געמוזט זיך צוריקציהען נאָך מעמפיס. אָבער די פּערסיער האָבען באַלד אויך דיזע שטאָדט איינגענומען און האָבען דאָרט גענומען געפאַנגען דעם קעניג מיט זיין מיליטער. זעקס חדשים נאָך זיין פאָטער'ס טויט איז פּסאַמעניט געבראַכט געוואָרען אַ געפאַנגענער נאָך פּערסיען. עגיפּטען האָט אויפגעהערט צו זיין אַ זעלבשטענדיגע מלוכה; זי איז ה"ד די נעכסטע צוויי הונדערט יאָהר געבליבען אַ פּערסישע פּראָווינץ.

די עגיפּטישע עקאָנאָמיע. דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון עגיפּטען האָט פיר אונז דעם זעלביגען אינטערעס ווי דער פּאָליטישער. עס איז אַ גרויסער וואונדער, וואָס די עגיפּטער זיינען געשטאַנען טויזענדער יאָהרען אויף אַזאַ הויכער שטופע פון קולטור, הגם די קרעפטען פון פאָלק זיינען פערשווענדט געוואָרען אויף אוננוצליכע פּראַכט-געביידעס און דאָס לאַנד האָט געזיפצט אונטער שקלאַפעריי און אונטערדריקונג. דאָס רייכטום פון לאַנד, ווייזט אויס, איז געוועזען אונגעהייער גרויס, אונערשעפּליך, ווען עס האָט געקענט אימער היילען די וואונדען, וואָס דאָס פאָלק האָט זעהר אָפט בעקומען פון דער טיראַניי פון זיינע קעניגען. די וואונדערבאַרע שעפערישע קראַפט פון עגיפּטישען פאָלק, זיין ערפינדערישער גייסט, האָט געמוזט זיין זעהר גרויס און ערהאַבען, ווען דיזע אַלע וואונדען זיינע האָבען איהם ניט געשטערט צו זיין דאָס העכסטע קולטור-פאָלק אין דער אַלטער וועלט. דערביי דאַרפען מיר אויך גערענקען, דאָס די עגיפּטער האָבען ניט געפונען פיר זיך קיין הויכע קולטורען, פון וועלכע זיי זאָלען זיך לערנען. אַלץ האָבען זיי נאָר זיך אַליין צו פערדאַנקען. דאָס עגיפּטישע פאָלק האָט בעזעסען אַן אונגעוועהנליכע שעפערישע קראַפט. ווען מיר זאָלען נאָך בעטראַכטען, ווי שווער עס איז אָנגעקומען די ערסטע מענשען צו מאַכען די נויטווענדיגע ערפינדונגען, און ווי לאַנגזאַם עס זיינען צוגעגאַנגען די ערסטע ערפינדונגען, וועט דאָס אין אונז ערוועקען נאָך מעהר בעוואונדערונג איבער אַלץ, וואָס די עגיפּטער האָבען געשאַפען אויף דעם פעלד פון קולטור, ניט האָבענדיג פאַר זיך קיין ביישפּיל. אפילו ווען מיר פערגלייכען די עגיפּטישע קולטור מיט אונזער היינטיגער, מאָדערנער קולטור, איז זי נאָך אַלץ פיר אונז אַ וואונדער. עס איז זיכער, דאָס די עגיפּטישע קולטור האָט ענטהאַלטען אין זיך די קערנער פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישע קולטור.

די עלטעסטע און בעסטע קוועלע פיר עקסיסטענץ איז ביי די עגיפּטער געווען דער אקער־בוי. די איבערשוועמונגען פון דעם נילוס האָבען נאָך ניט, ווי אנדערע דענקען, אויפגעטאָן אַליין, וואָס עס איז געווען נעטיג אום דעם באָדען פרוכטבאר צו מאכען; מען האָט נאָך אחוץ דעם געמוזט פיעל טאָן אום דיזען רעזולטאט צו בעקומען. די ערד־ארבייט איז דאמאָלס געווען אויף דעם זעלביגען שטייגער ווי אין מאנכע לענדער נאָך היינט. די סאָכע איז געווען פון האָלץ, די זריעה האָבען איינגעטראָטען חזירים אָדער שאָף. דרעשען די גארבען פלעגט מען מיט אייזלען. אויף פיה־צוכט און וויין־ארבייט האָבען געבליהט אין עגיפּטען. פערשיידענע בילדער ווייזען אונז, ווי אזוי די עגיפּטער האָבען געפלאנצט וויין־טרויבען, געמאכט וויין און איהם געהאַלטען אין קריגלאך. די בעארבייטונג פון וויין איז ביי זיי צוגעגאנגען אויף דעם זעלביגען שטייגער ווי ביי די רוימער.

די בילדער, וואָס מען געפינט נאָך היינט אין די עגיפּטישע קברים, גיבען אונז א קלאָרען בעגריף פון דער טעטיגקייט פון די אַלטע עגיפּטער. זיי ווייזען, דאָס אויסער דער ערד־ארבייט האָבען זיי זיך אויך בעשעפטיגט מיט אינדוסטריע, וועלכע האָט שוין אין די אַלטע צייטען דערגרייכט א הויכע שטופע. ביי די עגיפּטער איז שוין געווען איינגעפיהרט ארבייטס־טיילונג. געוויסע סאָרטען ארבייט זיינען איבערגעגאנגען בירושה פון איין דור צום אנדערן אין דער זעלביגער פאמיליע, אזוי דאָס דיזע סאָרטען ארבייט האָבען זיך אין דער פאמיליע אַליין מעהר און בעסער ענטוויקעלט.

שוין אין אַלטע צייטען איז געווען בעקאנט דאָס שרייב־מאטעריאַל, וואָס די עגיפּטער האָבען ערפונדען. דאָס איז דער פאפּירוס, א שרייב־מאטעריאַל געמאכט פון א פלאנץ מיט דיזען נאָמען. אונזער שרייב־מאַטעריאַל, פּאַפּיר, טראָגט דעם זעלביגען נאָמען, הגם עס איז געמאכט פון א גאנץ אנדערן שטאָף.

די עגיפּטער זיינען געווען גרויסע קינסטלער צו מאכען לייווענטען, וועלכע זיינען געווען אזוי פיין, אזוי עדעל, דאָס זיי זיינען געווען אזוי גוט ווי אונזערע זיידענע שטאָפען. אין אַלטע צייטען איז געווען בעריהמט א געוויסער שטאָף ב י ס ו ס (אין דער ביבעל: בוץ), וועלכען מען האָט געמאכט פון פלאַקס אָדער פון באַוועל. אויך אין לעדער־ארבייט האָבען די עגיפּטער בעוויזען גרויסע קונסט. די עגיפּטער האָבען געוואוסט צו מאכען גלאָז און גלעזערנע געשיר שוין מיט 3,500 יאָהר צוריק. זיי האָבען אפילו אויך געקענט מאכען פון גלאָז פאלשע דימענטען, וועלכע עס איז שווער געווען צו אונטערשיידען פון אמת׳ע. מען געפינט יעצט אזעלכע זאכען פון גלאָז, וועל-

כע בעוויזען, דאָס אין די אַלטע צייטען פלעגט מען אין עגיפּטען מאַכען פערשיידענע טייערע כלים און צירונגען פון גלאָז. גלעזערנע פּערל און קרענץ, ווי עס שיינט, זיינען ביי זיי געווען אַ הויפּט־צווייג פון פאַבריקאַציאָן.

מיר האָבען אויך בעוויזען, דאָס שוין אין די אור־אַלטע צייטען האָבען די עגיפּטער בעזעסען די קונסט פון ט ע פּ ע ר י י. די בילדער, וואָס מיר געפינען אויף עגיפּטישע רואינען, ווייזען צילינדער־פערמיגע אויוועגס, אין וועלכע מען האָט געברענט די לעהמענע כלים.

זעהר אינטערעסאַנטע בילדער געפינען זיך, וועלכע ווייזען, ווי די עגיפּ-טער פלעגען בעאַרבייטען גאָלד פיר שמוק־זאַכען. מיר זעהען, ווי זיי האָבען דאָס גאָלד געוואַשען, דורכגעזייהט און דערנאָך געשמאָלצען אין ספּעציעל דערצו געמאַכטע אויוועגס. דיזע אַרבייט איז געטאָן געוואָרען אונטער דער קאָנטראָל פון קעניגליכע אויפזעהער, וועלכע האָבען דאָס גאָלד אָפּגעוואויגען און פערצייכענט.

דער שיפען־בוי איז אין עגיפּטען געווען זעהר פריה ענטוויקעלט. די ערסטע שיפלאַך זיינען געמאַכט געוואָרען פון פּאַפּירוס־שטעקלאַך און האָ-בען הויפּטזעכליך געדינט צום פיש־פאַנג, צוליב זייער לייכטקייט. שפּעטער האָט מען אָנגעפאַנגען צו בויען שיפען פון האָלץ. די האָלץ־שיפען זיינען געווען שיפען צום פיהרען פּאַסאַזשירען, שיפען צום טראַנספּאָרטירען משאות א. אַז. וו. די ערסטע שיפען האָבען געהאַט נאָר איין זעגעל, די שפּעטערדיגע אָבער האָבען שוין געהאַט מעהר פון איינעם. עס געפינען זיך בילדער, וועל-כע ווייזען, ווי מען פלעגט אָנלאָדען די שיפען. מען קען זאָגען, דאָס אין טעכניק זיינען די אַלטע עגיפּטער געשטאַנען ניט נידריגער פון אונז איידער מיר האָבען געוואוסט פון דאַמפּ־קראַפט און עלעקטריציטעט. ווי ווייט זיי זיינען געווען ערפינדעריש קען מען זעהן פון דעם, דאָס די העכסטע שפּיצען פון דעם טעמפּעל פון דענדעראה זיינען געווען בעדעקט מיט קופּער, „אום— ווי די אינשריפט אין יענעם טעמפּעל ערקלערט —צו צובּ־עכען די שטורם־ וועטערן אויף'ן הימעל". ווי מען זעהט האָבען די עגיפּטער אַ סך פריהער פון אונז שוין געוואוסט פון אַ דונער־ און בליץ־אָפּלייטער.

אויסגעצייכענט האָבען זיך די עגיפּטער איבערהויפּט מיט זייערע וואַ-סער־בויוועדק. אַזוי ווי דער נילוס איז געווען דער קוואַל פון ברכה פיר דאָס גאַנצע לאַנד (ווי ער איז נאָך אויך היינט), האָט מען געזוכט איהם אויסצונוצען ווי ווייט מעגליך. מען האָט אויסגעבויט נ י ל ו ס ־ מ ע ס - ט ע ר ס אויף דער אינזעל עלעפאַנטינע און אויף דער אינזעל ראָדאַ, וועלכע האָבען געצייגט דעם וואַסער־שטאַנד פון דיזען מערקווירדיגען טייך

און די שווענקונג פון זיין וואסער, ווען די איבערשווימונג פאנגט זיך אן. אזוי ווי די איבערשוועמונג פון דעם נילוס האט ניט דערגרייכט אלע ערטער, האט מען געגראבען קאנאלען אום זיין וואסער צו פיהרען וואו נאר מען האט עס נעטיג געהאט. מען האט דעם נילוס פערבונדען דורך א קאנאל מיט'ן רויטען מעער (ים סוף) שוין 13 הונדערט יאהר פ. קר. א גרויסער טייל פון דיזע קאנאלען ווערט נאך היינט־צו־טאג בענוצט אין אויבער־עגיפטען. דאס עגיפטישע קאנאל־סיסטעם איז געווען אזוי פראקטיש, דאס דיזעס לאנד האט קיינמאל ניט געליטען פון וואסער־מאנגעל אפילו דאן, ווען די איבערשוועמונג פון נילוס איז געווען קליין.

פון דער אנדערער זייט איז מען אויך געווען געצוואונגען צו בויען דאמען אדער וואסער־ווענד אום צו פערהיטען, אז דער נילוס אין דער צייט פון זיין איבערשוועמונג זאל ניט פערטרינקען די בעזעעטע פעלדער און ניט פערדארבען די תבואות. צו דעם זעלביגען צוועק האט אמענעמהא דער 3טער געמאכט א קינסטליכען זעע (אזיערע), וועלכער איז בעקאנט אונטער דעם נאמען מארים. דיזער זעע האט אריינגענומען אין זיך די איבעריגע וואסער־מאסע פון דער איבערשוועמונג און אין פאל פון נויט זי אפגעגעבען צוריק. עס פערשטעהט זיך, דאס דיזער זעע האט געמוזט זיין זעהר גרויס אום ער זאל קענען ענטהאלטען אין זיך די גרויסע מאסע וואסער פון דער איבערשוועמונג. דער מארים־זעע איז ווירקליך געווען זעהר גרויס; זיין שטח ווערט געשאצט אויף 400 קוואדראט קילאמעטער. דער בעריכט ועגען דיזען קינסטליכען זעע שטאמט פון הערארא'ן, נאך די נייערע פארשער איז דיזע געשיכטע ניט מעהר ווי א פאבעל. אום העכערע ערטער צו בעוועסערן האבען די עגיפטער זיך בעדינט מיט וואסער־רעדער און שעפ־ברונענכ. אין קערב פון ראהר בעשמירט מיט לעהם פלעגען זיי מיט ווינדעס און רעדער ארויפציהען וואסער פון די ברונענס אויף די הויכע ערטער. דורך דיזע מיטלען איז עגיפטען געווארען די קארן־קאמער פון דער אלטער וועלט. און דעריבער איז זי אויך געווען לעבענס־פעהיג, שטארק און אונאפהענגיג, ווי קיין אנדער פאלק אין דער וועלט, אויסער כינא. די שאפונגס־קראפט, די פראדוקציאן פון א לאנד און פון א פאלק איז דער הויפט־יסוד פון זייער קולטור.

די אונגעוועהנליכע קולטור־פעהיגקייט פון די עגיפטער ווייזט זיך אויך ארויס אויף די העכערע פעלדער פון קונסט און וויסענשאפט.

די בוי־קונסט. די עגיפטישע ארכיטעקטור בעצויבערט אונז ניט נאר מיט איהרע קאלאסאלע, גוואלדיג־גרויסע פארמעס, נאר מיט דער פאל-

קאָמענהייט פון די פּראָפּאָרציאָנען פון דיזע פאָרמעס. די סקולפּטורען פון די עגיפּטער מעגען זיך ניט האָבען קיין קלאַסישען ווערט, אָבער זייערע קאָלאָ-סאַלע געביידעס טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון העכסטער קונסט. זיי פּערדינען אָבער נאָך מעהר אונזער בעוואונדערונג מיט דעם, וואָס זיי זיינען דער אָריגינעלער פּראָדוקט פון דעם עגיפּטישען פאָלק, וועלכעס האָט פיר דיזע זיינע בעשאַפונגען פאַר זיך ניט געהאַט קיין מוס-טער פון אַנדערע. דאָס בעווייזט אונז, אז די עגיפּטער האָבען בעזעסען א ריזיגען שעפּערישען גייסט.



דורכגענג און קבר־קאַמער אין דער פּיראַמידע פון דעם קעניג פאַפי דעם 1טען.

דיזען מערקווירדיגען שעפּערישען גייסט פון די עגיפּטער ווייזען שוין זייערע עלטעסטע בוי־ווערק, די פּיראַמידעס, וועלכע זיינען די עלטעסטע קונסט־מאָנומענטען אין דער וועלט. די דריי גרעסטע פּיראַמידעס געפינען זיך ביי דער היינטיגער שטאָדט גיזעה, וועלכע ליגט אויף דעם אָרט פון דעם טויטען־פעלד פון דער אַלטער שטאָדט מעמפיס. די פיער זייטען פון יעדער פּיראַמידע זיינען גענוי געשטעלט צו די פיער זייטען פון דער וועלט (מזרח, מערב, צפון, דרום). פערשייהענע דורכגענג פיהרען צו דעם צימער פון קבר, אין וועלכען עס געפינט זיך דער סאַרקאָפאַג (אָרון) פון דעם קע-

ניג, וואָס האָט געלאָזען בויען די פּיראַמידע. די נעבען־שטעהענדע פיגור ווייזט די אינוועניגסטע דורכגענג און די קאַמער פון קבר אין דער פּיראַמידע פון דעם קעניג פּאַפּי דעם 1טען. די פּיראַמידע פון דעם קעניג חופו ענט־האַלט 3 קאַמערן, פון וועלכע די אונטערסטע איז איינגעהאַקט טיף אין דעם פעלזיגען באָדען. די וועגט פון דיזע קאַמערן זיינען גלאַט געפּאָלירט און זיינען בעמאָלט מיט סצענעס פון דעם לעבען פון דעם פערשטאָרבענעם קעניג אָדער מיט געטער־בילדער.

די אינוועניגסטע דורכגענג און די קברים־קאַמערן פון די פּיראַמידעס ציינען וואונדערליכע טעכנישע קענטניסען. די גענוי בערעכענטע פּראָפּאָר־ציאָנען פון די געביידעס בעווייזען אונז, דאָס די בוי־מייסטערס האָבען אַלין געמאַכט מיט וויסענשאַפטליכע בערעכנונגען. נאָך מעהר איז צו שטוי־נען איבער די טעכניק פון דער בעאַרבייטונג. דער אַראַבישער שריפטשטעלער אַבדול־לאַטיף בעמערקט: די שטיינער ליגען איינער אויף דעם אַנדערן אָהן קיין צעמענט, אַזוי קונציג צוגעפּאַסט, דאָס „מען קען צווישען זיי ניט אריינשטעקען קיין נאָדעל, אַפילו ניט קיין האָאָר”. די גענויאיגקייט, מיט וועלכער די שטיינער זיינען בעהאַקט און צוגעפּאַסט איינער צום אַנדערן, וואָלט אויך אין היינטיגער צייט געווען שווער צו בעווייזען, הגם מיר האָבען היינט בעסערע ווערקצייג און מאַשינען.

דאָס גרעסטע מייסטער־ווערק פון די עגיפּטישע אַרכיטעקטען איז די אינוועניגסטע אַרבייט פון דער גרויסער פּיראַמידע פון דעם קעניג חופו אָדער כעאָפּס. אין איהר געפינט זיך אַ גרויסע גאַלעריע 8 מעטער הויך, 2 מעטער ברייט. די קאַמער פון דעם קבר איז פון גראַניט־שטיין און דער סאַרקאָפאַג (אָרון), אין וועלכען די ביינער פון חופו געפינען זיך, איז פון ראָזען־גראַניט.

אין קיין אָרט אין דער וועלט זיינען ביז היינטיגער צייט געביידעס ניט דורכגעפיהרט געוואָרען אַזוי מעכאַניש ריכטיג, ווי אין עגיפּטען. מיר קענען ניט פערשטעהן, וועלכע מעכאַנישע הילפס־מיטלען זיי האָבען בענוצט ביי דיזע ריזען־אַרבייטען, און מיר בעוואונדערן דעריבער די קראַפט און דאָס וויסען, וועלכע האָבען געהאָלפען דיזע געביידעס אויסצופיהרען. דעריבער וואונדערן מיר זיך אויך אויף די פערקעהרטקייט פון מענשליכע זאַ־כען: די געשיכטע פון די קעניגען, פון זייערע מלחמות און צושטערונגען איז אונז טריי איבערגעגעבען געוואָרען, און די געשיכטע פון די געוואַלדיגסטע שאַפונגען פון מענשליכען גייסט זוכען מיר אומזיסט. מיר ווייסען ניט פון דער געשיכטע פון די פּיראַמידעס, מיר ווייסען גאָרניט פון דער טעכניק

און וויסענשאַפט, וועלכע האָבען געהאָלפען שאַפען דיזע גרויסע זאַכען. צווישען אַלע בילדער און אינשריפטען איז אונז ניט פערבליבען קיין איינ־ציגער נאָמען פון די גרויסע עגיפּטישע מייסטערס, וועלכע האָבען געשאַפען דיזע גרויסאַרטיגע קונסט־אַרבייטען.

די אויסערע פאָרמעס פון די פּיראַמידעס ערוועקט אין אונז פערוואונ־דערונג איבער זייער אונגעהייערע גרויסקייט. די פּיראַמידעס זיינען געווען די קברים פון ערהאָבענע קעניגען, וועלכע מען האָט בעטראַכט אַלס די פּער־טרעטער פון גאָט אויף דער ערד—דעריבער האָט מען זיי געמאַכט זעהר הויך. זיי האָבען געדאַרפט שיצען די בוי־ווערק ביי'ם נילוס, זיי זאָלען ניט פערשאָטען ווערען פון דעם זאַמד פון דעם מדבר — דעריבער האָט מען געמאַכט די זייטען פון דיזע געביידעס משופּע. אין דער פאָרמע, וועל־כע ווערט אין געאָמעטריע בעצייכענט מיט דעם נאָמען פּיראַמידע.

די פאָרמע פון אַ פּיראַמידע איז אויך די הויפּט־פאָרמע פון אַלע אַנ־דערע מאָנומענטען אין עגיפּטען. אויך די אָ ב ע ל י ס ק ע ן, גרויסע שטיינערנע זיילען מיט אינשריפטען, און די פּ י ל אָ נ ע ן, טעמפּעל־טורמס פון דער שפּעטערער צייט, און אַלע עגיפּטישע בנינים האָבען געהאַט די פאָרמע פון פּיראַמידעס — אונטען ברייט און אויבען שפּיציג. די פּי־ראַמידעס זיינען געווען קברים נאָר פיר די קעניגען. די קברים פון פּרי־וואַט־לייט זיינען געווען איינפאַך, געוועהנליך פלעגט מען זיי איינהאַקען אין פעלז; פון פאָרנט איז געווען געמאַכט אַ קליינער טעמפּעל און ווייטער זיינען געווען געמאַכט לעכער אריינצושטעלען אין זיי די זאַרגען (ארונות) מיט די טויטע קערפּערס. אויף די ווענט פון דיזע קברים זיינען געווען בעמאָלט מיט פערשיידענע פיגורען.

בעזונדערס צייכנען זיך אויס די קברים־געביידעס פון דער 12טער די־נאַסטיע מיט דער אויסבילדונג פון זייערע ז י י ל ע ן. דיזע זיילען האָ־בען געהאַט די געשטאַלט פון דער לאָטאָס־בלום, פון דער פּאַפּירוס־פלאַנץ און פון דער פּאַלמע. דורך די אָפטע בענוצונג פון זיילען האָט זיך די עגיפּטישע בוי־קונסט געשטעלט אויף איין מדרגה מיט די העכסטע שאַפונגען פון אַלע פעלקער.

פון דער טעהבאַנישער בליהענדער צייט איז מעהר פון אַלץ צו בעוואונ־דערן די פּרעכטיגע טעמפּעל־געביידעס. דיזע געביידעס זיינען געוועהנליך אויפגעשטעלט אין מיטען פון אַ טעראַסע, וועלכע איז אַרומגערינגעלט מיט שטאַרקע מויערן. דער הויפּט־אַריינגאַנג האָט ביי ביידע זייטען פּילאָנען, ברייטע טורם־אַרטיגע געביידעס. דער קראַנץ־געזימס ביי דעם אַריינגאַנג איז

בעצירט מיט דער געפליגעלטער זון און מיט דער אורעאוס=שלאנג (דיזע שלאנג איז געווען דער סימבאל פון דער קעניגליכער ווירדע) ; דורך דעם טויער קומט מען אריין אין פאר=הויף, וועלכער איז ארומגערינגעלט פון זיילען. נאך דעם פאר=הויף קומט א זאאל, וועלכער איז דורך ענגע שורות פון זיילען



אנזיכט פון א טעמפעל פון דער הויך.

געטיילט אין מעהרערע אפטיילונגען, פון וועלכע די מיטעלסטע איז אפט העכער. הינטער דיזען זאאל געפינט זיך דאס געהיימניספולע הייליגטום, דער קדשי=קדשים, די קאמער מיט דעם בילד פון גאט ; דער גאנצער טעמ-פעל איז איינגעשלאסען אין גערטנער מיט וואסער=גראבענס. אין מיטען

פון דיזע גערטנער זיינען די הויפט־וועגען צום טעמפעל צו ביידע זייטען בעזעצט מיט אונגעהייער גרויסע ספינקסען, וועלכע מאכען אן אונגעהייערן איינדרוק. דאָס נעבען־שטעהענדע בילד ווייזט דעם פּלאן, לויט וועלכען די מעהרסטע טעמפּלען זיינען געוועזן געבויט.

דאָס גרויסאַרטיגסטע טעמפעל־געביידע איז געוועזן דער טעמפעל אין קאַרנאַק, וועלכער איז פערבונדען דורך אַן אַלעע פון קאָלאָסאַלע ספינקסען מיט דעם בעריהמטען טעמפעל פון לוקסאָר. ניט ווייט פון דיזער טעמפעל־גרופּע געפינט זיך דער טעמפעל פון ראַמסעס דעם גרויסען, דער אַזוי גענאַנ־טער „ראַמעסעאום", וועלכער רעכענט זיך פיר איינעם פון די שענסטע מאָנו־



א זאַאַל פון דעם ראַמעסעאום.

מענטען פון עגיפּטישער אַרכיטעקטור. מיר גיבען דאָ צוויי אַנזיכטען פון דיזען מערקווירדיגען בנין. צו מערב פון דיזער טעמפעל־גרופּע געפינען זיך נאָך יעצט די מערקווירדיגע רואינען פון דעם טעמפעל פון מעדינאַט־האַבו.

א בעזונדערן איינדרוק מאַכען אויף די בעזוכער פון דיזע פּלעצער די צוויי קאָלאָסאַלע סטאַטועס, וועלכע שטעלען פאָר צוויי זיצענדע קעניגען. איינע פון דיזע, וועלכע שטעלט פאָר דעם קעניג מעמנאָן, האָט לויט א גרי־כישער זאַגע יעדען מאָרגען פון זיך אַרויסגעגעבען א קלינגענדען טאָן. די זאַגע ערצעהלט, דאָס מעמנאָן האָט דורך דעם בעגריסט זיין מוטער, די געטין פון מאָרגען־ליכט. די זאַגע פון דעם קלינגענדען טאָן נעהמט זיך וואהרשיינ־

ליך פון דעם קנאַקען, וואָס מען הערט פון דער מעמנאָן־סטאַטוע, ווען איהר אויבערסטער טייל ווערט ערוואַרמט פון דער זון. ניט וועניגער גרויסאַרטיג זיינען די פעלזען־טעמפּלען, וועלכע זיינען גלייך ווי די אינדישע טעמפּלען אויסגעהאַקט געוואָרען אין פעלז. די קרוין פון דיזער פעלזען־ארכיטעקטור איז דער טעמפּעל פון אבו סימבעל. די ריזען־סטאַטועס, וועלכע רינגלען ארום דעם קדשי־קדשים פון דיזען טעמפּעל, צייכנען זיך אויס מיט זייער שענ-קייט, ווי מיט זייער אונגעהייערער גרויס.

צו בעוואונדערן זיינען אויך די אָבעליסקען, אַ פּראָדוקט פון עגיפּטישער קונסט, וואָס געפינט קיין גלייכען ניט ביי אנדערע קולטור־פעלקער. אן אָבעליסק איז אַ פיער־עקיגע זייל, וועלכע געהט וואָס העכער



די קאָלאָסאַלע סטאַטוע פון ראַמעסעאום.

אַלץ שמעלער און ענדיגט זיך אויבען אין אַ קליינע פּיראַמידע. אָבעליסקען זיינען פון 15 ביז 54 מעטער הויך און אונטען פון 1½ ביז 7½ ברייט. און ווי אונגעהייער גרויס די אָבעליסקען זיינען, זיינען זיי געמאַכט פון איין שטיין, פון דעם האַרטעסטען, מעהרסטענס רויטליכען גראַניט פון די מזרח־בערג אין אויבער־עגיפּטען. אין דער צייט פון דער איבערשוועמונג פון דעם נילוס פלעגט מען דיזע אונגעהייערע שטיין־מאַסען ברייננגען אויף פליטעס מיט גרויס מיה פון פילע טויזענדער אַרבייטער נאָך מיטעל־עגיפּטען און אונטער־עגיפּטען. די אָבעליסקען זיינען זעהר פיין פּאָלירט און בעדעקט מיט היעראָגליפישע בילדער. מען האָט זיי אויפגעשטעלט פּאָאַר־ווייז ביי

די טעמפלען און זיי זיינען געווען געהייליגט צו דעם גאָט פון דער זון. שפּעטער האָט מען זיי אָנגעהויבען צו בענוצען אַלס זון־זייגערס. וועגען דעם אורשפּרונג און דער בעדייטונג פון די אָבעליסקען ווייסען מיר נאָך ניט גענוי. פיעלע פון די אָבעליסקען האָט מען געבראַכט נאָך אייראָפּאַ. מעהרערע פון



טעמפּעל פון רא אין אַבו סימבעל.

זיי האָט מען געבראַכט נאָך רוים אין דער צייט פון דעם רוימישען קיסר אויגוסטוס און זיינע נאָכפאָלגער, אָבער זיי זיינען שפּעטער אומגעפאַלען דורך ערד־ציטערנים אָדער דורך גוואַלדטאַט פון מענשען. אין דעם יאָהר 1585 האָט דער פּאַפּסט סיקסטוס דער 5טער געלאָזען אויפשטעלען פיער

אָבעליסקען דורך זיין גרויסען ארכיטעקט פאָנטאנא. דיזער ארכיטעקט האָט בענוצט ביי דער אַרבייט די קונציגסטע מאַשינען, ביי וועלכע עס האָבען געארבייט 1,200 מענשען און 100 פערד, און דאָך האָט די אויפשטעלונג פון די אָבעליסקען געדויערט פולע 4 יאָהר. דער גרעסטער פון דיזער, וועלכער איז אויפגעשטעלט פאָר דער לאַטעראַן־קירכע, איז 25½ מעטער הויך און וועגט 650,000 קילאָגראַמען. אויך אין פאַריז, לאָנדאָן און ניו יאָרק האָט מען געבראַכט אַזעלכע אָבעליסקען און מען האָט זיי דאָרט אויפגעשטעלט. דאָס בילד אויף זייט 140 שטעלט פאָר דעם אָבעליסק, וועלכען אוסאָרטע־סען דער 1טער האָט אויפגעשטעלט אין העליאָפאָלים.

אַבו סימבעל. (ז. 174.)

אַ מערקווירדיגעס געביידע, וואָס האָט דעם גריכישען היסטאָריקער הערדאָט ערפילט מיט גרויס פערוואונדערונג, איז געווען דער לאַבירינט (אַ בנין מיט געהיימע, פערפלאָנטערטע גענג) ביי'ם מאֶרים־זעע אין מיטעל־עגיפטען. דיזער לאַבירינט איז בעשטאַנען פון 12 פאַלאַצען, 6 צו צפון און 6 צו דרום, וועלכע האָבען ענטהאַלטען אין זיך 3,000 זאַלען, 1,500 איבער דער ערד און 1,500 אונטער דער ערד. דיזע זאַלען זיינען געווען בעצירט מיט קונסטפולע בילדער־ווערק און מיט שטיינער פון פערשיידענע קאָלירען. לויט הערדאָט'ן זיינען אין דיזע זאַלען געשטאַנען די זאַרגען (ארונות) פון די קעניגען, וואָס האָבען אויפגעשטעלט דיזען לאַבירינט, ווי אויך פון די הייליגע קראָקאָדילען. יעצט איז דיזער לאַבירינט אין גאַנצען רואינירט.

א זונדערבּאַרער פּראָדוקט פון עגיפּטישער קונסט זיינען די ס פ י נ ק ס ע ן. מיר האָבּען שוין פריהער ערקלערט, דאָס אויך די אסיריער האָבּען געהאַט ספינקסען, דעריבּער קען מען גענוי ניט זאָגען, ווער עס האָט זיי ערפונדען: די עגיפּטער אָדער די אסיריער. די פיגור פון אַ ספּינקס איז אַ קערפּער פון אַ לייב מיט אַ קאָפּ פון אַ פרוי אין אַ ליגענדער פּאָזיציאָן.

אַ ספּינקס.

געוועהנליך פלעגט מען זיי צושטעלען אין שורות אין די וועגען, וועלכע פיה־רען צו די טעמפּלען. מיט דעם אויסדרוק פון מאַיעסטעטישער רוהיגקייט זיי־נען דיזע קאָלאָסאַלע פיגורען געלעגען אויף גרויסע שטיינער. דאָס נעבּען־שטעהענדע בּילד שטעלט פאָר די פיגור פון אַ ספּינקס. ניט ווייט פון די

דריי גרויסע פיראמידעס אין גיזעה שטעהט אן אונגעהייערער, א קאלאסאלער ספינקס. יעצט זעהט מען נאר דעם קאפ פון דיזען ספינקס, זיין קערפער איז פערשאטען פון דעם זאמד פון מדבר. נאך אין מיטען פון 13טען יאהר-הונדערט, לויט אן אראבישען שריפטשטעלער, איז דיזער ספינקס געווען שעהן און פול מיט חן. אין 14טען יאהרהונדערט האט א פאנאטישער שייק (אראבישער הויפטלינג) שרעקליך צוקלאפט דאס געזיכט פון דיזען ספינקס און פון זיין שענקייט איז קיין שפור ניט געבליבען. די קינסטלערישע בעארבייטונג פון דיזע געוואלדיגע מאסען מוז מען בעוואונדערן. ווען מען האט דעם שוין דערמאהנטען אראבישען שריפטשטעלער אבדול-לאטיף געפרעגט, וואס איז נאך זיין מיינונג נאך דאס וואונדערבארסטע אין עגיפטען, האט ער געענטפערט: „גענויאיגקייט פון די פראפארציאנען אין דעם קאפ פון דעם ספינקס".



סקולפטאר ביי דער ארבייט אויף א קאלאסאלע סטאטוע.

אין אלגעמיין בעמערקען מיר אין דער סקולפטור און מאלעריי פון די עגיפטער א בעזונדער סיסטעם. ווי עס שיינט האבען די עגיפטער געגלויבט, דאס סקולפטירען אדער מאלען דארף מען אזוי, אז דער צושויער זאל קענען זעהן אלע טיילען פון קערפער. דערפון נעהמען זיך די אוננאטירליכע שטעלונגען פון זייערע פיגורען; אזוי, צום ביישפיל, איז דער קאפ געווען פון דער זייט און דאס אויג האט געקוקט פון פארנט; פיס זעהט מען פון דער זייט; אקסלען, ארמס און הענט פון פארנט. ווען א פערזאן איז פארגעשטעלט געווארען, ווי זי זיצט, זיינען ביידע הענד אימער געלעגען אויף די קני. פיר א קורצע צייט האבען די עגיפטער אויפגעגעבען דיזע ניט-נאטירליכע קונסט, נעמליך אין דער בליהענדער טהעבאנישער צייט, אבער זיי

האָבען זיך באַלד צוריקגעקעהרט צו דיזען אַלטען סיסטעם פון סקולפּטור און מאַלעריי.

מערקווירדיג איז, דאָס אין בילדער פון שקלאַפען און חיות איז אַלץ געווען נאַטירליך פאַרגעשטעלט. די בילדער פון אַלטעגליכען לעבען זיינען אַזוי נאַטור־טריי, דאָס זיי דינען פיר אונז אַלס די בעסטע קוועלע פיר די קענטניס פון דער עגיפּטישער קולטור.

מיר בעזיצען אויך בילדער, וועלכע שטעלען פאָר די עגיפּטישע קינסט־לער ביי דער אַרבייט. מיר דאַרפען זיך אין אמת'ן ניט וואונדערן אויף דעם, וואָס זייערע שאַפונגען זיינען ניט ווי זיי האָבען געדאַרפט זיין. מיר געפינען בילדער, וועלכע שטעלען פאָר, ווי די קינסטלער ווערען מיט בייטשען אָנ־געטריבען צו דער אַרבייט. מען קען זיך פאָרשטעלען, ווי די קונסט קען געדייהען אונטער'ן בייטש! ווי אַזוי קען זיך אונטער'ן שקלאַפען־בייטש ענטוויקלען די קינסטלערישע פרייע פאַנטאַזיע? די קונסט אונטער דעם בייטש האָט געמוזט אַראָפּזינקען צו דער מדרגה פון אַ האַנד־ווערק, פון אַ מלאכה.

אין קונסט־האַנדווערק זיינען די עגיפּטער אין מאַנכע בעציהונגען גע־ווען ווייטער פאָרגעשריטען ווי מיר. בעזונדערס האָבען זיי געוויזען גרויס־קייט אין פאַיאַנס־אַרבייטען. זיי האָבען געוואוסט, ווי צו בעדעקען מיט פאַיאַנס שטיינערנע זאַכען. מיר קענען נאָר לעהמענע כלים מיט פאַיאַנס איבערציהען. זעהר פאָרגעשריטען איז ביי זיי אויך געווען די קונסט פון גאָלד־שמידעריי. די שענסטע פון די שמוק־זאַכען, וואָס מען האָט געפונען אין מהעבען, איז אַ קליין טעמפּעלע פון גאָלד מיט אַ סטאַטועלע פון דעם קעניג אַהמעס. מיר בעוואונדערן היר די זעלטענע פיינע גאָלד־אַרבייט, די וואונדער־שענע פאַרבען, די געשמאַקפולע פאָרמעס און די טעכניק. דער בעגולטער זאַרג, אין וועלכען מען האָט געפונען דיזען קליינעם טעמפּעל מיט נאָך פיעלע אַנדערע ווערטפולע קונסט־אַרבייטען, האָט די פאָרמע פון אַ ווייבליכער מומיע. די אויגען־רעמעלאַך פון דיזער מומיע זיינען בעצויגען מיט גאָלד, דאָס ווייסעל פון די אויגען בעשטעהט פון קיזעל־שטיין, דער שוואַרץ־אַפּעל פון שוואַרצער עמאַליע (גלאַזור).

די וויסענשאַפט. אין די וויסענשאַפטען האָבען די עגיפּטער שוין אין די גאַנץ אַלטע צייטען דערגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע. מיר האָבען שוין פריהער געהאַט די געלעגענהייט צו בעוואונדערן זייער הויכען וויסענ־שאַפטליכען גייסט. זייערע הויכע טעכנישע קענטניסען ביים אויפשטעלען זייערע פּראַכט־געביידעס און נוצליכע בוי־ווערק. די אייראָפּעאישע פאָרשער,

איבערהויפּט דער ענגלישער געלעהרטער מ. סמיטה, וועלכע האָבען געמאַכט מעסטונגען פון די פּיראַמידען פון גיזעה, בעוואונדערן די גרויסע קענטניסען פון די עגיפּטער אין אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק.

אין בעציהונג אויף אַסטראָנאָמיע ווייזען אייניגע פּאַפּירוסען, וועלכע מען האָט געפונען, דאָס די עגיפּטער האָבען שוין זעהר פריה געוואוסט דעם אונטערשייד צווישען פּלאַנעטען און פיקס־שטערן. די פּלאַנעטען רופען זיי אָן „די שטערן, וואָס רוהען קיינמאָל ניט”, און די פיקס־שטערן רופען זיי: „די שטערן, וועלכע בעוועגען זיך קיינמאָל ניט”. יעדע פּלאַנעט האָט ביי זיי געהאַט אַ בעזונדערן נאָמען. זיי האָבען שוין געוואוסט, דאָס דער מאָרגען־שטערן איז דער זעלביגער וואָס דער אָבענד־שטערן ב ע נ נ ו (ווענוס). שוין אין דער גאַנץ אַלטער צייט, ווען די עגיפּטער זיינען נאָך געווען אַ פאָלק פון פּאַסטוכער, האָבען זיי בעמערקט, דאָס די איבערשוועמונג פון דעם נילוס פאַנגט זיך אימער אָן, ווען דער שטערן סיריוס בעווייזט זיך. זיי האָבען דיזע שטערן אָנגערופען מיט דעם נאָמען „הונט”, וועכטער פון דער הימלישער טשערדע, וועלכער זאָגט אויך אָן די מענשען צו היטען אין דער ריכטיגער צייט זייערע פיה און שאָף. די עגיפּטער האָבען אויך געקענט ריכטיג אויסרעכנען לקוי־חמה'ס (זונען־פינסטערניסען) און פאָרויס־זאָגען, ווען זיי וועלען פאָרקומען. די גריכען האָבען זיך אימער בענוצט מיט די טאַבעלען, וואָס די עגיפּטער האָבען צוזאַמענגעשטעלט צו דיזען צוועק. אויך די אַסטראָנאָמישע צייכענס פון טיער־קרייז (אזור המזלות), וועלכע מיר בענוצען נאָך היינט, שטאַמען כמעט אין אונפערענדערטער פאָרמע פון די עגיפּטער. איבערהויפּט האָבען מיר צו פערדאַנקען די עגיפּטער דערפאַר, וואָס זיי האָבען אויסגעגליכען דאָס לבנה־יאָהר מיט דעם זון־יאָהר. דער עגיפּטישער צייט־לוח איז געווען דער יסוד פיר דעם קאַלענדער פון יוליוס צעזאַר (יוליאַנישער קאַלענדער), וועלכער ווערט נאָך היינט בענוצט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער מיט די פערבעסערונגען פון דעם פּאַפּסט גרעגאָריוס דעם 13טען (גרעגאָריאַנישער קאַלענדער).

וואָס אַנבעטרעפט מ אַ ט ע מ אַ ט י ק, איז די קונסט פון רעכנען (אריפמעטיק) ביי די עגיפּטער געווען זעהר שוואַך, אָבער זיי האָבען שוין געוואוסט די הויפּט־יסודות פון דער געאָמעטריע.

די מעדיצינישע וויסענשאַפט פון די עגיפּטער, ווי עס שיינט, איז געווען הויך ענטוויקעלט פיר יענע צייט. עגיפּטישע דאָקטוירים זיינען געווען אָנגעשטעלט אין פּערסישען קעניגליכען הויף און די גריכישע דאָקטוירים האָבען זיך פיעל געלערנט אין עגיפּטען. ביי אייניגע מומיעס האָט מען געפונען

אריינגעשטעלטע ציינער. זיי זיינען געווען זעהר גוט בעוואנדערט אין דער אנאטאָמיע פון מענשליכע גלידער און אפילו פון זייערע אינגעווייד, הגם די רעליגיאָן האָט שטארק פערבאָטען צו פאלמעסען א טויטען קערפּער. פיר די היילונג פון קראנקהייטען זיינען געגעבען געוואָרען בעשטימטע פאָר-שריפטען, רעצעפּטען, וועלכע זיינען געווען אזוי שטרענג, דאָס ווען א קראנקער איז געשטאָרבען, האָט מען דעם דאָקטאָר מיט'ן טויט בעשטראָפט אלס מערדער, ווען ער האָט ניט בענוצט דיזע בעשטימטע רעצעפּטען. דאָס האָט אָבער פיעל געשטערט דער פרייער ענטוויקלונג פון מעדיצין. דאָס די כ ע מ י ע איז ניט דאָס קינד פון אונזער יאָהרהונדערט, ווי פיעלע גלויבען, בעווייזט שוין אליין דאָס וואָרט „חעמיע", וועלכעס שטאַמט פון עגיפּטען.

אין ג ע ש י כ ט ע האָבען די עגיפּטער ניט געמאַכט קיין גרויסע פאָרשריטען. זיי האָבען זיך בענוגענט מיט פערצייכנען די נעמען און אויפטו-אונגען פון זייערע קעניגען. פ י ל אָ ז אָ פ י ע איז געבליבען אין א רויהען צושטאנד; העכסטענס האָט מען געקענט דערצו רעכנען אייניגע מאָראל-שריפטען, וועלכע זיי האָבען איבערגעלאָזען.

טויטען-פערעהרונג און רעליגיאָן. ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעדייטעט, איז דער יסוד פון דער עגיפּטישער רעליגיאָן געווען די פערעהרונג פון פערשטאָרבענע עלטערן. די קברים און די פּיראַמידעס זיינען די עלטעסטע בעווייזען פון זייער קולטוס, פון זייער רעליגיעזער עבודה. אויף די קברים און פּיראַמידעס האָבען זיי אָנגעווענדט זייער גאנצע קראַפט, זייער גאַנצעס וויסען. דאָס בויען פון טעמפּלען, די ריכטיגע צייכענס פון גאָטהייט-פערעהרונג, האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט פיעל שפּעטער, ערסט אין דער טהעבאַנישער צייט. ווי יעדעס ענטוויקעלטע פאָלק, זיינען אויך די עגיפּטער אַריבער פון טויטען-פערעהרונג צו העכערע בעגריפען פון רעליגיאָן. אין דיזער ענטוויקלונג שפּיגעלט זיך אָפּ דער אייגענער כאראַקטער פון דעם עגיפּטישען פאָלק, ווי אויך דער איינפלוס פון אַנדערע פעלקער, וועלכע זיינען מיט די עגיפּטער געקומען אין בעריהרונג. עס איז קיין צוויי-פעל ניט, דאָס די רעליגיעזע פעהיגקייט פון די עגיפּטער איז געווען זעהר ערהאַבען, וואָרום זייער טויטען-פערעהרונג האָט געהאַט אַזעלכע הויכע פאָר-מען, וועלכע מיר געפינען ניט ביי קיין פאָלק אין דער וועלט. דאָס נשמה-געפיהל פון די עגיפּטער איז געווען אַ פרוכטבארער באָדען פיר הויכע רעליגיעזע בעגריפען. ווען מיר מאַכען אַ פערגלייך מיט אַנדערע פעלקער, צום ביישפּיל מיט די כינעזער, באַבילאָניער און אסיריער, וועלען מיר זעהן,

דאָס די כינעזער זיינען כמעט עד היום געבליבען ביי׳ם טויטען־קולטוס, ביי דער פערעהרונג פון פערשטאָרבענע עלטערן. דעם כינעזער פעהלט דאָס טיפע רעליגיעזע נשמה־געפיהל; ער איז צו פיעל מאַטעריאַליסט, דעריבער האָט ער ניט געקענט שאפען קיין וועלט פון בעגריפען און קיין קונסט. דער עגיפטער אָבער האָט אַ טיפעס נשמה־געפיהל און אַ הויכע פאַנטאַזיע, דעריבער איז ער פון דער פערעהרונג פון טויטע איבערגעגאַנגען צו העכערע רעליגיעזע בעגריפען. פון דער אַנדערער זייט זיינען די עגיפטער אויך, ווי די כינעזער און ווי אַלע סעמיטישע פעלקער געווען זעהר פראַקטיש. זיי זיינען אויך געווען אַ פאָלק מעהר פון ארבייטער, ווי פון בעזיגער פון לענדער. זייערע רייכטימער זיינען אויך געווען, ווי ביי די כינעזער, זעלבסט־געשאַפענע, ניט גערויבטע פון אַנדערע פעלקער. ביי אַזאַ פראַקטישען פאָלק האָט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין עקסיסטענץ און גליק, אויך געמוזט האָבען אַן איינפלוס אויף זיינע רעליגיעזע בליקען.

מיט דעם ערקלערט זיך אויך די ענטוויקלונג פון דעם עגיפּטישען רעליגיאָנס־סיסטעם, וועלכעס שטימט מיט דער קולטור־ענטוויקלונג פון די עגיפטער, מיט זייער אַלטען נאָמאַדישען פאַסטוכשען לעבען, מיט זייער איבערגאַנג צו אַקער־בוי און ענדליך צום הויכען קולטור־לעבען. די נוצליכע חיות, די בעלעבענדע זון, די נאַטור־קרעפטען א. אַז. וו. זיינען געווען די הויפט־יסודות פון זייער רעליגיאָן. אויך די באַבילאָניער און אַסיריער האָבען פערעהרט די זון און אַנדערע נאַטור־קרעפטען; די טייכען אייפראַט און טיגרים (פּרת און חדקל) האָבען פיר דיזע לענדער געהאַט די זעלביגע בעדייטונג, ווי דער נילוס פיר עגיפטען. זיי זיינען אָבער ניט, ווי די עגיפטער, געבליבען אַ פאָלק פון אַרבייט. זיי האָבען דעם שווערד מעהר געשעצט ווי די אַרבייט, דאָס פאָלק האָט פערלאָרען דעם נאַטירליכען יסוד פיר זיין דענקען און פיהלען, זיינע רעליגיעזע בעגריפען זיינען געבליבען שטעהן אין מיטען פון זיין ענטוויקלונג, זיין פערעהרונג פו דער זון און פון די שטערן איז איבערגעגאַנגען אין שטערן־זעהעריי און פאַטאַליזמוס (גלויבען אין מזל). ביי די עגיפטער זיינען די גאָטהייטען געווען די שטיצער פון זייער אַרבייט, פון זייער מאַטעריעלער און גייסטיגער הצלחה.

די עגיפטער האָבען געהאַט זעהר פיעלע לאָקאַלע געטער. כמעט יעדער אָרט, יעדע פּראָווינץ האָט זיך געהאַט איהר גאָט, צ. ב. אין טהעבען איז געוואָרען פערעהרט דער גאָט אָ מ ו ן, אין מעמפיס דער גאָט פ ט אַ ה א. אַז. וו. אָבער צוזאַמען מיט דיזע לאָקאַלע געטער האָבען זיי מיט דער צייט אויך ענטוויקעלט נאַציאָנאַלע געטער. די הויפט נאַציאָנאַלע געטער זיינען

געווען ר א אָדער די זון, אָ ז י ר י ס און זיין ווייב א י ז י ס. וועגען אָזירים עקסיסטירט פאָלגענדע זאגע, וועלכע ווערט ערקלערט אויף פערשיידענע אופנים. אָזירים איז גע'הרג'עט געוואָרען דורך זיין ברודער, דעם בייזען טיפאָן (בעל צפון), און איז אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין דעם נילוס, וועלכער האָט געבראכט זיין קערפער נאָך ביבלאָס. איזיס האָט גע-פונען דעם טויטען קערפער פון אָזירים און האָט איהם בעגראָבען אויף פילאָ (אַן אינזעל אין נילוס). אָזירים איז אָבער לעבעדיג געוואָרען און האָט אויפ-געפאָדערט זיין זוהן ה אָ ר זיך נוקם זיין פיר איהם. האָר האָט ניט געטאָן זיין פאָטער'ס פערלאַנג, ער האָט בעזיגט טיפאָן און האָט איהם פערטריבען אין דעם מדבר. פּאולמאַן ערקלערט דיזע זאגע אזוי: טיפאָן שטעלט פאָר דעם גאָט פון די אַלטע עגיפּטער, ווען זיי זיינען נאָך געווען פאַסטוכער. אָזירים איז דער גאָט פון די איינגעוואַנדערטע ערד=ארבייטער. דער קאַמף צווישען די ביידע געטער שטעלט פאָר דעם קאַמף, וואָס דאָס אַלטע עגיפּטישע פאָלק האָט געהאַט מיט דעם איינגעוואַנדערטען פאָלק. אַנדערע מיינען, דאָס די אָזירים=זאגע שטעלט פאָר דעם קאַמף צווישען ליכט און פינסטערניס אָדער צווישען גוטעם און בייזעם.

אזוי ווי יעדער אָרט האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם גאָט, אזוי האָט יעדער אָרט אויך פערעהרט אַ בעזונדער טיער (חיה). די עגיפּטער האָבען פערעהרט די חיות צוליב די נוצען, וועלכע זיי ברייננגען. זיי האָבען פער-עהרט די קוה, דעם שוויין, דעם איכנעאומאָן (אַ מין ראַט), וועלכער פרעסט אויף די אייער פון דעם קראָקאָדיל א. אז. וו. צופעליג זיינען אויך פערגעטערט געוואָרען בייזע חיות, וואָס זיינען פיינדליך צום מענשען, אום זיי דורך דעם צו מאַכען פריינדליך. די מיינונגען וועגען דער הייליג-קייט פון די חיות זיינען אָפט געווען זעהר אָפט פערשיידען. אין עלעפאַנ-טינע, צום ביישפּיל, פלעגט מען דעם קראָקאָדיל טויטען, אין טהעבען און שעד האָט מען איהם געהאַלטען הייליג. אזוי ווי יעדער אָרט האָט געהאַט זיין גאָט, אזוי האָט אויך יעדער גאָט געהאַט זיין טיער. אזוי צ. ב. איז דער באַ-ראַן געווען געהייליגט צום גאָט אָמון, דער שאַקאַל צום גאָט אנובים, דער אָקס צו אָזירים, דער חזיר צו טיפאָן א. אז. וו. אייניגע טיערען זיינען געווען פער-עהרט איבעראַל, ווי דער אָקס האַפּי אָדער אַפּיס און דער פויגעל פעניקס. דער אַפּיס איז געווען פערעהרט מעהר ווי אַלע, ווייל מען האָט געגלויבט, דאָס אין איהם איז די נשמה פון אָזירים. אַן אַפּיס, וואָס די עגיפּטער האָבען פערעהרט, האָט געמוזט זיין אַ שוואַרצער, אַ חוץ דעם האָט ער געדאַרפט האָבען אויף זיין שטערן אַ דריי=עקיגען ווייסען פלעק און אויף זיין רוקען דאָס

צייכען פון אַן אָדלער. עס האָט זיך אויך געפּאָדערט, אַז דאָס האָאָר פון זיין ווײדעל זאָל זיין פון צוויי פאַרבען. די פּריסטער פלעגען ענטשײדען, אויב אַן אָקס איז אַן אַפּיס אָדער ניט. דער אַפּיס איז פערעהרט געוואָרען אין אַ בעזונדערען טעמפּעל, וועלכער איז געווען מיט לוסט־געֶרטנער. ווען דער אַפּיס איז אַלט געוואָרען 25 יאָהר, האָט מען איהם דערטרונקען אין אַ וואַסער־בעקען, וואָס איז געווען געהײליגט צו דער זון, און נאָך דעם האָט מען איהם אַרײנגעלעגט אין אַ פּרעכטיגען קבר.

וועגען דעם פויגעל פעניקס איז דאָ אַ זאַגע, דאָס ער בויט זיך אַ נעסט פון שמעקעדיגע העלצען און פערברענט זיך זעלבסט אין דיזען נעסט, ער ווערט דאַן ווידער לעבעדיג פון זיין אַש און פליהט אַוועק אין זיין אַלטע היים אין מזרח, פון וואַנען ער קומט אַלע 500 יאָהר ווידער צוריק. עס איז ווערט צו בעמערקען, דאָס די פערבינדונג פון געטער און חיות אין דער רעליגיאָן פון די עגיפּטער האָט ביי זיי אַרויסגערופען פיגורען פון געטער, וועלכע זיינען אַ קאָמבינאַציאָן פון אַ מענשליכען קערפּער מיט אַ געזיכט פון אַ טיער אָדער פערקעהרט. פון דיזער אַרט רעליגיאָן איז דייטליך אַרויסצוזעהן, דאָס די עגיפּטער האָבען ניט געהאַט קיין ווירקליך־גײסטיגעס רעליגיעזעס דענקען, זיי זיינען נאָר געבליבען ביי זייערע מגושם'דיגע אויסערע סימבאָלען. דאָס זעלביגע קען מען אויך זאָגען וועגען זייערע בליקען אויף דעם טויט און זייער אידעע פון דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה. זיי זיינען געבליבען ביי דעם אַלטען גלויבען, דאָס די נשמה, אום פאָרטצוזעצען איהר עקסיסטענץ, האָט נעטיג דעם גוף. צוליב דיזען גלויבען איז געווען אַ הויפּט־עיקר אין זייער קולטוס צו זאָרגען פיר די בעהאַלטונג פון דעם טויטען קערפּער. צו דיזען צוועק האָבען זיי די קערפּערס באַלזאַמירט און האָבען פיר זיי געמאַכט דויערהאַפטע קברים.

די אַרט פון **באַלזאַמירען** איז געווען פערשײדען לויט דער פערמעגליכקייט פון די בעטראָפענע פּערזאָנען. די רייכע, וועלכע זיינען געווען אין שטאַנד אויסצוגעבען מעהר געלט, זיינען אַנדערס באַלזאַמירט געוואָרען ווי די אָרימע, וועלכע זיינען ניט אין שטאַנד צו מאַכען פיעלע הוצאות. די אײנבאַלזימירונג איז צוגעגאַנגען אַזוי: באַלד נאָך דעם טויט האָט מען אַרויסגענומען דעם מאַרך און די אינגעווייד. דאַן האָט מען דאָס אינערע אויסגעוואַשען מיט פּאַלמען־וויין און אָנגעפילט מיט מור און אַנדערע שטאַרק שמעקעדיגע בשמים און געטונקט אין גומי. נאָך דעם האָט מען דעם קערפּער 70 טעג געהאַלטען אין נאַטראָן; נאָך דיזער צייט האָט מען איהם ריין געוואַשען און אײנגעוויקעלט אין לאַנגע פּאַסען

פון לינען געוויקעלט אין גומי־וואַסער. לינען פלעגט מען געברויכען זעהר פיעל. פיר א קערפער פון א רייכען האָט מען געברויכט ניט וועניגער פון 5,000 מעטער! אין די באַנדאַזשען פלעגט מען אריינלעגען פערשיידענע זאַכען, וואָס האָבען געהאַט א שייכות מיט דעם לעבען פון דעם פערשטאָרבענעם. צ. ב. דעם סוחר פלעגט מען אריינלעגען א מאָס, דעם שניידער א שער, דעם קינד א שפּיל־צייג א. אז. וו. דאָס נעכסטע בילד צייגט די מומיע אין דיזען צושטאַנד. נאָך דעם, ווי דער קערפּער איז שוין געווען איינגעהילט אין די לייוועטענע באַנדאַזשען, האָט מען איהם ארומגעלעגט מיט א וויכען שטאָף, וואָס האָט זיך גיך פערהאַרטעט, ווי עס צייגט דאָס צווייטע בילד. אין דיזען צושטאַנד, ווי עס ווערט דאָ געוויזען אויף דער צייכנונג, איז די מומיע געווען בעמאָלט מיט פערשיידענע פיגורען און אָפט אויך בעגולט. דאַן איז די מומיע אריינגעלעגט געוואָרען אין א זארג און נאָך דעם אין א צווייטען זארג, ווי עס ווייזען די בילדער אויף נעכסטער זייט. אין דעם ערסטען הילצערנעם זארג האָט מען אריינגעלעגט אלערליי זאַכען, ווי קמיעות, געטער־פיגורען, אָרם־בענדער, האַלז־בענדער און אויך פיעלע סטאַטועלאַך פון האָלץ אָדער שטיין, וועלכע זיינען בעשטימט צו אַרבייטען פיר זייער איי־גענטימער אויף יענער וועלט. דער אויסערער זאַרג איז עפטערס געמאַכט געוואָרען פון שטיין און איז געווען בעדעקט מיט פאָרשטעלונגען פון דעם טויטען'ס לעבען, מיט געטער־פיגורען, אינשריפטען, תפלות און אַנדערע זאַכען, ווי עס צייגט דאָס פערטע בילד. ווען דער אויסערער זאַרג איז געווען פון שטיין, איז ער אָפט געווען פון אויסען און פון אינוועניג שען גראַ־ווירט.

פון די פיעלע אינשריפטען, וואָס מען האָט געפונען אין די עגיפּטישע קברים, ווייסען מיר אויך גענוי אַלע צערעמאָניעס פון דער קבורה ביי די עגיפּטער. דעם אָרון האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף די „הייליגע באַרקע", די „באַרקע" (שיף) אויף א שליטען, וועלכען עס האָבען געשלעפּט פיער אָק־סען און זיבען שקלאַפען. פאָרויס איז געגאַנגען ביי די רייכע א לאַנגער צוג פון שקלאַפען, וועלכע האָבען געטראָגען טויטען־קרבנות, קליינע קירכען מיט סטאַטועס פון געטער אָדער פון הייליגע חיות אָדער פון דעם פערשטאָר־בענעם'ס עלטערן, ווי אויך לעבענס־מיטלען, און זאַכען, מיט וועלכע דער בר־מנן האָט זיך בענוצט אין זיין לעבען, צווייגען פון פּאַלמעס און נאָך אַנ־דערע זאַכען; הינטער דעם מת זיינען געגאַנגען קלאָג־ווייבער, וועלכע האָ־בען צום צייכען פון טרויער געטראָגען ווייסע קליידער, און ענדליך איז גע־גאַנגען דער פּריסטער מיט זיינע כלים פון קטורת. הינטער דער אָרון און

טיילס אויף פון פּאַרנט זיינען געגאַנגען די קרובים פון דעם פּערשטאָרבע-
נעם, וועלכע האָבען געלעגט זייערע הענט אויף דעם ארון און האָבען ווי
די אַנדערע אבלים געטראָגען לאַנגע ווייסע קליידער. ביי יעדען בית-עלמין
איז געווען אַ זעע (אָזירע), וועלכער האָט געהייסען „דער זעע פון די טויי-
טע". ווען דער אָרון איז געקומען צום טויטען-זעע האָט מען איהם אַרויפ-



מומיע מיט די באַנדאַזשען.

געשטעלט אויף אַ גרויסעם שיף בעפּוצט מיט לאָטאָס-בלומען און די, וואָס
זיינען געגאַנגען צו דער לויה, האָבען זיך אַריינגעזעצט אין אַנדערע שען
בעפּוצטע שיפען. פאַר'ן אַריבערגעהן איבער דעם זעע האָט מען דעם טויטען
ג'ג'משפּט. 42 ריכטער, וועלכע זיינען געווען געזעצט אַלס טויטען-ריכטער,
האָבען זיך צושטעלט אין אַ האַלבען קרייז אויף'ן ברעג פון דעם זעע, אום



בעמאָלטע מומיע מיט אַן אינערליכען זאַרג-געשטעל.

אויסצוהערען קלאַגעס געגען דעם פּערשטאָרבענעם און אַרויסצוגעבען דעם
משפּט וועגען איהם. ווען דער טויטער איז אַרויס ריין, אונשולדיג, איז אַנ-
שטאָט טרויער געוואָרען ששון ושמחה, און די אבלים זיינען איבער'ן זעע
אַריבערגעגאַנגען אונגעשטערט. ווען דער צוג איז ענדליך געקומען צום קבר,

האָט מען די מומיע אַרויסגענומען פון דעם אָרון און מען האָט זי אַוועק-
געשטעלט אין די קבר־קאַמער. דאַן האָט אַ שוועסטער אָדער אַן אַנדער
נאָהענטע קרובה די מומיע אומגעאַרמט, האָט דעקלאַמירט אַ קלאָג־ליד און



ערסטער הילצעלנער קאַסטען.

האָט אויסגערעכענט די מעשים טובים פון דעם פערשטאָרבענעם. נאָך דעם
האָט מען די מומיע אַוועקגעלעגט און מען האָט איהם מיטגעגעבען פיעלע
זאַכען.



צווייטער הילצערנער קאַסטען.

די עגיפּטער האָבען געגלויבט, דאָס נאָך דעם טויט קומט די נשמה פאַר
אַ געריכט אונטער דער ערד. דאָ זיצט אָזירים און אַרום איהם זייגען 42

טויטען־ריכטער. פאר דעם ריכטער שטעהט א וואג־שאל. אויף איין שאל ליגט דאס הארץ פון דעם פערשטארבענעם, ווייל דאס הארץ איז די קוועלע פון גוטעס און שלעכטעס. אויף דער אנדערער שאל ליגט א סטאטוע פון דער געטין פון וואהרהייט און גערעכטיגקייט. דער גערעכטער און קלוגער גאט, טהאט, פערצייכענט דעם רעזולטאט פון דעם אפּוועגען און דער גאט אנוביס קאנטראלירט די וואג. אויב דאס הארץ איז ניט צו גרינג, ווערט דער טויטער איבערגעגעבען צום גאט רא אלס א צדיק; איז אבער דאס הארץ צו גרינג, ווערט ער איבערגעגעבען צו דעם בייזען הארפּעחראט, און דאן ווערט ער אהן רחמנות געשלאגען און געיאגט פון מלאכי חבלה. זיין נשמה כאפּט זיך אריין אין די קערפּערס פון אנדערע מענשען און ברייננגט אויף זיי קראנקהייטען און משוגעת. דיזען סארט ליידען קומט די נשמה אפּ איינינגע הונדערט יאהר, דאן שטארבט זי צום צווייטען מאל און ווערט פערוואנדעלט אין גארנישט. אויף א גערעכטע נשמה, א נשמה וואס האט ניט געזינדיגט, מוז א לאנגע צייט וואנדערן, מגולגל ווערען פון איין חיה צו דער אנדערער, ביז זי קומט ארוים ריין אהן א שום פלעק.

דער פּאליטישער און סאציאלער צושטאנד. דער קעניג אדער פרעה איז געווען דער פערטרעטער, דער ממלא מקומו פון דעם העכסטען גאט, און מען האט איהם דעריבער געציינט געטליכע עהרע. ער איז געווען דער העכסטער געזעץ־געבער, ריכטער און קריגס־קאמאנדיר. זיין נאכפאלגער איז געווען דער עלטעסטער זוהן, און ווען ער האט קיין זיהן ניט געהאט, דאן איז די מלוכה איבערגעגאנגען צו א טאכטער, וועלכע האט דורך הייראט געבראכט אויף'ן טראן א נייע פאמיליע. אפט האט פאסירט, דאס א קעניג האט נאך ביי זיין לעבען בעשטימט זיין זוהן אלס מיט־רעגירער.

אין דער לעצטער צייט האבען מאנכע פארשער בעהויפּטעט, דאס די עגיפּטישע קעניגען, די פרעה'ס, זיינען ניט געווען קיין דעספּאטען אין דעם ריכטיגען זין פון דיזעןווארט. זיי בויען זייער השערה אויף מאנכע פראשריפטען פון דער עגיפּטישער רעליגיאן, וועלכע פאדערן פון די קעניגען זיי זאלען זיין מילד צו זייערע אונטערטאנען, אדער אויף געוויסע פאקטען פון דער עגיפּטישער געשיכטע, ווי צ. ב. דאס סעטהאס דער 1טער האט פיר די מינע־ארבייטער געלאזען מאכען ברונענס, דאס ראמסעס דער 3טער האט געלאזען פלאנצען בוימען און וועלדלאך, אום „די איינוואוינער זאלען קענען רוהען אין שאטען״, און נאך אנדערע פאקטען. אבער וואס פיר א בעדייטונג האט דאס ביסעל גוטסקייט געגען די אונערהערטע אויסנוצונג און פערשקלאפונג פון פאלק, פון וועלכע די פיראמידעס זיינען די בעסטע עדות?

דאָס עגיפּטישע פּאָלק האָט געמוזט דורך און דורך פערשקלאַפט זיין, אום צו קענען דורכפיהרען אַזעלכע אונגעהייערע בנינים. מיר האָבען שוין פרי־הער בעוויזען, דאָס אַלע קאַפּיטאַלען פון עגיפּטען וואָלטען ניט געווען גענוג צו בעצאָהלען פיר אַזעלכע ארבייט.

עס איז אויך וואהר, דאָס דער עגיפּטישער הערשער איז געווען בע־שרענקט אין זיין מאַכט. ער איז נעמליך געווען בעשרענקט פון די פּריסטער, וועלכע זיינען געווען זיינע ערציהער און ראַט־געבער, ווייל זיי זיינען געווען די געלעהרטע און זיי אַליין האָבען בעזעסען די נויטיגע ידיעות. דער קעניג איז פון די פּריסטער געווען אָפּהענגיג אפילו אין זיין פּריוואַט־לעבען, וועל־כעס ער האָט געמוזט פיהרען לויט זייערע פאָרשריפטען. זיין בעשעפטיגונג און זיינע פערגניגענס האָבען געהאַט בעשטימטע צייטען פון טאָג. עס איז איהם אפילו אויך געווען פאָרגעשריבען, וועלכע שפּייז ער זאָל געניסען, און דער געננוס פון וויין, וואָס איז יעדען אַנדערן געווען ערלויבט, איז איהם גע־ווען פערבאָטען. דאָך האָט אַ שטאַרקער, מוטיגער קעניג זיך געקענט בע־פרייען פון דיזע בעשרענקונגען, איבערהויפּט ווען ער האָט זיך געשטיצט אויף די גרויסע פערעהרונג, וועלכע ער האָט גענאָסען ביים פּאָלק.

אויסערליך האָט זיך דער קעניג אונטערשיידט פון אַנדערע דורך בע־זונדערע קליידונג, ווי אויך דורך דעם פּאַסטוכשען שטעקען און דעם פּע־כער פון שטרויס־פעדערן, וועלכען מען האָט געהאַלטען איבער איהם. אויף די בילדער ווערט דער קעניג פאָרגעשטעלט פיעל גרעסער אין פיגור אין פער־גלייך מיט אַלע אַנדערע פּערזאָנען; ער אַליין (אזוי ווערט פאָרגעשטעלט) שלאָגט די פיינד, ער אַליין נעהמט איין די פעסטונגען. דער קעניגליכער פּאַלאַץ האָט זיך אימער געפונען נעבען אַ טעמפּעל און ער איז געווען איינ־געטיילט אין צוויי טיילען; איין טייל איז געווען בעשטימט פיר די רע־גירונג און די העכערע בעאַמטע, דער אַנדערער טייל איז געווען בעשטימט פיר דעם קעניג אַליין. פיעלע קעניגען האָבען געהאַט מעהר ווי איין פּאַלאַץ. דער שטאַאַט, דער פּאַראַד, פון קעניגליכען הויף איז געווען גלענצענד און די צאָהל פון בעאַמטע איז געווען זעהר גרויס. עס איז געווען איינגעפיהרט, דאָס דער קעניג זאָל געבען עהרען־טיטלען ווען ער האַלט פיר ווירדיג; מיר געפינען די טיטלען „געהיים־ראַט“, „פריינד פון קעניג“ א. אַז. וו. ווען אַ קעניג איז געשטאָרבען, האָט דאָס לאַנד נאָך איהם געמוזט טרויערן 72 טעג; אין דער צייט פון טרויער נאָך אַ קעניג זיינען געווען געשלאָסען אַלע טעמפּלען און עס איז יעדען געווען פערבאָטען צו געניסען פלייש און וויין. צו ענדע פון דיזער טרויער־צייט האָט מען דעם טויטען קערפּער

אריינגעבראַכט אין די קברים־קאַמער. ביי דיזער צערעמאָניע האָט אַ פּריס־טער געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט ערצעהלט די שבחים פון דעם פערשטאָרבענעם. ווען די רעדע איז ניט געפעלען געוואָרען, ווען דאָס פאָלק איז מיט דעם קעניג ניט געוועזען צופרידען, האָט מען זיין קערפּער אַריינ־געבראַכט ניט אין אַ קעניגליכען קבר, נאָר אין אַ געוועהנליכען, אָדער עס פלעגט אויך טרעפען, דאָס מען האָט אויף דעם דאָזיגען קבר אויסגעמעקט דעם קעניג'ס נאָמען.

די פערוואַלטונג פון עגיפּטען איז ניט אין אַלע דריי פּע־ריאָדעס פון איהר געשיכטע געוועזען גלייך. די איינציגע איינריכטונג, וועלכע איז אימער געבליבען די זעלביגע, איז, דאָס די גאַנצע מדינה איז געוועזען איינגעטיילט אין 42 פּראָווינצען. אין די אַלטע צייטען זיינען די איינצעלנע פּראָווינצען רעגירט געוואָרען דורך בעזונדערע פירסטען, וועלכע האָבען צוזאַמען מיט די הויף־בעאַמטע צוזאַמענגעשטעלט דעם אדעל און זיינען געוואָרען ערנאַנט פון דעם קעניג. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע פירסטען זיינען געוועזען אָפּהענגיג פון דעם קעניג, וועלכער האָט זיי געגע־בען זייערע אַמטען. שפּעטער זיינען דיזע פירסטען געוואָרען אונאָפּהענגיגע רעגירער, מלכים פאַר זיך; זיי זיינען געוועזען אַזוי זעלבשטענדיג, דאָס מען האָט אין זייערע פּראָווינצען אָפּט גערעכענט די צייט נאָך זייערע רעגירונגס־יאָהרען. אין דער נייערער פּעריאָדע קומט פאָר אַן ענדערונג; די פירסטען פערשווינדען און אָנשטאָט זיי ווערען אַלס רעגירער פון די פּראָווינצען גע־זעצט קעניגליכע בעאַמטע.

איינע פון די פליכטען פון די פּראָווינץ־רעגירונגען איז געוועזען צו רע־גולירען און איינגעהמען די שטייערן פון פאָלק. דיזע שטייערן זיינען בע־שטאַנען פון די פּראָדוקטען פון פעלד, פון וועלכע דאָס פאָלק האָט געדאַרפט געבען אַ פינפטעל צום קעניג און צו דער רעגירונג. די פריסטער און די קריגס־לייט זיינען געוועזען פריי פון אַלע שטייערן.

די קריגס־קונסט איז ביי די עגיפּטער געוועזען וועניג ענט־וויקעלט, ווייל זיי זיינען פון דער נאַטור געוועזען אַ פאָלק פון ארבייט, ניט פון קריג, אַ קולטור־פאָלק אין דעם אמת'ן זין פון וואָרט. זייערע אידעאַלען זיינען געוועזען עפּעס צו שאַפען, ניט צו צושטערן וואָס אַנדערע האָ־בען געשאַפען. ווען זיי האָבען אונטערגענומען מלחמות געגען אַנדערע פעל־קער איז דאָס נאָר געוועזען דורך דעם צוואַנג פון עהרגייציגע, כבוד־זוכענדע הערשער.

אין דער אַלטער צייט האָט יעדע פּראָווינץ געהאַט איהר אייגענעם מיליטער, וועלכעס איז געשטאַנען אונטער דעם בעפעהל פון דעם פירסט פון דער פּראָווינץ. עס איז נאָך דאַמאָלס ניט געוועזען קיין אַלגעמיינעס מיליטער פיר דאָס גאַנצע לאַנד. די געוועהר זיינען געוועזען איינפאַכע: אַ שפּיז, אַ בויגען און אַ שילד. די עגיפּטער פון דער אַלטער צייט האָבען דעריבער ניט אונטערגענומען קיין גרויסע מלחמות. די נאָמאַדישע (וואַנדערנדע) פעלקער, וועלכע האָבען זיך געפונען אַרום עגיפּטען, האָבען ניט געהאַט קיין גרויסע רייכטימער, וועלכע זאָלען אויפוועקען אין די עגיפּטער דעם וואונש צו שטרייטען מיט זיי. דאָס געפיהל און דעם פערלאַנג נאָך מלחמות האָבען ענטוויקעלט אין פאָלק שפּעטער די קריגערישע קעניגען פון דער טהעבאַ-



עגיפּטישע וואָגען־קעמפער.

נישער דינאַסטיע. ערסט דאַמאָלס האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינע מי-ליטער־מאַכט פיר דאָס גאַנצע לאַנד. די שטענדיגע אַרמעע איז דאַמאָלס בעשטאַנען פון 40,000 מאַן. די געוועהר זיינען נאָך געבליבען די זעלביגע וואָס פריהער, עס זיינען נאָר צוגעקומען קריגס־וואָגענס (מרכבות). די נעבען־שטעהענדע צייכנונגען גיבען דעם לעזער אַ בילד פון זייערע שטרייט-וואָגענס און פוס־סאָלדאַטען. אין יענער צייט האָבען די עגיפּטער אָנגעפאַנ-גען בויען פעסטונגען. די פעסטונג פון ק ד ש איז איינע פון די פעסטונ-גען, וועלכע זיינען אין יענער צייט אויפגעשטעלט געוואָרען.

די געזעצען זיינען ביי די עגיפּטער ניט געווען קיין מענשען־פריינד־
ליכע, אָפטמאָל זעהר באַרבאַרישע. לויט עגיפּטיישען דין און מישפּט האָט
מען אַ פערברעכער בעשטראָפט דערמיט, וואָס מען פלעגט איהם אָפּהאַקען
דעם אבר, דאָס גליד, מיט וועלכען ער האָט בעגאַנגען דאָס פערברעכען.
האָט איינער, צום ביישפּיל, געמאַכט אַ פאַלש אין אַ דאָקומענט, האָט מען
איהם אָפּגעהאַקט אַ האַנט; איז איינער געווען אַ שפּיאָן, האָט מען איהם
אָפּגעשניטען די צונג א. אַז. וו. ווען אימיצער האָט געזעהן, ווי איינער
בעגעהט אַ פערברעכען און ער האָט איהם ניט אָפּגעהאַלטען דערפון, איז ער
געווען פעראַנטוואָרטליך און איז דערפאַר שטאַרק בעשטראָפט געוואָרען,
אָפטמאָל מיט דעם טויט. אויף אַ טויטען האָט מען געקענט פערקלאָגען אין

עגיפּטישע פוס־סאָלדאַטען.

אַ פערברעכען, און ווען עס איז בעוויזען געוואָרען זיין שולד, האָט ער פער־
לאָרען זיין פּריווילעגיע, זיין זכות, בעגראָבען צו ווערען לויט דעם געזעץ
און מנהג פון עגיפּטען. עס זיינען ביי די עגיפּטער געווען צוויי אינסטאַנ־
צען, מדרגות פון געריכט. די ערסטע אינסטאַנץ זיינען געווען די פּירסטען,
שפּעטער די קעניגליכע בעאַמטע פון די פּראָווינצען. איז מען ניט געווען צו־
פרידען מיט די אורטיילען פון פון דיזע פּירסטען, האָט מען געקענט אַפּעלי־
רען צו די פּריסטער, וועלכע האָבען געבילדעט דאָס העכסטע געריכט פון
דער לעצטער אינסטאַנץ. די ריכטער האָבען נאָר געהאַט דאָס רעכט צו
בעשטימען, אויב דער אָנגעקלאָגטער איז שולדיג אָדער אונשולדיג, זיי האָ־

בען ניט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגעבען שטראָפען, ווייל דאָס איז געווען בעשטימט פון דעם געזעץ. זעהר מערקווירדיג איז געווען די פאָרמע, ווי א משפט איז צוגעגאַנגען. ניט דער קלעגער און ניט דער אָנגעקלאָגטער האָבען געהאַט דאָס רעכט צו רעדען, נאָר זיי האָבען געמוזט אַלץ דעם ריכטער איבערגעבען שריפטליך. דער יוריסטישער גייסט פון די עגיפּטער איז געווען הויך ענטוויקעלט און זייער שאַרפזיניגקייט אָדער, בעסער געזאָגט, זייער שפּיציגקייט איז געגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס נאָך זייערע געזעצען האָט א פּערזאָן געקענט שליסען א קאָנטראַקט אפילו מיט זיך אַליין, ווי מען זעהט עס פון אַן איבערגעבליבענער עגיפּטישער שריפט. פון דעם גריכיישען היסטאָריקער דיאָדאָר האָבען מיר ערפאַהרען וועגען איניגע פון זייערע געזעצען.

די פעסטונג קדש.

מערקווירדיג איז דאָס געזעץ, לויט וועלכען די ערמאָרדונג פון א שקלאַף איז בעשטראָפט געוואָרען מיט׳ן טויט.

די געזעלשאַפטליכע איינריכטונג פון די עגיפּטער איז געווען עהנליך צו דער אינדישער מיט דעם, וואָס דאָס פאָלק איז געווען איינגעטיילט אין קאַסטעס. די עגיפּטישע קאַסטעס זיינען ניט געווען אַזוי שטרענג אָפּגעזונדערט ווי די אינדישע; זיי זיינען געשטאַנען גלייך פאַר׳ן געזעץ אין דין און משפט, און מיטגלידער פון אַן אונטערער קאַסטע האָבען געקענט אויפגענומען ווערען אַלס מיטגלידער פון א העכערער. די צאָהל פון די קאַסטעס ביי די עגיפּטער איז געווען דריי. די ערסטע איז געווען די קאַסטע

פון די פּריסטער, וועלכע האָבען, ווי די אַדעליגע, געהערט צו דער איינ־געוואַנדערטער העלער קולטור־ראַסע. זיי האָבען בעזעסען אַ דריטעל פון דער גאַנצער ערד פון לאַנד, וועלכעס זיי האָבען ניט געהאַט קיין רעכט צו פערקויפען אָדער אַוועקצוגעבען, און זיינען געוועזען פריי פון אַלע שטייערן. אויסער זייערע פליכטען אַלס פּריסטער האָבען זיי זיך בעשעפטיגט מיט די וויסענשאַפטען, און דעריבער זיינען זיי געוועזען די ראַט־געבער פון די קעניגען, ווי אויך די בוי־מייסטערס, אינזשעניערען און אויפזעהער פון עפענט־ליכע אַרבייטען. אויך אויסערליך האָבען זיי זיך אונטערשיידט פון דעם איבריגען פאָלק דורך זייער קליידונג און זייער פיהרונג.

די פּריסטער־קאַסטע האָט געהאַט אַ פאָרשטעהער אין דער פּערזאָן פון דעם אויבער־פּריסטער (כהן גדול), וועלכער איז אויסער דעם קעניג גע־וועזען פעררעכענט פיר די גרעסטע פּערזאָן אין דער מדינה. די פּריסטער זיי־נען געוועזען איינגעטיילט אין פערשיידענע אַפּטיילונגען לויט דער גאָטהייט, אין וועמעס דינסט זיי זיינען געשטאַנען, און לויט דער מדרגה פון זייער קענטניס. די לעהרע פון די עגיפּטישע פּריסטער איז געוועזען איבערהויפּט אַ געהיים־לעהרע (אַ מין קבלה); דיזע לעהרע איז פיר געוועהנליכע מענ־שען געבליבען פרעמד, אונבעקאַנט; אפילו אונטער די פּריסטער זעלבסט האָבען זי ניט אַלע געקענט. עס זיינען געוועזען פערשיידענע גראַדען פון ערקענטניס, וועלכע מען האָט געמוזט שטודירען לאַנגזאַם, מדרגות־ווייז. די העכסטע מדרגה האָבען נאָר וועניגע זוכה געוועזען צו דערגרייכען. אום צו ערהייבען דעם כבוד פון דער פּריסטער־קאַסטע האָט מען דעם קעניג אין דער צייט פון זיין קרוינונג אַריינגענומען אין דיזע קאַסטע און מען האָט איהם מגלה געוועזען די סודות פון דער רעליגיאָן. עס זיינען אויך געוועזען פּרויען־פּריסטער, וועלכע האָבען געשטאַמט פון פּריסטער־פאַמיליעס אָדער פון דעם קעניגליכען הויז.

די צווייטע קאַסטע איז געוועזען די קאַסטע פון די קריגס־לייט. אויך דיזע קאַסטע האָט בעזעסען אַ דריטעל פון דעם באָדען פון לאַנד און זיינען געוועזען פריי פון שטייערן. דיזער טייל פון דעם לאַנד איז געוועזען אין גלייכע חלקים פערטיילט צווישען זייערע פאַמיליעס, אַזוי דאָס יעדע פאַמיליע האָט געקריגען 12 טויזענד קוואַדראַט־איילען. די פליכט פון די קריגסלייט איז געוועזען צו היטען די גרענצען פון לאַנד געגען פיינד; צו דיזען צוועק האָט מען נאָך אויך געהאַט געדונגענע סאָלדאַטען. פון דיזער קאַסטע האָט דער קעניג אויסגעקליבען זיין לייב־גוואַרדיע. לויט גריכישע בעריכטען איז די קריגער־קאַסטע אין דעם 5טען יאָהרהונדערט פ. קר. בעשטאַנען פון 400,000

מאַן, פון וועלכע נאָר אַ העלפט איז געוועזן בעוואָפענט. דיזע בעוואָפענטע קריגס־לייט זיינען געוועהנליך געשטאַנען אין די פעסטונגען פון לאַנד. דער קעניג איז געוועזן דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע; די איבריגע מילי־טער־בעאַמטע זיינען געוועזן די קעניגליכע פּרינצען און הויכע אַדעללייט.

די דריטע קאַסטע איז געוועזן דאָס גאַנצע אַרבייטענדע פאָלק: די ערד־אַרבייטער, האַנדווערקער, מינע־אַרבייטער, קויפלייט א. אַז. וו. זיי אַלע צוזאַמען האָבען בעזעסען דעם איבריגען דריטען טייל פון דער ערד. עס איז ניט בעוואוסט, אויב דאָס לאַנד איז געוועזן זייער אייגענטום אָדער זיי זיינען נאָר געוועזן פּאַכטער, וועלכע האָבען פיר זייער בעאַרבייטונג גענומען אַ געוויסען טייל פון די פּראָדוקטען, וואָס די ערד האָט

געפאַנגענע נעגערן און אַזיאַטען פאַר'ן קעניגליכען שרייבער.

אַרויסגעבראַכט. נאָר דאָס ווייס מען זיכער, דאָס אין דער דריטער קאַסטע האָבען זיך געפונען זעהר פיעלע, וועלכע האָבען אַלס פּאַכטער בעאַרבייט דעם באָדען פון די ערסטע צוויי קאַסטעס. אַזוי ווי נאָר די דריטע קאַסטע אַליין האָט געאַרבייט און האָט אויף זיך געטראָגען די גאַנצע לאַסט פון שטייער, איז איהר לאַגע נאַטירליך געוועזן אַ זעהר גע־דריקטע, עהנליך צו דער לאַגע פון שקלאַפען. דיזע געדריקטע לאַגע פון דער אָרימערער בעפעלקערונג ערקלערט אונז, וואָרום די עגיפּטישע קעניגען האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו בענוצען אַזוי פיעל מענשען־מאַטעריאַל דורכצופיהרען זייערע קאָלאָסאַלע געביידעס. דאָס פאָלק אין דיזען קלעגלי־

בען צושטאנד האט געפאָדערט אזא קלעגליכען לויז, דאס די קעניגען האבען עס לייכט געקענט צופרידען שטעלען. אויסער דיזע כלומר'סט פרייע ארבייטער איז געווען אין עגיפטען א גרויסע צאהל ווירקליכע שקלא-פען, וועלכע זיינען געווען אדער קריגס-געפאנגענע אדער געקויפטע נע-גערן. אונטעריאכטע פעלקער זייגען מעהרסטענס געמאכט געוואָרען צו שקלאפען און זיינען בענוצט געוואָרען אין דעם דינסט פון דעם שטאאט. אזעלכע פערשקלאפונגען זיינען פאָרגעקומען זעהר אפט. מיר בעזיצען פיעלע פאָרשטעלונגען דערפון אין בילדער. דאס בילד אויף דער פריהערדיגער זייט שטעלט פאר, ווי קריגס-געפאנגענע נעגערן און אזיאטען שטעהען פאר די קעניגליכע שרייבער און ווערען פערצייכענט אלס שקלאפען.

דאס פאמיליען-לעבען איז פארצייטען אין עגיפטען גע-ווען, ווי עס שיינט, א זעהר געזונדעס און גליקליכעס. די פרויען אין די-זען לאנד זיינען געשטאנען א סך העכער, ווי די פרויען אין די איבריגע לענ-דער פון אזיען. ערסטענס האט דא כמעט דורכאוים געהערשט מאָנאגאמיע, ד. ה. די איינפיהרונג צו נעהמען נאר איין פרוי. הגם פיעל-ווייבעריי איז דא געווען ערלויבט, האט דא זעהר זעלטען געטראָפען, דאס א מאן זאל הא-בען מעהר פון איין ווייב. די פרויען זיינען געווען אפגעשלאָסען פון דער וועלט און בעשרענקט נאר אויף זייערע הייזליכע ארבייט; זיי האבען זיך אפט בעוויזען פריי אין געזעלשאפט און האבען געהאט בעדייטענדע רעכטען, ווי דאס רעכט פון ירושה און דאס רעכט איבערצוגעבען אייגענטום. ביי די-זער הויכער שטעלונג פון דער פרוי האט דאס פאמיליען-לעבען נאטירליך זיך געקענט פריי ענטוויקלען. זעהר פיעלע בילדער שטעלען אונז פאר פאמיליען-סצענעס פון יענער צייט. אויף איינעם פון אזעלכע בילדער איז פאָרגע-שטעלט, ווי אן עגיפטישער קעניג שפילט זיך מיט זיינע טעכטער, אויף אן אנדערן ווערט פאָרגעשטעלט, ווי אמענהאטעפ דער 4טער איז ארומגערינ-געלט פון זיין ווייב און זיינע טעכטער, און זיין ווייב, די קעניגין, האלט איהר טאכטער אויף'ן שויס און קוסט זי.

די קינדער פלעגען די עגיפטער די ערסטע צייט ערציהען צו הויז. ביז פיער יאהר זיינען זיי געבליבען אונטער דער אויפזיכט פון דער מוטער, דאן זיינען זיי איבערגעגאנגען אונטער די אויפזיכט פון דעם פאטער. מיידלאך זיינען אין גאנצען ערצויגען געוואָרען פון דער מוטער; אינגלאך אבער פלעגען פריה אנהייבען געהן אין שולע, וואו מען האט זיי געלערנט וויסענ-שאפט, גימנאסטיק (קערפערליכע איבונג), מאראל און דרך ארץ. די עגיפ-טישע יוגענד, ווי הערודאט ערצעהלט, איז געווען זעהר בעשיידען און ער-

צויגען אין גרויס דרך ארץ. יעדער יונגער מאן איז גלייך אויפגעשטאנען פון זיין זיץ, ווען עס איז אנגעקומען אן אלטער מאן. אויסער אין דער שולע האבען די קינדער אויך געהאט בעשעפטיגונג אין פיעלע שפילען, ווי מיר זעהען עס פון פיעלע בילדער, וואס זיינען פערבליבען פון יענער צייט.

די ל ע ב ע נ ס ־ א ר ט איז געווען פערשיידען און יעדער קאסטע. דאס הויפט נאהרונגס־מיטעל איז געווען ברויט געמאכט פון א מין הירז. שוויינען־פלייש איז געווען פערבאטען. אלס געטרענק האבען זיי געברויכט וויין, א סארט גערשטען־ביר און איבערהויפט דאס געשמאקע נילוס־וואסער, וועלכעס זיי האבען בעהאלטען אין בעזונדערע קריג צו בענוצען אין דער צייט פון דער איבערשוועמונג, ווען דאס וואסער איז געווען מוטנע. ביים עסען איז מען געזעסען אויף דער ערד אדער אויף שטוהלען. לעפעל האבען זיי צום עסען געברויכט, אבער פון גאפלען און מעסערס האבען זיי ניט גע־וואוסט. דעריבער האבען זיי פאר דעם עסען און נאך דעם עסען געוואשען די הענט.

די ק ל י י ד ו נ ג פון די אלטע עגיפטער איז געווען איינפאך. די מענער האבען געטראגען א פארטוך און די פרויען א קלייד אהן פאלבען, וואס איז געלעגען ענג צום לייב. אין שפעטערע צייטען האבען די פרויען געטראגען א ברייטען אויבער־מאנטעל. אלס שיך, פון וועלכע מען האט אין דער אלטער צייט ניט געוואוסט, האבען געדינט סאנדאלען (זאהלען) פון לעדער, לייוועגט, פאלם־בלעטער א. אז. וו. די האאר האבען זיי געשארען קורץ, שפעטער האבען זיי אנגעפאנגען פערלאזען הינטען לאנגע האאר. דעם בארד האבען זיי אין גאנצען אפגעשארען, דאגעגען, מערקווירדיג, האבען זיי געטראגען פאלשע שפיציגע בערדלאך. די פרויען האבען געהאט פיעלע פערשיידענע מאדעס, ווי זיך די האאר צו פריזירען און האבען אויף דיזען פוץ פערוועגדט פיעל צייט און מיה. זיי האבען געשמירט די האאר מיט זאלבען אום זיי צו געבען א שענעם גלאנץ און אן אנגענעהמען גערוך. די עגיפטישע פרויען זיינען געווען זעהר געשיקט אין דער קונסט פון טואלעט. די אויגען־ברעמען האבען זיי געפארבט שווארץ, און אונטער די אויגען הא־בען זיי געמאכט א גרינעם שטריך. זיי האבען ליב געהאט צו טראגען פע־כערס און פיעלע פערשיידענע צירונגען, ווי רינגען, שפאנקעס, האלז־בענדער א. אז. וו.

פון דעם ג ע ז ע ל י ג ע ן לעבען פון די עגיפטער האט מען פריהער געהאט א פאלשע פארשטעלונג. מען האט זיי גערעכענט פיר ערנסטע, מע־לאנכאלישע מענשען, ווייל זיי האבען זיך צו פיעל אפגעגעבען מיט זייערע

טויטע. דיזע מיינונג איז אָבער ניט ריכטיג. די עגיפּטער זיינען גראָדע געווען אַ זעהר לוסטיגעס און פרעהליכעס פאָלק. זיי האָבען ליב געהאַט צו־זאַמענצוקומען, אויפנעהמען געסט, און האָבען זיך דערביי זעהר פיין אַמוזירט. דאָס ערסטע, ווען געסט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָט מען זיי באַלד די האָאָר געשמירט מיט זאַלבען. די זאַלבען, וועלכע זיי האָבען בענוצט ביי דיזע געלעגענהייטען, זיינען געווען צוגעגרייט אין זעהר שענע כלים פון אַלאַבאַסטער אָדער לעהם. זיי זיינען געווען אַזוי גוט, דאָס דער פערבליבענער טייל פון אַן אַלטער זאַלב אין אַן אַלאַבאַסטער־פלעשעלע, וואָס געפינט זיך יעצט אין דעם מוזעאום פון אַלנוויטש־קאַסטל (ענגלאַנד), האָט נאָך היינט, ד. ה. נאָך 3,000 יאָהר, בעהאַלטען זיין גערוך. נאָך דעם ווי מען האָט די געסט געזאַלבט די האָאָר פון קאָפּ, האָט מען יעדען פון זיי געגעבען אַ לאָ־טאָס־בלום, וועלכע ער האָט ביי דער מאָהלצייט געהאַלטען אין האַנט. אויך

הייזליכע אונטערהאַלטונג.

האָט מען יעדען גאַסט געגעבען אַ האַלז־קראַגען פון בלומען און בעצירט זיין קאָפּ מיט בלומען. צו בעדינען די געסט זיינען געווען בעשטימט פרויען, וועלכע זיינען געגאַנגען מוטער־נאַקעט, נאָר מיט אוירינגלאַך, אָרם־בענדער און גאַרטלען, אָדער געקליידט אין אַ דורכזיכטיגען שטאָף. דאָס ווייזט קלאָר, ווי שווענדעריש די פערמעגליכע עגיפּטער זיינען געווען. אלס פער־בייסען נאָך אַ רייכער מאָהלצייט האָבען זיי געגעבען צום טיש פערשיידענע פּרוכטען, ווי פייגען, טרויבען, מעלאָנען און קאָנפעקטען. פון די שענע טיש־געשיר האָבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט די וויין־פלעשער, וועלכע זיי־נען געווען בעפּוצט מיט אַלערליי בלומען. צום אָפּקיהלען די לופט אין די צימערן האָט מען געלאָזען דורכטריפען פרישעס וואַסער דורך טעפּ, וועלכע מען האָט אַרויפגעשטעלט אויף אַ סטענדער. די צייט איידער די פאַמיליען־

סיזוּרה אָדער מאָהלצייט האָט זיך אָנגעהויבען האָט מען זיך אונטערהאַלטען זעהר לעבעדיג מיט מוזיק און פערגניגען. די נעבען־שטעהענדע צייכנונג נאָך אַן עגיפּטישען בילד שטעלט פאָר איינע פון אַזעלכע אונטערהאַלטונגען. לינקס זיצט די ווירטין אויף אַ פאַטעל, האַלטענדיג איהרע פיס אויף אַ פוס־בענקעל. נעבען איהר, אויף אַ פאַלט־שטוהל, זיצט דער ווירט מיט אַ קינד אויף זיינע הענט. דערביי זעהט מען אויך לאָטאָס־בלומען, בעפּוצטע וויין־קריג, דורכזיכטיג געקליידטע בעדינערינס, פון וועלכע צוויי ברייננען וויין און זאַלבען און צוויי אַנדערע שפּילען אויף דער לויטע. אויף דער אונטער־סטער העלפט פון בילד ווערט פאָרגעשטעלט, ווי די הויז־דינער גרייטען צו דאָס עסען. עס ווערט געקוילעט אַן אָקס, די שטיקער ווערען אַריינגעבראַכט אין קיך. רעכטס פון אונטען שטעהט אַ גרופּע האַרפען־שפּילער און זינגער, וועלכע נעהמען אויף די געסט מיט מוזיק. דיזע סצענע דאַרף מען זיך פאָר־שטעלען אין פאָר־הויז. איינער פון זיי, וועלכער זעצט זיך אויף דער ערד, איז אַ בעטלער, וועלכער נעהמט צו פון די געסט זייערע שטעקענס. אַ דינער דערלאַנגט איהם אַ קרוג מיט וויין און לעגט אַרויף די האַנט אויף זיין קאָפּ אַלס צייכען פון מיטלייד.

די עגיפּטער זיינען ניט געווען מעסיג אין זייער עסען און טרינקען, הגם זיי האָבען פרעסעריי און זויפעריי גערעכענט צו די 42 גרעסטע זינד. צווישען די איבערגעבליבענע בילדער געפינען מיר פיעלע סצענעס פון דינער, וועלכע ווערען אָפּגעשאַפט פיר שכרות. די עגיפּטישע מאַלער האָבען אויך פעראייביגט די שכרות פון פרויען. אויף איין בילד ווערט פאָרגעשטעלט אַ פרוי אין אַזאַ בעטרונקענעם צושטאַנד, דאָס אַ דינערין האָט איהר געמוזט שנעל צוטראָגען אַ כלי איהר אויסצוהעלפען אין נויט. די פרויען האָבען זעהר אָפט אנטייל גענומען אין געזעליגע פערזאַמלונגען. די בילדער שטע־לען פאָר פערזאַמלונגען פון פרויען אַליין, אָהן מענער, און אויך געמיש־טע פערזאַמלונגען פון מענער און פרויען. דאָס בעווייזט אונז, דאָס די פרויען אין עגיפּטען זיינען געווען פריי און זעלבשטענדיג.

אויף ט אַ נ צ ע ן און מוזיק האָבען די עגיפּטער זעהר ליב געהאַט. טאַנצען פלעגען איבערהויפּט פרויען, מענער זעהר זעלטען, מענער און פרויען צוזאַמען קיינמאָל ניט. ביים טאַנצען האָבען זיי געהאַלטען די הענט אי־בער׳ן קאָפּ אָדער איין האַנט ביי דער זייט און מיט דער אַנדערער געמאַכט פערשיידענע בעוועגונגען. די פיס־בעוועגונגען זיינען בעשטאַנען אין געמאָס־טענע שריט הין און צוריק. עס זיינען צווישען זיי געווען פּראָפעסיאָנעלע טענצערינס, וועלכע מען פלעגט אַנגאַזשירען צו אונטערהאַלטען געסט. איין

בילד שטעלט פאָר, ווי געסט ווערען אונטערהאַלטען דורך צוויי טענצערינס, וועלכע געהען לוסטיגע טעניץ נאָך דעם קלאַנג פון א דאָפּעל-פייף. די טענצערינס זיינען געווען נאַקעט און די טעניץ זעלבסט זיינען געווען אונמאָראַליש.

וואָס מוזיק אַנבעטרעפט, ווייסען מיר, דאָס שוין די אַלטע עגיפּטער האָבען געהאַט פיעלע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. דיזע זיינען געווען: די האַרף, די פלייט, דער דריי-עק, דער טאַנץ-קלאַפּער, די לויטע (אַ מין גיטאַר), די לירע, די פּויק, דאָס האָרן א. אז. וו. אַן אָריגינעלעס אינסטרומענט איז געווען אַ פּוסטע מעטאַלענע בולאַווע מיט איינעם אָדער צוויי רונדע קעפּ. דער טאַקט איז געגעבען געוואָרען פון בעזונדערע פרויען דורך פּאַטשען מיט די הענט. אויסער דער אינסטרומענטאַלער מוזיק האָבען די עגיפּטער זיך אויך אָפּגעגעבען מיט געזאַנג. די פרויען האָבען געזונגען אָהן בעגלייטונג פון אינסטרומענטען, די מענער אימער מיט בעגלייטונג. בעזונדערס זיינען געווען בעליבט בלינדע זינגער.

אויסער מוזיק און טעניץ האָבען די עגיפּטער ליב געהאַט אַלערליי שפּיעלען פיר גימנאַסטיק אָדער אונטערהאַלטונג. ווי פיעלע פערבליבענע בילדער ווייזען, זיינען צווישען זייערע שפּילען און צייט-פערטרייבען געווען: דאָס פעכטען מיט שווערדען; דאָס שיסען אין אַ ציל, אין וואָס עס האָבען זיך אויך בעטייליגט יונגע פרויען; דאָס לויפען אויף געוועט; דאָס ראַנגלען זיך; צופּלייסענדיגע מלחמות אויף שיפלאַך א. אז. וו. אויך זיינען פערבליבען בילדער פון קונצען-מאַכער. אויף איינעם ווערט פאָרגעשטעלט, ווי אַ מאַן שטעהט אויף'ן קאָפּ ניט אונטערגעשטיצט מיט די הענט; אַן אַנדער בילד שטעלט פאָר, ווי אַ פרוי בייגט איהר קערפּער אויף צוריק ביז איהר קאָפּ דערלאַנגט די ערד. ביי די עגיפּטער איז אויך געווען איינגעפיהרט דאָס אָקסען-געפעכט. צווישען די שפּילען פון צייט-פערטרייב זיינען געווען בעליבט דאָס רייפען-שפּיל, באַל-שפּיל און מ אָ ר ר א ס - שפּיל. דאָס לעצטערע שפּיל איז בעשטאַנען דערין, דאָס איינער האָט מיט די שנעלקייט פון אַ בליץ אויסגעשטרעקט און צוריק פערמאַכט איינינגע פינגער און דער אַנדערער האָט געדאַרפט טרעפען, ווי פיעלע פינגער יענער האָט אויסגעשטרעקט. די עגיפּטער האָבען אויך געוואוסט פון שאַך-שפּיעל. עס זיינען ביי זיי אויך געווען שפּיל-צייג פיר קינדער. קורץ, מיר זעהען, אז דאָס געזעליגע לעבען איז ביי די עגיפּטער שוין מיט 3 — 4 טויזענד יאָהר צוריק געווען ניט ווייניגער ענטוויקעלט ווי ביי אונז. די מענשליכע נאַטור איז צו אַלע צייטען די זעלביגע. זי דריקט אויס איהרע אינסטינקטען און פער-

לאַנגען און איהרע זעעלישע און גייסטיגע פעהיגקייטען אימער אויף די זעלביגע אַרט.

די עגיפּטער זיינען געווען אַ שעפערישע ראַסע, אַ ראַסע, וואָס האָט געשאַפען פיעלע אייגענע זאַכען, און זיי האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף פיעלע פעלקער פון דער אַלטער וועלט. מען האָט ביז יעצט געשטעלט העכער דעם שעפערישען גייסט פון די גריכען. אָבער די נייע פאָרשונגען וויזען, דאָס די גריכען האָבען פיעלעס געלערנט פון באַבילאָניען און אַסיריען אין וויסענשאַפט, ווי אין קונסט. אָבער די עגיפּטער זיינען אין דיזער בעציהונג געווען זעלבשטענדיג.

מאַנכע פאָרשער בעהויפּטען, דאָס די עגיפּטער האָבען איבערגענומען זייער קולטור פון די אינדיער; אַנדערע דענקען, דאָס זיי האָבען זי איבערגענומען פון די פעניציער. אָבער אַזוי ווי מיר וויסען, דאָס די עגיפּטער זיינען אימער געווען אָפּגעשלאָסען פון דער גאַנצער אויסערליכער וועלט און האָבען מיט קיין אַנדערן פאָלק קיין פערבינדונג ניט געהאַט, שיינט עס אונז, דאָס זייער גאַנצע קולטור האָבען זיי צו פערדאַנקען נאָר זייער אייגענער שעפערישער קראַפט. דאָס אונזער מיינונג איז ריכטיג, בעווייזען צום בעסטען די גרויסאַרטיגע, קינצליך געבויטע עגיפּטישע פּיראַמידעס, וועלכע זיינען פיעל עלטער פון דער קולטור פון די אינדיער און פעניציער. אמת, די עגיפּטער זיינען געקומען אין בעריהרונג מיט באַבילאָניען און אַסיריען, אָבער דאָס איז געווען אין די שפּעטערע צייטען, ווען די עגיפּטישע קולטור איז שוין געווען הויך ענטוויקעלט. מיר מוזען דעריבער אָננעהמען, דאָס די עגיפּטער האָבען זעלבשטענדיג ענטוויקעלט זייער קולטור, ווי די כינעזער. פון די עגיפּטער, דורך די גריכען, האָבען אויך מיר אונזער קולטור אָנגעפאַנגען. דאָך גיט אונז עגיפּטען די גרויסע און וויכטיגע לעהרע, וועלכע די געשיכטע האָט געלערנט פיעלע פעלקער אָהן אַ שום ערפאָלג. די עגיפּטער האָבען אָהן שום צווייפעל בעוויעסען ניט נאָר אַ פעהיגקייט פיר קולטור, נאָר אויך אַן אונגעוועהנליכע לעבענס-פעהיגקייט, וועלכע האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו עקסיסטירען טויזענדער יאָהרען, ניט אַכטענדיג אויף די גרויסע שטורמס, וועלכע זיי האָבען איבערגעליטען. דאָך זיינען די עגיפּטער אונטערגעגאַנגען און די כינעזער עקסיסטירען נאָך און האָבען נאָך האָפנונגען אויף די ווייטע צוקונפט. אייניגע ערקלערען די אורזאַך, וואָרום די עגיפּטער זיינען אונטערגעגאַנגען, מיט דעם, דאָס זייער קולטור איז געוואָרען צו אַלט און זי האָט ניט געקענט אויסהאַלטען די פאָדערונגען פון דער נייער קולטור. אָבער אויך די כינעזער האָבען זיך אָפּגעשלאָסען פון אַלע אַנדערע

קולטורען — וואָרום זיינען זיי פערבליבען? די געשיכטע פון כינאַ האָט אונז געגעבען דעם שליסעל צו דיזער וויכטיגער פראַגע.

אַרבייט איז און בלייבט די קוועלע פון אַלע קולטורען. וואו די אַרבייט איז פריי, דאָרט איז אויך די קולטור לעבענס־פעהיג; אָבער וואו אַרבייט איז פערשקלאַפט, דאָרט געהט די קולטור צו גרונד. דאָס פאָלק מעג בעזיצען די שטאַרקסטע ענערגיע, איז זיין ענד אונפערמיידליך. ווערט די אַרבייט פערשקלאַפט, פערלירט דאָס פאָלק דעם גאַנצען אינטערעס פיר די אַרבייט, און דאַן געהט אויך די קולטור פערלאָרען. אַ פאָלק ווערט אָפּגעשוואַכט פון אַן אויסגעלאַסענעם, הולטייסקען לעבען. דאָס איז אין דער שפּעטערער צייט אויך געווען דער פאַל אין עגיפּטען. די עגיפּטער האָבען צום ענדע געפיהרט אַן אונמאָראַלישעס, אוננאָרמאַלעס לעבען, און דאָס האָט זיי זעהר פיעל אָפּגעשוואַכט. אָבער די הויפּט־אורזאַך פון זייער אונטערגאַנג איז געווען און בלייבט דאָס, וואָס די אַרבייט פון פאָלק איז געווען פערשקלאַפט און דאָס פאָלק האָט דורך דעם פערלאָרען יעדען וואונש עטוואָס צו שאַפען און יעדע שטרעבונג צו קולטור. אויך אין אינדיען האָט די הערשענדע קלאַס געפיהרט אַן אויסגעלאַסענעם לעבען פון לוקסוס און וואוילטאָג, אָבער די אַרבייט איז ניט געווען פערשקלאַפט. די זעלביגע אורזאַכען גיבען איבעראַל די זעלביגע ווירקונגען. די באַבילאָניער און די אַסיריער האָבען דורך די פערשקלאַפונג פון פאָלקס־אַרבייט אונטערגעגראָבען דעם פונדאַמענט פון זייער עקסיסטענץ, דאָס זעלביגע האָבען געטאָן די עגיפּטער. דאָס זעלביגע האָבען אויך געטאָן אַלע אַנדערע קולטור־פעלקער פון דער אַלטער וועלט. זיי אַלע זיינען אויפגעוואַקסען, האָבען געבליהט און זיינען אונטערגעגאַנגען. איינינע פאָרשער ערקלערען דעם אונטערגאַנג פון די אַלטע קולטור־פעלקער אַלס אַ נאַטור־געזעץ. אַזוי ווי אַלץ אין דער וועלט קומט און פערגעהט, אַזוי ווערען אויך אין דער וועלט פעלקער געבאָרען און פערלאָרען. אָבער יעדענפאַלס מוזען מיר בעוואונדערן דעם שעפערישען גייסט פון די עגיפּטער און פיהלען דאַנקבאַרקייט צו זיי, ווייל זיי זיינען געווען די הויפּט־גרינדער פון אונזער קולטור. וואָס מעהר מיר געפינען אין די אויסגראָבונגען פון די רואינען פון די אַלטע עגיפּטער, אַלץ מעהר קומען מיר צו דער איבערצייגונג, דאָס מען האָט ביז יעצט ניט געוואוסט גענוג צו שעצען די אַלטע עגיפּטישע קולטור און איהר אַיינפלוס אויף די אייראָפּעאישע קולטור. אין דער אַלטער געשיכטע פערנעהמט עגיפּטען אַן עהרען־פּלאַץ ניט וועניגער פון די אַלטע גריכען און רוימער.

5. די פעניציער.

די פעניציער זיינען געוועזן א מערקווירדיגעס פאָלק, וועלכעס האָט גע-
האט א גרויסע בעדייטונג פיר די ענטוויקלונג פון אונזער קולטור.
זיי זיינען געוועזן גרויס ניט אלס שעפער פון אן אייגענער קולטור, נאָר אלס
פערברייטער פון די קולטורען פון אנדערע פעלקער. זיי האָבען, אמת, אויך
אליין פיעלע ערפינדונגען געמאכט, און דערמיט בערייכערט די אלגעמיינע
קולטור, אָבער זייער הויפּט-פערדינסט בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי האָבען
פערשיידענע פעלקער בעקאַנט געמאכט איינע מיט די אנדערע און געבראַכט
אין בעריהרונג די פערשיידענע קולטורען. דורך זיי האָבען די נאציאָנען זיך
געביטען איינע מיט די אנדערע מיט די פּראָדוקטען פון זייערע לענדער.
זייער האנדעל איז געוועזן פערברייטערט איבער אלע בעקאנטע ימים. זייערע
קאראוואנען (קאָמפּאניעס פון קויפליט) זיינען געגאנגען איבער פאלעסטינא,
אראביען, סיריען, באבילאָניען און די סקיטהען-לענדער אין צפון. די גרעס-
טע האנדעל-שטעדט אין דער וועלט פון וויטען מזרח ביז ענדע מערב זיינען
געוועזן פערבונדען אין געשעפט מיט צור און צידון, די צוויי הויפּט האנדעל-
שטעדט אין פעניציען.

אזא גרויסע האנדעלס-פערבינדונג האָט געמוזט האָבען א גרויסע וויר-
קונג. די פעלקער פון דער אלטער צייט האָבען ניט געקענט מעהר פער-
בלייבען אָפּגעשלאָסען, אָפּגעזונדערט איינס פון אנדערן, ווי פריהער;
זיי האָבען זיך ניט נאָר געביטען מיט זייערע פּראָדוקטען, נאָר אויך מיט זיי-
ערע קולטורען. די פעניציער האָבען דורך זייערע געשעפטס-רייזעס געווירקט
אויף די אלגעמיינע קולטור; זיי האָבען איבעראל געגרינדעט קאָלאָניעס,
געמאכט נייע וועגען און גאסען אום צו קענען לייכטער פערשפּרייטען דעם
האנדעל, און דורך דעם איז דאָס צוזאמענקומען פון פערשיידענע פעלקער
געוואָרען לייכט און אויך נויטווענדיג. אונערשראָקען האָבען זיי זיך אי-
בערגעשיפט איבער פערשיידענע ימים, אין אלע וויכטיגע ערטער געגרינ-
דעט קאָלאָניעס, געבויט בריקען און האפענס אום צו פערלייכטערן דעם

פערקעהר. די קאָלאָניעס האָבען געדינט צו בעשיצען די קאַראַוואַנען אָדער שיפען געגען דעם בעפאַל פון רויבער באַנדעס. קורץ, זיי האָבען בעשאַפען אַ ריכטיגען וועלט־האַנדעל און זיי זיינען דורך דעם געוואָרען אַ מוסטער פיר אַנדערע פעלקער. בעזונדערס האָבען די גריכען און די רוימער פיעל גע־לערנט פון זיי. עס איז וואהר, דאָס נאָך פריהער האָבען די אראבער שוין געהאַט קאָלאָניעס אין אינדיען און געפיהרט געשעפטען אויך מיט אַנדערע ערטער, אָבער דאָס זיינען נאָר געווען נאָהענטע געגענדען. דעם אמת'ן וועלט־האַנדעל האָבען די פעניציער בעשאַפען.

לאַנדונג פון פעניצישע שיפען.

די פעניציער זיינען געווען קלוג און פראַקטיש אין דער בעהאַנדלונג פון די קאָלאָניעס, וועלכע זיי האָבען געגרינדעט. זיי האָבען גוט פערשטאַ־נען, דאָס ווען זיי וועלען דורך שווערע שטייערן פעראָרימען די קאָלאָניעס, וועלען זיי צום סוף ניט האָבען, ביי וועמען עטוואָס צו נעהמען, דעריבער האָבען זיי זייערע קאָלאָניעס געגעבען אַלע פרייהייט. דאָס מוטער־לאַנד האָט איבעראַל בעשיצט איהרע טעכטער די קאָלאָניעס און האָט געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען מעגליך, דאָס די קאָלאָניעס זאָלען זיין גליקליך און אין

אַ בליהענדען צושטאַנד. זייער וויכטיגקייט פיר די וועלטגעשיכטע האָבען די פעניציער צו פערדאַנקען נאָר זייער האַנדעל; זיי האָבען זיך ניט אויסגעצייכענט אין מלחמות, ניט אין קונסט און ניט אין וויסענשאַפטען זייער גאַנצעס לעבען און שטרעבען איז נאָר געווען געריכטעט אין די פּראַקטישע זייט. אין דיזער הינזיכט זיינען די פעניציער געווען זעהר ענליך צו די כינעזער. זיי האָבען ניט געמאַכט זייערע רייכטימער דורך זיגען אין מלחמות, נאָר דורך אַרבייט און פליים. דורך דעם האַנדעל האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט שלויהייט, כיטראָסט, וועלכע איז געוואָרען אַלס שפּריכוואָרט אין דער אַלטער וועלט.

די פעניציער האָבען געהערט צו דער וויים־פאַרביגער קולטור־ראַסע. זיי האָבען געשטאַמט פון די קושיטען (כושיים), פון דעם זעלביגען שטאַם, פון וועלכען די עגיפּטער זיינען אַרויסגעקומען. זייערע עלטערן זיינען אַ מאָל געזעסען ביים פּערסישען ים. ווען זיי האָבען אויסגעוואַנדערט פון זייער פריהערדיגען אָרט און האָבען זיך בעזעצט אין פּאַלעסטינאַ, ווייס מען ניט גענוי. איבערהויפּט זיינען אונז פון דער פעניצישער געשיכטע פערבליבען זעהר ווענינ ידיעות. דיזעס אַלטע האַנדעלס־פאָלק האָט ניט איבערגעלאָזען נאָך זיך קיין שריפטליכע נאַכריכטען און קיין שטיינערנע מאָנומענטען. מיר האָבען נאָר איינינע קליינע ברוכשטיקער פון שריפטען פון דעם פעניצישען פּריסטער סאַנחוניאַטאָן און פון מענאַנדראָס פון עפעסוס. מיר בעזיצען איינינע נאַכריכטען איבער די פעניציער פון העראָדאָט, דיאָדאָר, סטראַבאָן, אַריאַן און יאָזעפוס, אָבער דיזע נאַכריכטען האָבען אַ צווייפעלהאַפטען ווערט. נאָך וועניגער בעדייטונג האָבען די שטיין־שריפטען, וואָס מען האָט ביז יעצט געפונען. עס איז פיעל צו בעדויערן, וואָס מיר האָבען אַזוי וועניג ידיעות וועגען דער פערגאַנגענהייט פון דיזען וויכטיגען פאָלק. אַ ריכטיגע שילדערונג פון דער ענטוויקלונג פון דיזען פאָלק וואָלט פיר אונז געווען פיעל וויכטיגער, ווי די ידיעות, וועלכע מיר בעזיצען וועגען די גרויסע מלחמות און זיגען פון די אַלטע פעלקער. דער נאָמען פ ע נ י צ י ע ן איז אַ ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם נאָמען פ ו ן (אין לאַטייניש: פ ו נ י), וועלכען זיי האָבען מיטגעבראַכט פון זייער ערסטען אָרט.

דאָס לאַנד פון די פעניציער איז געלעגען ביים מיטעללענדישען מעער צווישען דעם באַרג כרמל און דעם אָרט, וואו דער טייך אָ ר אָ נ ט ע ס גיסט זיך אַריין אין ים; זיין שטח איז געווען בלויז 30 געאָגראַפישע מייל לאַנג און 5 מייל ברייט. דער גרענעץ פון דיזען קליינעם לאַנד צו מזרח איז געווען דער לבנון. די לאַגע פון לאַנד איז געווען אַ זעהר גוטע. די ערד איז גע-

ווען זעהר פרוכטבאר, דער קלימאט זעהר מילד און אנגענעהם צוליב דעם איינפלוס פון דער ים־לופט. גוטע וואסער־ברעגען און טייערע געהילץ פון די צעדער־בוימער האבען פיעל געהאָלפען צו ענטוויקלען דעם פערקעהר פון שיפען. דערצו נאָך איז פעניציען געווען פון אַלע זייטען ארומגערינגעלט מיט קולטור־פעלקער. די פעניציער האבען גהעאט אַלע בעדינגונגען, וועלכע זיינען געווען נעטיג צו ענטוויקלען דעם אקער־בוי אין זייער לאַנד און דעם וועלט־האנדעל מיט אַלע דאמאָלס בעקאנטע פעלקער. צו דיזע אַלע מעלות קומט נאָך צו דער גרויסער אונטערנעהמונגס־גייסט און דער שאַרפער בליק פון דיזען פאָלק.

די פאָליטישע געשיכטע. דער צענטער, דער מיטעל־פונקט פון דער פאָליטישער געשיכטע פון די פעניציער זיינען געווען די צוויי גרעסטע שטעדט צור און צדון. אין די גאָר אַלטע צייטען איז צידון געווען די וויכטיגסטע פון ביידע. אין אָנפאנג איז זי געווען א קליינער פישער־דאָרף און לאנגזאם האט זי זיך ענטוויקעלט ביז זי איז געוואָרען די גרעסטע האנדעל־שטאָדט אין דער וועלט. צידון איז געשטאנען ביי א זעהר גוטען האפען, ארומגערינגעלט פון פרעכטיגע גערטנער, וועלכע האבען איהר געגעבען דעם נאָמען „די בלומען־שטאָדט". דער הויפט־קאָנקורענט פון צידון איז געווען צור. די זאגע ערצעהלט, דאס צור איז א מאָל געווען א קליין שטעדטעל מיט הייז־לאך פון ראָהר־פלאנצען און מעלקארט האט זי איבערגעבויט און אין איהר געמאכט שטיינערנע און הילצערנע בנינים. צור איז בעשטאנען פון צוויי טיילען; איין טייל איז געווען אויף דער גרויסער יבשה און דער צווייטער טייל איז געווען אויף אן אינזעל. אין די שפעטערע צייטען איז צור פערגרע־סערט געוואָרען. מען האט צו איהר צוגעגעבען נאָך א קליינע אינזעל, אויף וועלכער עס איז געשטאנען דער אַלטער טעמפעל פון מעלקארט. דיזע קליינע אינזעל האט מען מיט דער הויפטשטאָדט פעראייניגט דורך א בריק.

דער עלטעסטער געשיכטליכער פאקט, וואס האט א שייכות מיט פע־ניציען, איז דער קריגס־צוג פון דעם עגיפּטישען קעניג טוטהמאָסים דעם 1טען נאָך סיריען. די פעניצישע האנדעל־שטעדט צור און צידון האבען זיך ניט געשטעלט געגען איהם. זיי האבען איינגעוויליגט צו צאָהלען איהם טריבוט (מס). אין דער צייט פון טוטהמאָסים דעם 1טען האבען די פע־ניציער זיך געוואָלט בעפרייען פון דעם טריבוט, וואס זיי האבען געצאָהלט צו עגיפּטען, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען. זיי האבען זיך אונטערגעגע־בען און עס האט ווידער א לאנגע צייט געהערשט רוה און פרידען ביז עס איז אויסגעבראָכען א מלחמה פון די פלשתים אונטער סערען און אשקלון

געגען די פעניציער. די פּלאַטע פון צידון איז אין דיזער מלחמה אין גאַנצען געשלאָגען געוואָרען און דער סוף פון דיזען קריג איז געוועז, דאָס די רייכע האַנדעלס־לייט האָבען פערלאָזען צידון און זיך בעזעצט אין צור, וואו זיי האָבען גערעכענט, דאָס זיי וועלען זיין זיכערער מיט זייער רייכטום. דערמיט האָט זיך דער האַנדעל פון צידון איבערגעטראָגען נאָך צור, און פון דאַמאָלס אָן, ד. ה. פון 1200 פ. קר., האָט צור אָנגעפאַנגען צו בליהען מעהר און מעהר ביז זי איז געוואָרען די גלענצענדסטע און רייכסטע האַנדעל־שטאָדט פון גאַנץ אזיען.

שפּעטער האָט שלמנאסר, דער קעניג פון אסיריען, געוואָלט די פעניציער אונטערוואַרפען אונטער זיין יאָך, אָבער צור האָט זיך זעהר פעסט געשטעלט געגען איהם. נאָך דעם, ווי די אַסיריער האָבען גענומען דעם טייל שטאָדט, וואָס איז געשטאַנען אויף'ן ברעג, האָבען די איינוואוינער זיך געטרעטען אויף די אינזעל־שטאָדט (ד. ה. אויף דעם טייל שטאָדט, וואָס איז געלעגען אין וואַסער) און האָבען מיט זייער קליינער פלאָטע די גרויסע אַסיריש׳ע פלאָטע צוריקגעשלאָגען. די אַסיריער האָבען נאָך די מלחמה נ׳ט אויפגעגעבען. פינף יאָהר האָבען זיי בעלאַגערט צור, אָבער אָהן אַ שום ערפאָלג. די פעניציער האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען און די אַסיריער האָבען געמוזט זיך צוריקציהען פון דער בעלאַגערונג. צור האָט אין אַ קורצער צייט זיך צוריק אויפגעהויבען און האָט נאָך מעהר אויפגעבליהט ווי פריהער.

די זעלביגע געשיכטע האָט זיך מיט צור געטראָפען נאָך אַ מאָל. ווען נבוכדנאצר האָט בעזיגט ירושלים, האָט ער אויך איינגענומען מעהרערע פעניציישע שטעדט, צור אָבער האָט זיך פעסט געשטעלט געגען איהם; דיזע שטאָדט ביים ברעג פון דער יבשה איז ווידער געפאַלען, אָבער די אינזעל־שטאָדט האָט אויסגעהאַלטען אַ דריי־יעהריגע בעלאַגערונג, און נאָר די איינוואוינער פון ברעג־שטאָדט זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען אַלס געפאַנגענע נאָך באַבילאָניען.

ווען צירוס (כורש), דער קעניג פון פּערסיען, האָט אַרונטערגעבראַכט אונטער זיין יאָך אַלע פעלקער פון מערב־אזיען, האָבען די פעניציער גערעכענט, דאָס עס איז פיר זיי בעסער זיך אונטערצוגעבען אונטער איהם. זיי האָבען דערפאַר גענאָסען פולע פרייהייט, און האָבען נאָר געמוזט צאָהלען טריבוט (מס). זייער זעלבסט־רעגירונג איז אויף קיין האָאר ניט אָנגעריהרט געוואָרען. צו דיזער צייט האָט צידון ווידער דערגרייכט איהר פריהערדיגען הויכען אָרט און איז ווידער געוואָרען דער מיטעל־פּונקט פון דעם וועלט־האַנדעל. וועהרענדיג צוריק מעכטיג, האָט צידון זיך אָנגעהויבען צו עמפּערען גע-

גען פערסיען. דער סוף פון דיזער עמפּערונג איז אָבער געוועזן ניט קיין גו־טער. אַלע פעניצישע שטעדט האָבען זיך אונטערגעגעבען אונטער צירוס'ן, אויסער צידון, וועלכע האָט פערברענט איהרע שיפען, אום די איינוואוינער און די סאָלדאַטען זאָלען ניט האָבען די מעגליכקייט צו ענטלויפען, אוי זי האָט געקעמפט פיר איהר פרייהייט ווי א פערצווייפעלטע. צידון איז אָבער ענדליך איינגענומען געוואָרען, און די איינוואוינער האָבען די שטאָדט פער־ניכטעט אין פלאַמען, אין וועלכע זיי זיינען אַליין אויך אומגעקומען.

דורך דיזען אונטערגאַנג פון צידון איז צור ווידער ארויף אויף די סצענע, אָבער דאָס איז שוין געווען צום לעצטען מאָל. ווען אַלכסנדר מוקדון האָט איינגענומען פערסיען (333 פ. קר.) האָט זיך אין פעניציען ווידער־האָלט די אַלטע געשיכטע. אַלע שטעדט האָבען זיך אונטערגעגעבען, אויסער צור. דיזען מאָל האָט די עקשנות זי געבראַכט צום אונטערגאַנג. זיבען חדשים האָבען די פעניציער מיט העלדישען מוט אויסגעהאַלטען די בעלאַ־גערונג, אָבער עס האָט זיי ניט געהאָלפען זייער גבורה געגען אַלכסנדר'ס מאַכט און קריגס־קונסט. די שטאָדט איז געפאַלען און די איינוואוינער זיי־נען גרויזאַם בעשטראָפט געוואָרען. פיעלע זיינען געקרייציגט געוואָרען און פיעלע זיינען פערקויפט געוואָרען אַלס שקלאַפען. צור איז אין גאַנצען אונ־טערגעגאַנגען, דער וועלט־האַנדעל איז אריבער אין אַלעקסאַנדריען, און דורך דעם האָט ניט נאָר צור, נאָר גאַנץ פעניציען אויך אימער פערלאָרען איהר בע־דייטונג.

פיעל וויכטיגער ווי די פּאָליטישע געשיכטע איז די געשיכטע פון דער פעניצישער קאָלאָניזאַציאָן. פעלע קויפלייט האָבען זיך בעזעצט אין פרעמדע שטעדט, האָבען דאָרט געגרינדעט פאַבריקען און געשעפטס־הייזער, געטרי־בען גרויסען און קליינעם מסחר, געלט־וועקסעל געשעפטען, פּראַכט־געשעפט און הלוואות אויף שיפען אָדער אויף זייער פּראַכט. אַנדערע האָבען זיך אי־בערגעגעבען צו מלאכות און האָבען געאַרבייט אַלס פּורפּור־פאַרבער, זאַלבען־מאַכער, בעקער, קעכער, שענקער א. אַז. וו. ווען פיעלע פעניציער האָבען זיך בעזעצט אין דער פרעמד אין איין אָרט, האָבען זיי גלייך געגרינדעט א געזעלשאַפט און האָבען אויסגעווירקט פיר זיך ביי דער רעגירונג פון דעם אָרט געוויסע פריווילעגיעס. דיזע קאָלאָניעס האָבען פיעל געהאָלפען צו פערברייטען די פּראָדוקטען פון פעניציען אין אַנדערע לענדער און האָבען פיעל גרינגער געמאַכט פיר זיי צו בעקומען פון אַנדערע לענדער רויהע פּראָדוקטען, וועלכע זיי האָבען בעאַרבייט אין זייערע פאַבריקען און דער־נאָך ארויסגעשיקט צום פערקויפען מיט גרויסע פּראָפיטען; די קאָלאָניעס

האָבען נאָך געדינט צו אַן אַנדער צוועק. צווישען די פאַבריק־אַרבייטער פלעגען זיך זעהר אָפט געפינען אונצופרידענע. דיזע אונצופרידענע האָט מען איינגעשטילט, ווען מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אין די נייע ערטער, וואו זיי האָבען בעקומען בעסער געצאָהלט פיר זייער אַרבייט. אויף דיזען אופן האָבען די פעניציער בעזייטיגט פיעלע סאָציאַלע שוועריגקייטען.

די עלטעסטע פעניציישע קאָלאָניע איז געווען די שטאָדט צור זעלבסט, וועלכע די שטאָדט צידון האָט געגרינדעט. נאָך דעם האָבען איינוואוינער פון צידון געגרינדעט קאָלאָניעס אויף דער אינזעל ציפערן (קפריסין). דאָרט האָבען זיי געפונען פיעל ריינעם קופער, תבואות, וועלדער, וואָס האָט זיי

פעניצישע קויפלייט.

זעהר שטאַרק צוגעצויגען. דאָס זעלביגע האָבען זיי אויך געטאָן אין קליין־אַזיען און אויף די ברעגען פון פערשיידענע נאָהענטע ימים. אין עגיפטען האָבען די קעניגען זיי געשטערט זיך צו בעזעצען, דאָך האָבען זיי אין דער בעוויהמטער עגיפטישער רעזידענץ־שטאָדט מעמפיס פערנומען אַ גרויסען טייל מיט זייערע געשעפטען און פאַבריקען. די פעניציער האָבען זיך אויך בעזעצט ביי די ברעגען פון גריכענלאַנד, אויף די אינזלען מאַלטאַ, סיציליען, סאַרדיניען, אויך אין עטרוריאַ (איטאַליען) און ביי די ברעגען פון צפון־אַפריקאַ.

ווען צור איז נאָך צידון געוואָרען די וויכטיגסטע פון אַלע פעניצישע שטעדט, האָבען די פעניציער געקריגען מוט אַרויסצוגעהן ווייטער אין ים צו בעזוכען נייע ערטער. פריהער האָבען זיי גערעכענט, דאָס די ים־שטראָס פון גיבראַלטאַר איז עק וועלט. שפּעטער זיינען זיי אַרויס נאָך ווייטער אין דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן און האָבען געגרינדעט ביי דעם שפּאַנישען ברעג די שטאָדט גאַדיר, וועלכע מען האָט שפּעטער גערופען גאַדעס (היינט: קאַ-דיס). די וויכטיגסטע האַנדעלס־אַרטיקלען זיינען דאָ געווען גאָלד און זיל-בער, וועלכע די פעניציער פלעגען איינטוישען פון די דאָרטיגע איינוואוינער מיט קליינינגקייטען פון זייערע פאַבריקען.

די פעניציער האָבען אויך בעזעצט די ברעגען פון אַפריקאַ, וועלכע ליגען געגען־איבער שפּאַניען. זיי זיינען אויך איבער דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן געגאַנגען ווייטער צו צפון און האָבען אויף פערשיידענע אינזלען געגרינדעט קאָלאָניעס; זיי האָבען דערלאַנגט ביז די קאַסיטערידען — די בריטישע צין־אינזלען — און דעם צפון־ברעג פון פראַנקרייך. העראָדאָט ערצעהלט, דאָס די פעניציער זיינען געווען די ערסטע, וועלכע האָבען אַרומגעשיפט אַפ-ריקאַ. לויט דיזען היסטאָריקער איז דיזע רייזע געשעהען אויף דעם בעפעהל פון פּרעה נכה דעם 1טען (595 — 610 פ. קר.). די פעניציער האָבען דיזע רייזע אָנגעפאַנגען פון דעם רויטען מעער (ים סוף), זיינען געפאָהרען כסדר צו דרום ביים ברעג פון אַפריקאַ ביז זיי זיינען געקומען צום זיד־מעער. ווען דער הערבסט איז אָנגעקומען, זיינען זיי אַרויס פון די שיפען, האָבען בע-זעעט דאָס לאַנד, און ווען די תבואה איז פערטיג געוואָרען זיינען זיי דער-מיט ווייטער געפאָהרען. אין דעם דריטען יאָהר נאָך זייער אַרויספאָהרען פון רויטען מעער האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט נאָך עגיפּטען דורך די גיב-ראַלטאַר־שטראָס און דעם מיטעללענדישען ים. צו דיזען בעריכט זעצט העראָדאָט צו פאָלגענדעס: „זיי ערצעהלען אויך, דאָס ביים אַרומשיפען אַפריקאַ האָבען זיי געהאַט די זון צו זייער רעכטער זייט (ד. ה. אין צפון) — דאָס מעגען אַנדערע גלויבען, ניט איך". אָבער גראַדע דיזע בעהויפּטונג קען דינען אַלס בעוויז, דאָס זיי האָבען ווירקליך בערייזט אַפריקאַ אַרום און אַרום, וויילע אין דרום־אַפריקאַ, וועלכע געפינט זיך אויף יענער זייט עקוואַטאָר, האָט זיי די זון געדאַרפט אויסקומען אין צפון.

ניט נאָר איבער די ימים האָבען די פעניציער געגרינדעט קאָלאָניעס, נאָר אויך אויף דעם אַזיאַטישען קאָנטינענט (יבשה). אַזוי צ. ב. האָבען זיי זיך בעזעצט אין חמת ביים טייך אָראָנטעס, אין טהאַפּסאַקאָס ביים אייפראַט, אין ליש ביים ירדן, אין ניסיביס (נציבין)

ביים טיגרים. אויב די פעניציער האָבען בעזוכט אינדיען, ווי עס וואָלט אויס-זעהן פון זייער האַנדעל מיט די פּראָדוקטען פון דיזען לאַנד, איז צווייפעל-האַפט; זיכער איז צו גלויבען, דאָס זיי האָבען געביטען זייערע פּראָדוקטען אויף אינדישע סחורות אין די פערשיידענע מאַרק-פּלעצער אין אַראַביען אָדער באַבילאָניען.

אַ זעהר וויכטיגע קאָלאָניע, וואָס די פעניציער האָבען געגרינדעט, איז געוועזן ק ר י ת = ח ד ש ת, אָדער ק ר ת א ח ד ת א, וועלכע די רוימער האָבען אָנגערופען מיט דעם נאָמען ק אַ ר ט ה אַ ג אָ. די בעדייטונג פון דיזען נאָמען אין דער פעניצישער שפּראַך, ווי אין העברעאיש און כאַלדע-

דידאָ קריגט דורך בעטרוג אַ בוי-פּלאַץ פיר קאַרטהאַגאָ.

איש, איז: ניי-שטאָדט (ק ר י ה, ק ר ת א—שטאָדט, ח ד ש ה, ח ד ת א — נייע). דיזע שטאָדט איז וואַהרשיינליך געגרינדעט געוואָרען אין מיטען פון 9טען יאָהרהונדערט פ. קר. אַ זאַגע ערצעהלט וועגען דער גרינדונג פון קאַרטהאַגאָ פאָלגענדעס: דידאָ, אַ פּרינצעסין, וואָס איהר מאַן איז ערמאָרדעט געוואָרען, איז געוועזן געצוואונגען צו ענטלויפען פון פעניציען. זי האָט זיך בעזעצט אויף דעם צפון-ברעג פון אַפריקאַ, וואו זי האָט דורך כיטראָסט, דורך רמאות, בעקומען אַ גרויסעס שטיק לאַנד. זי האָט נעמליך ביי די איינוואוינער געקויפט אַזוי פיעל לאַנד, ווי פיעל מען זאָל קענען

בערדעקען מיט איין אָקסען־פעל. זי האָט אָבער גענומען א פעל, האָט עס צושניטען אויף שמאָלע פאסען און האָט מיט זיי ארומגערינגעלט א גרויסעס שטיק ערד; זי האָט גע׳טענה׳ט, אז אזוי פיעל ערד האָט זי געקויפט און די איינוואוינער האָבען איהר געמוזט נאָכגעבען. מען גלויבט, דאָס דיזע זאגע שטאמט דערפון, וואָס דער עלטעסטער טייל פון דיזער שטאָדט האָט געהייסען בורסא, וואָס בעדייט אין דער פעניציישער שפּראך בורג (העב־רעאיש: ב י ר ה), אָבער אין גריכיש — פעל, הויט. ווען די מאכט פון פעניציען האָט אָנגעהויבען צו זינקען, האָט קאַרטהאגאָ איבערגענומען איהר ראָלע און האָט פיר א צייט בעהערשט דעם מיטעללענדישען ים פון סיציליען ביז דעם גיבראלטאר. פיער הונדערט יאָהר האָט געדויערט די מאכט פון קאַרטהאגאָ ביז זי איז געפאלען דורך די רוימער. די געשיכטע פון דיזער מערקווירדיגער שטאָדט איז ענג פערבונדען מיט דער געשיכטע פון רוים און מיר וועלען זיך שפּעטער מיט איהר גענויער בעקענען.

אויסער דעם האנדעל האָבען די פעניציער זיך אויסגעצייכענט מיט זייער פאבריקאציאָן. זיי האָבען בעארבייט די רויהע פּראָדוקטען פון פרעמדע לענ־דער. זיי זיינען איבערהויפּט געוועזען גרויסע קינסטלער אין אויסארבייטען מעטאלענע זאכען. בעזונדערס וויכטיג איז פיר יענע צייט געוועזען די בעארביי־טונג פון בראָנז, פון וועלכער עס זיינען דאמאָלס געמאכט געוואָרען אלערליי געוועהר און פערשיידענע כלים. זיי האָבען אויך געוואוסט ווי מעטאלען צו גיסען און אויסצואַרבייטען פערשיידענע געהאמערטע זאכען. זייערע מינ־צען (מטבעות) האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שענער אויסארבייטונג.

מעהר בעקאנט איז די פעניצישע וואָל־פארבעריי. זיי האָבען דערצו בענוצט דעם פורפור־רויטען זאָפט פון געוויסע ים־מושלען, וועלכע מען האָט אין די אלטע צייטען געפאנגען זעהר פיעל אין דעם מיטעללענדישען מעער. די זאגע ערצעהלט, דאָס די פעניציער האָבען אויסגעפונען דיזע פארב דורך א צופאָל, בעמערקענדיג, ווי דער מויל פון א הונד איז געוואָרען רויט גע־פארבט דורך צובייסען א מושעל. עס איז אָבער מעגליך, דאָס די פעניציער האָבען די פורפור־פארבעריי געלערנט פון די אסיריער, נאָר זיי האָבען די־זע קונסט פערבעסערט. זיי האָבען ניט נאָר געוואוסט צו פארבען רויט, נאָר אויך אין אנדערע קאָלירען. איבערהויפּט האָבען זיי געפארבט לייוועגט און וואָל, וואָס זיי האָבען געבראכט פון עגיפּטען. פורפור־קליידער זיינען גע־וועזען זעהר טייער, ווייל מען האָט געברויכט צו דיזען שטאָף זעהר פיעל פור־פור־זאפט. די קעניגען זיינען געווען געקליידט אין פורפור, און אויסער קעני־גען האָבען נאָר גאנץ רייכע לייט זיך געקענט ערלויבען אזא לוקסוס. די, וואָס

זיינען ניט געווען אין שטאנד צו מאכען א גאנצען בגד פון פורפור־שטאָף, האָבען בעפוצט זייערע קליידער מיט שטרייפען פון פורפור.

אויך גלאָז־פאבריקאציאָן איז ביי די פעניציער געווען בעקאנט. א מאָל האָט מען געגלויבט, דאָס זיי זיינען געווען די ערפינדער פון גלאָז, און מען האָט וועגען דעם ערצעהלט פאָלגענדע געשיכטע. די מאטראָזען פון א פעניצישען שיף האָבען אמאָל געקאָכט זייער עסען אויף ריינעם זאמד און האָבען אונטערגעשפארט זייערע קעסלען מיט סאלפעטער־שטיינער (סעליט־רע), וועלכע זיי האָבען געהאט אויף זייער שיף. אין דעם פייער איז דער סאלפעטער צושמאָלצען געוואָרען און האָט זיך צוזאמענגעמישט מיט די אש און מיט דעם זאמד. ווען דאָס פייער איז פערלאָשען געוואָרען, האָבען די לייט צו זייער פערוואונדערונג בעמערקט, אז דאָס געמיש האָט זיך פערהארטעט אין א דורכזיכטיגע מאסע, וועלכע איז ניט געווען קיין אנדער זאך ווי גלאָז. עס איז אָבער וואהרשיינליך, דאָס די פעניציער האָבען די גלאָז־פאבריקאציאָן געלערנט פון די עגיפּטער, ווייל עס איז בעוואוסט, דאָס דיזע האָבען בעזעסען די קונסט צו מאכען און בלאָזען גלאָז לאנג פאר דער היסטאָרישער צייט פון די פעניציער. די גלאָז־פאבריקאציאָן האָט ביי די פעניצער קיינמאָל נט דערגרייכט צו א הויכער שטופע. זיי פלעגען נאָר מאכען קלייניגקייטען און צירונגען, וועלכע זיינען געווען געשעצט ביי די ווילדע פעלקער.

די פעניציער האָבען זיך אויך אויסגעצייכענט אין אויסארבייטען פער־שיידענע פוץ־זאכען, ווי שטיקערייען, האלז־בענדער, ארטיקלען פון העל־פאנד־ביין, צירונג פון גאָלד און זילבער א. אז. וו.

פיר א ק ע ר ב ו י איז דער באָדען פון פעניציען געווען זעהר א גוטער. די פלייסיגע, ארבייטזאמע פעניציער האָבען די ערד אויסגעניצט אויף'ן בעסטען אופן, און דאָס גאנצע לאנד האָט אויסגעזעהן ווי איין גרוי־סער גאָרטען. מען האָט דאָרט בעארבייט די בעסטע מינים תבואות, וויינ־טרויבען, אָראנזשען, אוילבערטען און נאָך פיעלע אנדערע ערדע פרוכטען. עס איז אָבער א פראגע, אויב די תבואה, וואָס די פעניציער האָבען פּראָדו־צירט, איז געווען גענוג פיר דאָס לאנד, וועלכעס איז געווען זעהר געדיכט בעפעלקערט. מען האָט וואהרשיינליך געמוזט צופיהרען געטריידע פון אנ־דערע לענדער.

די פ א ל י ט י ש ע א י י נ ר י כ ט ו נ ג פון די פעניציער איז זעהר אינטערעסאנט. היר זעהען מיר צום ערסטען מאָל אין דער געשיכטע

א ה א נ ד ע ל ס ־ ר ע פ ו ב ל י ק, א פאָרמע, וועלכע מיר וועלען שפּע־טער עפּטער בעגעגנען.

פעניציען איז אימער געווען א רעפּובליק. איהרע קעניגען זיינען נאָר געווען ערוועהלטע בעאמטע, וועלכע האָבען געהאַט אין פאָלק די זעלביגע שטעלונג, ווי די דאָזשעס אין ווענעדיג. אויסער דעם האָט פעניציען ניט געהאַט די ענגע, איינהייטליכע אָרגאַניזאַציאָן פון א קעניגרייך. יעדע שטאָדט איז געווען א שטאַאַט פיר זיך און איז ניט געווען אָפּהענגיג פון א צענטראַלער רעגירונג. די פערשיידענע שטעדט פלעגען זיך נאָר אָפּטמאָל בעראַטען וועגען געמיינשאַפטליכע אינטערעסען. אין א צייט, ווען עס האָט זיי געדראָהט א געפאַהר פון אויסען, פלעגען די שוואכע שטעדט זיך פער־בינדען מיט די שטאַרקע, און אַזוי האָבען זיך מיט דער צייט געבילדעט דריי פערבאַנדען מיט די הויפּטשטעדט צ ו ר, צ י ד ו ן און א ר א ד ו ס. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, ווי די ערשטענדע שטעדט האָבען צווישען זיך קאָנקורירט.

הגם די פּאָליטישע פאָרמע איז געווען רעפּובליקאַניש, איז די פערפאַ־סונג, די קאָנסטיטוציאָן פון פעניציען געווען ניט דעמאָקראַטיש, נאָר אַריס־טאָקראַטיש. דער אַדעל איז געווען איינגעטיילט אין דריי פערבאַנדען אָדער שטאַמען (שבטים), פון וועלכע יעדער איז בעשטאַנען פון 10 משפחות; יעדע משפּחה איז ווידער געווען איינגעטיילט אין 10 הויז־פאַמיליעס. דיזע איינטיילונג פון פאָלק האָט אַן עהנליכקייט מיט דער איינטיילונג פון פאָלק ביי די גריכען און רוימער.

ווי מאָרגאַן און אַנדערע פאָרשער האָבען בעוויזען, איז יעדעס פאָלק אין אָנפאַנג בעשטאַנען פון שבטים, וועלכע זיינען געווען בלוט־פערוואַנדטע איינער מיט'ן אַנדערן, און זיינען געווען אָרגאַניזירט אויף דעם יסוד פון גלייכע רעכטען. ווי אַזוי עס האָבען זיך אויסגעבילדעט די שבטים ביי די פעניציער איז אונז ניט בעקאַנט. דאַגעגען ווייסען מיר גענוי ווי די שבטים האָבען זיך אויסגעבילדעט ביי די רוימער און די גריכען. מיר ווייסען אויך די שטאַם־פערפאַסונג פון פערשיידענע נאַטור־פעלקער. דיזע פערפאַסונג אָדער איינריכטונג איז כמעט ביי אַלע נאַטור־פעלקער איינע און די זעלביגע, זיי מעגען זיך געפינען ווי ווייט איינע פון די אַנדערע. אין אַלע טיילען פון דער וועלט געפינען מיר פעלקער, וועלכע זיינען צוטיילט אין שבטים און זיי־נען אָרגאַניזירט אויף דעם יסוד פון גלייכע רעכטען. די פעניציער זיינען אין אָנפאַנג, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, געוויס אויך געווען איינגעטיילט אין שטאַמען. אָבער צוליב דעם גרויסען האַנדעלס־פערקעהר האָבען אין פּע־

ניציען זיך בעזעצט פיעלע פרעמדע, וועלכע זיינען געבליבען אויסער דעם פערבאַנד פון די שבטים. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע האָבען געהאַט וועניגער רעכטען ווי די שטאַם=ברידער, וועלכע האָבען געהאַט די ממשלה אין זייערע הענט. דאָס זאָל זיין די אורזאַך פון דעם אריסטאָקראַטישען כאַראַקטער פון דער פעניצישער פערפאַסונג. די אורשפּרינגליכע שטאַם=פערוואַנדטע זיינען געווען די אריסטאָקראַטען, די קינדער פון די פרעמדע איינגעוואַנדערטע זיינען געבליבען איינפאַכע בירגער. די אויבען=דערמאָהנטע איינטיילונג פון דעם פעניצישען אַדעל ערקלערט זיך גאַנץ איינפאַך אַלס אַ רעסט פון דער אַמאָליגער שטאַם=פערפאַסונג.

גראַדע די זעלביגע ענטוויקלונג איז פאָרגעקומען אין דעם אַלטען רוים. די אַריסטאָקראַטיע, די פּאַטריציער, האָבען געשטאַמט פון די אַלטע שבטים, און דאָס איינפאַכע פאָלק, די פּלעבעיער, זיינען געקומען שפּעטער און האָבען ניט געהערט צום אַלטען פערבאַנד פון די שבטים. אויך די פאָרמע פון רעגירונג איז ביי די פעניציער געווען עהנליך ווי ביי די אַלטע רוימער. דער ר אַ ט איז אין פעניציען ווי אין רוים בעשטאַנען פון די פערטרעטער פון די געשלעכטער אָדער פאַמיליעס. אויסער דיזען איז נאָך ביי די פעניציער געווען אַ קליינער ראַט, וועלכער איז בעשטאַנען פון פערטרעטער פון די משפחות. דער גרויסער ראַט האָט געהאַט די מעהרסטע מאַכט. די העכסטע בעאַמטע זיינען געווען אַ שופט אָדער ריכטער (ביי די קאַרטהאַגער: סופעט) און אַ כהן=גדול.

דער אַקערבוי אין פעניציען איז געווען אין די הענט פון דעם אַדעל. דער פעניצישער אַדעל האָט בעזעסען כמעט דעם גאַנצען אַקער=באָדען, וועלכען ער האָט אָבער ניט בעאַרבייט אַליין, נאָר אָוועקגעגעבען אויף פּאַכט צו אַנדערע, ווי די עגיפּטער האָבען עס געטאָן. די פּאַכטער האָבען געדאַרפט געבען אַ פערטעל פון די פּראָדוקטען צו די אייגענטימער פון דעם באָדען און אַ צעהנטעל (מעשר) צו די פּריסטער פון לאַנד. די לאַגע פון די פּאַכטער איז אין אַלגעמיין געווען זעהר טרויעריג. זיי האָבען ניט געהאַט די פרייהייט צו פערלאָזען זייערע ערטער, נאָר זיי זיינען געווען צוגעשמידט צו דעם באָדען.

דערפאַר זיינען האַנדעל און אינדוסטריע געווען ניט אין די הענט פון דעם אַדעל, נאָר ביים איבריגען פאָלק, עהנליך ווי ביי די רוימער. די פּאַבריק=אַרבייטער האָבען זיך געפונען אין אַ זעהר געדריקטער לאַגע, ווי עס בעווייזען זייערע אָפּטע אויפשטאַנדען. צום גרעסטען טייל זיינען זיי געווען שקלאַפען. די פעניציער האָבען זיך אויך בעשעפטיגט מיט מענשען=האַנדעל.

ווי אלע ארבייטער פעלקער. די שקלאפען זיינען געווען א וויכטיגער ארטי-
קעל אין זייער האנדעל.

אין פעניציען איז דעריבער פארגעקומען אן ערביטערטער קלאסען-קאמף צווישען די אונטערדריקטע און אונטערדריקער. אבער ניט נאר האבען געקעמפט די לאנד-ארבייטער מיט די פאבריק-ארבייטער געגען די בעזיצער, נאר דיזע ביידע קלאסען ארבייטער האבען אויך געקעמפט צווישען זיך, ווייל זייערע אינטערעסען זיינען געווען פערשיידען. דיזער קלאסען-קאמף האט ענדליך אפגעשוואכט פעניציען געגען איהרע אויסערע פיינד.

אויך די אונטערדריקער זיינען געווען געטיילט אין צוויי קלאסען: די איינגעבארענע אריסטאקראטיע, די אלטע שבטים פון לאנד, און די איינגעוואנדערטע קויפלייט, וועלכע זיינען מיט דער צייט רייך געווארען און זיינען צוליב זייער רייכטום געווארען א מאכט. די איינגעבארענע אריסטאקראטען האבען ניט געוואלט צולאזען די רייך-געווארענע איינוואנדערער צו רעגירען. עס האט זיך אנגעפאנגען א קאמף צווישען יחוס און קאפיטאל. די קאפיטאליסטען האבען מיט זייערע מיטלען צוגעצויגען צו זיך די אונטערדריקטע קלאסען, וועלכע האבען זיי געהאלפען דורך אפטע אויפשטאנדען און רעוואלוציאנען, ביז עס איז ענדליך אנשטאט דער אריסטאקראטיע איינגעפיהרט געווארען אין לאנד די פלוטאקראטיע, די הערשאפט פון געלט, ווי עס איז געווען דער פאל אין אלע אנדערע האנדעלס-רעפובליקען.

די קאלאניעס זיינען געווען פריי פון דעם קאמף צווישען יחוס און קאפיטאל, ווייל דארט איז ניט געווען קיין איינגעבארענע אריסטאקראטיע. די גרינדער פון די קאלאניעס זיינען געווען איבערהויפט קויפלייט און פאבריקאנטען. אבער דער קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט איז אויך דארט פארגעקומען, ווי אין פעניציען גופא.

אין *קונסט און וויסענשאפט* האבען די פעניציער קיין וויכטיגעס ניט בעשאפען. זיי זיינען געווען דורך און דורך א פראקטישעס פאלק, וועלכעס האט זיך בעשעפטיגט נאר מיט דעם, וואס איז געווען ענג פערבונדען מיט האנדעל. אין *בוי-קונסט* האבען זיי קיין אייגענע, אריגינעלע פארמען ניט געשאפען, ווי די אינדיער אדער די עגיפטער. זייערע טעמפלען און קברים-געביידעס צייכנען זיך ניט אויס מיט זייער ארכיטעקטור אדער מיט זייער גרויס. מיר בעגעגנען ביי זיי ניט קיין אונגעהייער גרויסע, קאלאסאלע געביידעס. דערפאר פערדינט זייער טעכנישע פעהיגקייט פולע אנערקענונג. אין דער קונסט פון מאכען בילדער און סטאטועס זיינען זיי געשטאנען אויף א נידריגער שטופע, ווי מען

זעהט פון דער שטייפער האַלטונג און אונגעלומפּערטקייט פון די פיגורען. אויף נעכסטער זייט גיבען מיר צוויי פערבליבענע פעניצישע סטאַטועס. זייערע געטער־בילדער האָבען די פעניציער געלאָזען מאַכען אין אויסלאַנד, איבערהויפּט אין עגיפּטען, אָבער זיי האָבען זיי נאָכגעמאַכט אָהן טאַלאַנט און געשמאַק. די געטער־בילדער אויף די פעניצישע שיפען זיינען געוועזען זעהר מיאוס׳ע פיגורען.

אין די וויסענשאַפטען, ווי אין אַלע אַנדערע זאַכען, האָט ביי די פעניציער געשפּילט די הויפּט־ראָלע די פּראַקטישע זייט. זיי האָבען געשטו-



קבר־דענקמאַל אין אַמריטה (פעניציען).

דירט דעם גאַנג פון די שטערן, געפּאָרשט די ענדערונג פון דעם וועטער און בעטראַכט דאָס וואַנדערן פון פויגלאַך, ווייל דיזע ערשיינונגען זיינען זיי געקומען צוניץ אַלץ וועג־ווייזער אין זייערע רייזעס איבער די ימים.

צו פערדאַנקען זייער פּראַקטישקייט זיינען די פעניציער געוועזען די ערפינדער פון דער בוכשטאַבען־שריפט. דער וועלט־האַנדעל, וואָס זיי האָבען געטריבען, האָט זיך ניט געקענט צופרידען שטעלען מיט די

פיעלע סימנים און בילדער, וועלכע די עגיפטער האבען געברויכט אין זייער שרייבען. עס איז פיר זיי צו שווער געווען צו פיהרען קארעספאנדענציעס מיט אזא מין שריפט, וואס האט געפאדערט פיעל צייט און מיה. זיי הא-

סטאטוע פון גאלגאי אויף ציפערן.

פעניצישע לעהמענע פיגור.

בען דעריבער ערפונדען אן אלף־בית פון א קליינער צאהל בוכשטאבען, וואס האבען בעצייכענט אלע קלאנגען פון זייער שפראך. דער פעניצישער אלף־בית איז געווארען דער יסוד פון די שריפטען פון אלע שפעטערע ציוויליזירטע

פעלקער. מען האָט אויך די קונסט פון רעכנען צוגעשריבען צו די פעניציער, אָבער זיי זיינען באמת נאָר געווען די פערברייטער, ניט די ערפינדער פון דיזער קונסט.

אזוי ווי די פעניציער זיינען געווען לויטער א פראַקטישעס פאָלק, וואָס האָט געהאַט ווענינ לוסט צו ספּעקולאַציאָן, צו גייסטיגע גריבלעריי, האָט ר ע ל י ג י אָ ן ביי זיי ניט געשפּילט אזא ראָלע, ווי צ. ב. ביי די אינדיער און עגיפּטער. ביי דיזע לעצטע פעלקער האָט די רעליגיאָן בע-הערשט דאָס גאַנצע לעבען, דאָס געזעלשאַפטליכע ווי דאָס פּריוואַט-לעבען. דאָך קען מען די בעדייטונג פון רעליגיאָן אין דעם לעבען פון די פעניציער ניט אַרונטערמאַכען אונטער'ן האַנד. אין אייניגע הינזיכטען האָט דער געט-ליכער דינסט ביי זיי געהאַט אַזעלכע אייגענטימליכע און אָפטמאָל אַזעלכע שרעקליכע פאָרמעס, ווי ביי ווענינ אַנדערע פעלקער פון זייער צייט.

די פעניציישע געטער זיינען אין אָנפאַנג געווען נאָר לאָקאַלע, אָרטיגע, ווי ביי אַלע נאַטור-פעלקער. יעדער אָרט האָט זיך געהאַט זיין גאָט. מיט דער צייט זיינען אייניגע געטער געוואָרען נאַציאָנאַלע, ד. ה. זיי זיינען פערעהרט געוואָרען פון גאַנצען פאָלק אין אַלע ערטער. די נאַציאָנאַלע געטער זיינען געווען איינגעטיילט אין צוויי קלאַסען: גוטע און בייזע — געטער, וואָס ברייננען און שאַפען נאָר גוטעס, און געטער, וואָס צושטערען אַלץ און בריינ-גען נאָר שלעכטעס. די גוטע געטער זיינען ביי זיי געווען ב ע ל און זיין פרוי א ש ר ה, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט די שאַפונגס-קראַפט פון דער נאַטור. די פערעהרונג פון דער אשרה איז געווען פערבונדען מיט אונזיטליכקייט, אונאַנשטענדיגקייט. אין געוויסע ימים-טובים האָבען יונג-פרויען זיך אָפּגעגעבען מיט פרעמדע מענער אין געצעלטען, וואָס זיינען גע-ווען עקסטראַ דערצו געבויט אַרום דעם טעמפּעל פון דער געטין. אויך די פריסטערינס האָבען געדינט צו דער אשרה אויף דיזען אופן, נאָר זיי האָ-בען עס געטאָן אין טעמפּעל זעלבסט. פיעלע פעניציישע פרויען פלעגען ריי-זען איבער אַנדערע לענדער אום דורך געשלעכטליכען פערקעהר צו זאַמלען געלט פיר דעם טעמפּעל פון אשרה. אויך צו דעם פריהלינג-גאָט א ד אָ נ י ס האָט מען געדינט אויף אַזאַ אָרט, נאָר פאַר דעם יום-טוב פון דיזען גאָט האָבען זיי געמוזט זיבען טעג טרויערן און זיך אָפּהאַלטען פון אַלע פער-גניגענס.

גאַנץ אַנדערס איז געווען דער קולט, דער דינסט צו די בייזע געטער, צו דעם גאָט מ ו ל ך און זיין ווייב ע ש ת ר ת (אַסטאַרטע). מולך איז געווען דער גאָט פון דער ברענענדיגער זון און פון פייער. דער דינסט

צו איהם איז געווען שרעקליך. אום איהם צו עהרען האט מען פערברענט קינדער אין א פוסטען אייזערנעם אָקס, וועלכען מען האט אונטערגע-הייצט. די עלטערן פון די קינדער האָבען געמוזט זיין ביי דער שרעקלי-כער סצענע, זיי האָבען אָבער ניט געטאָרט ווייזען קיין סימן פון שמערץ. אום מען זאָל ניט הערען דאָס שרייען פון די ברענענדע קינדער האט מען גע-טאַנצט און ווילד געלאַרמט ארום דעם מולך. צו בעפרייען זיך פון אזא סאָרט קרבנות פלעגען די בירגער פון פעניציען ערציהען קינדער פון שקלא-פען אלס אייגענע, און ווען די פריסטער האָבען געפאָדערט פון א בירגער א קרבן צום מולך, האָבען זיי ארויסגעגעבען די שקלאַפען-קינדער. דאָס איז אָבער בעטראַכט געוואָרען אלס א בעטרוג. ווען די פריסטער האָבען נאָך א פערלאָרענער מלחמה אויסגעפונען, דאָס מען האט אלס קרבנות צום מולך שקלאַפען-קינדער ארויסגעגעבען פיר אייגענע, האָבען זיי געוואָרפען די שולד פיר די מפלה אויף דיזען בעטרוג, און האָבען געפאָדערט פון די רייכע און אָנגעזעהענע פאַמיליעס ארויסצוגעבען צוויי הונדערט פון זייערע אייגענע קינדער, זכרים, אלס קרבנות אום דעם גאָט מולך איבערצובעטען. דער פאַ-נאַטיזם פון פאָלק איז געגאַנגען אזוי ווייט, דאָס מען האט פריוויליג אָנ-געבאָטען נאָך דריי הונדערט קינדער צום פערברענען.

אויך צו דער עשתרת (אסטאַרטע) האט מען מקריב געווען קינדער, נאָר די קרבנות זיינען געווען ריינע יונגפרויען. אין דעם טעמפעל פון דער געטין האט שטענדיג געברענט א פייער, וואָס איז אויפגעהאַלטען געוואָרען פון אונבעפלעקטע יונגפרויען. דיזע האָבען געשוואָרען צו בלייבען בתולות זיי-ער גאַנצען לעבען, אָבער אזוי ווי מען האט זיי ניט געטרויט, האט מען אלע פריסטער און דינער פון דעם טעמפעל געמאַכט פיר אויס-זכרים. פיעלע פון דיזע פריסטער האָבען אָפט געמאַכט וואַנדערונגען איבער'ן לאַנד און האָבען מיט זייערע פאַנאַטישע אויפרופען אויף זייערע צוהערער גע-ווירקט אזוי, דאָס יענע האָבען זיך פריוויליג געלאָזען מאַכען פיר אויס זכרים, ווי די פריסטער. אויסער דיזע געטער האָבען די פעניציער אויך פער-עהרט די ק א ב י ר.ע ן, די געטער פון די ימים (סעמיטיש: כ ב י ר, מעכטיג).

מיר האָבען געפונען פיר נעטיג צו שילדערן דיזען העסליכען רעלי-גיאָנס-דינסט, ווייל ער האט פיעל געהאָלפען צו דעם אונטערגאַנג פון די פעניציער. מיר האָבען די פעניציער פערגליכען צו די כינעזער אלס א פראַק-טישעס פאָלק פון ארבייט און אלס קאָנטראַסט צו די פעלקער, וועלכע האָ-בען געזוכט צו בעזיגען לענדער. די ארבייט, וועלכע איז די הויפט-שטיצע

פון קולטור, האט אויך די פעניציער געדארפט פערזיכערן א דויערהאפטע עקסיסטענץ. און דאך איז עס אין דער ווירקליכקייט אנדערש געווען. דער וואונדער איז נאך פיעל גרעסער, ווען מיר בעטראכטען, דאס די פעניציער זיינען געווען בעגאבט מיט גרויסער ענערגיע און פעסטקייט פון כאראקטער, ווי מען זעהט עס פון דער געשיכטע פון פעניציען גופא און נאך מעהר פון דער געשיכטע פון קארטהאגא.

אבער די ארבייט פון די פעניציער איז געווען פון אן אנדערן סארט ווי די ארבייט פון די כינעזער אדער עגיפטער. זייער ארבייט איז ניט געווען קיין פראדוקטיווע, זייער הויפט־בעשעפטיגונג איז געווען דער האנדעל, און דורך זייערע רמאות אין מסחר האבען זיי אנדערע פעלקער בערויבט און פעראָרימט ניט ווייניגער, ווי אנדערע פעלקער האבען עס געטאן דורכ'ן שווערד. פיר ביליגע קלייניגקייטען פלעגען זיי אפט אויסנארען ביי אינקולטורווירטע פעלקער טייערע אוצרות. אום זייער איינטרעגליכען האנדעל אזוי ווייט ווי מעגליך צו בעהאלטען פיר זיך אליין, האבען זיי אויסגעטראכט אלערליי מעשיות אום אנדערע אפצושרעקען צו אונטערנעהמען ים־רייזעס. זיי זיינען געווארען א פאלק פון ליגנער און בעטריגער. אבער די רייכטימער, וואס זיי האבען אנגעזאמעלט אין זייערע שטעדט, האבען אויפגערייצט דעם חשק אין אנדערע פעלקער זיך אריינצומישען אין דעם פעניציישען האנדעל. צוערסט האבען אנגעהויבען קאנקורירען מיט זיי די גריכען, וועלכע האבען דעם האנדעל פון זייערע פיעלע אינזלען גענומען אין זייערע אייגענע הענט און די פעניציער פון אומעטום ארויסגעשטופט. דעם גרעסטען קלאפ האט דעם פעניציישען האנדעל געגעבען דאס אויפבליהען פון אלעקסאנדריען, וועלכע איז געווארען דער מיטעל־פונקט פון האנדעל פון דעם מיטעללענדישען ים. מיט דער אונטערגראבונג פון דעם האנדעל איז אויך אונטערגעגראבען געווארען די פאליטישע זעלבשטענדיגקייט פון די פעניציער. די פעניציישע שטעדט האבען גיך אנגעהויבען ארונטערצופאלען אונטער פרעמדע הערשאפט. דערצו האט געפיהרט פון איין זייט דאס פערשווענדערישע און הולטייסקע לעבען פון די רייכע און פון דער אנדערער זייט די פערשקלאפטקייט פון די ארימע צו די זעלביגע צושטענדען, וועלכע האבען אויך אנדערע פעלקער געפיהרט צום אונטערגאנג.

ווען מיר בעטראכטען אבער די וויכטיגקייט פון האנדעל און פערקעהר פיר יעדע קולטור־ענטוויקלונג, קענען מיר זאגען, דאס די פעניציער האבען פיעל מעהר געהאלפען צו פערשפרייטען קולטור ווי אלע אנדערע פעלקער פון דער אלטער צייט און זיי פערדינען דערפאר אונזער העכסטע אכטונג

און שעצונג. זאָל זיין, אַז זיי האָבען דערביי געהאַט אין זינען זייערע אייגענע נוצען, און זייער לוסט צו בעזיין און רייכטום האָט זיי געטריבען צו זייער'ע אונטערנעהמונגען, אָבער דאָס זעלביגע איז דאָך אויך געווען מיט די פיעלע ענטדעקער און ים־רייזענדע אין אונזערע צייטען, און דאָך ריהמען מיר זיי פיר זייער העלדישען מוט און אונטערנעהמונגס־גייסט. וויפיעל מעהר דאַרפען מיר בעוואונדערן די פעניציער, וועלכע האָבען אָהן אַלע הילפס־מיטלען זיך געלאָזען אויף זייערע קליינע שיפלאַך אין די ווייטעסטע אונבעקאַנטעסטע לענדער, ניט מורא האָבענדיג פאַר קיין געפאַהר, מיט וועלכע ים־רייזעס זיינען געווען פערבונדען אין יענע אַלטע צייטען. ווען זיי וואָלטען געהאַט איבערגעלאָזען אַלץ, וואָס זיי האָבען אויף זייערע נסיעות געזעהן און ערפאַהרען, וואָלטען מיר יעצט געוואוסט אַ סך מעהר וועגען דער קולטור־ענטוויקלונג פון די אייראָפעאישע פעלקער.

6. די העברעער (אידען, בני ישראל).

א. די אורצייט פון אידישען פאָלק.

די העברעער אָדער עברים זיינען געוועזן א גרופּע סעמי־טען (בני שם), וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט פון באַבילאָניען נאָך כנען. פון דאָרט זיינען זיי געגאַנגען ווייטער ביז גושן ביים נילוס אין מצרים, וואו זיי זיינען פערבליבען א לאַנגע צייט. דער נאָמען „עברים" בע־דייט די „יענזייטיגע", פון דעם העברעאישען וואָרט „עבר" — „יענע זייט". דיזע אויסוואַנדערער האָבען אַזוי געהייסען, ווייל זיי זיינען געקומען פון יענער זייט פון דעם טייך פּרת (יהושע כד, 2—3) *).

לויט דער ביבעל איז דער אורפאָטער פון דעם אידישען פאָלק געוועזן אברהם פון דער שטאָדט אור אין דעם לאַנד פון די כאַלדעער (אור כשדים). אברהם האָט פערלאָזען זיין געבורטס־אָרט און האָט זיך בעזעצט אין דעם לאַנד כנען, וועלכעס, ווי די ביבלישע זאַגע דערצעהלט, גאָט האָט פערשפּראָכען אָוועקצוגעבען צו זיינע קינדער — צו דעם פאָלק, וועלכעס וועט פון איהם אַרויסקומען (לערך 1965 פ. קר.). נאָך איהם האָבען געפאָלגט אַלס פּאַטריאַרכען (אבות) פון אידישען פאָלק, זיין זוהן יצחק און זיין ענינקעל יעקב. דער לעצטער האָט געהאַט דעם צונאָמען ישראל, נאָך וועלכען די אידען האָבען אויך געקראָגען דעם נאָמען „בני ישראל" — „איזראַעליטען". יעקב האָט געהאַט צוועלף זיהן, וועלכע זיינען געוועזן די גרינדער פון צוועלף שבטים, מיט די נעמען: ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולון, דן, נפתלי, גד, אשר, יוסף, בנימין. יוסף'ס צוויי זיהן אפרים און מנשה זיינען געוועזן די גרינדער פון צוויי בעזונדערע שבטים. נאָך דעם

*) אַנדערע דענקען, דאָס זיי הייסען „עברים", ווייל זיי שטאַמען פון עבר, דעם זוהן פון שם (בראשית י, 21).

שבט יהודה, וועלכער האָט ענדליך געשפּילט די הויפּט־ראָלע, האָבען שפּע־
טער אַלע שבטים זיך אָנגערופען „יהודים" — „יודען" (אידען).

די ביבעל פערבינדעט די איינוואַנדערונג פון די אידען אין מצרים מיט
פאָלגענדער ראָמאַנטישער געשיכטע:

יוסף, דער נײַנטער זוהן פון יעקב'ן, איז געוועזען דער ליבלינג פון זיין
פאָטער. זיינע ברידער האָבען איהם דערפאַר מקנא געוועזען און האָבען איהם
פערקויפט צו אַ קאָמפּאַניע סוחרים ישמעאלים (אַראַבער). דעם פאָטער
האָבען זיי געזאָגט, דאָס אַ חיה האָט איהם פערצוקט. די ישמעאלים האָבען
געבראַכט יוסף'ן אין מצרים און האָבען איהם פערקויפט צו פּוטיפר'ן, דעם

די חורבות פון אור כשדים, אברהם'ס געבורטס־אָרט.

הויפּט פון פּרעה'ס וואַך (1772 פ. קר.). יוסף האָט געדינט פּוטיפר'ן אַזוי
טריי, דאָס ער האָט איהם באַלד געמאַכט פיר דעם פערוואַלטער פון זיין
הויז. יוסף איז געוועזען זעהר אַ שענער און דאָס האָט איהם געבראַכט אין
אַ צרה. פּוטיפר'ס פרוי האָט זיך אין איהם פערליבט און האָט איהם גע־
וואָלט פערפיהרען צו בעפרידיגען איהר ליבע, אָבער ער האָט איהר צוריק־
געוויזען און זי האָט איהם פאַר כעס פאַלש בעשולדיגט פאַר איהר מאַן, דאָס
ער האָט זי געוואָלט פערגוואַלטיגען. אויף דיזע פאַלשע בעשולדיגונג האָט
מען איהם גלייך אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס, אָבער ער איז באַלד פון
דאָרטען בעפרייט געוואָרען אויף דעם בעפעהל פון דעם קעניג פון מצרים,

יוסף איז געווען אַ גוטער אויסדייטער פון חלומות. עס האָט זיך געמאַכט צו יענער צייט, דאָס פּרעה האָט געהאַט צוויי חלומות, וועלכע קיינער האָט ניט געקענט פּותר זיין. דאַן האָט פּרעה׳ס שר המשקים, וועלכער איז פיר איניגע צייט געזעסען אין געפענגניס, דערצעהלט דעם קעניג, ווי אַזוי ער האָט דאָרטען געהאַט אַ חלום, וועלכען יוסף האָט פּותר געווען, און ווי ער האָט פּותר געווען, אַזוי איז טאַקי געשעהען. פּרעה האָט געגעבען אַ בע-פעהל צו ברייננען יוסף׳ן פון געפענגניס און ער האָט אויסגעדייטעט זיינע חלומות, וועלכע האָבען פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע גערעטעניס און זול אין דעם לאַנד מצרים פיר זיבען יאָהר, און דערנאָך אַ שרעקליכען הונגער פיר זיבען יאָהר. יוסף איז בעפרייט געוואָרען פון געפענגניס און איז ערנאַנט געוואָרען צו פערוואַלטען איבער עגיפּטען אונטער פּרעה׳ן (1759 פ. קר.).

קורץ נאָך יענער צייט איז געווען אַ הונגער אין דעם לאַנד כנען און יעקב מיט זיין פאַמיליע האָט אויסגעוואַנדערט אין מצרים (1750 פ. קר.) נאָך דעם, ווי ער האָט דערגאַנגען, אַז זיין זוהן יוסף לעבט אַן איז אַ פיהרער אין עגיפּטען. יוסף האָט יעקב׳ן און זיין פאַמיליע אָנגעוויזען אַן אָרט צום וואוינען אין גושן, אַ פרוכטבאַרער טייל פון לאַנד און אַ זעהר גוטער אָרט פיר פאַשע צווישען דעם נילוס און דעם ים סוף. אין דיזען אָרט האָבען יעקב׳ס קינדער געלעבט גליקליך און זיך שטאַרק פערמעהרט. זיי זיינען געוואָרען אַזוי רייך און גרויס אין צאָהל, דאָס די עגיפּטישע הערישער האָבען אָנגעהויבען מורא האָבען, אַז זיי זאָלען ניט ווערען מעכטיג און מאַכען אַן אויפשטאַנד. אום אַזא געפאַהר צו פערהיטען האָבען די עגיפּטישע קעניגען גענומען געגען די העברעער שטרענגע מיטלען, זיי האָבען זיי גערריקט מיט שווערער שקלאַפען-אַרבייט און האָבען בעפוילען אַריינצוואַרפען אין וואַסער אַלע זכרים, וואָס וועלען ביי זיי געבאָרען ווערען.

פאַר דער צייט, וואָס די העברעער האָבען זיך בעזעצט אין דעם לאַנד גושן, האָבען זיי געפיהרט אַ לעבען פון פאַסטוכער און זיינען ניט געווען אונטערוואָרפען אונטער אַ געוויסער פאָרמע פון רעגירונג. קינדער זיינען געווען געהאָרזאַם צו זייערע עלטערן און דינער צו זייערע הארען. זייער רעליגיאָן איז געווען די איינפאַכסטע. איין גאָט, אַלס בעשעפער און רעגירער פון דער וועלט, איז פערעהרט געוואָרען אָהן געצען-בילדער און אָהן פריסטער.

די געשיכטע פון די העברעער אין די אוראַלטע צייטען ווערט דערצעהלט אין דעם ערסטען בוך פון דער תורה (ספר בראשית) זעהר געטריי און איינפאַך. דאָרטען לעזען מיר אַ בעשרייבונג פון די אוראַלטע זיטען און אָרט לעבען פון די פאַטריאַרכען (די אבות) אברהם, יצחק און יעקב. די געשיכטע פון

יעקב וואנדערט אוים אין מצרים.

נאך דארע.

יוסף'ן און זיינע ברידער ווערט בעוואונדערט פיר די איינפאכקייט פון דער שפראך און די ריהרענדע אומשטענדען, וועלכע זי שילדערט. אזוי ווי די געשיכטע פון יענער אורצייט איז ניט וויכטיג פיר די פאליטישע היסטאריע פון דער נאציאן, איז ניט נעטיג מיר זאלען זיך דא איבער איהר פערברייטען. מיר וועלען יעצט דעריבער איבערגעהן צו דער געשיכטע פון די העברעער פון דער פעריאדע אן, ווען זיי זיינען ארויס פון מצרים (1495 פ. קר.).

אין עגיפטען זיינען די העברעער פערבליבען איבער פיער הונדערט יאהר. א לאנגע צייט זיינען זיי געווארען געפייניגט מיט שווערער ארבייט, וועלכע איז בעשטאנען אין טרעטען לעהם, מאכען ציגעל און בויען. לויט דעם בעריכט פון דער ביבעל זיינען מיט זייער שקלאפען־ארבייט אויפגע־בויט געווארען די צוויי שטעדט פיתם און רעמסס. נאך פיעלע ליידען איז פיר זיי אויפגעשטאנען א רעטער, וועלכער האט זיי בעפרייט פון זייער



ווי מען מאכט ציגעל. (פון אן עגיפטישען מאנומענט.)

עלענדער לאגע. דיזער בעפרייער איז געוועזן מ ש ה, דער זוהן פון עמרם, פון דעם שבט לוי (געב. 1575 פ. קר.). פאלגענדיג פרעה'ס גרויזאמען בע־פעהל, האט משה'ס מוטער, י ו כ ב ד, נאך דעם, ווי זי האט איהם בע־האלטען דריי מאנאטען און האט איהם לענגער שוין ניט געקענט בעהאלטען, איהם ארויסגעשטעלט ביי דעם ברעג פון נילוס, וואו דעם קעניג פרעה'ס טאכטער האט איהם געפונען און צוגענומען פיר א קינד. ווען משה איז אויפגעוואקסען און האט זיך בעקענט מיט דער טרויעריגער לאגע פון זיין פאלק, האט ער בעשלאסען אנצופיהרען א קאמף פיר זייער בעפרייאונג. איהם צו פערדאנקען זיינען די העברעער ארויס פון מצרים, פון דעם לאנד פון זייער קנעכטשאפט, און זיינען געווארען א פרייעס זעלבשטענדיגעס פאלק.

די צייט פון דיזער גרויסער פּאַסירונג (יציאת מצרים) קען גענוי ניט בעשטימט ווערען. מעהרערע היסטאָריקער גלויבען, אַז דיזע בעגעבענהייט איז פּאָרגעקומ:ן אַן ערך 1500 פ. קר.

איינינגע היסטאָריקער צווייפלען אין דער געשיכטע פון די אידען מיט מצרים, ווייל אויף די עגיפּטיישע מאָנומענטען ווערט גאָרניט דערמאָהנט וועגען דעם. אפילו דער נאָמען פון אַ פאָלק „ישראל" אָדער „עברים" ווערט אויף דיזע מאָנומענטען ניט דערמאָהנט. אָבער דאָס איז ניט גענוג בעווייז אָפּצולייקענען אַ פאַקט, פון וועלכען עס איז איבערגעבליבען אַזאַ גענויע געשיכטע, ווי די, וועלכע מיר לעזען אין דער ביבעל. ערסטענס זיינען מיר ניט זיכער, דאָס מען האָט שוין געפונען אַלע מאָנומענטען, וועלכע די עגיפּטער האָבען איבערגעלאָזען. צווייטענס קען זיין, אַז די עגיפּטער האָבען ניט געהאַט פיר די אידען קיין בעזונדערן נאָמען, נאָר זיי האָבען זיי גערעכענט פיר איינס פון די סירישע פעלקער, וועלכע זיי האָבען אונטערי‍אָכט און פערשקלאַפט אין דער צייט פון די קעניגען רעמסס דעם 2טען און רעמסס דעם 3טען. דריטענס געפינט מען אויף די בעריהמטע טאַפלען פון תל-אֶל-אַמאַרנאַ *) אַ נאָמען „אַפּרו" צווישען די פעלקער, וועלכע די עגיפּטער האָבען פערשקלאַפט אין די צייטען פון די דערמאָהנטע עגיפּטישע קעניגען. דער נאָמען „אַפּרו" איז זעהר עהנליך צו דעם נאָמען „עברי". אויך ווערט אין דיזע טאַפלען דערמאָהנט אַ פאָלק „האַבירי", וועלכעס איז געווען פון די סירישע פעלקער און האָט שרעקליך געהאַסט די עגיפּטער. דער נאָמען „האַבירי" איז אויך עהנליך צו דעם נאָמען „עברי".

אַרויספיהרענדיג די אידען פון מצרים האָט משה געהאָפט צו בריינגען זיי אין דאָס לאַנד כנען, וועלכעס, ווי די ביבעל דערצעהלט, גאָט האָט פערשפּראָכען אברהם'ען צו געבען צו זיינע קינדער. ער האָט זיי געפיהרט איבער דעם רויטען מעער (ים סוף) און האָט מיט זיי געוואַנדערט דורך די אַראַבישע וויסטע. אין דער צייט פון זייער וואַנדערן אין דעם מדבר האָבען זיי ביי דעם באַרג סיני געקראָגען פון משה'ן די תורה און צוויי שטיינערנע לוחות מיט די צעהן געבאָט, וועלכע זיינען דער יסוד פון די געזעצען פון יעדער ציוויליזירטער געזעלשאַפט.

---

*) תל-על-אַמאַרנאַ איז אין אויבער-עגיפּטען. דאָרט האָט מען אין יאָהר 1887 געפונען לעהמענע טאַפלען מיט אַסירישע אינשריפטען, וועלכע ענטהאַלטען בריף פון די פעלקער פון כנען צו די עגיפּטישע הערשער. אַסיריש איז געווען די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך צווישען דיזע פעלקער אין מצרים.

ווען משה איז געוועזן אין מצרים האָט ער געמוזט בעמערקען, ווי שעדליך עס האָט דאָרטען געווירקט די אונבעגרענצטע מאַכט פון די פריסטער. ער האָט דעריבער אָפּגעזונדערט די פריסטערליכע אויטאָריטעט פון דער בירגערליכער. די רעליגיאָנס־בעאַמטע איז ניט געוועזן ערלויבט צו מישען זיך אין וועלטליכע זאַכען. זייער עובדא איז געוועזן נאָר דער געטליכער דינסט. די אויטאָריטעט איבער וועלטליכע אַנגעלעגענהייטען איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די עלסטע (זקנים) פון פאָלק, וועלכע האָבען געפיהרט מישפּט אונטער דער קאָנטראָל פון אַ העכסטען מאַגיסטראַט, וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען ריכטער (שופט). דעם ריכטער איז איבערגעגעבען געוואָרען אי די בירגערליכע אי די מיליטערישע מאַכט.

נעהמענדיג אין בעטראַכט די אונוויסענהייט און די רויהייט פון דעם פאָלק, וועלכעס ער האָט אַרויסגעפיהרט פון מצרים, האָט משה ניט אויסגעלאָזען קיינע געזעצען, קיינע דינים, וועלכע ער האָט געהאַלטען פיר נעטיג אום זיי צו בעלעהרען און אויפצוקלערען, צו רעגולירען זייער לעבען, צו פערבעסערן זייערע שלעכטע נייגונגען און צו פערגרעסערן זייער וואוילשטאַנד און זיכערקייט. ער האָט פאָרגעשריבען געזעצען פיר זייער שפּייז, פיר זייער געזונדהייט און פיר די בעהאַנדלונג און קורירונג פון קראַנקהייטען, צו וועלכע זיי זיינען געוועזן אויסגעזעצט.

די אידען האָבען געוואַנדערט אין דעם מדבר פערציג יאָהר. ערסט דער נייער דור, וועלכער איז אויפגעוואַקסען אין דיזער צייט, איז אַריינגעקומען אין דאָס פערשפּראָכענע לאַנד. משה אַליין האָט דאָס ניט דערלעבט. נאָך דעם, ווי ער האָט געפיהרט די אידען דורך פיעלע געפאַהרען און שוועריגקייטען אין דעם מדבר און האָט ערנענט יהושע׳ן אַלס זיין נאָכפאָלגער, איז משה געשטאָרבען (1455 פ. קר.). יהושע איז געוועזן אַ קלוגער מענש און אַ גרויסער קריגס־מאַן. אונטער דיזען פיהרער האָט דאָס פאָלק ישראל גאָר אין גיכען בעזיגט דאָס לאַנד כנען. די שטעדט יריחו, עי און שכם זיינען באַלד געפאַלען און די מעהרסטע איינוואוינער זיינען פערניכטעט געוואָרען. נאָך דיזע זיגען האָט יהושע לויט משה׳ס אָנזאָג צוטיילט דאָס לאַנד על פּי גורל. דאָס לאַנד פון דיזער (מערב־) זייט ירדן איז פערטיילט געוואָרען צווישען די 9 שבטים: יהודה, בנימין, שמעון, דן, יששכר, אשר, זבולון, נפתלי, אפרים און אַ האַלבען שבט מנשה. דער אַנדערער האַלבער שבט מנשה און די שבטים ראובן און גד האָבען געקראָגען זייערע חלקים אויף יענער (מזרח־) זייט ירדן. אין דרום פון פּאַלעסטינאַ זיינען געזעסען יהודה, בנימין, שמעון און דן; אין מיטען האָבען זיך בעזעצט אפרים און מנשה; אין צפון ביי

דער באַרג סיני.

דעם אָפּהאַנג (שפּוע) פון כרמל און אין דעם טאָל ביז צור האָבען געהאַט זייערע ערטער יששכר, זבולון, נפתלי און אשר. דער שבט לוי האָט קיין בע־זונדערן חלק לאַנד ניט געקראָגען, נאָר מעהרערע שטעדט אין די טעריטאָריעס פון די אַנדערע שבטים.

יהושע האָט מיט זיין פיהרונג געהאַלטען צוזאַמען אַלע שבטים פון ישראל. ווען ער איז געשטאָרבען האָט די איינינקייט צווישען די שבטים אויפגעהערט און יעדערער פון זיי איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס זייער קאַמף געגען די פעלקער פון כנען

צוטיילונג פון דעם לאַנד צו די שבטים על פי גורל.

איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען. די יבוסים זיינען געבליבען אין ירושלים, די פלשתים אין דרום־מערב, און אַנדערע פעלקער אין דעם לבנון. דיזע פעל־קער האָבען זיך בענוצט מיט דער שפּאַלטונג צווישען די שבטים און האָבען אונטערדריקט אַ מאָל איין שבט, אַ מאָל אַן אַנדערען. אין דיזער צייט זיינען צווישען זיי אויפגעשטאַנען מוטיגע מענער, וועלכע האָבען די איינצעלנע אונטערדריקטע שבטים בעפרייט פון זייער יאָך און האָבען אַנגעוואָרפען אַ מורא אויף די פיינדליכע פעלקער. דיזע פיהרער פון דעם אידישען פאָלק ווערען אין דער ביבלישער היסטאָריע בעצייכענט מיט׳ן טיטעל שופטים,

ד. ה. ריכטער. די שופטים האָבען אָבער זעלטען געהאַט איינפלוס אויף די גאַנצע נאַציאָן, אין נאָך זייער טויט זיינען די שבטים ווידער געוואָרען ניט אייניג, צושפליטערט.

ב. די פעריאָדע פון די ריכטער.

דער ערסטער ריכטער פון ישראל איז געווען עתניאל, דער זוהן פון קנז. ער האָט בעזיגט די שטאָדט קרית-ספר אין כנען און בעפרייט דאָס פאָלק פון דעם יאָך פון ארם (סיריען). צווישען די אַנדערע האָבען זיך אויסגעצייכענט יפתח, שמשון, שמואל און די העלדין דבורה. די געשיכטע פון דיזע ריכטער איז געמיישט מיט ראָמאַנטישע לעגענדעס. יפתח איז געוועזן אַן אונגעזעצליכעס קינד, אַ ממזר, וועלכען זיינע ברידער האָבען פערטריבען פון גלעד. ער איז געוואָרען דער אָנפיהרער פון אַ רויבער-באַנדע אין אַראַביען און האָט זיך בעריהמט געמאַכט אַלס העלד. ווען די איינוואוינער פון גלעד האָבען געליטען פון די בעפאַלען פון די עמונים, האָבען זיינע שטאָדט-לייט איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיין זייער אָנפיהרער אין אַ מלחמה געגען די שונאים. ער האָט איינגעוויליגט, אָבער מיט דער בעדינגונג, דאָס ער זאָל בלייבען זייער פיהרער אויך נאָך דעם, ווי ער וועט די שונאים בעזיגען. דיזע בעדינגונג איז אָנגענומען געוואָרען. איידער ער איז אַרויס אין מלחמה האָט ער געטאָן אַ נדר, דאָס ווען ער וועט זיגען, וועט ער ברייגגען צו גאָטט אַ קרבן וואָס עס וועט איהם נאָר צוערסט קומען ענטקעגען ביי זיין צוריקקעהר פון דער מלחמה. עס האָט איהם געגליקט. גלייך נאָך דעם ערסטען מוטיגען בעפאַל זיינען די עמונים געשלאָגען געוואָרען און יפתח איז אַוועק צוריק אין זיין היים אין מצפה. ביי זיין צוריקקעהר איז צו זיין שרעק צוערסט איהם געקומען ענטקעגען זיין טאָכטער. ער האָט שטאַרק בעדויערט זיין נדר, אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט ברעכען זיין וואָרט, האָט ער געבראַכט זיין קינד פיר אַ קרבן. די יונגפרויען פון גלעד האָבען צום אָנדענקען פון דיזער טרויעריגער פאַסירונג געהאַט יעדען יאָהר אַ טרויער-פעסט פון פיער טעג.

די שענסטע פיגור צווישען די ריכטער איז געווען די ריכטערין דבורה. זי איז געווען פון דעם שבט אפרים און איז ערשינען נאָך דעם טויט פון אהוד'ן אין דער צייט, ווען די אידען האָבען געשמאַכטעט אונטער דער יאָך פון יבין, דעם קעניג פון כנען. זי האָט גערופען ברק'ן צו העלפען איהר בעפרייען דאָס פאָלק, האָט זיך געשטעלט אָן דער שפיץ פון אַן אַרמעע צו בעפאַלען פון דעם באַרג תבור די כנעים און צו בעפרייען דאָס פאָטער-

לאַנד פון דעם צוואַנציג־יעהריגען יאָך. ברק האָט געפאָלגט איהר רות. דבורה האָט דורך איהם גלאָזען זאַמלען אַן אַרמעע אין די געגענדען פון נפתלי און זבולון און האָט זיך געשטעלט אַלס אַנפיהרערין. ביים פוס פון דעם באַרג תבור איז סיסרא, דער קאָמאַנדיר פון דעם קעניג יבין, געשלאָגען געוואָרען און ווען ער איז ענטלאָפען איז ער אויף דעם וועג געטויטעט געוואָרען דורך אַ פרוי מיט'ן נאָמען יעל. דער זיג איז געוועזען גרויס און דער פריעדען נאָך דעם האָט אָנגעהאַלטען פערציג יאָהר לאַנג. אַ העלדען־געדיכט, וועלכעס איז פערבליבען אין דער ביבעל (שופטים ה), בעזינגט דיזען גלענצענדען זיג. דיזעס געדיכט איז בעקאַנט אַלס „דבורה'ס ליד".

מיט נאָך מעהר זאַגע און לעגענדע איז געמישט די געשיכטע פון דעם ריכטער שמשון. ער איז געוועזען פון דעם שבט דן. גלייך פון זיין געבורט איז ער געהייליגט געוואָרען פיר אַ נזיר, ד. ה. ער האָט אין זיין גאַנצען לעבען ניט געטאָרט טרינקען קיין וויין און ניט שערען די האָאָר פון זיין קאָפּ. ווען שמשון איז אויסגעוואַקסען, איז ער געוואָרען אַ גבור. ער איז געוועזען אַזוי שטאַרק, דאָס איין מאָל האָט ער צוריסען אַ לייב, וועלכער איז איהם אַנגעקומען ענטקעגען, ווען ער איז געגאַנגען בעזוכען זיין כלה. אַן אַנדער מאָל האָט ער די טויערן פון דער שטאָדט עזה אַראָפּגענומען פון זייערע אַנגלען און האָט זיי אויף זיינע אַקסלען אַרויפגעטראָגען אויף דעם שפּיץ פון אַ באַרג. אויך די שונאים האָט שמשון געלאָזט פיהלען זיין גבורה. עס ווערט דערצעהלט, דאָס ער האָט איינמאָל אַריינגעטריבען פוקסען מיט צוגעבונדענע פאַקלען אין די פעלדער פון די פלשתים צו פערברענען זייערע תבואה און האָט דאַן גע'הרג'עט פון זיי טויזענד מאַן מיט איין מאָל. די פלשתים האָבען געזוכט מיט איהם זיך אָפּצורעכנען פיר דיזע הריגה. זיי האָבען אונטערגעקויפט אַ פרוי מיט דעם נאָמען דלילה, וועלכע שמשון האָט געליבט, אַז זי זאָל ביי איהם דערגעהן, אין וואָס אייגענטליך עס ליגט זיין גבורה. דאָס איז איהר געלונגען נאָך דעם, ווי זי האָט איהם טאָג און נאַכט געקוועלט מיט איהרע פראַגעס, און זי האָט פון איהם דערגאַנגען, דאָס זיין שטאַרקקייט ליגט אין זיינע האָאָר. ווען די פלשתים האָבען דאָס געוואוסט, האָבען זיי געבעטען דלילה'ן אָפּטאָן נאָך עפּעס. דלילה האָט איינגעשלעפערט שמשון'ען אויף איהר שויס, און אין זיין שלאָף האָט זי איהם אָפּגעשניטען זיינע האָאָר. שמשון'ס גבורה איז פערשוואונדען, און ווען ער האָט די פלשתים ווידער אָנגעגריפען, זיינען זיי איהם בייגעקומען, האָבען איהם אויסגעשטאָכען די אויגען און אַוועקגעפיהרט אין געפענגניס אין עזה, וואו ער האָט געמוזט דרעהען אַ האַנט־מיהל.



דבורה זינגט איהר זיג־ליד.

נאך דארע.

אין דער צייט, וואָס שמשון איז געווען אין געפענגניס, איז זיין האָר ווידער אָפּגעוואַקסען און ער האָט צוריקגעקראָגען זיין גבורה. ווען די פלשתים האָבען איהם אין זייערן אַ יום־טוב אַרויסגעפיהרט פון געפענגניס און האָבען איהם געהייסען טאַנצען פיר זייער פערגניגען, האָט ער נאָך אַ מאָל געגומען ראַכע פון זיינע פייניגער. ער האָט געבעטען דעם יונג, וועלכער האָט איהם געפיהרט, אַז ער זאָל איהם צופיהרען צו די זיילען, אויף וועלכע דער פעסט־זאַאַל איז געשטאַנען, און האָט דאַן אַרויסגעריסעןביידע הויפּט־זיילען מיט די ווערטער: „דאָ וועל איך שטאַרבען מיט די פלשתים אין איינעם!" דער זאַאַל איז איינגעפאַלען און האָט בעגראָבען אונטער זיינע חורבות דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס איז דאָרט געווען פערזאַמעלט, ווי אויך שמשון'ען זעלבסט.

דער לעצטער און וויכטיגסטער פון די ריכטער איז געווען שמואל ער איז געווען דער זוהן פון אלקנה פון בית לחם. זיין פרומע מוטער חנה האָט איהם געהייליגט צו גאָט און האָט איהם אַלס קינד געבראַכט צום ער־ציהען אין דעם טעמפּעל פון שילה, וואו דער הייליגער ארון איז געשטאַנען, ביז ער האָט אין זיך דערפיהלט, דאָס ער איז בערופען צו זיין דער רעטער פון זיין פאָלק. צווישען די שבטים פון ישראל האָבען אויסגעבראָכען ריי־סערייען און די כנענים און פלשתים האָבען פערכאַפּט זייער לאַנד. אַפילו דאָס הייליגטום פון שילה, דעם ארון העדות, האָבען די פלשתים פערכאַפּט אין זייערע הענט.

נאָך דעם, ווי די פלשתים האָבען דעם הייליגען ארון צוריקגעגעבען, איז שמואל ערוועהלט געוואָרען פון פאָלק אַלס דער ווירדיגסטער ריכטער. שמואל האָט דורך גערעכטיגקייט געשאַפען אָרדנונג און פרידען. ער האָט אויך געגרינדעט שולען פיר נביאים, צו הייבען די גייסטיגע קולטור.

אָבער נאָך וויכטיגער איז שמואל געווען מיט דעם, וואָס ער איז געווען דער ערסטער, וועלכער האָט איינגעפיהרט קעניגליכע הערשאַפט ביי אידען. אַזוי ווי שמואל'ס זיהן, וועלכע זיינען פון זייער פאָטער געזעצט געוואָרען אַלס ריכטער, זיינען ניט געגאַנגען אין דעם וועג פון גערעכטיגקייט, און די נאַכבאַרשאַפטליכע פעלקער האָבען געלעבט זיכערער אונטער דער הערשאַפט פון קעניגען, האָבען די אידען פערלאַנגט פון שמואל'ן אַ קעניג, „אום ער זאָל געהן פאַר זיי פאָרויס אין אַ צייט פון קריג". שמואל האָט אָנגעווענדט אַלע מיה אָפּצורעדען דאָס פאָלק דערפון און האָט געשילדערט די צרות, וועלכע אַ קעניג וועט איהם פערשאַפען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען, דאָס פאָלק האָט זיך איינגע'עקשן'ט און שמואל איז געווען געצוואונגען נאָכ־

שמשון'ם טויט.

נאך דארע.

צוגעבען. אַלס ערסטען קעניג האָט ער ערוועהלט אַ מאַן פון אַן אונבעריי-טענדער פאַמיליע פון דעם קלענסטען שבט בנימין, מיט'ן נאָמען שאול, וועל-כער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שענעם וואוקס און מיט זיין העלדיש-קייט. שאול איז גראַדע געקומען צו שמואל'ן פרעגען וועגען עזלען, וועלכע זיינען ענטלאָפען פון זיין פאָטער. שמואל האָט איהם אויפגענומען אַלס גאַסט, האָט איהם געזאַלבט אין געהיים און האָט איהם דערנאָך אויף אַן אַלגעמיינער פערזאַמלונג פאָרגעשטעלט אַלס קעניג, און דאָס פאָלק האָט איהם אָנערקענט. עס זיינען געווען פיעלע, וועלכע זיינען מיט שאול'ן ניט געווען צופרידען, דאָך איז ער געבליבען קעניג און דערמיט איז אין ישראל איינגעפיהרט געוואָרען מאָנאַרכיע.

ג. דאָס פעראייניגטע פאָלק אונטער די ערסטע דריי קעניגען.

די אידען זיינען יעצט געקומען אין די דריטע פעריאָדע פון זייער ענט-וויקלונג. די ערסטע פעריאָדע איז געווען, ווען זיי זיינען נאָך געווען נאָמאַ-דען אָהן אַ לאַנד; די צווייטע פעריאָדע, ווען זיי האָבען איינגענומען אַ לאַנד און האָבען אָנגעהויבען פיהרען אַ לעבען פון אַקערבויער אין אַ בעשטענדיגען לאַנד, און יעצט איז געקומען די צייט, ווען זיי האָבען דערפיהלט אַ נויט-ווענדיגקייט אין אַ פּאָליטישען לעבען. אַלע פעלקער אַרום זיי: ארם, מואב, אדום, עמון, פלשתים, האָבען שוין געהאַט קעניגען און אָרגאַניזירטע מלוכות, נאָר זיי זיינען נאָך געווען אין דעם אַלטען פּאַטריאַרכאַלישען צושטאַנד, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערן פון זייער פיהרער, דעם נביא שמואל, איינצואָרדנען ביי זיי אַ קעניגטום. ער האָט זיי געמוזט נאָכגעבען און האָט ערוועהלט פיר זיי אַלס קעניג שאול פון דעם שבט בנימין. מיר וועלען דאָ געבען אַ קורצען איבערבליק איבער דעם צושטאַנד פון דעם אידישען פאָלק אין דער צייט פון זיינע ערסטע דריי קעניגען, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט דער פעראייניגונג פון אַלע שבטים אין איין פאָלק.

דער ערסטער קעניג שאול האָט געפיהרט מלחמות מיט די אַרומיגע פעלקער צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון אידישען פאָלק. דער צוויי-טער, דוד, האָט געשאַפען אַ אידישע אימפעריע, ער האָט געפיהרט מלחמות מיט אַנדערע פעלקער אום צו פערגרעסערן די טעריטאָריע פון אידישען פאָלק. און איהם איז ווירקליך געלונגען צו מאַכען פיעלע פון די אַרומיגע פעלקער פיר זיינע וואַסאַלען (אונטערטעניגע). דער דריטער קעניג, שלמה, האָט גענאָסען די פרוכט פון זיין פאָטער'ס נצחונות און האָט מעהר געזאָרגט פיר דעם מאַטעריעלען צושטאַנד פון לאַנד, און האָט פערברייטעט דעם האַנדעל

מיט נאָהענטע און ווייטע לענדער. ירושלים איז געוואָרען דער פּאָליטישער צענטער פיר דאָס גאַנצע פאָלק, און זינט שלמה האָט אויסגעבויט דעם פּרעכטיגען טעמפּעל, איז ירושלים אויך געוואָרען דער רעליגיעזער צענטער. אָבער דערפאַר איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען די פּאָליטישע קראַפט. דערצו איז צוגעקומען אַן אינערליכע שפּאַלטונג. די בני אפרים, וואָס האָבען אימער פּרעטענדירט צו זיין די רעדעל־פיהרער פון אידישען פאָלק, האָבען זיך אָפּגעריסען מיט נאָך אַנדערע שבטים פון דער דינאַסטיע פון דוד'ן אין דער ערסטער צייט פון דער רעגירונג פון שלמה'ס זוהן רחבעם און האָבען געגרינדעט אַ בעזונדערע מלוכה אונטער דעם נאָמען מלכות ישראל, אָדער מלכות עשרת השבטים. דאַן איז אויך דער רעליגיעזער צענטער צושפּאָלטען געוואָרען. די מלכות ישראל האָט געגרינדעט אַנדערע צוויי פּונקטען אין דן און אין בית אל, מיט אַ רעליגיעזען דינסט, גאַנץ פערשיידען פון דעם דינסט צום איינציגען גאָט אין ירושלים. נאָך דיזען קורצען איבערבליק וועלען מיר איבערגעהן צו איינציגע איינצעלהייטען פון דער געשיכטע פון די ערסטע דריי קעניגען.

דער ערסטער קעניג שאול איז אָנפאַנגס ניט אָנערקענט געוואָרען פון גאַנצען פאָלק. אָבער ווען ער האָט בעזיגט די בני עמון, וועלכע האָבען בעלאַגערט די שטאָדט יביש גלעד, האָבען איהם אַלע אָנערקענט אַלס זייער קעניג. די ערסטע זאַך זיינע איז געווען צו אָרגאַניזירען אַ בעשטענדיגע אַרמעע פון 3,000 גוטע סאָלדאַטען, צו וועלכער עס זיינען אין צייט פון קריג צוגעשטאַנען פיעלע וואָלונטירען פון פאָלק. די הויפּט־בעאַמטע פון דיזער קליינער אַרמעע זיינען געווען דער קעניג שאול און זיין העלדישער זוהן יונתן. די פלשתים האָבען דאַמאָלס בעהערשט אַ גרויסען טייל פון דעם אידישען לאַנד; אין דער שטאָדט גבע, די רעזידענץ פון שאול'ן, איז געשטאַנען אַ גאַרניזאָן פלשתים מיט אַן אויבער־מיליטערישען בעאַמטען. יונתן האָט פריהער פון אַלעם ערמאָרדעט דעם בעאַמטען אין גבעה. דאָס האָט דעם פאָלק געגעבען מוט צו אָנפאַנגען אַ שטרייט מיט די פלשתים. דער שטרייט איז פאָרגעקומען אין מכמש. אין דיזער מלחמה האָט יונתן בעוויזען גרויסען מוט און גבורה און די פלשתים האָבען אָנגעהויבען ענטלויפען פון קריגס־פעלד. שאול און די אידען האָבען זיי נאָכגעיאָגט און האָבען זיי געשלאָגען. דער רעזולטאַט פון דיזען זיג איז געווען, דאָס די פלשתים האָבען געמוזט פערלאָזען די שטעדט, וואָס זיי האָבען פערנומען פון די אידען.

שאול האָט אין זיין רעזידענץ גבעה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען רופען פון דאַמאָלס אָן גבעת שאול, געפיהרט אַ זעהר איינפאַכעס לעבען, עהנליך

צו דעם לעבען פון די פריהערדיגע שופטים. אין דער שטאָדט נוב איז דאַ־מאָלס געווען דער רעליגיעזער צענטער, דאָרט האָבען זיך געפונען עטליכע און אַכציג כהנים און אַ קליינער טעמפעל מיט'ן אורים ותומים. שאול איז געווען רעליגיעז און האָט געזעהען, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אויפפיהרען אין עכט אידישען גייסט און האָט דעריבער פערטריבען פון לאַנד אַלע צויבערער (מכשפים און טרעפער) און האָט געלעבט אין פרידען מיט'ן נביא שמואל. דער פאָלגענדער צופאַל האָט אָבער געמאַכט צווישען זיי אַ שנאה, און פון דאַמאָלס אָן איז שאול'ס לעבען פערביטערט געוואָרען. דער צופאַל איז גע־ווען אַ מלחמה מיט עמלק'ן.

די עמלקים האָבען ווידער אָנגעהויבען בעאונרוהיגען דאָס אידישע לאַנד מיט זייערע בעפאַלען, ווי אין די צייטען פון די שופטים. דער נביא שמואל האָט בעפוילען שאול'ן אין גאָט'ס נאָמען צו מאַכען אַן ענדע מיט דעם אַלטען פיינד פון אידישען פאָלק. שאול איז אַרויס געגען די עמלקים מיט אַ שטאַרקער מאַכט, האָט פיעלע פון זיי פערניכטעט אָבער ער האָט גע־לאָזען אַ קליינעם רעסט פון זיי מיט זייערע שאָף און רינדער. שמואל איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט אויף שאול'ן, וואָס ער האָט ניט געטאָן ווי מען האָט איהם בעפוילען, און ער האָט איהם אָפען געזאָגט, דאָס ער איז ניט ווערט צו זיין אַ קעניג אין ישראל, און דאָס גאָט האָט בעשלאָסען איבער־צוגעבען די מלוכה צו אַן אַנדערען, וועלכער וועט בעסער פערשטעהן די אינ־טערעסען פון פאָלק. דיזע פערזאָן איז געווען ד ו ד פון שבט יהודה.

דוד איז געווען דער אינגסטער פון ישי פון בית לחם. אין זיין יוגענד האָט ער געפיטערט די שאָף פון זיין פאָטער. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט גרויסען מוט און העלדישקייט. ווי די זאַגע דערצעהלט, האָט ער אַמאָל מיט אַ שטיינדעל פון אַ וואַרפער גע'הרג'עט אַ ריז פון די פלשתים מיט דעם נאָמען ג ל י ת, וועלכער האָט אַרויסגערופען די אידען אויף אַ קאַמף. אויך האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט אַ טאַלענט צום שפּילען אויף מוזי־קאַלישע אינסטרומענטען און מיט אַ פּאָעטישער גאַבע.

דיזער דוד איז דורך אַ צופאַל געוואָרען שאול'ס איידים. דוד'ס נאָמען אַלס אַ יונגער העלד איז באַלד בעקאַנט געוואָרען אין שאול'ס הויז און ער האָט איהם איינגעלאַדען צו זיין זיין וואַפען־טרעגער. שאול האָט איהם בע־זונדערס ליב געקראָגען פיר זיין קונסט צו שפּילען אויף דער האַרף. זינט דעם ריס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען שאול'ן און דעם נביא שמואל, איז שאול געוואָרען מעלאַנכאָליש. דוד פלעגט מיט זיין שפּילען זעהר אָפט גוט ווירקען אויף'ן קעניג צו פערטרייבען זיין מעלאַנכאָליע. שאול'ס עלטערער

דוד מיט גלית'עס קאָפּ.

נאך דארע.

זוהן, יונתן, האָט זיך בעפריינדעט מיט דוד׳ן און זיי זיינען געוואָרען זעהר הייסע פריינד. שאול׳ס אינגערע טאָכטער, מיכל, האָט זיך פערליבט אין דוד׳ן און איז געוואָרען זיין ווייב. מיט דער צייט איז דוד געוואָרען אַן אויבערסט (פּאָלקאָווניק) אין דעם מיליטער און האָט זיך אימער אויסגעציי-כענט מיט זיין העלדישקייט. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען רעדען, אַז דוד איז אַ פיעל גרעסערער העלד פון שאול׳ן. דער קעניג האָט זיך דערפון דער-וואוסט, איז ער געוואָרען דוד׳ן אַ שרעקליכער שונא און האָט איהם געוואָלט הרג׳ענען. דוד איז ענטלאָפען צו שמואל׳ן אין רמה. שמואל האָט זיך דאָ-מאָלס נעהענטער בעקענט מיט דוד׳ן און האָט איהם געזאַלבט צום קעניג אָנשטאָט דעם מעלאַנכאָלישען שאול.

שאול האָט זיך גענומען ערנסט פערפאָלגען דוד׳ן און האָט זיך אָנגע-הויבען יאָגען נאָך איהם. אָבער איהם איז ניט געלונגען צו כאַפּען איהם. שאול האָט ערקלערט דוד׳ן אַלס בונטאָוושטשיק און האָט אָנגעהויבען בע-שטראָפען יעדען, וואָס האָט בעוויזען צו דוד׳ן וועלכע עס איז פריינדשאַפט. ענטלויפענדיג פון שאול׳ן איז דוד אַריינגעלאָפען צום כהן גדול אחימלך אין נוב און האָט פון איהם געבעטען עטוואָס עסען און אַ שווערד, ווייל ער איז אוועק פון קעניג׳ס הויז אונערוואַרטעט. דער כהן גדול האָט ניט געוואוסט פון קיין זאַך, וואָס עס קומט פאָר אין שאול׳ס הויז, און האָט געגעבען דוד׳ן וואָס ער האָט פערלאַנגט, אַלס אַן איידים פון קעניג. ווען שאול האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער געהייסען הרג׳ענען אחימלך׳ן מיט אַלע כהנים אין נוב. נאָר דער זוהן פון אחימלך, אביתר, האָט זיך געראַטעוועט און איז ענטלאָפען צו דוד׳ן, צו וועלכען עס האָבען זיך אָנגעקליבען אייניגע הונדערט מענשען אַלס זיינע אָנהענגער פון אידען און אויך פון אַנדערע פעלקער, ווי פון די חתים און פּלשתים, אויך זיינע צוויי קוזינס, יואב און אבישי, און מיט זיי אַלע האָט ער געוואַנדערט איבער יהודה און אַנדערע ערטער, אום צו רעטען זיך פון די פערפאָלגונגען פון שאול׳ן. ענדליך איז ער געוועזען גע-צוואונגען צו ענטלויפען צו די פּלשתים. אכיש, דער קעניג פון גת, האָט איהם פריינדליך אויפגענומען, ווייל ער האָט גערעכענט דוד׳ן אַלס שאול׳ס פיינד און האָט ערוואַרטעט, דאָס דוד מיט זיינע לייט וועלען איהם העלפען אין זיין מלחמה, וועלכע ער האָט געפּלאַנט צו פיהרען מיט די אידען. אָבער ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָבען די פּלשתים ניט דערלאָזען, דאָס דוד זאָל נעהמען אָנטייל אין איהר. זיי האָבען מורא געהאַט, דאָס ער וועט העלפען זיין פאָלק.



חברון.

די מלחמה צווישען די אידען און די פלשתים האט זיך צופלאקערט אויף די בערג גלבוע. זי איז געווען א שרעקליכע פיר די אידען. אין איהר זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרען פיעלע אידישע קריגער און אויף דער קעניג שאול מיט זיינע זיהן זיינען אומגעקומען, נאר איינער, איש בשת, איז געבליבען. ווען דוד האט זיך דערוואוסט וועגען שאול׳ס און זיין געליבטען פריינד יונתן׳ס טויט האט ער פערפאַסט אַ זעהר פּאָעטישען הספד, וועלכער דריקט אויס גרויס טרויער וועגען שאול׳ס און יונתן׳ס טויט און נאָך מעהר וועגען דעם אונגליק פון פאָלק.

ד. די מעכטיגע רעגירונג פון דוד׳ן. (1030—990 פ. קר.)

נאָך דעם טויט פון שאול׳ן האָט אַ גרויסער טייל פון אידישען פּאָלק אָנערקענט אַלס זייער קעניג שאול׳ס זוהן, איש־בשת, וועלכער האָט זיך בעזעצט אויף יענער זייט ירדן. דוד איז געקומען פון דעם לאַנד פלשתים און האָט זיך בעזעצט אין יהודה אין דער שטאָדט חברון. צו איהם זיינען באַלד געקומען די פאָרנעהמע לייט פון יהודה און האָבען איהם אָנערקענט אַלס זייער קעניג. צווישען די ביידע קעניגען זיינען אָפט פאָרגעקומען קליינע שטרייטען. דער הויפּט־פיהרער פון איש־בשת׳עס אַרמעע איז געווען אבנר, שאול׳ס פעטער, און פון דוד׳ס — יואב. אין איינעם פון דיזע שטרייטען האָט אבנר דער׳הרג׳עט עשהאל׳ן, דעם ברודער פון יואב׳ן, און דיזער איז איהם דערפאַר געבליבען אַן אייביגער פיינד. עס האָט ניט לאַנג גענומען און צווישען איש־בשת׳ן און אבנר׳ן איז אַרויס אַ קריג, און אבנר איז אַריבער אויף דער זייט פון דוד׳ן און ער איז געקומען מיט די פּאָרנעהמע לייט פון די אידען, אויף וועלכע איש־בשת האָט געהערשט, אין חברון צו דוד׳ן, און האָבען איהם אָנערקענט אַלס קעניג איבער דעם גאַנצען אידישען פּאָלק. דוד האָט זיי פריינדליך אויפגענומען און האָט זיי אַוועקגעשיקט בשלום. יואב האָט יעצט געפונען אַ געלעגענהייט צו נוקם זיין זיך אָן אבנר׳ן פיר דעם טויט פון זיין ברודער עשהאל. ער האָט איהם נאָכגעיאָגט און האָט איהם ערמאָרדעט. דוד׳ן האָט די געשיכטע שרעקליך פערדראָסען; ער האָט געשאָלטען יואב׳ן מיט זיין פאַמיליע און האָט אבנר׳ן שטאַרק בעוויינט.

נאָך אבנר׳ס טויט איז איש־בשת געבליבען אָהן אַ שום שטיצע. צוויי מיליטער־בעאַמטע פון איש־בשת׳ן האָבען געגען איהם געמאַכט אַ פערשווערונג און האָבען איהם ערמאָרדעט. דוד האָט זיי דערפאַר בעשטראָפט מיט׳ן טויט. דאָס פּאָלק איז אין גאַנצען אַריבער אויף דוד׳ס זייט, און ער איז געוואָרען קעניג איבער אַלע אידען, וועלכע האָבען געלעגט גרויסע האָפנונגען

אויף דוד'ן, דאָס ער וועט ברייננען אָרדנונג אין לאַנד און וועט בעשיצען דאָס פאָלק פון אויסלענדישע פיינד. און זייער האָפנונג איז ווירקליך ערפילט געוואָרען.

דאָס ערסטע, וואָס דוד האָט געטאָן, איז געווען צו שאַפען אַ נייעם פּאָליטישען און רעליגיעזען צענטער פיר דאָס אידישע פאָלק. ער האָט געפונען, דאָס דער בעסטער פונקט פיר דיזען צוועק איז די שטאָדט ירושלים, וועלכע איז געשטאַנען צווישען די שבטים יהודה און בנימין. אָבער דיזע שטאָדט איז דאַמאָלס געווען אין די הענט פון דעם פאָלק יבוסי און איז געווען שטאַרק בעשיצט דורך די פעסטונג ציון. דוד האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטען און האָט גענומען די שטאָדט און די פעסטונג און האָט זיך בעזעצט אין ירושלים, וועלכע איז פון דאַמאָלס אָן געוואָרען די רעזידענץ פון די קעניגען פון אידישען פאָלק, און האָט זיך דעריבער אויך גערופען „עיר דוד" (דוד'ס שטאָדט). אום צו מאַכען די שטאָדט אויך פיר אַ רעליגיעזען צענטער האָט ער אַהין אַריינגעבראַכט דעם ארון, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין אַ דאָרף קרית יערים, און האָט איהם אַריינגעשטעלט אין אַן אהל (געלט). דאָרט האָט ער אויפגעשטעלט אַ מזבח און האָט בעשטימט אַלס כהן גדול אביתר'ן, וועלכער איז צו איהם ענטלאָפען פון דער הריגה אין נוב. אין גבעה, אין דעם שבט בנימין, איז געבליבען אַ גרויסע במה, און דאָרט איז געבליבען אַלס כהן גדול צדוק. די ביבעל דערצעהלט, דאָס דוד האָט איינגעאָרדענט דעם געטליכען דינסט מיט פּאָעטישען געזאַנג און מיט מוזיק. אַלס דיכטער האָט ער זעלבסט פערפאַסט הימנעס, וועלכע מען האָט געזונגען ביי דער עבודה.

ווען די פלשתים האָבען דערזעהען, דאָס דוד האָט זיך גענומען אָרגאַניזירען דאָס אידישע פאָלק, האָבען זיי בעשלאָסען צו הינדערן און צו שטערען זיינע פּלענער, און זיינען ארויס געגען איהם אין אַ שטרייט. דוד איז אַרויס געגען די פלשתים און האָט זיי בעזיגט. פון דיזער צייט אָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאַנגע רייהע פון מלחמות צווישען די אידען און די פלשתים. און די אידען האָבען אימער געזיגט. פיעל האָבען געהאָלפען דוד'ן אין זיינע נצחונות איבער די פלשתים די דרייסיג גבורים, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין אַרמעע. אַזוי זיינען די אידען געוואָרען אָנגרייפער פון די פלשתים, אָנשטאָט וואָס פריהער האָבען זיי זיך נאָר פערטיידיגט געגען די אָנפאַלען פון די פלשתים. דוד האָט די פלשתים אין גאַנצען אַרויסגעטריבען פון אידישען לאַנד און האָט נאָך פון זיי צוגענומען די שטאָדט גת מיט דער גאַנצער געגענד, וואָס האָט צו איהר געהערט. פון דאַמאָלס אָן זיינען די

פּלשתים, וועלכע זיינען געווען זעהר געפעהרליך פיר די אידען, ווייל זיי האָבען געוואָלט ווערען די בעהערשער פון גאַנצען לאַנד כנען — געוואָרען אויס קאָנקורענטען, און האָבען געשפּילט אַ קליינע ראָלע, ווי די אַנדערע קליינע בענאַכבאַרטע פעלקער.

נאָך דעם, ווי דוד האָט אונטערוואָרפען אונטער זיין מאַכט די פּלשתים, האָט ער זיך גענומען צו אַנדערע בענאַכבאַרטע פעלקער: מואב, עמון און אדום. בעזונדערס גרויזאם האָט ער בעהאַנדעלט די מואבים. די אורזאַך איז אונבעקאַנט. נאָכדעם האָט דוד זיך גענומען צו די בני עמון. דיזע האָבען אַליין אַרויסגערופען די מלחמה. דוד האָט געשיקט אַ געזאַנדטשאַפט צום קעניג פון די בני עמון, חנון, צו טרייסטען איהם אויף זיין פאָטער'ס טויט. אָבער חנון האָט די געזאַנדטשאַפט שטאַרק בעליידיגט. דוד איז אַרויס געגען די עמונים אין אַ שטרייט און האָט זיי בעזיגט און אָפּגענומען זייער מלוכה־שטאָדט רבת. ער האָט אויך בעזיגט הדרעזר'ן, דעם קעניג פון ארם, וועלכער איז געקומען העלפען די בני עמון, און האָט איינגענומען זייער מלוכה־שטאָדט דמשק. דוד האָט אויך בעזיגט די בני אדום און האָט אין איינינע שטעדט זייערע געזעצט וויצע־קעניגען. אַזוי איז דאָס אידישע פאָלק געוואָרען זעהר מעכטיג און האָט בעהערשט אַ גאַנצע אימפּעריע. אידען זיינען געוואָרען אין דוד'ס צייטען דאָס מעכטיגסטע פאָלק פון אַלע פעלקער פון פּאַלעסטינא.

אום אויפצוהאַלטען זיין מאַכט האָט דוד אָרגאַניזירט אַ שטענדיגע אַרמעע פון אידישען פאָלק, און האָט אויך געהאַט געדונגענע סאָלדאַטען פון די פּלשתים און פון די חתים. דער קאָמאַנדיר פון דער אידישער אַרמעע אין דוד'ס צייטען איז געווען יואב, און פון די געדונגענע איז געווען בניהו, דער זוהן פון יהוידע. דיזע אַרמעע איז בעוואוסט אין דער ביבעל מיט'ן נאָמען „כרתי ופלתי”. דוד האָט בעפוילען צו מאַכען אין לאַנד אַ פאָלקס־צעהלונג. די צעהלונג האָט בעוויזען, דאָס אין גאַנצען לאַנד געפינט זיך איבער אַ מיליאָן מענשען, וואָס זיינען פעהיג צו שטרייטען. דאָס הייסט, אַז אין לאַנד האָבען זיך דאַמאָלס געפונען קרוב צו 5 מיליאָן איינוואוינער. מען רעכענט, דאָס צווישען זיי האָט זיך געפונען אַ גרויסע צאָהל פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבען זיך אַסימילירט מיט די אידען, ווייל דוד האָט בעהאַנדעלט זעהר ליבעראַל אויך אַנדערע איינוואוינער פון פרעמדע פעלקער.

ווי אַלע אַזיאַטישע הערשער האָט דוד אויך געהאַט פיעלע ווייבער. פון זיי האָט ער געהאַט זיהן און טעכטער, און דערפון זיינען אַרויסגעקומען זעהר אָפט פאַמיליען־טראַגעדיעס. זיין געליבטע ערסטע פרוי מיכל, די טאָכטער

ירושלים פון דעם הר הזיתים.

פון שאול'ן, וועלכע האָט איהם פריהער שטאַרק געליבט, איז שפּעטער, ווען ער איז געוואָרען גרויס, אָפּגעקיהלט געוואָרען צו איהם. פון איהר האָט ער קיין קינד ניט געהאַט. פון אַנדערע ווייבער האָט ער געהאַט אבשלום'ען, אדוניהו'ן און שלמה'ן. שלמה איז געווען דער זוהן פון בת־שבע, די פריהער־דיגע פרוי פון זיין גענעראַל אוריה, אין וועלכע ער האָט זיך פערליבט און האָט זי צוגענומען פון איהר מאַן מיט גרויס אונרעכט. דער נביא פון יע־נער צייט, נתן, האָט איהם דערפאַר שטאַרק גע'מוסר'ט און דוד האָט אָנער־קענט די גרויסע עוולה, וואָס ער האָט געטאָן. די גרעסטע פאַמיליען־טראַ־געדיע איז געווען דער אויפשטאַנד פון זיין זוהן א ב ש ל ו ם געגען איהם. אבשלום איז געווען זעהר אַ שענער און דאָס פאָלק האָט איהם זעהר ליב גע־האַט. אָבער דוד האָט איהם ניט ליב געהאַט, דערפאַר וואָס ער האָט ער־מאָרדעט זיין עלטסטען זוהן א מ נ ו ן. אבשלום האָט איהם ערמאָרדעט, ווייל ער האָט געשענדעט זיין שוועסטער ת מ ר. צוליב דיזער מאָרדטאַט איז אבשלום געווען געצוואונגען צו ענטלויפען פון לאַנד. ענדליך האָט איהם דוד ערלויבט צו קומען צוריק, אָבער ער האָט איהם ניט געוואָלט זעהן. פון דיזער שנאה צווישען פאָטער און זוהן איז אַרויסגעוואַקסען אַ גרויסע טראַגעדיע. אבשלום האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען זיין פאָטער דוד, און דיזער האָט געמוזט ענטלויפען פון ירושלים. עס איז ענטשטאַנען אַ בירגער־קריג צווישען די אָנהענגער פון אבשלום און די אָנהענגער פון דוד'ן. אין דיזער מלחמה איז אבשלום גע'הרג'עט געוואָרען און דוד איז צוריקגע־קומען צו זיין טראָן. נאָך איידער דוד האָט זיך בערוהיגט פון דעם אויפ־שטאַנד פון אבשלום'ען, האָט איינער ש ב ע ב ן ב כ ר י פון שבט בנימין געמאַכט געגען איהם אַ נייעם אויפשטאַנד. עס קען זיין, דאָס די בני בנימין זיינען געווען אונצופרידען מיט דוד'ן פיר זיין האַנדלונג מיט דער פאַמיליע פון שאול'ן, וועלכער האָט געשטאַמט פון זייער שבט. דער סוף פון דיזען אויפשטאַנד איז געווען גינסטיג פיר דוד'ן. שבע איז ערמאָרדעט געוואָרען און דאָס לאַנד האָט זיך בערוהיגט.

די לעצטע יאָהרען דוד'ס זיינען אויך געווען זעהר אונרוהיגע. ער איז געוואָרען זעהר שוואַך פון צופיעל אָנשטרענגונג. זיינע זיהן האָבען אָנגעהוי־בען רייסען זיך וועגען דעם טראָן. אדוניה און שלמה זיינען געווען די הויפּט־פּרעטענדענטען. די הויף־בעאַמטע זיינען געווען צוטיילט אויף צוויי פּאַרטייען. איינינע האָבען געהאַלטען מיט אדוניהו, צווישען זיי זיינען אויך געווען יואב און דער כהן גדול אביתר, און אַנדערע זיינען געווען מיט שלמה'ן, מיט וועמען עס איז אויך געווען דער נביא נתן. אדוניהו האָט זיך אַליין

גענומען די ממשלה און האט זיך ערקלערט פיר קעניג. אבער שלמה׳ס פאר-טיי איז געוועזן שטארקער און דוד אליין איז אויך געוועזן פיר שלמה׳ן, איז ער געבליבען קעניג און דאס לאנד האט זיך בערוהיגט.

ה. די רעגירונג פון שלמה׳ן. (990—950 פ. קר.)

אום צו רעגירען דאס פאלק רוהיג דאט שלמה בעשלאסען אפצוראמען פון וועג זיינע געגנער. דאס ערסטע האט ער געהייסען הינריכטען זיין ברו-דער אדוניהו. ער האט, פערשטעהט זיך, געפונען אויף איהם א עברה און האט זיין פלאן דורכגעפיהרט. נאכדעם האט ער געהייסען הינריכטען יואב׳ן, וועלכער האט געהאט פיעלע אנהענגער אין דער ארמעע און ער איז פיר שלמה׳ן געוועזן געפעהרליך. ענדליך האט ער ארויסגעטריבען פון ירושלים דעם כהן גדול אביתר און האט איהם געהייסען פערבלייבען אויף אימער אין דער כהנים־שטאדט ענתות.

נאך דעם, ווי שלמה האט זיך בערוהיגט פון זיינע שונאים, האט ער זיך גענומען איינצופיהרען אין לאנד נייע ארדנונגען. זיין פאטער האט געגרינ-דעט א מעכטיגע אימפעריע און ער האט זיך געמאכט אלס אויפגאבע צו מאכען גליקליך דאס פאלק דורך פערברייטערן דעם אקערבוי און פערגרע-סערן דעם האנדעל. ער האט געגרינדעט א גרויסע פלאטע צו פערפיהרען גרויסע געשעפטען מיט אויסלאנד. דער האנדעל איז געגאנגען ביז אופיר, וועלכעס מאנכע האלטען פיר אינדיען, און די הויפט־ארטיקלען זיינען געווען גאלד און זילבער. אויך איז דער האנדעל מיט פערד אויפגעקומען אין שלמה׳ס צייט. ביז איהם האבען די אידען קיינמאל ניט בענוצט צו ערד־ארבייט קיין פערד, נאר מויל־טיערען.

אויך די קריגס־מאכט האט שלמה געענדערט. ער האט איינגעפיהרט א רייטעריי פון 12,000 מאן מיט 1,400 שטרייט־וואגענס. דיזע רייטער זיינען געווען פערטיילט אין בעזונדערע שטעדט, גראדע ווי אין עגיפטען. די פערד פון די אידישע רייטער זיינען געקומען מעהרסטענס פון עגיפטען דורך דעם אויבען־דערמאהנטען האנדעל.

שלמה האט ליב געהאט רוה, און האט געזוכט צו לעבען אין פרידען מיט די וויכטיגסטע לענדער ארום פאלעסטינא. ער האט געהייראט די טאכ-טער פון דעם עגיפטישען קעניג, און האט פערבונדען מיט איהם האנדעלס־געשעפטען. אויך מיט די פעניציער האט ער זיך שטארק בעפריינדעט און האט מיט זייער הילף געבויט זיין האנדעל־פלאטע.

שלמה האט געפונען פיר נעטיג צו פערשענערן ירושלים און צו מאכען זי פיר א שענע רעזידענץ, ווי עס פאסט פיר א קעניג פון א גרויסער אימ-פעריע. דאס ערסטע, וואס ער האט געטאן, איז געווען צו בויען א גרויסען טעמפעל, א פרעכטיגען בית המקדש, וועלכער זאל דינען אלס רעליגיעזער צענטער פיר דאס גאנצע פאלק. צעהנדליגע טויזענדע ארבייטער האבען גע-האקט שטיינער אין די שטיינערנע בערג און האבען זיי געבראכט אין ירושלים. פיעל גאלד, זילבער און קופער האט נאך זיין פאטער אנגעגרייט צו דיזען צוועק. זיין פריינד חירם, דער קעניג פון צור, האט איהם צוגע-שיקט דורך'ן ים דאס צעדער=האלץ, וואס דער בנין פון בית המקדש האט געפאדערט. איבער 30,000 אידישע ארבייטער האבען געארבייט ביים אויפ-בויען דעם טעמפעל. נעבען דיזער פרעכטיגער געביידע האט ער געבויט פיר זיך א גרויסארטיגען פאלאץ. דאס בויען פון דעם טעמפעל האט געדויערט 7 יאהר און פון דעם פאלאץ 13 יאהר. ווען דער טעמפעל איז געווארען פערטיג האט שלמה געמאכט א גרויסארטיגען חנוכת הבית, אויף וועלכען עס האבען זיך פערזאמעלט זעהר פיעלע אידען פון אלע עקען פון לאנד. די ערהאבענע תפלה, וועלכע שלמה האט געהאלטען ביי דער איינווייהונג, ווייזט אויף א הויכען ליבעראלען גייסט.

ירושלים איז געווארען אין שלמה'ס צייט א זעהר שענע שטאדט און א צענטער פון האנדעל. פון אלע עקען פון לאנד האבען זיך צו איהר גע-צויגען פיעלע מענשען. זי איז געווארען בעריהמט אויך אין אנדערע לענ-דער. שלמה זעלבסט איז געוועזן בעריהמט אין דער וועלט אלס גרויסער חכם. איהם ווערען צוגעשריבען פיעלע קלוגע שפרוכען (משלים) און ער האט זיך אויסגעצייכענט אלס אונגעוועהנליך קלוגער ריכטער. אלגעמיין בעקאנט איז „שלמה'ס משפט", וועלכע איז ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער געווארען שפריכווערטליך. די געשיכטע פון דעם משפט איז פאלגענדע: א פרוי האט אין שלאף צודריקט איהר קינד אויף טויט און האט עס פער-ביטען מיט דעם לעבעדיגען קינד פון אן אנדער פרוי. צווישען דיביידע פרויען איז געווארען א שטרייט און זיי זיינען געקומען צום קעניג אויף א משפט. אום צו דערגעהן דעם אמת האט דער קעניג געהייסען צושניידען דאס לעבעדיגע קינד און געבען יעדערער פון די צוויי פרויען א העלפט. איין פרוי איז געווען צופרידען, אבער די אנדערע האט זיך געווארפען דעם קעניג צו די פיס און האט איהם געבעטען, בעסער דאס קינד איבערצוגעבען צו דער אנדערער פרוי איידער עס צו טויטען. דערפון האט שלמה פערשטא-

שלמה המלך'ס משפט.

נאך דארע.

נען, דאָס דיזע פרוי איז די ריכטיגע מוטער און האָט אַלס קלוגער ריכטער גע'משפט, מען זאָל איהר אװעקגעבען דאָס קינד.

שלמה האָט געהאַט פיעלע פרויען פון פערשיידענע פעלקער. עס האָבען זיך געפונען ביי איהם אין לאַנד אין זיין צייט פיעלע פערשיידענע פעלקער און שלמה איז געװען זעהר ליבעראַל צו זייערע רעליגיעזע געװאוינהייטען און האָט זיי ערלויבט צו בויען טעמפּלען צו זייערע געטער אין גאַנצען לאַנד. אָבער ניט אַלע אידען זיינען געװען צופרידען מיט דיזען קלוגען מאָנאַרך, בעזונדערס איז דאָס פאָלק געװען מיט איהם אונצופרידען פיר דעם צו־גרויסען לוקסוס, װאָס ער האָט איינגעפיהרט אין זיין הויף, װייל דאָס איז געװען אויף'ן פאָלק אַ שװערע לאַסט.

איבערהויפּט זיינען געװען אונצופרידען די בני אפרים. זיי האָבען געקוקט מיט קנאה אויף'ן שבט יהודה, װאָס פון איהם זיינען געװאָרען די בעריהמטע הערשער איבער'ן אידישען פאָלק. מיט דיזער אונצופרידענהייט האָט זיך בענוצט ירבעם בן נבט (פון שבט אפרים), װעלכער איז געװען אַ בעאַמטער אונטער שלמה'ן. ירבעם האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען שלמה'ן. מיט איהם האָט סימפּאַטיזירט דער נביא אחיה השלוני, װעלכער איז געװען אונצופרידען מיט שלמה'ס ליבעראַליזם, ערלויבענדיג געצענדינסט אין לאַנד. אָבער שלמה האָט זיך װעגען ירבעם'ס פּלענער דערװאוסט בעצייטענס און האָט געשיקט אַן אָפּטיילונג מיליטער צו אַרעסטירען איהם. ירבעם איז בעצייטענס ענטלאָפען אין מצרים. דאָרט האָט דאַמאָלס געהערשט אַן אַנדער דינאַסטיע, שלמה'ס שװער איז שוין דאַמאָלס ניט געװען אויף'ן טראָן. דער נייער קעניג אין מצרים שישק האָט געזוכט אָפּצושװאַכען דאָס אידישע קעניגרייך, און איז דעריבער געװען צופרידען פון ירבעם'ס קומען אין מצרים.

שוין פריהער איז געקומען אין עגיפּטען איינער פון דער קעניגליכער פאַמיליע אין אדום מיט'ן נאָמען הדד. דיזער איז ענטלאָפען פון אדום אין דער צייט, װען דוד האָט בעזיגט די אדומים און האָט זיי אונטערװאָרפען אונטער זיין יאָך. אָבער דאַמאָלס האָט הדד ניט געפונען אין עגיפּטען קיין סימפּאַטיע מיט זיינע פּלענער, װייל דאַמאָלס האָט אין עגיפּטען געהערשט אַ דינאַסטיע, װעלכע איז געװען פריינדליך צו אידען. אָבער זינט שישק איז ארויף אויף'ן עגיפּטישען טראָן, האָט זיך די לאַגע געענדערט און הדד האָט זיך צוריקגעקעהרט אין אדום און האָט אָנגעהויבען צו בעאונרוהיגען די גרענצען צװישען יהודה און אדום. אין דער זעלבער צייט האָבען די אַראַמעער אָנגעפאַנגען צו בעאונרוהיגען דאָס אידישע לאַנד פון צפון־זייט.

איינער פון די אראמעאישע מיליטערישע בעאמטע רזון האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען זיין קעניג און האָט פערכאַפּט די מלוכה־שטאָדט פון ארם, דמשק, און האָט אָנגעהויבען בעאונרוהיגען דאָס אידישע לאַנד. שלמה, וועלכער איז ניט געווען געניינגט צו מלחמות, האָט דיזע אומשטענדען גע־שיינקט וועניג אויפמערקזאַמקייט; דאָס פאָלק איז געווען מעהר איבערגע־געבען צו אַ רוהיגען לוקסוס־לעבען און דער מיליטערישער גייסט פון דוד׳ס צייטען איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

און אַזוי האָט זיך דער פּאָליטישער האָריזאָנט, אין דער לעצטער צייט פון שלמה׳ס רעגירונג, אָנגעהויבען צו פערוואָלקענען. שלמה האָט געהערשט 40 יאָהר און מיט זיין טויט האָט זיך געענדיגט די ערסטע 100 יאָהר פון דער אידישער קעניגליכער רעגירונג, וועלכע האָט געשטעלט דאָס אידישע פאָלק אין דער רייהע פון די גרויסע קעניגרייכען פון אָריענט.

ז. די צוטיילונג פון דער אידישער מלוכה אין צוויי קעניגרייכען.

(950—720 פ. קר.)

נאָך שלמה׳ס טויט איז געבליבען אַ זוהן רחבעם. ער איז דאַ־מאָלס געווען אַלט לערך 40 יאָהר. ער האָט אָבער ניט געהאַט אין זיך ניט די העלדישקייט פון דוד׳ן און ניט די חכמה פון שלמה׳ן, דאָך האָבען די שבטים יהודה און בנימין איינגעשטימט צו אָנערקענען איהם אַלס זייער קעניג. אָבער די בני אפרים, וועלכע האָבען פון לאַנג געהאַט פּרעטענזיעס אויף׳ן טראָן, האָבען צוגעצויגען צו זיך די איבריגע צעהן שבטים און האָבען בעשלאָסען אָפּצוטיילען זיך פון יהודה און בנימין און גרינדען אַ בעזונדער מלוכה. דאָס איז געשעהען נאָך דעם, ווי רחבעם האָט זיך ענטזאַגט נאָכ־צוגעבען די פאָדערונג פון פאָלק, וועלכעס האָט זיך פערזאַמעלט אין שכם צו פערהאַנדלען וועגען פערשיידענע רעפאָרמעס אין דער רעגירונג איידער זיי וועלען אָנערקענען רחבעם׳ען פיר זייער קעניג. ירבעם, וועלכער איז נאָך שלמה׳ס טויט צוריקגעקומען אין ארץ ישראל פון מצרים, האָט זיך בענוצט מיט דער אונצופרידענהייט פון פאָלק און האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד. דיזער אויפשטאַנד האָט געפיהרט צו דער צוטיילונג פון דער אידישער מלוכה (953 פ. קר.). רחבעם איז געווען געצוואונגען צו ענטלויפען פון שכם נאָך ירושלים, און איז געבליבען קעניג נאָר אויף צוויי שבטים, יהודה און בנימין, און די אַנדערע צעהן שבטים האָבען ער־וועהלט אַלס קעניג ירבעם׳ען. אַזוי איז די אידישע מלוכה צושפּאָלטען גע־וואָרען אויף צוויי ניט גלייכע טיילען. דער גרעסערער טייל, דער נאָרדלי־

כער, איז בעשטאַנען פון צעהן שבטים מיט ירבעם׳ען אַלס קעניג, און דער קלענערער טייל, דער זידליכער, פון צוויי שבטים, יהודה און בנימין, מיט׳ן קעניג רחבעם פון דער דינאַסטיע דוד (950 פ. קר.). יהודה און בנימין האָבען געבילדעט דאָס קעניגרייך יהודה, די איבריגע צעהן שבטים — דאָס קעניגרייך ישראל.

ירבעם האָט בעשטימט פיר זיין רעזידענץ די שטאָדט שכם, ווייל זי איז געווען די וויכטיגסטע שטאָדט אין דעם שבט אפרים, וועלכער איז געווען אין צאָהל דער גרעסטער פון אַלע אַנדערע שבטים. ער האָט געפונען פיר נעטיג צו מאַכען אַ רעפאָרמע אין דעם געטליכען דינסט, אום

די שטאָדט שכם.

דאָס פאָלק זאָל ניט געהן נאָך ירושלים, צום אַלטען רעליגיעזען צענטער. ער האָט אויסגעבויט צוויי טעמפּלען, איינעם אין בית־אל (אין דרום) און דעם אַנדערען אין דן (אין צפון) און האָט דאָרט אַריינגעשטעלט צוויי גאָלדענע קעלבער (ווי אין מצרים דער אַפּים). דערמיט האָט ער געוואָלט חנפ׳ענען מצרים, פון וועמען ער האָט ערוואַרטעט שטיצע געגען רחבעם׳ען, און אום צו דערוויטערן די אונטערטאַנען פון זיין רייך אויך אין רעליגיעזער היגזיכט פון די אונטערטאַנען פון רחבעם׳ען. און ווייל די כהנים פון שבט לוי האָבען ניט געוואָלט דינען אין די טעמפּלען, וואָס ירבעם האָט

אויסגעבויט, איז ער געווען געצוואונגען צו נעהמען כהנים פיר זיינע טעמפּ-לען פון אַנדערע שבטים. אין די גרויסע ימים טובים פלעגט ירבעם אַליין ערפילען די פליכטען פון אַ כהן ביים מזבח אין בית אל. אויסער דעם האָט ער ערלויבט צו בויען מזבחות אויף הויכע ערטער, ווי אין די צייטען פון די שופטים. אזוי האָט זיך אין דער מלוכה פון צפון (אין קעניגרייך ישראל) ווידער אָנגעהויבען פערברייטען דער געצען-דינסט.

רחבעם, וועלכער האָט רעגירט אין ירושלים, האָט זיך אַ לאַנגע צייט ניט געקענט בערוהיגען וועגען דעם, וואָס די שבטים פון צפון זיינען אָפּ-געפאַלען פון דער דינאַסטיע פון דוד'ן. ער האָט געפיהרט אָפטע מלחמות מיט ירבעם'ען, אָבער אומקעהרען צוריק די אָפּגעפאַלענע פּראָווינצען האָט ער שוין ניט געקענט. ארומגערינגעלט פון פערשיידענע זייטען מיט פיינד-ליכע שכנים, האָט רחבעם מעהר פון אַלץ געזאָרגט וועגען פערשטאַרקען די פערטיידיגונג פון זיין לאַנד. ער האָט בעפעסטיגט פיעלע שטעדט אין יהודה אום צו קענען שיצען זי פון אַ פיינדליכען איבערפאַל. אָבער דיזע בעפעסטיגונגען זיינען ניט געווען גענוג שטאַרק געגען דעם בעפאַל פון די עגיפּטער. אין דעם פינפטען יאָהר פון ירבעם'ס רעגירונג (אונגעפעהר 945 פ. קר.) האָט שישק, דער קעניג פון מצרים, אונטערגענומען אַ פעלדצוג אין פאַלעסטינאַ. אריינברעכענדיג זיך פון דרום-זייט איז די עגיפּטישע אַרמעע גלייך צוגעקומען צו ירושלים. שישק האָט מיט דיזען פעלדצוג ניט געמיינט צו בעזיגען יהודה, נאָר אָנצורויבען דאָרט רייכטום. ער האָט פער-נומען פיעלע אוצרות פון בית המקדש און פון קעניגליכען שלאָס אין ירושלים און איז מיט דיזען רויב אַוועקגעגאַנגען ווייטער צו בערויבען אַנדערע שטעדט אין יהודה און אין דעם קעניגרייך ישראל, אין צפון. קומענדיג צוריק אין עגיפּטען האָט שישק געהייסען אויסגראַווירען אויף די ווענט פון זיין שלאָס אין טהעבען (נא אמון) בילדער און אַ בעשרייבונג פון זיין געלונגענעם פעלדצוג. צווישען די חורבות פון דעם גרויסען טעמפּעל פון קאַרנאַק זיינען נאָך געבליבען אויף איין וואַנט בילדער, וואָס שטעלען פאָר פערשיידענע מאָמענטען פון דיזער עקספּעדיציאָן, און אַ היעראָגליפישע פערצייכנים פון די שטעדט, וועלכע ער האָט גענומען. צווישען דיזע גע-פינען זיך אויך די נעמען פון אייניגע שטעדט פון יהודה און ישראל. אזעלכע רויבערישע עקספּעדיציאָנען זיינען אין די אַלטע צייטען געווען פון די געוועהנליכסטע פעלדצוגען; זיי זיינען אונטערגענומען געוואָרען מיט דעם צוועק צו שאַפען רייכטום און צו מאַכען זיך אַ נאָמען אַלס מעכטיגער

קעניג. די מלחמות פון די קעניגען פון יהודה רחבעם און זיין זוהן אבים מיט ירבעם'ען האָבען ניט אויפגעהערט. דאָס לאַנד יהודה איז אין דער צייט פון די צוויי קעניגען רחבעם און אבים געווען פול מיט טעמפּלען פון געצען־דינער, ווי אין שלמה'ס צייטען. נאָך דער קעניג אסא, אבים'ס זוהן, האָט אויסגעראָטעט דעם געצען־דינסט פון לאַנד (931—890) און האָט איינגעפיהרט איבעראַל אַ שטרענגען קולט צום איינציגען גאָט (אלהי ישראל).

די דינאַסטיע פון דוד האָט געהערשט אין יהודה די גאַנצע צייט, וואָס די מאָנאַרכיע האָט דאָרט עקסיסטירט. אין דעם קעניגרייך פון ישראל אָבער האָבען זיך די דינאַסטיעס זעהר אָפט געביטען און דאָט האָט דאָס לאַנד פיעל אָפּגעשוואַכט. ירבעם האָט רעגירט 22 יאָהר. נאָך איהם איז אַרויף אויף'ן טראָן זיין זוהן נדב. דיזער איז ערמאָרדעט געוואָרען דורך זיין פעלדמאַרשאַל בעשא נאָך דעם ערסטען האַלבען יאָהר פון זיין רעגירונג. בעשא האָט געשלאָסען אַ בונד מיט בן הדד דעם קעניג פון דמשק און האָט פערפיהרט אַ מלחמה מיט אסא, דעם קעניג פון יהודה. אום אָפּצושניי־דען פיר דאָס לאַנד יהודה יעדע האַנדעלס־פערבינדונג מיט'ן צפון האָט בעשא אויפגעשטעלט אַ פעסטונג אין רמה, דורך וועלכע עס איז געגאַנגען דער וועג פון יהודה צו נאָרד. אסא האָט געשיקט גרויסע מתנות צו בן־הדד'ן, און דיזער האָט אָפּגעבראָכען זיין פריינדשאַפט מיט בעשא, און אסא האָט צושטערט די פעסטונג אין רמה. נאָך דעם טויט פון בעשא איז געווען זיין נאָכפאָלגער זיין זוהן אלה. דיזער איז געווען איבערגעגעבען צו אויס־געלאַסענהייט און שכרות און דער קאָמאַנדיר פון די קעניגליכע שטרייט־רייטוועגען, זמרי, האָט איהם ערמאָרדעט, און האָט זיך פערשלאָסען אין דער הויפּטשטאָדט תרצה. דער פעלדמאַרשאַל עמרי האָט באַלד בעלאַגערט תרצה און זמרי האָט אונטערגעצונדען דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. אין דיזען פייער איז זמרי אויך פערברענט געוואָרען. דאָס מיליטער, וואָס איז געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון עמרי, האָט איהם ערקלערט אַלס קעניג. אָבער ניט אַלע האָבען אָנערקענט עמרי'ן אַלס קעניג. עס האָבען זיך געפונען איינינגע, וואָס האָבען געוואָלט אויף'ן טראָן איינעם מיט'ן נאָמען תבני בן גנת. צוויי יאָהר האָט געדויערט דער קריג צווישען דיביידע פּאַר־טייען. ענדליך האָט די מיליטערישע פּאַרטיי געזיגט און עמרי איז גע־בליבען קעניג. מיט עמרי'ן האָט זיך געגרינדעט אַ נייע דינאַסטיע, אונטער וועלכער עס האָבען זיך פעראייניגט ביידע מלוכות.

ז. די דינאסטיע עמרי און די פעראייניגונג פון די צוויי מלוכות.

(900—842 פ. קר.)

עמרי איז געווען ניט נאר א גוטער פעלדהערר, נאר אויך א טיכטיגער רעגירער. ער האט ענדליך פערשאפט רוהע דעם לאנד פון די עשרת השבטים. ער האט אויך געבויט א נייע רעזידענץ, וועלכע האט זיך גערופען שומרון, און שפעטער האט אויך דאס גאנצע קעניגרייך געטראגען דיזען נאמען (שומרון). עמרי האט ניט געפיהרט קיין מלחמות מיט'ן לאנד יהודה. אין געגענטייל, עס שיינט, דאס ער האט מיט דיזער מלוכה געשלאסען א בונד, אום צו בעשיצען זיך מיט אלגעמיינע קרעפטען געגען אן אלגעמיינעם שונא. אין זיין צייט האבען די פעניציער אנגעהויבען צו בעזעצען זיך אין לאנד ישראל און פערברייטערן דארט גרויסע געשעפטען, און האבען אריינגעבראכט מיט זיך זייערע פרייע זיטען און דעם קולט פון בעל, וועלכע זיינען געווען פרעמד דעם אידישען פאטריארכאלישען לעבען. אום צו פערבינדען ענגער דיזע צוויי פעלקער, די אידען מיט די פעניציער, האט עמרי גענומען פיר זיין זוהן אחאב די טאכטער פון דעם פעניציישען קעניג, די בעוואוסטע איזבל. אום צו בעשיצען די אינטערעסען פון די שבטים צו מזרח־זייט פון ירדן האט עמרי פערפיהרט א מלחמה מיט'ן קעניג פון מואב און האט איהם אונטער־יאכט. וועגען דיזען שטרייט ווערט דערצעהלט אויף דעם מאנומענט פון מישע דעם קעניג פון מואב, וועלכען מען האט ענטדעקט מיט איניגע צעהנד־ליג יאהר צוריק. דער נאמען „עמרי" האט אנגעהויבען צו ווערען בעוואוסט אין אויסלענדישער פאליטיק. אויף די אסירישע מאנומענטען געפינט זיך זעהר אפט דער נאמען עמרי, זאגאר דאס לאנד ישראל ווערט דארט דער־מאהנט אלס „דאס לאנד עמרי".

דער נאכפאלגער פון עמרי'ן איז געווען זיין זוהן אחאב. זיין ווייב איזבל האט גענומען א גרויסען אנטייל אין דער רעגירונג פון איהר מאן, און האט געמאכט איהר אויפגאבע איינצופיהרען דעם קולט פון בעל, דעם גאט פון איהר לאנד, צווישען די אידען. צוזאמען מיט'ן קולט פון בעל האט זי אויך אריינגעבראכט אין לאנד ישראל לוקסוס און דאס פרעהליכע לעבען, ווי אין פעניציען. אבער דאס האט ניט אזוי פיעל געשאדט די בני ישראל ווי די איינפיהרונג פון פעניציישען קולט, דעם דינסט צום גאט בעל; דאס פאלק האט זיך אפילו ניט אפגעזאגט אין גאנצען פון דעם גאט פון זייערע עלטערן, עס האט געדינט ביידען, ווי דער נביא דריקט זיך אויס: „פוסחים על שתי הסעפים", זיי טרעטען איבער ביידע שוועלען, פון אידישען טעמפעל

און אויך פון דעם טעמפעל בעל. זאָגאַר אהאב האָט געגעבען זיינע קינדער נעמען מיט'ן צוגאָב „יה", וואָס איז אַ טייל פון „יהוה", דער נאָמען פון אלהי ישראל: יהורם, אחזיה, עתליה. דאָס האָט אָבער געצייגט, דאָס זיי האָבען ניט געהאַט דעם וואהרען בעגריף פון דער איינהייט פון גאָט, וואָס דאָס איז דער הויפט־פּרינציפּ פון דער אידישער רעליגיאָן.

אָבער עס האָט זיך געפונען אין פאָלק אַ קליינער טייל, וועלכער האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם גלויבען אין צווייערליי גאָטהייטען. צווי־שען זיי האָבען זיך געפונען גרויסע רעדנער און נביאים, וועלכע האָבען גע־פּרעדיגט פאַר'ן פאָלק די אידעע פון דער איינהייט פון גאָט. דיזע פּראָפּע־



שומרון.

טען האָבען זיך גערופען נביאי יהוה, צום אונטערשייד פון די פאַלשע נביאים, וועלכע מען האָט גערופען „נביאי הבעל". איזבל האָט שטרענג פערפאָלגט די נביאי יהוה. די געגנער פון דעם פעניצישען קולט זיינען אויך געווען געגען דער פעניצישער קולטור. עס האָט זיך געבילדעט אַ סעקטע רכבים, אָן דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען איי־נער מיט'ן נאָמען יונדב בן רכב, וועלכע האָט זיך אין גאַנצען ענטזאַגט פון יעדער קולטור און האָט זיך בעשעפטיגט נאָר מיט פיה־צוכט, ווי אין די גאַנץ אַלטע צייטען. נאָך אַ טייל פון די רעאַקציאָנערען זיינען

פערבליבען אין די שטעדט, אָבער זיי האָבען געפיהרט א לעבען פון אס-קעטען (מענשען, וואָס ווילען ניט הנאה האָבען פון דער וועלט). דיזע האָ-בען זיך גערופען „נזירים”. אָבער די מעכטיגסטע ארבייט אין דיזען שטרייט האָבען געטאָן די נביאי יהוה.

דער וויכטיגסטער פון דיזע נביאים אין יענער צייט איז געוועזן א ל י ה ו (אלי יהו — מיין גאָט איז יהוה) פון דער שטאָדט תשבי (אין נפתלי). אלס שטרענגער אָנהענגער פון דעם גאָט יהוה און הייסער נא-ציאָנאַליסט האָט אליהו געזעהען אין די נייע אָרדנונגען דעם אָנפאַנג פון דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער נאציאָן. איהם האָט שטאַרק געקרענקט די פעניציישע קולטור מיט איהר אויסגעלאַסענקייט און דער ווידערשפּרוך אין דעם רעליגיעזען גייסט פון פאָלק, וועלכעס האָט אָפיציעל אָנערקענט י ה ו ה אלס דעם גאָט פון ישראל און האָט געבויט מזבחות צו דער עבודה זרה ב ע ל (באַאל). אליהו האָט אין זיך פעראייניגט אַן אסקעט (א פּרוש) און א פייערדיגען קעמפער. צייטענווייז האָט ער ארומגעוואַנדערט אין דער מדבר, ווייט פון דער פערדאָרבענער, צוליאָזענער געזעלשאַפט, און אמאָל איז ער פּלוצלינג געקומען צו פליהען צו ווי א דונער אין שומרון און האָט דעם קעניג און דאָס פאָלק גע׳מוסר׳ט פיר זייערע זינד. ער האָט צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק מיט זיין אויסערליכען ערשיינען און זיין אַרט לעבען: ער איז געוועזן געקליידט אין א גראָבען האָאריגען מאַנטעל, האָט געטראָגען זעהר לאַנגע האָאָר, האָט זיך אָפּט צוריקגעהאַלטען פון דעם גענוס פון פלייש און ווײן — ער האָט זיך בכלל אָפּגעזאָגט פון די בעקוועמ-ליכקייטען און פערגניגענס פון לעבען. דאָס פאָלק האָט איהם געהאַלטען פיר א „געטליכען מאַן”, וועלכער קען טאָן איבערנאַטירליכע זאַכען, און מען האָט פון איהם דערצעהלט גרויסע וואונדער. דאָס האָט איהם געגעבען מוט ארויסצוטרעטען אָפען געגען דעם קעניג אחאב און געגען זיין רע-גירונג. איבערהויפּט איז ער אַרויסגעטרעטען געגען אחאב׳ן, ווען דיזער האָט זיך ערלויבט צו ערמאָרדען א בירגער נ ב ו ת פ ו ן י ז ר ע א ל דערפאַר, וואָס יענער האָט איהם ניט געוואָלט פערקויפען זיין וויינגאָרטען. אום צו מאַכען דעם מאָרד געזעצליך, האָט אחאב אָנגעשטעלט פאַלשע עדות, וועלכע האָבען עדות געזאָגט, אז נבות האָט געלעסטערט גאָט און דעם קעניג, און דאָס געריכט האָט איהם דערפאַר פעראורטיילט צום טויט. נאָך דיזען סקאַנדאַל איז אליהו געקומען צו אחאב׳ן, האָט איהם מיט פייער פאָרגעוואָרפען זיינע מעשים תעתועים, האָט איהם גערופען „מערדער”,

„רויבער“, און האָט נביאות געזאָגט, דאָס גאָט וועט מאַכען פון זיין הויז דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געמאַכט פון דעם הויז פון ירבעם בן נבט און פון דעם הויז פון בעשא, און דאָס הינט וועלען לעקען זיין בלוט אויף דעם זעלבען אָרט, וואו ער האָט פערגאָסען דאָס אונשולדיגע בלוט פון נבות היזרעאלי. נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיגט דיזע פּראָפעצייהונג, איז ער רוהיג אַוועק פון אחאב׳ן, וועלכער האָט זיך ניט ערלויבט צו טאָן איהם עט־וואָס שלעכטעס, ווייל דאָס פאָלק האָט איהם זעהר שטאַרק גערהרט אַלס א געטליכען מאַן.

אין יענער צייט האָט זיך געטראָפען אַ שרעקליכער הונגער אין לאַנד. דריי יאָהר נאָכאַנאַנד איז ניט געגאַנגען קיין רעגען און עס איז ניט גע־ווען קיין ברויט. ווען אחאב האָט זיך בעגעגענט מיט אליהו׳ן האָט ער איהם גערופען „עוכר ישראל“, ווייל ער האָט גערעכענט, דאָס ער האָט עס פערהאַלטען דעם רעגען אין לאַנד. אליהו האָט איהם געענטפערט, דאָס ער, אחאב, איז דער „עוכר ישראל“, ווייל ער האָט פערפיהרט דאָס פאָלק צום געצען־דינסט, און דאָס פאָלק קען נאָר דאַן געהאָלפען ווערען, ווען עס וועט זיך צוריקקעהרען צו גאָט און וועט זיך ענטזאָגען פון דעם דינסט פון בעל. דורך אַ וואונדער, ווערט דערצעהלט, האָט זיך דאָס פאָלק איבערצייגט אין דער ווירקליכקייט פון דעם גלויבען פון זייערע עלטערן, זיי האָבען זיך ענט־זאָגט פון דעם געצען־דינסט און האָבען ערמאָרדעט 400 פון די כהנים פון בעל, און באַלד האָט אָנגעהויבען געהן אַ גרויסער רעגען.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און בן־הדד דער 2טער, דער קעניג פון ארם, האָט ערקלערט אחאב׳ן קריג. אחאב האָט איהם געוואָלט פיעל נאָכגעבען, אָבער ווען די פאָדערונגען פון בן־הדד׳ן זיינען געוואָרען צו גרויס, איז אחאב ארויס געגען איהם אין אַ שטרייט און האָט איהם בעזיגט. אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז בן־הדד ווידער ארויס געגען אחאב׳ן און האָט ווידער געכאַפּט אַ גרויסע מפּלה, און ער האָט געשיקט בעטען אהאב׳ן, אַז ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען. אחאב איז געווען אַ זעהר גוטהערציגער מענש און האָט איהם זעהר גוט בעהאַנדעלט. בן־הדד האָט איהם פערשפּראָכען צוריקגעבען די שטעדט, וואָס זיין פאָטער האָט צוגענומען פון אחאב׳ס פאָטער עמרי. אָבער ווייל בן־הדד האָט ניט געהאַלטען וואָרט איז אחאב ארויס געגען איהם אויף אַ שטרייט.

אחאב׳ן האָט געהאָלפען אין דיזען שטרייט דער קעניג יהושפט, דער זוהן פון אסא׳ן. צווישען דיזע צוויי הערשער האָט עקסיסטירט אַ שטאַרקע פריינדשאַפט. אחאב האָט געגעבען זיין טאָכטער עתליה אַלס פרוי

צו יהורם׳ען, דעם זוהן פון יהושפט. הגב דיזער איז געווען א טרייער אי־בערגעבענער אנהענגער צום קולט פון דעם איינציגען גאט, און ער האט שטארק געהאלפען צו צענטראליזירען דעם געטליכען דינסט אין ירושלים און האט אפגעשאפט די פריוואט־ערטער פון רעליגיאן אין דער פראווינץ (די במות), דאך האט ער געשלאסען א פערבאנד מיט דעם געצען־דינער אחאב. איידער די צוויי קעניגען זיינען ארויס מיט זייערע ארמעען אין פעלד צום שטרייט האט מען בעשלאסען צו פרעגען פריהער די נביאים וועגען דעם רעזולטאט פון דער מלחמה. איין נביא פון אליהו׳ס תלמידים האט פארגע־זאגט א טרויעריגען סוף פיר אחאב׳ן. און ווירקליך, אחאב איז געטראפען געווארען פון א פייל פון שונא און איז דעם זעלבען טאג געשטארבען. זיין בלוט האט גערונען אויף דעם זעלבען ארט, וואו ער האט אמאל פערגאסען דאס בלוט פון דעם אונשולדיגען נבות. אזוי ווערט דערצעהלט אין ספר מלכים פון דער ביבעל.

נאך אחאב׳ס טויט איז ארויף אויף׳ן טראן זיין זוהן אחזיה. ער האט רעגירט נאר צוויי יאהר און איז פון א צופאל דער׳הרג׳עט געווארען, און זיין ברודער יורם איז געווען זיין נאכפאלגער. זיין רעגירונג איז געווען א זעהר שטירמישע. די פעלקער, וועלכע זיינען געווען אונטערטאנט אונטער דער דינאסטיע עמרי, האבען זיך אנגעהויבען צו בעפרייען פון דעם יאך. מישע, דער קעניג פון מואב, האט ערקלערט זיין לאנד פיר אונאפהענ־גיג. יורם איז ארויס געגען איהם אויף א מלחמה. דער קעניג פון יהודה, יהושפט, איז איהם געקומען צו הילף. זיי האבען בעלאגערט די פעס־טונג קיר־חרשת, וואו מישע האט זיך פערשלאסען. אבער צוליב אן אונבע־קאנטער אורזאך האבען זיי די בעלאגערונג אויפגעגעבען און מישע האט דיזע געשיכטע פעראייביגט מיט אן איבערשריפט אויף א שטיין, וועלכען מען האט ניט לאנג געפונען.

די אראמעער האבען ניט אויפגעהערט צו בעאונרוהיגען דאס לאנד פון די צעהן שבטים (די מלוכה פון ישראל). איינמאל האבען זיי בעלאגערט שומרון און האבען דארט אנגעמאכט אזא הונגער, דאס פרויען האבען גע־געסען דאס פלייש פון זייערע פערשטארבענע קינדער. צום גליק האבען די אראמעער דערהערט, דאס די חתים זיינען בעפאלען זייער לאנד און האבען אויפגעגעבען זייער בעלאגערונג. ווי עס שיינט זיינען עס געווען אסיריער (אשורים), וועלכע האבען אנגעהויבען צו מאכען בעפאלען אויף ארם. אויף די אסירישע טאפלען מיט קייל־שריפטען ווערט ווירקליך דערצעהלט, דאס

אין דער צייט פון שלמנאסר דעם 2טען זיינען די אסיריער בעפאלען די אראַ-מעער אין די יאָהרען 850, 849 און 846 פ. קר.

אין דמשק איז געוואָרען אַן ענדערונג אין דער רעגירונג. בן־הדד איז געשטאָרבען און זיין נאָכפאָלגער איז געוואָרען זיינער אַ פעלדהערר חזאל. אָבער אויך דיזער איז געווען פיינדליך צו די אידען און איז אַרויס געגען זיי אין אַ שטרייט אום אָפצונעהמען די שטעדט, וואָס די פריהערדיגע קעניגען פון ארם האָבען אָפגעגעבען צו די אידען. אין דיזער מלחמה איז ארם פער-וואונדעט געוואָרען און איז אַוועק אין זיין פּאַלאַץ, און אויף זיין אָרט אין שלאַכט־פעלד איז געבליבען זיין פעלדהערר יהוא בן נמשי. די נביאים מיט דער נאַציאָנאַל־פּאַרטיי האָבען זיך בענוצט מיט דיזען צושטאַנד אין האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַן ענדע צו דער פערהאַסטער דינאַסטיע פון עמרי, וועלכע האָט איינגעפיהרט אַ פרעמדען קולט (געטליכען דינסט) און אַ פרעמדע קולטור (ציוויליזאַציע) אין פאָלק. אָן דער שפּיץ פון דיזער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער נביא אלישע, אליהו׳ס תלמיד. וועגען דיזען נביא ווערען דערצעהלט פיעלע גרויסע וואונדער, אָבער זיין ווירקליכע גרויס־קייט בעשטעהט אין זיינע וויכטיגע פּאָליטישע קענטניסען פון יענער צייט. מיט דעם איינפלוס פון אלישע איז יהוא געזאַלבט געוואָרען אַלס קעניג. יהוא האָט זיך בענוצט מיט יורם׳ס שוואַכקייט פון דער וואונד, וואָס ער האָט בע-קומען אויף׳ן שלאַכט־פעלד, און איז געקומען אין יזרעאל, וואו יורם איז גע-לעגען קראַנק און האָט איהם ערמאָרדעט, און האָט געמאַכט אַן ענדע צו דער פערהאַסטער דינאַסטיע עמרי. אום צו געווינען אין גאַנצען אויף זיין זייט די נביאים און די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, האָט יהוא בעשלאָסען אָפּצו-שאַפען אין גאַנצען דעם בעל־דינסט פון לאַנד. ער האָט צוזאַמענגערופען די פּריסטער פון דעם בעל־קולט מיט זייערע אָנהענגער און האָט זיי איינגע-רעדט, דאָס ער וויל פיר זיי מאַכען אַ גרויסען יום טוב. ווען עס האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסער טייל, האָט ער געהייסען זיינע סאָלדאַטען אַלעמען ערמאָרדען. נאָכדעם האָט ער שטרענג פערבאָטען דעם בעל־קולט. אָבער ניט אַלע, אפילו די נביאים, זיינען געווען צופרידען מיט אַזאַ שרעקליכער שחיטה. מיט 100 יאָהר שפּעטער, ווען די דינאַסטיע פון יהוא איז פערניכ-טעט געוואָרען, האָט דער נביא הושע געזעהען דערין די האַנט פון גאָט וועלכער האָט בעצאָהלט פיר אַזאַ גרוילטאַט.

אין דעם קעניגרייך פון יהודה איז אויך ניט געווען גאַנץ רוהיג אין יענער צייט. נאָך דעם טויט פון יהושפט׳ן איז געוואָרען זיין נאָכפאָלגער זיין זוהן יהורם (אָדער יורם). אין זיין צייט האָבען זיך די אדומים

ענטזאגט פון צו זיין אונטערטעניג אונטער יהודה, און דערמיט האבען זיי געגעבען א שטארקען קלאפ דעם מסחר אין יהודה, ווייל דערמיט איז אפּ-געשניטען געווארען דאס גןשעפט פון דעם ים סוף; יורם האט געפּרובט אונטערוואַרפען זיי צוריק אונטער זיין יאָך, אבער עס איז איהם ניט געלונ-גען. ער האט געקיניגט אכט יאָהר און איז געשטאָרבען. נאָך איהם איז אַרויף אויפ'ן טראָן זיין זוהן אחזיה, וועלכער האט געקיניגט נאָר איין יאָהר און איז געשטאָרבען פון דער וואונד, וואס ער האט בעקומען פון יהוא בן נמשי אין דער צייט, וואס אחזיה פון יהודה איז געווען צו בעזוך ביי אחזיה פון ישראל, וועלכען יהוא האט ערמאָרדעט. די פריינדשאפט צווישען יהודה און ישראל איז געווען אזוי שטארק, דאס די קעניגען זייערע האבען זיך גערופען מיט די זעלבע נעמען, ווי: „יורם", „אחזיה".

נאָך דעם טויט פון אחזיה מלך יהודה איז זיין מוטער עתליה, די טאָכטער פון אחאב און איזבל, געוואָרען רעגענטין ביז עס וועלען אונטער-וואקסען אחזיה'ס יורשים. עתליה האט אבער געוואָלט זיין די שטענדיגע הערשערין אין יהודה. זי האט ערמאָרדעט אלע פערזאָנען פון דער דינאסטיע דיד, וועלכע האבען געקענט האבען א פּרעטענזיע אויפ'ן טראָן. נאָר איין זויג-קינד, יואש, איז גערעטעט געוואָרען דורך זיין טאַנטע יהושבע, די פרוי פון דעם כהן גדול יהוידע, וועלכער האט איהם אויסבעהאלטען אין בית המקדש 6 יאָהר. עתליה האט אין דער צייט פון איהר הערשאפט איינ-געפיהרט אין יהודה דעם געצען-דינסט פון בעל און האט אויך אויסגעבויט אין ירושלים א גרויסען טעמפעל פיר דעם בעל מיט א בעזונדערען אויבער-פריסטער מתן. ווען יואש איז אלט געוואָרען 7 יאָהר, האט איהם דער כהן גדול יהוידע אַרויסגעפיהרט צום פאלק און האט איהם געקרוינט אלס קעניג, און עתליה'ן האבען די סאָלדאטען ערמאָרדעט. דאס פאלק האט דאן צושטערט דעם טעמפעל פון בעל, האט ערמאָרדעט דעם אויבער-פריסטער מתן און דער נאציאָנאלער רעליגיאָנס-דינסט איז ווידער איינגעפיהרט גע-וואָרען אלס הערשענדער אין ירושלים. אזוי איז אין צייט פון צעהן יאָהר איינגעפיהרט געוואָרען דער עכט-אידישער קולט אין ביידע לענדער: יהודה און ישראל.

ח. די דינאסטיע יהוא און דער פּאָליטישער צושטאנד אין יהודה און ישראל. (842—745 פ. קר.)

יהוא האט רעגירט איבער דעם קעניגרייך ישראל מיט גרויס אכזריות. אויך האט זיין רעגירונג געבראכט אונגליק פון דרויסען. דער אסירישער

קעניג שלמנאסר דער 3טער (860—851 פ. קר.) איז באַלד נאָך זיין בע־שטייגען דעם טראָן ארוים אויף אַ מלחמה מיט בן־הדד דעם 2טען, דעם קעניג פון דמשק. בן־הדד האָט זיך געווענדט צו די פעניציער, צו ישראל, צו די אַראַבער און צו די עמונים וועגען הילף געגען דעם געמיינשאַפטליכען שונא. יהוא איז צוגעשטאַנען צו די אַנדערע פעלקער מיט 10,000 מאַן און עס איז פאָרגעקומען ביי קרקר אַ בלוטיגע שלאַכט, אין וועלכער די אַסיריער זיינען געבליבען די זיגער. איבער 14,000 טויטע פון די דערמאָהנטע פער־אייניגטע פעלקער האָבען בעדעקט דאָס שלאַכט־פעלד. דער אַסירישער קעניג האָט נאָך דיזען זיג ניט געקענט אַנגעהן וויטער מיט דער מלחמה, ווייל עס זיינען אין מיטען דערינען אויסגעבראָכען אונרוהען אין זיין אייגענעם לאַנד און ער האָט געמוזט שנעל ציהען צוריק. ער האָט זיך בענוגענט מיט דעם, וואָס ער האָט אַרויפגעלעגט אויף די געשלאָגענע פיינד אַ טריבוט (מס). שלמנאסר האָט צו עהרע פון דיזען זיג געלאָזען אויפשטעלען אַן אָבעליסק (אַ הויכע מצבה), וועלכע איז פערבליבען ביז יעצט. מיר גיבען דאָ וויטער צייכנונגען פון צוויי זייטען פון דיזען אָבעליסק. איין זייט וויזט, ווי יהוא ליגט אויף דער ערד פאַר דעם אַסירישען קעניג; די צווייטע זייט שטעלט פאָר מענער פון ישראל, וועלכע ברייננגען טריבוט (מס). די דאָזיגע אינ־שריפטען זיינען אַ וויכטיגע בעשטעטיגונג פון דער ביבלישער געשיכטע פון די אידען.

אין דער צייט, וואָס יהואחז דער זוהן פון יהוא. האָט געהערשט אין ישראל (814—798 פ. קר.), איז די מלכות עשרת השבטים זעהר אָפּגע־שוואַכט געוואָרען. יהואחז האָט געהאַט אַ זעהר קליינע אַרמעע, צוליב די אונאויפהערליכע מלחמות מיט ארם. די ביבעל דערצעהלט, דאָס גאָט האָט געשיקט די אידען אַ רעטער, וועלכער האָט זיי אויסגעהאָלפען פון דעם דרוק פון ארם. אָבער קיין איינצעלהייטען דערצעהלט זי ניט. דאָס דערצעהלט אונז אַן אַסירישער מאָנומענט פון יענער צייט. דער דאָזיגער מאָנומענט דערצעהלט, אַז דער סירישער קעניג יודד־ניראַרי (812—783) האָט ערהאַלטען טריבוט פון דעם לאַנד עמרי (דאָס מיינט דאָס לאַנד ישראל). וואַהרשיינליך האָט דיזער טריבוט בעשיצט דאָס לאַנד ישראל אין דער צייט פון יהואחז פון דעם דרוק פון דעם לאַנד ארם, וועלכעס דער אַסירישער קעניג האָט בעזיגט אין אַ שטרייט, און האָט געצוואונגען דעם אַראַמעאישען קעניג חזאל צו פערשליסען זיך אין דמשק.

די רעגירונג פון יהואש דעם זוהן פון יהואחז (798—782 פ. קר.) איז געווען גליקליכער פיר דאָס לאַנד. ער האָט אין אַ מלחמה מיט די אַראַ־



אינשריפט אויף דעם אָבעליסק פון קעניג שלמנאסר.
(אין דער אויבערסטער רייהע: יהוא פון ישראַל פּאַר'ן מלך אַשור.)



אינשריפט איף דעם אָבעליסק פון קעניג שלמנאסר.
(אין דער אויבערסטער רייהע: אידען וועלכע ברוינגען טריבוט.)

מעער זיי בעזיגט און צוריקגענומען פון זיי איינינגע שטעדט. אין זיין צייט איז ווידער געוואָרען א שנאה צווישען יהודה און ישראל, ווי מיר וועלען עס ווייטער דערצעהלען. די פּראָפּאגאנדע פון די צוויי נביאים, אליהו און אלישע, האט געהאט דעם רעזולטאט, דאָס עס איז ווידער איינגעפיהרט געוואָרען ביים גרעסטען טייל פון פאָלק דער נאציאָנאלער געטליכער דינסט, און דער איינפלוס פון פעניציען איז אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען.

דער יונגער קעניג פון יהודה, יהואש, האט זיך געפונען די ערסטע צייט אונטער דעם איינפלוס פון די כהנים. ער האט זיך גענומען רעפארירען איי־ניגע טיילען פון בית המקדש, וועלכע זיינען פון אלטקייט געוואָרען צו־שוואך. צו דיזען צוועק האט ער געהייסען זאמלען פון פאָלק נדבות. אין זיין צייט האט חזאל געוואָלט מאכען א אָנפאל אויף יהודה, אָבער יהואש האט איהם געגעבען א גרויסע סומע גאָלד און זילבער פון די אוצרות פון בית המקדש, און יענער האט צוריקגעטרעטען פון ירושלים. נאָך דעם טויט פון כהן גדול יהוידע איז יהואש איבערגעגאַנגען אויף די זייט פון דער וועלטליכער פּאַרטיי, וועלכע איז ניט געווען צופרידען מיט דער שטרענגער פאָלקס־רעליגיאָן. זכריה, דער זוהן פון כהן גדול יהוידע, האט געמאַכט דעם קעניג ביטערע פּאָרווירפען, און דיזער האט געהייסען ערמאָרדען זכריה׳ן אין בית המקדש. דאָס האט שרעקליך אויפגערייצט דאָס פאָלק געגען איהם און צוויי פון זיינע הויף־לייט האָבען איהם ערמאָרדעט אין זיין שלאָפ־צימער (808).

זיין נאָכפאָלגער אמציה (808—792 פ. קר.) האט זיך געוואָלט אויסצייכנען מיט נצחונות אין מלחמות און האט זיך גענומען אונטערוואַרפען צוריק אונטער זיין יאָך די אדומים, וועלכע זיינען געוואָרען זעלבשטענדיג אין דער צייט פון דער רעגירונג פון יהורם. איהם איז ווירקליך געלונגען צו ברייגנען זיי איבער־א־נייס אונטער דעם יאָך פון יהודה. דאָס האט איהם געגעבען מוט ארויסצוגעהן אין שטרייט מיט יהואש מלך ישראל, אָבער דאָ האט ער געכאַפּט א מפּלה. ער זעלבסט איז געפאַנגען געוואָרען און די אַרמעע פון יהואש האט אָנגעהויבען צו באָמבאַרדירען די פעסטונגען פון ירושלים. די איינוואוינער פון דער בעלאַגערטער ירושלים האָבען איהם געגעבען א גרויסע סומע גאָלד פון די אוצרות פון בית המקדש און יהואש האט אמציה׳ן בּפריים און האט צוריקגעטרעטען פון ירושלים. דאָס פאָלק איז געוואָרען שטאַרק אויפגערייצט אויף אמציה׳ן פיר די ליידען, וואָס ער האט זיי פער־שאַפט, און מען האט איהם ערמאָרדעט.

די לאַנג־יעהריגע רעגירונג פון אמציה׳ס זוהן עוזיה אָדער עזריה (792—754 פ. קר.) האט פערשאַפט דעם לאַנד גרויסע נצחונות איבער די

בענאַכבאַרטע פעלקער און פיעל רייכטום אין לאַנד. דאָס ערסטע, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען צו בויען פיעלע פעסטונגען אויף די גרענצען פון לאַנד און צו פערגרעסערן און פערשטאַרקען די אַרמעע. נאָכדעם האָט ער פערפיהרט אַ שטרייט מיט די אדומים און האָט זיי איבער־אַ־ניים אונטעריאָכט. נאָך די אדומים האָט ער שטאַרק צוקלאַפּט די פּלשתים און האָט פון זיי אָפּגענומען איינינגע שטעדט, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען די שטאָדט אשדוד. ער האָט צוריקגעבראַכט אונטער דער הערשאַפט פון יהודה די שטאָדט אילת, וועלכע איז געשטאַנען ביים ברעג פון ים סוף, און האָט דורך דעם בענייט דעם מסחר מיט אינדיען און אַראַביען, וועלכער איז אָפּגעהאַקט געוואָרען נאָך יהושפט'ס טויט. דאָס לאַנד איז דערפון געוואָרען שטאַרק רייך און דאָס פאָלק האָט געפיהרט אַ גליקליכעס לעבען.

אָבער עס האָבען זיך אין זיין צייט אויך געטראָפען גרויסע אונגליקען. אַ גרויסע ערד־ציטערנים האָט רואינירט שטעדט מיט מענשען, און היישעריקען און טריקענים האָבען אָנגעמאַכט גרויסע חורבנות אין דאָרפישען לעבען. אין דער צווייטער העלפט פון עוזיה'ס רעגירונג האָט זיך געמאַכט אַ צוזאַמענשטויס צווישען איהם און די כהנים. איהם האָט זיך פערוואָלט צו רויכערן זיין קטורת אין בית המקדש. די כהנים האָבען איהם ניט דערלאָזען. ער האָט אָבער ניט געוואָלט צוריקטרעטען פון זיין בעשלוס. אַ זאַגע דערצעהלט, דאָס ער איז אויף'ן אָרט געוואָרען אויסזעציג (מצורע) און האָט געמוזט אַרויס פון טעמפּעל און פערברייינגען זייעג לעצטע יאָהרען פערשלאָסען און אָפּגעזונדערט פון מענשען, און זיין זוהן יותם האָט געפיהרט די מלוכה (754—739 פ. קר.). יותם האָט פאָרטגעזעצט די פּאָליטיק פון זיין פאָטער. ער האָט בעפעסטיגט ירושלים און האָט אונטערגעוואָרפען די אדומים. אָבער צו ענדע פון זיינע יאָהרען האָט יהודה צוזאַמען מיט אַסיריען אָנגעהויבען צו ליידען שטאַרק פון די אָנפאַלען פון דעם אַסירישען קעניג תגלת־פלאסר דעם 3טען (745 פ. קר.).

דאָס רייך פון די עשרת השבטים איז געוואָרען זעהר מעכטיג אין דער צייט פון דער רעגירונג פון דעם פערטען קעניג פון דער דינאַסטיע יהוא, ירבעם דעם 2טען (782—745 פ. קר.). דיזער מעכטיגער קעניג האָט געשטריטען מיט די אַראַמעער און האָט געהאַט איבער זיי גרויסע נצחונות. ער האָט אָפּגענומען צוריק די שטאָדט, וואָס זיי האָבען אין פריהערדיגע צייטען צוגענומען פון די אירען, און די מלוכה פון ישראל איז געוואָרען אין זיין צייט זעהר גרויס — פון לבנון ביז דעם ים המלח. דער האַנדעל איז געווען אין אַ זעהר בליהענדען צושטאַנד און צווישען די רייכע

עמוס.

נאך דארע.

אין פאָלק האָט זיך ענטוויקעלט אַן אונגעוועהנליכער לוקסוס. ווי געוועהנ־ליך האָט זיך צוזאַמען מיט'ן רייכטום פערברייטעט אָרימקייט אין דער אונטערער קלאַס פון פאָלק, וועלכע די רייכע האָבען שרעקליך עקספּלואַטירט און גרויזאַם בעהאַנדעלט. די רעגירונג מיט די ריכטער זיינען געווען אויף דער זייט פון די רייכע און דאָס פאָלק האָט געליטען. ניט בעסער איז עס געווען מיט דעם צושטאַנד פון דער רעליגיאָן. דער הויפּט־טעמפּעל (מקדש מלך) איז געווען אין בית־אל; די גייסטליכע האָבען געפיהרט אַ זעהר פער־דאָרבענעם לעבען און האָבען געגעבען דעם פאָלק אַ שלעכטען ביישפּיל. עס האָבען זיך געפונען אין פיעלע ערטער טעמפּלען פיר דעם בעל און עשתרות מיט זייער העסליכען און שמוציגען קולט.

געגען דיזען טרויעריגען צושטאַנד פון פאָלק איז אַרויס דער **נביא עמוס**. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָדט תקוע אין לאַנד יהודה און האָט זיך בעשעפטיגט מיט פיה־צוכט. ער איז אָבער אַוועק פון זיין לאַנד נאָך בית־אל און האָט דאָרט אָנגעהויבען צו האַלטען פייערדיגע רעדעס געגען דעם פערדאָרבענעם לעבען אין ישראל. ער האָט מיט זיינע רעדעס געפייערט געגען דער רעגירונג, געגען די גייסטליכע און איבערהויפּט געגען די פערדאָרבענע פון די רייכע קלאַסען. דער כהן גדול פון בית־אל, אמציה, האָט פון איהם געפאָדערט, אַז ער זאָל פערלאָזען דאָס לאַנד ישראל און זאָל האַלטען זיינע רעדעס אין לאַנד יהודה. עמוס האָט איהם געענטפערט, דאָס ער איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער נביא, ער איז ניט געווען פאָרבערייטעט פיר נביאות, אָבער ווען דער געטליכער רוף פאָדערט פון איהם צו זאָגען מענ־שען אָפען זייערע פערדאָרבענהייטען, קען ער זיך דערפון ניט ענטזאָגען. עמוס איז געווען פון די ערסטע נביאים, וועלכע האָבען אָנגעהויבען מיט זייער פּראָפעטישער רעדע־קראַפט צו פיהרען דאָס פאָלק אויף אַ וועג פון הויכער מאָראַל. הגם דאָס לאַנד יהודה האָט אויך געליטען פון צולאָזענקייט, אָבער דאָרט איז עס ניט געקומען צו אַזאַ שטופע ווי אין לאַנד ישראל, און דערוי־בער האָבען די ערסטע נביאים אָנגעווענדט זייער טעטיגקייט מעהר אין ישראל איידער אין יהודה.

ט. דער אונטערגאַנג פון דעם קעניגרייך ישראל. (745—720 פ קר.)

ירבעם דער 2טער האָט לאַנג געהערשט אין לאַנד ישראל. אין דער צייט פון זיין הערשאַפט האָט דאָס לאַנד ישראל געהאַט רוה און האָט גע־בליהט. אָבער נאָך זיין טויט (745 פ. קר.) האָבען זיך אָנגעהויבען אין לאַנד גרויסע אונרוהען. זיין זוהן זכריה האָט רעגירט ניט מעהר ווי אַ האַלב

יאָהר. איינער שלום (שאַלום), וואהרשיינליך א מיליטערישער בעאמטער, האָט איהם ערמאָרדעט און האָט פערכאַפּט דעם טראָן. אזוי האָט אויך די דינאַסטיע יהוא געענדיגט טראַגיש איהר עקסיסטענץ נאָך 100 יאָהר, זינט איהר ערסטער גרינדער איז געוואָרען הערשער. אָבער אויך דער נייער דיק-טאַטאָר האָט ניט לאַנג עקסיסטירט. געגען איהם האָט געמאַכט אַן אויפ-שטאַנד איינער מ נ ח ם ב ן ג ד י (גאַדי) פון תרצה און ער איז געוואָרען קעניג. מנחם האָט געהאַט געגנער און עס האָט געהאַלטען, אז עס זאָל אויס-ברעכען א בירגער־קריג. אָבער אין יענער צייט איז אשור ארויס צו בע-הערשען גאַנץ אַזיען און האָט אָנגעפאַנגען פון מערב־אַזיען. דער שיקזאַל פון אַלע פעלקער אין יענע לענדער איז דאַן געלעגען ניט אין זייערי אייגענע הענט, נאָר אין די הענט פון אשור. נאָך דעם, ווי אשור האָט בעזיגט בבל און פרס, האָט זי זיך גענומען צו די קליינע קעניגרייכען אין מערב־אַזיען אום צו מאַכען זיך א וועג צו מצרים. נאָך דעם ערסטען זיג פון תגלת־פלאַסר דעם 3טען איבער ארם האָבען פיעלע פון די קעניגען פון מערב־אַזיען זיך דערשראָקען פאַר דער גרויסער און שטאַרקער מאַכט פון אשור און זיינען געוואָרען איהרע וואַסאַלען און האָבען איהר געצאָהלט טריבוט. צווישען די קעניגען, וואָס האָבען געבראַכט טריבוט, איז אויך געווען מנחם, דער קעניג פון ישראל — אזוי ווערט דערצעהלט אין די פּלאַטען פון אשור גע-שריבען אין קייל־שריפט, וואָס די פאָרשער האָבען אין די נייערע צייטען גע-פונען ארום נינוה. מנחם האָט געגעבען צום קעניג פון אשור אַן אונגעהייערע סומע זילבער, אז ער זאָל צורוה לאָזען דאָס לאַנד ישראל און זאָל איהם העל-פען זיך בעפעסטיגען אויף׳ן טראָן און בעשיצען איהם פון זיינע געגנער. אום צו קענען שאַפען די גרויסע סומע האָט מנחם ארויפגעלעגט אויף יעדען בירגער אַן אָפּצאָהל פון 50 שקל זילבער, און אזוי האָט ער צוזאַמענגעזא-מעלט 1,000 ככר (טאַלענטען) זילבער און האָט עס געגעבען צו תגלת־פלאַסר׳ן אַלס אויסקויף־געלט.

מנחם האָט רעגירט אין ישראל 10 יאָהר און איז געשטאָרבען אין יאָהר 736 פ. קר. זיין זוהן פ ק ח י ה האָט נאָר רעגירט 2 יאָהר און איז ערמאָרדעט געוואָרען אין א פערזאַמלונג, אין וועלכער דער הויפּט־אָנפיהרער איז געווען פ ק ח ב ן ר מ ל י ה ו, וועלכער האָט פערכאַפּט דעם טראָן. פקח און זיין פאַרטיי האָבען בעשלאָסען צו שאַפען א בונד פון פיעלע פעל-קער אום צו ברעכען די מאַכט פון אשור און בעפרייען זיך פון איהר יאָך. ער האָט געשלאָסען א בונד מיט ארם און האָט געוואָלט אריינציהען אין דיזען בונד אויך אַנדערע לענדער, צווישען וועלכע ער האָט אויך גערעכענט יהודה

און מצרים. אין יענער צייט איז געווען דער נביא ה ו ש ע , וועלכער האָט שוין אין דער צייט פון ירבעם דעם 2טען פאָרויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון לאַנד ישראל. ער האָט פאָרויסגעזאָגט דעם ביטערען סוף פון לאַנד, זעהענדיג די אונאָרדנונג וואָס הערשט דאָרט, און די נאַרישע פּאָליטיק, וואָס די קעניגען פיהרען מיט זייער וואַרפען זיך אויף אַלע זייטען: זיי שליסען אַ בונד מיט אשור און אין דער זעלבער צייט מאַכען זיי שטילערהייט פערבינדונגען מיט מצרים. ער איז אויך געווען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף די פערדאָרבענע זיטען פון פאָלק, אויף זייער רעליגיאָנס-דינסט, וועלכער איז געווען עהנליך צו דעם געטליכען דינסט פון בעל. דאָס אידישע פאָלק האָט ער בעטראַכט אַלס אַ ווייב, וואָס איז אונטריי איהר מאַן, וועלכער פערשאַפט איהר אַ גליקליכעס לעבען און זי זוכט פרעמדע מענער. ער ראַט דעם אידישען פאָלק צוריקקעהרען זיך צו גאָט און ניט דערלאָזען די קאַטאַסטראָפע, וועלכע איז אונפערמיידליך, ווען דאָס פאָלק וועט פאָרטזעצען צו פיהרען זיין פערדאָרבענעס לעבען.

אָבער די רעדעס פון דעם נביא הושע האָבען ניט געווירקט אויף די פיהרער פון פאָלק ישראל. פקח האָט געשלאָסען אַ בונד מיט רצין, דעם קעניג פון ארם, און האָט אויך געוואָלט צוציהען צום בונד דאָס לאַנד יהודה. דאַמאָלס האָט געהערשט אין יהודה דער קעניג א ח ז , דער זוהן פון יותם. אחז האָט ניט געוואָלט צושטעהן צום בונד און האָט בעשלאָסען צו ווערען בעסער אַ וואַסאַל פון אשור. די צוויי פערבינדעטע קעניגען, רצין און פקח, האָבען בעשלאָסען אַרונטערצוזעצען אחז'ן פון זיין טראָן און אַרויפזעצען איינעם פון זייער פּאַרטיי מיט'ן נאָמען בן-טבאל. דאָס האָט שטאַרק איינגעשראָקען אחז'ן און פיעלע אַנדערע אין ירושלים. דערצו האָבען די אדומים געמאַכט אַ בונט געגען אחז'ן און האָבען צוריקגענומען די פּאָרט-שטאָדט אילת, וועלכע איז געשטאַנען ביים ברעג פון ים סוף און איז געווען דער הויפּט-פּונקט פון דעם אויסלענדישען האַנדעל פון יהודה. אום אַרויסצודרעהען זיך פון דיזען טרויעריגען צושטאַנד האָט ער געשיקט שלוחים צום קעניג תגלת-פלאסר מיט רייכע מתנות און האָט זיך אונטערוואָרפען אונטער זיין הערשאַפט און געבעטען הילף געגען ארם און ישראל. דעם קעניג פון אשור איז געווען געפעלען די אונטערוואָרפיגקייט פון אחז'ן, און ער האָט באַלד אונטערגענומען אַ פעלד-צוג געגען די צוויי פערבינדעטע, רצין און פקח. דאָס האָט געצוואונגען דיזע צוויי הערשער אויפצוגעבען זייער פּלאַן וועגען אַ שטרייט מיט יהודה און זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייערע לענדער אום צו בעשיצען זיך געגען תגלת-פלאסר'ן. אָבער עס איז שוין געווען צו

שפּעט. ער האָט בעזיגט ארם און ערמאָרדעט רצין'ען, און א גרויסען טייל פון די צעהן שבטים האָט ער פּערטריבען אין די וויטע פּראָווינצען פון אשור (739 פ. קר.). דאָס אידישע פאָלק איז געווען זעהר אויפגעבראַכט אויף פּקח'ן, ווייל צוליב זיין אויפשטאַנד האָט ער אויף זיי געבראַכט אַ גרויסען אונגליק. מיט דער אונצופרידענהייט פון פאָלק האָט זיך בענוצט הושע בן אלה. ער האָט ערמאָרדעט פקח'ן און מיט דער הילף פון אשור איז ער געוואָרען קעניג איבער דעם רעסט פון די צעהן שבטים. צוזעהענדיג דעם שיקזאַל פון די צעהן שבטים האָט אחז בעשלאָסען אונטערצוווארפען זיך פרייוויליג אונטער דעם יאָך פון אשור. ער איז פּערזענליך אַוועק נאָך דמשק, וואו תגלת־פּלאסר איז דאַמאָלס געזעסען, און האָט איהם איבערגעגעבען מתנות און האָט זיך ערקלערט אַלס זיין וואסאַל. אין דמשק האָט ער בעמערקט דעם געטליכען דינסט פון די אסיריער. איהם איז זעהר געפעלען געוואָרען דער מזבח פון זייער טעמפּעל. ער האָט געשיקט אַ מאָדעל צום כהן גדול, אַז ער זאָל לאָזען מאַכען אַזאַ מזבח פיר דעם בית המקדש אין ירושלים. די פּאָליטיק פון אחז'ן האָט געראַטעוועט דאָס קעניגרייך יהודה, אַז עס זאָל ניט זיין אונטערוואָרפען דעם זעלבען שיקזאַל ווי שומרון (מלכות ישראל). אין דיזען צושטאַנד איז אחז געשטאָרבען און זיין זוהן חזקיה איז אַרויף אויף'ן טראָן (724 פ. קר.).

דער פאַל פון שומרון. אין דער צייט פון תגלת־פּלאסר איז דאָס לאַנד פון די עשרת השבטים געווען רוהיג אונטער דעם יאָך פון אשור. אָבער באַלד נאָך זיין טויט (727), ווען שלמנאסר דער 4טער איז אַרויף אויף'ן אסירישען טראָן, האָבען פיעלע פון די קליינע קעניגרייכען פון וועסט־אַזיען געשלאָסען אַ בונד מיט'ן צוועק אָראָפּצוואַרפען פון זיך דעם שווערען יאָך פון אשור. הושע בן אלה איז אויך געווען צווישען די פּערבינדעטע. אָבער דאָס האָט געפיהרט צום שטורץ פון שומרון. שלמנאסר איז געקומען צו שומרון מיט אַ גרויסער אַרמעע און האָט בעלאַגערט די שטאָדט. 3 יאָהר האָט זיך שומרון געהאַלטען ביז זי איז ענדליך געפאַלען. הושע בן אלה איז אין יענער צייט שוין געווען איינגעשלאָסען אין געפענגנים. ווען שומרון איז געפאַלען איז שוין שלמנאסר ניט געווען ביים לעבען און סרגון איז געווען דער קעניג פון אשור (721 פ. קר.). נאָך דעם, ווי שומרון איז געפאַלען, האָט סרגון פּערטריבען די אידען אין די וויטע לענדער פון אשור, און אין שומרון האָט ער געבראַכט אַנדערע פעלקער פון זיינע אַזיאַטישע לענדער, און אַזוי האָט ער אויף אימער פּערניכטעט דאָס לאַנד פון די צעהן שבטים. אַזוי קורץ ווערט דיזער וויכטיגער פאַקט דערצעהלט אין דער בי-

בעל. די אסירישע געשיכטע־שרייבער דערצעהלען וועגען דיזען פאקט מעהר אויספיהרליך. זיי דערצעהלען, דאס נאך דעם פאל פון שומרון האט סרגון איבערגעלאזען אין לאנד א שטאטהאלטער און האט ארויפגעלעגט א קאנטרי-בוציע אויף די איבערגעבליבענע אין לאנד. אבער מיט א יאהר שפעטער האט ער ענטדעקט א פערשווערונג געגען איהם. די אידען האבען זיך פער-אייניגט אין א בונד מיט אנדערע קליינע פעלקער אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם אראמעאישען קעניג אילובידי. דער סוף פון דיזען אויפשטאנד איז געווען, דאס די איבערגעבליבענע אידען זיינען אויך פערטריבען געווארען פון זייער לאנד אין די ווייטע לענדער פון אשור און דארט האבען זיי זיך אסימילירט מיט אנדערע פעלקער און פון זיי איז ניט געבליבען קיין זכר.

אנשטאט די ארויסגעטריבענע אידען פון מלכות ישראל האט סרגון בע-זעצט דאס לאנד מיט אנדערע פעלקער פון אשור, בבל, כותא און אנדערע. דיזע האבען זיך אסימילירט מיט די אידען, וואס זיינען פערבליבען אין זייער לאנד. זיי האבען איינע פון די אנדערע איבערגענומען זיטען און מנהגים, אויך רעליגיעזע בעגריפען, און פון זיי איז מיט דער צייט אויסגעוואקסען א נייעס פאלק, וועלכעס איז בעוואוסט אונטער'ן נאמען שומרונים (סא-מאריטאנער), ווייל זיי זיינען געווארען בירגער פון דעם לאנד, וואס האט גע-טראגען דעם נאמען שומרון. עס איז דא א גרונט צו רעכנען, דאס א גרויסער טייל פון דעם נארדליכען קעניגרייך, מלכות עשרת השבטים, האט עמיגרירט נאך יהודה און האט זיך פעראייניגט מיט די אידען פון יענעם לאנד; דאס האט מיט א מאל פערגרעסערט און פערשטארקט דאס אידישע פאלק און האט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו עקסיסטירען נאך 150 יאהר אלס א זעלבשטענדיגעס פאלק, און נאכהער אלס אידישע נאציאן. די נארדליכע אידישע מלוכה, אדער מלכות עשרת השבטים, האט עקסיסטירט אן ערך 200 יאהר.

אין יענער צייט איז געווען דער גרעסטער אידישער נביא **ישעיה.** ער האט געהערט, ווי עס שיינט, צו דער העכסטער אידישער אריסטאקראטיע און האט געהאט א גרויסען צוטרעט צום קעניגליכען הויף. ער איז געווען א גרויסער חכם, א גרויסער פאעט, און א טיכטיגער פאליטיקער. ער איז געווען שטארק געגען דער פאליטיק פון אחז'ן, וועלכער האט געזוכט שוץ געגען די קעניגען רצין און פקח ביי תגלת־פלאסר, דעם קעניג פון אשור. ישעיה האט גוט פערשטאנען די וועלט־פאליטיק פון יענער צייט און האט פארויסגעזעהען, דאס דיזע צוויי קעניגען, וועלכע זיינען ארויס געגען דעם מעכטיגען תגלת־פלאסר, וועלען גיך האבען א מפלה, און אחז האט גארניט

ישעיה הנביא.

נאך דארע.

וואָס מורא צו האָבען פאַר זיי. ער האָט דעריבער בערוהיגט אחז'ן, אַז ער זאָל ניט אונטערנעהמען קיין זאַך און קוקען אויף די פּאָליטישע ענדערונגען, וואָס די געטליכע פּאָרזעהונג וועט אַרויסברייננגען פון דיזע שטירמישע בע-וועגונגען פון די פעלקער. דער שטאַרקער וועט איינשלינגען דעם שוואַכען, און וועט זיך מיט איהם דערוועגען. גאַנץ וועט בלייבען נאָר דער, וועמען עס וועט שטעהן פון ווייטען. ער האָט געראַטען אחז'ן, אַז ער זאָל פאַר אשור'ן אויך ניט מורא האָבען. „אשור", האָט ישעיה געזאָגט, „איז נאָר אַ שטעקען אין גאָט'ס האַנט, צו פערניכטען די פערדאָרבענע פעלקער, אָבער זיין סוף וועט אויך זיין אַזוי טרויעריג, ווי עס איז געוועזען דער סוף פון אַלע, וואָס האָבען געשטרעבט איינצושלינגען די וועלט". אחז האָט אָבער זיין ראַט ניט אָנגענומען און האָט זיך גע'חנפ'עט צו אשור, האָט נאָכגעמאַכט די פאָרמע פון געטליכען דינסט פון די אשורים, מיט זייערע זיטען און מנהגים. די מאָראַל אין יהודה איז געוואָרען שטאַרק פערדאָרבען, דער געצען-דינסט איז געוואָרען אָנגענומען איבעראַל, דאָס פאָלק האָט זיך איבערגעגעבען צו לוק-סוס, צום פרעסען און זויפען, די פרויען האָבען זיך געפּוצט מיט אַלערליי צירונגען, די ריכטער זיינען געוואָרען כאַבאַרניקעס, קיין גערעכטיגקייט און געזעצליכקייט האָט אין פאָלק ניט עקסיסטירט. ישעיה איז אַרויס מיט פייערדיגע רעדעס געגען דעם פערדאָרבענעם צושטאַנד פון פאָלק, אַ צו-שטאַנד, וועלכער האָט געמוזט פיהרען צו דער פערניכטונג פון יהודה, ווי דער זעלבער האָט געפיהרט צו דער פערניכטונג פון מלכות ישראל. צום גליק פון יהודה איז נאָך אחז'ן אַרויף אויף'ן טראָן פון יהודה דער קעניג ח ז ק י ה, דער זוהן פון אחז. דיזער קעניג חזקיה האָט געגעבען דעם נביא ישעיה גוטע האָפנונגען פיר דאָס לאַנד יהודה. ישעיה איז געוואָרען דער בעסטער ראַט-געבער פון דיזען בעריהמטען קעניג, און דיזע צוויי גרויסע פערזענליכקייטען פון אידישען פאָלק האָבען איינגעפיהרט אין לאַנד זעהר וויכטיגע רעפאָרמעס, וועלכע האָבען פערשאַפט דעם פאָלק די מעגליכקייט צו עקסיסטירען 150 יאָהר נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער קעניגרייך ישראל.

י. דאָס קעניגרייך יהודה אונטער דער הערשאַפט פון אשור און בבל.

(720—586 פ. קר.)

די צייט, ווען חזקיה איז אַרויף אויף'ן טראָן, איז געווען זעהר אַן אונ-רוהיגע. די מלכות שומרון איז אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען פון דער מעכטיגער האַנט פון אשור. אויך יהודה איז געווען אונטער'ן שווערען יאָך פון אשור. אָבער זי האָט נאָך עקסיסטירט אַלס די „שארית ישראל", דער

איבערבלייב פון אידישען פאָלק, אויף וועלכען די נביאים האָבען געלעגט זייער גאַנצע האָפנונג. די רעליגיעזע מענשען פון יענער צייט האָבען אין דעם געזעהען די געטליכע השגחה, וואָס ירושלים, די הייליגע שטאָדט, מיט דער קליינער מלוכה יהודה זיינען געבליבען אונבעשעדיגט פון דעם גרויסען מעכטיגען האמער, פון אשור, וועלכער האָט צוריבען אויף אַש גאַנצע שטאַרקע קעניגרייכען. די דינאַסטיע דוד איז פערהייליגט געוואָרען אין די אויגען פון פאָלק, וועלכעס האָט געלעגט גרויסע האָפנונגען אויף דעם יונגען קעניג חזקיה.

חזקיה, ווי עס שיינט, איז ערצויגען געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון די נביאים, און דעריבער איז זיין רעגירונג געווען זעהר פערשיידען פון דער רעגירונג פון זיין פאָטער אחז. ער איז געווען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צו די שטרעבונגען פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, און איז געווען שטאַרק געגען דער אַסירישער פּאַרטיי מיט איהר נייגונג צום אויסלענדישען גלאַנץ און קולט. די הויפּט אויפגאַבע פון זיין רעגירונג איז געווען צו הערשטעלען אין ירושלים דעם געטליכען דינסט אין דעם גייסט פון די נביאים, און בעפרייען דאָס פאָלק פון דעם יאָך פון אשור. איהם איז ווירקליך געלונגען אויסצוראָטען דאָס לאַנד פון געצען-דינסט. ער האָט פערניכטעט אַלעס, וואָס האָט פערפיהרט דאָס פאָלק צום אבערגלויבען, צווישען אַנדערעס האָט ער אויך פערניכטעט די קופּערנע שלאַנג, וואָס משה האָט געמאַכט אין מדבר, און וועלכע דאָס פאָלק האָט פערהייליגט; ער האָט פערוועהרט די היימישע במות, וואו יעדער רייכער מאַן האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם מזבח און האָט מקריב געווען קרבנות צו וועלכען גאָט איהם האָט זיך געוואָלט. ער האָט אַנגעווענדט אַלע מיטלען צוציהען צו יהודה דעם רעסט פון די עשרת השבטים, וועלכע ער פלעגט איינלאַדען אויף אידישע ימים טובים צו קומען אין ירושלים און פייערן צוזאַמען די הייליגע היסטאָרישע טעג.

פיעל האָבען איהם געהאָלפען אין זיינע אונטערנעהמונגען די נביאים און איבערהויפּט דער גרויסער נביא ישעיה, וועלכער איז געווען זיין הויפּט ראַטגעבער אין זיינע רעליגיעזע רעפאָרמעס און אין זיינע פּאָליטישע שטרעבונגען. חזקיה האָט אָבער געהאַט פיעלע געגנער אין דער פּאַרטיי, וועלכע איז געווען אונצופרידען מיט דעם שטרענגען רעליגיעזען און מאָראַלישען לעבען אין גייסט פון די נביאים; זיי האָט געצויגען צום פרייליכען לעבען אונטער דעם איינפלוס פון דעם היידנישען קולט, צו וועלכען זיי זיינען געווען געוועהנט פון די צייטען פון אחז. דיזע אַנטי-נאַציאָנאַלע פּאַרטיי האָט איהם

פיעל געשטערט אין זיינע רעליגיעזע רעפאָרמעס און איז איהם אויך געשטאַ-נען אין וועג אין זיינע פּאָליטישע שטרעבונגען. אָן דער שפּיץ פון דיזער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער מיניסטער פון קעניגליכען הויף ש ב נ א. גע-גען איהם איז ישעיה ארויס מיט זיינע פייערדיגע רעדעס און האָט געבראַכט דערצו, דאָס ער, שבנא, איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון זיין אמט, וועל-כעס עס האָט פערנומען אַן עכטער נאַציאָנאַליסט א ל י ק י ם ב ן ח ל ק י ה ו.

פינף און צוואַנציג יאָהר האָט יהודה געליטען פון דעם יאָך פון אשור. דער פאַל פון שומרון האָט אָבער אַלעמען אַזוי שטאַרק אָנגעשראָקען, דאָס קיינעם איז אויף די געדאַנקען ניט ארויף צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען דיזער שטאַרקער מאַכט. מיט דער צייט אָבער איז דער שרעק פאַר אשור געוואָרען שוואַכער און די אונצופרידענהייט מיט דעם יאָך פון אשור איז שטאַרקער געוואָרען. עס האָט זיך אין יהודה געבילדעט אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט אַגיטירט צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען אשור. צו יענער צייט האָבען די פּלשתים פון אשדוד געמאַכט אַ בונד מיט איניגע קליינע קעניגרייכען פון מערב-אזיען אום אַרויסצוטרעטען געגען אשור. דערביי האָבען זיי גע-רעכענט, דאָס עגיפּטען וועט זיי העלפען. דאָס האָט צוגעגעבען דער קריגס-פּאַרטיי אין יהודה מוט צו אַגיטירען, אַז יהודה זאָל צושטעהן צום בונד גע-גען אשור. אָבער דער נביא ישעיה איז געווען שטאַרק געגען דעם. עס האָט זיך אויסגעלאָזען, דאָס דער נביא האָט בעסער פערשטאַנען דעם פּאָליטישען צושטאַנד. אשדוד איז געפאַלען און עגיפּטען איז געשטאַנען פון דער וויי-טען און האָט די פערבינדעטע קיין הילף ניט געגעבען.

ארום יענער צייט איז סרגון ערמאָרדעט געוואָרען און בבל האָט בע-שלאָסען צו בעפרייען זיך פון דעם יאָך פון אשור און ווערען זעלבשטענדיג. מ ר ו ד ך ב ל א ד ן, דער קעניג פון בבל, האָט געמאַכט אַ בונד מיט די קליינע מלוכות פון סיריען און פּאַלעסטינאַ און האָט געשיקט אַ געזאַנדט-שאַפט אויך צו חזקיה'ן, אַז ער זאָל זיך בעטייליגען אין דעם אויפשטאַנד געגען אשור. חזקיה'ן איז דער פאָרשלאַג געפעלען געוואָרען, און ער האָט זיך ענטזאַגט צו זיין מעהר אַ וואַסאַל פון אשור. דערווייל איז דער נאָכ-פאָלגער פון סרגון, ס נ ח ר י ב, געווען בעשעפטיגט מיט איינשטילען דעם אויפשטאַנד פון בבל ביי זיך אין לאַנד. חזקיה האָט געשלאָסען אַ בונד מיט מצרים, וועלכע האָט איהם פערשפּראָכען הילף געגען אשור. חזקיה האָט אויך געשלאָסען אַ בונד מיט צידון און צור (פעניציען) און אייניגע אַנדערע קליינע מלוכות. ער איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דיזען פער-



לעהמענער צילינדער פון סנחריב מלך אשור.
(אין דער אינשריפט ווערט בעריכטעט ווי סנחריב האט בעלאגערט חזקיהו
מלך יהודה אין ירושלים.)

באנד. איינער פון די הערשער אין עקרון, מיט'ן נאָמען פאדי, האָט ניט געוואָלט צושטעהן צום בונד, האָבען איהם די אַריסטאָקראַטען איבערגעגעבען צו חזקיה'ן, און דיזער האָט איהם אַריינגעוואָרפען אין געפענגנים. דיזע איינצעלהייטען לעזען מיר אויף דעם לעהמענעם צילינדער פון סנחריב, וועל־כען די אַסיראָלאָגען האָבען געפונען.

נאָך דעם, ווי סנחריב איז פערטיג געוואָרען מיט בבל, איז ער אַרויס אין אַ פעלד־צוג געגען מצרים. די עיגפּטער זיינען אַרויס געגען איהם. ביי דער שטאָדט אלתקה איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס, און די עגיפּטער האָבען געהאַט אַ מפּלה. נאָכדעם האָט סנחריב בעזיגט אויך צור און צידון. די פלשתים האָבען זיך באַלד אונטערגעגעבען. דאַן האָט זיך סנחריב גענומען צו יהודה. ער האָט אין אַ קורצער צייט איינגענומען כמעט אַלע פעסטונגען אין יהודה און איז שוין געווען ניט ווייט פון ירושלים. חזקיה האָט אָנגע־הויבען ציטערן פאַר'ן רעזולטאַט און האָט געשיקט צו סנחריב'ן אַ גרויסע סומע גאָלד און זילבער (30 ככר גאָלד און 3,000 ככר זילבער) און האָט איהם פערשפּראָכען זיין אונטערטעניגקייט. מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם געפינען זיך אויף דעם דערמאָהנטען צילינדער פון סנחריב'ן.

סנחריב האָט געלאָזען צורוה יהודה. חזקיה האָט אָנגעהויבען שטאַרקער בעפעסטיגען ירושלים, ער זאָל זיך קענען פערטיידיגען אין פאַל, ווען אשור וועט ווידער וועלען בעפאַלען יהודה. סנחריב האָט עס אָנגענומען אַלס אַ בעוויז, דאָס חזקיה דענקט וועגען אַ נייעם אויפשטאַנד. ער האָט געשיקט אַ געזאַנדטשאַפט צו חזקיה'ן מיט דער פאָדערונג, אַז ער זאָל זיך אין גאַנצען אונטערוואַרפען אונטער איהם. דער שר המשקים פון סנחריב'ן, ר ב ש ק ה, האָט געהאַלטען פאַר'ן פאָלק אַ זעהר בעליידיגענדע רעדע, אין וועלכער ער האָט שטאַרק אָנגעגריפען דעם קעניג חזקיה און איבערהויפּט גאָט, וועלכען אידען עהרען און גלויבען אין איהם. חזקיה איז געוואָרען זעהר ענטמוטיגט. ער האָט זיך געווענדעט צום נביא ישעיה פרעגען זיין עצה. דיזער נביא, וועל־כער איז פריהער געווען געגען אַ בונד מיט אַנדערע פעלקער געגען אשור, האָט געראַטען חזקיה'ן צו פערטיידיגען זיך מיט אַלע מיטלען געגען דעם בי־טערסטען שונא פון פאָלק, וועלכער האָט געפאָדערט, דאָס די אידען זאָלען פערלאָזען זייער הייליגעם לאַנד און זיך בעזעצען אין אַן אַנדער לאַנד, וועל־כעם ער וועט זיי געבען אין איינער פון זיינע ווייטע פּראָווינצען. דערביי האָט ער איהם געזאָגט נביאות, דאָס סנחריב וועט האָבען אַ מפּלה. באַלד האָט סנחריב דערהערט, דאָס תרהקה, דער קעניג פון כוש, איז אַרויס געגען איהם מיט אַ גרויסער אַרמעע. סנחריב האָט געמוזט אָפּטרעטען פון ירושלים

און געהן געגען עגיפטען. אבער אין א גאנץ קורצער צייט האט מען דער-הערט, אז עס האט אויסגעבראכען אין דער אסירישער ארמעע א שרעקליכע מגפה און אין איין נאכט זיינען צושטארבען 185,000 מאן. אין עגיפטען האט מען דערצעהלט, דאס אן אונגעהייערע מאסע מייז האבען פערניכטעט די אמוניציע פון דער אסירישער ארמעע. סנחריב האט זיך געמוזט צוריק-קעהרען אין זיין לאנד, וואו עס האט דערווייל אויסגעבראכען געגען איהם אן אויפשטאנד פון די באבילאניער, און יהודה איז גערעטעט געווארען, ווי ישעיה האט פארויסגעזאגט. דיזע יישועה האט פערשטארקט דעם רעליגיע-זען גייסט פון אידישען פאלק און האט געהייבען דעם מוט פון דער נאציא-נאלער פארטיי. די שטעדט, וואס סנהריב האט חרוב געמאכט, זיינען אין א קורצער צייט צוריק אויפגעבויט געווארען, און דאס פאלק האט אנגעהויבען צו געניסען די רוה, וועלכע האט איהם אזוי לאנג געפעהלט.

דער גרויסער נביא ישעיה איז געווען די רעכטע האנט פון קעניג חזקיה און האט איהם בעגייסטערט מיט זיינע אידעאלען. ישעיה האט געקוקט מיט גרויס פעראכטונג אויף די פיזישע מאכט פון א פאלק, וועלכעס האט געמאכט זיין אויפגאבע צו פערניכטען פעלקער, וואס זיינען שוואכער פון איהם, ווי וועלף פערניכטען די שוואכע שאף. די פרינציפען פון א פאלק דארפען לויט איהם זיין גערעכטיגקייט און גלייכהייט; דער אידעאל פון אן עכטען גאט-געפעליגען קעניג דארף זיין אפצושאפען דעם אונטערשייד פון קלאסען, עס זאלען ניט זיין קיין שטארקע און קיין שוואכע. קיינער זאל ניט וועלען און ניט קענען טאן שלעכטס איינער דעם אנדערען (לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי). מלחמות זאלען אין גאנצען אפגעשאפט ווערען, די געוועהר זאלען פערוואנדעלט ווערען אין ניצליכע אינסטרומענטען פיר פעלד-ארבייט און ווייגגערטנער. אהן צווייפעל איז דאמאלס געווען א גאנצע פארטיי, וואס האט געשטרעבט צו פערווירקליכען די אידעאלען פון דיזען גרויסען נביא. אין דעם זעלבען גייסט האט אין יענער צייט פראפעצייהעט דער נביא מיכה המרשתי (פון מרשה). ער האט געברויכט אין אייניגע שטעלען פון זיינע נבואות די זעלבע אויסדרוקען, וואס ישעיה האט געברויכט.

לײדער האט דאס פאלק ניט גענוג פערשטאנען די גרויסקייט און וויכ-טיגקייט פון דיזע הייליגע אידעאלען. ווען חזקיה איז געשטארבען (690 פ. קר.) האט ער איבערגעלאזען א זעהר יונגען זוהן, מ נ ש ה, וועלכער איז אריינגעפאלען צו ערציהער, וואס זיינען געווען פון אחז'עס צייטען מיט די שטרעבונגען פון יענע צייטען — נאכצוטאן די אויסלענדישע פעלקער און פעראכטען די נאציאנאלע אידישע אידעאלען. אין דיזער אטמאספערע איז

מנשה ערצויגען געוואָרען און איז אויסגעוואקסען א שרעקליכער רעאקציאָ-
נער צו אַלע רעפאָרמעם פון חזקיה׳ן.

אין אשור איז דערווייל סנחריב געשטאָרבען און זיין זוהן א ס ר - ח ד ו ן איז אַרויף אויף׳ן טראָן. דיזער האָט ווייעדער אונטערגענומען א פעלד־צוג געגען עגיפּטען, און איהם איז געלונגען איינצונעהמען א גרויסען טייל פון עגיפּטען און האָט דאָרט בעפעסטיגט די אַסירישע מאכט. דיזער אומשטאנד האָט אָפּגעשוואכט ביים אידישען פאָלק דעם גלויבען אין דער מאכט פון אידישען גאָט. מנשה׳ן איז ניט שווער געווען צוריקצופיהרען דאָס פאָלק צום היידנישען קולט פון דער צייט פון זיין זיידען אחז. ער האָט ווידער ערלויבט יעדען צו בויען אין אייגענעם טעמפּעל מיט א במה (א פאמיליען־מזבח) און דאָרט איינפיהרען א רעליגיאָנס־דינסט נאָך זיין וואונש. דאָס לאנד איז באלד געוואָרען פול מיט אַלערליי סאָרטען געצען־דינסט, מיט אויסגעלאַסענע פּריסטערינס, מיט כשוף־מאכערס, זאָגאר מיט מענשען־אָפּפער צום אָפּגאָט מולך.

די נאציאָנאַלע פּארטיי מיט די נביאים אין דער שפּיץ זיינען שרעקליך פערפאָלגט געוואָרען. ישעיה האָט שוין דאמאָלס ניט געלעבט. א זאגע דערצעהלט, דאָס מנשה האָט איהם ערמאָרדעט. צום אונגליק פון דעם לאנד יהודה האָט מנשה געהערשט א זעהר לאנגע צייט, כמעט א האלבען יאָהר-הונדערט. נאָך מנשה׳ס טויט (640 פ. קר.) איז זיין זוהן א מ ו ן געוואָרען קעניג, אָבער ער איז ניט געווען בעסער פון זיין פאָטער. דיזער איז ערמאָרדעט געוואָרען פון זיינע אייגענע דינער אין 2טען יאָהר פון זיין רע-גירונג. זיין זוהן י א ש י ה ו, וועלכער איז דאמאָלס געווען אַלט 8 יאָהר, איז געווען זיין טראָן־פאָלגער (638—608 פ. קר.).

אין די ערסטע 10 יאָהר פון יאשיהו׳ס רעגירונג זיינען די פירסטען פון יהודה געווען די רעגירער אין נאָמען פון יונגען קעניג. דאמאָלס איז פאָר-געקומען א גאנצע איבערקעהרעניס אין דער פּאָליטיק פון אָריענט. די עגיפּ-טער האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון אשור. אין מעסאָפּאָטאמיען (ארם נהרים) זיינען אייניגע פון די פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטער-וואָרפען אונטער אשור, געוואָרען אונאָפּהענגיג, און פון זיר־אָסט אייראָפּא האָבען זיך פערשפּרייט די ווילדע סקיטהען און האָבען חרוב געמאכט גאנצע לענדער, וואָס האָבען געהערט צו אשור. אויך פּאַלעסטינאַ און פעניציען האָבען שטארק געליטען פון די האלב־ווילדע סקיטהען.

דער נביא פון יענער צייט, צ פ נ י ה, האָט געזעהען אין דיזען וויל-דען אָנפאַל פון די סקיטהען א גרויסע און זעהר וויכטיגע וועלט־איבערקעה-

רענים. ער האָט אין דעם געזעהען דעם אונטערגאַנג פון אשור און איהר הויפּטשטאָדט נינוה. ער האָט אָבער אויך פאָרויסגעזעהען מעהר שלעכטע צייטען פיר יהודה, ווען גאָט וועט מיט זיין מעכטיגער האַנט פערניכטען דעם געצענדינסט אין יהודה. דיזע נבואה איז באַלד פערווירקליכט געוואָרען. די קעניגליכע פאַמיליע האָט זיך זעלבסט גענומען אויסרייניגען ירושלים פון די געצענדינערישע קולטען. די שוואַכקייט פון אשור איז געוואָרען קלאָר פיר יעדען, און דאָס האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס אין דעם רע-ליגיעזען גייסט פון פאָלק אין ירושלים. דער גלויבען אין דער מאַכט פון פרעמדע געטער האָט ביי זיי אויפגעהערט. זיי האָבען זיך אַ קעהר געטאָן צוריק צום נאַציאָנאַלען גאָט, צום גאָט פון זייערע עלטערן. די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי מיט די נביאים האָבען געקראָגען די איבערמאַכט. אָן דער שפּיץ פון די נביאים פון יענער צייט איז געשטאַנען דער בעריהמטער נביא ירמיהו, פון די כהנים, וואָס האָבען געוואוינט אין דער שטאָדט ענתות, ניט וזייט פון ירושלים. ירמיהו האָט אָנגעהויבען צו זאָגען זיינע נביאות אין דעם 13טען יאָהר פון דער רעגירונג פון קעניג יאשיהו. ער איז נאָך דאַמאָלס געווען זעהר יונג און האָט נאָך ניט געהאַט דעם מוט, וואָס אַ נביא דאַרף האָבען אין זיין אַרויסטרעטען געגען די פערדאָרבענהייטען פון קעניגען און גרויסע אַריסטאָקראַטען, אָבער ביסלאַכוועיז איז זיין מוט געוואַקסען און ער איז געוואָרען איינער פון די גרעסטע אידישע נביאים. זיין שפּראַך איז פול מיט טרויער און טרערען. זיינע ערסטע נבואות זיינען געזאָגט געוואָ-רען וועגען די סקיטהען און דעם חורבן, וואָס זיי וועלען אָנמאַכען אין דעם לאַנד יהודה. אונטער דעם איינפלוס פון די נביאים און זייער פּאַרטיי, ווי אויך פון פּאָליטישע אומשטענדען, האָט זיך אָנגעהויבען אין ירושלים אַ בע-וועגונג צו פערווירקליכען די נאַציאָנאַלע אידעאַלען און די נאַציאָנאַלע רע-ליגיאָן ווי זי איז געווען אין חזקיה׳ס צייטען. ערנסט האָט מען זיך גענומען צו דיזער אַרבייט ווען יאשיהו איז אַלט געוואָרען 18 יאָהר. דער יונגער קעניג האָט שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דיזער בעוועגונג. די ערסטע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען, צו רעפּאַרירען דעם בית המקדש, איבער-הויפּט די יעניגע טיילען פון איהם, וועלכע זיינען געוואָרען צו אַלט. ביים רעפּאַרירען האָט מען אין איין צימער פון טעמפּעל געפונען אַ ספר, אין וועל-כען עס זיינען געווען פערשריבען פערשיידענע געזעצען און לעהרעס. דיזען ספר האָט מען פאָרגעלעזען פאַר דעם יונגען קעניג, און דאָס לעזען האָט אויף איהם געמאַכט אַ טיפען איינדרוק.

מען רעכענט, דאָס דער דאָזיגער ספר, וואָס מען האָט געפונען אין בית המקדש, איז געוועזן דער ספר דברים, אָדער „משנה תורה", אין וועלכען עס געפינען זיך וואַרנונגען צום אידישען פאָלק אין דער פאָרמע פון רעדעס, וואָס משה רבנו האָט גערעדט פאַר זיין טויט. דאָרט געפינען זיך אויך פאָרויסזאָגונגען, וואָס עס וועט טרעפען מיט'ן פאָלק, ווען עס וועט זיך איבערגעבען צו געצען־דינערייי און וועט איינפיהרען ביי זיך אין לאַנד פרעמדע קולטען מיט צויבערייי און אנדערע אבערגלויבישע נאַרישקייטען. אַלערליי קראַנקהייטען, הונגער, שווערד און איבערהויפט גלות וועלען זיין די רעזול־טאַטען פון דער שלעכטער אויפפיהרונג פון פאָלק אין נאָכטאָן פרעמדע פעל־קער. דיזער ספר איז פול מיט פאָדערונגען פון דער פערמיעגליכער קלאַס צו שטיצען מיט אַלעם מעגליכען די אָרימע און בעדירפטיגע, איבערהויפט א יתום, אן אלמנה און א פרעמדען (א גר); ניט דריקען א בעל חוב, ווען ער איז ניט אין שטאַנד צו בעצאָהלען וואָס ער איז שולדיג; פון די ריכטער ווערט דערין געפאָדערט צו בעהאַנדלען יעדען און אַלעמען גלייך, ניט צו מאַכען קיין אונטערשייד אין געזעץ צווישען א בירגער און א פרעמדען, מען זאָל גוט און מיט יושר בעהאַנדלען אַרבייטער, ניט פערציהען זייער לוין זאָגאַר פון היינט אויף מאָרגען, און נאָך א גאַנצע רייהע פון סאָציאַלע געזעצען, וועלכע זיינען געצילט צו פערגרינגערן דאָס לעבען פון דער בעדירפטי־גער קלאַס. אין דיזען ספר „משנה תורה" ווערט קלאָר ערקלערט, דאָס די אידישע נאַציאָן איז ערוועהלט געוואָרען פון גאָט צו זיין אַלס זיין בעסטע נאַציאָן, ווייל די אידען זיינען מעהר פון אַלע אנדערע פעלקער גענייגט פון דער נאַטור און פון זייער אָפשטאַמונג צו האַנדלען אין דער געזעלשאַפט לויט דיזע פאָרשריפטען.

אויסהערענדיג די ערהאַבענע רעדעס פון דעם גרויסען אידישען לעהרער, פון משה רבנו, איז יאשיהו געוואָרען זעהר טרויעריג. ער האָט איינגעזעהען, ווי ווייט דאָס פאָלק האָט זיך דערווייטערט פון דיזער הייליגער לעהרע און פון איהרע פאָדערונגען. ער האָט יעצט פערשטאַנען, דאָס דער פאַל פון שומרון און די שוואַכקייט פון יהודה זיינען פאָלגען פון דער שלעכטער אויפ־פיהרונג פון אידישען פאָלק, און ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, דאָס אויך יהודה וועט ענדליך אַזוי געשטראָפט ווערען ווי שומרון, און די גאַנצע תוכחה מיט אַלע איהרע קללות וועלען אויף טרעפען יהודה, ווי זיי האָבען געטראָפען די מלוכה פון די עשרת השבטים. ער האָט געשיקט צו דער נביאה חולדה פרעגען, אויב מען זאָל ווירקליך ערוואַרטען, דאָס דער סוף פון יהודה וועט זיין ניט בעסער פון שומרון. די נביאה האָט געענטפערט, דאָס דער אורטייל

פון לאַנד יהודה איז שוין לאַנג בעשטימט פון גאָט, נאַר ווייל יאשיהו איז אַ גאָטס־פאַרכטיגער קעניג וועט דער אונגליק ניט טרעפען דעם פאָלק אין זיינע צייטען. יאשיהו האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט. ער האָט צוזאַמענגערופען די עלטסטע פון פאָלק, האָט זיי פאָרגעלעזען דעם ספר, וואָס מען האָט געפונען אין בית המקדש, און האָט זיי פאָרגעשלאָגען צו פאַסען אַ בעשלוס, אַז מען זאָל פון היינט אָן און ווייטער אָפּהיטען אַלע געזעצען און פאָרשריפּ־טען פון תורת משה. דאָס פאָלק האָט איינגעשטימט, און מיט אַלגעמיינע קרעפטען האָט מען זיך גענומען אויסראָמען אין לאַנד דעם געצען־דינסט, דעם כשוף און אַלע אַנדערע אַבערגלויבישע מנהגים. ער האָט זאָגאַר אין בית־אל, אַ שטאָדט, וואָס האָט געהערט צו דער מלוכה פון די עשרת השבטים, פערניכטעט דעם קולט פון גאָלדענעם קאַלב, וואָס ירבעם בן נבט האָט דאָרט איינגעפיהרט. דיזע רעפאָרמע פון יאשיהו'ן איז געווען די ערסטע, וועלכע האָט אַלס יסוד פון דער פאָלקס־רעגירונג אָנגענומען תורת משה אין דעם גייסט פון די נביאים. די תורה איז פון דאַמאָלס אָן געוואָרען די נאָרמע פון אידישען נאַציאָנאַלען לעבען, אַ קאָנסטיטוציאָן פיר דאָס פאָלק.

אין יאָהר 626 פ. קר. איז געשטאָרבען דער לעצטער שטאַרקער קעניג פון אשור אסורדאניפאַל, און תוּן דאַמאָלס אָן האָט די אסירישע מאַכט אָנגע־הויבען ווערען שוואַך. עס זיינען אָפּגעפאַלען פון אשור'ס הערשאַפט פער־שיידענע פראָווינצען. מדי און בבל זיינען געוואָרען זעלבשטענדיג. מיט דיזער שוואַכקייט האָט זיך בענוצט דער קעניג פון יהודה און האָט פערכאַפּט איינינגע פון די שטעדט פון שומרון, וועלכע זיינען געווען אונטער דער הער־שאַפט פון אשור, און האָט דאָרט איינגעפיהרט דעם ריינעם אידישען קולט, ווי אין ירושלים. מען האָט אין יהודה אָנגעהויבען האָפען צוריקצושטעלען די אידישע אימפעריע, ווי זי איז געווען אין דוד'ס צייטען. יאשיהו וואָלט עס ווירקליך דורכגעפיהרט, ווען מצרים וואָלט איהם ניט געשטערט דעריין.

עגיפּטען האָט צוריק אָנגעהויבען ווערען מעכטיג אין דער צייט פון קע־ניג פסאַמעטיך. אונטער זיין זוהן, פרעה נ כ ה (594—609 פ. קר.), האָט זי בעשלאָסען צו בענוצען זיך מיט דער שוואַכקייט פון אשור און צוריק ווע־רען די הערשערין פון סיריען, וועלכע אשור האָט פון איהר אָפּגענומען. יאשיהו האָט אָבער מורא געהאַט, דאָס ווען עגיפּטען וועט בעהערשען סיריען, וועט זי נאָכהער וועלען אויך יהודה אונטערוואַרפען אונטער איהר יאָך. דע־ריבער איז ער אַרויס אין שטרייט מיט עגיפּטען. ביי דעם טאָל מ ג ד ו, נעבען די בערג פון כרמל, איז פאָרגעקומען אַ שטרייט צווישען די אַרמעען פון מצרים און יהודה. דער שטרייט האָט געהאַט זעהר שלעכטע פאָלגען

פיר יהודה: איהר ארמעע איז געשלאָגען געוואָרען און איהר בעליבטער קעניג יאשיהו איז פערוואונדעט געוואָרען און איז געשטאָרבען. מען האָט איהם געבראכט אין ירושלים, און דאָס פאָלק האָט איהם יאָמערליך בעוויינט. מען גלויבט, דאָס ירמיהו הנביא האָט אויף זיין טויט פערפאַסט דעם פערטען קאפּיטעל פון „איכה".

יאשיהו האָט געלאָזען נאָך זיך דריי זיהן: אליקים, שלום (שאַלום) און מתניה. דאָס פאָלק מיט די נביאים האָבען ערוועהלט שלום׳ען אַלס קעניג און מען האָט איהם געגעבען אַ נאָמען יהואחז. נכה, דער קעניג פון עגיפּטען, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע מאַכט אין יהודה, איז ניט געווען צופרידען מיט יהואחז׳ן; ער האָט איהם גענומען גע־פאַנגען און אַוועקגעשיקט אין עגיפּטען און האָט בעשטימט אַלס קעניג יאשיהו׳ס עלטערען זוהן אליקים, וועלכער האָט אַלס קעניג געקראָגען דעם נאָמען יהויקים (607 פ. קר.). נכה האָט אַרויפגעלעגט אויף יהודה אַ שווערע קאָנטריבוציע און יהויקים האָט געמוזט געברויכען זעהר שטרענגע מיטלען איינצוזאַמלען די גרויסע סומע פון פאָלק און צושטעלען זי צום עגיפּטישען קעניג.

יא. דער קאמף מיט בבל און דער פאל פון יהודה. (607—586 פ. קר.)

דער פאַל פון יהודה ביי מגדו האָט געמאַכט אַ זעהר שלעכטען איינ־דרוק. דאָס פאָלק האָט זיך נאַר־וואָס בעפרייט פון דעם יאָך פון אשור בדרך נס, און עס האָט געגלויבט, דאָס גאָט בעשיצט זיי יעצט, ווייל זיי האָבען זיך ענטזאָגט פון געצען־דינסט און האָבע זיך צוריקגעקעהרט צו איהם, און יעצט זיינען זיי אונטערגעפאַלען אונטער דעם יאָך פון עגיפּטען. יהויקים איז דע־ריבער צוגעשטאַנען צו דער אַנטי־נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, און האָט ווידער ערלויבט יעדען אין לאַנד צו האָבען זיין אייגענעם אַלטאַר מיט אַ קליינעם טעמפּעל (במה), וואו ער האָט געדינט וועלכען גאָט ער האָט געוואָלט און עס איז איהם געווען בעקוועם. יהויקים האָט זיך איבערגעגעבען צו אַ פּרעה־ליכען לוקסוס־לעבען גלייך מיט די הערשער פון אַנדערע פעלקער און האָט אָנגעהויבען צו בויען פיר זיך רייכע פּאַלאַצען.

געגען דיזער אַרט לעבען פון קעניג און פון דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי זיינען אַרויס די נביאים מיט ירמיהו אָן דער שפּיץ. זיי האָבען גע־מאַכט ביטערע פאָרווירפען דעם קעניג און זיין פּאַרטיי און האָבען נביאות געזאָגט גרויסע אונגליקען דעם פאָלק און דעם לאַנד. די רעגירונג האָט אָנ־געהויבען צו פערפאָלגען די נביאים. איינער פון זיי, אוריה, איז הינ־

געריכטעט געוואָרען לויט דעם בעפעהל פון יהויקים'ען. זעהר פיעל האָט געליטען אין יענער צייט דער נביא ירמיהו, וועלכער איז פריהער, אין דער צייט פון יאשיהו, געווען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צו דער רעגי-רונג, אָבער יעצט, אין דער צייט פון יהויקים'ס רעגירונג, איז ער געוואָרען דער שטאַרקסטער געגנער פון קעניג און זיין פּאַרטיי. ער האָט אין אַ רעדע געמאַכט אַ שאַרפע אַטאַקע אויף דעם קעניג, האָט איהם פאָרויסגעזאָגט אַ ביטערען און שענדליכען סוף, דאָס מען וועט איהם בעגראָבען ווי אַן עזעל פיר זיין שלעכטע רעגירונג און איבערהויפּט פיר זיין שלעכט בעהאַנדלען די אָרימע קלאַס פון פאָלק. ירמיהו האָט אויך ניט געשאַנעוועט דאָס פאָלק פיר זיין שלעכטע אויפפיהרונג, און מעהר פון אַלעמען האָט ער געשטראָפט און געטאַדעלט די בעאַמטע פיר זייער שלעכטע בעהאַנדלונג פון דעם פאָלק. ער האָט זעהר שטאַרק אָנגעגריפען די פאַלשע נביאים, וועלכע האָבען געהאָל-פען דער רייכער קלאַס פון פאָלק פיהרען זייער אויסגעלאַסענעם לעבען און דריקען די אָרימע, און האָבען נבואות געזאָגט, דאָס דעם פאָלק שטעהט ניט פאָר קיין שטראָף פיר זיין אויפפיהרונג. פיר דיזע פייערדיגע רעדעס פון נביא ירמיהו האָבען די כהנים און די פאַלשע נביאים איין מאָל איהם איבער-געגעבען צום משפט און זיי האָבען געפאָדערט, אז מען זאָל איהם פערורטיילען צום טויט אַלס פעררעטער פון פאָלק. אָבער די זקנים, שופטים, האָ-בען געזאָגט, דאָס די נביאים ביים אידישען פאָלק האָבען זיך שטענדיג בע-נוצט מיט דער פרייהייט צו זאָגען אין נאָמען פון גאָט אַלעס, וואָס זיי פער-שטעהען און זעהען ברוח הנבואה, און קיינמאָל האָט מען זיי ניט בעשטראָפט פיר זייערע שלעכטע נבואות אויף דאָס פאָלק און דאָס לאַנד. אַזוי איז דעם מאָל ירמיהו גערעטעט געוואָרען פון טויט.

אין די ערסטע יאָהרען פון יהויקים'ס רעגירונג איז געוואָרען אַ גרויסע ענדערונג אין דער פּאָליטיק פון אשור. מדי און בבל האָבען דריי יאָהר בע-לאַגערט די הויפּטשטאָדט פון אשור, נינוה, און האָבען זי ענדליך געגנומען (606 פ. קר.). דיזער פאַל פון נינוה איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרען דורך דעם נביא נחום. דאָס הארץ פון דיזען נביא איז געווען פול מיט פרייד, ווען עס איז געקומען די מפּלה פון אשור, און איז געוואָרען פול מיט האָפ-נונג, דאָס יהודה'ן שטעהט יעצט פאָר אַ רוהיגע צייט. אָבער ליידער איז דיזע האָפנונג ניט מקוים געוואָרען. אַ נייער וואָלקען האָט באַלד פער-פינסטערט דעם הימעל פון יהודה.

באַלד ווי בבל האָט בעזיגט אשור האָט אויסגעבראָכען אַ מלחמה צווישען בבל און עגיפּטען צוליב סיריען, אין וועלכער די עגיפּטער האָבען דאמאָלס

געהערשט. נעבען כרכמיש איז פארגעקומען א שלאכט צווישען דיזע צוויי מעכטען און בבל האט מנצח געווען פרעה נכה. דער קעניג פון בבל איז דא־מאלס געווען נבוכדנאצר (604 פ. קר.).

מיט דעם פאל פון מצרים איז סיריען געבליבען אונטער דער הערשאפט פון בבל. צוזאמען מיט סיריען איז אויך יהודה געווארען א וואסאל (אונטער־טעניגער שטאאט) פון בבל. אין ירושלים האט זיך דאמאלס געגרינדעט א פארטיי, וואס האט געפאדערט קריג מיט בבל אום צו בלייבען אונאפהענגיג. דיזע פארטיי האט גערעכענט אויף די הילף פון עגיפטען. די נביאים אבער מיט ירמיהו'ן אן דער שפיץ, זיינען געווען געגען דיזער פארטיי. זיי, די נביאים, האבען בעטראכט אזעלכע וויכטיגע ענדערונגען אין דער וועלט־פא־ליטיק אלס פאסירונגען בעשטימט פון דער געטליכער השגחה, וועלכע פיה־רען צו געוויסע צוועקען, וויכטיגע פיר די גאנצע מענשהייט. אזא געשע־הענים, ווי דאס ארויפשטייגען אויף דער ביהנע פון דער וועלט־געשיכטע פון א געוויסער מאכט, איז ניט צופעליג, נאר איז א בעשטימונג פון דער העכסטער געטליכער השגחה. דיזע נייע מאכט איז ניט מעהר ווי א בלינ־דער אינסטרומענט אין דער האנט פון גאט, און יעדער ווידערשטאנד געגען אזעלכע ענדערונגען איז א ווידערשטאנד געגען דעם ווילען פון גאט. דאס וויכטיגסטע ביי די נביאים איז געווען דער גייסטיגער און מאראלישער צו־שטאנד פון אידישען פאלק, צו ענטוויקלען די אידישע זעלבשטענדיגע קול־טור, אהן א שום צומישונג פון פרעמדע קולטורען. זיין א וואסאל צו אן אנדער מאכט און צאהלען א געוויסען יעהרליכען טריבוט, ווען יענע מאכט האט זיך ניט געמישט אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון פאלק, איז פיר די נביאים ניט געווען קיין גרויסער אונגליק. דאגעגען האבען זיי גע־זעהען דעם אונטערגאנג פון דעם לאנד יהודה און פון דעם אידישען פאלק, ווען דאס פאלק וועט ארויס אין שטרייט מיט אזא מאכט ווי בבל, וועלכע בעהערשט יעצט די שיקזאלען פון אלע פעלקער אין מערב־אזיען. זיי הא־בען געזעהען, דאס אין פאל פון ווידערשטאנד וועט יהודה פאלען פון דער האנט פון בבל, ווי שומרון איז געפאלען פון דער האנט פון אשור.

דערווייל האט נבוכדנצר פארטגעזעצט זיין פעלד־צוג אויף ירושלים. דאס אידישע פאלק האט בעשטימט א תענית און א פערזאמלונג אין בית המקדש. ירמיהו האט געהייסען זיין תלמיד ברוך בן נריה אויפ־שרייבען אלע נבואות, וואס ער האט געזאגט „ ,“ דעם פערלויף פון 23 יאהר זינט דעם קעניג יאשיהו ביז דער לעצטער צייט, און זיי פארלעזען אין טעמ־פעל אום צו איבערצייגען דאס פאלק, אז זיינע ערסטע נבואות זיינען ווירק־

ברוך שרייבט ירמיהו'ס נבואה.

נאך דארע.

ליך מקוים געוואָרען, און דעריבער וועט דאָס פאָלק גלויבען, דאָס אויך זיינע לעצטע נבואות וועגען די אידישע בעציהונגען צו בבל וועלען אויך מקוים ווערען. ברוך האָט געטאָן ווי ירמיהו האָט איהם געהייסען. דיזע פאָרלעזונג האָט געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג אויף'ן געמיט פון פאָלק. ווען יהויקים האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער געשיקט רופען ברוך'ן צו זיך, אום ער זאָל איהם פאָרלעזען די געשריבענע נבואות פון ירמיהו. אויסהערענדיג די פאָרגעלעזענע נבואות האָט ער זיי פערברענט, און דערמיט געצייגט דעם פאָלק, אַז ער גלויבט ניט אין זיי. יהויקים האָט געהייסען אַרעסטירען ירמיהו'ן מיט זיין תלמיד ברוך, אָבער זייערע אָנהענגער האָבען זיי בעהאַלטען אין אַ זיכערען אָרט. דאָך, ווען נבוכדנצר איז געווען ניט ווייט פון ירושלים, האָט זיך יהויקים אונטערגעוואָרפען אונטער זיין מאַכט (602 פ. קר.) און האָט איהם דריי יאָהר געצאָהלט טריבוט. דערווייל האָט זיך געמאַכט אַן אויפשטאַנד פון אַנדערע פעלקער געגען נבוכדנצר'ן און יהויקים האָט גערעכענט, דאָס יעצט איז אַ גינסטיגער מאָמענט צו בעפרייען זיך פון נבוכדנצער'ס יאָך און האָט איהם אויפגעהערט צאָהלען דעם טריבוט. נבוכדנאַצר איז דערווייל געווען בעשעפטיגט מיט זיינע מלחמות געגען מצרים און צור (פעניציען), און האָט אָפּגעלעגט זיך אָפּרעכנען מיט יהויקים'ען נאָך דעם, ווי ער וועט פערטיג ווערען מיט דיזע לענדער. דערווייל איז יהויקים געשטאָרבען און זיין 18-יעהריגער זוהן יויכין אָדער יכניה איז אַרויף אויף'ן טראָן (597 פ. קר.). די רעגירונג האָט דערווייל געפיהרט זיין מוטער נחושתא, וועלכע האָט זיך געהאַלטען אָן דער פאָליטיק פון איהר מאַן יהויקים. ווי נאָר נבוכדנאַצר איז פערטיג געוואָרען מיט עגיפּטען און צור איז ער געקומען נאָך ירושלים. יויכין מיט זיין מוטער האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, זיי זיינען אַרויס צו איהם און האָבען זיך אונטערגעגעבען אונטער זיין יאָך. אָבער נבוכדנאַצר האָט זיי געהייסען אָוועקפיהרען אַלס געפאַנגענע נאָך בבל און דאָרט האָט ער יויכין'ען אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס. צוזאַמען מיט איהם האָט ער פערשיקט אין בבל אויף 10,000 מאַן פון די אַריסטאָקראַטען, בעאַמטע און געוועהר-מייסטערס, ער האָט צוגענומען פיעל רייכטום פון יהודה און פון טעמפעל, האָט בעשטימט אַלס קעניג פון יהודה יהויכין'ס אָנקעל מתניה, וועלכען ער האָט געגעבען אַ נייעם נאָמען צדקיהו. דיזער צדקיהו האָט געגעבען נבוכדנאַצר'ן אַ שבועה, דאָס ער וועט בלייבען זיין טרייער אונטערטאַן אויף אימער. יויכין'ס רעגירונג האָט געדויערט ניט מעהר פון דריי חדשים.

דער גלות פון יהויכין און דער אריסטאקראטיע איז געווען פיר דאס פאלק א סארט שטארקע אדער־לאזונג. אבער דאס האט ניט געהאלפען צו בערוהיגען די גייסטער. אין געגענטייל, דער האס צו בבל און צו נבוכדנאצר'ס יאך איז געווארען שטארקער. די שנאה און שפאלטונג צווישען די צוויי פארטייען אין ירושלים — דער פארטיי פון קריג און דער פארטיי פון פריי־דען — איז געווארען שטארקער און גרעסער. צדקיהו איז געווען א מענש מיט א שוואכען כאראקטער. ער האט זיך געווארפען אויף ביידע זייטען: אמאל איז ער געווען אויף דער זייט פון איין פארטיי און אן אנדער מאל אויף דער זייט פון דער אנדערער פארטיי. אין יאהר 593 פ. קר. זיינען אנגעקו־מען צו צדקיהו'ן געזאנדטשאפטען פון די נאהענטע פעלקער און האבען פון איהם פערלאנגט, אז ער זאל צושטעהן צו זייער בונד און מאכען צוזאמען אן אויפשטאנד געגען בבל. ירמיהו איז געקומען צו א פערזאמלונג נעבען בית המקדש מיט קייטען אויף'ן האלז און א הילצערנעם יאך און האט גע־זאגט דער פערזאמלונג, דאס אזעלכע קייטען און אזא יאך וועט נבוכדנאצר ארויפלעגען אויף אלע פעלקער, וועלכע וועלען מאכען אן אויפשטאנד געגען איהם. איז אבער ארויס אן אנדער נביא, א נביא פון דער קריגערישער פארטיי, חנניה בן עזור, און האט צובראכען דעם יאך, וואס ירמיהו האט געהאט אויף'ן האלז, צו ווייזען, אז נבוכדנאצר'ס יאך וועט אין גיכען צובראכען ווערען, אבער ירמיהו האט דער־ויף געענטפערט: „דו האסט צובראכען א הילצערנעם יאך, אבער אנשטאט דעם וועט נבוכדנאצר ארויפ־לעגען אויף די פעלקער אן אייזערנעם". ירמיהו'ס ווערטער האבען געווירקט אויף'ן פאלק און מען איז צוגאנגען אהן א רעזאלוציאן פיר מלחמה.

אבער דאס פאלק האט זיך בערוהיגט ניט אויף לאנג. פיעל האבען אויפגערייצט די געמיטער אין ירושלים זייערע ברידער, וואס זיינען פערטרי־בען געווארען אין בבל און האבען זיי ערמונטערט צו אן אויפשטאנד אום צו בעפרייען זיך פון דעם פערהאסטען באבילאנישען יאך. ירמיהו האט זיי גע־שריבען א בריף און האט זיי געראטען איבערטראגען רוהיג דעם גלות, וועל־כער מוז געדויערן זיבעציג יאהר; אבער דער בריף האט זיי נאך מעהר אויפ־גערייצט, זיי האבען בעטראכט ירמיהו'ן אלס א פיינד פון פאלק און א פריינד פון בבל. מען האט געשריבען פון בבל אין ירושלים, מען זאל דארט בעשטראפען ירמיהו'ן. די שפאלטונג צווישען די צוויי פארטייען איז גע־ווארען גרעסער און ענדליך האט די קריגס־פארטיי געוואונען דאס פאלק אויף איהר זייט. דאס פאלק האט בעשלאסען צו בעפרייען זיך פון בבל אדער אין גאנצען אונטערגעהן.

אין יאָהר 588 פ. קר. איז עגיפּטען אַרויס אין אַ פעלד־צוג געגען נבוכדנאצר'ן. אויף אַנדערע סירישע קליינע קעניגרייכען האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען בבל. דער עגיפּטישער קעניג פּרעה חפרע (אַפּריס) האָט צוגעזאָגט צדקיהו'ן העלפען אין פאַל ער וועט מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען בבל. צדקיהו האָט בעשלאָסען אויף קריג. אַכט יאָהר האָט ער גע־צאָהלט טריבוט צו נבוכדנאצר'ן און אויף'ן ניינטען יאָהר האָט ער מעהר ניט געשיקט קיין טריבוט. נבוכדנאצר איז געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט, ווען ער האָט דערהערט, דאָס אין יהודה איז ווידער אַן אויפשטאַנד. ער האָט באַלד געשיקט פון רבלה, דער הויפּט־קוואַרטיר, אַ גרויסע אַרמעע מיט דעם אויפטראַג צו פערוויסטען דאָס לאַנד און פערניכטען די רעבעלישע איינ־וואוינער.

דעם 10טען טאָג אין חודש טבת (עשרה בטבת) האָט נבוכדנאצר בע־לאַגערט ירושלים און האָט געמאַכט אַרום איהר אַ וואַל. די איינוואוינער פון ירושלים האָבען זיך זעהר מוטיג פערטיידיגט. דערווייל האָט דער עגיפּ־טישער קעניג פּרעה חפרע אַרויסגעשיקט אַן אַרמעע געגען נבוכדנאצר'ן. די־זער האָט פערלאָזען ירושלים און איז אַ וועק געגען חפרע'ן. די איינוואוי־נער פון ירושלים האָבען געמיינט, דאָס זיי זיינען שוין פּטור געוואָרען פון די באַבילאָניער. אָבער ירמיהו האָט פאָרויסגעזאָגט, דאָס נבוכדנאצר וועט בעזיגען דעם קעניג פון עגיפּטען און וועט זיך איבער־אַ־נייס נעהמען צו ירושלים. מען האָט איהם חושד געווען, דאָס ער איז אַ שונא דעם אידישען פאָלק און איז אַ פריינד צו בבל. דער צאָרן פון די רעגירענדע בעאַמטע איז געווען אַזוי גרויס אויף ירמיהו'ן, דאָס זיי האָבען איהם אַריינגעוואָרפען אין אַ גרוב, וואָס איז געווען פול מיט לעהם. ווען דער קעניג וואָלט איהם ניט געהייסען פון דאָרט אַרויסנעהמען, וואָלט ער דאָרט אומגעקומען.

נאָך דעם, ווי נבוכדנאצר איז פערטיג געוואָרען מיט פּרעה־חפרע האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו ירושלים און האָט זי בעלאַגערט. אין שטאָדט האָבען באַלד אויסגעבראָכען קראַנקהייטען פון צופיעל מענשען, וואָס זיינען דאָרט אַנגעלאָפען צו בעשיצען זיך אונטער די מויערן פון ירושלים. עס האָט ניט לאַנג גענומען און עס איז געוואָרען אַ גרויסער הונגער. די קריגער, וואָס האָבען זיך פערטיידיגט געגען די באַבילאָניער, זיינען פון הונגער אָפּגע־שוואַכט געוואָרען און האָבען אויף פערלאָרען דעם מוט. ענדליך האָט נבוכדנאצר גענומען די פעסטונגען פון ירושלים מיט שטורם (9טען תמוז, 586 פ. קר.), און זיינע סאָלדאַטען האָבען אָנגעמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה צווישען די אידען. זיי האָבען געשניטען אָהן רחמנות מענער און פרויען,

ירמיהו הנביא אויף די חורבות פון ירושלים.

יונג און אַלט, און האָבען גערויבט און געפּלינדערט אַלעס, וואָס זיי האָבען געקענט. צדקיהו מיט זיינע קינדער זיינען ביי נאַכט ענטלאָפען. אָבער מען האָט זיי געכאַפּט און מען האָט זיי געבראַכט צו נבוכדנאצר'ן אין זיין הויפּט־קוואַרטיר אין רבלה. נבוכדנאצר האָט געהייסען, אַז מען זאָל פריהער שעכטען זיינע קינדער פאַר זיינע אויגען און נאָכדעם איהם זעלבסט אויס־שטעכען זיינע אויגען, שמידען און קייטען און אוועקשיקען אין בבל אין גע־פענגנים.

נאָכדעם האָט נבוכדנאצר געשיקט זיינעם אַ בעאַמטען **נבוזראדן** אין ירושלים צו מאַכען אַן ענדע צו דער הויפּטשטאָדט פון יהודה. נבוזראדן האָט פערברענט דעם בית המקדש פון דעם 9טען ביז דעם 10טען אין חודש אב, האָט אויסגעשאָכטען פיעלע פון די אַריסטאָקראַטען אין שטאָדט, און פיעלע האָט ער אַוועקגעשיקט אַלס געפאַנגענע נאָך בבל. ירושלים איז אין גאַנצען פערוויסטעט געוואָרען, נאָר אין דער פּראָווינץ זיינען פערבליבען איינוואוינער פון דער אָרימער קלאַס. צווישען די, וואָס זיינען גענומען גע־וואָרען אין געפאַנגענשאַפט, איז אויך געווען דער נביא ירמיהו. אָבער איהם האָט נבוכדנאצר געהייסען בעפרייען, ווייל עס איז געווען גוט בעוואוסט, דאָס ער איז אימער געווען פיר זיין אונטערטעניג צו בבל. איהם האָט אָבער וועניג געפרייט זיין פּערזענליכע בעפרייאונג. ירמיהו האָט מיט טיפען טרויער בע־וויינט דעם חורבן פון ירושלים, פון בית המקדש און פון דעם אידישען פאָלק. די אידישע טראַדיציאָן האַלט איהם פיר דעם פערפאַסער פון מגלת איכה, וועלכע איז אַ טייל פון תנ"ך, און וועלכע די אידען לעזען עד היום אין זיי־ערע שולען און פערגיסען דערביי הייסע טרערען אום תשעה באב, דעם טאָג, אין וועלכען עס איז געשעהען דער שרעקליכער חורבן פון אידישען פאָלק.

נבוכדנאצר האָט ניט געוואָלט אין גאַנצען צושטערען דאָס לאַנד יהודה. ער האָט איבערגעלאָזען די אַקער־בויערן און די, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט וויינגערטנער, אום זיי זאָלען פאַרטזעצען צו בעאַרבייטען דאָס לאַנד, און אַלס וויצע־קעניג האָט ער בעשטימט **גדליהו בן אחיקם**, וועל־כער האָט איינינגע מאָל געראַטעוועט ירמיהו'ן פון טויט, ווייל גדליה און זיין פאַמיליע זיינען געווען בעוואוסט אַלס מענשען, וואָס האָבען געראַטען לעבען אין פרידען מיט בבל. ירמיהו'ן האָט נבוכדנאצר געגעבען די ברירה צו געהן אין בבל און לעבען דאָרט בכבוד אונטער דעם שוץ פון קעניג, אָדער פערבלייבען אין ירושלים אַלס מיטהעלפער צו גדליה'ן צו פערבעסערן דעם צושטאַנד פון לאַנד און פון פאָלק. ירמיהו איז בעסער פערבליבען נעבען

גדליה'ן און געבען דעם אָרימען פאָלק, צו העלפען זיי מיט וואָס עס איז מעגליך.

גדליה האָט בעשטימט די שטאָדט מצפה, ניט ווייט פון ירושלים, אַלס די רעזידענץ פון דער רעגירונג אין יהודה. אהין זיינען צוריקגעקומען פיעלע ענטלאָפענע אידען פון די אַרומיגע לענדער, אויך מעהרערע קריגס־לייט, וועלכע האָבען פערשפּראָכען גדליה'ן צו פיהרען אַ רוהיגעס לעבען. צווישען זיי איז אויך געווען אַ היבשע אָפּטיילונג קריגער אונטער דער קאָמאַנדע פון יוחנן בן קרח. צווישען די, וואָס זיינען געקומען צו גדליה'ן אין מצפה, האָט זיך אויך געפונען אַ פּרינץ פון דער קעניגליכער פאַמיליע דוד, ישמעאל בן נתניה. דיזער האָט בעשלאָסען צו טויטען גדליה'ן, וואהרשיינליך, ווייל ער האָט זעלבסט געוואָלט ווערען דער וויצע־קעניג. יוחנן בן קרח האָט זיך דערוואוסט פון דיזען בעשלוס פון ישמעאל'ן און האָט געווארנט גדליה'ן, אַז ער זאָל זיין פאָרזיכטיג. גדליה האָט אָבער ניט געגלויבט, דאָס עס זאָל זיך יעצט געפינען אַ מאַן, וואָס זאָל וועלען צושטערען דעם רעסט פון פאָלק. אָבער עס האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס יוחנן איז געווען גערעכט. ישמעאל האָט ערמאָרדעט גדליה'ן ווען ער איז געווען איינגעלאַדען אַלס גאַסט אויף אַ מאָהלצייט. ישמעאל האָט מיט זיך פערכאַפּט אייניגע פון די פאָרנעהמע אידען, וואָס האָבען זיך דאַמאָלס געפונען אין מצפה, און האָט זיי געוואָלט אַוועקפיהרען צו די בני עמון, מיט'ן צוועק צו פערניכטען דעם לעצטען צענטער פון דעם אידישען פאָלק. יוחנן בן קרח האָט איהם נאָכגעיאָגט און האָט אָפּגענומען די געפאַנגענע, אָבער ישמעאל'ן זעלבסט איז איהם ניט געלונגען צו פאַנגען, ער איז ענטלאָפען צו בעלים, דעם קעניג פון די בני עמון.

יוחנן מיט די אַנדערע פאָרנעהמע לייט אין מצפה האָבען שטאַרק מורא געהאַט, דאָס נבוכדנאצר וועט זיין זעהר אויפגערעגט אויף די אידען פיר דעם טויט פון זיין וויצע־קעניג גדליה, און זיי האָבען געפרעגט ירמיהו'ן אַן עצה, ווי זיי זאָלען דאָ האַנדלען. ירמיהו האָט זעהר ניט געוואָלט, אַז די לעצטע פאָרנעהמע מענשען זאָלען פערלאָזען דאָס לאַנד, ווייל דאַמאָלס וועט ניט זיין וועער עס זאָל רעגירען דאָס בלייבענדע פאָלק. ירמיהו האָט זיי פערזיכערט, דאָס זיי וועט ניט געשעהן קיין בייז פון נבוכדנאצר'ן און האָט זיי געבעטען פערבלייבען אין לאַנד און ניט געהן נאָך מצרים, וואוהין יוחנן און זיינע לייט האָבען בעשטימט צו עמיגרירען. ער האָט זיי געזאָגט, דאָס ווען זיי וועלען ניט פאָלגען זיין ראַט, וועלען זיי פערניכטעט ווערען אין מצרים. אָבער יוחנן האָט ניט געוואָלט הערען ירמיהו'ס עצה און האָט פער־

נומען מיט זיך אַ גרויסען טייל פון דער בעסערער קלאַס פון פאָלק און איז אַוועק נאָך עגיפּטען. ירמיהו און זיין תלמיד ברוך זיינען געווען געצוואונגען צו געהן מיט זיי. חפרע, דער קעניג פון מצרים, האָט די אידישע עמיגראַנטען אויפגענומען פריינדליך און האָט זיי אָפּגעגעבען די שטאָדט תחפנחס (טאַפּנים) צו בעזעצען זיך אין איהר. דיזע קאָלאָניע האָט געלעבט פריינדליך מיט די עגיפּטער, און די אידען האָבען זאָגאַר אָנגעהויבען אָננעהמען זייער קולט פון דער זון (מלכת השמים). ירמיהו האָט זיי דערפאַר גע'מוסר'ט און האָט זיי פאָרויסגעזאָגט, דאָס זייער האָפנונג צוריקקעהרען זיך צו זייער פאָטערלאַנד וועט קיין מאָל ניט ערפילט ווערען, כל זמן זיי וועלען דינען אַנדערע געטער און ניט זיין איבערגעגעבען צו דער רעליגיאָן פון זייערע עלטערן מיט'ן גאַנצען הארצען. ירמיהו איז געשטאָרבען אין מצרים.

נאָך דעם טויט פון גדליה האָט נבוכדנאצר געשיקט זיין מיליטערישען בעאַמטען נבוזראדן אין פאַלעסטינאַ צו בעשטראָפען די בונטאָווטשיקעס, וועלכע האָבען ערמאָרדעט זיין וויצע־קעניג גדליה. נבוזראדן האָט געפאַנגען נאָך אייניגע פון די אידען אין מצפה און זיי אַוועקגעשיקט אין בבל. דאָס לאַנד יהודה איז געוואָרען וויסט, דאָס פאָלק צוריסען אויף שטיקער. די אַריסטאָקראַטיע און די בעסטע מענשען פון פאָלק זיינען געווען פערשיקט, איין גרויסער נביא, ירמיהו, איז געשטאָרבען אין מצרים, אַ צווייטער, יחזקאל, האָט געשמאַכט אין גלות אין בבל. דיזער לעצטער האָט דאָך געגעבען האָפנונג, דאָס די אידישע נאַציאָן וועט ווידער אויפלעבען און צוריקקעהרען זיך אין איהר לאַנד.

יב. די אידען אין גלות בבל און די פּערסישע הערשאַפֿט.

(586—332 פ. קר.)

דער גלות בבל האָט געמאַכט אַן ענדע צו דער יוגענד־צייט פון דער אידישער נאַציאָן. אין די 900 יאָהר זינט די אידען זיינען ארויס פון מצרים האָט זיך די אידישע נאַציאָן ענטוויקעלט מאַטעריעל און גייסטיג. זי האָט ערוואָרבען אַ לאַנד, האָט ענטוויקעלט אַן אייגענאַרטיגע קולטור מיט אַ פראָפעטיזם, וואָס האָט ניט קיין גלייכען אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט. אָבער אין פאָליטישער הינזיכט איז די אידישע נאַציאָן געבליבען הינטערשטעליג. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם, ווי די אידען האָבען איינגעפיהרט אַ מאָנאַרכיע, האָט זי זיך צושפּאָלטען אויף צוויי מלוכות, ישראל און יהודה, און זיי זיינען באַלד געוואָרען שוואַך. עס האָט ניט לאַנג גענומען און אשור האָט פערניכטעט די מלוכה פון ישראל, אין נאָכהער בבל —

די מלוכה פון יהודה. ביידע אידישע מלוכות זיינען געפאלען. אבער דער רעזולטאט איז פיר יעדע געווען פערשיידען. די אידען פון מלוכת ישראל, די עשרת השבטים, זיינען צושפרייט געווארען דורך די אסירישע קעניגען אין פערשיידענע לענדער, און אויף זייער פלאץ, אין דער מלוכה פון שומרון, האבען זיי בעזעצט אנדערע פעלקער. די פערטריבענע אידען האבען ניט גע־האט די מעגליכקייט צוריקצוקעהרען זיך אין זייער לאנד. דערצו איז דער נאציאנאלער געפיהל געווען צווישען זיי זעהר שוואך, ווייל זייער קולט האט אין זיך געהאט פיעל פערמישטעס פון אנדערע פעלקער, און אויך ווייל עס האבען זיך געביטען זעהר פיעלע דינאסטיעס (קעניגליכע פאמיליעס) אין זייער רעגירונג, און די קעניגען זיינען געווען בעשעפטיגט מיט זיך זעלבסט מעהר ווי מיט'ן פאלק. און דעריבער האבען זיך די פערטריבענע פון ישראל גיך צומישט מיט אנדערע פעלקער און פון זיי איז קיין זכר ניט געבליבען. גאנץ אנדערש איז עס געווען מיט יהודה. נבוכדנאצר האט זיי פערטריבען אין איין ארט, און ארץ ישראל האט ער ניט בעזעצט מיט אנדערע. די די־נאסטיע דוד איז געווען די איינציגע, וואס האט רעגירט אין פאלק. און דער קולט, דער געטליכער דינסט, איז געבליבען עכט נאציאנאל אין גייסט פון תורת משה און די נביאים. דעריבער איז פון דעם רעסט פון יהודה צוריק אויפגעוואקסען א פאלק מיט א בעסערען, שטארקערען נאציאנאלען גייסט, נאציאנאלען קולט און נאציאנאלער קולטור, אין דעם לאנד פון זייערע על־טערן. די מעגליכקייט צוריק אויפצולעבען האט געגעבען דעם אידישען פאלק דער פערסישער קעניג כורש, וועלכער האט צושטערט די באבילאנישע מאכט אין מערב־אזיען און האט געגרינדעט א פערסישע אימפעריע. כורש האט ערלויבט די אידען, וואס זיינען פערטריבען געווארען פון ארץ ישראל אין פרעמדע לענדער, צוריקקעהרען זיך צו זייער פאטערלאנד און פיהרען א נאציאנאלעס לעבען מיט א געוויסער אויטאנאמיע אונטער דער אויבער־הערשאפט פון פערסיען. פיעלע אידען האבען זיך בענוצט מיט דיזער ער־לויבניס און האבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייער אלטער היים. דער גלות בבל האט לויט טראדיציאן געדויערט 70 יאהר (ווי ירמיהו הנביא האט נבואות געזאגט), אבער פון צדקיהו'ס געפאנגענשאפט ביז דעם צוריקקעהר פון באבילאניען איז לויט היסטארישער בערעכנונג קוים דא 50 יאהר. עס קען זיין, אז די טראדיציאן בעציהט זיך אויף די צייט צווישען דער צושטע־רונג פון דעם ערסטען טעמפעל און דער אויפבויאונג פון דעם צווייטען, וואס האט ווירקליך געדויערט 70 יאהר.

די אידען אונטער דער פערסישער הערשאפט האָבען ניט געהאט קיין פּאָליטישע זעלבשטענדיגקייט, אָבער דערפאר זיינען זיי געווען פריי פון דער זאָרג צו בעשיצען דאָס לאַנד פון אויסלענדישע שונאים, און האָבען גע-קענט פריי און אונבעזאָרגט ענטוויקלען זייער גייסטיגעס שטרעבען און זייער קולטור. די ערסטע צוריק-איינוואַנדערונג פון די גולי בבל אין זייער פאָ-טערלאַנד איז געווען אונטער דער פיהרונג פון זרבבל פון דער קעניג-ליכער פאַמיליע און יהושע בן יהוצדק, דעם כהן גדול. דיזע איינוואַנדערונג האָט געדויערט 20 יאָהר (537—516 פ. קר.). מיט 50 יאָהר שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ צווייטע צוריק-איינוואַנדערונג פון די גולי בבל נאָך פּאַלעסטינאַ אונטער דער פיהרונג פון עזרא און נחמיה. די צוריקקעהרענדע פון בבל זיינען אַלע געווען דורכגעדרונגען מיט אַ נאַציאָ-נאַל-רעליגיעזען גייסט. די צייט פון דער פערסישער הערשאַפט איז מערק-ווירדיג אויך דערמיט, וואָס אידישע קאָלאָניעס האָבען זיך דאַן געגרינדעט אין איינינגע מדינות אויסער פּאַלעסטינאַ, ווי בבל און עגיפּטען. דיזע קאָ-לאָניע אין עגיפּטען איז געגרינדעט געוואָרען פון די ערסטע פליכטלינגען נאָך דעם טויט פון גדליה בן אחיקם, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער נביא ירמיהו.

די פערטריבענע אידען אין בבל האָבען זיך אין גאַנצען אָפּגעוועהנט פון די קולטען, וואָס האָבען געהערשט אין פּאַלעסטינאַ, און האָבען פערפיהרט די אידען אין אַ שלעכטען וועג. אין בבל האָבען זיי אָנגעהויבען בעסער צו פערשטעהן די אידעאַלען פון די נביאים, וועלכע האָבען זיי געגעבען צו ער-קלערען, דאָס די הויפּט-מאַכט פון אידישען פאָלק ליגט ניט אין זיין פּאָלי-טישער קראַפט, נאָר אין זיין גייסטיגער און זיין מאָראַלישער ענטוויקלונג, דאָס אין דיזער הינזיכט דאַרפען די אידען דינען אַלס אַ מוסטער פיר אַלע פעלקער, און מוזען דעריבער בעטראַכט ווערען אַלס אַן ערוועהלטעס פאָלק פון דער השגחה צו פערברייטען אין דער וועלט וואהרע מאָראַל און מענשען-ליבע. איינער פון די מיטלען, וואָס האָבען געווירקט אויף'ן פאָלק צו געהן אין דיזער ריכטונג, איז געווען צו זאַמלען די לעהרעס פון די נביאים אין ספרים און פערברייטען זיי צווישען פאָלק, וועלכעס איז מיט דער צייט גע-וואָרען דורכגעדרונגען מיט די פּרינציפּען פון טיפער מאָראַל. דאָס האָט גע-געבען דעם אידישען פאָלק די מעגליכקייט צו בעקעמפען דעם גריכישען גייסט (העלעניזם), וואָס האָט זיך שפּעטער טיף איינגעוואָרצעלט אין פילע לענדער פון מערב-אזיען, ווען די גריכען האָבען דאָרט געהערשט.

די פערטריבענע אידען אין בבל. די ערסטע געפאנגענע דורך נבוכדנאצר'ן, וואס זיינען פערטריבען געווארען אין בבל צוזאמען מיט זייער קעניג יהויכין, האבען גערעכענט, דאס זיי וועלען ניט לאנג פערבלייבען אין געפאנגענשאפט, דאס זיי וועלען אין גיכען בעפרייט ווערען און צוריקקעה־רען זיך צו זייער פאטערלאנד. זיי האבען דעריבער געפיהרט געהיימע פער־האנדלונגען מיט זייערע ברידער אין ירושלים און האבען זיי ערמונטערט צו מאכען אן אויפשטאנד געגען נבוכדנאצר'ן. אבער מיט 11 יאהר שפעטער, ווען דער אויפשטאנד האט זיך געענדיגט מיט דעם שרעקליכען שטורץ פון דער נאציאן און מען האט געבראכט אין בבל נייע געפאנגענע מיט דעם אונגליק־ליכען קעניג צדקיהו'ן מיט אויסגעשטאכענע אויגען, זיינען די פריהערדיגע געפאנגענע געקומען אין פערצווייפלונג.

דער אלגעמיינער אונגליק האט ענטוויקעלט מעהר אחדות אין פאלק, און האט די אידען געמאכט מעהר אויפמערקזאם אויף די לעהרעס פון די נביאים. זיי האבען אנגענומען ירמיהו'ס ראט: בעטראכטען בבל אלס זייער היים ביז א געוויסער צייט; בויען הייזער, קויפען פעלדער און וויינ־גערטנער און זיי בעארבייטען, זיך בעשעפטיגען מיט האנדעל, מיט האנט־ווערק און ד. גל. נבוכדנאצר האט זיי געגעבען אלע רעכטען אלס בירגער פון בבל און האט זיי אויך געגעבען א געוויסע אויטאנאמיע. זיי האבען געבילדעט פערשיידענע געמיינדעס, לויט די שטעדט, פון וועלכע זיי זיינען אנגעקומען, ווי צ. ב. אנשי יריחו, אנשי בית לחם, א. אז. וו. די איינוואוי־נער פון ירושלים האבען זיך איינגעטיילט אין גרופען נאך זייער אפשטאמונג (יחוס). יעדע פאמיליע האט געהאט א ספר היחס, אדער יחוס־בריף, פון וועמען זי האט געשטאמט. דיזע יחוס־בריף האט מען זעהר פארזיכטיג געהאלטען בעוואהרט אין די הענט פון די פארשטעהער פון דער געמיינדע. מען גלויבט, דאס א היבשער טייל פון די, וואס זיינען פערטריבען געווארען פריהער מיט 130 יאהר פון די עשרת השבטים, האבען זיך פעראייניגט מיט די גולי יהודה. דער נביא יחזקאל האט אין דעם געזעהען דעם אנהויב פון ווידער־פעראייניגונג פון יהודה און ישראל און האט זיי געגעבען האפנונג, דאס דיזעס איז אן אנפאנג פון דער בעפרייאונג און צוריק־אויפלעבונג פון דער אידישער נאציאן און זייער פאטערלאנד.

אויך דאס רעליגיעזע לעבען פון די אידען אין בבל האט זיך אנדערש אויסגעבילדעט. קיין טעמפעל, קיין מזבח און קיין קרבנות האבען זיי דארט ניט געקענט האבען. אנשטאט א טעמפעל האבען זיי געגרינדעט רעליגיאנס־פערזאמלונגען, סיגאגאגען. דער טאג שבת איז ביי זיי געווארען אן אמת'ער

טאָג פון רוה און איז געווען געווידמעט צו גייסטיגער ערהייבונג. אין דיזען טאָג האָבען זיי געהערט בעגייסטערטע רעדעס פון זייערע נביאים, וועלכע האָבען אין זיי איינגעפלאַנצט האָפנונג אויף ווידער־אויפלעבונג אלס זעלבשטענדיגעס פאָלק, און פאָרלעזונגען פון געלעהרטע, וועלכע האָבען זיי אונטערריכט אין דער תורה. אויף די שלש רגלים, די דריי גרויסע נאַציאָנאַלע ימים טובים פון דער נאַטור: פסח, דער יום טוב פון ווערען צייטיג פון תבואה אין זייער אלטער היים, שבועות, דער יום טוב פון שניידען ווייץ, און סוכות, דער יום טוב פון איינזאַמלען די פרוכט פון די פעלדער אין די הייזער אריין — דיזע אלע ימים טובים, וועלכע האָבען אין דער פרעמד פערלאָרען זייער ערסטע אייגענטליכע בעדייטונג, האָבען אין דער פרעמד ערהאַלטען אַ נייע בעדייטונג, אַ פערבינדונג מיט וויכטיגע היסטאָרישע פאַסירונגען: פסח אלס ערינערונג פון דער בעפרייאונג פון מצרים, שבועות אלס זמן מתן תורה, און סוכות אלס אָנדענקען אָן דער צייט פון זייער לעבען אין דעם מדבר. אום ניט צו פערגעסען זייער פערגאַנגענעם גלאַנץ, האָבען זיי איינגעאָרדענט פיער תעניתים אין יאָהר: עשרה בטבת, צום אָנדענקען פון דער בעלאַגערונג פון ירושלים; שבעה עשר בתמוז, ווען די מויערן פון ירושלים זיינען צושטערט געוואָרען; תשעה באב, ווען ירושלים מיט'ן בית המקדש זיינען חרוב געוואָרען, און צום גדליה, ווען דער לעצטער פונק פון דער אידישער נאַציאָן איז אויסגעלאָשען געוואָרען אין זייער פאָטערלאַנד.

די געבילדעטע קלאַס פון אידיישען פאָלק, וואָס איז פערטריבען געוואָרען אין בבל, האָט אין דעם גלות־לאַנד איבערהויפט אָנגעווענדט איהר ענערגיע אויף צו ענטוויקלען דעם גייסטיגען צושטאַנד פון פאָלק. פון דער היים, פון יהודה, האָבען זיי געבראַכט מיט זיך תורת משה און וויכטיגע רעדעס פון די נביאים. זיי האָבען זיך גענומען ברייננען אין אָרדנונג דעם מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבען געבראַכט פון יהודה, און בעקאַנט מאַכען דאָס פאָלק מיט זיין אינהאַלט. דורך דעם האָבען זיי געזוכט צו ענטוויקלען און צו פערשטאַרקען אין פאָלק דעם נאַציאָנאַלען געפיהל. צו דיזען צוועק האָט מען איינגעפיהרט צו לעזען יעדע וואָך פון יאָהר אַ געוויסען טייל פון דער תורה, און מען האָט דאָס דעם פאָלק ערקלערט. מען האָט אויך אָפט געלעזען אין די סינאַגאָגען די רעדעס פון די נביאים וועגען דער צוקונפט פון אידישען פאָלק, זיין מאָראַל און זיינע בעציהונגען צו די אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. מען האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט אַ אידישע געשיכטע פון אַלע בעגעבענהייטען, וואָס האָבען פאַסירט מיט די אידען זינט זיי זיינען געוואָרען אַ פאָלק ביז דאָס לאַנד איז צושטערט געוואָרען. דערביי

האַט מען ערקלערט די פּאַסירונגען אַלס רעזולטאַטען פון דעם מאָראַלען צו-שטאַנד פון פאָלק. דאָס איז געווען די ערסטע געשיכטע אין דער וועלט, וואָס איז געשריבען געוואָרען אין אַזאַ גייסט. דיזע פּעריאָדע האָט בע-שאַפען די „כתבי הקודש”, די היילינגע שריפט.

אויך די נביאים, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען מיט יכניה׳ן, אָדער יהויכין׳ען, אין בבל, האָבען פיעל געהאָלפען צו ענטוויקלען דעם מאָראַלען צושטאַנד פון פאָלק. דער הויפּט פון זיי איז געווען דער נביא יחזקאל. דיזער נביא האָט די ערסטע 10 יאָהר פון זיין לעבען אין בבל, פון יכניה׳ן ביז צדקיהו׳ס פאַל, געזאָגט נביאות צווישען די גולי בבל, דאָס ירושלים מוז פאַלען, דאָס לאַנד וועט ווערען חרוב, און דאָס פאָלק וועט פערטריבען ווערען אין גלות, און דאָס וואָס זיי רעכנען, אַז דער בית המקדש און די היילינגע שטאָדט ירושלים קען בשום אופן ניט צושטערט ווערען און אריינפאַלען אין די הענט פון שונא, איז אַ פאַלשע איינרעדעניס. אָבער נאָך דעם, ווי צדקיהו איז געפאַנגען געוואָרען און די פאָרויסזאָגונגען פון די נביאים ירמיהו און יחזקאל זיינען מקוים געוואָרען, און די גולי בבל האָבען זיך אָנגעהויבען מיאש זיין פון צוריק אויפלעבען ווען עס איז, איז יחזקאל אַרוים מיט זיינע טרייסט-רעדעס און האָט זיי געגעבען האָפנונג אויף צוריק אויפלעבען. ווי מיר האָ-בען פריהער דערצעהלט, זיינען אין בבל צוגעשטאַנען צו די גולי בבל פיעלע פון די עשרת השבטים, און דאָס האָט געגעבען דעם נביא האָפנונג, אַז מיט דער צייט, ווען דאָס פאָלק וועט זיך צוריקקעהרען צו זיין אַלטער היים, וועט הערגעשטעלט ווערען די אַלטע אידישע מלוכה, דאָס פאָלק ישראל וועט מעהר ניט זיין צוריסען אויף צוויי קעניגרייכען, נאָר איין קעניג פון דער דינאַסטיע דוד וועט איבער זיי הערשען.

יג. דער זיג פון כורש׳ן און די אידישע האָפנונגען.

נבוכדנאצר, דער קעניג פון בבל, האָט געהערשט 40 יאָהר ביז 562 פ. קר. די לעצטע יאָהרען פון זיין הערשאַפט האָט ער פערבראַכט אויף צו פערשענערן זיין רעזידענץ בבל און האָט געמאַכט, דאָס זי האָט מיט איהר שענקייט און איהרע טייערע בנינים איבערגעשטיגען נינוה, די הויפּט-שטאָדט פון אשור. נאָך נבוכדנאצר׳ס טויט האָבען זיך אָנגעהויבען אין בבל שטאַרקע אונרוהען צוליב די פּרעטענזיעס פון פערשיידענע פּערזאָנען אויף דעם באַבילאָנישען טראָן. באַלד נאָך איהם איז אַרויף אויף׳ן טראָן זיין זוהן אויל מרודך. דיזער האָט בעפרייט דעם געוועזענעם קעניג פון יהודה, יהויכין׳ען, פון זיין געפענגניס, אין וועלכער ער האָט פערבראַכט

35 יאָהר, און האָט איהם געגעבען אַן עהרען־שטעלע אין קעניגליכען הויף. עס קען זעהר זיין, דאָס ער וואָלט פאַרטגעזעצט זיינע גוטע בעציהונגען צום אידישען פאָלק, אָבער ער האָט רעגירט נאָר 2 יאָהר, און זיין איידים נריגילסר האָט פערכאַפּט דעם טראָן. דיזער האָט רעגירט נאָר 4 יאָהר און איז געשטאָרבען. נאָך איהם איז געבליבען אַ קינד אַ יורש, וועלכען די באַבילאָנישע אריסטאָקראַטיע האָט ערמאָרדעט און ארויפגעזעצט אויף'ן טראָן איינעם פון זיי מיט'ן נאָמען נבו־ניד (556 פ. קר.). ער איז אָבער געווען אַ שוואַכער הערשער און בבל האָט געמוזט ארונטערפאַלען אונטער די הערשאַפט פון פערסיען, וועלכע איז באַלד געוואָרען די הערשערין פון מערב־אזיען.

אין מיטען פון 6טען יאָהרהונדערט פ. קר. האָט דער יונגער קעניג פון פערסיען, כורש, וועלכער איז געווען אַ וואַסאַל פון אסטיאַגעס, דעם קעניג פון מדי, זיך ערקלערט אונאָפּהענגיג, און נאָך דעם, ווי ער האָט בעזיגט זיין אויבער־הערשער, איז ער געוואָרען קעניג איבער פרס און מדי. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען איינצונעהמען גאַנץ קליין־אזיען. קראָזוס, דער קעניג פון לידיען, האָט געשלאָסען אַ בונד מיט עגיפּטען, בבל און גריכענלאַנד, אָבער כורש האָט זיי אַלע בעזיגט, איינעם נאָך דעם אנדערען, און ער איז ענדליך געקומען אויף צו בבל. כורש איז געווען בעוואוסט פיר אַ זעהר נאָבעלען הערשער מיט ליבעראַלע בעציהונגען צו די פעלקער, וואָס זיינען ארונטערגעפאַלען אונטער זיין מאַכט. די ידיעות וועגען כורש'עס נצחונות האָבען אויפגעוועקט נייע האָפנונגען ביי די גולי בבל, האָפנונגען, וועלכע מיר געפינען אין די נבואות פון דעם נביא ישעיה דעם 2טען (אין ספר ישעיהו פון תנ"ך פון קאַפּיטעל 40 ביז 66). דיזער גרויסער נביא האָט געשטאַרקט דעם מוט פון די גולי בבל, האָט זיי אויפגעמונטערט, ערוועקט אין זייערע הערצער נייע האָפנונגען און האָט זיי אָנגעזאָגט אין נאָמען פון גאָט, דאָס זייער בעפרייאונג פון גלות איז נאָהענט, און אין גיכען וועלען זיי זיך צוריקקעהרען צו זייער לאַנד און וועלען איבער־אַ־נייעס אָנהויבען פיהרען אַ זעלבשטענדיגעס לעבען. ער האָט זאָגאַר אָנגערופען דעם פערסישען קעניג כורש „משיח ה'", ווייל ער וועט בעפרייען די אידען פון זייער גלות און וועט זיי ערלויבען צוריקשטעלען זייער פריהערדיגען געטליכען דינסט מיט זייער טעמפּעל. און גאָט האָט ערוועהלט צו ערפילען דיזע וויכטיגע מיסיאָן ניט אַ אידען, אום צו ווייזען, דאָס ער איז ניט נאָר אַ גאָט פון איין פאָלק, פון אידישען, נאָר פון אַלע פעלקער, און די אידען האָבען אויף זיך

בלשאצר'ם מאַהלצייט.

נאך דארע.

די פליכט צו פערברייטען זיין היילינע לעהרע פון צדק און משפט איבער דער גאַנצער וועלט, צווישען אַלע נאַציאָנען.

די נבואות פון ישעיה דעם 2טען האָבען אָנגעהויבען מקוים ווערען. מיט איינינע יאָהר שפּעטער נאָך דעם, ווי כורש האָט בעזיגט קראָזוס׳ן, דעם קעניג פון לידיען, איז ער געקומען צו בבל און האָט זי בעזיגט גאַנץ לייכט. דאָס פאָלק איז געווען זעהר אונצופרידען מיט זייער שוואַכען קעניג נבו־ניד און כורש׳ן איז געווען זעהר לייכט איהם אַרונטערצוזעצען פון טראָן. אַזוי אונגעפעהר דערצעהלען די געשיכטע פון דעם פאַל פון בבל די באַבילאָנישע אינשריפטען, וואָס מען האָט געפונען אין די אויסגראָבונגען פון בבל. העראָדאָט דערצעהלט די געשיכטע אַ ביסעל אַנדערס. ער דערצעהלט, דאָס כורש האָט ניט געקענט פיר קיין פאַל איינגעהמען בבל, און דעריבער זיינען די באַבילאָניער געווען זעהר רוהיג און האָבען זיך איבערגעגעבען צו אַ פרעהליכען לעבען. אָבער כורש האָט געפונען אַן אַנדער מיטעל ווי אַריינצוקומען אין שטאָדט. ער האָט געמאַכט אַ קאַנאַל אַרום שטאָדט און האָט אָפּגעצויגען דאָס וואַסער פון דעם טייך פרת, וועלכער האָט געפלאָסען דורך די שטאָדט, און אַזוי איז ער אַריין אין שטאָדט דורך דעם אָרט, וואו דאָס וואַסער איז פריהער געלאָפען, און ער האָט געפאַנגען דעם קעניג מיט זיינע מיניסטאָרען אין דער צייט פון זייער הוליאַנקע. אַן עהנליכע געשיכטע ווערט דערצעהלט אין דעם געהיימניספולען ספר דניאל פון תנ״ך. אין דיזער לעגענדאַרישער געשיכטע ווערט דערצעהלט, דאָס די מלוכה פרס און מדי איז בעפאַלען בבל אין דער צייט, ווען בלשאצר האָט געהאַט אַ גרויסען באַנקעט. ווען דיזער קעניג און זיינע געסט האָבען געטרונקען ויין פון די כלים פון בית המקדש האָט זיך אין זאַל אויף׳ן וואַנט בעוויזען אַ האַנט, וואָס האָט אָנגעשריבען די ווערטער „מנא מנא תקל ופרסין” (געצעהלט, געצעהלט, געוואויגען און צוטיילט). קיינער האָט ניט פערשטאַנען די בעדייטונג פון דיזע ווערטער, ביז מען האָט געבראַכט דניאל׳ן און ער האָט ערקלערט, דאָס דיזעס מיינט, אַז בבל׳ס שעה׳ן זיינען געצעהלט און זי וועט באַלד פאַלען. און אין דער זעלבער נאַכט איז בלשאצר (ניט נאַבו־ניד) ערמאָרדעט געוואָרען און בבל איז אַריינגעפאַלען אין די הענט פון כורש מלך פרס.

די גולי בבל זיינען געוואָרען מלא שמחה פון דיזער איבערקעהרעניס. זיי האָבען בעטראַכט כורש׳ן אַלס זייער רעטער. כורש האָט שוין פריהער געהערט, דאָס די אידישע נביאים האָבען פאָרויסגעזאָגט זיינע נצחונות און האָבען איהם בעטראַכט אַלס דעם געזאַלבטען קעניג פון גאָט. ער האָט געהאַט גרויס סימפּאַטיע מיט די געפאַנגענע אידען אין בבל. דערצו האָט זיין

פּאָליטיק געפּאָדערט, דאָס יהודה זאָל צוריק בעזעצט ווערען פון אידען, וועל־כע סימפּאַטיזירען מיט איהם, ווייל דורך זיי, אלס זיינע דאַנקבאַרע אונטער־טאַנען, וועט איהם זיין לייכטער צו בעקעמפען עגיפּטען, וועלכעס איז געוועזן זיין הייסער וואונש נאָך דער בעזיגונג פון בבל. כורש האָט דעריבער ער־לויבט די גולי בבל צוריקצוקעהרען זיך צו זייער פאָטערלאַנד און אויפשטע־לען זייער בית המקדש. ער האָט בעשטימט אַ וויכטיגע פּערזאָן מיט׳ן נאָ־מען ששבצר אלס שטאַטהאַלטער אין יהודה און האָט איהם געגעבען אינסטרוקציאָנען, ווי צו העלפען די אידען צוריק זיך איינצואָרדנען אין זייער לאַנד. מען גלויבט, דאָס ששבצר איז דער צונאָמען, וואָס כורש האָט גע־געבען צו זרבבל׳ן, וועלכען ער האָט בעשטימט אלס גובערנאַטאָר איבער ארץ ישראל (זעה ווייטער).

אָבער ניט אַלע אידען אין בבל האָבען זיך בענוצט מיט דיזער ערלויב־ניס צוריקצוקעהרען זיך צו זייער פאָטערלאַנד. פיעלע האָבען זיך שוין גע־האָט איינגעפונדעוועט אין בבל מיט הייזער, פעלדער און געשעפטען. פיעלע האָבען מורא געהאַט, דאָס זיי וועט זיין שווער איינצואָרדנען זיך אין זייער אַלטער היים, וועלכע איז געוואָרען חרוב ומוחרב פיר די צייט, וואָס די אידען זיינען געוועזן פון איהר אוועק. דעריבער האָבען זיך צוערסט צוריק־געקעהרט נאָר 42,360 פּערזאָן פון אידען אויסער 7,337 שקלאַפען און 200 זינגער. אָבער איינינע היסטאָריקער בעהויפּטען, דאָס די 42,360 איז די צאָהל פון פאַמיליען־הויפּטער, אַזוי דאָס איינצעלנע מענשען זיינען געוועזן לערך 200,000 נפשות. אין דער שפּיץ פון דיזע אויסוואַנדערער איז געשטאַ־נען זרבבל בן שאלתיאל, אַן עניקעל פון דעם קעניג יהויכין, וועלכען נבוכדנאצר האָט געהאַלטען אין געפענגניס 35 יאָהר. צוזאַמען מיט זרבבל׳ן איז געוועזן יהושע בן יהוצדק אלס כהן גדול, דער עניקעל פון כהן גדול שריה, וואָס נבוכדנאצר האָט געטויטעט. דיזע צוויי פאָרשטע־הער, איינער פון קעניגליכער פאַמיליע און דער אַנדערער פון דער דינאַסטיע פון כהנים גדולים, האָבען בעקומען פון כורש׳ן די פולמאַכט איינצואָרדנען די אידען אין זייער אַלטער היים. כורש האָט אויך געהאָלפען די שובי ציון איינצואָרדנען זיך אין זייער לאַנד, ער האָט זיי געגעבען הילף פון דער קע־ניגליכער קאַסע צו בויען דעם בית המקדש און האָט זיי צוריקגעגעבען די הייליגע כלים, וואָס נבוכדנאצר האָט צוגענומען פון בית המקדש בעת ער האָט איהם צושטערט.

אין יאָהר 537 פ. קר. האָט זיך צוריקגעקעהרט אין ארץ ישראל די ערס־טע פּאַרטיי. דאָס איז געוועזן אַזוי אונערוואַרטעט, דאָס די אידען האָבען

אין דעם געזעהען אַ גאָט'ס וואונדער. זיי האָט עס אָנפאַנגס אויסגעוויזען ווי אַ חלום, ווי דער פּאָעט אין תהלים זאָגט: „בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים".

די ערסטע פּאַרטיי. זרבבל און יהושע. דער צושטאַנד פון לאַנד יהודה אין דער צייט פון כורש'ן (537—521 פ. קר.) איז געווען זעהר טרויעריג. דער צענטער פון די צוריקקעהרענדע פון גלות איז געווען ירושלים. די שטאָדט איז אָבער געווען וויסט זינט נבוכדנאצר האָט זי צושטערט. אין דער פּראָווינץ האָט זיך געפונען אַ קליינע צאָהל ערד-ארבייטער, וועלכע זיינען נאָך דאָרט פערבליבען נאָך'ן חורבן, אָבער זיי זיינען געווען זעהר אָרים. אַ גרויסען טייל פון דעם לאַנד האָבען פערכאַפּט די בענאַכבאַרטע פעלקער: עמון, מואב, אדום א. אַנד. אין צפון-זייט פון יהודה זיינען געזעסען די שומרונים, וועלכע אשור האָט בעזעצט אין דעם לאַנד פון די עשרת השבטים, און וועלכע האָבען אָנגענומען אַ טייל פון דער אידישער רעליגיאָן און צוזאַמענגעמישט מיט זייערע גע ענדיגערישע זיטען און מנהגים. די העברעאישע שפּראַך איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד, מען האָט גערעדט אַנדערע שפּראַכען פון די אַרומיגע פעלקער. די ערסטע פּאַרטיי האָט אויף זיך גענומען אַ שווערע אויפגאַבע: אָפּרייניגען דאָס לאַנד פון פרעמדע עלעמענטען, אויפבויען צוריק איינינע פון די צושטערטע שטעדט און איינאָרדנען דאָס געמיינדע-לעבען. דיזע אויפגאַבע איז פיר זיי געווען צו שווער צו לעזען מיט איין מאָל, און דעריבער האָט זיך די ערסטע קאָלאָניע בעשעפטיגט נאָר מיט בריינגען אין אָרדנונג די שטאָדט ירושלים מיט איהר אומגעגענד.

פריהער פון אַלעס האָט מען זיך גענומען איינצואָרדנען די עבודה (געטליכען דינסט). אין מאָנאַט תשרי, אין וועלכען עס קומט אויס אַ גרויסער טייל פון אידישע ימים טובים, האָט זיך דאָס פאָלק צוזאַמענגעקליבען אין ירושלים און האָט פריהער פון אַלעס צוריק אויפגעשטעלט אַ מזבח אויף דעם זעלבען אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער מזבח אין דעם בית המקדש, וואָס שלמה האָט אויסגעבויט, און וועלכער איז צושטערט געוואָרען פון נבוכדנאצר'ן. אויף דיזען מזבח האָט מען אָנגעהויבען מקריב זיין קרבנות צו גאָט נאָך דעם מנהג און דער פאָרמע פון די פריהערדיגע צייטען. נאָכדעם האָט מען זיך גענומען צו בויען אַ נייעם בית המקדש. מען האָט געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען און אין חודש אייר, אַ יאָהר נאָך דעם, ווי די ערסטע פּאַרטיי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון בבל, האָט זיך דאָס פאָלק פערזאַמעלט און מען האָט אָנגעהויבען צו בויען דעם בית המקדש. די כהנים זיינען געווען געקליידעט אין די בגדי כהונה, די לוים האָבען געזונגען און גע-

שפילט פערשיידענע מזמורים און דאָס פאָלק איז געווען מלא שמחה. נאָר איינינע אלטע לייט, וועלכע האָבען נאָך געדענקט די פּראַכט און גלאַנץ פון אַלטען טעמפעל, האָבען זיך שטאַרק צואוויינט, זעהענדיג ווי אונבעדייטענד דיזער טעמפעל איז געגען דעם פריהערדיגען.

אָבער אויך דיזער טעמפעל איז געבליבען אין מיטען, ניט געענדיגט, צוליב די מסירות פון די שונאי ישראל, וועלכע האָבען ניט געוואָלט דער־לאָזען די צוריק־אויפלעבונג פון אידישען פאָלק. צווישען דיזע שונאים זיינען אויך געווען די שומרונים. ווען זרבבל און יהושע בן יהוצדק האָבען אָנגעהויבען צו בויען דעם נייעם טעמפעל האָבען די שומרונים געשיקט צו זיי שלוחים מיט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל זיי אויך צולאָזען נעהמען אַן אָנ־טייל אין דיזער אונטערנעהמונג, ווייל זיי אָנערקענען אויך דעם גאָט פון ישראל. אָבער דיזע האָבען זיי אָפּגעזאָגט, ווייל זיי זיינען געווען האַלבע אידען, און זייער חבר'שאַפט מיט אידען וואָלט געשאַדט די זיטען פון די אידען און דער רייניקייט פון זייער ראַסע. די שומרונים זיינען דערפאַר גע־וואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט געגען די אידען און האָבען זיי געזוכט צו שאַדען. זיי זיינען אַרוים מיט מסירות, דאָס אידען זיינען אַן אונרוהיגעס, רעוואָלוציאָנערעס פאָלק און עס איז פיר די מלוכה אַ געפאַהר צו געבען זיי די מעגליכקייט צוריק אויפלעבען פּאָליטיש. דיזע מסירות האָבען געווירקט אויף די הויכע בעאַמטע פון דער פערסישער רעגירונג און דער בוי פון טעמ־פעל איז אָפּגעשטעלט געוואָרען. 16 יאָהר איז דער טעמפעל געשטאַנען אין אַ ניט געענדיגטען צושטאַנד. דערווייל איז כורש געשטאָרבען און זיין זוהן קאַמביזעס איז אַרויף אויף'ן טראָן (529—522 פ. קר.).

באַלד ווי קאַמביזעס האָט איבערגענומען די ממשלה האָט ער אונטערגענו־מען אַ פעלד־צוג געגען עגיפּטען. זיין מאַרשרוט איז געווען דורך ארץ ישראל. דאָס אידישע פאָלק האָט זעהר פיעל געליטען פון די פערסישע חיל. נאָך דעם, ווי קאַמביזעס האָט זיך צוריקגעקעהרט פון עגיפּטען מיט אַ גרויסען זיג, איז ער געשטאָרבען אין סיריען. אין פערסיען זיינען געוואָרען שרעק־ליכע אונאָרדנונגען צוליב דעם, וואָס איינער אַ געוויסער סמערדיז, וועלכער איז ניט געווען פון דער קעניגליכער פאַמיליע, האָט פערכאַפּט דעם טראָן. דאָס לאַנד האָט פיעל געליטען דערפון און די רעגירונג האָט פערלאָרען איהר מאַכט. מיט דיזע אונרוהען האָבען זיך בענוצט די אידישע שונאים און האָבען פערשאַפט די אידען גרויסע צרות. דערצו זיינען נאָך צוגעקומען איינינע הונגער־יאָהרען, און די אידען האָבען אונבעשרייבליך געליטען און האָבען זיך געפיהלט אין דעם זעלבען צושטאַנד ווי באַלד נאָך דעם חורבן.

די נביאים חגי און זכריה. אין יענער צייט איז ארויף אויף דעם פערסישען טראָן דער 1טער דריוש אָדער דאריוס היס־טאספעס (521—485 פ. קר.). דיזער מערקווירדיגער הערשער האָט געבראַכט אָרדנונג אין פערסיען און אין די פראָווינצען, און צוליב דעם איז אויך דער צושטאַנד פון די אידען אין פאַלעסטינא געוואָרען פיעל בעסער. דריוש איז געוועזען זעהר גוט צו אידען און האָט אַזוי ווי כורש געוואָלט, דאָס זיי זאָלען זיך רוהיג ענטוויקלען אין זייער לאַנד מיט אַ געוויסער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע און פולער פרייהייט אין רעליגיעזער הינזיכט. באַלד אין אָנפאַנג פון זיין רעגירונג זיינען די נביאים חגי און זכריה ארויס צום פאָלק מיט גרויס ענטהוזיאַזם צו ערמונטערן זיי צו נעהמען זיך איבער־אַ־נייעם ענדיגען דעם בית המקדש. דער נביא חגי האָט זיי ערקלערט, דאָס די שלעכטע לאַגע פון פאָלק איז אַ רעזולטאַט פון זיין גלייכגילטיגקייט צו זיין רעליגיאָן. אין דעם זעלבען גייסט האָט אויך גערעדט דער אַנדערער נביא זכריה.

דער רוף פון די נביאים האָט ערמונטערט די אידישע פאָרשטעהער זרבבל און דעם כהן גדול יהושע בן יהוצדק צו נעהמען זיך ערנסט צו דער ארבייט צו ענדיגען דעם טעמפעל. און דעם צווייטען יאָהר פון דער רעגירונג פון דריוש'ן האָט זיך די ארבייט פון דעם טעמפעל־בוי ווידער אָנגעהויבען און מען האָט פאָרטגעזעצט צו בויען גאַנצע 5 יאָהר אָהן אַן אויפהערונג. אין מיטען פון יענער צייט איז אָנגעקומען אין ירושלים דער שטאַטהאַלטער פון סיריען תתני און האָט דערזעהען, דאָס די אידען בויען אַ זעהר שענעם בנין, און ער האָט זיי געפרעגט, ווער עס האָט זיי ערלויבט דאָס צו טאָן. זיי האָבען געענטפערט, דאָס כורש האָט עס זיי ערלויבט. תתני האָט אָנגעפרעגט דריוש'ן, אויב עס איז ווירקליך געגעבען געוואָרען אַזאַ ערלויבניס. מען האָט נאָכגעזוכט אין די ארכיווען און מען האָט ווירקליך געפונען אַזאַ ערלויבניס אין דער שטאָדט אחמתא (עקבאַטאַנאַ). דאַן האָט דריוש אָנגעזאָגט תתני, דאָס ער זאָל ניט שטערען צו ענדיגען דיזען בנין און ער זאָל נאָך דערצו העלפען.

דער בנין פון צווייטען בית המקדש האָט זיך געענדיגט אין 6טען יאָהר פון דער רעגירונג פון דריוש'ן, דעם 3טען טאָג אין אדר פון יאָהר 516 פ. קר. דאָס איז געוועזען נאָך 70 יאָהר זינט דער ערסטער בית המקדש איז חרוב געוואָרען דורך נבוכדנאצר'ן (דעריבער רעכענט זיך דער גלות בבל 70 יאָהר). זרבבל און יהושע בן יהוצדק האָבען געמאַכט אַ גרויסאַרטיגען חנוכת הבית, און באַלד נאָכדעם האָט מען געמאַכט אַ פרעהליכען פסח אין דער אָנוועזענ־



דאָס בויען פון טעמפעל.
נאָך דארע.

הייט פון א גרויסער פערזאמלונג פון פאָלק, וועלכעס איז צוזאַמענגעקומען פון דער פראָווינץ אין ירושלים צו נעהמען אַנטייל אין דיזען הייליגען נאציאָנאַלען יום טוב.

די נביאים חגי און זכריה האָבען אויפגעמונטערט און ערמוטיגט דאָס אידישע פאָלק. חגי האָט פאָרויסגעזאָגט, דאָס דער נייער טעמפעל וועט איבערשטייגען דעם טעמפעל פון שלמה'ן, ווייל ער וועט זיין א קוואַל, פון וועלכען עס וועט פליסען פרידען פיר די וועלט. זכריה האָט ערקלערט דעם פאָלק, דאָס זיין קראַפט בעשטעהט ניט אין זיגען מיט'ן שווערד און בעהערשען פעלקער, נאָר אין זיין גייסט, וועלכער וועט בעהערשען די וועלט („לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ה' צבאות").

אין יענער צייט איז צווישען די כהנים אויפגעהויבען געוואָרען א פראַגע: אויב מען זאָל פאָרטזעצען צו פאַסטען די 4 תעניתים, וואָס מען האָט פריהער אָנגענומען ביי די אידען צום אָנדענקען פון חורבן. דערויף האָט זיי דער נביא זכריה געענטפערט, דאָס דיזע תעניתים וועלען פערוואַנדעלט ווערען אין ימים טובים. אָבער דערביי האָט ער זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, דאָס ביי גאָט האָט א תענית גאָר ניט קיין ווערט, דער עיקר איז: טאָן צדק און משפט, ניט טראָגען קיין שנאה אין הארצען צו אַן אַנדערען, דאָס וואָרט זאָל זיין הייליג, ניט זאָגען קיין ליגען — דאָס און נאָר דאָס איז טייער ביי גאָט.

חגי און זכריה האָבען פיעל געווירקט אויף'ן גייסט פון אידישען פאָלק, אויף זיינע זיטען און מאָראַל, אָבער דער מאַטעריעלער צושטאַנד איז נאָך אַלץ געוועזען ווייט פון גלענצענד. באַלד נאָך דעם, ווי דער בית המקדש איז פערטיג געוואָרען, געהט זרבבל אראָפּ פון דער סצענע, זיין נאָמען ווערט מעהר ניט דערמאָהנט. מען גלויבט, דאָס די פערסישע רעגירונג האָט איהם צוריקגערופען פון ארץ ישראל, ווייל זי האָט אין איהם געזעהען א פרעטענדענט אויף דעם אידישען טראָן אין יהודה. אין ירושלים איז געבליבען נאָר יהושע בן יהוצדק, דער כהן גדול, וועלכער איז געבליבען דער הויפּט פון דער ירושלים'ער געמיינדע און פון גאַנצען אידישען פאָלק. נאָך זיין טויט איז די פיהרערשאַפט איבערגעגאַנגען צו זיין זוהן יויקים.

וואָס עס איז געשעהען מיט'ן אידישען פאָלק אין די לעצטע יאָהרען פון דער הערשאַפט פון דריוש'ן און אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון זיין זוהן קסערקסעס דעם 1טען (485—464 פ. קר.), ווייסען מיר לחלוטין גאָרניט. אונזערע ידיעות וועגען דעם ווייטערן שיקזאַל פון אידישען פאָלק

הייבען זיך אָן פון דער צייט פון ארתחשׁשתא אָדער ארטא-קסערקסעס דעם 1טען (465—424 פ. קר.).

די 2טע פּאַרטיי פון די שבי גולה. עזרא און נחמיה. די ערסטע פּאַרטיי האָט אויפגעשטעלט דעם רעליגיעזען צענטער פון אידישען פּאָלק אין ירושלים, דעם בית המקדש. אָבער דער מאַטעריעלער און עקאָנאָמישער צושטאַנד איז נאָך אַלץ געווען זעהר טרויעריג. דאָס פּאָלק האָט געפאָדערט אַ ברייטערע אויטאָנאָמיע, וועלכע זאָל זיך פערברייטערן אויף אַלע צווייגען פון נאַציאָנאַלען לעבען. אָבער דאַמאָלס זיינען נאָך ניט געווען די מענשען, וואָס זיינען געוועזן אין שטאַנד דאָס צו טאָן. די אידען זיינען דאַמאָלס נאָר געוועזן אַ רעליגיעזע געמיינדע מיט דעם כהן גדול אַלס פיהרער. נאָך דעם טויט פון יויקים איז געוואָרען כהן גדול זיין זוהן אלישוב, דער עניקעל פון יהושע בן יהוצדק (460 פ. קר.). דיזען כהן גדול האָט געפעהלט די ענערגיע, וואָס איז נעטיג פיר די אָרגאַניזירונג פון אַ פּאָלק. די פיהרער פון פּאָלק זיינען דאַמאָלס געווען די כהנים און די עשירים, די געלט-אַריסטאָקראַטען. דאָס פּאָלק אין אַלגעמיין איז געווען זעהר אָרים. דיזע עשירים, ווייל זיי זיינען געשטאַנען ביים רודער פון דער רעגירונג, האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו עקספּלואַטירען די אָרימע קלאַס, און זיי האָבען זיך בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט. אין די הונגער-יאָהרען זיינען די אָרימע געווען געצוואונגען צו פער׳משכון׳ען זייערע פעלדער, וויינגערטנער, הייזער און אָפט זייערע קינדער צו די רייכע אום צו בעקומען עטוואָס געלט איבערצולעבען די שלעכטע צייט און צו בעצאָהלען די שטייער צו דער פּער-סישער רעגירונג. עס איז פיר די אָרימע קלאַס געווען זעהר שווער צו טראָגען אויף זיך די לאַסט פון דער דאָפּעלטער שטייער: צו דער פּערסישער רעגירונג און צו דער אידישער געמיינדע. בעזונדערס שווער איז געווען פיר די אַקער-לייט צו געבען מעשר, ד. ה. אַ צעהנטעל פון די פּראָדוקטען פון דער ערד, אום אויפצוהאַלטען די כהנים און דעם טעמפּעל. מען האָט אויך געמוזט צושטעלען אין טעמפּעל טעגליך אַ געוויסע צאָהל שאָף און אָפט, אין די ימים טובים, אויך אָקסען און רינדער צו מקריב זיין אויף דעם מזבח. פיעלע האָבען זיך ענטזאָגט צו געבען פון זייערע ערד-פּראָדוקטען און פון זייערע שאָף און רינדער פיר דיזען צוועק. עס פערשטעהט זיך, דאָס מעהר פון אַלעמען האָבען דערפון געליטען די כהנים און די לוים, וואָס האָבען גע-דינט אין טעמפּעל.

מיט דער צייט זיינען צוגעשטאַנען צום אידישען פּאָלק פיעלע גרים פון די נאָהענטע פעלקער. דיזע גרים האָבען פיעל געשאַדט דער ריינקייט

פון דער אידישער ראסע. הגם זיי האבען זיך בעקעהרט צום יודענטום, זיי-נען זיי אויך, נאטירליך, געוועזען צוגעבונדען צו זייערע פריהערדיגע גלויבענס-גענאסען און פלעגען זיך זעהר אפט מתחתן זיין מיט זיי. די עכטע אידען, איבערהויפט די רייכע, האבען זיי נאכגעטאן און ביי אידען האט זיך דא-מאלס פערשפרייט דער וואונש פון געמישטע הייראטען. עס האט אויסגע-וויזען, דאס אין א קורצער צייט, ווען די זאך וועט אזוי געהן ווייטער, וועלען זיך די אידען אסימילירען מיט אנדערע פעלקער און זייער קולט, די רע-ליגיאן, וועט אננעהמען די פארמע פון געצען-דינסט. געגען דיזען צושטאנד זיינען ארוים ד׳ בעסטע קרעפטען פון פאלק.

עס איז דאמאלס אויסגעוואקסען א נאציאנאלע פארטיי, וועלכע האט געשטרעבט דערצו, דאס מען זאל אפהיטען די אידישע נאציאן פון אסימי-לאציאן. אנדייטונגען וועגען דיזען צושטאנד געפינען מיר אין די נבואות פון א נביא, וועלכער טראגט דעם נאמען מ ל א כ י (מיין שליח), אבער זיין ריכטיגער נאמען איז אונבעקאנט. דיזער נביא מאכט פארווירפען דעם אידישען פאלק, וועלכעס האט אויפגעהערט צו היטען די ריינקייט פון דער אידישער ראסע און דער אידישער רעליגיאן. איבערהויפט טאדעלט ער די יעניגע פון פאלק, וועלכע גט׳ן זיך מיט זייערע אידישע פרויען אום צו קענען הייראטען פרויען פון אנדערע פעלקער.

דער צושטאנד פון די כהנים איז אין יענער צייט געוועזען זעהר טרויע-ריג. דאס פאלק האט צו זיי ניט געהאט קיין רעספעקט. דער נביא מלאכי בעשולדיגט די כהנים זעלבסט אין דיזען צושטאנד. זייער אויפפיהרונג איז געוועזען אזעלכע, דאס זיי האבען ניט פערדינט ביים פאלק קיין עהרע. דער כהן דארף זיין א מענש פול מיט וויסען, דאס פאלק דארף ערווארטען צו הערען פון איהם נאר א הויכע מאראלישע לעהרע, ער דארף ביי זיי זיין ווי א געטליכער מלאך מיט זיין אויפפיהרונג, מיט זיינע זיטען און מיט זיין קענטניס. אבער די כהנים פון יענער צייט זיינען געוועזען פון א זעהר נידריגען כאראקטער: זיי האבען געטאן מעשים, וועלכע דאס פאלק זעלבסט האט פערדאמט. אנשטאט צו דינען דעם פאלק אלס ביישפיל מיט זייערע גוטע מעשים און זיטען, זיינען זיי געוועזען זיינע פערפיהרער. דעריבער זאגט מלאכי נביאות, דאס גאט וועט שיקען זיין שליח, וועלכער וועט אפרייניגען דעם וועג פיר גאט. און באמת איז באלד ערשינען דער שליח, וואס דער נביא האט פארויסגעזאגט, און האט אנגעהויבען רייניגען די פעהלערן פון אידישען פאלק. דיזער שליח איז ניט געוועזען קיין נביא. מלאכי רעכענט זיך פיר דעם לעצטען נביא ביי אידען. די צייט האט געפאדערט אן אנדער

סארט מענש, א מענשען, וואס זאל זיך ניט בעשרענקען מיט רעדען און זאגען מוסר דעם פאלק, ווי די נביאים זיינען געווען. די צייט האט געפא-דערט א טעטיגען, פראקטישען מענשען, וועלכער זאל פעראייניגען ווארט און טאט. אין לאנד יהודה האט זיך דאמאלס אזא מאן ניט געפונען. אזא מאן איז געקומען אין יהודה פון בבל, פון א לאנד, וואו עס האבען זיך דא-מאלס געפונען די בעסטע גייסטיגע קרעפטען פון אידישען פאלק צוזאמען מיט א גרויסען אוצר פון נאציאנאלער ענערגיע. דיזער מאן איז געווען עזרא, וועלכער איז געווען א מענש מיט א גרויסען פערשטאנד און א פייערדיגער ענערגיע. ער האט בעשלאסען צו קומען מיט א נייער פארטיי נאך ארץ ישראל און אונטערנעהמען א רעפארמע אין דעם גייסטיגען מצב פון דעם אידישען פאלק.

עזרא האט געשטאמט פון וויכטיגע כהנים. אלס גרויסער געלעהרטער אין תורה שבכתב און תורה שבעל פה האט ער פארטגעזעצט די ארבייט פון די נביאים אין רעדאקטירען די הייליגע שריפט (כתבי הקודש). ער האט זיך אויך געגעבען גרויס מיה צו מאכען בעקאנט דאס פאלק מיט תורת משה און די נביאים. ער האט פערשטאנען, דאס די אידישע נאציאן קען נאר דאן זיין שטארק מאראליש, ווען איהר לעבען וועט רעגולירט ווערען לויט דער קאנסטיטוציאן פון תורת משה. ווען ער האט דערהערט פון דעם שלעכטען צושטאנד פון אידישען פאלק אין ארץ ישראל און פון זיין מאראלישער גע-זונקענהייט, האט ער בעשלאסען צו קומען אהין און רעפארמירען די אידישע געמיינדעס. ער האט אבער דערצו געמוזט האבען די פולמאכט פון פערסי-שען קעניג ארתחשסתא (ארטאקסערקסעס לאנגימאנוס, 464—424 פ. קר.). עס האט ניט לאנג גענומען און די פערלאנגטע פולמאכט איז איהם געגעבען געווארען. ער האט מיט זיך גענומען א פארטיע פון 1,500 פערזאן, וועלכע האבען איהם פערשפראכען צו העלפען אין זיין אויפלעבענדער ארבייט.

אין ירושלים זיינען צוגעשטאנען צו עזרא'ן פיעלע פון דער נאציאנא-לער פארטיי, וועלכע זיינען געווען זעהר שטארק געגען אסימילאציאן. פון זיי האט זיך עזרא דערוואוסט, דאס דער רעליגיעזער גייסט איז זעהר שוואך אין פאלק, און דאס די הויפט-אורזאך דערפון זיינען די געמישטע חתונות מיט אנדערע פעלקער. מען האט בעשלאסען צו צווינגען די אסימילאטארען שיידען זיך מיט זייערע ניט-אידישע ווייבער. דאס פאלק האט געגעבען א הייליגע שבועה אין בית המקדש צו פאלגען פינקטליך דיזען בעשלוס. און דאס פאלק האט געהאלטען ווארט. דיזער פאקט האט שטארק אויפגערייצט די פעלקער, וואס זייערע טעכטער זיינען בעליידיגט און ארויסגעטריבען גע-

וואָרען פון פיעלע פאמיליעס פון אידישען פאָלק, און זיי האָבען אָנגעטאָן די אידען פיעל שאָדען, איבערהויפט דערמיט, וואָס זיי האָבען צושטערט די מויער פון ירושלים און האָבען זי געמאכט צוגענגליך צו די אידישע שונאים.

די פאטריאָטען האָבען אין דעם געזעהען א גרויסע שטערונג צו דער אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק; זיי האָבען אָנגעהויבען צו דענקען וועגען מיטלען צו בעפעסטיגען ירושלים געגען זייערע שונאים. אויך עזרא האָט באלד דערזעהען, דאָס אום זיינע רעפאָרמעס זאָלען דורכגעפיהרט ווערען, מוז ער האָבען די הילף פון א טיכטיגען, בעפולמעכטיגטען אדמיני-סטראַטאָר. אזא געהילף איז ווירקליך באלד ערשינען אין דער פערזאָן פון נחמיה בן חכליה, וועלכער האָט פערנומען א וויכטיגע שטעלע אין פערסישען הויף. ער איז געוועזען דער שר המשקים ביים קעניג ארתחשסתא (ארטאַקסערקסעס דעם 1טען).

נחמיה איז געוועזען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צום לאנד פון זיינע עלטערן און צום אידישען פאָלק. ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם שלעכטען מצב פון זיינע ברידער אין ירושלים, איז ער געוואָרען זעהר טרויעריג. ער האָט געוואַרט אויף א גינסטיגען מאָמענט, ווען ער זאָל קענען בעטען ביים קעניג די ערלויבניס איינצואָרדנען די אידישע געמיינדע-אנגע-לעגענהייטען אין ארץ ישראל. עס איז איהם ווירקליך געלונגען צו פועל'ן ביים קעניג, אז ער זאָל איהם געבען די פערלאַנגטע פולמאכט צו בעפעסטיגען ירושלים. דער קעניג האָט איהם בעשטימט צום פחה (גובערנאַטאָר) פון ירושלים און האָט אויך געשריבען צום שטאטהאלטער פון סיריען, אז ער זאָל געבען נחמיה'ן פיר א פעסטונג די נעטיגע מאַטעריאַלען פון די קעניג-ליכע וועלדער.

אין פריהלינג פון יאָהר 445 פ. קר. איז נחמיה אָנגעקומען אין ירושלים. ער האָט בעטראַכט די צושטערטע מויער און האָט געבעטען הילף פון די אידישע פיהרער אין זיין אונטערנעהמונג צו בעפעסטיגען ירושלים. דאָס איז ניט געפעלען געוואָרען די אידישע שונאים. זיי האָבען באלד דערזעהען, דאָס די נאציאָנאלע פארטיי וועט שאדען זייערע אינטערעסען, זיי וועלען מעהר ניט קענען הערשען אין ירושלים, ווי פריהער, און זיי האָבען אָנגעהויבען אינטריגירען. זיי האָבען געשריבען צום קעניג, דאָס נחמיה איז א רע-וואָלוציאָנער און וויל מאכען יהודה אונאָפּהענגיג פון פערסיען. אָבער נחמיה האָט זיך ניט דערשראָקען פאר די מוסרים און האָט פאָרטגעזעצט זיין ארבייט.



עזרא לייענט די תּורה פאַר'ן פאָלק.

נאָך דארע.

צוויי מאָנאַטען האָט דאָס פאָלק ענערגיש געאַרבייט ביז עס איז זיי געלונגען צו ענדיגען די מויער. נאָכדעם האָט זיך נחמיה גענומען צו פערגרעסערן די צאָהל איינוואוינער פון ירושלים. 10 פראָצענט פון דער בעפעלקערונג פון דער פראָווינץ האָט געמוזט על פי גורל בעזעצען זיך אין ירושלים. אין יענער צייט זיינען געקומען צו נחמיה'ן פיעלע פון דער אָרימער קלאַס און האָבען זיך בעקלאָגט אויף די רייכע, דאָס זיי מיט זייערע קינדער זיינען פער'משכון'ט ביי די רייכע, וועלכע האָבען זיי אין גאַנצען רואינירט. נחמיה האָט צוזאַמענגערופען די עשירים, האָט זיי גוט אויסגעשטראָפט און זיי האָבען אומגעקעהרט צו די אָרימע אַלע זייערע משכנות און האָבען זיי מוחל געווען זייערע חובות.

צוועלף יאָהר איז נחמיה געווען גובערנאַטאָר אין ירושלים און האָט געמאַכט גוטע אָרדנונגען אין סאָציאַלען לעבען פון די אידען אין דעם גייסט פון תורת משה. אום דאָס פאָלק זאָל מיט דער צייט דיזע אָרדנונגען ניט אָפּשאַפען, האָט ער זיך געווענדעט צו עזרא'ן, אז ער זאָל איהם העלפען בעקאַנט מאַכען דאָס פאָלק מיט די גערעכטיגע פרינציפּען פון תורת משה, אום זיי זאָלען זיין אין שטאַנד צו פיהרען אַן עהרליכעס סאָציאַלעס לעבען. עזרא האָט זיך דאַן גענומען צו מאַכען בעקאַנט דאָס פאָלק מיט תורת משה, און נחמיה האָט די געזעצען פון דער תורה איינגעפיהרט אין דער פּראַקטיק.

דעם ערסטען טאָג ראש השנה (לערך צווישען 444 און 433 פ. קר.) האָבען עזרא און נחמיה פערזאַמעלט דאָס פאָלק געגען „שער המים", און עזרא האָט פאַר זיי פאָרגעלעזען אייניגע ערטער פון דער תורה, פון וועלכע זיי האָבען געקענט פערשטעהן, וואָס די תורה פאָדערט פון זיי אום זיי זאָלען זיך קענען פערשאַפען אַ דויערהאַפטע עקסיסטענץ און צופרידענהייט פיר אַלע קלאַסען. נאָך דעם יום טוב סוכות, וועלכען דאָס פאָלק האָט געפייערט מיט גרויס שמחה, האָבען די פאָרשטעהער פון פאָלק, אונטער דרע פיהרונג פון עזרא און נחמיה, אויפגעשריבען אַן אַקט (כתב אמנה), אין וועלכען דאָס פאָלק האָט זיך פערפליכטעט אויפצופיהרען זיך ווי עס פאָדערט תורת משה, און די פאָרשטעהער האָבען דיזען אַקט אונטערגעשריבען. דיזע אונטערגעשריבענע פאָרשטעהער זיינען געווען די ערסטע מיטגלידער פון די „אנשי כנסת הגדולה". דאָס איז געווען אַ סאָרט סענאַט, וואָס האָט רעגולירט דאָס סאָציאַלע און רעליגיעזע לעבען פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט געגעבען אַ הייליגע שבועה אויפצופיהרען זיך פּינקטליך לויט דיזען אַקט.

כל זמן נחמיה איז געווען דער גובערנאַטאָר אין ירושלים האָט זיך דאָס פאָלק אויפגעפיהרט נאָך דער פאָרשריפט פון דעם אַקט. אָבער נאָך דעם,

די שומרונים ווייזען זייער ספר תורה.

ווי דער קעניג האָט איהם צוריקגערופען צו זיין שטעלע אין הויף, איז די גאַנצע אָרדנונג אָפּגעשוואַכט געוואָרען. די אַסימילאַטאָרען זיינען צוריק ארויף אויף די סצענע. דער כהן גדול אלישיב האָט געגעבען אַן אָמט אין טעמפּעל צו זיינעם אַ קרוב טוביה פון די בני עמון, דער חלול שבת בפרהסיא און די געמישטע חתונות זיינען ווידער געוואָרען אַ געוועהנליכע זאַך, און אפילו דעם כהן גדול'ס ענִיקעל האָט געהייראַט די טאָכטער פון דעם שומרוני סנבלט.

ווען נחמיה האָט זיך דערוואוסט פון דיזע ענדערונגען אין ירושלים, האָט ער ווידער געבעטען ביים קעניג ערלויבנים צוריקצוגעהן אין ירושלים, צו שטעלען אָרדנונג. דער קעניג האָט עס איהם ערלויבט, און האָט איהם ווידער געגעבען די שטעלע פון גובערנאַטאָר. באַלד, ווי ער איז אָנגעקומען אין ירושלים, האָט ער ארויסגעטריבען פון בית המקדש טוביה העמוני. דעם כהן גדול'ס ענִיקעל, וואָס האָט געהייראַט אַ סאַמאַריטאַנערין, האָט ער ארויס־געטריבען פון דער אידישער געמיינדע. ער האָט ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל שטרענג אָפּהיטען שבת, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, דאָס אין אייניגע אידישע פאַמיליעס עקסיסטירען נאָך געמישטע חתונות, האָט ער יפעררופען די פאָטערס פון דיזע פאַמיליעס און האָט זיי שטאַרק גע'־מוסר'ט. פון דאַמאָלס אָן האָבען אויפגעהערט ביי אידען געמישטע חתונות.

אַזוי האָט די גרויסע רעפאָרמע פון עזרא און נחמיה זיך פעסט איינגע־וואָרצעלט אין פאָלק. די אידען האָבען זיך זייט דאַן אָפּגעשלאָסען פון אַלע פעלקער, וועלכע זיינען געשטאַנען נידריגער פון זיי אין מאָראַלישער הינזיכט. דאָס האָט זיי געגעבען קראַפט צו עקסיסטירען און בעשיצט פון אונטער־גאַנג אין דער לאַנגער צייט פון זייער גלות.

נאָך דעם, ווי די שומרונים האָבען זיך איבערצייגט, דאָס זיי קענען זיך ניט פעראייניגען מיט די אידען, האָבען זיי פיר זיך געשאַפען אַ בעזונדערן רעליגיעזען צענטער אין דער שטאָדט שכם און האָבען זיך אָנגעהויבען צו רעכנען אַלס די קינדער פון די עשרת השבטים. סנבלט האָט פיר זיי אויס־געבויט אַ שענעם טעמפּעל אויף'ן באַרג גריזים. דער ערסטער כהן גדול אין דעם נייעם טעמפּעל איז געווען מנשה, דער איידים פון סנבלט'ן. דיזער מנשה איז עס געווען דער יעניגער, וואָס נחמיה האָט ארויסגעשטויסען פון קהל ישראל. אַלס אַ געזעצבוך האָבען זיי אָנגענומען תורת משה מיט איי־ניגע ענדערונגען. מיט דער צייט האָט זיך ענטוויקעלט אַ שטאַרקע שנאה צווישען די אידען און די שומרונים. די נביאים האָבען די שומרונים ניט אָנערקענט, ווייל זיי טאַדלען אָפּט די בני אפרים, ד. ה. ד. עשרת השבטים,

נאָר דעם ספר יהושע אָנערקענען זיי, ווייל יהושע שטאַמט פון שבט אפרים. אָבער דיזער ספר איז ביי זיי פיעל געענדערט אין פערגלייך מיט אונזערען. אין זייער ספר יהושע געפינען זיך זעהר פיעלע לעגענדעס פון זייער פערגאַנגענהייט.

די ענטוויקלונג פון יודענטום זינט עזרא׳ס צייטען. אין דער ערסטער צייט פון דער פערסישער רעגירונג איבער ארץ ישראל האָבען די אידען געהאָפט צו בעקומען פּאָליטישע זעלבּשטענדיגקייט, אָבער זיי האָבען זיך באַלד איבערצייגט, דאָס זיי זיינען נאָך געווען ווייט פון דיזען ציל; זיי האָבען זיך געמוזט צופרידען שטעלען מיט דער אויטאָנאָמיע, וואָס מען האָט זיי געגעבען. עזרא און נחמיה האָבען גוט פערשטאַנען דעם מצב און האָבען זיך געגעבען אַלע מיה איינצואָרדנען די אויטאָנאָמיע אין דעם גייסט פון דער תורה.

פון דער צייט פון עזרא׳ן האָט זיך ענטוויקעלט צווישען אידען אַ נייע קלאַס געזעץ־לעהרער, וועלכע זיינען בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען „סופרים“. דאָס זיינען געווען די חכמים, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט בעלעהרען דאָס פאָלק און עס מאַכען בעקאַנט מיט דער תורה און די אידישע געזעצען. זיי זיינען געווען די ערקלערער פון דער תורה און האָבען געזוכט צו ברייינגען אין איבעראיינשטימונג די תורה מיט׳ן לעבען. די תורה איז געווען דער פונדאַמענט פון אַלע געזעצען, וועלכע רעגולירען דאָס לעבען פון פאָלק. אָבער אַזוי ווי ניט אַלעס האָט מען געקענט געפינען בפירוש אין דער תורה, און אַזוי ווי די תורה איז דאָך געטליך און מען טאָר צו איהר ניט צוזעצען און פון איהר ניט אַראָפּנעהמען, האָבען די סופרים געמוזט אַלעס אויסטייטשען אין די ווערטער פון דער תורה.

לויט דער בעהויפּטונג פון תלמוד שטאַמען זעהר פיעלע נייע געזעצען פון דער צייט פון די סופרים און די אנשי כנסת הגדולה. אויך געוויסע תפילות, ווי די שמונה עשרה און קריאת שמע, קומען פון זיי. אויך איינינע געזעצען פון שבת און מעהרערע סאַניטאַרישע רעגלען (דיני טומאה וטהרה ומאכלות אסורות) שטאַמען פון זייער צייט. די סופרים האָבען אויך פערברייטעט בילדונג און זיטענלעהרע צווישען די איבריגע שיכטען פון פאָלק. די לעהרעס פון דיזער צייט האָבען זעהר פיעל געווירקט אויפצוהאַלטען דאָס אידישע פאָלק. שפּעטער, ווען די גריכען האָבען געצוואונגען די אידען אָפּצופאַלען פון זייער רעליגיאָן, זיינען דיזע געווען בערייט צו אָפּפערן זייער לעבען און ניט אויפגעבען זייער גלויבען, וואָס האָט אייגענטליך געמיינט זייער עקסיסטענץ אַלס פאָלק.

די אָפיציעלע שפראַך פון אַלע פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטער פערסיען, איז געווען אראמעאיש (תרגום לשון). אויך די אידען האָבען גע-רעדט דיזע שפראַך. די העברעאישע שפראַך האָט נאָר געהערשט אין דער סינאַגאָגע און אין דער ליטעראַטור. באַלד אָבער האָבען די אומשטענדען געפאָדערט, דאָס די אראַמעאישע שפראַך זאָל צום טייל אויך איינגעפיהרט ווערען אין דער סינאַגאָגע. עס איז געוואָרען נעטיג איבערצוזעצען פיר דאָס פאָלק די אָפּטיילונגען פון דער תורה, וואָס מען האָט געלייענט אום שבת אין דער סינאַגאָגע (די סדרות), פון העברעאיש אין אראַמעאיש (תרגום־לשון).

אין יענער צייט איז געשעהן נאָך אַ וויכטיגע נייעס, וועלכע האָט גע-האַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון אידישען גייסט, און דאָס איז — די ענדערונג פון דער שריפט. אָנשטאָט דעם פעניצישען אלף־בית האָט עזרא איינגעפיהרט דעם אזוי־גענאַנטען „כתב אשורי“, וועלכער ווערט עד היום געברויכט ביי אונז. דיזער כתב איז פיעל גרינגער צו לעזען, ווי דער פעניצישער, און דאַרום איז געלעהרזאַמקייט געשווינד פערשפּרייט גע-וואָרען צווישען די אידען.

די פערברייטונג פון דער תורה האָט געפיהרט צו פערמעהרען די צאָהל פון סינאַגאָגען. יעדע געמיינדע אין דער פּראָווינץ האָט זיך געבויט אַ סי-נאַגאָגע, וואו מען האָט זיך פערזאַמעלט צום רעליגיאָנס־דינסט דורך תפילות און לייענען אָפּטיילונגען (פּרשיות) פון דער תורה און די נביאים. דיזע סי-נאַגאָגען האָבען דאַמאָלס געהאַט דעם נאָמען „קהל חסידים“ (פערזאַמלונגען פון פרומע). דאָס איז דאַמאָלס געוואָרען אַ גרויסע נויטווענדיגקייט, ווען דער רעליגיעזער גייסט איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט אין פאָלק, און ניט יעדער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו בעזוכען דעם טעמפּעל אין ירושלים. די סינאַגאָגען האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם נאַציאָנאַלען גייסט פון פאָלק.

די אנשי כנסת הגדולה האָבען אויך רעדאַקטירט די נביאים און די כתובים. די אויסגעצייכענטע אָרדנונג, וואָס מיר געפינען אין די נביאים ראשונים, צייגט קלאָר, דאָס אין דעם האָבען געאַרבייט געניטע הענט. אין דיזע ספרים ווערט דערצעהלט די געשיכטע פון אידישען פאָלק פון יהושע׳ן ביז די אידען זיינען פערטריבען געוואָרען אין בבל. די געשיכטליכע פאַקטען זיינען דאָרט געגעבען אין אַן אויסגעצייכענטען צוזאַמענהאַנג. דער צענ-טער פון אַלע ערצעהלונגען איז דאָס אידישע פאָלק. געהט עס אין ריכטיגען וועג — איז עס גליקליך; טרעט עס אָפּ פון גלייכען וועג — ליידט עס.

אויך די רעדעס און פּראָפּעצייהונגען פון די נביאים זיינען צוזאַמענגעקליבען און רעדאַקטירט געוואָרען פון עזרא'ן און די אנשי כנסת הגדולה. אַ ביסעל שפּעטער האָבען זיי געמאַכט נאָך אַ זאַמלונג אונטער'ן טיטעל „כתובים", וועלכע ענטהאַלטען אין זיך רעליגיעזע פּאָעזיע (תהלים), וועלט־קלוגהייט (משלי), רעליגיעזע פילאָזאָפיע איבער די פראַגע: וואָרום געהט עס דעם צדיק שלעכט אויף דער וועלט און דעם רשע גוט (איוב, קהלת). דיזע דריי אָפּטיילונגען: תורה, נביאים, כתובים (תנ"ך), שטעלען צוזאַמען די „כתבי הקודש", וועלכע זיינען אַזוי בעריהמט צווישען אַלע ציוויליזירטע פעלקער.

אין יענער צייט האָט זיך ביי די פּערסיער ענטוויקעלט אַ נייע רעליגיאָן. דער נייער געזעצגעבער, צאַראַאַסטער, האָט ערקלערט, דאָס אין דער וועלט ווירקען צוויי געטער (שתי רשויות), צוויי געגענזייטיגע קרעפטען, אָרמוזד, דער גאָט פון ליכט און לעבען, און אחרימאַן, דער גאָט פון פינסטערנים און טויט. דיזע צוויי געטער פיהרען צווישען זיך אַ שטענדיגען קאַמף. זיי האָבען אונטער זיך גאַנצע לעגיאָנען פון אונטערטעניגע קרעפטען. אָרמוזד האָט מחנות פון גוטע מלאכים און אחרימאַן — מחנות מלאכי חבלה. דיזער גלויבען האָט געהאַט אַן איינפלוס אויך אויף די אידען. דער נביא ישעיהו האָט פּראָטעסטירט געגען דעם גלויבען פון די שתי רשויות. עס איז דאָ נאָר איין שעפּער פון ליכט און פינסטערנים („יוצר אור ובורא חושך"), זאָגט ער. דאָך האָבען איינינגע פּרינציפּען פון דיזען גלויבען אריינגעדרונגען ביי אידען. נאָר די אידען האָבען זיי אַ ביסעל איבערגעמאַכט, זיי זאָלען שטימען מיט דעם פּרינציפּ פון דער איינהייט פון גאָט. פון יענער צייט געפינען מיר אין תנ"ך גוטע מלאכים און אַ שטן, וועלכער זוכט צו צושטערען אַלעס, וואָס גאָט האָט בעשאַפען, נאָר דער אידישער שטן איז אָפּהענגיג פון גאָט, ער טוט נאָר וואָס גאָט ערלויבט איהם.

אידען אין אַנדערע לענדער אין דער צייט פון דער פּערסישער הערשאַפט. אין בבל האָט זיך געגרינדעט אַ אידישער קולטור־צענטער זינט אידען זיינען פערטריבען געוואָרען אהין פון ירושלים. אין דעם ערסטען יאָהרהונדערט פון דער פּערסישער הערשאַפט איז די אידישע געמיינדע אין בבל געוועזען שטאַרק צוגעבונדען צו ירושלים. נאָך דעם, ווי די ערסטע גולי בבל האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין זייער אַלטע היים, איז נאָך אין בבל פערבליבען אַ גרויסע מאַסע אידען, אַזוי דאָס מיט 80 יאָהר שפּעטער האָבען זיי געקענט שיקען אַ נייע פּאַרטיע פון יונגע קרעפטען נאָך ירושלים אונטער

דער פּיהרערשאַפט פון עזרא'ן. וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דער באַבי־לאָנישער געמיינדע אין 2טען יאָהרהונדערט פון דער פּערסישער הערשאַפט, ווייסען מיר לחלוטין גאָר ניט.

אויסער בבל האָבען זיך אין יענער צייט געפונען אידישע געמיינדעס אויך אין פּרס. וועגען דעם שיקזאַל פון די אידען אין פּרס האָבען מיר אין דער ביבעל אַן ערצעהלונג „מגלת אסתר", וועלכע דערצעהלט וועגען אַ גע־וויסער געפאַהר, וואָס האָט געדראָהעט דער אידישער בעפעלקערונג אין פּרס אין גאַנצען פערניכטעט צו ווערען, נאָר דורך אַ נס זיינען זיי ניצול געוואָרען און צום אָנדענקען פון דיזען נס פייערן די אידען עד היום דעם יום טוב פּורים. אייניגע קריטיקער בעהויפּטען, דאָס די געשיכטע פון מגלת אסתר איז גאָר אַ מין ראָמאַן, און אין דער ווירקליכקייט האָט די געשיכטע גאָר ניט פּאַסירט. אָבער עס איז ניט צו גלויבען, דאָס אַ פאָלק זאָל פעראייביגען מיט אַ יום טוב אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

די אַנדערע אידישע וויכטיגע קהלה פון יענער צייט האָט זיך געפונען אין עגיפּטען. דיזע קהלה האָט זיך דאָרט געגרינדעט פון די עמיגראַנטען, וואָס זיינען ענטלאָפען אהין מיט'ן נביא ירמיהו נאָך דעם, ווי גדליהו בן אחיקם איז ערמאָרדעט געוואָרען. ניט לאַנג האָט מען געפונען אייניגע עגיפּטישע פּאַפּירוסען געשריבען אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, וואָס ענט־האַלטען אַ גאַנצע רייהע פון שטר מכירה'ס, כתובות און אַנדערע דאָקומענטען. די יאָהרען ווערען דאָרט גערעכענט נאָך די פּערסישע קעניגען: קסערקסעס, אַרטאַקסערקסעס און דריוש. פון דיזע דאָקומענטען איז קלאָר צו זעהן, דאָס די אידען האָבען דאָרט געהאַט אַ בית המקדש מיט אַ מזבח צו גאָט („בית מדבחא די אלהא שמיא"). דיזער טעמפּעל איז געווען אין אַ פעסטונג אויף'ן גרענעץ צווישען עגיפּטען און עטהיאָפּיען און האָט עקסיסטירט איבער 100 יאָהר; ער איז צושטערט געוואָרען אויף די ביטע פון אייניגע פאַנאַטישע עגיפּטישע פּריסטער דורך דעם קאָמענדאַנט פון יענער פעסטונג אין 14טען יאָהר פון דריוש דעם 2טען. די כהנים פון יענעם טעמפּעל האָבען זיך גע־ווענדעט וועגען דעם צום כהן גדול פון ירושלים, זיי האָבען אָבער קיין ענטפער ניט ערהאַלטען. דאַן האָבען זיי זיך געווענדעט צו דליה און שלמיה, די זיהן פון סנבלט השומרוני. דיזע האָבען ערפילט דעם וואונש פון די כהנים און האָבען גע'פּועל'ט ביי דריוש'ן, אַז מען זאָל זיי ערלויבען צוריק אויפבויען דעם טעמפּעל. די קהלה האָט אויך געהאַט אַ היבשע אויטאָנאָמיע, אייגענע הייזער, פעלדער און געשעפטען.

יד. די מאַטעריעלע און גייסטיגע קולטור פון אידישען פאָלק.

1. אַקערבוי און האַנדעל, הייזליכעס לעבען.

פון דער צייט, וואָס די אידען האָבען בעזיגט כנען און האָבען זיך דאָרט בעזעצט, איז דער אַקערבוי געוואָרען זייער הויפּט־בעשעפטיגונג. די פיה־צוכט, וועלכע איז פריהער געווען זייער בעשעפטיגונג, איז ביי זיי געוואָרען שוואַכער און שוואַכער. נאָר אין עבר הירדן האָבען זיך די איינוואוינער מעהרסטענס בעשעפטיגט מיט פיהצוכט. אַלס נאַטירליכע בעשעפטיגונג פון אַ מענשען האָט דאָס פאָלק דאַמאָלס גערעכענט די בעאַרבייטונג פון פעלדער, וויינגערטנער און אוילבערטען. דער אידעאַל פון פאָלק איז געווען — צו זיצען „יעדער אונטער זיין ווײנשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים“. דער באָדען פון פאַלעסטינאַ האָט זיך פון נאַטור ניט אויסגעצייכענט מיט זיין פרוכטבאַרקייט. עס האָבען זיך געפונען ערטער, וואו דער באָדען איז געווען וויסט, נאָר דער פלייסיגער אַקערבויער האָט געבראַכט די ערד אין אַ בליהענדען צושטאַנד. די טאָלען זיינען געוואָרען פול מיט גוטע, טייערע ווייצען, די בערג האָבען געבליהט מיט וויינגערטנער און אוילבערט־וועלדער. ניט נאָר אין דערפער, נאָר אויך אַרום די שטעדט זיינען געוואַקסען תבואות, וויינטרויבען, אוילבערטען און אַנדערע פרוכטען. דיזע בעשעפטיגונג איז ניט געווען די אַרבייט פון אַ בעזונדערער קלאַס, נאָר אויך די אַריסטאָקראַטיע פון פאָלק, זיינע פאָליטישע און גייסטיגע פיהרער, האָבען זיך מיט פערגניגען דערמיט בעשעפטיגט. דער קעניג שאול, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ זעהר בעריהמטער פאַמיליע, איז זעלבסט געגאַנגען איבער זיינע פעלדער מיט׳ן פלוג־אייזען (סאָכע). די גרויסע נביאים אלישע און עמוס האָבען זיך בעשעפטיגט — דער ערסטער מיט אַקערבוי, דער אַנדערער מיט פיהצוכט און פלאַנצען סיקאַמאָרען (ש ק מ י ם, אַן אַרט פייגענבוימער).

אין פאַלעסטינאַ זיינען די תבואות צייטיג געוואָרען אין אָנפאַנג פריהלינג, די שניט־צייט איז אויסגעקומען צו ענדע פריהלינג. דאָס צוזאַמענקלייבען די טרויבען אין די וויינגערטנער און דאָס אַריינגעהמען די אויסגעדראָשענע תבואות אין די שפּייכלערס איז געווען צו ענדע זומער אָדער אין אָנפאַנגס הערבסט. צו דיזע צייטען פון יאָהר זיינען בעשטימט געוואָרען די דריי גרויסע אידישע ימים טובים: פ ס ח, ווען די תבואות אין פעלד זיינען פערטיג געוואָרען; ש ב ו ע ו ת, ווען מען האָט געשניטען די תבואות פון די פעלדער (חג הקציר), און ס ו כ ו ת, ווען מען האָט אַלעס פון די

פעלדער און וויינגערטנער אריינגענומען אין די שפייכלערם (חג האסיף).
דער יום טוב פסח האט אויך געהאט א היסטארישע בעדייטונג — ער האט געדינט צום אנדענקען פון דער צייט, ווען אידען זיינען בעפרייט געווארען פון זייער קנעכטשאפט אין מצרים. דער געברויך פון מצות אין דיזען יום טוב האט צוויי בעדייטונגען: ערסטענס איז דאס א סימבאל פון צייטיג-ווערען פון די תבואות, און צווייטענס איז דאס צום אנדענקען, דאס ווען די אידען זיינען ארויס פון מצרים האבען זיי ניט געהאט קיין צייט צו ווארטען ביז זייער טייג איז געווארען זויער און פערטיג צום באקען און זיי האבען עס געגעסען אונגעזייערט, נאר געטריקענטע מצות. אין דער צייט, ווען דאס אידישע פאלק איז געזעסען אין זיין לאנד האט געשפילט מעהר ראלע דער ערסטער סימבאל, אבער אין זיין גלות-צייט — דער צווייטער.

אויסער די דריי ימים טובים, וואס מיר האבען דערמאהנט, האבען די אידען פון אור-אלטע צייטען געפייערט איין טאג יעדע וואך אלס טאג פון רוה. דיזער טאג איז געוועזען בעוואוסט אונטער'ן נאמען שבת (רוה-טאג). אין דער תורה געפינען מיר צוויי ערקלערונגען פיר דיזען טאג. איין ערקלערונג איז, דאס דער שבת איז צום אנדענקען, אז גאט האט בעשאפען די וועלט אין זעקס טעג און דעם זיבעטען טאג האט ער גערוהט (שמות כ, 11). אן אנדער ערקלערונג איז, אז דער שבת איז געגעבען געווארען אום אידען זאלען געדענקען, דאס זיי זיינען געוועזען אמאל פערשקלאפט אין מצרים און גאט האט זיי פון דארט בעפרייט, און דריבער מוז אין דיזען טאג רוהען ניט נאר יעדער איד זעלבסט, נאר אויך זיין שקלאף, זיין פערד, זיין עזעל א. אז. וו. (דברים ה, 14—15).

דאס אידישע געזעץ האט אויך געפאדערט, דאס די ערד זאל רוהען איין יאהר אין 7 יאהר, מען זאל זי ניט בעארבייטען, ניט אקערן זי, ניט זעען אויף איהר, און וואס עס וואקסט פון דער נאטור זעלבסט אין דיזען יאהר, וועלכעס איז געוועזען בעקאנט אונטער'ן נאמען שמטה-יאהר, האט יעדער פרעמדער דאס רעכט צו געניסען צוגלייך מיט דעם אייגענטימער, ווייל וואס די נאטור גיט זעלבסט ארויס אהן דער ארבייט פון מענשען, האט ניט קיין איינציגער מעהר רעכט דערויף ווי אן אנדערער.

מיט דער צייט האט זיך ענטוויקעלט ביים אידישען פאלק אויך דער האנדעל. אבער אויך דאן איז דער אקערבוי געבליבען די הויפט-בעשעפטיגונג פון פאלק. די פראפעטען און די גרויסע גייסטיגע פיהרער זיינען געוועזען געגען דער בעשעפטיגונג מיט האנדעל, וועלכער איז געגרינדעט, נאך זייער מיינונג, אויף בעטרוג, ווי דער נביא הושע דריקט זיך אויס: „דער סוחר

האָט אימער אין זיינע הענט אַ פאַלשע וואָג, ווייל ער ליבט צו רויבען" (הושע יב, 8). אָנפאַנגס, אין שלמה'ס צייטען, איז דער האַנדעל געווען די מאָנאָפּאָליע פון דער רעגירונג, וועלכע פלעגט שיקען קאַראַוואַנען און שיפען אין פרעמדע לענדער פיר האַנדעלס־צוועקען. אין שפּעטערע צייטען האָט אחאב געהאַט מערק אין דמשק, ווייל ער האָט ערלויבט ארם צו האָבען מערק אין שומרון. דער האַנדעל האָט געשאַפען נייע שטעדט אין די צייטען פון עוזיהו און ירבעם דעם 2טען. דער האַנדעל האָט ענטוויקעלט די מאַכט פון קאַפּיטאַל, וועלכער איז געוואַקסען דורך פּראָצענט, איבער־הויפּט דורך תבואה; דאָס הייסט, דער לוה, וואָס האָט געבאָרגט די תבואה, האָט געמוזט בעצאָהלען די פּראָצענט מיט תבואה. ווען דער לוה האָט ניט געהאַט צו בעצאָהלען דעם מלוה זיין חוב, האָט דיזער געהאַט דאָס רעכט צו פערקויפען פיר אַ שקלאַף דעם לוה אָדער זיינע קינדער. דער קאַפּיטאַל האָט געשאַפען אין פאָלק קלאַסען — רייכע און אָרימע. די נביאים, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ דעמאָקראַטישען גייסט, האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט געגען די אונרעכטען פון די געלט־מעכטיגע. דער נביא עמוס האָט פאָרגעוואָרפען די יעניגע פון פאָלק, וועלכע ערלויבען זיך צו פערקויפען אַן עהרליכען מאַן פיר געלט, און אַן אָרימען מאַן פיר אַ פּאָאַר שיך, ד. ה. פיר אַ קלייניגקייט (עמוס ב, 6). „פּראָצענט", וואָס ווערט בעצייכענט אין העברעאיש מיט'ן וואָרט „נשך", וועלכעס בעדייט „בייסען", האָט דאָס געזעץ שטרענג פערבאָטען. ליידער האָבען די פּראָטעסטען פון די נביאים ווייניג געהאָלפען. דאָס לעבען, דער עקאָנאָמישער פּראָצעס האָט זיך געטאָן זיינס. דער האַנדעל האָט זיך פערברייטערט מעהר און מעהר, און מיט איהם האָבען אויך געוואַקסען די מאַכט פון קאַפּיטאַל און די ליידען פון דער אָרימער קלאַס.

אין די ערטער, וואו די הויפּט־בעשעפטיגונג איז געבליבען דער אַקערבוי, איז דאָס לעבען געווען אַן איינפאַכעס. הייזער האָט מען געבויט פון האָלץ, מעהרסטענס איין־שטאָקיגע. נאָר די רייכערע האָבען געהאַט אַן עליה (אויבערסטע קאַמער). אויך די מעבעל זיינען געווען זעהר איינפאַכע. אין דער עליה פון דעם נביא אלישע, וועלכער איז איינגעשטאַנען אין אַ רייכען הויז, איז נאָר געשטאַנען אַ בעט, אַ טיש, אַ שטוהל און אַ מנורה. אויך די קליידער זיינען געווען זעהר איינפאַכע: אַן אונטער־קלייד און אַ מאַנטעל, מיט וועלכען די אָרימע קלאַס פלעגט זיך בענוצען ביי נאַכט אלס אַ דעקע אין שלאָף. די געוועהנליכע שפּייז זייערע איז געווען מצות פון ווייצען־ אָדער גערשטען־מעהל, אָדער קוכענס געמאַכט מיט בוימעל, גרינס און פרוכט. די דאָרף־לייט פלעגען געברויכען פלייש זעהר זעלטען, געוועהנליך נאָר אין אַ

יום טוב, ווען זיי פלעגען קומען אין שטאָדט, וואו דער טעמפעל איז געשטאַנען, צו ברייננגען אַ קרבן שלמים, פון וועלכען אַ טייל האָט געהערט צו די כהנים און אַ טייל האָט געגעסען דער אייגענטימער פון דעם קרבן מיט זיין פאַמיליע. די רייכע לייט, איבערהויפט אין די גרויסע שטעדט, וואו עס זיינען שוין געווען סוחרים קאַפּיטאַליסטען, האָבען שוין געפיהרט אַן אַנדער ארט לעבען. דער נביא עמוס מאַכט ביטערע פאָרווירפען די רייכע לייט און בעזונדערס זייערע פרויען, וועלכע לעבען אין גרויס לוקסוס, עסען פעטע פליישען און טרינקען טייערע ווינען, וואוינען אין שענע פּאַלאַצען, שלאָפען אין בעטלאָך פון עלפאַנד־ביין א. ד. גל. (עמוס ו).

2. פאַמיליען־לעבען, געזעלשאַפט, רעגירונג.

דאָס פאַמיליען־לעבען ביי די אַלטע העברעער איז געווען פיעל ריינער, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער פון יענער צייט. צום מעהרסטען האָט יעדער פאַמיליען־מאַן געהאַט נאָר איין ווייב, אַ צווייטע האָט ער גענומען נאָר אין פאַל, ווען די ערסטע איז געווען קינדערלאָז (אַן עקרה). הגם די קעניגען האָבען געהאַט דאָס רעכט צו נעהמען מעהר ווי איין ווייב, דאָך געפינען מיר זעלטען, נאָך דעם קעניג שלמה, אַז אַ אידישער קעניג זאָל האָבען פיעלע ווייבער. ווען איינער האָט גענומען נאָך אַ ווייב, איז זי ניט געווען אַ ריכטיגע ווייב, גלייך אין רעכטען מיט דער ערסטער, נאָר זי איז געווען אַ פּלגש, וועלכע מען פלעגט געוועהנליך נעהמען פון די שקלאַפינס, אָדער פון די קריגס־געפאַנגענע. עס האָט זיך מאַנכמאָל, אָבער זעהר זעלטען, געטראָפען, דאָס איין מאַן האָט גענומען צוויי ווייבער מיט גלייכע רעכטען, אָבער אין דיזען פאַל זיינען געווען געוועהנליך צאַנקערייען צווישען די פרויען און דאָס האָט געשטערט דעם שלום בית. ווען אימיצער האָט געהייראַט מיט אַ מיידעל, האָט ער געמוזט געבען איהר פאָטער אַ געוויסע סומע געלט, וואָס האָט געהייסען מוהר. אַזוי איז נאָך דער מנהג עד היום. אין די אַלטע צייטען פלעגען אידען הייראַטען זעהר נאָהענטע קרובים, ווי צ. ב. אַ שוועסטער פון איין פאָטער, נאָר ניט פון דער זעלבער מוטער. אָבער שפּעטער האָט עס דאָס געזעץ פערבאָטען. דאָס רעכט פון עלטערן איבער קינדער איז געווען אונבעשרענקט. פיר בעליידיגען עלטערן אפילו נאָר מיט ווערטער (שילטען) האָט דאָס געזעץ בעשטראָפט מיט'ן טויט. אַ פאָטער האָט געהאַט דאָס רעכט צו פערקויפען זיין טאָכטער צו זיין אַ דינסט.

שקלאַפען האָבען די אידען געמענגט האָבען נאָר פון אַנדערע נאַציאָנען. אָבער די לאַגע פון די שקלאַפען איז געווען צווישען אידען פיעל בעסער ווי

צווישען אַנדערע פעלקער. דער שקלאַף האָט זיך גערעכענט פיר א מיטגליד פון דער פאַמיליע, און ווען דער אייגענטימער האָט איהם בעהאַנדעלט גרויזאַם, ווען ער האָט איהם צ. ב. געשלאָגען אזוי שטאַרק, דאָס ביי איהם איז ארויסגעפאַלען א צאָהן, איז ער דערמיט געוואָרען אין גאַנצען בעפרייט פון שקלאַפעריי. פון אידישען פאָלק האָט מען ניט געטאָרט זיין קיין שקלאַפען. עס האָט זיך אָבער אָפט געמאַכט, אז דאָס געזעץ האָט פערקויפט א אידען, ער זאָל טאָן ארבייט, ווען ער האָט צ. ב. בעגאַנגען א גנבה און האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען. אָבער ער האָט געקענט פערקויפט ווערען נאָר אויף א געוויסע צייט — ניט מעהר פון זעקס יאָהר. מערקווירדיג איז, דאָס די אידען אין יענע צייטען האָבען זיך ניט בעשעפטיגט מיט'ן שקלאַפען־האַנדעל. נאָר די פעניציער און די גריכען האָבען זיך צום מעהרסטען דערמיט בעשעפטיגט.

די נייע קריטיקער בעהויפּטען, דאָס די אידישע געזעצען פון פאַמיליען־לעבען זיינען גענומען געוואָרען פון אַן אַלטען געזעץ־בוך, וואָס איז יעצט בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „קאָדעקס האַמוראַבי" (האַמוראַבי איז געווען א קעניג אין בבל מיט 1,000 יאָהר פאַר משה רבנו). אָבער ווען מען בעטראַכטביידע געזעץ־ביכער, די תורה מיט'ן קאָדעקס האַמוראַבי, געפינט מען איבעראַל א זעהר גרויסען אונטערשייד. לויט דער תורה איז די לאַגע פון א פרוי אין דער פאַמיליע פיעל העכער איידער לויט די געזעצען פון האַמוראַבי. צ. ב. דער קאָדעקס האַמוראַבי ערלויבט א מאַן ארויסצוטרייבען זיין פרוי אָהן א שום אורזאַך. די תורה אָבער ערלויבט א מאַן צו גט'ן זיין ווייב נאָר אין פאַל, ווען עס ווערט בעוויזען, דאָס זי איז איהם געווען אונטריי.

געזעלשאַפט און רעגירונג. יעדער איינצעלנער פון אידישען פאָלק האָט געהאַט גלייכע רעכטען מיט אַלע אַנדערע. קיין קאַסטעס, קלאַסען זיינען ניט געווען. צו 20 יאָהר איז א מאַן געוואָרען פול־יעהריג, און איז געווען פערפליכטעט צו געהן אין קריג אויב עס איז געווען נעטיג.

פון פאָלק זיינען געווען אונטערשידען אויסלענדער (נכרים) און איינוואוינער צווישען אידען פון פרעמדע לענדער (גרים). דעם אויסלענדער האָט דאָס געזעץ בעהאַנדעלט ווי אַן אורח, אָבער דער גר איז געווען אונטער דעם פולען שוץ פון דעם געזעץ. שטיצען א גר איז די געמיינדע געווען פערפליכטעט ווי צו שטיצען אַן אייגענעם אָרימאַן, א יתום אָדער אַן אלמנה. דאָס געזעץ האָט שטרענג פערבאָטען צו דריקען א גר. „געדענקט", זאָגט די תורה, „ווי אייך איז געווען, ווען איהר זייט זעלבסט געווען גרים אין מצרים" (שמות כג, 9).

יעדע שטאָדט מיט די דערפער, וואָס האָבען געהערט צו איהר, אָדער, ווי זיי ווערען גערופען אין העברעאיש, איהרע „טעכטער", האָבען צוזאַמענ-געשטעלט איין געמיינדע (עדה). אָן דער שפּיץ פון דער געמיינדע זיינען געשטאַנען די זקנים, וועלכע זיינען אויך געווען די ריכטער פון דער עדה. דער געריכטס־אָרט איז געווען אין אַן אָפענעם פּלאַץ פאַר דעם אריינגאַנג אין שטאָדט (בשער העיר). נאָר ווען עס איז אויסגעקומען צו געבען איינעם אַ שבועה, האָט מען איהם געבראַכט צום מזבח אָדער צום טעמפּעל. אין דער זיצונג פון די זקנים פלעגען אָפט נעהמען אַנטייל אויך כהנים און לוים. יעדע שטאָדט האָט געהאַט איהרע ריכטער, וועלכע האָבען גע'משפט ציווילע און קרימינעלע פערברעכענס. נאָר אין שווערע פעלען פלעגט מען ברייגען דעם משפט צום קעניג.

דאָס פאָלק האָט זיך אָפט געפיהרט לויט געזעצען, וועלכע זיינען ביי זיי געווען איינגעפיהרט נאָך פאַר מתן תורה. אַזוי צ. ב. איז געווען איינ-געפיהרט אין פאָלק, דאָס דער קרוב פון אַן ערמאָרדעטען האָט געהאַט דאָס רעכט צו טויטען דעם מערדער, ניט וואַרטענדיג ביז דאָס געריכט וועט איהם געפינען שולדיג (גואל הדם). ווען דער מערדער איז בעגאַנגען דעם מאָרד ניט ווילענדיג (בשוגג), האָט ער געקענט געפינען שוץ, ווען ער האָט זיך אָנ-געהאַלטען אָן מזבח, אָדער ווען ער איז ענטלאָפען אין איינע פון די ערי מקלט. דאָרט האָט איהם דער גואל הדם ניט געהאַט קיין רעכט צו ערמאָר-דען. מיט דער צייט איז פערוועהרט געוואָרען דעם גואל הדם צו נעהמען ראַכע פון דעם מערדער. דאָס געריכט האָט געמוזט געבען זיין אורטייל און בעשטראָפען דעם שולדיגען. פיר שווערע פערברעכענס האָט דאָס געריכט פעראורטיילט דעם פערברעכער צו טויט־שטראָף, וועלכע איז דורכגעפיהרט געוואָרען דורך פערשטייניגונג (סקילה) אויסער'ן שטאָדט פאַר די אויגען פון אַ גרויסער מאַסע פון פאָלק.

איינע פון די מערקווירדיגסטע אינסטיטוציאָנען פון די אַלטע העברעער איז געווען די איינריכטונג פון די ע ר י מ ק ל ט (צופלוכט־שטעדט) פיר דעם שוץ פון פערזאָנען, וועלכע האָבען בעגאַנגען אַ מאָרד אונגערן. די אַלטע פעלקער האָבען געהאַט צופלוכט־ערטער, וואו אַ פערברעכער איז גע-ווען זיכער, דאָס קיינער וועט איהם דאָרט ניט וואַגען צו ערמאָרדען. אַזעלכע ערטער זיינען איבערהויפּט געווען אַ טעמפּעל, אַ הייליגער וועלדעל, אַן אַל-טאַר, אַ בילד־זייל, און אין אַלגעמיין ערטער, וואָס זיינען געווען געהייליגט צו אַ גאָטהייט. ווער עס האָט זיך ערלויבט צו בעשטראָפען, אָדער צוצונעה-מען פון דיזע ערטער מיט גוואַלד אַ פערברעכער אום צו בעשטראָפען איהם,

איז געווען גערעכענט אלס בעליידיגער פון דער גאָטהייט, אונטער וועלכער'ס שוץ דער פערברעכער האָט זיך געפונען. אָבער ניט אלע מאָל האָט דעם פערברעכער אזא אָרט בעשיצט, און ווען ער האָט איהם יע בעשיצט, איז עס געווען צום שאָדען פון דער געזעלשאַפט, פיר וועלכע עס איז זעהר שעד-ליך צו בעשיצען אמת'ע פערברעכער. די אלטע פעלקער האָבען אליין אויך גוט פערשטאַנען דעם פעהלער פון אזא סאָרט שוץ פיר פערברעכער, זיי האָ-בען אָבער ניט געוואוסט, ווי צו מאַכען עס בעסער. זיי האָבען אָפט גע-מאַכט א פייער ארום דעם אָרט, וואו דער פערברעכער האָט זיך בעשיצט, אום ארויסצוויאָגען איהם פון דאָרט, מען האָט איהם געפייניגט מיט הונגער אום ער זאָל פערלאָזען דעם היילינען אָרט, און מען זאָל איהם קענען בע-שטראָפען, אָדער איבערגעבען צום געריכט. דער רוימישער קייזער טיבעריוס האָט אין גאַנצען אָפּגעשאַפט דעם מנהג, אז די היילינע ערטער זאָלען בע-שיצען א פערברעכער.

משה האָט די אינסטיטוציאָן פון צופלוכט אזוי איינגעאָרדענט, דאָס ער האָט געבראַכט דער געזעלשאַפט די ריכטיגע נוצען און קיין שאָדען. זיין פרינציפ איז געווען, דאָס גאָט איז די קוועלע פון גערעכטיגקייט, און דאָס שלעכטעס קען ביי איהם ניט געפינען קיין שוץ, און דעריבער איז אין זיין תורה דאָ א געזעץ, דאָס ווען איינער האָט ערמאָרדעט א מענשען במזיד (מיט אבזיכט), קען איהם אויך דער מזבח ניט בעשיצען. די צופלוכט-ער-טער, לויט די געזעצען פון דער תורה, זיינען ניט מזבחות און טעמפלען, נאָר געוויסע שטעדט, און נאָר פיר פערזאָנען, וועלכע האָבען בעגאַנגען זייערע פערברעכענס ניט ווילענדיג, נאָר אונגערן (בשוגג). משה האָט צו דיזען צוועק בעשטימט זעקס שטעדט אין אידישען לאַנד. אין דיזע שטעדט האָט געפונען שוץ יעדער מערדער, איד אָדער ניט-איד, וואָס האָט ניט ווילענדיג איינעם ערמאָרדעט. אָבער ווען עס איז אהין ענטלאָפען איינער, וואָס האָט בעגאַנגען א מאָרד מיט אבזיכט, האָבען איהם די בעאַמטע פון יענער שטאָדט איבערגעגעבען צו דער גערעכטיגקייט, מען זאָל איהם פראָצעסירען און בעשטראָפען. דער ניט-ווילענדיגער מערדער איז פערבליבען אין יענער שטאָדט בעשיצט ביז דער כהן גדול פון זיין צייט איז געשטאָרבען. נאָכדעם האָט ער זיך געקענט צוריקקעהרען אין זיין געבורט-שטאָדט, און קיינער פון די קרובים פון דעם ערמאָרדעטען האָט איהם ניט געקענט בעשטראָפען.

דיזע זעקס ערי מקלט האָבען געהערט צו די כהנים און לוים, וועלכע זיינען געווען די היטער פון דעם געזעץ, און אויף וועלכע עס איז געלעגען די פליכט חוקר ודורש צו זיין, אויב דער מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרען גערן

אַדער אונגערן. אויסער דיזע זעקס שטעדט זיינען אויך אַלע אַנדערע שטעדט, אין וועלכע עס זיינען געזעסען די כהנים און די לוים, געווען ערי מקלט.

די מיליטער־מאַכט איז שוין געווען גוט אָרגאַניזירט אין דער צייט פון די ערסטע קעניגען. אין צייט פון אַ גרויסען קריג האָט דאָס פאָלק זיך בעוואָפענט און האָט צוגעשטעלט צום שלאַכט־פעלד קריגער וויפיעל עס האָט געקענט. אָבער עס איז שוין אויך דאַמאָלס געווען אַן אָנפאַנג פון אַ שטענדיגער אַרמעע. דיזע איז בעשטאַנען פון בעריהמטע גבורים, ווי מיר געפינען עס אין דער צייט פון דער רעגירונג פון שאול'ן און איבערהויפּט אין דוד'ס רעגירונג. שפּעטער איז דער מיליטער־דינסט געוואָרען אַ פליכט איבערהויפּט פיר פאַמיליעס, וועלכע האָבען געהאַט גרונד־אייגענטום. עס זיינען געמאַכט געוואָרען פיעלע פעסטונגען צו בעשיצען דאָס לאַנד. אין דער צייט פון די שופטים און פון דעם נביא שמואל פלעגט זיך דאָס אידישע פאָלק מוזען בעהאַלטען אין העהלען און צווישען די בערג, ווען אַ שונא איז זיי בעפאַלען. שפּעטער, אין דער צייט פון די קעניגען, האָט אויך דאָס פאָלק געהאַט פעסטונגען צו בעשיצען זיך פון דעם שונא.

אין דער ערסטער צייט פון די קעניגען זיינען דיזע געווען נאָר די אָנפיהרער פון דער אַרמעע און זיי זיינען אַליין געגאַנגען אָן דער שפּיץ פון די קריגער אום צו בעשיצען דאָס לאַנד געגען יעדען אָנפאַל פון שונא. שפּעטער איז דער קעניג געוואָרען אויך דער העכסטער ריכטער אין לאַנד, ווי אויך דער ציוויל־רעגירער. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ זאַך, וואָס איז נוגע דעם קעניג זעלבסט, האָט דער קעניג זעלבסט ניט גענומען אין פּראָצעס קיין אָנטייל, נאָר די זקנים האָבען דאָס פערהאַנדעלט, ווי עס איז געווען אין דער געשיכטע פון נבות היזרעאלי. ווי עס שיינט, איז די ציוויל־רעגירונג ניט געווען קאָנצענטרירט אין דער האַנט פון קעניג און אין זיין רעזידענץ, נאָר יעדע פּראָווינץ האָט געהאַט איהר גובערנאַטאָר, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס גערופען „שר המדינה" (מ"א כ, 14—19).

די הוצאות אויף אויסצוהאַלטען דעם קעניגליכען הויף האָט געגעבען דאָס פאָלק. אָבער עס שיינט, דאָס דער הויף האָט געהאַט אייגענע גיטער און אַנדער אייגענטום. מיר געפינען צ. ב., דאָס דער קעניג עוזיהו האָט געהאַט פיעלע פעלדער און וויינגערטנער, מיט אַקערבויער און וויינגערטנער־אַרבייטער. אין פאַל פון נויט האָט דער קעניג גענומען פון די אוצרות פון בית המקדש.

די מאכט פון קעניג ביי די אידען איז קיינמאל ניט געווען א דעספאָ-טישע. דאָס פאָלק האָט אָפען און פריי געאורטיילט וועגען די מעשים פון קעניג, און די נביאים פלעגען זיי זעהר אָפט טאדלען מיט ביטערען און ביי-סענדען מוסר פיר זייער שלעכטע האנדלונג. ווען נבות היזרעאלי האָט ניט געוואָלט פערקויפען צום קעניג אחאב זיין וויינגאָרטען, איז אחאב געווען אין פערצווייפלונג, ווייל מיט זיין מאכט האָט ער איהם ניט געקענט צווינגען צו טאָן זיין ווילען. אויך אין אויסלאנד האָט מען געוואוסט, דאָס די אידישע קעניגען זיינען „מלכי חסד".

די קעניגען אין אזיען אין יענע צייטען זיינען אויך געווען די כהנים גדולים. דאָס זעלבע בעמערקען מיר אויך ביי די אידישע קעניגען. שאול און דוד האָבען אויך מקריב געווען קרבנות, ווי די כהנים גדולים. שפּעטער איז דיזע מאכט פערבליבען נאָר ביי די קעניגען פון די עשרת השבטים. אין יהודה אָבער, וואו די טהעאָקראַטיע (ממשלת כהנים) איז געווען פעסט איינגעוואָרצעלט אין לאנד, האָט דער קעניג דיזע מאכט ניט געהאַט. ווען דער קעניג עוזיהו האָט א מאל געוואָלט מקטיר זיין קטורת אין בית המקדש, איז דערפאר געוואָרען געגען איהם א שטארקער שטורם.

3. רעליגיאָן און געטליכער דינסט.

ווען די אידען זיינען געווען אין מצרים האָבען זיי אָפּגעלערנט פון די עגיפּטער זייער רעליגיאָן. ניט אכטענדיג אויף דעם, דאָס משה האָט עבודה זרה שטרענג פערבאָטען, האָבען די אידען ניט אויפגעגעבען אין גאנצען דעם קולט פון עגיפּטען אפילו נאָך דעם, ווי זיי האָבען דיזעם לאנד פערלאָזען. די ביבעל דערצעהלט פאָלגענדע געשיכטע, וועלכעס האָט פּאַסירט אין דער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געוואנדערט אין דעם מדבר. איינמאל, ווען משה איז געווען אוועק א לענגערע צייט, ווי מען האָט ערוואַרטעט, האָט זיך דאָס פאָלק אויפגעבונטעוועט און האָט געפאָדערט פון אהרן'ען, משה'ס ברודער, אז ער זאל זיי מאכען אן עגל — א גאָלדענעם אָפּגאָט אין דער געשטאלט פון א קאלב (א מין אָפּיס, אין וועלכען די עגיפּטער האָבען גע-גלויבט). אהרן איז געווען געצוואונגען נאָכצוגעבען דעם ווילען פון פאָלק. אום צו שאַפען דאָס נעטיגע גאָלד האָט אהרן אויסגעפאָדערט די אידישע פרויען צוזאַמענצוברייגען זייערע צירונגען, וועלכע ער האָט צושמאָלצען, און האָט דערפון אויסגעגאָסען א קאלב. דיזען אָפּגאָט האָבען די אידען גע-פייערט מיט קרבנות, מאָהלצייטען און טענץ. משה איז אין מיטען דערינען אָנגעקומען מיט די צוויי לוחות און איז געוואָרען ערציטערט איבער די ווילדע

הוליאַנקע פון דעם פאָלק. ער האָט פאַר כעס א וואָרף געטאָן די לוחות פון זיינע הענט און זיי צובראָכען. ער האָט דאַן אויפגעקליבען די טרייע אַרום זיך, האָט די שולדיגע געלאָזען בעשטראָפען און האָט דאָס קאַלב פערברענט און פערוואַנדעלט אין שטויב. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך בערוהיגט, איז ער איבער־אַ־ניים אַרויף אויף'ן באַרג סיני, האָט געמאַכט אַנדערע צוויי לוחות און האָט אָנגעהויבען ביסלאַכווייז אַרויסגעבען די תורה.

די געשיכטע מיט דעם גאָלדענעם קאַלב האָט משה'ן איבערציינט, דאָס מען מוז שאַפען פיר דאָס פאָלק עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל פיר זיי דינען אַלס אַ מיטעלפּונקט און זאָל בעאיינפלוסען זייערע רעליגיעזע געפיהלען. פריהער פאַר אַלץ איז געווען נעטיג אַן אָרט פיר אַ געאָרדענטען געטליכען דינסט — אַ טעמפעל. משה האָט געלאָזען מאַכען אַ טעמפעל אין אַזאַ סטיל און פאָרמע, ווי עס האָט געפּאַסט פיר דאָס לעבען פון די אידען אין דעם מדבר, וואו זיי האָבען זיך אָפט געמוזט בעוועגען, אַרומוואַנדערן. דער טעמפעל איז געמאַכט געוואָרען פון עצי שטים (אַקאַציען־בוימער), גאָלד און זילבער, טעפּיכען פון פּורפּור און אַנדערע קונסט־וועבעריי, און רייך־בעאַרבייטע פעלען. דער דאָזיגער טעמפעל האָט געהאַט דריי פערשיידענע נעמען: 1) אהל מועד, געצעלט פון פערזאַמלונג, 2) אהל העדות, געצעלט פון צייגניס (פון געזעץ) און 3) משכן, רוה־אָרט, וואוינונג.

די מנורה.

דער משכן איז געווען איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען: 1) דער פאָרהויף (חצר), וואו עס איז געשטאַנען אַ מזבח פיר קרבנות; 2) דאָס הייליגטום (מקדש), וואו עס איז געשטאַנען אַ גאָלדענער מזבח צום רויכערן קטורת, און 3) דער קדש הקדשים (הייליגסטער אָרט), וואו עס זיינען געשטאַנען די צוויי שטיינערנע לוחות מיט די צעהן געבאָט (עשרת הדברות). אין דעם מיטעלען טייל, אין דעם הייליגטום, איז אין דרום געשטאַנען אַ מנורה און אין צפון דער טיש מיט דעם לחם הפנים



דער משכן.

(שוי־ברויט). דאָס ברויט איז געווען אַ סימבאָל פון די פּראָדוקטען פון ערד־אַרבייט און איז געלעגט געוואָרען אין היילינטום צום ישוי פאַר גאָט אַלס צייכען פון דאנקבארקייט. עס זיינען געווען אויסגעלעגט אויף דעם טיש צוועלף ברויטען, נאָך דער צאָהל פון די צוועלף שבטים פון ישראל, אין צוויי רייהען פון זעקס. דער מִשכן און אַלעס, וואָס איז דערין געשטאַנען, די מזבחות, דער טיש פון לחם הפנים א. אַ זוו.., זיינען געווען געמאַכט אַזוי, דאָס מען זאָל זיי קענען לייכט איבערטראָגען פון איין אָרט אין אַן אַנדערען.

אַלס דינער אין משכן צו פיהרען די עבודה זיינען געווען בעשטימט אהרן אַלס כהן גדול און זיינע קינדער אַלס איינפאַכע כהנים, און די כהונה איז ערקלערט געוואָרען אַלס ערבליך (בירושה) צו אהרן'ס קינדער און



דער טיש פון לחם הפנים.

קינד'ס קינדער אויף דורות. אַלס געהילפען צו זיי זיינען בעשטימט געוואָרען די איבריגע פאַמיליעס פון דעם שבט לוי, צו וועלכען די כהנים האָבען געהערט. די כהנים און די לוים האָבען ניט נאָר געפיהרט דעם געטליכען דינסט אין טעמפּעל, נאָר זיי זיינען אויך געווען די לעהרער פון געזעץ און אַנווייזער אין מאָראַל.

משה'ס געזעצגעבונג שרייבט פאָר גענוי די קליידונג און דעם פּוץ פון די כהנים און די צערעמאָניעס פון זייער עבודה. אין אַלגעמיין זיינען די קליידער פון די כהנים געווען די זעלבע ווי פון אַלע אַנדערע פון פאָלק, נאָר פון אַ בעסערען טייערערען שטאָף. צ. ב. די קליידער, וואָס געוועהנליכע

מענשען האָבען געמאַכט פון פלאַקס, האָבען די כהנים געמוזט מאַכען פון ש ש (ביסוס), די וואָלענע קליידער זייערע האָבען געמוזט זיין פון ת כ ל ת (הימעל־בלוי), א ר ג מ ן (פורפור) און ת ו ל ע ת ש נ י (קאַרמעזין־פאַרב). דער הויפּט־בגד פיר די כהנים איז געווען, ווי פיר אַלע אַנדערע פון פאָלק, די כ ת נ ת (דער לייב־ראָק). איבער'ן כתנת האָבען זיי געטראָגען א גאַרטעל, וועלכער האָט געהייסען אין העברעאיש א ב נ ט און איז געמאַכט געוואָרען פון דעם פיינסטען לינען. דער קאָפּ־פּוץ פון די כהנים איז



מזבח העולה.

בעשטאַנען פון א מ ג ב ע ה און א פ א ר. די מגבעה איז געווען געמאַכט פון א לאַנגען שטיק לינען (בד) אַרומגעוויקעלט אַרום קאָפּ איינינע מאָל. איהר פאָרמע איז געווען ווי א קאָנוס אָדער ווי א הוט צוקער אין אונזערע צייטען. אַלס צוגאָב צו דער מגבעה איז געווען דער פ א ר, וועלכער איז אויך געווען געמאַכט פון לינען. אויף די פיס האָבען די כהנים בעת דער עבודה קיין זאַך ניט געטראָגען. עס איז געווען פערבאָטען פיר חלול הקדש צו טראָגען שיך אין א הייליגען אָרט. דער כהן גדול האָט אויסער די יע-

ווענליכע קליידער פון די כהנים געטראגען א מעיל, אן אפוד און א מצנפת. דער מעיל איז געווען אן אויבער־בגד, וואס אריסטאקראטען פלעגען טראגען אין יענע צייטען, דער מעיל פון כהן גדול איז געמאכט געווארען פון א זעהר טייערען שטאף מיט א קאליר פון תכלת. ארום דעם ארט, וואו עס איז געווען די עפנונג פיר דעם האלז אין דעם מעיל, איז געווען א זעהר שען געוועבטער זוים, און ביי ביידע זייטען, פון פארנט און פון הינטען, זיינען געווען אויסגעשטיקט גראנאטען פון תכלת, ארגמן און תולעת שני, און פון יעדען געשטיקטען גראנאט איז אראפגעהאנגען א גאלדענער



מזבח הקטרת.

גלעקעל. דער צוועק פון די גלעקלאך איז געווען, אז מען זאל הערען ווען ער געהט אריין אין היילינטום און ווען ער געהט ארויס. דער אפוד איז געווען א מעיל נאר איבער די שולטערן. ער איז געמאכט געווארען פון די טייערסטע שטאפען: פון גאלד, תכלת, ארגמן, תולעת שני און לינען געשפונען אויף א ספעציעלע ארט. דאס גאלד איז געווען געמאכט אין פעדים צוזאמענגעוועבט. אויף די אקסלען פון אפוד זיינען געווען צוויי טייערע שוהם־שטיינער (אזוי ווי עפאלעטען), אין וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די

כהן גדול.

כהן.

צוועלף שבטים. אויף׳ן ברוסט פון אפוד איז געווען דער ח ש ן. דאָס איז געווען אַ טייערע שטיק מאַטעריע פון דעם זעלבען שטאָף ווי דער אפוד. אין דעם חשן זיינען געווען איינגעפאַסט פיער רייהען פערשיידענע עדעלשטיי-נער, צו דריי אין יעדער רייהע, צוזאַמען צוועלף שטיינער, אין וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די צוועלף שבטים פון ישראל. דער חשן איז געווען געמאַכט דאָפּעלט, אַזוי ווי אַ בייטעל. אין דעם בייטעל האָט מען אַריינגעלעגט צוויי טייערע עדעל־שטיינער, אויף איינעם פון וועל-כע עס איז געווען אויסגעקריצט דאָס וואָרט „אורים” און אויף דעם אַנדע-רען — „תומים”. דורך דיזע שטיינער פלעגט מען אין די אַלטע צייטען, ביז שלמה המלך, בעשליסען זעהר וויכטיגע זאַכען אין מלחמה־צייט דורך אַ גורל. דער אורים ותומים ביי די אַלטע העברעער איז געווען דאָס זעלביגע, וואָס דער אָראַקעל ביי די אַלטע גריכען. אויף׳ן קאָפּ האָט דער כהן גדול געטראָגען אַ מ צ נ פ ת (מיץ) פון לינען. דאָס איז געווען עהנליך צום טורבאַן, וואָס די אַראַבער טראָגען. אויף׳ן מצנפת איז געווען אַ צ י ץ, אַ קרוין, אויף וועלכער עס זיינען געווען אויסגעקריצט די ווערטער: „קדש ליהוה”. דיזע קרוין איז געווען צוגעבונדען צום מצנפת מיט אַ שנירעל פון תכלת.

דער רעליגיאָנס־דינסט איז בעשטאַנען איבערהויפּט פון קרבנות און תפלות. אין די אַלטע צייטען פון אידישען פאָלק איז דער הויפּט פון דער פאַמיליע געווען דער כהן און דער ריכטער פון דער פאַמיליע. שפּעטער, ווען דאָס פאָלק האָט ביי זיך איינגעריכטעט אַ צענטער פיר אַלגעמיינעם רעליגיאָנס־דינסט, איז דער מקריב קרבנות געווען דער כהן פון דער משפּחה פון אהרן, וועמען דער אָפּפער־ברייינגער האָט געמוזט געבען אַ טייל פון דעם קרבן. די כהנים זיינען געווען אַלע, וואָס האָבען געשטאַמט פון אהרן, משה רבנו׳ס ברודער, פון שבט לוי. אין פיעל שפּעטערע צייטען, ווען די אידען זיינען געווען צוטיילט אויף צוויי מלוכות, איז די כהונה געווען אין דער משפּחה פון אהרן הכהן נאָר אין דעם קעניגרייך יהודה. אין דעם קעניגרייך פון ישראל זיינען געווען פּריסטער ניט פון די קינדער פון אהרן׳ען. די כהנים אין יהודה זיינען אויך געווען די לעהרער פון פאָלק, האָבען זיי גע-לערנט די דינים פון ריין און אונריין (טומאה וטהרה), און זיינען געווען די איינציגע, וואָס האָבען געהאַט געוויסע מעדיצינישע קענטניסען.

אויסער דעם געזעלשאַפטליכען רעליגיאָנס־דינסט זיינען געווען געוויסע רעליגיעזע פליכטען אין פאַמיליען־לעבען, ווי צ. ב. מילה. אַ ניט־גע-מל׳טער האָט געהאַט גרויסע שטערונגען ביי אַ שדוך. מען האָט זיך גע-

שעמט מתחתן זיין מיט אַן אונגע'מל'טען. ביים געבורט פון אַ קעניג, ביי
אַ חתונה אָדער אַ טויטען־פאַל, האָט דאָס אידישע פאָלק אין די אַלטע צייטען
קיין בעזונדערע צערעמאָניעס ניט געהאַט. אַ טויטען פלעגט מען נאָר בע-
וויינען, מען פלעגט געוועהנליך איינלאַדען פרויען, וואָס זייער פראָפעסיאָן
איז געווען צו בעקלאָגען אַ מת. די אבלים פלעגען ארויפשיטען אַש אויף
זייערע קעפּ, אָנטאָן אַ זאַק אָנשטאָט אַ מאַנטעל, און פלעגען זיך פערגאַרט-
לען מיט אַ שטריק. אַ קערפער פון אַ בעריהמטען מענשען פלעגט מען אָפט
באַלזאַמירען. מאַנכע האָבען געגלויבט, דאָס נאָך דעם טויט פעראייניגט
זיך דער מת מיט זיינע קרובים אויף יענער וועלט. מען האָט אויך געגלויבט,
דאָס מען קען אַרויסרופען פון יענער וועלט די נשמה פון אַ פערשטאָרבענעם
און דערוויסען זיך פון איהם וויכטיגע זאַכען, וואָס מען וויל וויסען. דאָס
אידישע געזעץ איז אָבער געגען אַזאַ אַבערגלויבען. דאָס געזעץ האָט גע-
שטעלט אויף איין ליניע כשוף און דאָס גלויבען אין גייסטער מיט געצען-
דינעריי. אָנפאַנגס האָט דאָס פאָלק געגלויבט, דאָס דער גאָט, וואָס איז צו
זיי בעוואוסט מיט'ן נאָמען יהוה, איז נאָר דער גאָט פון דעם אידישען פאָלק
און פון דעם אידישען לאַנד; אָבער שפּעטער האָבען די נביאים ערקלערט
דעם פאָלק, דאָס עס גיט נאָר איין גאָט פיר אַלע פעלקער און אַלע לענדער.
און אויף דיזען בעגריף פון דער גאָטהייט האָבען זיי געבויט אַ גאַנצע געביי
פון הויכער מאָראַל און זיטען, צווישען וועלכע די וויכטיגסטע זיינען מענ-
שען־ליבע און גלייכע רעכטען פיר אַלע מענשען.

אין דער צייט פון די צוויי מלוכות איז דער אָפיציעלער צענטער פיר
געטליכען דינסט געווען ירושלים אין דעם קעניגרייך יהודה, און די שטאָדט
בית־אל אין דעם קעניגרייך פון ישראל. אָבער אויסער די צענטראַלע ער-
טער זיינען געווען אין ביידע קעניגרייכען אַנדערע ערטער פיר דעם רעלי-
גיאָנס־דינסט, וועלכע זיינען געווען ניט אַזוי וויכטיג ווי די צענטערן. אָבער
דאָס רעליגיעזע לעבען פון די עשרת השבטים פון דעם קעניגרייך ישראל
(די מלוכה פון צפון) איז ניט געווען געגרינדעט אויף טראַדיציאָן (קבלה און
מסורה פון עלטערן), נאָר עס איז געווען אָפּהענגיג אָן דעם ווילען און קאַפּ-
ריז פון יעדען קעניג, וועלכער האָט צוגעפּאַסט די רעליגיאָן צום פּאָליטישען
צושטאַנד און צו די בעציהונגען פון דעם אידישען פאָלק צו די שכנישע
פעלקער. עס קען זיין, דאָס דער אונטערשייד אין כאַראַקטער און אַרט לע-
בען פון די ביידע קעניגרייכען יהודה און ישראל נעהמט זיך פון דער פער-
שיידענהייט אין דעם כאַראַקטער פון זייערע לענדער זעלבסט. יהודה איז
אַ בערגיגעס לאַנד, וועלכעס מאַכט ייייער די צוזאַמענקונפט פון די בעוואוי-

נער פון פערשיידענע ערטער. דאָס האָט געשטערט דאָס צוזאַמענמישען זיך פון פערשיידענע עלעמענטען. דארום האָבען די נביאים געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דאָס לאַנד יהודה. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט דעם לאַנד פון ישראל. די בעשאַפענהייט פון דיזען לאַנד איז מסוגל צו פעראייניגען די פערשיידענע עלעמענטען פון די איינוואוינער; דעריבער האָבען זיך די אידען פיעל אָפּגעלערנט פון זייערע שכנים, וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַ העכערער שטופע פון ציוויליזאַציאָן אלס זיי, און האָבען זיך פון זיי אויסגעלע־נט זייערע גו־ ־ און שלעכטע זיטען. דער „ידישער נאַציאָנאַלער גייסט האָט זיך ביי זיי ניט געקענט ענטוויקלען, אין געגענטייל, ער איז ביי זיי מעהר און מעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אַזוי דאָס אַפילו די אַגיטאַציאָן פון די גרויסע נביאים אליהו, אלישע, הושע און עמוס, וועלכע האָבען געווירקט צווישען זיי, האָט זיי ניט געקענט אָפּהאַלטען פון דעם איינפלוס פון דער ציוויליזאַציאָן פון זייערע שכנים; דאָס האָט געבראַכט דעם סוף צו זייער נאַציאָנאַל־געפיהל, און ווען זיי זיינען געפאַלען, איז צוזאַמען מיט זייער פאַל אלס אַ קעניגרייך אויך אונטערגעגאַנגען אין גאַנצען זייער נאַציאָנאַל־געפיהל, וועלכער איז סיי ווי געוועזען זעהר שוואַך, און ווען זיי זיינען געקומען אין בעריהרונג מיט אַנדערע פעלקער אין די גלות־לענדער, האָבען זיי זיך לייכט מיט זיי אַסימילירט.

די נביאים. דער טיטעל ר ו א ה (זעהער) איז אין דער גאַנץ אַלטער צייט פאַר דעם נביא שמואל געגעבען געוואָרען צו אַ מאַן, וועלכער איז געוועזען זעהר רעליגיעז און איז געוועזען אין שטאַנד צו פאָרויסזעהען און פאָרויסזאָגען די צוקונפט. שפּעטער האָט מען אַזאַ פּערזאָן אָנגערופען מיט'ן נאָמען נ ב י א. אין דיזער צייט האָט ער זיך שוין אָנגעהויבען מישען אין פּאָליטישע ענינים. די בעריהמטע פּאַטריאָטקע דבורה ווערט בעצייכענט מיט'ן נאָמען נ ב י א ה. שמואל האָט גענומען גרויס אָנטייל אין דער פּאָליטיק פון זיין צייט.

אין דער צייט פון דוד המלך געפינען מיר צוויי נביאים: נ ת ן און ג ד. דער ערסטער איז איין מאָל אַרויס געגען דוד'ן מיט שאַרפע דבורים און האָט איהם געמאַכט ביטערע פאָרווירפען פיר אַ פערברעכען, וואָס ער האָט בעגאַנגען, און האָט גענומען אָנטייל אין די פּאָליטישע בעוועגונגען פון זיין צייט. דער צווייטער, גד, איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען ח ו ז ה ה מ ל ך (דער פאָרויסזעהער פון דעם קעניג). אין דער צייט פון שלמה המלך געפינען מיר אַ נביא א ח י ה ה ש ל ו נ י, וועלכער איז געוועזען אויף דער זייט פון דעם רעוואָלוציאָנער ירבעם בן נבט, אָבער נאָך דעם האָט

ער זיך ארומגעזעהן, דאס ער האט געהאט א טעות אין זיין ערוועהלטען קעניג, ירבעם. נאכדעם געפינען מיר א רייהע פון וועניג בעקאנטע נביאים, ווי צ. ב. חנניה אין דער צייט פון קעניג אסא און יהוא בן חנני אין דער צייט פון דעם קעניג בעשא, וועלכע האבען גענומען גרויסען אנטייל אין דער פאליטיק פון זייערע צייטען.

א זעהר וויכטיגען אנטייל אין לעבען פון פאלק און אין דער רעגירונג האבען גענומען די נביאים אליהו און זיין תלמיד אלישע. דאס לעבען פון דיזע צוויי נביאים, וואס זיינען געווען בעליבט ביים פאלק, איז בעפוצט מיט לעגענדעס. אליהו האט שטארק געקעמפט געגען דעם פער-דארבענעם קולט (רעליגיאנס־דינסט) פון דעם בעל, וואס איז געווען שטארק פערשפרייט אין דעם קעניגרייך פון ישראל, ווי אויך געגען דער דעספאטי-שער רעגירונג פון קעניג אחאב; אלישע האט געקעמפט געגען דער אנטי־-נאציאנאלער רעגירונג פון זיין צייט און האט פיעל מיטגעווירקט ארונטער-צואווארפען פון טראן די דינאסטיע פון עמרי. אין יענער צייט האט זיך אנגעפאנגען א שרעקליכער קאמף צווישען די נביאים פון יהוה און די נביאים פון דעם פעניצישען גאט בעל. דיזער קאמף האט געדויערט לאנג און האט זיך געענדיגט נאך דעם, וויביידע אידישע מלוכות, יהודה און ישראל, זיינען אונטערגעגאנגען.

אין 8טען יאהרהונדערט פ. קר. האט דער פראפעטיזם (נביאות) גע-נומען א גאנץ אנדערע ווענדונג. די נביאים זיינען ערשינען פאר דעם פאלק אלס לעהרער, רעדנער, איבערהויפט אלס פאליטישע רעדנער, וואס האבען געשטרעבט צו מאכען רעפארמעס אין מאראלען און סאציאלען לעבען פון פאלק. דער נביא איז מעהר ניט קיין בעל מופת, ער ווייזט ניט קיין וואונדער, נאר ער זאגט ארויס מיט גרויס ענטהוזיאזם רעליגיעזע, מאראלע און פאליטישע וואהרהייטען. די פייערדיגע רעדעס פון אזעלכע נביאים בעזיצען מיר נאך היינט אין דער ביבעל (תנ"ך).

דיזע נייע פראפעטען זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט צוויי וויכטיגע אידעען: 1) דאס דער גאט, וואס דאס אידישע פאלק אנערקענט, איז דער גאט פון דער גאנצער וועלט און דער גאנצער מענשהייט, און 2) דאס די איינהייט פון גאט איז דער פונדאמענט פון דער מאראל פון מענשען'ס לעבען. אין די רעדעס פון דעם נביא עמוס ווערען דיזע אידעען דייטליך ארויסגעזאגט. דער גאט, וואס דאס אידישע פאלק גלויבט אין איהם, רע-גירט די שיקזאלען ניט נאר פון דעם אידישען פאלק, נאר אויך די שיקזאלען פון אלע פעלקער. „זייט איהר, אידען, פיר מיך ניט דאס זעלבע, וואס די

כושים (נעגערס) זיינען? איך האָב איך ארויסגעצויגען פון מצרים, אָבער איך האָב אויך די פלשתים ארויסגעצויגען פון כפתור, און די אראַמעער פון קיר". דער נביא עמוס האַלט פון דער אידעע, דאָס די אידען זיינען אַן אויסערוועהלטעס פאָלק, אָבער זיי האָבען ניט קיין פּריווילעגיעס, נאָר אין געגענטייל, זיי האָבען אויף זיך שווערע פליכטען, און דאַרום איז צו זיי גאָט שטרענגער, ווען זיי זינדיגען. זייענדיג טריי צו זיין אידעע, דאָס אַלע פעלקער זיינען גאָט'ס בעשעפעניסען, שטראָפט עמוס אויך פיעלע אַנדערע פעלקער, ווי עמון, מואב, אדום, צור, דמשק, און וואָרנט זיי, דאָס גאָט וועט זיי שטראָפען פיר זייערע שלעכטע מעשים. אָבער דיזע פעלקער וועלען געשטראָפט ווערען, נאָך דעם גלויבען פון נביא עמוס, נאָר פיר זייער גרויסע טיראַניי איבער אַנדערע פעלקער, פיר זייערע באַרבאַרישע מלחמות. אידען אָבער וועלען געשטראָפט ווערען פיר יעדעס פערברעכען, וואָס זיי טוען געגען די פּרינציפּען פון מאָראַל, אַפילו געגען איינצעלנע מענשען; דערפאַר, וואָס זיי פערקויפען אין שקלאַפעריי זייערען אַ בעל חוב פיר געלט, און אַן אָרימאַן, וועלכער האָט פון זיי געבאָרגט אַ פּאָאָר שיך (אַ קלייניגקייט). ער איז איבערהויפּט שרעקליך אויפגעבראַכט געגען די רייכע, וואָס לעבען אין לוקסוס, שלאָפען אין בעטען פון העלפאַנד־ביין, פרעסען די בעסטע פליישען, טרינקען די טייערסטע וויינען און עס אַרט זיי ניט דער בראָך און דאָס געדריקטע לעבען פון פאָלק. בעזונדערס טאַדעלט ער די רייכע פרויען, וועלכע זיינען די הויפּט־אורזאַך פון לוקסוס־לעבען, און ער פּראָפעצייהעט זיי אַ זעהר שלעכטען סוף, נעמליך, דאָס זיי וועלען פערפיהרט ווערען אין פרעמדע לענדער אַלס שקלאַפינס. דער קולט (רעליגיאָנס־דינסט) אָהן אַ מאָראַלישען, זיטליכען לעבען, אָהן דעם פונדאַמענט פון רעכט און גערעכטיגקייט, האָט ניט ביי איהם קיין ווערט און איז פערהאַסט פון גאָט.

מיט די זעלבע אידעען זיינען דורכגעדרונגען די רעדעס פון אַלע אַנדערע גרויסע פּראָפעטען. דער נביא ישעיה, ווען ער זאָגט פאָרויס וועגען דער גליקליכער צייט, וועלכע אידען וועלען געניסען אין דער ווייטער צוקונפט, פּראָפעצייהעט ער אויך דאָס זעלבע פיר אַנדערע פעלקער, אַפילו פיר אַזעלכע, וואָס האָבען אימער געטאָן פיעל שלעכטעס צום אידישען פאָלק. אין דער צוקונפט, זאָגט דיזער גרויסער נביא, וועלען זיך די פעלקער מצרים, אשור און ישראל פעראייניגען אין אַ דריי־בונד אום צוזאַמען פעסטצושטעלען אין דער וועלט צדק און משפט, און גאָט וועט דיזע אַלע פעלקער בענשען (ישעיה יט, 24—25). די פעלקער, פּראָפעצייהעט ישעיה, וועלען צוברעכען זייערע שווערדען אום צו מאַכען פון זיי אַקער־אייזענס, און פון

זייערע שפּיזען שנייד־מעסערם צו קולטיווירען די וויינגערטנער; זיי וועלען מעהר ניט שטרייטען איינע מיט די אַנדערע, און מען וועט אויפהערען צו לערנען די קריגס־קונסט (ישעיה ב, 4). אַזעלכע ווערטער אין אַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט האָט געשטורמט מיט פירכטערליכע מלחמות, מיט די גרעסטע באַרבאַרישע רציחות, פערדינען די גרעסטע בעוואונדערונג.

מיט דעם זעלבען אוניווערזאַלען גייסט זיינען געווען דורכגעדרונגען אויף אַלע אַנדערע נביאים. דער נביא ירמיהו, זעהענדיג, וואָס פיר אַ סוף עס שטעהט פאַר דעם פאָלק מואב, בעקלאָגט זעהר שטאַרק זיין טרויעריגען שיקזאַל (ירמיהו מח). ווען דער נביא יחזקאל שטעלט פאַר אין אַ רעדע די גליקליכע צוקונפט פון אידען, פערזאָגט ער זיי, דאָס ווען מען וועט אויף דאָס ניי צוטיילען דאָס אידישע לאַנד צווישען די אידישע שבטים, זאָל מען אויך געבען אַ גלייכען טייל גרונד צו די אייננוואוינער פון אַנדערע פעלקער, ווייל אין יענער צייט וועט די וואַהרע גאָטהייט פערהייליגט ווערען פון אַלע פעלקער און אַלע וועלען זי אַנערקענען.

די נביאים האָבען בעטראַכט אַלס פונדאַמענט פון רעליגיאָן גערעכטיגקייט און רחמנות. דער נביא ישעיה אין זיינע שטראָף־רעדעס זאָגט דעם פאָלק אָפען, דאָס גאָט פערלאַנגט פון זיי ניט קיין קרבנות. ער פערלאַנגט נאָר פון זיי צו טאָן צדק און משפט. ציון וועט פאַלען, ווייל עס פעהלט אין איהר צדק ומשפט און זי קען אַנדערס ניט צוריק אויפגעבויט ווערען סיידען דאָס פאָלק וועט איינאָרדנען זיין לעבען אויף דעם פונדאַמענט פון צדק ומשפט („ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה"). דיזער נביא, ווי אַלע אַנדערע, האָט ניט געהאַלטען פון תשובה דורך תעניתים. „איהר ווייסט, וואָס פיר אַ סאָרט תענית עס געפעלט גאָט?" זאָגט ער אין אַ רעדע: „הערט אויף צו טאָן שלעכטעס; ווען דו האָסט נאָר איין ברויט, גיב אַוועק דערפון דעם הונגעריגען אַ העלפט, ווען דו זעהסט אַ מענשען אַ נאַקעטען פערשאַף איהם די מעגליכקייט זיך צו בעקליידען — אַזאַ תענית געפעלט גאָט" (ישעיה נח).

דער נביא ירמיה זאָגט דעם פאָלק, דאָס גאָט האָט קיינמאָל ניט געפאָדערט פון זיי קיין קרבנות. „כי לא דברתי את אבותיכם ולא צויתים ביום הוציאי אותם מארץ מצרים על דברי עולה וזבח" (ירמיה ז, 22). „דער מענש קען זיך ניט ריהמען מיט זיין חכמה, ניט מיט זיין גבורה, ניט מיט זיין רייכטום, נאָר מיט זיינע מעשים טובים, מיט טאָן חסד, משפט וצדקה אויף דער וועלט, ווייל נאָר דאָס פערלאַנגט גאָט פון דעם מענשען" (ירמיה ט, 22—23).



אלט־העברעאישע שריפט.

שפראך און ליטעראטור. די העברעאישע שפראך איז א צווייג פון די סעמיטישע שפראכען; זי האט א גרויסע פערוואנדטשאפט מיט די שפראכען פון אשור, בבל, ערב (אסיריש, כאלדעאיש, אראביש). דיזע שפראך (העברעאיש) האבען גערעדט פיעלע פעלקער פון פאלעסטינא. אדום, עמון, כנען און אנדערע. אין פאלעסטינא האבען די אידען גע ברויכט די העברעאישע שפראך אין לעבען און ליטעראטור ביז זיי זיינען פערטריבען געווארען נאך בבל. פון א שטעלע אין תנ"ך ווייזט אויס, דאס איינציגע בוכשטאבען פלעגען אנדערש אויסגעשפראכען ווערען אין דעם לאנד פון ישראל, ווי זיי פלעגען אויסגעשפראכען ווערען אין יהודה. צ. ב. דאס ווארט שבלת (מיט א שין) פלעגט אין אפרים אויסגעשפראכען ווערען סבלת (מיט א סמך).

די קונסט צו שרייבען איז געווען ענטוויקעלט צווישען אידען שוין אין די גאנץ אלטע צייטען. אבער זיי האבען אנפאנגס געברויכט די קייל-שריפט (א שריפט, וואס בעשטעהט פון צייכענס אין דער פארמע פון שפי-ציגע פלעקלאך). ניט לאנג צוריק האט מען געפונען אין גזר (פאלעסטינא) צוויי קאנטראקטען, וואס זיינען געשריבען געווארען אין די יאהרען 647 און 649 פ. קר. און די שריפט איז קייל-שריפט (ד. ה. פלעקעל-שריפט). דאס בעווייזט קלאר, דאס אין יענער צייט האט מען געברויכט אין פאלעס-טינא אין געוועהנליכען לעבען די קייל-שריפט. דער פעניצישער אלף-בית איז ביי די אידען אריין אין געברויך ערסט אין אנפאנג פון 7טען יאהרהונ-דערט פ. קר. אבער אין איינצעלנע פעלען האט מען שוין פריהער געברויכט דיזע שריפט אין מואב און ארץ ישראל, ווי צ. ב. אויף דעם אנדענקונגס-שטיין פון משע מלך מואב (אין 9טען יאהרהונדערט פ. קר.) און אין דער צייט פון חזקיהו מלך יהודה אין דער אינשריפט פון דעם טונעל פון שלוח (זעה ווייטער). איבערהויפט האבען זיך בענוצט מיט דיזער שריפט די נביאים, די געזעצגעבער, און געשיכטע-שרייבער. דיזע שריפט האט נאך עזרא'ן בעקומען די פארמע פון קוואדראט-שריפט, וועלכע איז ביז היינט אין געברויך צווישען אידישען פאלק. די ערסטע צייט פלעגט מען שרייבען אויף לעהמענע טאפלען (לוחות), שפעטער האט מען אנגעהויבען שרייבען אויף פאפירוס (גליון), וועלכען מען פלעגט געוועהנליך אויפוויקלען ווי א מגלה.

שוין אין די צייטען פון דוד'ן און שלמה'ן האט מען געברויכט אין לעבען די קונסט פון שרייבען. מיר געפינען ביי זיי סעקרעטערען (מזכירים) און שרייבער (סופרים), וועלכע האבען פערשריבען אויסער אפיציעלע בע-

ריכטען, אויך וויכטיגע היסטאָרישע בעגעבענהייטען, וועלכע זיינען שפּע־
טער בעקאַנט געוואָרען אונטער דעם נאָמען „דברי הימים למלכי ישראל״,
אָדער „דברי הימים למלכי יהודה״. עס זיינען אויך געזאַמעלט געוואָרען
פאָלקס־לידער, אָדער געשיכטעס פון פריהערדיגע מלחמות, וועלכע זיינען
שפּעטער בעקאַנט געוואָרען אונטער׳ן נאָמען „ספר מלחמות ה׳״ און „ספר
הישר״, אָדער, ווי אַנדערע דענקען, „ספר השיר״ („דאָס בוך פון לידער״).
מיט דעם מאַטעריאַל פון דיזע ביכער האָבען זיך פיעל בענוצט די שפּעטער־
דיגע היסטאָריקער פון די אידען.

אויסער תורת משה, וועלכע איז שוין געווען גוט בעקאַנט אין דער צייט
פון די נביאים, האָבען די פּראָפעטען אָנגעהויבען פערשרייבען זייערע וויכ־
טיגע רעדעס, און דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען א נייע ליטעראַטור, די פּראָ־
פעטישע, אין וועלכער די נביאים האָבען ערטערוויין ערקלערט דעם מאָראַ־
לישען זין פון געוויסע שטעלען אין תורת משה. דער ערסטער פּראָפעט,
וואָס זיינע רעדעס האָבען דערגרייכט ביז אונזער צייט, איז עמוס. אין
אַלגעמיין צייגט די אידישע ליטעראַטור פון יענער צייט אויף אַן אונגע־
וועהנליכע קראַפט פון דאַמאָלסדיגען אידישען גייסט. די הויכע מאָראַל
פון די ביכער פון די נביאים ווערט בעוואונדערט פון די גרעסטע דענקער
פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער. די היסטאָרישע ביכער פון תנ״ך זיינען
אַלע דורכגעדרונגען מיט דעם ערהאבענעם געדאַנק, דאָס די היסטאָרישע
פאַקטען זיינען ניט קיין בלינדע צופאַלען, נאָר זיי ענטהאַלטען אין זיך אַ
געוויסען ציל, פיהרען צו אַ געוויסען מאָראַלישען צוועק. ווען מיר פער־
גלייכען די אידישע היסטאָרישע ביכער פון דער ביבעל און דעם מאָראַלישען
פּרינציפּ, וואָס הערשט אין זיי, מיט די אַסירישע און באַבילאָנישע אינ־
שריפטען אויף די לעהמענע טאַפלען, מיט זייערע טרוקענע פאַקטען פון
נצחונות און מפּלות אָהן אַ שום בעגייסטערונג און מאָראַלישער טענדענץ,
קענען מיר דערפון אורטיילען, ווי גרויס עס איז דער אונטערשייד צווישען
דער גלענצענדער אויסערליכער אַסירישער און באַבילאָנישער ציוויליזאַציאָן
און דעם בעשיידענעם אידישען גייסט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט
זיינע מאָראַלישע שטרעבונגען. אַזאַ ערשיינונג, ווי דער אידישער פּראָ־
פעטיזם מיט זיינע הויכע מאָראַלישע לעהרעס, איז געווען פאָלשטענדיג
פרעמד צו די אַלטע היסטאָרישע פעלקער פון וועסט־אַזיען — דאָס איז
געווען דאָס אייגענטום נאָר פון אידישען פאָלק.

קונסט און וויסענשאַפט. אז די אידישע נאַציאָן איז שוין אין די
אַלטע צייטען געווען בעקאַנט מיט אַלע צווייגען פון קונסט און וויסענשאַפט,

וועלכע זיינען נעטיג פיר א פאָלק מיט א געוויסער קולטור אין פּריוואַטען און סאָציאַלען לעבען — איז אַן אונשטרייטבאַרער פאַקט, וועלכער וועט ווייטער אין דיזער אָפּהאַנדלונג בעוויזען ווערען פון די אַלטע ביבלישע קוועלען. אָבער מען מוז אויך צוגעבען, דאָס דיזעס פאָלק האָט זיך אין זיינע אַלטע צייטען קיינמאָל ספּעציעל ניט בעשעפטיגט מיט נאַטור־וויסענשאַפט. זיין גאַנצעס פאָרשען האָט עס קאָנצענטרירט אויף דעם מענשען, ד. ה. דעם אינערן מענשען, זיין נשמה, זיין גייסט, זיינע זיטען און זיין געזעלשאַפט. און ווי מיר וועלען עס באַלד בעווייזען האָט עס אנדערס ניט געקענט זיין.

עס איז אָנגענומען ביי די גרעסטע פאָרשער פון היינטיגער צייט, דאָס די אַרישע פעלקער האָבען געהאַט זייער געבורטס־אָרט אין אינדיען, און די סעמיטישע — אין אַראַביען. די נאַטור אין אינדיען איז זעהר רייך און פערשיידענאַרטיג; די נאַטור אין אַראַביען איז אין געגענטייל זעהר אָרים און איינפאָרמיג. די אַראַבישע וויסטע איז אַ בילד פון אַן אונגעהייערער קראַפט אָהן ענדערונגען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, דאָס די צוויי גרופּעס פון פעלקער — די אַריער און סעמיטען, זיינען אַזוי פערשיידען איינע פון דער אַנדערער אין זייערע כאַראַקטערען און גייסטיגע פעהיגקייטען. די פיעל־פאַרביגע, פיעל־זייטיגע, פערשיידענאַרטיגע נאַטור אין אינדיען האָט ערוועקט אין די אַריער א גייסט פון פערשיידענהייט, האָט געווירקט אויף זייער פאַנטאַזיע צו פערגעטערן פיעלע ערשיינונגען פון דער נאַטור (פּאָליטהעאיזם), אויף זייער פּאָעזיע און ליטעראַטור, וועלכע האָט מעהר פון אַלץ געשאַפען בעשרייבונגען פון נאַטור־בילדער, און דאָס דראַמאַ, וואָס שטעלט פאָר די אויסען־וועלט פון דעם מענשען, זיינע ענדערונגען און זיינע צוזאַמענשטויסען מיט מענשען. און דעריבער האָבען די אַריער אַזוי פלייסיג געפאָרשט די נאַטור אין אַלע איהרע פערשיידענהייטען, און אין קונסט האָבען זיי בעשאַפען די מאַלעריי, סקולפּטור און אַרכיטעקטור.

די אַראַבישע נאַטור, אין געגענטייל, האָט מיט איהר איינפאָרמיגקייט ניט געקענט ווירקען צו בערייכערן די פאַנטאַזיע; זי האָט געמאַכט דעם סעמיט איינזייטיג, די אויסערע וועלט האָט פיר איהם ניט געהאַט קיין אָנציהונגס־קראַפט. זיינע אַלע חושים זיינען געווען געווענדט נאָר אויף דעם מענשען און זיין גייסט. די וועלט איז נאָך דער מיינונג פון א סעמיט בעשאַפען געוואָרען פיר דעם מענשען, ווייל ער איז דער עיקר אין דער גאַנצער שעפּונג, און דעריבער האָט זיך אין דעם סעמיט ענטוויקעלט דער מאָנאָטהעאיזם (אמונה אין איין איינציגען גאָט), וועלכער איז געווען א פאָלגע פון דער געאָגראַפישער בעשאַפענהייט פון פאַלעסטינא, ווי עס איז שוין

לאנג בעוויזען געוואָרען פון אידישע און קריסטליכע געלעהרטע. און דע־ריבער האָט זיך אויך ביים אידישען פאָלק ענטוויקעלט די לירישע און פראָ־פעטישע פּאָעזיע, וועלכע האָט מעהר צו טאָן מיט דער נשמה פון מענשען איידער מיט דער אויסען־וועלט. די אריער, איבערהויפּט די גריכען, האָבען מעהר פון אלץ בעטראכט ד י ו ו ע ל ט , און די אידען האָבען מעהר פון אלץ בעטראכט ד אָ ס ל ע ב ע ן , דעם מענשען, זיין נשמה און די בעציהונגען פון איינעם צום אנדערען אין דער געזעלשאפט, און דעריבער האָט דאָס אידישע פאָלק בעשאפען דעם פּרינציפּ פון דער אבסאָלוטער איינהייט פון גאָט, דעם הויכען מאָראלישען פּרינציפּ פון אבסאָלוטער גע־רעכטיגקייט, און דעם ערהאבענעם געדאנק פון משיח'ס צייטען, ווען די מענשליכע געזעלשאפט וועט זיין הויך־געזיטעט, און די פיזישע קראפט וועט אויפהערען שאַדען דער געזעלשאפט.

אַסטראָנאָמיע. פון איין שטעלע אין תנ"ך (דהי"א יב, 32) ווייסען מיר, דאָס אין שבט יששכר איז געווען א געוויסע קלאַס מענשען, וועלכע האָבען זיך ספּעציעל אָפּגעגעבען מיט פאָרשונגען איבער די צייט־רעכנונג פיר די בעשטימונג פון די ימים טובים. פון ספר איוב איז צו זעהן, דאָס די העברעער האָבען געוואוסט, אז די ערד שטעהט ניט אויף זיילען, אָדער אויף וואַסער, ווי די אַלטע פעלקער האָבען געגלויבט, נאָר זי שוועבט אין לופטען — „תולה ארץ על בלימה" (איוב כו).

דאָס די פאַרצייטיגע אידען זיינען געווען בעקאַנט מיט'ן הימעל איז אויך צו זעהן פון דער בעצייכנונג פון די שטערן־גרופּעס, וועלכע געפינען זיך אין תנ"ך, ווי „הלל בן שחר" (די וועגוס), „כימה" (די פּלעיאדען), „כסיל" (אָריאָן), „עש" (דער גרויסער בער) א. אנד. אין די אָריענטאלישע לענדער איז צוזאַמען מיט דער אַסטראָנאָמיע געגאַנגען אַן אנדער וויסענ־שאפט — אַסטראָלאָגיע, א וויסענשאפט, דורך וועלכע א געוויסע קלאַס געלעהרטע האָבען דורך דעם צושטאנד פון די שטערן און פּלאַנעטען פאָרויס־געזאָגט דעם גורל און די צוקונפט פון איינצעלנע מענשען אָדער גאַנצע פעלקער. אין היינטיגער צייט גלויבט קיינער ניט אין דיזער וויסענשאפט. דאָס אידישע פאָלק איז שוין לאַנג געוואָרנט געוואָרען פון דער תורה און זיינע נביאים ניט צו גלויבען אין דיזע פאַלשע וויסענשאפט. דער נביא ירמיהו זאָגט אָן די אידען, אז זיי זאָלען זיך ניט שרעקען פאַר די ענדערונ־גען, וואָס זיי בעמערקען אין די הימלישע קערפּערס, ווי צ. ב. א לקוי חמה, אָדער א לקוי לבנה, פאַר וועלכע אנדערע פעלקער פלעגען אַמאָל זעהר שטאַרק מורא האָבען, ווייל זיי האָבען געגלויבט, דאָס דיזע זאָגען אָן גרויסע צרות,

איבערהויפט מלחמות. דער נביא ישעיה לאכט פון די, וואס גרייטען א טיש מיט אפפער צום גאט „גד" (יופיטער), און גיסען וויין אויף דעם אל-טאר פון „מני" (ווענוס). ביי אידען איז געווען אנגענומען אלס פרינציפ „אין מזל לישראל", ד. ה. אידען טארען ניט גלויבען אין די ווירקונג פון שטערן (מזלות) אויף דעם מענשען'ס שיקזאל.

מעדיצין. אין דער תורה געפינען מיר א געזעץ, דאס ווען איינער האט געשלאגען דעם אנדערען און יענער איז דערפון קראנק געווארען, מוז איהם דער שלעגער בעצאהלען פיר די צייט, וואס ער איז קראנק און קען ניט ארבייטען, און ער מוז איהם אויך פערשאפען היילונג. דערפון פער-שטעהען מיר, דאס דאמאלס זיינען שוין געווען דאקטוירים צווישען אידען. אין מצרים ווייסען מיר זיינען די פריסטער אויך געווען דאקטוירים. אויך ביי די אידען פון יענער צייט זיינען די כהנים געווען די דאקטוירים פון פאלק. אזוי צ. ב. איז צרעת געווען א קרענק, וואס האט געמוזט געהיילט ווערען דורך די כהנים. אבער מיר געפינען אין תנ"ך, דאס מען האט זיך פיר די היילונג פון קראנקהייטען אויך געווענדט צו די נביאים. צו די נביאים נתן (ש"ב יב, 19), אחיה (מ"א יב, 2), אליהו (מ"א יז, 18), אלישע (מ"ב ד, 22) און ישעיה (מ"ב כ, 7) האט מען זיך געווענדט וועגען מעדי-צינישע הילף. אין דער צייט פון צווייטען טעמפעל זיינען אידישע דאק-טוירים געווען שטארק בעריהמט אין אריענט. אין דער צייט פון תלמוד איז יעדע געמיינדע פון א שטאדט געווען פערפליכטעט צו האבען א דאק-טאר (סנהדרין יז). די משנה אין שקלים (פ"ח י) דערצעהלט אונז, דאס אין בית המקדש איז געווען א ספעציאליסט א דאקטאר אויף מאגען-קראנק-הייטען. אויב עס איז אין א שטאדט ניט געווען קיין אידישער דאקטאר, וואס זאל קענען מל זיין א אידיש קינד, האט מען געמעגט איינלאדען א גוי'אישען דאקטאר צו מאכען דיזע אפעראציאן (מנחות מב).

דאס געזעץ, אז א איד ווערט טמא (אונריין), ווען ער בעריהרט א טוי-טען קערפער, האט געוויס געשטערט די אידישע דאקטוירים צו ווערען בע-קאנט מיט'ן מענשען'ס קערפער, מיט דער אנאטאמיע, וועלכע איז אזוי וויכטיג פיר די מעדיצין. דערצו איז נאך צוגעקומען, וואס דאס אידישע פאלק האט גערעכענט פיר א בזיון פיר א מת, מען זאל איהם פאלמעסען (חולין יא). אבער די שפעטיגערע אידישע חכמים האבען דערויף ניט גע-אכטעט. עס ווערט דערצעהלט וועגען ר' ישמעאל'ן מיט זיינע תלמידים, דאס זיי האבען אנאטאמירט, צושניטען אויף אלע גלידער, א געוויסע פרוי, וואס איז הינגעריכטעט געווארען פיר א פערברעכען, און זיי האבען אויס-

געפונען, וויפיעלביינער עס געפינען זיך אין דעם מענשליכען קערפער. די אידישע דאָקטוירים פון די אַלטע צייטען האָבען געוואוסט די ווירקונג פון דער גאַל אין מענשען'ס קערפער, און האָבען געגלויבט, דאָס פיעלע קראַנקהייטען נעהמען זיך פון איהר, ווען זי איז ניט אין גוטער אָרדנונג. אין תלמוד (ב"מ קז) רעכנען זיי 83 קראַנקהייטען, וואָס קומען ארויס פון א קראַנקער גאַל. די זעלבע מיינונג וועגען דער וויכטיגקייט פון דער גאַל אין מענשען'ס קערפער און וויפיעל קראַנקהייטען עס קומען אויף'ן מענשען, ווען זי איז קראַנק, זיינען אויך געווען ביי די גריכיישע פילאָזאָפען, ווי פּלאַטאָ און פּראָקסאַגאָראַס. די געגענד גלעד האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר באַלזאַם און איהרע פערשיידענע מעדיציניישע קרייטער.

מוזיק. לויט דער ביבלישער טראַדיציאָן איז דיזע קונסט ערפונדען געוואָרען נאָך פאַר דעם מבול. אין ספר בראשית ווערט די ערפינדונג פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטען צוגעשריבען צו יובל'ן, קין'ס אַן אור-עניקעל. אין דער געשיכטע פון יעקב'ן (בראשית לא, 27) ווערט דערמאָהנט א פויק צו בעגלייטען אַנדערע מוזיק-אינסטרומענטען און געזאַנג. ביי יציאת מצרים זעהען מיר, ווי מרים, משה'ס שוועסטער, און אַנדערע פרויען בענוצען א פויק צו בעגלייטען זייערע געזענג און טענץ (שמות טו). באַלד נאָכדעם ווערט דערמאָהנט דער שופר (שמות יט, 16) און נאָך א סאָרט טרו-מייטער (במדבר י, 1). די טראַדיציאָנען אין ספר בראשית וויזען, דאָס די מוזיק ביי אידען איז זעהר אַלט.

די מוזיק איז ביים אידישען פאָלק געווען די בעגלייטערין פון לעבען ביי אַלע געלעגענהייטען פון פרייד און טרויער. זי האָט אויך געשפּילט א ראָלע אין קריג און מען האָט זי בענוצט צו פייערן נצחון. שוין אין משה'ס צייטען ווערט דערמאָהנט דער שופר פון מלחמה (במדבר י, 9). די קונסט פון מוזיק האָט זיך איבערהויפּט ענטוויקעלט אין די פּראָפעטען-געזעלשאַפ-טען, וועלכע פלעגען זיך בעגייסטערן מיט דעם קלאַנג פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. אין דער געשיכטע פון שאול'ן ווערען געבראַכט איינינע ביישפּילען פון דער וואונדערבאַרער ווירקונג פון געזאַנג. נאָך דעם, ווי שמואל האָט געזאַלבט שאול'ן פיר א קעניג, האָט שאול בעגעגענט א קאָמ-פּאַניע פון פּראָפעטען, וועלכע האָבען געזונגען מיט דער בעגלייטונג פון איי-ניגע מוזיק-אינסטרומענטען. דער קעניג איז פון דיזע געזענג געוואָרען אזוי בעגייסטערט, דאָס ער האָט גענומען מיטזינגען מיט די נביאים. שפּעטער, ווען שאול איז אָפט געוואָרען מעלאַנכאָליש, האָט דער יונגער דוד איהם גע-זענפטיגט מיט זיין האַרף.

אלס אַ מעכטיגער מיטעל צו ערהייבען דעם גייסט צו גאָט, איז די מוזיק אין דוד המלך'ס צייטען געוואָרען אַ וויכטיגער טייל פון דעם געטליכען דינסט און האָט דאַן דערגרייכט די העכסטע שטופע ביים אידישען פאָלק. דער אָרקעסטער פון מוזיקאַנטען אין טעמפעל אין די צייטען פון דוד'ן איז בעשטאַנען פון 4,600 פערזאָן און 288 כאָר-דיריגענטען. דיזע מוזיקאַנטען זיינען געווען איינגעטיילט אין 24 אָפּטיילונגען. אויך אין דער צייט פון צווייטען טעמפעל האָט מוזיק געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. מיט איהר האָבען זיך בעשעפטיגט יונג און אַלט, מענער און פרויען. איבער זיבעציג נעמען פון פערשיידענע אינסטרומענטען ווערען דערמאָהנט אין תנ"ך.

די העברעער האָבען געהאַט מוזיק-אינסטרומענטען מיט סטרונעס, ווינט-אינסטרומענטען און קלאַפּ-אינסטרומענטען; אָבער מיר ווייסען ניט גענוי די פאָרמעס פון די אינסטרומענטען, וועלכע ווערען דערמאָהנט אין דער ביבעל, און מיר וועלען זיך צופרידען שטעלען מיט השערות, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען איבער דיזען געגענשטאַנד.


מוזיקאַלישע אינסטרומענטען.

די אינסטרומענטען מיט סטרונעס (נגינות) זיינען געווען פון פערשיידענע סאָרטען. פון דיזע ווערען דערמאָהנט הויפּטזעכליך צוויי: 1) דער כ נ ו ר (פיגור 23, 24, 25), אַן אינסטרומענט, אויף וועלכען דוד האָט זיך אויסגעצייכענט, האָט געהאַט, לויט יאָזעפוס'ן, צעהן סטרונעס. וועגען דער פאָרמע פון דעם כנור זיינען די מיינונגען פערשיידען; לויט איינינע איז ער געווען עהנליך צו אונזער האַרף, לויט אַנדערע איז ער געווען אַ מין גיטאַר. מעגליך, אַז די צאָהל פון סטרונעס איז ניט אימער געווען די זעלביגע. עס שיינט, דאָס עס איז געווען אַ כנור מיט אַכט סטרו-

נעס (דברי הימים א׳ טו, 21), וועלכער האָט געהייסען **שמינית.** 2) דער נבל (פיג. 12, 13, 14, 26, 27, 28, 29, 31), א פעניציישער אינסטרומענט, וועלכען די גריכען האָבען אָנגערופען נאבלא, האָט לויט יאָזעפוס׳ן געהאַט צוועלף טענער און איז געוואָרען געשפּילט מיט די פינגער. זיין פאָרמע איז אזוי וועניג בעקאַנט ווי די פאָרמע פון דעם כנור. דאָס וואָרט נבל בעדייט א לאָגעל; מען דענקט דעריבער, דאָס דער אינסטרומענט, וועלכער האָט געטראָגען דיזען נאָמען, איז געוועזען עהנליך צו א לאָגעל. לויט מאַנכע האָט ער געהאַט די פאָרמע פון א דריי-עק. דיזער אינסטרומענט האָט געוועהנליך געהאַט פינף סטרונעס, אָבער מען האָט זייער צאָהל געקענט פערגרעסערן. עס איז בעוואוסט, דאָס עס איז געוועזען א נבל מיט צעהן סטרונעס (נבל עשור, פיג. 31).



מוזיקאַלישע אינסטרומענטען.

די ווינד-אינסטרומענטען, וועלכע מיר געפינען ביי די העברעער פאַר דעם גלות בבל, זיינען פון פיער סאָרטען: 1) דער עוגב (פיג. 17, 21), פון וועלכען די פאָרמע איז אונבעקאַנט. לויט די אַלטע איבערזעצער פון דער ביבעל איז דיזער אינסטרומענט געוועזען א סאָרט פלויט אָדער אָרגעל (פיג. 17). די געלעהרטע גלויבען, אז דאָס איז געוועזען אן אינסטרומענט צוזאַמענגעזעצט פון אן אויפגעבלאָזענעם לעדערנעם זאַק און צוויי פלייטען (פיג. 21). 2) דער חליל אָדער די נחילה (פיג. 7, 10, 15, 16), א פלויט, וואָס איז געוועזען געמאַכט פון ראָהר, האָלץ אָדער האָרן, און האָט וואַהרשיינליך געהאַט פערשיידענע פאָרמעס. 3) די חצוצרה (פיג. 1, 4), א גראַדע טראָמפּעט, געמאַכט פון מעטאַל, אַזעלכע, וועלכע ווערט פאָרגעשטעלט אויף טיטוס׳עס טריאומף-ארק. 4) דער

ש ו פ ר (פיג. 20, 22), דער געקרימטער טרומייטער, געמאַכט פון האָרן, וועלכער ווערט אויך בעצייכענט מיט דעם נאָמען ק ר ן (האָרן) און י ו ב ל (באַראַן).

די קלאַפּ־אינסטרומענטען זיינען אויך געוועזן פון פיער סאָרטען: 1) דער ת ו ף (פיג. 2, 3). מען דענקט, אז דאָס איז דער זעלביגער אינסטרומענט, וועלכען די אראַבער רופען נאָך היינט ד אַ ף און די שפּאַניער אַ ד ו פ פ אַ, דאָס הייסט טאַמבורין אָדער פויק, וועלכע עס פלעגען בענוצען איבערהויפּט פרויען ביים טאַנצען און זינגען. 2) די צ ל צ ל י ם אָדער מ צ ל ת י ם (פיג. 8, 11), צימבלען. פון דיזע זיינען געוועזן צוויי אַרטען. איינע איז געוועזן צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי קליינע רונדע אויסגעהעהלטע שטיקער האָלץ, וועלכע מען האָט געהאַלטען צווישען די פינגער. די אַנדערע איז געוועזן צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי אויסגעהעהלטע האַלב־קוגלען פון מעטאַל. אין תהלים ווערען דיזע אינסטרומענטען אונטערשיידען דורך די ווערטער צ ל צ ל י ש מ ע (קלינגענדע צימבלען) און צ ל צ ל י ת ר ו ע ה (שאַלענדע צימבלען). 3) די מ נ ע נ ע י ם (פיג. 5, 6), וואהרשיינליך די קלאַפּערס, וועלכע זיינען פיעל בענוצט געוואָרען אין עגיפּטען. 4) די ש ל י ש י ם (פיג. 9), די דריי־עקען, וועלכע פרויען האָבען בענוצט מיט די פויקען. *)



מוזיקאַלישע אינסטרומענטען.

*) די בעשרייבונגען, וועלכע ווערען דאָ געגעבען פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטען פון די אַלטע העברעער, זיינען ענטנומען פון דעם ווערק **La Palestine** פון דעם בעריהמטען געלעהרטען מונק.

פּאָעזיע. וועגען פּאָעזיע ביי אידען אין דער ביבלישער צייט ברויכען מיר ניט קיין בעוויז, דאָס זי איז געשטאַנען אויף אַ זעהר הויכער מדרגה. די ביבלישע לירישע שירים, העלדען־לידער, פּראָפעטישע מוסר'ן און רעדעס זיינען ערהאַבען, אפילו די פּראָזאַ פון דער ביבעל איז נאָך דער מיינונג פון פיעלע אַן ארט פּאָעזיע. פיעלע פון די גרויסע פּאָעטען אין דער וועלט האָבען זיך געגעבען די מיה נאָכצואהמען אַ קאַפּיטעל תהלים און עס איז זיי ניט געלונגען צו מאַכען עס ווי עס געהערט צו זיין. אַזאַ השתפכות הנפש, ווי מיר געפינען אין דער העברעאישער ליריק פון תנ"ך, האָט קיין פּאָעט נאָך ניט בעוויזען.

בוי־קונסט איז געשטאַנען ביי אידען אין דער ביבלישער צייט אויף אַ בעדייטענדער שטופע. לויט דער מיינונג פון פאַכמענער, ווי צ. ב. הירט אין זיין געשיכטע פון דער בוי־קונסט, איז דאָס אידישע פאָלק אין בוי־קונסט געשטאַנען צווישען אַנדערע פעלקער פון יענער צייט זעהר הויך. שוין אין דעם מדבר, באַלד נאָך דעם, ווי די אידען זיינען ארויס פון מצרים, געפינען מיר צווישען זיי קינסטלער, מאַלער, וועבער, ווי אויך בוי־קינסטלער, ווי מיר זעהען אויספיהרליך פון דער בעשרייבונג פון דעם משכן. אין דער צייט פון די קעניגען דוד און שלמה געפינען מיר צווישען דעם אידישען פאָלק אַ גרויסען פאָרטשריט אין אַרכיטעקטור. דוד האָט בעפעסטיגט דעם באַרג ציון און האָט דאָרט געבויט פיר זיך אַ פּאַלאַץ. שלמה האָט נאָך איבער־געשטיגען זיין פאָטער דוד אין אויפשטעלען גרויסאַרטיגע געביידעס, צווי־שען וועלכע עס זיינען געוועזען דער בית המקדש און די קעניגליכע פּאַ־לאַצען, וועלכע האָבען געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון וויטע לענדער. דריי יאָהר האָט גענומען די צוגרייטונג פון מאַטעריאַל צום בית המקדש, עס זיינען געוועזען בעשעפטיגט 30,000 האָלץ־העקער, פון וועלכע עס האָבען זיך געביטען 10,000 יעדען חדש, 80,000 שטיין־האַקער, און 70,000 לאַסט־טרעגער. דאָס איז געוועזען נאָר די צוגרייטונג פון מאַ־טעריאַל צום טעמפּעל, דאָס געבוי זעלבסט האָט געדויערט 3½ יאָהר. מען האָט אויך געשאַפען צעדער־האָלץ פון לבנון פיר דעם בית המקדש. די שטיינער צום טעמפּעל זיינען געוועזען יעדער 20 פוס לאַנג און 7½ פוס דיק. דאָס בויען פון בית המקדש איז פאָרטגעזעצט געוואָרען אויך נאָך שלמה'ס טויט, לויט ווי יאָזעפוס שרייבט. אויסער אַנדערע געביידעס און פעסטונ־גען, וואָס שלמה האָט אויפגעשטעלט אין פערשיידענע ערטער, איז זעהר מערקווירדיג די וואַסער־לייטונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין זיין צייט אין ירושלים, און וועלכע האָט צוגעפיהרט גוטעס וואַסער פון בית לחם צו

דער מלוכה-שטאָדט ירושלים. פון דיזער וואַסער-לייטונג זיינען נאָך עד היום געבליבען אייניגע רעסטען, וואָס צייגען אויף די ריזען-אַרבייט פון יענער צייט.

אין יאָהר 1880 האָט מען צופעליגערהייט ענטדעקט אַן אינשריפט אין אַ טונעל, וואָס איז געגראָבען געוואָרען אַרום ירושלים אין דער צייט פון חזקיהו מלך יהודה. דער צוועק פון דעם טונעל איז געווען אָפּצוציהען דאָס וואַסער פון דעם טייך שלוח, וואָס האָט געפלאָסען אַרום ירושלים, און אַריינבריינגען עס איז שטאָדט, אום דער קעניג פון אשור, סנחריב, וואָס האָט דאַמאָלס בעלאַגערט מיט זיינע מיליטער די שטאָדט ירושלים, זאָלען ניט האָבען וואָס צו טרינקען, און די בעלאַגערטע אין שטאָדט זאָלען האָבען וואַסער. ווי די אינשריפט צייגט, האָט מען אָנגעהויבען גראָבען דעם טונעל פון ביידע זייטען באַרג, אום די אַרבייט זאָל צוגעהן גיכער.



אינשריפט פון דעם טונעל פון שילוח (700 פ. קר.).

אַזאַ סאָרט אַרבייט האָט געמוזט האָבען טיכטיגע אינזשעניערען, וועלכע זאָלען אָנפיהרען די אַרבייט אַזוי, דאָס די אַרבייטער זאָלען האַקען דעם שטיין אין גראַדע געגענגעזעצטע ריכטונגען אום זיי זאָלען זיך צוזאַמענטרעפען. די אינשריפט דערצעהלט, ווי דאָס איז געשעהן, ווי ביידע העק פון ביידע זייטען אַרבייטער האָבען זיך בעגעגענט, און דאָס וואַסער איז דאַן אַריין דורך'ן טונעל אין דעם רעזערוואואַר (ברכה), וואָס איז צו דיזען צוועק געווע- פאַרבערייט אין שטאָדט. צו אַזאַ אַרבייט האָבען די אינזשעניערען געמוזט זיין גוטע מאַטעמאַטיקער און געניט אין אַזאַ אונטערנעהמונג. דאָס צייגט, ווי ווייט דאָס אידישע פאָלק האָט דאַמאָלס פערשטאַנען אינזשעניעריע.

די נעבען-שטעהענדע צייכנונג פון דער אינשריפט פון שילוח לייענט זיך ווי פאָלגט:

1. הנקבה. וזה. היה. דבר. הנקבה. בעוד...
2. הגרזן. איש. אל. רעו. ובעוד. שלש. אמת. להכ... קל. איש. ם
3. רא. אל. רעו. כי. הית. זדה. בצר. מימן... ובים. ה
4. נקבה. הכו. החצבים. איש. לקרת. רעו. גרזן. על. גרזן. וילכו.
5. המים. מן. המוצא. אל. הברכה. במאתים. ואלף. אמה. ומ[א]
6. ת. אמה. היה. גבה. הצר. על. החצ[בם]

איבערזעצונג:

1. די דורכלעכערונג. דאָס איז געוועזן די געשיכטע פון דער דורכלעכערונג, ווען
2. עס האָבען נאָך (געשלאָגען) די האַק־אייזענס איינער געגען אַנדערן און עס זיינען נאָך געוועזן דריי איילען דורכצולעכערן (האָט מען געהערט) די שטימע פון איינעם
3. רופען צום אַנדערן, ווייל עס איז געוועזן אַ לעערער רוים (?) אין דעם פעלז פון דרום (?)... און אין דעם טאָג
4. פון דער דורכלעכערונג האָבען געשלאָגען די שטיינהאַקער איינער געגען אַנדערן, האַק־אייזען געגען האַק־אייזען, און עס האָט גענומען פליסען
5. דאָס וואַסער פון דעם אויסגאַנג אין דעם טייך 1,200 איילען ווייט, און הונדערט
6. איילען איז געוועזן די הויך פון דעם פעלז איבער דעם קאָפּ פון די שטיינהאַקער

אינדוסטריע. וואָס אָנבעטרעפט אינדוסטריע ביי די אידען אין דער בבלישער צייט, האָבען מיר אין דער ביבעל זעהר פיעלע שטעלען, וואָס צייגען, דאָס זי איז געוועזן ענטוויקעלט צווישען זיי ניט ווייניגער ווי ביי אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער פון יענער צייט. שוין אין ערסטען אָנפאַנג פון דער עקסיסטענץ פון אידישען פאָלק געפינען מיר ביי זיי אַרבייטער און קינסטלער. אין דער אַרבייט פון דעם משכן, וואָס די אידען האָבען געמאַכט באַלד ווי זיי זיינען אַרויס פון מצרים, ווען זיי האָבען נאָך געוואַנדערט אין מדבר, געפינען מיר קונסט־אַרבייט אין וועבען, שטיקען און אויסנעהען, וועלכע אידישע פרויען און מענער האָבען געמאַכט מיט זייערע הענט. מיר געפינען דאָרט אויך קונסט־אַרבייט אין זילבער און אין גאָלד, ווי די מנורה מיט אַלערליי פערצירונגען אין דער פאָרמע פון בלומען, בעשרלאָך א. ד. גל. די נייע קריטיקער ווילען אפילו האָבען, דאָס דער ספר שמות, אין וועלכען דאָס אַלעס איז פערשריבען, איז פערפאַסט געוואָרען פיעל שפּעטער, אָבער זייערע אַרגומענטען זיינען מעהרסטענס בלויז השערות; די דאָזיגע צייט איז פון אונז אַזוי ווייט, דאָס עס איז שווער צו זאָגען עטוואָס בעשטימטעס איבער דיזען געגענשטאַנד געגען דער טראַדיציאָן.

די פערשיידענע קליידער און פוץ־ארטיקלען, וואָס זיינען דערמאָהנט אין תנ״ך, ווייזען אונז אויף אַן ענטוויקעלטע אינדוסטריע צווישען די אידען פון יענער צייט. אזוי, צום ביישפּיל, ווייסען מיר פון דער ביבעל, דאָס די אידען האָבען בענוצט פערשיידענע אונטער־קליידער, ווי א כתונת, א חגורה; די רייכע האָבען געטראָגען א כתונת פסים (א העמד פון פערשיידענע קאָלירען). זיי האָבען אויך געהאַט פערשיידענע אויבער־קליידער מיט פערשיידענע נעמען, ווי בגד, שמלה, כסות, אדרת, סדין, מעיל, אפוד; און פערשיידענע קאָפּ־דעקען: צניף, פאר, מצנפת, מגבעת. אפילו שיך (נעלים) האָבען זיי געהאַט פערשיידענע; בעזונדערס זיינען ווערט צו דערמאָהנען די שיך מיט פערשיידענע פארבען, וועלכע זיינען געווען בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען „נעלי תחש״.

זעהר פיעלע פערשיידענע תכשיטים ווערען דערמאָהנט אין דער ביבעל. אויסער די געוועהנליכע, ווי: חח (שפּאַנגע), נזם (נאָז־רינג), טבעת (רינג), רביד (האַלזבאנד), כומז (אָרמבאנד?), אצעדה (פוס־קייטעל), צמיד (אָרמבאַנד), עגיל (אוירינגעל), געפינען מיר 24 מינים פרויען־צירונג ביי דעם נביא ישעיה (קאפּ. ג). דיזער נביא שטראָפט די אידישע אריסטאָקראַטען און אריסטאָקראַטקעס אין ירושלים פאַרוואָס זיי פערשווענדען אזוי פיעל געלט אויף צירונגען, וועלכע פיהרען צו אויס־געלאַסענקייט.

די אידישע אנשי־חיל האָבען געהאַט אנדערע קליידער, וועלכע זיינען געווען צוגעפּאַסט צו זייער שטאַנד. זיי זיינען געווען בעוואָפענט מיט פער־שיידענע כלי זיין, ווי: מגן (שילד), צנה (גרויסער שילד), סוחרה (רונדער שילד), שלט (שילד), קובע (העלם, מיליטערישער הוט), שריון (פּאַנצער), מצחה (מיצען־שירם), חרב (שווערד), רומח (לאַנצע), חנית (שפּיז), כידון (שפּיז), קשת (בויגען), מפּץ (צושלאָגער). זיי האָבען אויך געהאַט „רכב ברזל״ (אייזערנע קריגס־וואָגענס).

דאָס אַלעס ווייזט קלאָר, דאָס די אינדוסטריע איז געשטאַנען דאַמאָלס ביי די אידען אויף א שטופע ניט נידריגער ווי ביי אנדערע פעלקער פון יענער צייט. מערקווירדיג איז, דאָס די אידישע פרויען האָבען שוין אין די גאַנץ אַלטע צייטען גענומען א גרויסען אַנטייל אין דער אינדוסטריע. אין דעם משכן געפינען מיר א גרויסע צאָהל קענעוודיגע פרויען (חכמת לב), וועלכע האָבען פיעל געהאָלפען אין דער שענער קונסט־ארבייט, וועלכע האָט זיך געפאָדערט צו בעפּוצען און בעשענען דעם משכן. דער קאַפּיטעל „אשת

קליידונג פון אידישע פרויען אין אַלטע צייטען.



צירונג פון אידישע פרויען אין אלטע צייטען.

1, 2, 3 און 4. פאַרפומע־פלעשלאך (בתי נפש). 5. שפיגעל. 6. האלז־קייטעל (רביד). 7. אויערינגעל (עגיל). 8. נאָז־רינג (נזם). 9. קייטעל (רביד). 10. פוס־קייטעל (אצעדה).

חיל״ אין משלי איז א מייסטערהאפטעס בילד פון א אידישער ווירטין פון די אלטע צייטען, וועלכע נעהמט א גרויסען אנטייל אין פאמיליען־לעבען.

אין תנ״ך געפינען מיר אויך רמזים, דאס אין די גאנץ אלטע צייטען זיינען שוין ביי די אידען געווען פאבריקען, אין וועלכע מען האט פערפערטיגט פערשיידענע זאכען פיר דאס פאלק אדער פיר די רעגירונג. די פאבריקען זיינען געווען אין בעשטימטע ערטער און מיט יעדען סארט ארבייט האבען זיך בעשעפטיגט געוויסע פאמיליען, וואס די ארבייט איז ביי זיי געווען בירושה פון דור־דורות, אזוי ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די מצריים, מיט דעם אונטערשייד, דאס ביי די מצריים איז עס געווען א געזעץ, דאס דער זוהן מוז טאן די זעלבע ארבייט, וואס דער פאטער האט געטאן, און האט ניט געטארט איבערגעהן צו אן אנדער בעשעפטיגונג, און ביי אידען איז עס נאר געווען א מנהג. מיר געפינען אין דער ביבעל אן ארט מיט׳ן נאמען „גיא החרשים״ (דהי״א ד, 14) ניט ווייט פון דער שטאדט אינו אין שבט בנימין. דארט איז געווען א פעראיין פון חרשים (צימערלייט). דער פעראיין איז געגרינדעט געווארען פון איינעם יואב בן שריה (עס קען זיין, דאס דיזער מאן איז געווען יואב בן צרויה, דער בעריהמטער פעלדהערר אין די צייטען פון דוד המלך). אין אן אנדער ארט געפינען מיר א שטאדט מיט׳ן נאמען „גיא הצבועים״, א פעראיין פון פארבער (נחמיה יא, 34). עס זיינען געווען גאנצע פאמיליעס, וואס האבען זיך בעשעפטיגט מיט מאכען ביסוס־לינען (דהי״א ד, 21). עס זיינען אויך געווען ערטער, וואו עס זיינען געווען פעראיינען פון טעפער, גערטנער, צאמען־פלעכטער. ווי עס שיינט, האבען דיזע פעראיינען פארטגעזעצט צו טאן זייער ארבייט אויך ווען זיי זיינען פערטריבען געווארען נאך בבל, און ווען זיי זיינען געקומען צוריק נאך זייער פאטערלאנד אין ארץ ישראל, האבען זיי זיך צוריק בעזעצט אין די שטעדט, וואו זייערע זיידעס האבען אמאל געוואוינט, און האבען דארט פארטגעזעצט זייער ארבייט. דיזע קליינע אנדייטונגען ווייזען, דאס שוין אין די גאנץ אלטע צייטען איז ביי אידען געווען ענטוויקעלט א בעדייטענדע אינדוסטריע.

אורפעלקער פון פאַלעסטינאַ.

א. בעשרייבונג פון דעם לאַנד.

פיזישע געאָגראַפיע. פּאַלעסטינאַ ליגט צווישען 31—33 גראַד נאָרדליכע ברייט און 34—36 גראַד אָסטליכע לענג. איהרע גרענצען זיינען: צו וועסט — דער מיטלענדישער ים (ים הגדול), צו נאָרד און אָסט — סיריען; צו זיד־וועסט — די וויסטענעס עט־טיה (מדבר פארן) און דער טייך וואַדי על אריש (נחל מצרים), וועלכער פאַלט אריין אין מיטלענדישען ים; צו זיד־אָסט — אראַביען. איהר שטח צווישען דיזע גרענצען איז אונגעפעהר 16,000 קוואַדראַט־מיילען.

דער ברעג פון פאַלעסטינאַ ביים מיטלענדישען ים האָט נאָר איין וויכטיגען איינשניט — דעם בוזעם פון אַקר, ביי וועלכען עס געפינט זיך די שטאָדט עכו. צו זיד פון דער וויסטענעס עט־טיה קומט פּאַלעסטינאַ אין בעריהרונג מיט דעם רויטען מעער (ים סוף) דורך דעם בוזים פון אקאַבאַה, צו מערב פון דער האַלב־אינזעל סיני.

איינטיילונג און פאָרמע פון דער אויבערפלעך. דער ירדן, וועלכער געהט פון נאָרד צו זיד, טיילט דאָס לאַנד אין צוויי אָפּטיילונגען: אַ וועסטליכע און אַן אָסטליכע. די וועסטליכע אָפּטיילונג ענטהאַלט צו נאָרד ביים מיטלענדישען ים (ים הגדול) די טעריטאָריע, וועלכע איז פאַרצייטען געוועזן דאָס לאַנד כנען אָדער פעניציען, און צו זיד דאָס לאַנד פלשת, פון וועלכער דער גאַנצער געביט, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, האָט געקראָגען דעם נאָמען פּאַלעסטינאַ. די אָסטליכע אָפּטיילונג שליסט איין די געגענד פון גלעד און די געגענד פון בשן אָדער חורן.

די וועסטליכע אָפּטיילונג ענטהאַלט פיעלע בערג און טאָלען און אייניגע פלאַכלענדער. די בערג ציהען זיך פון נאָרד אַרונטער צו זיד אין איין לאַנגער רייהע, וועלכע ווערט נאָר אונטערבראָכען אין דעם טאָל פון יזרעאל (עמק יזרעאל) אָדער זערין. אין דעם נאָרדליכען טייל

געהען די בערג ביז נאָהענט צום ברעג פון ים אין צוויי רייהעס (בערג פון לבנון). דער נידריגער שטח צווישען דיזע רייהעס צו וועסט איז דאָס נידערלאַנד פון דעם פאַרצייטיגען כנען *). זידליך ארונטער פון דער שטאָדט עכו פערקירעווען זיך די בערג צוריק און לאָזען אַ נידריגען שטריך לאַנד — דאָס נידערלאַנד פון עכו. דיזעס נידערלאַנד פעראייניגט זיך מיט דעם טאָל פון יזרעאל, וועלכער ציהט זיך ביז דעם ירדן. צו זיד פון עכו, ביי דער שטאָדט חיפה, קומען די בערג ווידער נאָהענט צום ברעג פון ים, וואו זיי ווערען בעצייכענט מיט דעם נאָמען הר הכרמל אָדער דזשעבעל קורמול. צו זיד פון דיזען פונקט פערקירעווען זיך די בערג ווידער צוריק און לאָזען איבער אַ לאַנגען נידריגען שטריך לאַנד, וואָס ציהט זיך ביים ברעג פון דעם מיטלענדיישען מעער כמעט ביז דער גאַנצער לענג פון פּאַלעסטינאַ. דער נאָרדליכער טייל פון דיזען נידריגען פלאַכלאַנד ביז דער שטאָדט יפו ווערט אָנגערופען דער שרון; דער זידליכער טייל, פון יפו ארונטער ביז עזה, ווערט אָנגערופען די שפלה אָדער דאָס נידריגע פלאַכלאַנד. דיזעס פלאַכלאַנד איז פאַרצייטען געוועזען דאָס לאַנד פון די פלישתים. צו אָסט פון דיזע אַלע בערג געפינט זיך דאָס פלאַכלאַנד פון ירדן (ככר הירדן), אַ לאַנגעס שמאָלעס נידערלאַנד, וועלכעס ווערט אין דעם נאָרדליכען טייל, ביים ברעג פון דעם ים כנרת, אָנגערופען דאָס נידערלאַנד פון גנסר; און אין דעם זידליכען טייל — די סטעפּע אָדער סטעפּעס פון ירדן (ערבות הירדן). דאָס פלאַכלאַנד פון ירדן איז מערקווירדיג מיט דעם, וואָס עס ליגט נידריגער ווי דער ים.

בערג און הויכלענדער. אין דעם נאָרדליכען טייל פון פּאַלעסטינאַ זיינען דאָ צוויי רייהעס בערג, וועלכע הייסען די **בערג לבנון**. די רייהע צו וועסט ווערט בעצייכענט איינפאַך אַלס דער לבנון, די רייהע צו אָסט ווערט בעצייכענט אַלס דער געגען־לבנון (אַנטי־לבנון). דיזע צוויי רייהעס בערג שליסען איין אַ שמאָלעס לאַנגעס פלאַכלאַנד, וועלכעס ווערט אָנגערופען קאָילע־סיריען. די בערג־רייהעס פון לבנון צוצווייגען זיך איבער גאַנץ פּאַלעסטינאַ פון נאָרד ביז זיד און זיי האָבען אין די פערשיידענע ערטער פערשיידענע נעמען. אין דעם נאָרדליכען טייל

*) „כנען“ בעדייט אין העברעאיש „נידערלאַנד“ („כנע“, זיין נידריג, אונטערטעניג). דיזער נאָמען איז אין געגענזאַץ צו „ארם“ (סיריען), וועלכעס בעדייט „הויך־לאַנד“.

ווערען זיי אָנגערופען די בערג פון גליל (הרי הגליל) אָדער די בערג פון נפתלי (הרי נפתלי). אין דעם טאָל פון יזרעאל איז דאָ א היוכער און שענער באַרג, וועלכער ווערט אָנגערופען תבור. צו זיד פון דעם טאָל יזרעאל הייסען זיי די בערג פון אפרים (הרי אפרים). פון דיזע בערג געהען ארויס צוויי צווייגען, איינער צו וועסט און דער צווייטער צו אָסט; דער ערסטער ווערט אָנגערופען דער כרמל, דער צווייטער — הער גלבוע. צווישען די בערג פון אפרים זיינען דאָ צוויי הויכע בערג, וועלכע ווערען אָנגערופען הר גריזים און הר עיבל. אין דעם טאָל צווישען דיזע בערג איז די שטאָדט שכם אָדער נאבלוס. אין דעם זידליכען טייל ווערען די בערג פון אפרים אָנגערופען הרי יהודה, וועלכע שליסען איין דעם הר ציון, דעם הר הזיתים און דעם הר מוריה. דער סאַמע זידליכער פון די בערג פון אפרים איז דער הר שעיר אָדער הר אדום. די בערג פון פאַלעסטינאַ זיינען ניט קיין זעהר הויכע. די בערג פון גליל שטייגען ביז 3,250 פוס איבער דעם ים. אין ירושלים זיינען די בערג ניט העכער פון 2,600 פוס. אין חברון זיינען זיי עטוואָס העכער; פון דאָרטען געהען זיי אַלץ נידריגער ביז צום רויטען מעער (ים סוף).

אין דער אָסטליכער אָפּטיילונג פון פאַלעסטינאַ געפינט זיך א הויכלאַנד, וואָס ציהט זיך פון נאָרד פון דעם געגען־לבנון ביז צו זיד פון די בערג פון מואב. צו נאָרד איז דיזעס הויכלאַנד ברייט און זעהר פרוכטבאַר; דיזער טייל איז דאָס פלאַכלאַנד פון גולן און חורן. אין דעם זידליכען טייל איז דאָס הויכלאַנד שמעלער און געהט איבער אין א זאַמדיגען מדבר — דעם מדבר פון סיריען אָדער אַראַביען. די דורכשניטליכע הויך פון דיזען הויכלאַנד איז 1,625 פוס. די בערג פון גלעד, וועלכע געפינען זיך אויף איהם, שטייגען ביז 2,275 און אָפּט ביז 3,250 פוס. אויף דער וועסטליכער זייט גרענעצט זיך דאָס הויכלאַנד מיט בערג: צו נאָרד ביי דעם געגען־לבנון איז דער באַרג חרמון אָדער דזשעבעל עש־שייך, וועלכער שטייגט ביז 9,200 פוס; צו זיד זיינען דער באַרג גולן, דער באַרג עברים און דער באַרג מואב. צו זיד פון דעם טויטען מעער (ים המלח) פעראייניגען זיך די בערג פון מואב מיט די בערג פון שעיר און געהעןביידע צוזאַמען ביז דעם באַרג סיני און ביז דעם רויטען מעער (ים סוף). צו אָסט פון דעם פלאַכלאַנד חורן געפינען זיך די בערג פון בשן אָדער דזשעבעל האוראַן.

ימים, טייכען, אַזיערעס און קוואַלען. די הויפּט־וואַסערן אין פּאַלעסטינאַ זיינען: דער טייך ירדן אָדער נאַהר עש־שעריעה, וועלכער פליסט איבער'ן רעכטען מיטען פון דעם לאַנד פון נאָרד צו זיד; דער ים פון טיבעריאַס אָדער באַהר טי־באַריעה, וועלכער ליגט צו נאָרד פון דעם ירדן*); דער ים המלח אָדער דאַס טויטע מעער**), וועלכעס ליגט צו זיד פון דעם ירדן. דער ים פון טיבעריאַס און דער ים המלח צייכנען זיך אויס מיט זייער נידריגער לאַגע; דער ערסטער איז 680, דער צווייטער 1,312 פוס נידריגער פון דעם מיטלענדישען ים (ים הגדול).

די טייכען פון פּאַלעסטינאַ, וועלכע זיינען אין אַ בעדייטענדער צאָהל, ווערען פערטיילט אין צוויי באַסיינען (בעקענס): דעם באַסיין פון מיטלענ־דישען ים און דעם באַסיין פון טויטען מעער.

די טייכען, וועלכע פאַלען אריין אין דעם מיטלענדישען ים, זיינען: דער טייך ליטאַני, נאָרדליך פון דער שטאָדט צור; בעלוס, עט־וואָס זידליך פון דיזער שטאָדט; דער נחל קישון אָדער וואַדי אַל־מאַקאַטאַה פאַלט אריין אין דעם בוזים (איינשניט) פון עכו נאָרד־ליך פון חיפה; דער בלויער טייך אָדער וואַדי זערקאַ שטראָמט ארויס פון דעם הר הכרמל און פאַלט אריין אין ים זידליך פון דור (טאַנטורא); דער גרינער טייך אָדער אַל־אַחדר פאַלט אריין אין ים נאָרדליך פון אַל־קאַיסאַריאַה (קיסריה); דער נחל קנה אָדער וואַדי קאַנאַה, זידליך פון אַל־קאַיסאַריאַה; מי הירקון, נאָרדליך פון יפו; נחל שורק אָדער וואַדי עס־סוראַר, זידליך פון יפו; נחל הבשור אָדער עש־שעריאַה, ביי דער שטאָדט עזה; נחל מצרים אָדער וואַדי על־עריש, צו זיד, צווישען פּאַלעסטינאַ און עגיפּטען.

---

*) דער ים פון טיבעריאַס איז דער ים כנרת פון דער ביבעל; ער ווערט אויך אָנגערופען ים פון גנסר (גענעסאַרעט) און ים פון גליל. דיזע אַלע נעמען קומען פאָר אין קאַרטעס פון פּאַלעסטינאַ.

**) דעם ים המלח רופען די אַראַבער באַהר לוט, ד. ה. „לוט'ס אָזיערע". דיזער נאָמען האָט פיעללייכט אַ שייכות מיט דעם, וואָס דיזע אָזיערע איז זעהר זאַלציג און לוט'ס ווייב — ווי די ביבעל דערצעהלט — איז געוואָרען פערוואַנ־דעלט אין זאַלץ.

אין דעם ים המלח (דאָס טויטע מעער) פאַלען אריין: דער ירדן, וועלכער שטראָמט אַרויס פון דעם הר חרמון (דעם העכסטען געבירג פון געגען=לבנון); דער נחל ארנון אָדער וואַדי מאָדזשעב, צווישען מואב און אדום; דער נחל זרד אָדער וואַדי על=אַהסי און נאָך אַנדערע טייכען. דער ירדן געהט דורך די אָזיערע מרום אָדער על=חולעה און דעם ים פון טיבעריאַס, און ער נעהמט אין זיך אויף פוןביידע אָפּטיילונגען פון פּאַלעסטינאַ (אָסטליכע און וועסטליכע) מעהרערע טייכען. פון דער וועסטליכער זייט נעהמט דער ירדן אויף: דעם טייך בית ברה אָדער וואַדי ביראַה, דעם וואַדי פאַריעה און דעם נחל כרית אָדער וואַדי קעלט; פון דער אָסטליכער זייט: דעם טייך ירמוך אָדער נאַהר יאַרמוק, דעם נחל יבק אָדער וואַדי זערקאַ און דעם טייך מי נמרים אָדער נאַהר נימרין.

אָרט ביים ים המלח (טויטען מעער).

אויסער דיזע טייכען און אָזיערעס איז פּאַלעסטינאַ רייך אין קוואַלען, איבערהויפּט צווישען די בערג. אין די נידריגע ערטער, וועלכע זיינען נאָהענט פון ים, ווערען געגראָבען ברונענס פיר וואַסער צום טרינקען און צום בעוועסערן די גערטנער. די טיף פון די געגראָבענע ברונענס איז ניט איבעראַל גליך. אין יפו איז די גרעסטע טיפקייט 48 פוס און אין מאַנכע ערטער 32, 16 און זאָגאַר 10 פוס. אין ירושלים, וועלכע איז צו הויך, איז אונמעגליך אויסצוגראָבען אָדער אויסבויערן ברונענס; צום טרינקען ווערט דאָ בענוצט רעגען=וואַסער, וואָס ווערט געזאַמעלט אין גריבער אין ווינטער=צייט (צייט פון רעגענס).

קלימאט. דער קלימאט פון פאלעסטינא איז מיטעלמעסיג ווארים, אבער צוליב די בערג און די טאלען איז ער ניט איבעראל גלייך. אויף די נידערלענדער, וועלכע ליגען ביים ברעג פון ים, איז ער מילד און אנגענעהם, ווייל אין זומער קומט פון דעם מעער א פרישער, קיהלער ווינט. אויבען אויף די בערג איז פיעל קיהלער און איינִיגע טעג אין ווינטער פאלט דארט זאגאר שנעע. אויף דעם בארג חרמון צוגעהט ניט דער שנעע ביז אין מיטען זומער, און אין איינִיגע שפאלטען פון די בערג פערבלייבט דער שנעע דעם גאנצען יאהר. אין דעם טאל פון ירדן איז דער קלימאט זעהר ווארים, ווייל די בערג ארום לאזען דארטען ניט צוקומען דעם ווינט פון ים. אויף דער וועסטליכער זייט פון ירדן איז דער קלימאט פייכט, ווייל דיזער טייל איז נאהענט צום ים; אויף דער אסטליכער זייט פון ירדן איז ער טרוקען, ווייל יענער טייל איז נעהענטער צום מדבר און ווייט פון ים.

אין פאלעסטינא זיינען דא בלויז צוויי תקופות: ווינטער און זומער. דער ווינטער הייבט זיך אן אין חדש חשון, מאנכמאל ענדע כסלו, און ענדיגט זיך אין חדש ניסן; דער זומער איז פון חדש אייר ביז חשון. דעם גאנצען זומער איז דא ניטא קיין רעגען, נאר אין חדש אייר געהען מאנכמאל קליינע רעגענס. די ערסטע העלפט פון זומער איז די צייט פון זעען. אנפאנגס ווערען געזעעט די ווינטערדיגע תבואות: ווייץ, גערשטען, פייג-באהנען און אנדערע, און צו ענדע פון דיזער תקופה ווערען געזעעט די זומערדיגע פראדוקטען: מעלאנען, סעזאם (שומשמין), מאאיס און נאך אנדערע. די צווייטע העלפט פון זומער איז די צייט פון שניט און וויין-זאמלונג. אין אנפאנג פון דיזער תקופה ווערען געשניטען גערשטען און ווייץ, און צו ענדע ווערען אראפגענומען דער מאאיס און דער סעזאם, די וויינטרויבען און די אוילבערטען.

פראדוקטען פון אגריקולטור, מינעראלען או. אז. וו. דער באדען פון פאלעסטינא איז זעהר פרוכטבאר. די פלאכלענדער און די טאלען פראדוצירען פיעל ווייץ, גערשטען, סעזאם (שומשמין), מאאיס און נאך אנדערע געטריידע-ארטיקלען און פלאנצען. אויף די בערג ווערען געפלאנצט וויינטרויבען, אוילבערטען, פייגען-בוימער און אנדערע מינים פרוכט-בוימער. דיזע בוימער ווערען אויך פראדוצירט אין די טאלען. צווישען די גערטנער און פרוכט-וועלדער אין היינטיגער צייט צייכנען זיך אויס די וויין-גערטנער אין די אידישע קאלאניעס און די וועלדער פון אוילבערטען ארום לוד, רמלה און אנדערע ערטער. אין געגענדען, וואו עס איז דא פיעל וואסער פון טייכען און אזיערעס אדער פון קוואלען און ברונ-

נענס, ווערען געפלאַנצט אַזעלכע בוימער, וואָס דאַרפען בעוואַסערט ווערען אין זומער־צייט: אתרוגים, ציטראָנען, אַפעלסינען. צווישען די גערטנער פון דיזע מינים בוימער צייכנען זיך אויס די גערטנער פון יפו, וואדי האַנין (קאָלאָניע ביי יפו), צדון און אַנדערע ערטער.

פאַלעסטינאַ איז אויך רייך אין מינעראַלען. פון די מינעראַלען־קוואַלען צייכנען זיך בעזונדערס אויס די קור־קוואַלען אין טיבעריאַס (חמי טבריה) און אין דער גאַנצער געגענד פון ירדן. אַרום דעם טויטען מעער (ים המלח) איז דער באָדען רייך אין זאַלץ, אַספאַלט און נאָך אַנדערע מי־נעראַלען פון דיזען סאָרט. מעטאַלען האָט מען דאָ נאָך ניט געפונען. אויך זיינען דאָ ניטאָ קיין קויהלען און דאָס לאַנד איז דעריבער ניט גינסטיג פיר אינדוסטריע.

פאַרצייטיגער ברונען אין פאַלעסטינאַ.

פאָליטישע געאָגראַפיע.*) ווי אויבען בעשריבען, איז פאַלעסטינאַ פון דער נאַטור געווען איינגעטיילט אין צוויי אָפטיילונגען, איינע צו מזרח־זייט, די אַנדערע צו מערב־זייט פון דעם ירדן. איידער די העברעער זיינען אָנגעקומען איז דיזעס לאַנד געווען צוטיילט אין פערשיידענע פראָווינצען, וואָס האָבען געטראָגען די נעמען פון די פעלקערשאַפטען, וועלכע זיינען דאָרטען געזעסען. די העברעער האָבען צוטיילט פאַלעסטינאַ אין צוועלף טיילען, לויט די צוועלף שבטים. אונטער רחבעם, שלמה'ס זוהן, האָבען זיך

*) פון היר ביז ענדע פון דיזער אָפטיילונג נאָך מונק'ס Palestine.

צעהן שבטים אָפּגעריסען פון דער דינאַסטיע פון דוד'ן און דאָס לאַנד איז געוואָרען איינגעטיילט אין צוויי קעניגרייכען: ישראל און יהודה. פון גלות בבל ביז אלכסנדר מוקדון האָבען מיר ניט קיין בעשטימטע ידיעות פון דער פּאָליטישער געאָגראַפיע פון פּאַלעסטינאַ. פון די מאקאבייער ביז חרבן ירושלים געפינען מיר פּאַלעסטינאַ איינגעטיילט אין פיער פּראָווינצען, נעמ־ליך: ג ל י ל, ש ו מ ר ו ן, י ה ו ד ה און פ ע ר אַ א (עבר הירדן).

1. די פּראָווינץ גליל.

דער נאָמען „גליל" איז אַ העברעאישער און בעצייכענט „קרייז" אָדער „בעצירק". דיזער נאָמען געפינט זיך שוין אין יהושע (כ, 7 און כא, 32) אַלס אַ געאָגראַפישע בעצייכנונג פון נאָרד־פּאַלעסטינאַ, איבערהויפּט פון דעם געביט פון נפתלי. שלמה האָט געגעבען חירם'ען, דעם קעניג פון צור, צוואַנציג שטעדט פון דעם לאַנד גליל (מלכים א', 9, 11); די פעניציער האָ־בען זיך דאָרטען בעזעצט און פיעלע אנדערע פרעמדע זיינען געקומען זיך בעזעצען אין נאָרד פון פּאַלעסטינאַ, און דיזע געגענד האָט דעריבער גע־קראָגען דעם נאָמען „גליל הגוים", ד. ה. די פּראָווינץ פון די פעלקער. די בעציהונגען מיט די פרעמדע פעלקער האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם כאַראַקטער פון די איינוואוינער פון גליל. זיי האָבען זיך ניט אָפּגעזונדערט אזוי פיעל ווי די איינוואוינער פון זיד־פּאַלעסטינאַ פון די זיטען פון די פרעמדע פעלקער און האָבען ניט אזוי שטרענג אָפּגעהיט די אידישע רעליגיאָן. נאָך דעם, ווי די אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון גלות בבל, זיינען די בעציהונגען צווישען די אידישע איינוואוינער פון גליל און די גוים געווען נאָך נעהענטער, ווייל אין דיזער פּראָווינץ האָט זיך דאַן געפונען אַ גרויסע צאָהל פרעמדע. דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָרום די אידען האָבען געקוקט אויף זייערע ברידער פון גליל מיט פעראַכטונג.

די פּראָווינץ גליל איז געווען קלענער ווי יהודה, אָבער עטוואָס גרעסער ווי שומרון. דאָך האָט זי געהאַט אַ גרויסע בעפעלקערונג, צו פערדאַנקען איהר פרוכטבאַרקייט. אין דעם קריג געגען די רוימער האָט יאָזעפוס (פלאַוויוס) דאָרטען צונויפגעזאַמעלט אָהן פיעל מיה אַן אַרמעע פון הונדערט טויזענד מאַן.

אזוי ווי גליל איז בעשטאַנען פון בערג אין צפון און פון אַ גרויסער פלאַכער שטרעקע אין דרום, איז דיזע פּראָווינץ געווען איינגעטיילט אין א ו י ב ע ר־ג ל י ל און א ו נ ט ע ר־ג ל י ל. מיר וועלען בעשרייבען די וויכטיגערע שטעדט, פון נאָרד אַרונטער ביז זיד.

דן, אזוי אָנגערופען נאָך דעם שבט דן, וועלכער האָט דיזע שטאָדט איינגענומען (שופטים יח), ווערט אָפט דערמאָהנט אין דער ביבעל אַלס גרענעץ־שטאָדט אין דעם ווייטסטען נאָרדליכען פונקט פון פאַלעסטינאַ. איידער זי איז אַיינגענומען געוואָרען פון שבט דן, האָט זי געהייסען ל י ש אָדער ל ש ם.

קאַרטע פון פאַלעסטינאַ
לויט דער פערטיילונג צווישען די צוועלף שבטים.

קדש (קעדעש), א שטאָדט פון שבט לוי און איינע פון די זעקס ערי מקלט ביי דער גרענעץ פון צור.

כנרת, פון וועלכער דער ים כנרת האָט ערהאַלטען זיין נאָמען, איז געשטאַנען געוויס אין דעם אָרט, וואו דער ירדן פאַלט אריין אין דיזע אָזיערע. ניט ווייט פון דאַנען האָט זיך געפונען

קאפערנאאום אדער כפר נחום, ביים וועסטליכען ברעג פון דעם ים פון גליל. דיזע שטאדט ווערט ניט דערמאהנט אין תנ"ך, אבער זי שפילט א ראָלע אין דעם נייעם טעסטאמענט. עס ווערט דערצעהלט, דאס יעזוס האט זיך דארטען געפינען זעהר אפט און האט דארטען געפרע-דיגט און געוויזען זיינע מופתים.

בעטה־סאאידא אדער בית צידה (ארט פון פייש־פאנג), ביי דעם וועסטליכען ברעג פון דעם ים פון גליל (אזיערע גענעסארעט). ווערט דער-מאהנט בלויז אין דעם נייעם טעסטאמענט. איז געוועזען דער געבורטס־ארט פון די אפאסטלען פעטרוס אין אנדרעאס. אונגעפעהר 5 ליא *) ארונטער פון כפר נחום געפינט זיך די שטאדט

טיבעריאס (אדער טבריה), איינע פון די וויכטיגסטע שטעדט פון גליל, און בעדייטענד נאך אין היינטיגער צייט. זי איז געבויט גע-ווארען פון הורדוס אנטיפאס, וועלכער האט זי געמאכט פיר זיין הויפט-שטאדט, און דער נאמען, וועלכען ער האט איהר געגעבען, איז געוועזען צו עהרע פון דעם קייזער טיבעריוס. זי ליגט אין א פלאכען טאל צווישען בערג, און ביי זארגפעלטיגער בעארבייטונג וואלט זי קענען פראדוצירען אלע פרוכ-טען פון די טראפישע לענדער, אבער זי איז זעהר ווארים און אונגעזונד. נאך דעם חרבן ירושלים האבען די גרויסע אידישע חכמים, וועלכע האבען ניט געוואלט פערלאזען דאס הייליגע לאנד, זיך בעזעצט אין טבריה, וועלכע איז געווארען א צענטער פון תורה. פון דער ישיבה פון טבריה איז ארויס-געגאנגען די משנה פון ר' יהודה הנשיא, און שפע-טער די מסורה. די בעריהמטע ווארימע בעדער פון טיבעריאס (חמי טבריה) עקסיסטירען נאך יעצט צו זיד־אסט פון דער שטאדט ביי די ברעגען פון דער אזיערע. עס זיינען דא פיער קוואלען. די ווארימע וואסערן זיינען עהנליך צו די וואסערן פון אאכען (דייטשלאנד). די איינוואוינער בעטראכ-טען זיי אלס א גוטען מיטעל געגען רהומאטיזם. מען קומט אהין פון גאנץ סיריען, בעזונדערס אין מאנאט יולי.

די לעצטע שטאדט ביים ברעג פון דעם ים פון גליל איז טאריכעע, וועלכע איז עראבערט געווארען דורך וועספאסיאנוס'ן. דיזע שטאדט ווערט ניט דערמאהנט אין דער ביבעל.

---

*) „ליע" איז א פראנצויזישע וועג־מאס, אן ערך 2 מיט פיער פינפטעל ענג-לישע מייל.

ווען מיר געהען יעצט אריין אין דעם אַנדערען טייל פון דער פּראָווינץ געפינען מיר, אַן ערך 4 ליאַ נאָרד־וועסט פון טיבעריאַס, די שטאָדט

סאַפעד (צפת). זי ווערט דערמאָהנט אין דעם בוך „טוביה" (פון די אַפּאָקריפען). דיזע שטאָדט האָט היינט אַ בעפעלקערונג פון 25,000 נפשות, צווישען וועלכע עס געפינען זיך איבער 7,000 אידען. צפת ווערט בעטראַכט פון אידען אַלס הייליגע שטאָדט, ווי טבריה, ירושלים און חברון.

קאַרטע פון פּאַלעסטינאַ

לויט די פיער פּראָווינצען, אין וועלכע זי איז שפּעטער אײַנגעטיילט געוואָרען.

סעפּאָרים (צפורי, צפורין), די אַלטע הויפּטשטאָדט פון גליל און נאָך דעם חרבן ירושלים דער זיץ־אָרט פון דעם סנהדרין, וועלכער איז שפּע־טער איבערגעגאַנגען נאָך טבריה. זי איז געשטאַנען אויף אַ באַרג. אין תנ"ך איז דער נאָמען פון דיזער שטאָדט ניטאָ, אָבער זי ווערט דערמאָהנט

אין יאָזעפוס פלאַוויוס'עס ווערק און אָפט אין תלמוד. אויף דעם אָרט פון דיזער שטאָדט געפינט זיך יעצט דער דאָרף ס א פ ו ר י.

קנה (יעצט ק ע פ ר ק א נ א), בערך 2 ליאַ פון סעפאָרים, בעריהמט אין דער געשיכטע פון קריסטוס'ן. צו זיד פון קנה ליגט

נאַזאַרעטה (נצרת), בעריהמט אין דער געשיכטע פון קריסטענטום, און טראָגט היינט דעם נאָמען נ א ס ר א. דיזע שטאָדט, וועלכע שפּילט אזא גרויסע ראָלע אין דעם נייעם טעסטאמענט אלס דער אָרט, וואו עס האָבען געוואוינט יעזוס'עס עלטערן און וואו יעזוס איז ערצויגען געוואָרען, איז געוועזן אַן אָרט פון גאַנץ קליינער בעדייטונג. זי ווערט ניט דערמאָהנט ניט אין תנ"ך, ניט ביי יאָזעפוס'ן און ניט אין תלמוד.

עין דור, צו זיד פון בארג תבור, איז בעקאַנט דורך די צויבערין, צו וועלכער שאול איז געקומען.

נאַאין (נעין, נעים), אין דער עבענע יזרעאל, נעבען עין דור. דיזע קליינע שטאָדט ווערט דערמאָהנט אין דעם נייעם טעסטאמענט (לוקאס, קאפּ. 7, 11) אלס אַן אָרט, וואו יעזוס האָט געוויזען א מופת פון מחיה מתים זיין.

אפק, אין דעם טאָל פון יזרעאל. ביי דיזער שטאָדט איז פאָרגעקומען די שלאַכט צווישען די אידען און די פלשתים, אין וועלכער שאול און זיין זוהן יונתן זיינען געפאַלען. דיזע שטאָדט האָט געהערט צו דעם שבט יששכר. אַן אנדער שטאָדט מיט דעם נאָמען א פ ק, וועלכע האָט געהערט צום שבט אשר, איז געלעגען ביי צדון. נאָך צוויי שטעדט אין דעם טאָל פון יזרעאל, מ ג ד ו און ת ע נ ך, קומען פאָר אין דער געשיכטע פון די העברעער. זיי זיינען בעריהמט דורך איינינע גרויסע שלאַכטען, וועלכע זיינען דאָרט פאָרגעקומען.

ביים ברעג פון גליל געפינען מיר איינינע שטעדט, וועלכע די אידען האָבען ניט איינגענומען, אָבער זיי האָבען לויט דעם פלאַן פון יהושע געדארפט געהערען צו דעם טייל פון אשר. צווישען דיזע שטעדט זיינען געוועזן א כ ז י ב און ע כ ו.

אכזיב, ביי די גריכען ע ק ד י פ א, 3 ליאַ איבער עכו. יעצט געפינט זיך דאָרט א דאָרף מיט'ן נאָמען ז י ב.

עכו (פּטאָלעמאאידע, סט. זשאן ד'אקר), צו נאָרד פון כרמל, אַלטע פעניציזשע שטאָדט און האפען. זי האָט געקראָגען דעם נאָמען פ ט א ל עמ א א י ד ע פון איינעם פון די פּטאָלעמעער פון מצרים, אָבער מען ווייס ניט פון וועלכען. אונטער אלכסנדר ינאי איז זי געוועזן פיר א קורצע ציים

אין די הענט פון די אידען, און דאן איז זי אריינגעפאלען צו פּטאָלעמעאוס לאַטהירוס פון עגיפּטען. דער רוימישער קיסר קלאַודיוס האָט זי געמאַכט פיר א רוימישע קאָלאָניע. אין 1192 איז זי געוואָרען דער זיץ פון דעם פראַנצויזישען קריסטליכען אָרדען סט. זשאַן, פון וועלכען זי האָט געקראָגען דעם נאָמען סט. זשאַן ד'אקר. ביי די אָריענטאַלישע איינוואוי־נער האָט דיזע שטאָדט אימער בעהאלטען איהר אלטען נאָמען, וועלכען די אראבער שפּרעכען אויס אקקא. זי האָט א בעפעלקערונג פון אן ערך 10,000 איינוואוינער.

2. די פּראָווינץ שומרון.

דיזע פּראָווינץ, די קלענסטע פון די פיער פּראָווינצען, אין וועלכע פּא־לעסטינא איז געוועזען איינגעטיילט פון דער צייט פון די מאקאבייער ביז חרבן ירושלים, האָט ערהאלטען איהר נאָמען פון דער שטאָדט שומרון, וועל־כע איז זינט דעק קעניג עמרי, איהר גרינדער, געוועזען די רעזידענץ פון די קעניגען פון ישראל. איהרע נאָרדליכע גרענצען זיינען צו זיד פון גליל; צו אָסט גרענעצט זי זיך מיט דעם ירדן, צו זיד מיט יהודה; צו וועסט האָט זי זיך ניט געצויגען ביז דעם ים, ווייל דאָס לאנד פון ברעג פון כרמל אָן האָט געהערט צו יהודה. די בערג פון אפרים קרייצען דורך די פּראָווינץ פון נאָרד ביז זיד, אָבער זי שליסט איין צו נאָרד א טייל פון דעם עמק יזרעאל און צו אָסט דעם טאָל פון ירדן מיט איניגע אנדערע, קלענערע טאָלען פון די מזרח־צווייגען פון די בערג. דער באָדען, זאָגאר פון די בערג, איז זעהר פרוכטבאר און ווערט נאָך יעצט בעארבייט; ער פּראָדוצירט גע־טריידע, באָוועל, טאבאק און פיעלע פרוכטען. די שענסטע געוויקסען, די מאלערישע בערג, די וועלדער פון אוילבערטען, די גראָז־פלעצער און די פעלדער, וועלכע ווערען בעוואסערט פון די שטראָמען, וואָס געהען אראָפּ פון די הויכע ערטער, מאכען שומרון פיר איינע פון די שענסטע געגענדען פון סיריען. יעצט רופט מען דיזע געגענד נאבלוס. אין דער געשיכ־טע פון דעם אידישען פאָלק זעהען מיר, דאָס די שומרונים האָבען געשפּילט א קליינע ראָלע ביי דער זייט פון די איינוואוינער פון יהודה; מיר זעהען אויך די אורזאך פון דער שנאה, וועלכע האָט צושפּאָלטען דיזע צוויי פּראָ־ווינצען (שומרון און יהודה), די ענטשטעהונג פון דער סעקטע פון די שומרונים (סאמאריטאנער), פון וועלכע עס איז נאָך פערבליבען א קליינער רעסט אין נאבלוס. דיזע איבערגעבליבענע פון די שומרונים אָנער־

קענען תורת משה, אָבער פעראַכטען ירושלים און קערן זיך אין זייערע תפלות צום באַרג גריזים, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען זייער הייליגטום.

פאָלגענדע זיינען יעצט די וויכטיגסטע שטעדט פון דער פּראָווינץ שומרון, אָנפאַנגענדיג פון דעם ככר הירדן און אַרויפשטייגענדיג פון דאַנען ביז דעם אינערן פון לאַנד.

בית שאן, יעצט ביסאַן, אַן ערך 2 ליאַ פון ירדן און 4 ליאַ פון טבריה. אין דער צייט פון שאול'ן איז דיזע שטאָדט נאָך געווען אין די הענט פון די כנענים; אָבער אונטער שלמה'ן האָט זי געהערט צו די אידען. די גריכען האָבען זי גערופען סקיטהאָפּאָליס.

אבל מחולה. אַ שטאָדט אין דעם ככר הירדן, אַן ערך 10 רוימישע מיילען פון סקיטהאָפּאָליס (בית שאן), איז געווען דער געבורטס-אָרט פון דעם נביא אלישע.

אין דעם אינערען טייל פון דער פּראָווינץ בעמערקען מיר פאָלגענדע שטעדט:

יזרעאל (עזדרעלאָן), בערך 4 ליאַ נאָרד-אָסט פון שומרון, איינע פון די וויכטיגסטע שטעדט פון דעם קעניגרייך ישראל, וועלכע האָט געגעבען איהר נאָמען דעם טאָל, אין וועלכען זי איז געשטאַנען (עמק יזרעאל). דער קעניג אחאב האָט דאָרטען געהאַט אַ פּאַלאַץ. פון די פענסטער פון דיזען פּאַלאַץ איז אַרויסגעוואָרפען געוואָרען איזבל אויף דעם בעפעהל פון יהוא (מלכים ב, ט, 33).

בתוליה, אַ שטאָדט אין דער אומגעגענד פון יזרעאל. ווערט דער-מאָהנט אין דעם בוך „יהודית" (פון די אַפּאָקריפען).

שומרון (סאַמאַריאַ). אַ פעסטונג-שטאָדט געבויט פון עמרי, קעניג פון ישראל, אויף אַ באַרג, וועלכען ער האָט אָפּגעקויפט פון איינעם שמר; נאָך דיזען אייגענטימער פון דעם באַרג האָט די שטאָדט געקראָ-גען איהר נאָמען שומרון (מלכים א, טז 24). דיזע שטאָדט, וועלכע איז געלעגען 16 ליאַ צו נאָרד פון ירושלים, איז געוואָרען אין דעם זיבעטען יאָהר פון עמרי'ס רעגירונג די רעזידענץ פון די קעניגען פון יש־אל, וועלכע האָבען פאַר דיזער צייט געהאַט זייער רעזידענץ אין תרצה. צושטערט פון שלמנאסר, קעניג פון אשור, איז זי ווידער אָפּגעבויט געוואָרען פון די אַסירישע קאָלאָניסטען. שפּעטער איז זי ווידער צושטערט געוואָרען דורך יוחנן הורקנוס, דעם מאַקאַבייער. נאָך דעם, ווי זי איז צוריק אָפּגעבויט גע-וואָרען דורך גאַביניוס, דעם רוימישען גובערנאַטאָר פון סיריען, איז זי גע-וואָרען אַ זעהר בליהענדע שטאָדט אונטער דעם קעניג הורדוס. דיזער

האָט דאָרטען געבויט א טעמפעל צו עהרע פון דעם קייזער אַוגוסטוס, און האָט געענדערט דעם נאָמען סאַמאַריאַ (שומרון) אויף ס ע ב א ס ט ע (אַ גריכישעם וואָרט, אין לאַטייניש א ו ג ו ס ט א, די פערעהרטע). ביי אַראַבישע שרייבער פון מיטעלאַלטער ווערט זי נאָך דערמאָהנט אונטער דעם נאָמען ס ע ב א ס ט י א.

שכם (נ א ב ל ו ס), איינע פון די עלטעסטע שטעדט פון כנען, ליגט אין א טאָל צווישען דעם באַרג עיבל צו נאָרד און דעם באַרג גריזים צו זיד, צוויי ליאַ זידליך פון שומרון. אין דער צייט פון אברהם איז דאָרטען געוועזען אַ וואַלד פון אייכען־בוימער מיט דעם נאָמען א ל ו ן מ ו ר ה (בראשית יב, 6); אָבער שוין אין יעקב'ס צייט געפינען מיר דאָרטען די שטאָדט שכם אונטער א פרינץ פון די חוים. נאָך דעם, ווי די אידען האָ-

דער באַרג גריזים.

בען איינגענומען דאָס לאַנד כנען, האָט שכם געהערט צום שבט אפרים און זי איז געוואָרען איינע פון די שטעדט פון די לוים. דאָרטען האָט יהושע פאַר זיין טויט צוזאַמענגערופען אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אספה און האָט גע- געבען צו די עלטסטע פון די שבטים זיין לעצטען ראָט. די שטאָדט איז צושטערט געוואָרען פון דעם שופט אבימלך, געגען וועלכען די איינוואוינער פון שכם האָבען רעוואָלטירט (שופטים ט). פון דאַן אָן געפינען מיר זי צום ערסטען מאָל דערמאָהנט אונטער דוד'ן (תהלים ס, 8). נאָך שלמה המלך'ס טויט איז געוועזען אין שכם אַ נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג, דורך וועלכע עס איז ענטשטאַנען די שפּאַלטונג פון די עשרת השבטים. ירבעם, דער ערסטער קעניג פון דעם קעניגרייך ישראל, האָט פערשענערט די שטאָדט און האָט

דאָרט געמאַכט זיין רעזידענץ. אונטער די פּערסישע קעניגען איז שכם געוואָרען דער הויפּט־אָרט פון דעם געטליכען דינסט פון די שומרונים, וועלכע האָבען אויפגעבויט א טעמפּעל אויף דעם בארג גריזים. דיזער טעמ־פּעל איז נאָך א צוויי־הונדערט־יעהריגער עקסיסטענץ צושטערט געוואָרען דורך יוחנן הורקנוס. קייזער וועספּאַסיאַנוס האָט געמאַכט שכם פיר א רוי־מישע קאָלאָניע, וועלכע האָט געקראָגען דעם נאָמען פ ל א ו י א נ ע א־פּ אָ ל י ס. פון נ ע א פּ אָ ל י ס האָבען די אראבער געמאַכט נ א ב ל ו ס, וועלכעס איז נאָך היינט דער נאָמען פון דעם אַלטען שכם. דיזע שטאָדט האָט שוין אין ערסטען יאָהרהונדערט פון קריסטענטום געהאַט א קריסטליכע געמיינדע; דער מאַרטירער יוסטינוס איז דאָרטען געבאָרען געוואָרען. דער ביזאַנטינישער קייזער זענאָן (474—491) האָט פערטריבען די שומרונים פון דעם באַרג גריזים און האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט א קירכע; קייזער יוסטיניאַנוס האָט צוריק אויפגעבויט אין שכם פינף קירכען, וועלכע די שומרונים האָבען פערברענט. נאַבלוס איז אָפּגעברענט געוואָרען אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען און איז צוריק אָפּגעבויט געוואָרען אין 1283. זי איז נאָך יעצט א בעדייטענדע שטאָדט מיט איהר האַנדעל און אינדוסטריע. צווישען איהרע איינוואוינער געפינען זיך יעצט פון 20 ביז 30 קריסטליכע פאַמיליעס און א זעהר קליינע צאָהל אָרימע און אונטערדריקטע שומרונים. די איינוואוינער פון נאַבלוס צייכנען זיך אוים מיט זייער ווילדען און קרי־גערישען כאַראַקטער און ווערען רעגירט פון זייערע אייגענע שייך'ען.

שילה, א שטאָדט אין דעם טייל פון שבט אפרים, וואו יהושע האָט געלאָזען אַוועקשטעלען דעם אהל מועד, וועלכער איז דאָרט פערבליבען פיר א לאַנגע צייט. זי איז געשטאַנען צו דרום פון שכם און צו צפון פון בית אל. עס איז פון דיזער שטאָדט ניט פערבליבען קיין שפּור.

בית אל, א זעהר אַלטע קליינע שטאָדט; זי האָט זיך אין אָנ־פאַנג גערופען ל ו ז. יעקב, נאָך זיין חלום, אין וועלכען ער האָט געזעהען א לייטער, וואָס האָט דערגרייכט ביז'ן הימעל, האָט איהר געגעבען דעם נאָמען ב י ת א ל (הויז פון גאָט). זי איז אַריינגעפאַלען צו דעם שבט אפרים, הגם לויט דעם גורל האָט זי געדאַרפט געהערען צום שבט בנימין. נאָך דער שפּאַלטונג פון די שבטים אין צוויי מלוכות (יהודה און ישראל) האָט ירבעם דאָרטען אַוועקגעשטעלט איינע פון זיינע צוויי גאָל־דענע קעלבער. זי האָט נאָך עקסיסטירט אין דער צייט פון די רוימער; וועספּאַסיאַנוס האָט זי בעזיגט און האָט זי בעזעצט מיט חיל. אין דער צייט פון דעם קריסטליכען קירכען־פּאָטער היעראָנימוס (331—420) איז

בית אל געוועזן ניט מעהר ווי א קליינער דערפעל. היינט (אין 20טען יאָהר-הונדערט) געפינען זיך דאָרט ביי 2,000 איינוואוינער.

מיר דארפען נאָך דערמאָהנען די שטעדט תמנת סרח און תרצה, וועלכע האָבען געהערט צו דער פראָווינץ שומרון, אָבער מיר ווייסען ניט גענוי זייער לאגע. די ערסטע איז אוועקגעגעבען געוואָרען צו יהושע'ן אלס בעלוינונג פיר זיינע גרויסע דינסטען צום פאָלק. — תרצה פערדינט דערמאָהנט צו ווערען אלס אלטע רעזידענץ פון די קעניגען פון ישראל איידער די שטאָדט שומרון איז געגרינדעט געוואָרען. דער ליבהאָבער פון „שיר השירים" רופט אָן זיין פאסטושקע „די שענע ווי תרצה" (שיר השירים ו, 4).

3. די פראָווינץ יהודה.

אונטער דעם נאָמען יהודה, וועלכער בעצייכענט אָפט דאָס גאַנצע לאַנד פון די העברעער, פערשטעהען מיר היר די פראָווינץ, וועלכע ליגט צו וועסט פון ירדן צווישען שומרון און דער שטיינערדיגער אראביען. דער גרענעץ צו נאָרד איז א ליניע אויף דער וועסטליכער זייט פון ירדן געגען-איבער דער מינדונג פון דעם טייך יבוק *); צו אָסט האָט זי א נאַטירליכען גרענעץ פון דעם ירדן און דעם טויטען מעער (ים המלח); דער זידליכער גרענעץ איז דער גרענעץ פון פאלעסטינא אויף דיזער זייט פון ירדן. צו וועסט איז זי א לאַנגע צייט געוועזן אָפגעגרענעצט דורך דאָס לאַנד פון די פלשתים, אָבער שפּעטער האָט זי זיך געצויגען ביז דעם מיטלענדישען ים; זי האָט איינגעשלאָסען זאָגאר אלע פלאַכלענדער פון דעם ברעג פון שומרון און האָט זיך געצויגען צו נאָרד-אָסט ביז דעם כרמל.

די בערג פון יהודה זיינען די העכסטע פון דער וועסטליכער רייהע פון בערג. צו אָסט פון רמה הייבט זיך אויף דאָס לאַנד אין פערשיידענע פלאַכע שטרעקעס; וואָס העכער מען שטייגט איז דער באָדען אַלץ מעהר נאַקעט און פרוכטלאָז; די העכסטע שפּיצען האָבען געוועהנליך די פאָרמע פון א קאָנוס. עס איז ניטאָ קיין שטעג, וואָס זאָל פיהרען דעם רייזענדען אין דיזע כמעט אונצוגענגליכע פעלזען; בלויז דורך צוויי שלוכטען (טיפע דורכגענג), וועלכע ווערען אָנגערופען „דער טאָל פון ירמיה" און „דער טאָל פון די אייכען-בוימער" (עמק האלה), קענען די וואַנדערער, וואָס קומען פון

*) דיזער טייך געפינט זיך צו מזרח און פאַלט אַריין אין ירדן.

יפו, דורכדרינגען אין ירושלים, וועלכע ליגט אויף דעם העכסטען פונקט פון יהודה.

יהודה איז פון דער נאַטור וועניגער פרוכטבאַר פון אַלע פּראָווינצען פון פאַלעסטינאַ; דאָך איז זי לויט דער בעהויפּטונג פון יאָזעפוס פלאַוויוס געווען רייך אין געטריידע, אין פרוכטען און איבערהויפּט אין וויין. די עבענעס (פלאַכע שטרעקעס) צו אָסט און צו וועסט האָבען געהאַט גוטע פלעצער פיר פאַשע, און זאָגאַר אויף די הויכע ערטער, וואו די נאַטור האָט געשיינט צו זיין אָרים, איז דעם מענשען׳ס ארבייט ניט געווען אָהן ערפאָלג.

די פּראָווינץ יהודה, וועלכע האָט זינט די עראָבערונגען פון יוחנן הורקנוס איינגעשלאָסען אויך אַ גרויסען טייל פון אדום, איז געווען איינגעטיילט אין עלף טאָפּאַרכיעס אָדער געביטען, נעמליך: ירושלים, גאָפנאַ, אַקראַבאַטאַ, טאַמנאַ, לידדאַ, אַממאָאוס, פעללאַ, אדום, עין גדי, הערודיאָן און יריחו. מיר וועלען זיך ניט אָפּשטעלען ביי דיזער פאָליטישער איינטיילונג. פיר אונזער בעשרייבונג פון די שטעדט פון פאַלעסטינאַ וועלען מיר איינטיילען די פּראָווינץ לויט דעם, ווי די נאַטור האָט זי איינגעטיילט. מיר וועלען אָנפאַנגען מיט די שטעדט, וואָס ליגען אין דער אָסטליכער עבענע, צו וועסט פון ירדן און פון דעם ים המלח; פון דאַנען וועלען מיר אַרויפשטייגען אויף די בערגיגע געגענד פון דעם אינערען לאַנד, און מיר וועלען ענדיגען מיט די שטעדט פון דעם ברעג און פון דעם לאַנד פלשתים, געהענדיג אין יעדער אָפּטיילונג פון נאָרד צו זיד.

I. אָסטליכער טייל פון יהודה.

יריחו, גענאַנט אויך פאַלמען־שטאָדט (עיר התמרים), צוויי ליאָ פון דעם טייך און זעקס ליאָ נאָרד־אָסט פון ירושלים, איינע פון די בעריהמטעסטע שטעדט פון יהודה און זעהר אַן אַלטע. יהושע, וועלכער האָט זי איינגענומען, האָט זי אין גאַנצען פערוויסטעט און האָט פערשאָלטען דעם יעניגען, וואָס וועט זי אָפבויען צוריק; דאָך געפינען מיר זי ווידער אונטער די שופטים; מיר זעהען, דאָס נאָך דעם טויט פון דעם שופט עתניאל האָבען די מואבים צוגענומען די פאַלמען־שטאָדט (שופטים ג, 13). אונטער דוד׳ן ווערט אויך דערמאָהנט די שטאָדט יריחו (שמואל ב, י, 5). דאָך, לויט מלכים א (טז, 34), איז דיזע שטאָדט אָפּגעבויט געוואָרען ערסט אין דער צייט פון דעם קעניג אחאב, דורך איינעם חיאל פון בית אל. באַלד נאָך דעם געפינען מיר דאָרטען אַ שולע פון נביאים; די בעריהמטע נביאים אליהו און אלישע זיינען דאָרטען געזעסען

אַ געוויסע צייט. ווען די אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון גלות בבל איז יריחו געוואָרען, נאָך ירושלים, די וויכטיגסטע שטאָדט אין יהודה. מיר געפינען זי צווישען די שטעדט, וועלכע דער מאַקאַבייער יונתן האָט בע-פעסטיגט. הורדוס דער ב׳טער האָט געלאָזען אויפשטעלען אין יריחו אַ פּאַלאַץ, אַן אַמפּיטהעאַטער און אַ היפּאָדראָם. דיזער קעניג האָט די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען אָפט געוואוינט אין יריחו און ער איז דאָרטען גע-שטאָרבען. אין דער צייט פון דער בעלאַגערונג פון ירושלים אונטער וועס-פּאַסיאַנוס׳ן איז די שטאָדט יריחו צושטערט געוואָרען; אָבער זי איז אָפּ-געבויט געוואָרען צוריק דורך דעם קייזער אדריאַנוס. אין דער צייט פון

די שטאָדט יריחו.

די קרייץ־צוגען איז זי פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַש. יעצט געפינט זיך אויף איהר אָרט אַ מיזעראַבעלער דאָרף, וועלכען די אַראַבער רופען אַן ר י ח א. מען געפינט דאָרטען ניט כמעט קיין רואינען פון דער אַלטער שטאָדט.

גלגל, אונטער יריחו, אויף אַ ווייטקייט פון צעהן סטאַדיומס *). נאָך דעם, ווי די אידען זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן, האָבען זיי גע-לאַגערט אין גלגל, וועלכע איז פערבליבען יהושע׳ס הויפּט־קוואַרטיר אין דער גאַנצער צייט, וואָס עס האָט געדויערט דער קריג מיט כנען. דיזער פּלאַץ שפּילט אויך אַ ראָלע אין דער געשיכטע פון שמואל און שאול. עס

*) אַ סטאַדיום איז אַ וועג־מאָס פון אונגעפעהר 600 פוס.

איז שווין פון לאַנג קיין שפּור ניטאָ פון גלגל. יאָזעפוס דערמאָהנט זי ניט אין דער געשיכטע פון זיין צייט.

עין גדי, ביים מיטען פון דעם וועסטליכען ברעג פון טויטען מעער (ים המלח), אונגעפעהר 13 ליאָ פון ירושלים. זעעטצען האָט געפונען אין דעם זעלביגען אָרט א טייכעל, וועלכער טראָגט נאָך דעם נאָמען ע י ן־ד ז ש י ד ד י. אין די אומגעבונגען פון דיזער שטאָדט זיינען געוועזן פיעלע פּאַלם־בוימער; די וויינגערטנער פון עין גדי ווערען דערמאָהנט אין שיר השירים (כרמי עין גדי). אין מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט האָט האַס־סעלקוויסט דאָרטען געפונען וויינגערטנער, וועלכע די אַראַבער האָבען בע־אַרבייט.

מיר לאָזען איבער אין מערב די שטאָדט כרמל, ווי אויך דעם מדבר מעון און דעם מדבר זיף מיט די שטעדט, וואָס טראָגען דיזע נע־מען, און מיר זעצען פאָרט אונזער רייזע ביי דעם ברעג פון טויטען מעער: צו זיד פון דיזען מעער געפינען מיר אַן עבענע איינגעשלאָסען צווישען די צווייגען פון צוויי בערג־קייטען, וואו עס געפינט זיך דער ירדן, וועלכער שטראָמט אַרונטער אַהער, אין דאָס טויטע מעער. אין דיזער עבענע איז געלעגען די שטאָדט

צוער, די איינציגע פון די פינף שטעדט פון דעם ט אָ ל פ ו ן ש ד י ם (עמק השדים), וועלכע איז גערעטעט געוואָרען אין דער שרעקלי־כער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געשעהען אין דער צייט פון אברהם'ען (די איבערקעהרענים פון סדום און עמורה). דיזע שטאָדט האָט אין אַ פריהער־דיגער צייט געטראָגען דעם נאָמען ב ל ע. זי ווערט דערמאָהנט אונטער דעם נאָמען ז אָ ג ה א ר ביי דעם אַראַבישען געאָגראַף אַבולפעדא, וועל־כער האָט געלעבט אין 13טען יאָהרהונדערט. דער רייזענדער בורקהאַרדט (1784—1817) פלאַצירט צוער אין דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך דער דאָרף ג ה אָ ר ־ ס אַ פ י ע ה, צו זיד־אָסט פון טויטען מעער.

II. מיטעל־יהודה.

גבע, איינע פון די גרענעץ־שטעדט פון דעם קעניגרייך יהודה צו נאָרד. ביי דיזער שטאָדט האָט דוד בעזיגט די פלשתים (שמואל ב, ה, 25). מען דאַרף זי ניט צוזאַמענמישען מיט ג ב ע ה, וועלכע איז געשטאַנען אין דער זעלביגער אומגעגענד און איז געוועזן דער געבורטס־אָרט פון שאול'ן (זי הייסט דעריבער ג ב ע ת ש א ו ל). דיזע לעצטערע שטאָדט איז גע־וואָרען בעריהמט דורך אַ פּאַסירונג, וועלכע ווערט דערצעהלט אין די לעצטע

קאפיטלען פון שופטים — די מעשה פון פלגש בגבעה. ניט ווייט צו וועסט פון גבע און גבעה איז געווען די שטאָדט

גבעון, אונגעפעהר 2 ליאָ נאָרד-אָסט פון ירושלים. פון דער צייט פון יהושע האָט דיזע שטאָדט געבילדעט מיט כפירה, בארות און קרית יערים אַן אונאָפּהענגיגען דיסטריקט מיט אַ דעמאָקראַטישער קאָנסטי-טוציאָן. די איינוואוינער פון גבעון האָבען דורך אַ שפּיצעל זיך גערע-טעט פון דער אַלגעמיינער פערניכטונג פון די פעלקער פון כנען (יהושע ט). נאָך דער עראָבערונג איז גבעון געוואָרען איינע פון די שטעדט פון די לוים. צו ענדע פון דוד'ס און אין אָנפאַנגס פון שלמה'ס רעגירונג האָט דער אהל מועד זיך געפונען אין גבעון.

איבערלאָזענדיג צו וועסט די שטעדט גזר און בית חורון, געפינען מיר ניט ווייט פון גבעון צו זיד-אָסט די שטאָדט

רמה, לויט היעראָנימוס זעקס מייל צו נאָרד פון ירושלים, אויף דעם וועג פון בית אל. זי האָט זיך אויך אָנגערופען רמתים צופים (שמואל א, א, 1). דאָס איז געווען דער אָרט, וואו שמואל הנביא איז געבאָרען געוואָרען. נאָך דער שפּאַלטונג פון דעם אידישען פאָלק אין צוויי מלוכות (יהודה און ישראל), איז רמה אַריינגעפאַלען אין די הענט פון דעם קעניג פון ישראל, אָבער אסא, דער קעניג פון יהודה, האָט דיזע שטאָדט צוריק-גענומען. איינינע מאָדערנע רייזענדע האָבען געפונען אין דיזע אומגעגענ-דען אַ דאָרף, וועלכען די אַראַבער רופען אָן נעבי-סאַמואיל און וואו מען צייגט אין אַ מאָשעע (מאַחמעדאַנישעס געבעט-הויז) דעם קבר פון שמואל הנביא. אין דער אומגעגענד פון רמה איז וואהרשיינליך געווען מצפה, וואו עס זיינען אין די אַלטע צייטען צוזאַמענגעקומען די נאַ-ציאָנאַלע פערזאַמלונגען פון אידישען פאָלק.

עס זיינען געווען נאָך דריי אַנדערע שטעדט מיט דעם נאָמען רמה, אין די טעריטאָריעס פון אשר און נפתלי און אין דער פּראָווינץ פּעראָא.

פון רמה געהען מיר דורך עממאַאוס און די שטעדט ענתות און נוב נאָך דער הויפּטשטאָדט פון פּאַלעסטינא,

ירושלים. זי איז וואהרשיינליך געווען די אוראַלטע שטאָדט שלם, וואו מלכי-צדק האָט רעגירט. פאַר דוד'ן האָט זיך די זעלבע גערופען יבוס, ווייל זי איז געווען בעוואוינט פון יבוסים. מען ווייס ניט בעשטימט צו וועלכער צייט זי האָט געקראָגען דעם נאָמען ירושלם. אַדריאַנוס, וועלכער האָט זי אָפּגעבויט נאָך דעם, ווי זי איז צושטערט גע-וואָרען דורך טיטוס'ן, האָט איהר געגעבען דעם נאָמען אֶליא קאַפּי-

טאלינא און די אראבישע געאגראפען פון מיטעלאלטער האבען זי אנגערופען אל־קודס (קודש, די הייליגע).

די שטאדט ירושלים ליגט ביי 31 גראד 47 מינוט נארדליכע ברייט און 33 גראד אסטליכע לענג אין דעם העכסטען פונקט פון יהודה ביים פארצייטיגען גרענעץ פון בנימין. זי איז ארומגערינגעלט פון מעהרערע בערג, צווישען וועלכע עס האבען זיך אמאל אויסגעצייכענט דריי. איינער פון דיזע צו מערב, דער העכסטער, איז געווען דער בארג ציון, די פעסטונג פון די אלטע יבוסים, וועלכע איז איינגענומען געווארען ערכט אונטער דער רעגירונג פון דוד'ן. געגענאיבער ציון, צו נארד־אסט, האט זיך געפונען א קלענערער בארג, וועלכער האט ניט קיין בעזונדערען נאמען אין דער ביבעל. שפעטער האט ער דורך די ציטאדעל, וועלכע אנטיוכוס עפיפאנעס האט אויף איהם געבויט, געקראגען דעם נאמען אקרא. ציון און אקרא זיינען געוועזען אפגעטיילט דורך א טאל, וואס איז געגאנגען פון נארד־אסט צו זיד־וועסט געגען דעם קוואל שלוח און האט זיך געצויגען ביז דעם טאל קדרון (נחל קדרון). דיזער טאל צווישען ציון און אקרא האט לויט יאזעפוס'ן זיך גערופען דער טאל פון די קעז־מאכער. צו זיד־אסט פון אקרא איז געווען א דריטער בארג, מיט'ן נאמען מוריה, אויף וועלכען עס איז געשטאנען דער בית המקדש. ער איז צוערסט געווען אפגעטיילט פון דעם בארג אקרא דורך א גרויסען טאל; אבער שמעון דער מאקאבייער, וועלכער האט צושטערט אנטיוכוס'עס ציטאדעל, האט געלאזען אויספלאכען דעם אקרא־בארג און פערשיטען דעם טאל, אזוי דאס די צוויי בערג, מוריה און אקרא, האבען געבילדעט איין בארג. צו מערב פון דעם טעמפעל איבער דעם טאל פון די קעז־מאכער איז געווען א בריק, וואס האט געפיהרט צום נארד־אסטליכען ווינקעל פון בארג ציון.

צו נארד פון מוריה איז געווען א פערטער בארג, וועלכער איז אונטער אגריפפא דעם 1טען פעראייניגט געווארען מיט דער שטאדט. דיזער בארג האט זיך אנגערופען בעזעטהא (בית זיתא, ארט פון אוילבערטען). פון דער נארד־זייט איז די שטאדט געווען פיעל וועניגער בעפעסטיגט פון דער נאטור, און דעריבער זיינען אלע בעלאגערונגען פון ירושלים געמאכט געווארען פון דיזער זייט. פון די דריי אנדערע זייטען האבען טיפע טאלען זי געמאכט אונבעזיגבאר. דער טאל פון מזרח־זייט האט זיך אנגערופען דער טאל פון קדרון, נאך דעם נאמען פון דעם שטראם, וועלכער איז דארט דורכגעלאפען, אדער דער טאל פון יהושפט (עמק יהושפט), ווי מען רופט איהם נאך היינט. דיזער איז אונגעפעהר

2,000 טריט לאַנג און זונדערט אָפּ ירושלים פון דעם הר הזיתים, וועלכער געפינט זיך צו מזרח־זייט. דער טאָל פון דרום־זייט האָט זיך אָנ־גערופען דער טאָל פון הנום (גי הנום); ביי איין־ענדע פון דיזען טאָל געפינט זיך דער קוואַל פון שלוח אָדער גיחון, ביים פוס פון מוריה, צו זיד־אָסט פון ציון.

נאָהענט פון ירושלים, צו נאָרד פון בארג ציון, איז געווען אַ בערגעל מיט'ן נאָמען גאָלגאָטהא. וועלכער איז געווען בעשטימט פיר הינ־ריכטונגען. נעבען דיזען אָרט, אין אַ גאָרטען, האָט זיך געפונען, לויט דעם עוואַנגעליום פון יאָהאַן, יעזוס'עס קבר. יעצט ווייזט מען אָן דעם בערגעל און דעם קבר אין מיטען שטאָדט. דער נאָמען גאָלגאָטהא איז אַ פערגרייזונג פון דעם אַראַמעאישען וואָרט גלגלתא, וועלכעס בע־דייט אַ קאָפּ־שיידעל. מען דענקט, דאָס דער אָרט האָט אַזוי געהייסען, ווייל דאָרטען האָבען זיך געפונען שאַרבענס פון די הינגעריכטעטע פער־ברעכער.

ירושלים האָט דורכגעמאַכט זעהר פיעלע ענדערונגען. 586 פ. קר. איז זי צושטערט געוואָרען דורך נבוכדנאצר מלך בבל. 70 יאָהר שפּעטער איז זי אָפּגעבויט געוואָרען מיט דער ערלויבניס פון כורש מלך פרס. מיט דעם אונטערגאַנג פון דער פּערסישער אימפּעריע איז זי איבערגעגאַנגען צו אַלכסנדר מוקדון, וועלכער האָט זי זעהר גוט בעהאַנדעלט. נאָך אַלכסנדר'ס טויט איז זי ערָאבערט געוואָרען פון דעם עגיפּטישען קעניג פּטאָלעמעאוס לאַגי. אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, דער קעניג פון סיריען, האָט זי געפּלינדערט (170 פ. קר.) און האָט פערשוועכט דעם בית המקדש דורך אַריינשטעלען דאָרט אַ סטאַטוע פון יופּיטער. נאָך אַ צייט פון פרידען אונטער די מאַקאַ־בייער איז פּאָמפּעיוס אַריין אין ירושלים אַלס זיגער (63 פ. קר.). הורדוס האָט פערשענערט ירושלים דורך פּרעכטיגע געביידעס. אָבער באַלד איז יהודה געוואָרען אַ רוימישע פּראָווינץ. אַן אויפשטאַנד פון די אידען האָט געבראַכט אויף ירושלים אַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע. בעזיגט דורך טיטוס'ן אין דעם יאָהר 70 נ. קר. איז זי געוואָרען אין גאַנצען צושטערט. אייניגע טורמס און אַ קליינע צאָהל הייזער, וועלכע טיטוס האָט איבערגעלאָזען, זיינען צושטערט געוואָרען דורך אֶליוס אַדריאַנוס צוליב דעם נייעם אויפ־שטאַנד פון די אידען אונטער בר כוכבא (136). אַדריאַנוס האָט געוואָלט אָפּווישען אפילו דעם נאָמען ירושלים. ער האָט געבויט אויף דעם אָרט אַ נייע שטאָדט, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען אֶליא קאַפּיטאָ־

לינא צו עהרע פון יופּיטער קאַפּיטאָלינוס. אידען איז געווען פערבאָטען אריינצוקומען אין דיזע שטאָדט.

מיט דעם זיג פון קריסטענטום און דער רוימישער אימפּעריע איז ירושלים געוואָרען א צענטער פיר דיזע רעליגיאָן. עס זיינען דאָרטען אויפגעשטעלט געוואָרען פיעלע קריסטליכע מאָנומענטען אין די ערטער, וועלכע זיינען לויט טראַדיציאָן געווען דער שוי פּלאַץ פון יעזוס׳עס לעבען און טויט. אין 615 איז די שטאָדט איינגענומען געוואָרען פון דעם פּערסיישען קעניג קאָזראָעס. דער קייזער הערואַקליוס האָט זי צוריק אָפּגענומען אין 627, אָבער אין א קורצער צייט נאָך דעם איז זי אריינגעפאַלען אין די הענט פון אראַבישע האָרדעס אונטער דעם כאַליף אָמאַר. זי איז דאַן געפאַלען נאָך דער רייהע אונטער די מאַכט פון די פּערסישע סולטאַנען, פון די פאַטימידען אין מצרים און פון די סעלדזשוקען (טערקען). אין 1099 איז זי עראָבערט געוואָרען פון די קרייץ־פאָהרער אונטער גאָדעפרוא דע בואיללאָן, און זי איז געוואָרען די רעזידענץ פון קריסטליכע קעניגען. אין 1187 האָט דער סולטאַן סאַלאַדין זי בעזיגט און געמאַכט פיר א בעזונדער קעניגרייך (קעניגרייך ירושלים). דער סולטאַן מאַלעק על־קאַמעל האָט זי אין 1229 אָפּגעטרעטען צום קייזער פריעדריך דעם 2טען, אָבער זי איז צוריק אָפּגענומען געוואָרען דורך די מוסולמאַנער אין 1244. זי איז דערנאָך געבליבען אונטער די סולטאַנען פון מצרים און סיריען ביז זי איז אין 1517 בעזיגט געוואָרען פון די טערקען אונטער סעלים דעם 1טען. זי איז זינט דאַן פערבליבען אונטער דער הערשאַפט פון טערקיי.

דער ערסטער אָרט, וועלכער ציהט אונזער אויפמערקזאַמקייט זידליך פון ירושלים, איז די קליינע שטאָדט

בית לחם, איינע פון די עלטסטע שטעדט אין יהודה, בעריהמט אין תנ״ך אַלס געבורטס־אָרט פון דוד המלך און אין דעם נייעם טעסטאַמענט אַלס געבורטס־אָרט פון יעזוס׳ן. בית לחם האָט יעצט איינינגע הונדערט פאַמיליעס, מעהרסטענס קריסטליכע. מען זעהט דאָרט ווענינ מאַהמעדאַנער און כמעט גאָר קיין אידען ניט. שוין אין 12טען יאָהרהונדערט האָט בנימין פון טודילה דאָרטען געפונען ניט מעהר ווי צוועלף אידען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פאַרבערייי.

צו זיד־אָסט פון בית לחם, אויף א ווייטקייט פון 9 מייל, איז געלעגען די שטאָדט

תקוע, דער געבורטס־אָרט פון דעם נביא עמוס. אין דער אומגעגענד פון דיזער שטאָדט געפינט זיך דער באַרג פון די פראַנקען,

אויף וועלכען מען זעהט די חורבות פון א שלאָס פון דער צייט פון די קרייץ־צוגען.

חברון, 5 ליאָ צו זיד פון בית לחם, איז איינע פון די עלטעסטע שטעדט פון כנען. איהר ערסטער נאָמען איז געווען קריתארבע. אברהם האָט זיך בעזעצט אין חברון אין דעם אייכען־וואלד פון ממרא (אלוני ממרא); ער האָט דאָרטען געקויפט א העהל מיט'ן נאָמען מכפלה (מערת המכפלה), וואו ער האָט בעערדיגט זיין פרוי שרה. ער אליין איז אויך דאָרטען בעערדיגט געוואָרען, ווי אויך זיין זוהן יצחק מיט זיין פרוי רבקה און יעקב מיט זיין פרוי לאה. חברון איז געווען איינע פון די זעקס ערי מקלט. דוד האָט דאָרטען געהאַט זיין רעזידענץ ביז ער האָט עראָבערט די פעסטונג ציון. מיר געפינען חברון צווישען די שטעדט, וואו די אידען האָבען זיך בעזעצט צוריק נאָך דעם גלות בבל; אָבער עס שיינט, דאָס שפּעטער האָבען די אידומעער (בני אדום) זי גענומען אין בעזיץ, ווייל זיי זיינען ארויסגע־טריבען געוואָרען דורך יהודה מכבי. זי איז שפּעטער געקומען אין בעזיץ פון די רוימער, פון וועמען שמעון בר גיורא, איינער פון די פיהרער פון אויפ־שטאַנד, האָט זי ארויסגעריסען; אָבער דער רוימישער גענעראַל צערעאַלים האָט זי גענומען מיט שטורם, האָט אויסגע'הרג'עט די אידישע גארניזאָנען און האָט פערברענט די שטאָדט. אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען איז חברון געווען א בישאָפליכער בעצירק און האָט געטראָגען דעם נאָמען סענט אבראהאם (הייליגער אברהם), צו עהרע פון דעם פּאַטריאַרך אברהם, וועלכער איז דאָרטען געזעסען. בנימין פון טודילה זאָגט, דאָס די קירכע פון הייליגען אברהם, וועלכע איז געשטאַנען אויף דעם קבר פון די פּאַטרי־אַרכען, איז פריהער, אונטער דער מוסולמאַנישער הערשאַפט, געווען א אי־דישע שול. יעצט געפינט זיך דאָרטען די מאָשעע (מאַחמעדאַנישעס גע־בעט־הויז) מעסדזשיד־אל־כאליל, צו עהרע פון אברהם'ען, וועל־כען די מוסולמאַנער רופען אָן אל־כאליל אָדער פריינד (פון גאָט). זיי בעצייכנען מיט דיזען נאָמען די שטאָדט זעלבסט, הגם זיי רופען זי אויך מיט איהר אַלטען נאָמען, וועלכען זיי שפּרעכען אויס האברון. היינט האָט חברון א בעפעלקערונג פון 14,000, צווישען וועלכע עס געפינען זיך 1,100 אידען ספרדים און אשכנזים.

באר שבע איז געווען די ווייטסטע זידליכע שטאָדט פון יהודה און פון גאַנץ פּאַלעסטינא; דאָס ערקלערט, וואָרום עס ווערט אָפט געזאָגט אין דער ביבעל: פון דן ביז באר שבע, אום צו בעצייכנען דאָס גאַנצע לאַנד פון צפון ביז דרום. די שטאָדט האָט נאָך עקסיסטירט אין דער

צייט פון דעם קריסטליכען קירכען־פאַטער היעראָנימוס (4טען יאָהרהונ-
דערט); זי איז דאַמאַלס גְעווען בעזעצט פון אַ רוימישען גאַרניזאָן. זעעטצען
האַט נאָך דאָרט געפונען אַ דאָרף, וועלכער טראָגט דעם נאָמען ב י ר־
ס אַ ב ע אַ.

III. מערב־יהודה.

מערב־יהודה שליסט איין די עבענע פון ש ר ו ן, וואָס גרענעצט זיך
מיט שומרון, ווי אויך די גרויסע נידריגע עבענע, וועלכע ווערט אָנגערופען
ש פ ל ה און דאָס ל אַ נ ד פ ו ן ד י פ ל ש ת י ם. די פּאָל-
גענדע שטעדט פערדינען בעזונדערס דערמאָהנט צו ווערען:

דור, ביים פוס פון כרמל. אין אַלטע צייטען איז דיזע שטאָדט געווען
די רעזידענץ פון אַ קעניג פון כנען (יהושע יב, 23). שפּעטער איז דור גע-
ווען אַ בעדייטענדע פעסטונג; דער סירישער קעניג אַנטיוכוס סידעטעס האָט
זי בעלאַגערט אויף'ן לאַנד און אויף'ן ים מיט 120,000 פוס־סאָלדאַטען און
8,000 רייטער. יעצט געפינט מען אויף איהר אָרט אַ דאָרף מיט'ן נאָמען
ט אָ ר ט ו ר אַ.

צאָזאַרעאַ (קיסריה), ביים מיטלענדישען מעער, אָנגערופען צ אָ ז אַ-
ר ע אַ פּ אַ ל ע ס ט י נ אַ צום אונטערשייד פון צ אָ ז אַ ר ע אַ פּ י-
ל י פּ פּ י אין פּעראַ (עבר הירדן). זי האָט צוערסט געטראָגען דעם נאָמען
ט ו ר ם פ ו ן ס ט ר אַ ט אָ ן, וואַהרשיינליך נאָך דעם נאָמען פון זיין
גרינדער; הורדוס, וועלכער האָט זי אַרומגערינגעלט מיט אַ נייער מויער און
האָט זי בעשענקט מיט מאַרמאָרנע פּאַלאַצען, האָט איהר געגעבען דעם נאָמען
צאָזאַרעאַ צו עהרע פון דעם קייזער אַוגוסטוס. די שטאָדט האָט בעקומען
גרויס וויכטיגקייט דורך דעם גרויסאַרטיגען פּאָרט, וועלכען הורדוס האָט
דאָרטען געמאַכט. די איינוואוינער זיינען צום גרעסטען טייל געווען גריכען
און סיריער, און זיי האָבען זיך פערטראָגען זעהר שלעכט מיט די אידישע
איינוואוינער. אַ בלוטיגער שטרייט, וועלכער איז ענטשטאַנען צווישען די
אידען און די היידען אונטער דעם רוימישען גובערנאַטאָר געססיוס פלאָרוס,
איז געווען די ערסטע אורזאַך פון דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון די אי-
דען געגען די רוימער. נאָך דער צושטערונג פון ירושלים איז צאָזאַרעאַ גע-
ווען די הויפּטשטאָדט פון פאַלעסטינאַ און די רעזידענץ פון דעם רוימישען
גובערנאַטאָר. זינט די ערסטע יאָהרהונדערטער פון קריסטענטום איז צאָזאַ-
רעאַ געוואָרען די רעזידענץ פון אַ בישאָף; אונטער דעם קייזער קאָנסטאַנ-
טין האָט זי בעזעסען איינע פון די דריי הויפּט־קירכען פון פאַלעסטינאַ. אין

1101 איז זי גענומען געוואָרען מיט שטורם דורך די קרייץ־פאָהרער אונטער באַלדואין דעם 1טען, דעם קעניג פון ירושלים; זי איז צוריק גענומען געוואָרען פון דעם סולטאַן סאַלאַדין. יעצט זעהט מען דאָרטען בלויז רואינען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך מאַנכע הייזלאַך פון פישער. דער וויסטער אָרט טראָגט נאָך היינט דעם נאָמען קאיסאריע.

יפו (ביי די גריכען יאָפפע, ביי די אַראַבער יאפא) ביים מיטעלענדישען מעער, 15 ליאָ נאָרד־וועסט פון ירושלים, איז איינע פון די עלטעסטע שטעדט פון אזיען. אין די אַלטע צייטען איז יפו געווען דער איינציגער פונקט, דורך וועלכען די אידען האָבען פערקעהרט מיט דעם מיטעלענדישען ים. די צעדערן פון לבנון פיר דעם בית המקדש און פיר אַנדערע בנינים זיינען אָנגעקומען דורך דעם פּאָרט פון יפו; יונה הנביא האָט זיך דאָרט איינגעשיפט פיר תרשיש. שפּעטער האָבען די מאַקאַבייער יונתן און שמעון זי צוגענומען פון די סיריער. אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד פון די אידען געגען רוים, האָט צעסטיוס גענומען די שטאָדט מיט שטורם; אַכט טויזענד איינוואוינער זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען דורך די רוימישע סאָלדאַטען. איינינגע צייט שפּעטער האָבען די אידען ווידער אויפגעשטעלט די מויערן פון דער שטאָדט. וועספּאַסיאַנוס האָט זי בעזיגט און אין גאַנצען פערוויסטעט, און האָט אויף איהר אָרט אוועקגעשטעלט אַ ציטאַדעל, וועלכע ער האָט בעזעצט מיט אַ רוימישען גאַרניזאָן. פון דער צייט פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסען ביז דעם אריינברעכען זיך פון די אַראַבער איז יפו געווען די רעזידענץ פון אַ בישאָף. שפּעטער האָבען די קרייץ־פאָהרער צוריק עטאַבלירט דיזעס בישאָפטום. יפו איז געווען אַ זעהר וויכטיגער אָרט פיר די קריסטען. באָדואין דער 1טער (קעניג פון ירושלים) האָט זי בעפעסטיגט; סאַלאַדין האָט זי צוריק אָפּגענומען אין 1188. פון דאַן אָן האָט זי געטיילט דעם שיקזאַל פון פּאַלעסטינאַ אונטער די פערשיידענע הערשער. צו ענדע פון 16טען יאָהרהונדערט, ווען דער האָללענדער קאָטוויק האָט בעזוכט פּאַלעסטינאַ, איז יפו געווען אַ בערגעל פון רואינען. אין 1647 האָט מאָנקאָנים דאָרטען געפונען בלויז אַ שלאָס און דריי העהלען אין דעם פעלז. די מאָדערנע שטאָדט יפו איז אַלט בלויז צוויי הונדערט יאָהר. אין דער נייער צייט איז יפו ווידער געוואָרען בעריהמט דורך די עקספּעדיציאָן פון נאַפּאָלעאָן און דורך די אויסשלאַכטונג פון 4,000 טערקישע געפאַנגענע. דעם 6טען מערץ 1799 האָבען די פראַנצויזען גענומען די שטאָדט נאָך אַ פערביסענעם קאַמף. נאָך דעם, ווי די פראַנצויזען זיינען אַוועק, האָבען די ענגלענדער געבויט אַ באַסטיאָן (שטיינערנע פעסטונג־

וואנט) ביים זיד-אַסטליכען ווינקעל פון יפו. איהר בעפעלקערונג אין דער לעצטער צייט איז איבער 15,000, דערונטער ביי 3,000 אידען.

לוד אָדער לידדאַ, 3 ליאַ פון יפו. דיזע שטאָדט איז געבויט געוואָרען פון איינעם פון שבט בנימין (דברי הימים א, ח, 12) און זי ווערט דערמאָהנט אין נחמיה (יא, 35) אַלס אַ שטאָדט פון די בני בנימין. דאָך שיינט עס, דאָס אונטער דער סירייטער הערשאַפט איז זי געוועזן אַ טייל פון דער פראָווינץ שומרון; וויל עס ווערט דערצעהלט (אין 1טען בוך מאקאבייער, קאפ. 11, 34), דאָס דעמעטריוס סאָטער האָט זי אָפּגעטיילט פון דיזער פראָווינץ, ווי אויך די שטעדט אפרימה און רמה, און האָט די דריי שטעדט אוועקגעגעבען צו יונתן דעם מאקאבייער. זי איז צושטערט געוואָרען דורך סעסטיוס'ן און איז שפּעטער צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען אונטער דעם נאָמען ד י אָ ס פּ אָ ל י ס. זינט דעם 4טען יאָהרהונדערט איז לידדאַ געווען די רעזידענץ פון אַ בישאָף, וועלכער איז געוועזן אונטער דעם פּאַטריאַרך פון ירושלים. אין דיזער שטאָדט איז געוועזן אַ קירכע, וועלכע קייזער יוסטיניאַן זאָל האָבען געגרינדעט. דער רייזענדער ד'ארוויאַ האָט אין 17טען יאָהרהונדערט נאָך געפונען די רואינען פון דיזער קירכע. יעצט געפינט זיך אויף דעם אָרט פון לידדאַ אַן אָרימער דאָרף מיט דעם נאָמען לוד.

ראַמלאַ, אַ האַלבען ליאַ ווייט פון לוד, אין דער שענער עבענע פון שרון. לויט דעם אַראַבישען געאָגראַף אבולפעדאַ איז דיזע שטאָדט געגרינדעט געוואָרען אין 716 דורך דעם כאַליף סאַלימאַן. דער פראַנצויזישער רייזענדער וואָלנעי (1757—1820) האָט געפונען דיזע שטאָדט כמעט אזוי צושטערט ווי לוד; דאָך איז זי געוועזן עטוואָס וויכטיג דורך דעם האַנדעל פון געשפּונענע באַוואָל און פון זייף.

אין די אומגעגענדען פון ראַמלאַ זיינען זעהר וואַהרשיינליך געשטאַנען די אַלטע שטעדט עדולם און תמנה, וועלכע האָבען שוין עקסיסטירט אין דער צייט פון יעקב'ן (בראשית לח, 12), און די פעסטונגס-שטאָדט מודיעין, וואו עס איז געזעסען דער כהן מתתיהו, דער פאָטער פון די מאַקאַבייער (חשמונאים).

יהודה האָט זיך געענדיגט צו זיד-וועסט מיט דער טעריטאָריע פון די פלשתים, וועלכע שליסט איין פאָלגענדע שטעדט פון נאָרד צו זיד:

יבנה (דברי הימים ב, כו, 6). דיזע שטאָדט, וועלכע די גריכען האָבען אָנגערופען י אַ מ נ י אַ , ווערט אָפט דערמאָהנט אין די ביכער פון די מאַקאַבייער. זי געפינט זיך נאָהענט פון ים און, לויט וואָלנעי, 3 ליאַ פון ראַמלאַ. פילאָן פון אַלעקסאַנדריען (אין זיין בעריכט וועגען זיין שליחות

צו קאַליגולאַ) בעשרייבט יאַמניאַ אַלס איינע פון די בעפעלקערטסטע שטעדט פון יהודה און ער זאָגט, דאָס די בעפעלקערונג איז געווען צום גרעסטען טייל פון אידען. נאָך פאַר דער צייט פון חרבן ירושלים האָט זיך דער סנהדרין אַריבערגעטראָגען אין דיזע שטאָדט, און זי איז באַלד געוואָרען בעריהמט דורך איהר ישיבה. אויף איהר אָרט געפינט זיך יעצט אַ דאָרף, וועלכער טראָגט נאָך דעם נאָמען יבנה.

עקרון, די נאָרדליכסטע פון די פינף הויפּטשטעדט פון די פלשתים. ווי גת, אשקלון, עזה און אנדערע שטעדט פון דיזע געגענדען, איז עקרון עטליכע מאָל עראָבערט געוואָרען דורך די אידען און די פלשתים האָבען זי צוגענומען צוריק. אַלכסנדר באַלאַס, דער קעניג פון סיריען, האָט אַוועקגעגעבען דיזע שטאָדט צו יונתן דעם מאַקאַבייער. אין דער צייט פון דעם קירכען־פאָטער היעראָנימוס איז עקרון געווען אַ גרויסער דאָרף בעוואוינט פון אידען. ער איז געלעגען צווישען יבנה (יאַמניאַ) און אשדוד, נאָר מעהר צו אָסט, ניט ווייט פון ים.

גת, צו אָסט פון עקרון, איז געווען די היים פון גלית הפלשתי. ווען דוד איז ענטלאָפען פון שאול׳ן איז ער געקומען צו אכיש׳ן, דעם קעניג פון גת. ווען ער איז געוואָרען קעניג האָט ער עראָבערט גת און איהרע אומגעבונגען. שפּעטער איז דיזע שטאָדט אַריינגעפאַלען פיר איינינגע צייט אין די הענט פון די סיריער (ארם). דער קעניג עוזיה האָט צושטערט איהרע מויערן; זינט דאַן שפּילט זי שוין מעהר ניט קיין ראָלע אין דער געשיכטע. יעצט איז פון איהר מעהר ניטאָ קיין שפּור.

אשדוד, בערך 10 ליאָ צו נאָרד פון עזה, ניט ווייט פון מיטלענדישען ים. די גריכען האָבען זי גערופען אַזאָטאָס. אונטער שלמה׳ן, וועלכער האָט בעזעסען דאָס גאַנצע לאַנד ביז עזה, איז זי געווען אין די הענט פון די אידען. שפּעטער האָבען זי די פלשתים צוריק אָפּגענומען, אָבער עוזיה האָט זי ווידער אָפּגענומען פון זיי און האָט צושטערט איהרע פעסטונגען. אונטער חזקיה איז זי עראָבערט געוואָרען פון די אַסיריער (ישעיה כ, 1). עס שיינט, דאָס אַזוי פריה ווי אין ירמיהו הנביא׳ס צייטען איז זי שוין געווען כמעט אין גאַנצען צושטערט, ווייל ירמיהו רעדט פון דעם רעסט פון אשדוד (שארית אשדוד, ירמ׳ כה, 20). יהודה מכבי האָט דאָ צושטערט די מזבחות פון די געצען־דינער; זיינע ברידער יונתן און שמעון האָבען דיזע שטאָדט פערברענט מיט איהר טעמפּעל פון דעם גאָט דגון. דער רוימישער גענעראַל גאַמביניוס האָט זי געלאָזען צוריק אויפבויען. אַ דאָרף מיט׳ן נאָמען עסדוד, וועלכער איז בעריהמט מיט זיינע סקאָר-

פיאָנען, איז אַלעס, וואָס עראינערט דעם רייזענדען אָן דער פּאַרצייטיגער שטאָדט אשדוד.

אשקלון, ביים מיטלענדיישען ים, צווישען אשדוד און עזה. דער שבט יהודה האָט עראָבערט דיזע שטאָדט נאָך יהושע׳ס טויט, אָבער זי איז צוריק אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די פלשתים. ערסט אונטער די מאַקאַבייער זיינען די אידען געוואָרען איהרע בעלי־בתים, אָבער די איינוואוינער זיינען צום גרעסטען טייל געווען גוים. אשקלון איז די געבורט־שטאָדט פון הורדוס דעם גרויסען. פון דעם 4טען יאָהרהונדערט ביז דעם אַריינדרינגען פון די אַראַבער איז אשקלון געווען די רעזידענץ פון אַ בישאָף. אונטער די מוסולמאַנער איז זי געווען איינע פון די וויכטיגסטע האַפען־שטעדט; זי איז געווען אַרומגערינגעלט מיט דאָפּעלטע מויערן, און וועגען איהר שענהייט האָט זי געקראָגען דעם צונאָמען א ר ו ס א ל ־ ש א ם (די כלה פון סיריען). דיזע שטאָדט האָט פיעל געליטען פון די קרייץ־צוגען: באַלדואין דער 3טער, דער קעניג פון ירושלים, האָט זי עראָבערט אין 1153 נאָך אַ בעלאַגערונג פון אַכט חדשים. אין 1187 איז זי צוריק אָפּגעגעבען געוואָרען צום סולטאַן סאַלאַדין. אין 1191, ווען די קריסטען אונטער דעם ענגלישען קעניג ריטשאַרד ליבען־האַרץ זיינען געגאַנגען אויף אשקלון, האָט דער סולטאַן זי געלאָזען אונטערצינדען, און דעם פאָלגענדען יאָהר, לויט אַן אָפּמאַך צווישעןביידע הערשער, האָבען די קריסטען און די מוסולמאַנער צוזאַמען אין גאַנצען פערניכטעט די שטאָדט. פון דאַן אָן איז זי שוין מעהר ניט אָפּגעבויט געוואָרען צוריק, אָבער מען זעהט נאָך איהרע רואינען, וועלכע זיינען בעזוכט געוואָרען פון איינינע רייזענדע.

איינינע שריפטשטעלער פון דער אַלטער צייט רעדען פון אַ סאָרט ציבעלעס, וועלכע זיינען געקומען פון דער אומגעגענד פון אשקלון. די רוימער האָבען זיי אָנגערופען א ס ק א ל אָ נ י א , פון וואַנען די איטאַליענער האָבען געמאַכט ס ק א ל אָ נ י א און די פראַנצויזען ע ש א ל אָ ט.

עזה, פינף ליע פון אשקלון, איז געווען די לעצטע וויכטיגע שטאָדט פון דעם ברעג פון כנען, פאַר מצרים. מיר געפינען זי שוין דערמאָהנט אין בראשית (י, 19) אַלס גרענעץ פון כנען. ווי אשקלון איז זי עראָבערט געוואָרען דורך דעם שבט יהודה און איז צוריק אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די פלשתים. היר האָט עס שמשון, לויט דער זאַגע, אומגעוואָרפען דעם טעמפעל פון דגון און איז גע׳הרג׳עט געוואָרען צוזאַמען מיט די פלשתים, וועלכע זיינען דאָרטען געווען פערזאַמעלט (שופטים טז). אלכסנדר מוקדון האָט געהענדיג פון צור אויף מצרים גענומען עזה נאָך אַ בעלאַגערונג פון

פינף חדשים, און האָט דאָרטען איבערגעלאָזען אַ גאַרניזאָן. שפּעטער איז זי עראָבערט געוואָרען דורך יונתן דעם מאַקאַבייער. דער אידישער קעניג אלכסנדר ינאי האָט זי צושטערט נאָך דעם, ווי ער האָט זי בעלאַגערט אַ יאָהר צייט. זי איז צוריק אָפּגעבויט געוואָרען אַלס פעסטונגס־שטאָדט דורך דעם רוימישען גענעראַל גאַביניוס. דער קירכען־פאָטער היעראָנימוס רעדט נאָך פון איהר ווי פון אַ וויכטיגער שטאָדט. די מוסולמאַנער האָבען זי ער־אָבערט אין 634. באַלדואין דער 3טער, דער קעניג פון ירושלים, האָט זי צוגענומען פון די מוסולמאַנער און אַוועקגעגעבען זי צו דעם אָרדען פון די טעמפּעל־ריטער (1152). סאַלאַדין האָט זי צוריק אָפּגענומען אין 1187. די שטאָדט הייסט יעצט גוזזעה.

צו זיד־אָסט פון גאַזאַ איז געווען גרר, ביי דעם גרענעץ פון אדום. אין די צייטען פון אברהם און יצחק איז דאָרטען געזעסען אבימלך, דער קעניג פון די פלשתים (בראשית כ, 2; כו, 1).

4. די פּראָווינץ פּערעאַ.

דער נאָמען פּערעאַ, וועלכער בעצייכענט די געגענדען צו מזרח פון ירדן, איז די גריכישע איבערזעצונג פון דעם העברעאישען וואָרט עבר (יענע זייט). אין העברעאיש איז דיזע פּראָווינץ אָנגערופען געוואָרען עבר הירדן (יענע זייט פון ירדן).

די וויכטיגסטע שטעדט פון פּערעאַ, געהענדיג פון נאָרד צו זיד, זיינען:

פּאַנעאַס אָדער צעזאַרעאַ פיליפּפּי, ביים פוס פון באַרג חרמון, אין גולן. דיזע שטאָדט איז אָהן צווייפעל געגרינדעט געוואָרען פון די סי־ראָ־מאַצעדאָניער, ווי עס צייגט דער גריכישער נאָמען פּאַנעאַס, פון דעם גאָט פּאַן, וועלכער איז געוואָרען פערעהרט אין סיראָ־מאַצעדאָניען. צו נאָרד־אָסט פון דער שטאָדט געפינט זיך אַ העהל, וועלכע איז געווען גע־הייליגט צום גאָט פּאַן און האָט געטראָגען דעם נאָמען פּאַנעיאָן. פון דיזער העהל געהט אַרויס איינער פון די טייכלאַך, וועלכע בילדען דעם ירדן. אין דיזער אומגעגענד האָט הורדוס געבויט אַ טעמפּעל צו עהרע פון אַוגוסטוס'ן; דער טעטראַרך*) פיליפּ, הורדוס'עס זוהן, האָט די קליינע שטאָדט פּאַנעאַס פערשענערט און איהר געגעבען דעם נאָמען צעזאַ־רעאַ, צו וועלכען מען האָט צוגעגעבען פיליפּ'ס נאָמען אום צו אונטער־שיידען דיזע שטאָדט פון צעזאַרעאַ אין יהודה, פון וועלכער מיר האָבען שוין

*) פיער־פירסט, ד. ה. הערשער פון אַ פערטעל פון פּאַלעסטינאַ.

גערעדט. צאָזאַרעאַ פיליפפי ווערט דערמאָהנט אין דעם נייעם טעסטאַמענט, יעזוס האָט בעזוכט איהרע אומגעגענדען. אין דער צייט פון קייזער קאָנסטאַנטין איז שוין דאָרטען געווען אַ גרויסע קריסטליכע גע-מיינדע. אונטער די אַראַבער איז די שטאָדט אָנגערופען געוואָרען באַ-ניאַס, פערגרייזט פון פאַנעאַס. היינט איז באַניאַס ניט מעהר ווי אַ דאָרף פון אַ פופציג הייזער; די איינוואוינער זיינען מעהרסטענס טערקען.

גאַמאַלאַ (גמלא), אויף אַ הויכען אָרט, ניט ווייט פון גענעסארעט, אַ בעפעסטיגטע שטאָדט, וועלכע וועספּאַסיאַנוס האָט איינגענומען.

גאַדאַראַ (גדרה), ניט ווייט פון דעם טייך היעראָמאַקס, לויט דעם קירכען-פאָטער היעראָנימוס געגענאיבער סקיטהאָפּאָליס און טבריה, אויף אַ בארג, ביי וועלכען עס געפינען זיך ווארימע בעדער. נעבען אָשׂ-קעיס, אַ דאָרף 1 ליאָ צו זיד פון מאַנדהור, האָט זעעטצען געפונען רו-אינען, וועלכע ער האָט אָנגענומען פיר די חורבות פון גאַדאַראַ. אין די רו-אינען געפינט מען פיעלע זאַרגען פון באַזאַלט-שטיין בעצירט מיט בולט'ע פיגורען פון גייסטער און בלומען-קרענץ. צו וועסט און צו נאָרד פון דיזען אָרט האָט דער רייזענדער בורקהאַרדט געפונען די רואינען פון צוויי גרויסע טהעאַטערן.

פון גאַדאַראַ וועלען מיר זיך נעהמען צו מזרח זוכען איינינגע שטעדט, וועלכע האָבען געראַרפט ליגען ביז דעם מדבר. פון דיזע שטעדט איז געווען גולן, אַ שטאָדט פון די לוים און איינע פון די זעקס ערי מקלט, אָבער מיר קענען ניט גענוי בעשטימען איהר געאָגראַפישע לאַגע. אויב די היינטיגע דזשאָלאַן האָט איהר נאָמען בירושה פון דיזער שטאָדט, איז זי געלעגען אין דער אומגעגענד פון דער אָזיערע טיבעריאַס, צו נאָרד-אָסט פון גאַדאַראַ און צו נאָרד פון דעם טייך היעראָמאַקס (מאַנד-הור). — מעהר צו מזרח זיינען געווען די שטעדט עשתרות און אדרעי, די רעזידענצען פון די קעניגען פון בשן. וואָס אָנבעטרעפט אדרעי, איז מעהר קיין צווייפעל ניטאָ וועגען איהר געאָגראַפישער לאַגע; די ריי-זענדע זעעטצען און בורקהאַרדט האָבען געפונען אין חורן די רואינען פון דיזער שטאָדט, וועלכע טראָגט נאָך דעם נאָמען דראַאַ אָדער אדראַאַ. דער אָרט פון עשתרות איז ניט בעשטימט.

צו אָסט פון דראַאַ האָט מען געפונען די שטאָדט קנת, וועלכע האָט זיך אויך אָנגערופען נבח (במדבר לב, 42). בורקהאַרדט האָט זי ענטדעקט אונטער דעם נאָמען קאַנואַט. דיזער רייזענדער האָט ביי-

שריבען איהרע חורבות און האָט בערעכענט, דאָס דער אומפאַנג פון דער אַלטער שטאָדט איז געווען 2½ אָדער 3 ענגלישע מיילען. ער האָט דאָרטען געפונען בלויז צוויי דרוזישע פאַמיליעס, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פלאַנצען טאַבאַק.

איינינגע ליאָ צו זיד פון קאַנואַט האָט מען געפונען די אַלטע סלכה, די גרענעץ־שטאָדט פון בשן, אונטער דעם נאָמען ס א ל כ א ט. בורק-האַרדט, וועלכער האָט דיזע שטאָדט בעזוכט, זאָגט, דאָס זי האָט א פעס-טונג־שלאָס און צעהלט מעהר ווי 500 הייזער. אָבער זינט בורקהאַרדט'ס בעזוך איז זי אין גאַנצען פערלאָזען געוואָרען.

איינינגע ליאָ צו וועסט פון סאַלכאַט איז געשטאַנען די שטאָדט ב אָ ס-ר א, וועלכע אַבולפעדאַ האָט אָנגערופען ה ו י פ ט ש ט אָ ד ט פ ו ן ה א ו ר א ן. דאָס איז אָהן צווייפעל די בעריהמטע שטאָדט, וועלכע די גריכען און די רוימער האָבען אָנגערופען באָסטראַ, און וועלכע די קיר-כען־פאָטערס האָבען בעטיטעלט מ ו ט ע ר פ ו ן א ר א ב י ש ע ש ט ע ד ט. מען ווייס ניט, אויב דיזע שטאָדט איז זעהר אַן אַלטע. דער קייזער טראַיאַנוס האָט זי פערשענערט און האָט זי בעזעצט מיט מיליטער. מען געפינט נאָך מטבעות, וועלכע טראָגען די אויפשריפט: **Trajana Bostra**. אין די אַקטען פון איינינגע קירכען־קאָנציליומס ווערען דערמאָהנט בישאָפען פון באָסטראַ. די רואינען פון דיזער שטאָדט שטעלען פאָר א לאַנגען קרייז פון אָסט צו וועסט; די הויפט־געביידעס, ווי טעמפּלען, טהעאַטערן, פאַ-לאַצען, האָבען זיך געפונען צו אָסט; דיזע אַלע מאָנומענטען דאַטירען פון דער צייט פון די רוימישע קייזאָרים. א גרויסע מאָשעע, וועלכע געהערט צו די ערסטע צייטען פון איסלאַם, איז נאָך געבליבען גאַנץ.

צו זיד־וועסט פון ב אָ ס ר א (אויף א ווייטקייט פון 10 אָדער 12 ליאָ) האָט זעעטצען געפונען די רואינען פון אַן אַנדער בעריהמטער אַלטער שטאָדט, וועלכע ווערט ניט דערמאָהנט אין דער ביבעל. דיזע איז די שטאָדט גערַאזאַ, די רואינען פון וועלכער טראָגען נאָך דעם נאָמען ד ז ש ע-ר א ש. לויט זעעטצען'ס בעשרייבונג פון איהר אָרט און איהרע רואינען, האָט זי געמוזט זיין איינע פון די פּרעכטיגסטע שטעדט אין דער וועלט.

די שטאָדט ג ע ר א ז א האָט געגעבען איהר נאָמען צו דעם גאַנצען דיסטריקט, אין וועלכען זי האָט זיך געפונען. דער קירכען־פאָטער היעראָ-נימוס זאָגט, דאָס די געגענד פון אַראַביען, וועלכע האָט אַמאָל געטראָגען דעם נאָמען ג א ל א א ד (גלעד) האָט זיך אין זיין צייט גע־רופען ג ע-ר א ז א. ר' סעדיה גאון, פון 10טען יאָהרהונדערט, איבערזעצט אין זיין

אַראַבישער איבערזעצונג פון דער תורה דעם נאָמען ג ל ע ד אויף ד ז ש ע-ר אַ ש. אין די אַקטען פון די קירכען-קאָנציליומס ווערען דערמאָהנט בי-שאָפען פון געראזאַ. אין דער צייט פון די קרייץ-צוגען האָט נאָך דאָרטען עקסיסטירט אַ ציטאַדעל. די געשיכטע-שרייבער פון יענער צייט רופען זי אָן ז ש אַ ר ר אַ ס. דער קעניג באַלדואין דער 2טער (געשט. 1131) האָט זי געמאַכט פיר אַ קעניגליכע רעזידענץ.

אין דער זעלביגער געגענד, צו נאָרד-וועסט פון געראזאַ, דאַרפען מיר זוכען די שטעדט יביש, אָדער יבש גלעד, און עפרון. די ערסטע איז געוועזען בעריהמט דורך אַ פּאַסירונג, וועלכע ווערט דערצעהלט אין שופטים (קאַפּ. כא). צו ענדע פון דעם בוך שמואל א׳ ווערט דערצעהלט, דאָס די איינוואוינער פון י ב י ש ג ל ע ד האָבען אין צייט פון נאַכט אַראָפּגע-גנב׳עט די טויטע קערפּערס פון שאול׳ן און זיינע זיהן, וועלכע זיינען גע-וועזען אויפגעהאַנגען ביי די מויערן פון בית שאן, און האָבען זיי מקבר גע-וועזען אין זייער שטאָדט. דיזע שטאָדט האָט אַלזאָ געמוזט זיין ניט ווייט פון ירדן געגענאיבער בית שאן, נעבען דעם טייכעל, וואָס טראָגט נאָך יעצט דעם נאָמען וו אַ ד י י אַ ב ע ס, און וועלכער פאַלט אַריין אין ירדן נעבען ב י י ס אַ ן (בית שאן). — ע פ ר ו ן איז געוועזען אַ גרויסע פעסטונג נעבען אַ דורכגאַנג צווישען בערג (מאַקאַבייער, 1טעס בוך, קאַפּ. 5, 46); עס שיינט, דאָס דיזע שטאָדט האָט זיך אויך געפונען נעבען ירדן, געגענאיבער בית שאן (אין דעם זעלבען בוך, קאַפּ. 5, 52).

צו זיד-וועסט פון געראזאַ איז געוועזען מחנים, ביים גרענעץ פון מנשה און גד, ניט ווייט פון דעם נאָרדליכען ברעג פון טייך יבוק. לויט בראשית (לב, 2) האָט יעקב בעגעגענט אין דיזען אָרט מלאכים און ער האָט דעם אָרט אָנגערופען מ ח נ י ם, ד. ה. צוויי מחנות, מיינענדיג זיין אייגענע מחנה און די מחנה פון די מלאכים. פון דאַנען איז ער איבערגעגאַנגען איבער דעם יבוק (בראשית לב, 23). אין דער זעלבער געגענד איז וואהרשיינליך געוועזען די שטאָדט אַ מ אַ ט ה אָ ו ס, אַ גרויסע פעסטונג ביים ירדן, פון וועלכער יאָזעפוס רעדט אין זיינע אַלטערטימער (בוך 13, קאַפּ. 13, 3), און פון וועלכער די רואינען עקסיסטירען נאָך אונטער דעם נאָמען אַ מ אַ-ט אַ. נאָהענט פון דאָרטען איז אויך געוועזען פניאל, וועמעס נאָמען עס ווערט צוגעשריבען צו יעקב׳ן (בראשית לב, 31). דאָס זעלביגע איז אויך מיט סכות (ביידלאַך), אַן אָרט, וואו יעקב האָט געמאַכט זיין לאַגער נאָך׳ן אריבערגעהן דעם טייך יבוק (בראשית לג, 17), און וואו מען האָט שפּעטער געבויט אַ שטאָדט.

איינע פון די גרעסטע שטעדט פון שבט גד, צו זיד פון טייך יבוק, איז געווען רמות אָדער רמת מצפה, אַ שטאָדט פון די לוים און איינע פון די ערי מקלט. די סיריער האָבען זי עראָבערט אונטער אחאב, דעם קעניג פון ישראל. לויט דעם קירכען־פּאָטער אייזעביוס איז דיזע שטאָדט געווען 15 מייל וועסט (ריכטיגער נאָרד־וועסט) פון ר ב ת ע מ ו ן, די הויפּטשטאָדט פון די עמונים. אין דיזען אָרט געפינט מען יעצט די פעס-טונג אַ ס ־ ס אַ ל ט, ביי דעם אָפּהאַנג פון אַ קליינעם בארג.

צו זיד־וועסט פון אַ ס ־ ס אַ ל ט, דאָרטען וואו עס פאַלט אריין אין ירדן דאָס טייכעל וו אַ ד י ־ ש אָ א ב, געפינען זיך רואינען, וועלכע טראָגען דעם נאָמען נ י מ ר י ן; דאָס איז אָהן צווייפעל דער בית נמרה פון דער ביבעל, וואָס האָט זיך אויך אָנגערופען נ מ ר י ם (ישעיה טו, 6). נעבען דיזער שטאָדט געפינען מיר דערמאָהנט בית חרן, וועלכע איז לויט דעם קירכען־פּאָטער אייזעביוס געווען פינף מייל צו דרום פון בית נמרה, און וועלכע האָט פון הורדוס'ן ערהאַלטען דעם נאָמען ל י ו ו י א ס. ניט ווייט פון דאָרטען, ביים ירדן, איז געווען אָהן צווייפעל בית ברה (שופטים ז, 24); און אַ ביסעל מעהר צו דרום זיינען געווען אבל שטים און בית ישימות, וואו די אידען האָבען געלאַגערט איידער זיי זיינען אריבער דעם ירדן (במדבר לג, 49). לויט יאָזעפוס'ן איז א ב י ל אַ (אבל שטים) געווען 60 סטאַדיומס פון ירדן. דיזער פּלאַץ איז געווען געגענאיבער יריחו, און בית ישימות איז געווען צו זיד־אָסט פון דער זעלבער שטאָדט, נעבען דעם טויטען מעער (ים המלח).

צו אָסט אָדער צו נאָרד־אָסט פון דיזע לעצטע שטעדט איז געווען ערוער פ אַ ר ר ב ת ע מ ו ן, וועלכע מען דאַרף ניט פערבייטען מיט אַן אַנדער ערוער, ביים טייך ארנון. ניט ווייט פון דאנען, צו זיד, איז גע-ווען יעזר, אַ שטאָדט פון די לוים, וועלכע איז לויט אייזעביוס געווען 10 מייל צו וועסט (זיד־וועסט) פון פילאַדעלפיא (רבת עמון). דער רייזענדער זעעטצען האָט געפונען אין דיזער ריכטונג די רואינען פון אַ שטאָדט מיט'ן נאָמען ס י ר, פון וואַנען אַ קליינער טייך מיט דעם זעלביגען נאָמען פליסט אריין אין דעם ירדן. אַזוי ווי אייזעביוס רעדט אויך פון אַ טייך, וואָס געפינט זיך נעבען י ע ז ר, און וועלכער פאַלט אריין אין ירדן, איז זעהר מעגליך, דאָס דיזע שטאָדט האָט זיך געפונען אויף דעם אָרט פון דעם טייך ס י ר. ערוער און יעזר זיינען געלעגען ביי דעם אָסטליכען גרענעץ פון דעם שבט גד. געהענדיג פון דאָרטען צו זיד און צו זיד־אָסט געפינען

מיר די שטעדט פון שבט ראובן, וועלכע טראָגען נאָך היינט, צום טייל, זייערע פאַרצייטיגע נעמען. דאָס זיינען נעמליך די פאָלגענדע שטעדט:

אלעלה (במדבר לב, 3 און 37). די רואינען פון דיזער שטאָדט זייענען געפונען געוואָרען דורך די רייזענדע זעעטצען און בורקהאַרדט אונטער דעם נאָמען על־אַאַל. דער נאָמען בעדייט הויכער אָרט אין העברעאיש ווי אין אַראַביש, און על־אַאַל געפינט זיך ווירקליך, לויט בורקהאַרדט'ן, אויף אַ באַרג. מען געפינט נאָך אַ טייל פון דער וואַנט, וועלכע איז געוועזן גוט געבויט.

חשבון, די פאַרצייטיגע הויפּטשטאָדט פון די קעניגען פון אמורי (במדבר כא, 26 און ווייטער). לויט אייזעביוס איז זי געלעגען אַ מייל פון אלעלה; זעעטצען האָט זי געפונען אונטער דעם נאָמען הוסבאַן, ½ ליגע צו זיד־וועסט פון על־אַאַל. אונטער דעם זעלביגען נאָמען ווערט זי דערמאָהנט ביי אַבולפעדאַ. אין דער ביבעל געהערט זי אַמאָל צו ראובן און אַמאָל צו גד. שפּעטער געפינען מיר זי, ווי אלעלה און אַנדערע שטעדט פון דיזע געגענדען, אונטער דער הערשאַפט פון מואב. יאָזעפוס רעכענט זי צווישען די שטעדט פון מואב, וועלכע די אידען האָבען בעזעסען אונטער אלכסנדר ינאי. „מען געפינט דאָ", זאָגט בורקהאַרדט, „די רואינען פון אַ גרויסער אַלטער שטאָדט; צווישען דיזע שטעהען נאָך רעסטען פון אייניגע געביידעס פון קליינע שטיינער און אייניגע צובראָכענע זיילען. דאָרטען געפינען זיך מעהרערע טיפע ברונענס אויסגעשניטען אין פעלז, און אַ גרויסער רעזערוואָאַר פון וואַסער פיר זומער". זעעטצען דערמאָהנט, רעדענדיג פון דיזען רעזערוואָאַר, די ווערטער פון שיר השירים (ז, 5): דיינע אויגען זיינען ווי די רעזערוואָארען פון חשבון (עיניך ברכות בחשבון).

שבמה איז געוועזן לויט דעם קירכען־פאָטער היעראָנימוס בלויז ½ מייל פון חשבון. דיזער אָרט איז געוועזן בעריהמט מיט זיינע וויינשטאָקען.

בעל מעין (במדבר לב, 28). בוקהאַרדט האָט געפונען בערך דריי פערטעל שטונדע וועג זיד־אָסט פון חשבון די רואינען פון מיאון, וועלכע איז לויט איהם בעל מעון. אַרום דיזען אָרט איז אויך געוועזן בצר, איינע פון די ערי מקלט. מען קען יעצט ניט בעשטימען די לאַגע פון דיזער שטאָדט.

מידבא (במדבר כא, 30). די רואינען פון דיזער שטאָדט עקסיסטירען נאָך אונטער דעם זעלביגען נאָמען, אייניגע ליגע זיד־אָסט פון חשבון. מען זעהט דאָרטען אַ גרויסען רעזערוואָאַר, און צו וועסט געפינען זיך די

פונדאמענטען פון אַ אַלטען טעמפעל. ½ ליאָ צו וועסט פון מידבא געפי-
נען זיך די רואינען פון ע ל ־ ט י ם, וועלכע בורקהארדט נעהמט אָן
פיר די ק ר י ת י ם פון דער ביבעל (במדבר לד, 37).

יהץ. נעבען דיזער שטאָדט האָבען די אידען, אונטער משה׳ן, בעזיגט
סיחון, דעם קעניג פון אמורי. יהץ איז געלעגען ביים גרענעץ פון דער טע-
ריטאָריע פון אמורי, געגענאיבער דעם מדבר. דער קירכען־פאָטער אייזע-
ביוס שטעלט זי אוועק צווישען מידבא און דיבון. זי האָט אַלזאָ געהאַט
מידבא צו נאָרד־וועסט און דיבון צו זיד־וועסט. צו זיד איז געווען דבלתים
און באר אלים. די שטאָדט קדמות, פון וואנען משה האָט געשיקט גע-
זאַנדטע צו סיחון, און מיפעת, וועלכע ווערט דערמאָהנט אין דער ביבעל
אייניגע מאָל נעבען קדמות און יהץ (יהושע יג, 18, און אַנדערסוואו), דאַר-
פען ליגען ביים אָסטליכען גרענעץ פון דעם לאַנד פון אמורי.

דיבון. דיזע שטאָדט ווערט אויך אָנגערופע ד י ב ו ן ג ד, ווייל
זי איז צוריק אָפּגעבויט געוואָרען דורך די בני גד. זעעטצען האָט געפונען
איהרע רואינען אין אַ פרעכטיגער עבענע. לויט בורקהארדט ליגט דיבון
אונגעפעהר איין ליאָ צו נאָרד פון דעם טייך ארנון אויף אַ נידריגען באָדען.
דיבון האָט געהערט צו מואב, ווי די אַנדערע נאָהענטע שטעדט.

ערוער, ביים נאָרדליכען ברעג פון דעם טייך ארנון, ביים אָסטליכען
גרענעץ פון פעראָע (עבר הירדן). זי ווערט אָפט אָנגערופען אין דער ביבעל
ע ר ו ע ר ב י י ם ט י י ך א ר נ ו ן (ערוער אשר על שפת נחל
ארנון), אום צו אונטערשיידען זי פון דער אַנדערער שטאָדט ע ר ו ע ר,
פון וועלכער מיר האָבען שוין גערעדט. בוקהארדט איז געקומען פון דיבון
צו די רואינען פון אַן אָרט, וואָס האָט זיך גערופען אַ ק ע ב ע ל ־ ד ע ב ס.
„פון דאַנען", זאָגט ער, „זיינען מיר געגאַנגען ווייטער צו מזרח ביים טיפען
טאָל, אין וועלכען עס פליסט דער טייך (ארנון), און אין אַ פערטעל שטונדע
זיינען מיר געקומען צו די רואינען פון א ר א א י ר, די ע ר ו ע ר פון
דער ביבעל, וועלכע ליגט ביים ברעג פון אַן אָפּגרונד; אַ פוס־שטעג האָט
געפיהרט פון דאָרטען צו דעם טייך".

אין דעם וועסטליכען טייל פון פעראָע, נעבען דעם טויטען מעער (ים
המלח), ווילען מיר נאָך אָנרופען די שטעדט נ ב ו און ק א ל ל י ר-
ר ה אָ ע.

נבו איז געלעגען נעבען דעם באַרג, וואָס האָט געטראָגען דעם זעל-
בּיגען נאָמען (הר נבו). די מואבים האָבען וואהרשיינליך אין דיזען אָרט

פערעהרט דעם גאָט נ ב ו ; דאָס איז דער נאָמען פון דער פּלאַנעטע מ ע ר־ק ו ר ביי די כאַלדעער.

קאַללירהאָע, ביים ברעג פון טויטען מעער, איז בעריהמט פיר איהרע וואַרימע בעדער. לויט דעם מדרש און דעם תרגום ירושלמי איז דאָס די שטאָדט ל ש ע , וועלכע ווערט דערמאָהנט אין בראשית (י, 19). היעראָנימוס, אין זיין קאָמענטאַר צו דיזער שטעלע, זאָגט אויך דאָס זעלביגע.

ב. די פערשיידענע פעלקער פון פּאַלעסטינא.

די אור־געשיכטע פון פּאַלעסטינאַ איז אונז בעקאַנט בלויז דורך איי־ניגע טראַדיציאָנען, וועלכע די ביבעל האָט בעוואהרט. מיר קענען איבער דיזען געגענשטאַנד ניט זאָגען פיעל ; מיר וועלען בלויז געבען אין אַ געוויסער אָרדנונג די פאַקטען אָדער טראַדיציאָנען, וועלכע זיינען צושפּרייט אין דער ביבעל, ווי אויך די אונבעשטרייטבאַרע פונקטען, וועלכע פאָלגען פון דער פערבינדונג פון געוויסע שטעלען. די פעלקער, וועלכע האָבען בעוואוינט פּאַלעסטינאַ איידער די העברעער זיינען אהין געקומען, קענען איינגעטיילט ווערען אין דריי ראַסען, נעמליך : די אור־בעוואוינער אָדער ריזען, די כנענים און די פלשתים.

1. די אורפעלקער אָדער די ריזען.

ביי דער צייט פון די כנענים, וועלכע זיינען געזעסען אין פּאַלעסטינאַ אין דער צייט פון אברהם'ען (בראשית יב, 6), געפינען מיר די רעסטען פון אַן אַנדערער ראַסע, אַן עלטערער, וועלכע די כנענים האָבען צום גרעסטען טייל אויסגעראָטעט אָדער געצוואונגען אויסצוואַנדערן. די פערשיידענע נעמען, וועלכע די ביבעל גיט די מענשען פון דיזער ראַסע, ווייזען אַן אויף דעם, דאָס זיי זיינען געווען זעהר הויכע און שטאַרקע ; דאָס איז געווען אַ ריזען־ראַסע, געגען וועלכער די העברעער זיינען געווען ווי ח ג ב י ם אָדער היישריקען (במדבר יג, 33), און וועלכע די מואבים האָבען אָנגערופען א י מ י ם , ד. ה. די ש ר ע ק ל י כ ע (דברים ב, 11). מען בעצייכענט דיזע ראַסע אין אַלגעמיין מיט דעם נאָמען ר פ א י ם (דברים ב, 11 און 20), אַ וואָרט, וועלכעס דער תרגום און אַנדערע איבערזעצען : ר י ז ע ן . די רפאים זיינען געווען איינגעטיילט אין איי ניגע פעלקערשאַפטען, נעמליך : 1) די ר פ א י ם אין ענגערען זין ; זיי האָבען בעוואוינט דאָס לאַנד בשן, און זייער הויפּטשטאָדט איז געווען ע ש ת ר ו ת ק ר נ י ם (בראשית יד, 5). עוג מלך הבשן איז געווען איינער פון זייערע קעניגען, און זיי אַיי־

זערנעס בעט, וועלכעס מען האָט געפונען אין רבת בני עמון, איז געווען 9 איילען לאַנג און 4 איילען ברייט. ער האָט בעזעסען זעכציג פעסטע שטערט, אַרומגערינגעלט מיט מויערן, און אויסער דיזע זעהר פיעלע אָפע-נע שטערט (דברים ג). 2) די אימים; זיי האָבען בעוואוינט דאָס לאַנד, וועלכעס האָט זיך שפּעטער אָנגערופען מואב, און אויך די עבענע קריתים (שוה קריתים, בראשית יד, 5). 3) די זמזומים אָדער די רפאים פון דעם לאַנד פון עמון (דברים ב, 20). 4) די זוזים אין דעם לאַנד הם, אַן אונבעקאַנטע געגענד. 5) די ענקים, וועלכע זיינען געווען צוושפּרייט אין די בערג פון דעם לאַנד כנען. עס זיינען אויך געווען ענקים אין דּביר, אין ענב, אין אַלע בערג פון יהודה און ישראל, ווי אויך אין עזה, גת און אשדוד (יהושע יא, 21—22).

אויסער דיזע פעלקער פון ריזען ווערען נאָך דערמאָהנט אַלס אור-איינוואוינער פון דיזע געגענדען: די חורים, וועלכע האָבען בע-וואוינט די בערג פון שעיר; די עוים (אווים), וועלכע האָבען בע-וואוינט די עבענע צו זייד-וועסט ביז עזה; ענדליך די פעלקערשאַפטען קני, קנזי און קדמוני, וועלכע ווערען דערמאָהנט נעבען די פעלקערשאַפטען פון כנען (בראשית טו, 19). די קנים זיינען געזעסען צווישען די עמלקים, צו דרום פון פּאַלעסטינאַ.

2. די כנענים.

לויט דער פערצייכנים פון די אָפּשטאַמונגען אין בראשית (י, 15), האָט כנען, דער זוהן פון חם, געהאַט עלף זיהן, נעמליך: צידון, חת, יבוסי, אמורי, גרגשי, חוי, ארכי, סיני, ארודי, צמרי און חמתי. דאָס זיינען אייגענטליך נעמען פון פערשיידענע פעלקער, וועלכע שטאַמען לויט ביבלישער טראַדיציאָן פון איין אור-פאָטער. דאָס זיינען די פעלקער, וועלכע די גריכישע שריפטשטע-לער רופען אָן פעניקיער, נעהמענדיג דיזעם וואָרט אין זיין ברייט-סטען זין; עס איז אמת, דאָס די גריכישע קלאַסישע שריפטשטעלער בע-צייכנען מיט דיזען נאָמען בלויז די פעלקער פון כנען, וועלכע האָבען בע-וואוינט דעם נאָרדליכען טייל פון פּאַלעסטינאַ, אָבער די גריכישע איבער-זעצונג פון דער ביבעל בעצייכענט מאַנכמאָל מיט דיזען נאָמען (פעניקיער) אויך די כנענים פון פּאַלעסטינאַ, וועלכע די אידען האָבען אַרויסגעטריבען. לויט בעריכטען פון אַלטע גריכישע היסטאָריקער (הערָאדאָט און סטראַבאָן) זיינען די כנענים ניט געווען קיין אור-איינוואוינער פון פּאַלעסטינאַ, נאָר

זיי זיינען געקומען פון אַן אַנדערען לאַנד. די אַלטע טראַדיציאָנען גיבען ניט אָן די צייט פון דיזער איינוואַנדערונג פון די כנענים, אָבער דאָס האָט געמוזט פּאַרקומען אַן ערך צוויי טויזענד יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, ווייל ווען אברהם איז געקומען אין פּאַלעסטינאַ זיינען שוין די כנענים דאָרטען געזעסען.

פון די עלף פעלקער, וועלכע האָבען געשטאַמט פון כנען, זיינען זעקס געזעסען צו נאָרד פון פּאַלעסטינאַ, וואו זיי האָבען געגרינדעט שטעדט, נעמליך: צ י ד ו ן (די צידונים) ביים ברעג פון מיטלענדישען מעער; א ר כ י, אין ארכא, צו נאָרד פון טריפּאָלים; ס י נ י, וואהרשיינליך צו זיד־וועסט פון לבנון, וואו עס האָט זיך געפונען, לויט דעם גריכישען געאָגראַף סטראַבאָן, אַ פעסטונג מיט'ן נאָמען ס י נ נ א; א ר ו ד י אויף דער קליינער פעניצישער אינזעל א ר א ד ו ס; צ מ ר י, וואהרשיינליך ס י מ י ר א, נעבען אַנטאַראַדוס, צו וועסט פון לבנון; ח מ ת י אין חמת (עפּיפאַניאַ) אין סיריען.

עס בלייבען נאָך פינף פעלקער פון כנען, וועלכע זיינען געזעסען אין פּאַלעסטינאַ, נעמליך: 1) די ח ת י ם, 2) די י ב ו ס י ם, 3) די א מ ו ר י ם, 4) די ג ר ג ש י ם, 5) די ח ו י ם. נעבען דיזע פינף פעלקער געפינען מיר נאָך דערמאָהנט: 6) די כ נ ע נ י ם (וואהרשיינליך פון אַן אַנדערען כ נ ע ן, אַ קינד פון איינעם פון די עלף זיהן פון דעם ערסטען כנען); ענדליך 7) די פ ר י ז י ם.

1) די ח ת י ם זיינען געזעסען אין די בערג (במדבר יג, 29), אי־בערהויפּט אין די אומגעגענדען פון חברון. דאָרטען האָט עס אברהם, נאָך שרה'ס טויט, זיך געווענדט צו די ב נ י ח ת וועגען אַ פאַמיליען־גראַב (בראשית כג). עשו האָט גענומען צוויי פרויען פון די חתים (בראשית כו, 34). מיר געפינען נאָך די רעסטען פון דיזען פאָלק אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, ווי די אידען זיינען אַריין אין כנען. אוריה, איינער פון דוד'ס גענע־ראַלען (שמואל ב', כג, 39) און דער מאַן פון בת שבע, איז געוועזען אַ חתי; אין דעם הארעם (בית הנשים) פון שלמה המלך האָבען זיך געפונען חתי'שע פרויען (מלכים א', יא, 1) *)

*) די בעריכטען וועגען די חתים אין דער ביבעל זיינען זעהר מאָגער. אין דער לעצטער צייט האָט מען פון אויסגעגראָבענע אינשריפטען דערגאַנגען וועגען זיי אַ סך מעהר. די בריף־טאָפלען, וועלכע מען האָט געפונען אין על־אַמאַרנאַ (אויבער־מצרים), ענטהאַלטען בקשות פון פערשיידענע גובערנאַטאָרען פון סיריען צו מצרים

2) די יבוסים זיינען געזעסען אין דער שטאָדט ירושלים און אין איהרע אומגעגענדען. ביז דער צייט פון דוד המלך זיינען זיי געווען די בעזיצער פון דער פעסטונג פון ציון, און אפילו נאָך דעם, ווי זיי האָבען פערלאָרען דיזע פעסטונג, זיינען זיי געזעסען אין פרידען צווישען די אידען; דוד האָט אָפּגעקויפט פון א יבוסי מיט'ן נאָמען ארונה דעם פּלאַץ, וואו שלמה האָט געבויט דעם טעמפּעל (שמואל ב', כד, 16 או. וו.).

3) די אמורים האָבען בעוואוינט די אומגעגענדען פון עין גדי, צו ועסט פון טויטען מעער (ים המלח). מיר געפינען זיי אויך אין די בערג (במדבר יג, 29), און זאָגאר ביז די אומגעגענדען פון יפו און יבנה. עס שיינט, דאָס די אמורים זיינען געווען די מעכטיגסטע פון די בערג-פעלקער. צו מזרח פון ירדן האָבען פאַר משה'ס צייטען די אמורים געגרינדעט צוויי קעניגרייכען: איינס אין בשן, צו נאָרד פון דעם טייך יבוק, מיט די הויפּטשטעדט עשתרות און אדרעי; דאָס אַנדערע צווישען די טייכען יבוק און ארנון מיט דער הויפּטשטאָדט חשבון. ווען די העברעער זיינען געקומען אין לאַנד אונטער משה'ן, האָט אין דעם קעניגרייך פון נאָרד רעגירט עוג, און אין דעם קעניגרייך פון זיד סיחון, וועלכער האָט צוגענומען דיזעס לאַנד פון די פעלקער עמון און מואב. דיזע ביידע קעניגען זיינען בעזיגט געוואָרען פון משה'ן.

4) די גרגשים. אין דער ביבעל ווערט ניט מיט בעשטימט-הייט דערמאָהנט דער אָרט, וואו דיזע פעלקערשאַפט האָט זיך געפונען, אָבער עס איז זיכער, דאָס זי איז געזעסען צווישען די אַנדערע פעלקער פון כנען צו מערב פון ירדן.

5) די חוים זיינען געזעסען איבערהויפּט ביים פוס פון באַרג חרמון אָדער פון געגען-לבנון (יהושע יא, 3; שופטים ג, 3). אָבער מיר געפינען אויך פאַמיליען פון חוים אין שכם. חמור, דער פירסט פון שכם אין דער צייט פון יעקב'ן, ווערט אָנגערופען א חוי (בראשית לד, 2).

וועגען הילף געגען די חתים. ווי עס שיינט זיינען זיי שוין 2,000 יאָהר פ. קר. געווען אַ פּאָליטישע מאַכט אין קאַפּפּאַדאַקיען און נאָרד-סיריען. אויף דעם אָרט פון דער חתי'שער שטאָדט פּטעריאַ האָט מען געפונען פיעלע אינשריפטען אין באַ-בילאָניש און חתיש. די שפּראַך פון די חתים איז ניט סעמיטיש: זייערע אינ-שריפטען זיינען טיילס אין בילדער-שריפט, טיילס אין קייל-שריפט (ווי אַסיריש). מען האָט דאָרט אויך געפונען פיגורען אין שטיין פון מענשען און חיות. די פיזיאָגנאָמיעס פון די מענשליכע פיגורען זיינען ניט קיין סעמיטישע. א. ה.

זיי ג ב ע ו נ י ם , וועלכע האָבען דורך אַ בעטרוג געמאַכט שלום מיט די העברעער (יהושע ט), זיינען אויך געוועזען חוים (יהושע א, 19).

6) די כ נ ע נ י ם זיינען געזעסען אין מזרח און אין מערב (יהושע יא, 3), דאָס הייסט אין די עבענעס צו וועסט פון ירדן און ביים מיטלענדי־שען מעער (במדבר יג, 29). מיר געפינען זיי אין גזר נעבען עמאאוס (יהושע טז, 10; מלכים א׳ ט, 16); זיי זיינען געזעסען אין בית שאן און איהרע אומגעגענדען, אויך אין דעם טאָל יזרעאל; דורך זייערע אייזערנע רייטוועגען האָבען זיי אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף די בני אפרים (יהושע יז, 19).

7) די פ ר ז י ם. אין אברהם׳ס צייטען געפינען מיר זיי אין דער אומגעגענד פון בית־אל (בראשית יג, 7).

ווען יהושע האָט עראָבערט דאָס לאַנד כנען, איז דיזעס לאַנד געוועזען געטיילט אין פיעלע קליינע מדינה׳לאך, פון וועלכע יעדע האָט געהאַט איהר קעניג (מלך). אין דעם בוך יהושע איז דאָ אַ צעטעל פון איין און דרייסיג מלכים, וועלכע יהושע האָט בעזיגט. עס שיינט, דאָס מעהרערע פון דיזע מדינה׳לאך האָבען געמאַכט בונדען, איבער וועלכע איינער פון די פעראייניג־טע מלכים האָט געהאַט אַ געוויסע אויבערהערשאַפט. אזוי האָט אדני־צדק, דער קעניג פון ירושלים, איינגערופען די קעניגען פון זיד צו קעמפּען געגען די גבעונים, וועלכע האָבען געשלאָסען פרידען מיט יהושע (י, 1—5); יבין האָט איינגעלאַדען צום קריג געגען די העברעער אַלע קעניגען פון נאָרד, פון דעם בארג חרמון ביז צו זיד פון דער אָזיערע כנרת און ביז דור (יא, 1—3), און עס ווערט אויסדריקליך דערצעהלט, דאָס די שטאָדט חצור איז געוועזען אָן דער שפּיץ פון דיזע קליינע מלוכה׳לאך פון נאָרד (יא, 10).

אין מיטען פון די קעניגרייכען פון כנען זיינען אָהן צווייפעל אויך גע־וועזען מעהרערע רעפּובליקען מיט מעהר אָדער ווייניגער אַריסטאָקראַטישע פאָרמען. עס איז צו בעמערקען, צום ביישפּיל, דאָס עס ווערט אין קיין אָרט ניט דערמאָהנט אַ קעניג פון ג ב ע ו ן, וועלכע איז געוועזען איינע פון די בעדייטענדסטע שטעדט פון כנען. אין דעם בוך יהושע (י, 2) ווערט זי אָנגערופען א ג ר ו י ס ע ש ט אָ ד ט, ווי א י י נ ע פ ו ן די ק ע נ י ג ל י כ ע ש ט ע ד ט (עיר גדולה גבעון כאחת ערי הממלכה). די שלוחים פון די גבעונים רעדען צו יהושע אין דעם נאָמען פון ז י י ע ר ע ע ל ט ס ט ע און ד י א י י נ וו א ו י נ ע ר פ ו ן ז י י ע ר ל אַ נ ד (ט, 11). עס איז קלאָר, דאָס גבעון האָט געבילדעט מיט דריי אַנדערע שטעדט, כפירה, בארות און קרית יערים (ט, 17) אַ קליינעם רעפּוב־

ליקאַנישען שטאַאַט. די איינוואוינער פון גבעון, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, זיינען געוועזען *חוים* ; עס שיינט, דאָס דיזעס פאָלק איז אימער געוועזען רעפּובליקאַניש. דער *חוי* חמור, דער נשיא פון שכם, האָט אין זיין אונטערהאַנדלונג מיט יעקב׳ס זיהן געפונען פיר נעטיג צו ברייננען די זאַך פאַר דער פערזאַמלונג פון דעם פאָלק (בראשית לד, 20) ; ער האָט ניט דעם טיטעל *מלך* (קעניג), נאָר *נשיא* (פירסט).

די פירסטען פון כנען זיינען כמעט אַלע אומגעקומען אין זייער קאַמף געגען די העברעער ; די פעלקער פון כנען זיינען ביז אַ גרויסען טייל אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען. עס איז וואַהרשיינליך, דאָס אין דיזען אונגליקליכען קריג האָט אַ טייל פון דער בעפעלקערונג פון כנען אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער ; און ווען מיר זאָלען גלויבען אַ טראַדיציאָן, וועלכע איז פערשפּרייט אין אַפריקאַ פון אַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג, זיינען די פעלקערשאַפטען פון די אַטלאַס=בערג צום טייל די קינדער פון די כנעניך, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט אין דער צייט פון יהושע. נאָך אין דער צייט פון דעם הייליגען אַוגוסטין (354—430) האָבען די בויערן פון דער אומגעגענד פון היפּפּאָנע (יעצט באָנע) זיך אַליין אָנגערופען *כאַנאַני* אָדער *כנענים*. לויט אייזעביוס׳ן האָבען די כנענים אויסגעוואַנדערט נאָך טריפּאָלים אין אַפריקאַ. פּראָקאָפּיאָס, אַ גריכישער שריפטשטעלער פון 6טען יאָהרהונדערט, רעדט פון די פעניציער, וואָס זיינען ענטלאָפען פון יהושע׳ן און האָבען זיך פערשפּרייט אין אַפריקאַ ביז די זיילען פון הערקולעס (גיבראַלטאַר). ער איז געוועזען אַ היידע און האָט, ווי עס שיינט, ניט געוואוסט פון דעם בוך יהושע ; ער האָט געשעפּט זיינע ידיעות, ווי ער זאָגט אַליין, פון די שריפטשטעלער, *וואָס האָבען געשריבען די אַלטע געשיכטע פון די פעניציער*. „דאָרטען", זאָגט ער, „וואוינען זיי נאָך, און בעדינען זיך מיט דער פעניציער שפּראַך." זיי האָבען געבויט אַ פעסטונג אין אַ שטאָדט אין נומידיען, דאָרטען, וואו עס געפינט זיך די שטאָדט, וועלכע מען רופט *טיגיסיס*. דאָרטען זיינען דאָ, נעבען דעם גרויסען פּאָנטאַן, צוויי זיילען פון ווייסען שטיין, אויף וועלכע עס זיינען גראווירט פעניציישע בוכשטאַבען, וועלכע זאָגען אין פעניציש פאָלגענדעס : „*מיר זיינען די יעניגע, וועלכע זיינען ענטלאָפען פון דעם באַנדיט יאָסוע, דעם זוהן פון נאַוע*". — די אַראַבישע שריפטשטעלער האָבען אויך געהערט רעדען פון דער פּאַלעסטינישער אָפּשטאַמונג פון מעהרערע פעלקער פון אַפריקאַ. לויט מאַסודי שטאַמען אָפּ אַלע פעלקער פון אינערער אַפריקאַ פון

די קינדער פון כנען. עדריזי זאָגט, דאָס די בערבערישע פעלקער האָבען אין אַלטע צייטען בעוואוינט פּאַלעסטינאַ; נאָך דעם, ווי דוד האָט גע'הרג'עט גלית'ן דעם בערבער, זיינען די בערבערען אוועק אין מאַגהרעב (נאָרד-אַפריקאַ), און האָבען זיך דאָרטען פערשפּרייט. די אידען פון בערבעריען רופען נאָך היינט אָן די בערבערען מיט דעם נאָמען פּ ל ש ת י ם.

דאָך, נאָך דעם, ווי די העברעער זיינען אריינגעפאַלען אין פּאַלעסטינאַ, זיינען די כנענים נאָך געבליבען הערשענד ניט נאָר ביים גאַנצען ברעג ביז דעם לאַנד פון די פּלשתים, נאָר אויך אין פיעלע שטעדט אין מיטען פון לאַנד. אין דעם ערסטען קאַפּיטעל פון שופטים ווערען דערמאָהנט שטעדט, פון וועלכע מען האָט די כנענים ניט געקענט פערטרייבען; מיט דער צייט זיינען זיי געוואָרען, צום טייל אונטערטעניג אונטער די העברעער (שופטים א, 28). אייניגע מדינות פון די כנענים האָבען נאָך געהאַט זייערע אייגענע מלכים. אַן ערך צוויי הונדערט יאָהר נאָך דעם טויט פון יהושע האָט יבין, דער קעניג פון חצור, אונטערדריקט די העברעער צוואַנציג יאָהר. ער האָט געהאַט 900 אייזערנע רייטוועגען, זיין אַרמעע, וועלכע איז געוואָרען אָנגעפיהרט פון סיסרא, איז געשלאָגען געוואָרען פון ברק'ן. אין דעם ערסטען בוך שמואל (ז, 14) לעזען מיר, דאָס ישראל האָט געלעבט אין שלום מיט די אמורים; דאָס בעווייזט, דאָס די פעלקערשאַפטען פון כנען זיינען אין שמואל'ס צייטען נאָך ניט געווען אין גאַנצען אונטערוואָרפען אונטער ישראל. ווען יואב, דוד'ס גענעראַל, האָט געצעהלט די בעפעלקערונג, איז ער אויך געגאַנגען אין ד י ש ט ע ד ט פ ו ן ד ע ם ח ו י א ו ן ד ע ם כ נ ע נ י (שמואל ב׳ כד, 7). ענדליך האָט שלמה אונטערטעניג געמאַכט אַלע פעלקערשאַפטען, וועלכע זיינען פערבליבען פון אמורי, חתי, חוי און יבוסי (מלכים א׳ ט, 20). אין דעם בוך מלכים א׳ (ט, 21) לעזען מיר, דאָס די קינדער פון דיזע כנענים זיינען געבליבען אונטערטעניג ב י ז ד י ז ע ן ט אָ ג; דאָס בעווייזט, דאָס זיי האָבען נאָך עקסיסטירט צווישען די העברעער צו דער צייט, ווען דער ספר מלכים איז נאָך געשריבען געוואָרען, עס איז מעגליך, דאָס אין אייניגע ערטער האָבען זיי זיך בענוצט מיט דער שפּאַלטונג פון רחבעם, שלמה'ס זוהן, און מיט די מלחמות, וועלכע זיינען דערפון אַרויסגעקומען, און האָבען זיך געמאַכט אונאָפּהענגיג. דאָס וועט אונז ערקלערען, וואָרום מיר געפינען דערמאָנט קעניגען פון די חוים אין דער צייט פון דעם נביא אלישע (מלכים ב׳, ז, 6). ענדליך, נאָך דעם צוריקקעהר פון גלות בבל געפינען מיר נאָך דערמאָהנט אייניגע פעלקער פון כנען

צווישען די, מיט וועלכע די אידען האָבען זיך פערמישט דורך הייראַט (עזרא ט, 1—2). שפּעטער ווערען שוין די כנענים ניט דערמאָהנט.

3) די פלשתים.

מעהרערע שטעלען אין דער ביבעל שטימען איבעראיין, דאָס די פלשתים זיינען געקומען נאָך כנען פון כפתור. אָבער וועלכע מדינה איז כפתור? ירמיה גיט כפתור דעם נאָמען אי, דאָס הייסט „אינזעל", אָדער לאַנד ביים ים. מאַנכע האָבען דעריבער געדענקט, אז דאָס איז ציפּערן; אָבער דער העברעאישער נאָמען פון דיזער אינזעל איז כתים. וואהרשיינ־ליכער פון אַלעם איז, אַז כפתור איז די אינזעל קרעטא. די נביאים יחזקאל (כה, 16) און צפניה (ב, 5) גיבען די פלשתים דעם נאָמען כרתים, און עס איז זעהר וואהרשיינליך, דאָס זיי ווערען בעצייכענט אונטער דיזען נאָמען אין דעם 1טען בוך פון שמואל (ל, 14). צו אונטער־שטיצען דיזע מיינונג קען מען נאָך ברייגגען די בעהויפּטונג פון סטעפאַן פון ביצאַנץ, דאָס עזה, איינע פון די הויפּטשטעדט פון די פלשתים, האָט אין אַלטע צייטען געטראָגען דעם נאָמען מינאָא, ווייל מינאָס, דער קעניג פון קרעטא, האָט אין בעגלייטונג פון זיינע ברידער אַהין געבראַכט אַ קאָלאָניע. לויט דעם זעלבען פּערפאַסער האָט מען דאָרטען געזעהען דעם טעמפּעל פון יופּיטער פון קרעטא, וועלכען מען האָט פער־עהרט אונטער דעם נאָמען מארנאס. ווי די קרעטאַנער ביי די גריכען, אַזוי זיינען די פלשתים געווען בעריהמט אין פּאַלעסטינא אַלס געשיקטע שיסער, און עס איז מעגליך, דאָס דער כרתי, וועלכען מיר געפינען אַזוי אָפט דערמאָהנט אַלס אַ טייל פון דוד'ס קעניגליכער גוואַרדיע, איז געווען אַ ראָטע פון שיסער נאָך דעם מוסטער פון די בעריהמטע בויגען־שיסער פון די פלשתים.

וואָס אָנבעטרעפט דעם נאָמען פלשתים, בעדייטעט ער, אָהן צווייפעל, אויסוואַנדערער; שוין די גריכישע איבערזעצונג פון נביאים און כתובים גיט איבער דיזען נאָמען דורך פרעמדע*). די אויסגעוואַנדערטע כפתורים האָבען זיך בעזעצט

*) דער שורש פלש אין דעם זין פון אויסוואַנדערן איז פער־בליבען אין דער עטהיאָפּישער שפּראַך, וועלכע איז פערוואַנדט מיט העברעאיש; פון דאַנען טראַגען די אידען פון אַביסיניען דעם נאָמען פאלאסיאַן; אָדער פאַלאַשאַס, וועלכער איז עהנליך צום נאָמען פלשתים.

אין דער עבענע צו זיד-וועסט פון כנען, זידליך פון יפו, ביז דעם גרענעץ פון מצרים, און דיזע געגענד האָט דעריבער געקראָגען דעם נאָמען פּלשת, פון וועלכען עס קומט דער נאָמען פּאַלעסטינא.

מיר קענען ניט גענוי בעשטימען די צייט, ווען די כפתורים זיינען געקומען אין כנען, זיי זיינען דאָרטען וואַהרשיינליך געקומען נאָך די כנענים; ווייל ביז אַ געוויסער צייט איידער די פלשתים ווערען דערמאָהנט האָבען די כנענים פערנומען די ערטער ביז גרר און עזה (בראשית, י, 19), און האָבען אַלזאָ פערנומען די טעריטאָריע, וועלכע האָט שפּעטער געהערט צו די פלשתים. מען קען גלויבען, דאָס די פלשתים האָבען עקסיסטירט צו דער צייט פון אברהם און יצחק, ווייל עס רעדט זיך פון דעם לאַנד פלשתים אין דער צייט פון אברהם׳ען (בראשית כא, 32, 34), און אין דער צייט פון יצחק׳ן ווערט אבימלך דער קעניג פון גרר דערמאָהנט אויסדריקליך אַלס קעניג פון פלשתים (בראשית כו, 1). מעהרערע ביבלישע שטעלען בעשטעטיגען דיזעס. מען קען אָננעהמען, דאָס די כפתורים אָדער קרעטאַנער האָבען זיך בעזעצט אין כנען 18 הונדערט יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

ווען דאָס איז אמת, איז אַ וואונדער, וואָרום אין חומש ווערען די פלשתים קיינמאָל ניט דערמאָהנט צווישען די פעלקער, וועלכע די אידען האָבען געדאַרפט אַרויסטרייבען פון דעם לאַנד כנען. אָבער מען קען עס פערענטפערן מיט דעם, דאָס משה, וויסענדיג דעם קריגערישען גייסט פון די פלשתים, האָט פאָרויסגעזעהען, דאָס די אידען האָבען אימער געהאַט אין דיזען פאָלק אַ שטאַרקען שונא, און ער האָט ניט געוואָלט ריזיקירען איהם צו אַטאַקירען. ער (משה) אַליין זאָגט אונז (שמות יג, 17), דאָס ער האָט אויסגעמידען צו פיהרען די אידען דורך דעם וועג פון די פלשתים, הגם דאָס וואָלט זיין דער קירצעסטער וועג, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ מלחמה. יהושע, נאָך דעם, ווי ער האָט בעזיגט 31 מלכים פון כנען, דערמאָהנט אויך די געגענדען פון די פלשתים צווישען די לענדער, וועלכע די אידען האָבען געדאַרפט איינגעהמען, און דאָ ווערען צום ערסטען מאָל דערמאָהנט פינף פירסטען פון די פלשתים. זייערע פירסטענטימער זיינען געווען: עזה, אשדוד, אשקלון, גת און עקרון (יהושע יג, 3). יהושע האָט זאָגאַר פאָרויס בעשטימט אַ טייל פון דעם לאַנד פלשתים צום שבט יהודה (יהושע טו, 45 און ווייטער). דיזער שבט האָט נאָך יהושע׳ס טויט ווירקליך צוגענומען די פירסטענטימער עזה, אשקלון און עקרון (שופטים א, 18), אָבער זיי האָבען זיך דאָרטען ניט געקענט האַל-

טען; ווייל באלד נאך דעם געפינען מיר דיזע פירסטענטימער פון די פלשתים ווידער אונאפהענגיג (שופטים ג, 3). אונטער די ריכטער, ווי אונטער די קעניגען, ביז דער צייט פון חזקיהו, געפינען מיר די אידען כמעט אימער אין צוזאמענשטויס מיט די פלשתים, מאנכמאל אלס זיגער, מאנכ-מאל אלס בעזיגטע. מיר וועלען זיך היר בענוגענען אין קורצען אנצואווייזען די וויכטיגסטע בעגעבענהייטען פון דער געשיכטע פון די פלשתים מיט די אידען, ווי זי ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל.

אונטער דעם ריכטער שמגר בן ענת (בערך 1300 פ. קר.) זיינען די פלשתים צוריקגעשטויסען געווארען פון יהודה מיט א פערלוסט פון 600 מאן (שופטים ג, 31). אונגעפעהר צוויי הונדערט יאהר שפעטער זיינען די אידען ארונטער אונטער זייער יאך (שופטים י, 7). דאס איז געווען לויט דעם היסטאריקער יוסטין אונגעפעהר אין דער זעלביגער צייט, ווען די פלשתים האבען בעזיגט די צידונים, וועלכע האבען דאן געגרינדעט די שטאדט צור, ווייל זיי זיינען געווען געצוואונגען אויסצנאוואנדערן. די מאכט פון די פלשתים איז געוואקסען אלץ מעהר און מעהר ביז דער צייט פון שמשון (שופטים יג, 1), וועלכער האט אנגעפאנגען זיי צו בעזיגען. ווען ער איז געשטארבען אונטער די חורבות פון דעם טעמפעל פון דגון אין עזה, זיינען דריי טויזענד פלשתים, מענער און פרויען, אומגעקומען מיט איהם. אבער די פלשתים זיינען נאך געווען זעהר מעכטיג אין דער צייט פון עלי און פון שמואל'ן; זיי האבען בעזיגט זאגאר דעם הייליגען ארון פון די אידען און האבען איהם אוועקגעשטעלט אין דעם טעמפעל פון דגון, אבער זיי האבען איהם צוריק אפגעגעבען, ווייל זייערע פריסטער האבען ערקלערט, דאס די פערהאלטונג פון דעם ארון איז געווען די אורזאך פון די קראנקהיי-טען, וועלכע זיי האבען דאמאלס געליטען. זיי זיינען שטענדיג געווען אין קריג מיט שאול'ן. נעבען דעם בארג גלבוע האבען זיי געהאט א גרויסען זיג איבער שאול'ן, וועלכער איז געפאלען אין קאמף מיט זיין זוהן. אונטער דוד'ן זיינען זיי געשלאגען געווארען עטליכע מאל, און דאס אידישע קע-ניגרייך אין שלמה'ס צייט האט איינגעשלאסען דאס גאנצע לאנד פון די פלשתים, ווייל עס האט זיך געצויגען ביז עזה (מלכים א, ה, 4). צווישען די שטעדט, וועלכע שלמה'ס זוהן רחבעם האט צוריק אויפגעבויט אדער בעפעסטיגט, געפינען מיר אויך די שטאדט גת (דברי הימים ב, יא, 8). די בירגער-קריגען, וועלכע האבען באלד אויסגעבראכען צווישען די אידען, האבען וואהרשיינליך די פלשתים געבראכט נוצען. אונטער דעם קעניג יהושפט, וועלכער האט פערשטאנען ווי די ארומיגע פעלקער צו האלטען

אין מורא, האבען די פלשתים געצאהלט טריבוט (דה"י ב', יז, 10 און 11); אבער שוין אונטער יורם האבען זיי, צוזאמען מיט די אראבער, געמאכט א בעפאל אויף דאס לאנד יהודה (דה"י ב', כא, 16). עזיה האט מיט זיי געפיהרט קריג; ער האט זיי אונטערווארפען, און נאך דעם, ווי ער האט צושטערט די פעסטונגען פון גת, פון יבנה און פון אשדוד, האט ער אויפ-געשטעלט אידישע פעסטונגען אויף דער טעריטאריע פון די פלשתים (דה"י ב', כו, 6). אבער אונטער אחז'ן, וואהרשיינליך צו ענדע פון זיין רעגי-רונג (728 פ. קר.), האבען די פלשתים זיך וויעדער איפגעהויבען; זיי האבען זיך צושפרייט אין דער שפלה און אין דעם גאנצען דרום פון יהודה, און זיי האבען דארט בעזיגט איינינע שטעדט (דה"י ב, כח, 18). ישעיה הנביא האט זיי (די פלשתים) דאן געווארנט ניט צו פרייען זיך אזוי גיך און ער האט זיי פארויסגעזאגט, דאס זיי וועלען ערנידריגט ווערען דורך א מאכט, וועלכע וועט קומען פון צפון (ישעיה יד, 29—32).

דער קעניג חזקיה האט געקראגען די אויבערהאנט איבער די פלשתים און ער האט זיי פערפאלגט ביז עזה (מלכים ב, יח, 8), און באלד איז גע-קומען דער רויך פון צפון, וועלכען דער נביא האט פארויסגע-זאגט: ווען סרגון, דער קעניג פון אשור, האט געשיקט אן ארמעע געגען מצרים אונטער דער קאמאנדע פון זיין גענעראל תרתן, האט דיזער גענומען (716 פ. קר.) די פעסטונג אשדוד פון די פלשתים, וועלכע איז געווען א שליסעל צו מצרים (ישעיה כ, 1).

ווען די זיגרייכע כאלדעער זיינען אנגעקומען, האבען די נביאים פון יהודה פראפעצייהעט, אז דאס לאנד פלשתים וועט אין גאנצען צושטערט ווערען. אין דעם קאמף, וועלכער איז פארגעקומען צווישען די אזיאטישע בעזיגער און עגיפטען, איז דאס לאנד פון די פלשתים שטענדיג געווען דער ציל פיר די אטאקעס פוןביידע פיינדליכע לאגערן. איין קעניג פון מצרים, וואהרשיינליך פרעה נכה, האט דאן בעזיגט עזה (ירמיה מז, 1). נאך אין מיטען גלות דראהעט יחזקאל הנביא דעם רעסט פון די פלשתים מיט געט-ליכער ראכע (יחזקאל כה, 15—17). אבער עס שיינט, דאס די כאלדעער האבען זיי נאך איבערגעלאזען א שאטען פון פאליטישער עקסיסטענץ, ווייל נאך דעם גלות בבל זאגט נאך דער נביא זכריה (ט, 5), דאס באלד וועט שוין מעהר ניט זיין קיין קעניג אין עזה און קיין איינוואוינער אין אשקלון, דאס ממזרים (פרעמדע) וועלען וואוינען אין אשדוד, און דער שטאלץ פון די פלשתים וועט ווערען ערנידריגט. זינט דאן ווערט דיזעס פאלק שוין מעהר ניט דערמאהנט; עס שיינט, דאס זיינע לעצטע רואינען זיינען

פערשלונגען געוואָרען אין דער גרויסער פערסישער אימפעריע. דער נאָמען לאנד פון די פלשתים איז נאָך פערבליבען איינינע יאָהר-הונדערטער; מיר געפינען איהם נאָך אין דעם ערסטען בוך פון די חשמונאים (ג, 24).

ג. די ציוויליזאַציאָן פון די פאַרצייטיגע איינוואינער פון פאַלעסטינא.

מיר געפינען אין כנען אַ געוויסען גראַד פון ציוויליזאַציאָן נאָך איי-דער יהושע האָט בעזיגט דאָס לאַנד. די קונסטען און מלאכות, אינדוסטריע און האַנדעל זיינען שוין דאָרטען געוועזן ענטוויקעלט און מיר בעגעגנען דאָר-טען זאָגאַר די שפורען פון לוקסוס. שוין אין דער צייט פון די אידישע פאַטריאַרכען געפינען מיר אין דיזען לאַנד פיעלע פּראָדוקטען פון אינ-דוסטריע, וועלכע בעווייזען, דאָס די איינוואוינער זיינען שוין לאַנג געוועזן אַרויס פון דעם ווילדען צושטאַנד: ניט נאָר ווערען דערמאָהנט שווערדען, מעסערס, פיילען-בויגענס, נאָר אויך אַלערליי כלים און וואַזען, די פיינסטע מעהל און אַנדערע קינסטליכע אַרטיקלען פון געברויך ביז די פיינסטע געריכטען, וואָס פּאַסטען פיר קעניגליכע טישען (בראשית מט, 20). זיי האָבען געהאַט שלייערן פיר די פרויען (בר' לח, 14) און געוויסע קליידער פיר אויסצייכנונג (לז, 3), ווי אויך בראַסלעטען, אוירינגלאַך און נאָז-רינגען; געמאַכט פון גאָלד (כד, 22). זיי האָבען בעזעסען די קונסט צו מאַכען גע-צען-בילדער, צו גראַווירען זיגלען (לח, 18) און צו פאַרבען אין קאַרמאַזין-רויט (לח, 27). קאַראַוואַנען (קאָמפּאַניעס סוחרים) פון מזרח פון ירדן האָבען דורכגעצויגען דורך דאָס לאַנד און זיינען געגאַנגען האַנדלען אין מצרים (לז, 25); דאָס זילבער האָט געהאַט אומגאַנג צווישען סוחרים (כג, 16) און עס איז אויך געשטעמפּעלט געוואָרען אין מינצען. יעקב רעדט פון שיפען און פון פּאָרטען (מט, 13). משה זאָגט צו די אידען, דאָס זיי וועלען אין דעם לאַנד כנען געפינען גרויסע און שענע שטעדט, הייזער פולע מיט אַלעם גוטען, ברונענס, וויין-בערג און גערטנער פון איילבערטען (דברים ו, 10—11). די קונסט פון שרייבען איז וואַהרשיינליך געוועזן בעקאַנט, אויב ניט זעהר פערברייטעט, צווישען די כנענים. די שטאָדט דביר, וועלכע האָט פאַר דעם אָנקומען פון די העברעער געהייסען קרית-ספר (די ביכער-שטאָדט), איז אָהן צווייפעל געוועזן בעריהמט מיט איהרע שריי-בער. דאָס אַלעס ווייזט, דאָס די פאַרצייטיגע איינוואוינער פון פּאַלעס-טינא האָבען געהאַט אַ בעדייטענדען גראַד פון קולטור.

די שפּראַך פון פּאַלעסטינאַ, פון די עלטעסטע צייטען אָן, איז אָהן צווייפעל געווען העברעאיש, אָדער וועניגסטענס א דיאַלעקט, וואָס האָט זיך וועניג אונטערשיידט דערפון. עס איז בעוויזען געוואָרען פון די גריכיישע שריפטשטעלער, דאָס די כנענים פון דער ביבעל און די פּ ע נ י צ י ע ר זיינען געווען איין פאַמיליע פון פעלקער, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון דעם זעלביגען שטאַם. עס קען דעריבער ניט זיין קיין צווייפעל איבער די פאָלשטענדיגע עהנליכקייט צווישען דער פעניציישער שפּראַך און דער העברעאישער. עס איז אמת, דאָס מיר האָבען ניט קיין מאָנומענט פון דער פעניציישער ליטעראַטור, און אום צו מאַכען זיך א בעגריף פון דיזער שפּראַך, זיינען מיר אָנגעוויזען אויף אַ קליינע צאָהל אינשריפטען, וועלכע מען האָט געפונען אין די פעניציישע קאָלאָניעס, און ווערטער און פעניציישע און קאַרטהאַגישע נעמען, וועלכע ווערען געבראַכט דאָ און דאָרט פון גריכישע און רוימישע שריפטשטעלער. די ערקלערונג פון די אינשריפטען קומט אָן מיט גרויסע שוועריגקייטען, די ציטירטע פעניצייש׳ע ווערטער אין גריכישע אָדער לאַטיינישע בוכשטאַבען זיינען זעהר פערגרייזט; דאָך לאָזען זיך דערקענען פיעלע העברעאישע ווערטער און פאָרמעס מיט בעשטימטהייט. אויסער דעם רעדען אָפט סט. היעראָנימוס און סט. אַוגוסטין פון דער גרויסער עהנליכקייט, וועלכע עקסיסטירט צווישען דער פונישער (קאַרטהאַגישער) שפּראַך און דער העברעאישער.

וואָס אָנבעטרעפט די זיטען פון די פעלקער פון כנען, גיט אונז די ביבעל פון זיי אַ טרויעריגעס בילד. אין משה׳ס געזעץ ווערען דערמאָהנט אָבשייליכע מנהגים און מעשי תעתועים פון דיזע פעלקער. די העכסט בעלעהרענדע שטעלען איבער דיזען געגענשטאַנד געפינען זיך אין מאַנכע קאַפּיטלען פון ויקרא (קאַפּ. יח—כ). דער אידישער געזעץ־געבער גיט שטרענגע פעראָרדנונגען אום אָפּצוהאַלטען זיין פאָלק פון אַלע אָבשייליכע מעשים פון די כנענים; דאַן זעצט ער צו: „היט מיינע געזעצען און מיינע רעכטען, און טוט ניט פון דיזע אַלע אומווירדיגקייטען, סאַי דער היימישער און סאַי דער פרעמדער, וואָס וואוינט צווישען אייך. ווייל אַלע דיזע אומווירדיגקייטען האָבען געטאָן די איינוואוינער פון לאַנד, וועלכע זיינען געווען פאַר אייך, און דאָס לאַנד איז פעראונרייניגט געוואָרען, אום דאָס לאַנד זאָל אייך ניט אויסשפּייען, ווען איהר וועט עס פעראונרייניגען, ווי עס האָט אויסגעשפּיגען דאָס פאָלק, וועלכעס איז געווען פאַר אייך" (ויקרא יח, 26—28).

נאָך שרעקליכער איז, וואָס דיזע מעשי תעתועים פון די כנענים זיינען טיילס געווען פאָרגעשריבען פיר פּראַקטיק אין זייער געטליכען דינסט

אַלס געפעלינע זאַכען פיר זייערע געטער. זיי האָבען געעהרט דעם מולך דורך די טויטונג פון קינדער; זיי האָבען געעהרט די געטין עשתרת דורך די אָבשייליכסטע אויסגעלאַסענקייט. מיר װעלען היר װאַרפען אַ בליק אויף די גלויבענס און דעם קולט (רעליגיעזען דינסט) פון די פּאַרצייטיגע איינוואוינער פון פּאַלעסטינאַ.

די רעליגיאָן פון די כנענים, װי פון אַלע פעלקער פון מערב־אַזיען, איז בעשטאַנען אין דער פערגעטערונג פון דער נאַטור. די זון, די לבנה, די פּלאַנעטען, די עלעמענטען (ערד, װאַסער, פייער או. אז. וו.) זיינען געװען זייערע איינציגע גאָטהייטען. זייער הויפּט־גאָט האָט זיך אָנגערופען ב ע ל (הערר): ער האָט פאָרגעשטעלט די זון, אַלס פּרינציפּ פון בעפרוכטונג פון דער נאַטור, און ער איז געוואָרען בעטראַכט אַלס דער איינציגער ה ע ר ר פ ו ן ה י מ ע ל. דיזער גאָט איז פאָרגעשטעלט געוואָרען דורך סטאַטועס, װאָס האָבען זיך אָנגערופען ח מ נ י ם (פון ח מ ה, די זון — דה״י ב׳, לד, 4). אויסער דיזען גאָט, װעלכער װערט בעצייכענט אין דער ביבעל דורך דאָס װאָרט ה ב ע ל (מיט דעם בעשטימטען אַרטיקעל ה), געפינען מיר מעהרערע בעל׳ס בעגלייטעט מיט בייוװערטער, װעלכע בעצייכנען ענטװעדער בעזונדערע גאָטהייטען, אָדער דעם זעלביגען הויפּט־גאָט אין בעצוג אויף זיינע פערשיידענע פונקציאָנען (עובדות). אַזעלכע זיינען: 1) ב ע ל ־ פּ ע ו ר, דער גאָט פון מואב. די געשיכטע, װעלכע װערט דערצעהלט אין במדבר, קאַפּ. כה, װייזט דייטליך גענוג, דאָס דער קולט פון דיזען גאָט איז געװען אַ שענדליכער. װאָס אָנבעטרעפט זיין נאָמען, שטאַמט ער װאַהר־שיינליך פון דעם באַרג פּ ע ו ר, אין דעם לאַנד מואב, װעלכער איז גע־װען דער הויפּט־אָרט פון זיין קולט. 2) ב ע ל ־ ב ר י ת. דיזער נאָמען בעדייטעט: ג אָ ט פ ו ן ב ו נ ד. נאָך דעם טויט פון דעם ריכטער גדעון האָבען די העברעער פערעהרט דיזען גאָט, װעלכער האָט געהאַט אַ טעמפּעל אין שכם. 3) ב ע ל ־ ז ב ו ב (גאָט פון די פליגען), װעלכער האָט געגעבען אָראַקעל־שפּרוכען (נבואות) אין דעם לאַנד פון די פּלשתים. דאָס איז װאַהרשיינליך געװען אַ שוץ־גאָט, צו װעלכען מען האָט זיך גע־װענדעט אום הילף געגען די פליגען, װעלכע זיינען אין דיזע ערטער אָפּט געוואָרען אַ לאַנד־פּלאַגע.

נעבען דעם בעל האָט געגלענצט ע ש ת ר ת, װעלכע די גריכען האָ־בען אָנגערופען אַ ס ט אַ ר ט ע; דאָס איז די געטין, װעלכע ירמיהו רופט אָן מ ל כ ת ה ש מ י ם (די קעניגין פון הימעל). אין אָנפאַנג האָט דיזע געטין פאָרגעשטעלט די ל ב נ ה, נאָר שפּעטער, דורך דעם איינפלוס פון

די רעליגיאָנען פון די אַרומיגע ערטער, האָט מען איהר אויך געגעבען די סימבאָלישע פיגורען און פונקציאָנען (עובדות) פון מעהרערע אַנדערע גאָט-הייטען, איבערהויפּט פון דער געטין ו ע נ ו ס. זי איז אָנפאַנגס פאַר-געשטעלט געוואָרען מיט הערנער פון אַן אָקס, ווי די עגיפּטישע געטין איזיס, דאָס כאַראַקטעריזירט איהר געגנוג אַלס געטין פון דער לבנה. עס שיינט, דאָס דער הויפּט־אָרט פון איהר קולט איז אימער געווען אין צידון (מלכים א׳, יא, 5, 33), אָבער זי איז פערעהרט געוואָרען ביי אַלע פעלקער פון כנען. זי האָט געגעבען איהר נאָמען צו דער שטאָדט ע׳שתרת־קרנים *) אין פּעראָאַ, און מיר געפינען אויך איהרע טעמפּלען ביי די פּלשתים (שמואל א׳, לא, 10). דיזע געטין פון תאוה האָט ניט געפאָדערט קיין בלוט; מען האָט צו איהר געאָפּפערט קוכענס, מען האָט צו איהר געריוכערט ווייהרויך, און מען האָט צו איהר געגאָסען טראַנקאָפּפער (ירמיה מד, 19). די יוגענד פוןביידע געשלעכטער האָט צו איהר געאָפּפערט איהר אונשולד, און די געצאָהלט פון זייער שאַנדע האָט געהערט צום שאַץ פון דעם טעמפּעל; די פּערזאָנען, וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען צו דיזע אָבשיילינקייטען, האָבען זיך אָנגערופען „געהייליגטע" (קדש, קדשה).

דער באַרבאַרישער געצענדינסט פון מ ו ל ך איז געווען אַ קאָנטראַסט צו דעם קולט פון עשתרת; דאָרטען איז עס געווען די גרעסטע אויסגעלאַ-סענקייט, היר איז עס געווען די העכסטע שטופּע פון גרויזאַמקייט און באַר-באַריי. דער גאָט מ ו ל ך ווערט פון מאַנכע געלעהרטע בעטראַכט אַלס דער זעלביגער וואָס בעל. און ווירקליך, איינינע שטעלען אין ירמיה שיינען צו זיין גינסטיג צו דיזער מיינונג; רעדענדיג פון דעם טאָל פון בן־הנם, וואו געצענדינערישע העברעער האָבען געפייערט דעם געצענדינסט פון מולך, דריקט זיך דער נביא אויס אַזוי (ירמיה יט, 5): „און זיי האָבען גע-בויט די במות פון בעל אום צו פערברענען זייערע קינדער אין פייער אַלס אָפּפער צום בעל"; און אין אַן אַנדער אָרט (לב, 35) זאָגט ער: „און זיי האָבען געבויט די במות פון בעל, וועלכע זיינען אין דעם טאָל פון בן־הנם, אום צו לאָזען דורכפיהרען (דורך׳ן פייער) זייערע זיהן און זייערע טעכטער צום מולך". אָבער דיזע שטעלען ווייזען ניט בעשטימט, דאָס דיזע צוויי גאָטהייטען זיינען איינע און די זעלבע; זיי ווייזען נאָר, דאָס די פערעהרער פון בעל האָבען אויך געעהרט זייער גאָט דורך מענשליכע אָפּפער. פון אַן אַנדערער זייט שטימט איבעראַיין דאָס, וואָס די אַלטע שרייבער פון די

*) עשתרת פון די הערנער.

אומות העולם בעריכטעט וועגען דעם קולט פון סאטורן ביי די קארטהאגענער, מיט דעם, וואס די אידישע טראדיציאנען דערצעהלען אונז פון מולך, וועל־כער רעפרעזענטירט ביי די כנענים, אהן צווייפעל, דעם פלאנעט סאטורן. אין דער אסטראלאגיע (לעהרע פון שטערנזעהעריי) פון די אריענטאלישע פעלקער איז דיזער פלאנעט, וועלכער ווערט בעצייכענט מיט׳ן נאמען ק ע - ז ו א ן, בעטראכט געווארען אלס א שטערן פון אונגליק. א ראבינישע טראדיציאן דערצעהלט, דאס די סטאטוע פון מולך איז געוועזען פון בראנז, און מען האט אונטער איהר געהייצט; זי האט געהאט אויסגעשטרעקטע הענט, און ווען זיי זיינען געווארען אנגעברענט, האט מען אין זיי אריינ־געלעגט דאס קינד, וואס איז געוועזען בעשטימט אלס אפפער, וועלכעס האט זיך פערברענט מיט געשרייען. די פריסטער האבען געקלאפט אין פויקען, אום דער פאטער זאל ניט ווערען גערירהט פון די קולות פון זיין קינד. דאס איז כמעט דאס זעלביגע, וואס דיאדארוס פון סיציליען (בוך 20, קאפ. 14) דערצעהלט פון דעם געצענדינסט פון סאטורן ביי די קארטהאגענער: „עס איז געוועזען ביי זיי א סטאטוע פון בראנז, וועלכע האט פארגעשטעלט קראנאס (סאטורן); זי האט געראצט אויסגעשטרעקטע הענט גענייגט צו דער ערד, אזוי, דאס ווען מען האט אויף זיי ארויפגעלעגט דאס קינד, איז עס געפאלען קייקלענדיג זיך אין א טיפען ארט פול מיט פייער״. די קארטהא־גענער, וועלכע האבען געשטאמט פון די כנענים אדער פעניציער, האבען בעהאלטען די גלויבענס און די מנהגים פון זייערע עלטערן, און מיר קענען אנפאסען אויף די כנענים דאס, וואס דיאדארוס דערצעהלט פון די קאר־טהאגענער.

דער מולך איז געוועזען דער שוץ־גאט פון די עמונים, וועלכע האבען איהם אויך אנגערופען מ ל כ ם; אבער זיין קולט איז געוועזען פערשפרייט אין גאנץ סיריען, ווי אויך אין פעניציען און איהרע קאלאניעס.

מען האט אויך פערעהרט די אנדערע פלאנעטען און די שטערן־גרופעס פון הימעל־קרייז, וועלכע זיינען געווארען בעצייכענט מיט דעם נאמען מ ז ל ו ת.

אויסער דיזע הימלישע גאטהייטען האבען די היידנישע פעלקער אין פאלעסטינא פערעהרט איינינגע גאטהייטען, וועלכע, ווי עס שיינט, שטאמען פון דער ערד; דאס זיינען מענשען, וועלכע זיינען נאך זייער טויט גע־שטעלט געווארען אויף דער מדרגה פון געטער, אדער געוויסע קרעפטען פון דער נאטור, פארגעשטעלט אלס פערזאנען. פון דיזען סארט גאטהייטען איז געוועזען ד ג ו ן, וועלכער האט געהאט טעמפלען אין עטליכע שטערט

פון די פּלשתים. דער נאָמען ד ג ו ן שטאַמט פון דעם העברעאישען וואָרט ד ג, אַ פ י ש, און דיזער גאָט איז אָהן צווייפעל דער זעלביגער, וועל-כען איינינגע גריכישע שריפטשטעלער רופען אָן ד ע ר ק ע ט אָ און אַ ט ע ר ג אַ ט י ס, וואָס איז פערעהרט געוואָרען אין דעם טעמפּעל פון אשקלון דורך אַ געצענבילד האַלב פרוי און האַלב פיש.

לויט פילאָן פון ביבלאָס (64—140 נ. קר.), וועלכער רעדט אין דיזעם נאָמען פון דעם פעניציער סאַנחאָניאַטהאָן, איז דגון אַ מענליכע גאָטהייט, דער זוהן פון הימעל און פון דער ערד, און זיין נאָמען בעצייכענט ק אָ ר ן. מען זעהט אין אַלגעמיין אין דיזער גאָטהייט דעם סימבאָל פון פּרוכטבאַר-קייט, וועלכע ווערט פאָרגעשטעלט אַמאָל אין דער געשטאַלט פון אַ מאַן און אַמאָל אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי. די העברעאישע ווערטער ד ג (פיש) און ד ג ן (קאָרן) שטאַמען ביידע פון איין שורש, וועלכער בעדייט ז י ך מ ע ה ר ע ן (דגה), און שטעלען פאָר די פרוכטבאַרקייט, איינער אין די וואַסערן, דער אַנדערער אויף דער ערד.

דער קולט פון ת מ ו ז אָדער (ווי די גריכען האָבען עס גערופען) אַ ד אָ נ י ס, וועלכער איז געטיילט צווישען טרויער און פרייד און שטעלט פאָר די נאַטור, וואָס שטאַרבט און לעבט וויעדער אויף יעדען יאָהר, גע-הערט מעהר צו סיריען ווי צו פאַלעסטינאַ, און ער שיינט צו געהערען צו אַ שפּעטערער צייט. אין דער ביבעל ווערט די גאָטהייט תמוז דערמאָהנט בלויז איין איינציגען מאָל דורך אַ נביא פון דער צייט פון גלות (יחזקאל ח, 14).

אין פאַלעסטינאַ האָט אויך עקסיסטירט דער אַבערגלויבען אין בייזע גייסטער, וועלכע מען האָט אָנגערופען ש ד י ם (טייוואָלים) און ש ע י ר י ם (בעק, ווי ביי די גריכען: סאַטירען). זיי האָט מען געשטילט דורך קרבנות. צו דיזע שדים האָט געהערט ע ז אַ ז ל, וועמעס נאָמען איז פערבונדען מיט דער צערעמאָניע פון דעם באָק, וועלכען מען האָט אַוועק-געשיקט אין מדבר צו דיזען דעמאָן אַלס כפּרה אויף די זינד פון פאָלק ישראל (שעיר לעזאזל—ויקרא טז).

די פערשיידענע גאָטהייטען, וועלכע זיינען דאָ בעשריבען געוואָרען, האָבען געהאַט, יעדע לויט איהר מדרגה, העכערע אָדער נידריגע מזבחות; די הימלישע געטער, איבערהויפּט דער בעל, זיינען פערעהרט געוואָרען אויף ה ו י כ ע ע ר ט ע ר, וועלכע זיינען געוואָרען אָנגערופען ב מ ו ת. די סטאַטועס פון די געטער, וועלכע זיינען אין אָנפאַנג געווען פאָרמלאָזע קלע-צער און שטיינער, האָבען זיך פערפאָלקאָמט מיט דעם פאָרטשריט פון קונסט,

און די תורה רעדט שוין פון סטאַטועס פון האָלץ, פון שטיין און פון מעטאַל, וועלכע שטעלען פאָר די געטער אונטער דער פאָרמע פון שטערן און פון אַלערליי טיערען. געצען בעדעקט מיט גאָלד און זילבער און געפוצט אין שענע קליידער זיינען געוועזן צוגעבונדען מיט קייטען זיי זאָלען ניט אומפאַלען אָדער אַוועקגעהן. די ערטער פון דעם געצענדינסט זיינען אָנפאַנגס געוועזן גערטנער און וועלדער, וועלכע זיינען געוועזן ווייט פון דעם טומעל פון די שטעדט, שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען בויען טעמפּלען. אין צייט פון קריג האָט מען מיטגעטראָגען די געטער אום זיי זאָלען העלפען אין קאַמף; מען האָט צו זיי געהייליגט די וואַפען פון דעם בעזיגטען שונא (שמואל א', לא, 10), ביי וועלכען מען האָט אויך צוגענומען זיין גאָט (ירמיה מח, 7). מען האָט געהערט די געטער דורך נדרים, מען האָט צו זיי געבעטען, מען האָט צו זיי געאָפּפערט וויירויך, טראַנק־אָפּפער (נסכים), בלוט־קרבנות און זאָגאַר מענשען־אָפּפער. אין געוויסע פעלען האָט מען געפייערט אַ פעסט אַלס דאַנק צו די געטער (שופטים טז, 23), און עס זיינען וואַהרשיינליך געוועזן ביי די כנענים, ווי ביי די עגיפּטער, אָפּגעשטעלטע עפּענטליכע ימים טובים אין בעשטימטע צייטען פון יאָהר. די פּריסטער, וועלכע מען האָט בעצייכענט מיט דעם נאָמען כ ה נ י ם אָדער כ מ ר י ם, האָבען אין דער צייט פון זייער עבודה געפּראַוועט ווילדע שטיק; זיי האָבען געטאַנצט אַרום די מזבחות, זיי האָבען אַרויסגעלאָזען יאָמערליכע קולות אום אויפצוריהרען דעם גאָט, און זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס זיי האָבען זיך איינגעשניטען דעם לייב אום צו לאָזען פליסען זייער בלוט (מלכים א', יח, 28), אַ ווילדער מנהג, וועלכען די כנענים האָבען פּראַקטיצירט אין אַלגעמיין אַלס אַ צייכען פון טרויער, אַזוי ווי טאַטואירונג (איינשטעכונג פון קערפּער).

אין פערבינדונג מיט דעם געצענדינסט פון כנען דאַרפען נאָך דערמאָהנט ווערען די ת ר פ י ם, — הויז־געטער, וועלכע די העברעער האָבען געירש'עט פון זייערע אַראַמעאישע אורעלטערן (בראשית לא, 19). דיזע געצען האָבען געהאַט די געשטאַלט פון אַ מענשען אָדער פון אַ מענשליכען ברוסט־בילד. זיי זיינען בענוצט געוואָרען אַלס אָראַקעלס, ביי וועלכע מען האָט געפרעגט עצות אין אַ נויט. די תרפים זיינען ביי אידען געוועזן פערבאָטען, ווי אַלע אַנדערע געצען, און זיינען ביים פאָלק קיינמאָל ניט געוועזן אַלגעמיין איינגעפיהרט. שטאַרק פערברייטעט זיינען זיי געוועזן אין דער צייט פון די ריכטער (שופטים יז, 18). דער קעניג יאשיהו האָט די תרפים אין גאַנצען אָפּגעשאַפט אין ישראל (מלכים ב', כג, 24).

וואהרזאָגונג און צויבעריי זיינען פיעל פראַקטיצירט געוואָרען אין כנען. מיר געפינען אין דער ביבעל פיעלע ווערטער, וועלכע בעצייכנען דיזע געהיימע קונסט; אָבער זייער גענויער זין קען יעצט בעשטימט ווערען בלויז דורך זייער עטימאָלאָגיע (בעדייטונג פון שורש). עס ווערט גערעדט פון טויטען־בעשווערונג, וועלכע ווערט בעצייכענט מיט'ן נאָמען א ו ב. איינס פון די ווערטער, וואָס ווערט פיעל בענוצט צו בעצייכנען צויבעריי, האָט אַ פערבינדונג מיט דעם נאָמען שלאַנג (נ ח ש, צויבערן, פון נ ח ש, שלאַנג), און עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס די שלאַנגען האָבען געשפּילט

תרפים־בילדער.

אַ גרויסע ראָלע ביי די צויבערער אין כנען. די קונסט צו בעשווערען שלאַנ-גען דורך אַ לחש ווערט איינינע מאָל דערמאָהנט אין דער ביבעל. מיר גע-פינען אויסער דעם דערמאָהנט מ כ ש פ י ם (וואהרשיינליך שטערנזעהער), מ ע ו נ נ י ם, וועלכע, ווי עס שיינט פון דעם שורש פון וואָרט (ענן), האָ-בען געפּראָפעצייהעט לויט דעם גאַנג פון די וואָלקענס, ק ו ס מ י ם, וועל-כע האָבען געפּראָפעצייהעט פון די אינגעווייד פון קרבנות, איבערהויפּט פון לעבער, און י ד ע ו נ י ם, אָדער בויך־רעדנער.

קורץ, די רעליגיאָן פון כנען, וועלכע איז געווען געגרינדעט אויף דעם קולט פון שטערן, האָט פערגעטערט די בעשאַפענע זאַכען, און האָט ניט דער־קענט דעם בעשעפער. זי האָט פערהייליגט אונמענשליכע טאַטען און אויס־געלאַסענקייט, זי האָט אונטערשטיצט איבערטריבענעם אַבערגלויבען, וועלכער האָט ערנידריגט דעם מענשען, און געמאַכט, אַז ער זאָל פערלירען זיין ווירדע און זיין זעלבשטענדיגקייט. מען דאַרף גוט בעגרייפען דעם גייסט פון דיזער רעליגיאָן אום צו פערשטעהן דעם עקעל, וועלכען זי האָט ערוועקט אין אַזאַ מענשען ווי משה, און די שטרענגע מיטלען, וועלכע ער האָט פאָרגע־שריבען אום זיי צו פערהיטען פון יעדער בעריהרונג מיט די פעלקער פון כנען.

ד. איינינע ארומיגע פעלקער פון פאלעסטינא.

איידער מיר שליסען ווילען מיר נאָך וואַרפען אַ בליק אויף איינינע פעלקער, וועלכע זיינען געזעסען אַרום פּאַלעסטינאַ און ווערען אָפט דער־מאָהנט אין דער היבעל אין פערבינדונג מיט די העברעער. מיר ווילען היר ניט רעדען פון די פעלקער, וועלכע האָבען אַ היסטאָרישע וויכטיגקייט אין זיך זעלבסט, ווי די פעניציער און די סיריער, וועמעס היסטאָריע פאָדערט אַ ברייטערע בעהאַנדלונג. מיר ווילען זיך בעשעפטיגען מיט די פינף פעל־קערשאַפטען, וועלכע האָבען בעוואוינט פערשיידענע געגענדען פון אַראַביען, צו זיד־אָסט און צו זיד פון פּאַלעסטינאַ; דיזע זיינען: עמון, מואב, אדום, עמלק און מדין.

1. די עמונים.

צו אָסט פון פּעראַא (עבר הירדן), אויף יענער זייט פון טייך יבוק, צווישען דער וויסטער אַראַביען (מדבר ערב) און דער שטייניגער אַראַביען, זיינען געזעסען די ע מ ו נ י ם, וועלכע האָבען געשטאַמט לויט דער בי־בעל פון ב ן ־ ע מ י, דעם זוהן פון לוט'ן און זיין אינגערער טאָכטער (בראשית יט, 38). זיינע נאָכפאָלגער האָבען זיך פערשפרייט צו נאָרד־אָסט, האָבען צוגענומען דאָס לאַנד פון די זמזומים (דברים ב, 20) און האָבען זיך בעזעצט צווישען די טייכען יבוק און ארנון. זיי האָבען בעוואוינט אַ לאַנד, וועלכעס איז געווען בעפעסטיגט פון דער נאַטור (במדבר כא, 24); זייער הויפטשטאָדט איז געווען ר ב ה, אָדער ר ב ת ע מ ו ן, וועל־כע האָט אין דער צייט פון דער מאַצעדאָנישער אימפעריע אויף געטראָ־גען דעם נאָמען פ י ל א ד ע ל פ י א. נאָך איידער עס זיינען אָנגעקומען

די העברעער אונטער משה׳ן האָבען שוין די אמורים געהאַט בעזיגט אַ טייל פון דעם לאַנד פון די עמונים, צווישען די צוויי טייבען, וועלכע מיר האָבען דערמאָהנט; די העברעער האָבען דאַן קיין קריג ניט געפיהרט מיט די עמונים, אָבער זיי האָבען צוגענומען אַ טייל פון דעם לאַנד, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם בעזיץ פון די אמורים.

אין די ערסטע צייטען פון די ריכטער געפינען מיר די עמונים אַלס הילפס־טרופּען פון דעם קעניג פון מואב (שופטים ג, 13). נאָך דעם טויט פון דעם ריכטער יאיר האָבען זיי זיך פעראייניגט מיט די פּלשתים אום צו אונטערדריקען די העברעער; זיי האָבען ערקלערט קריג געגען יפתח׳ן און האָבען געפאָדערט זייער רעכט אויף דאָס לאַנד, וועלכעס זייערע עלטערן האָבען אַמאָל בעזעסען, און וועלכעס די העברעער האָבען צוגענומען מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק פון די אמורים (שופטים יא, 12 או. וו.). זיי זיינען בעזיגט געוואָרען פון די העברעער, וועלכע האָבען ביי זיי צוגענומען צוואַנציג שטעדט. אין דער צייט פון שאול׳ן האָט נחש, דער קעניג פון עמון, אַטאַקירט די שטאָדט יב״ש, אין דעם לאַנד גלעד; אָבער ער איז צו־ריקגעשטויסען געוואָרען מיט אַ גרויסען פערלוסט און זיין אַרמעע איז אין גאַנצען צושטרייט געוואָרען (שמואל א׳, יא). עס האָט געשיינט, דאָס דיזער קעניג האָט געשיצט דוד׳ן געגען די פערפאָלגונגען פון שאול׳ן; נאָך דעם טויט פון נחש׳ן האָט דוד געשיקט שלוחים צו זיין זוהן חנן צו בעצייגען זיין אַנערקענונג און איהם מנחם אבל זיין. הערענדיג די בייזוויליגע בעמערקונגען פון זיינע ראַטגעבער, האָט חנן זעהר שלעכט אויפגענומען דוד׳ס שלוחים און האָט זיי אָוועקגעשיקט צוריק נאָך דעם, ווי ער האָט זיי געלאָזען אָפּשניידען די בערד און אונטערהאַקען זייערע קליידער. דיזע געשיכטע האָט פעראורזאַכט אַ מלחמה, וועלכע איז געווען זעהר אונגליקליך פיר די עמונים; זיי האָבען פערלאָרען רבה און זיינען גרויזאַם בעשטראָפט געוואָרען (שמואל ב׳, י און יב). צו דער צייט פון אבשלום׳ס אויפשטאַנד איז ש ו ב י, דער זוהן פון נחש פון רבת־עמון, געווען צווישען די, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דוד׳ן אין זיין ענטלויפען נאָך מחנים (יז, 27); עס זעהט דערפון אויס, דאָס די עמונים זיינען גוט געוואָרען מיט דוד׳ן. אין דער צייט פון דעם קעניג יושפט האָבען זיי אַטאַקירט דאָס קעניגרייך יהודה; זיי זיינען נאָך אַ מאָל בעזיגט געוואָרען, און מיר געפינען זיי שפּעטער אַלס אונטערטעניגע אונטער עוזיה און זיין זוהן יותם (דה״י ב׳, בו, 8; כז, 5). נאָך דעם אונטערגאַנג פון דעם קעניגרייך ישראל האָבען זיי געבראַכט אונ-

טער זייער מאַכט די פּראָווינצען צו אָסט פון ירדן, און ישראל האָט געהאַט פון זיי גרויסע צרות (ירמיה מט; צפניה ב, 8).

ווען די כאַלדעער זיינען אַריינגעפאַלען אין דאָס לאַנד יהודה זיינען די עמונים צוגעשטאַנען צו זיי געגען דעם קעניג יהויקים (מלכים ב׳, כד, 2). זייער קעניג בעלים האָט צוגעהאָלפען צו דער גענצליכער צושטערונג פון יהודה מיט דעם, וואָס ער האָט אויפגערייצט דעם מיאַטעזשניק ישמעאל בן נתניה צו ערמאָרדען גדליה׳ן, דעם אידישען גובערנאַטאָר, ווערמען דער קעניג פון בבל האָט אָנגעטרויט דאָס בעזיגטע לאַנד (ירמיה א, 14). פינף יאָהר נאָך דער צושטערונג פון ירושלים זיינען די עמונים, ווי די מואבים, בעפאַלען געוואָרען פון די כאַלדעער (יאָזעפוס, אַלטערטימער, בוך 1, קאַפּ. 9, 7 §). נאָך דעם גלות בבל געפינען מיר זיי נאָך צווישען די פעלקער, וואָס זיינען געווען פעראייניגט געגען די אידען, אום צו שטערען זיי צוריק אויפבויען די מויערן פון ירושלים (נחמיה ד, 1). זייער פיינדשאַפט צו די אידען ציינט זיך נאָך אין דער צייט פון יהודה המכבי, געגען ווערמען זיי האָבען געשטעלט אַ שטאַרקע אַרמעע אונטער אַ געוויסען טימאָטהעאוס (מאַקאַב., בוך 1, 5, 6). אין דער צייט פון דעם אידישען קעניג יוחנן הורקנוס געפינען מיר אין פילאַדעלפיאַ, אָדער רבה, אַ טיראַן מיט׳ן נאָמען זענאָן (יאָזעפוס, אַלט., בוך 13, קאַפּ. 8, 1 §). יוסטין דער מאַרטירער (165 נ. קר.), אין זיין „דיאַלאָג מיט טריפאָן״, רופט נאָך אָן די עמונים אַ צאָהלריי-כעם פאָלק. אָבער שוין אין אָנפאַנג 3טען יאָהרהונדערט האָבען זיי, ווי די מואבים און די אדומים, זיך צומישט מיט די אַראַבער, און זייער נאָמען ווערט שוין מעהר ניט דערמאָהנט.

די רואינען פון רבת עמון, וועלכע טראָגען נאָך דעם נאָמען אַ מ מ אַ ן, זיינען ענטדעקט און בעשריבען געוואָרען פון זעעטצען און בורקהאַרדט. זיי זיינען פון דער רוימישער צייט, און מען בעמערקט דאָרטען איבערהויפּט די חורבות פון אַ גרויסען טהעאַטער.

אַ צווייטע וויכטיגע שטאָדט איז געווען מ נ י ת, וועלכע איז גע-לעגען, לויט אייזעביוס׳ן, פיער רוימישע מייל פון חשבון אויף דעם וועג פון רבה. דער ווייץ פון מנית איז געווען בעריהמט; מען האָט איהם עקס-פּאָרטירט אויף דעם מאַרק פון צור (יחזקאל כז, 17).

2. די מואבים.

לויט דעם ספר בראשית (יט, 37) איז מואב געווען דער זוהן פון לוט און זיין עלטערע טאָכטער. זיינע נאָכקאָמען האָבען זיך צושפּרייט, ווי

די עמונים, אין די געגענדען צו מזרח פון דעם טויטען מעער (ים המלח) און פון דעם ירדן. נאך דעם, ווי זיי האבען ארויסגעשטויסען די אימים, האבען זיי פערנומען דאס נידערלאנד ביז דעם טייך יבוק, און זיי האבען געהאט אלס שכנים צו אסט זייערע ברידער די עמונים, וועלכע האבען בע-הערשט די הויכע ערטער. דער טייל פון דעם נידערלאנד צו אסט פון ירדון, געגענאיבער יריחו, האט זיך אנגערופען עבענע פון מואב (ערבות מואב). זיי זיינען צוריקגעשטויסען געווארען דורך די אמורים ביז דעם טייך ארנון, וועלכער האט צו דער צייט, ווען די העברעער זיינען אנגעקומען, געבילדעט דעם נארדליכען גרענעץ פון מואב (במדבר כא, 13—14). זייער לאנד האט איינגעשלאסען דעם טייל פון אראביען, וועלכען מען רופט יעצט אן קערעק. די העברעער, רוקענדיג זיך צום ירדן דורך די שטייניגע אראביען, האבען ניט געזוכט צו בעאונרוהיגען די מואבים; זיי האבען ביי זיי נאר געבעטען ערלויבנים דורכצוגעהן, און די מואבים האבען ניט געוואגט זיך שטעלען געגען זיי. אונגעפעהר זעכציג יאהר נאך יהושע'ס טויט, האט עגלון, דער קעניג פון מואב, מיט דער אונטערשטיצונג פון די עמונים און די עמלקים, בעזיגט די העברעער און האט זיי אונטערדריקט אכטצעהן יאהר. ער איז געטויטעט געווארען דורך דעם ריכטער אהוד, און די מואבים, וועלכע די העברעער האבען אטאקירט, האבען פערלארען צעהן טויזענד מאן (שופטים ג). נאך דיזער פאסירונג געפינען מיר מעהר ניט די מואבים אין צוזאמענשטויס מיט די העברעער ביז די צייטען פון שאול'ן. עס שיינט זאגאר, דאס צו ענדע פון דער פעריאדע פון די ריכטער האבען ביידע פעלקער געלעבט אין פאלשטענדיגער הארמאניע; דאס בוך רות דערצעהלט אונז פון העברעער, וועלכע געהען צוליב א הונגער זיך בע-זעצען אין דעם לאנד מואב און נעהמען דארט פרויען פון די מואבים. אבער אין דער צייט פון שאול'ן געפינען מיר ווידער די מואבים צווישען די שונאים פון די העברעער (שמואל א', יד, 47). דוד האט זיי געמאכט אונ-טערטעניג (שמואל ב', ח, 2). נאך דער שפאלטונג פון דער אידישער מלוכה האבען זיי געצאהלט טריבוט צו די קעניגען פון ישראל; אבער נאך דעם טויט פון אחאב'ן האבען זיי רעוואלטירט (מלכים ב', א, 1). יורם האט געזוכט זיי ווידער צו מאכען אונטערטעניג און האט צו דיזען צוועק געבע-טען הילף ביים קעניגרייך יהודה און אדום (מלכים ב', ג); אבער ער האט ניט געהאט קיין ערפאלג. לויט דעם 2טען בוך פון דברי הימים (קאפ. כ) האבען די מואבים מיט דער הילף פון די אדומים אונטערגענומען א מלחמה געגען יהושפט, דעם קעניג פון יהודה. אונגעפעהר פופציג יאהר שפעטער

זעהען מיר זיי בעפאַלען דאָס קעניגרייך ישראל אונטער יואש (מלכים ב׳, יג, 20). אין א נבואה געגען מואב (ישעיה טו, טז) רעדט ישעיה פון מעה־רערע שטעדט, וואָס ליגען צווישען די טייכען יבוק און ארנון, אויף דער טעריטאָריע פון די שבטים דן און ראובן, און ער שטעלט זיי פאַר אלס שטעדט פון מואב. פון דיזער נבואה קען מען שליסען, דאָס די מואבים האָבען צוגענומען דיזע שטעדט נאָך דעם, ווי פול און תגלת פלסר, די קע־ניגען פון אשור, האָבען אוועקגעפיהרט אין גלות דיזע צוויי שבטים פון ישראל (דה״י א׳, ה, 26). מיר געפינען זיי שפּעטער אלס די עמונים, וועל־כע האָבען געהאָלפען די כאלדעער געגען די אידען.

נאָך דעם גלות בבל ווערען די מואבים וועניג דערמאָהנט. מען קען שליסען פון איין שטעלע אין דניאל (יא, 41), דאָס מען האָט זיי געלאָזען צו רוה אונטער דער מאַצעדאָנישער אימפּעריע. יאָזעפוס דערמאָהנט זיי צווישען די אַראַבער, וועלכע זיינען בעזיגט געוואָרען פון דעם אידישען קעניג אלכסנדר ינאי (אַלט., בוך 13, קאַפּ. 13, פּאַראַג. 5). שפּעטער ווע־רען זיי מעהר ניט דערמאָהנט אלס זעלבשטענדיגעס פאָלק און זייער נאָמען ווערט אָפּגעווישט אין דער גרויסער פאַמיליע פון די אַראַבער. — דער נאַ־ציאָנאַלער גאָט פון די מואבים איז געווען כ מ ו ש , וועלכער איז, ווי מאַנכע גלויבען, דער זעלבער וואָס בעל־פעור.

די הויפּט־שטעדט פון די מואבים זיינען געווען ע ר מ ו א ב (ווערט אויך אָנגערופען ר ב ת מ ו א ב) און ק י ר מ ו א ב . דיזע לעצטערע, וועלכע ווערט שפּעטער אָנגערופען ק ע ר ע ק , איז נאָך אין מיטעלאַלטער געווען זעהר א שטאַרקע שטאָדט. סאַלאַדין האָט זי בעלאַגערט אָהן ער־פאָלג אין 1183. יעצט איז דיזע שטאָדט א בורג, וועלכע ווערט נאָך בע־שיצט דורך אייניגע פעסטונגען. איינע פון די בעריהמטע שטעדט פון מואב איז געווען ד י ב ו ן *), צו מזרח פון טייך ארנון.

3. די אדומים (בני אדום).

דער פאָטער פון די אדומים איז געווען עשו, דער זוהן פון יצחק. ער האָט זיך בעזעצט אויף דעם באַרג ש ע י ר , יעצט ש ע ר א ה , וועל־

*) אין די חורבות פון דיזער שטאָדט האָט א פּרייסישער מיסיאָנער פ. א. קליין אין יאָהר 1868 געפונען א מאָנומענט־שטיין פון מישע, דעם קעניג פון מואב (850 פ. קר.). די אינשריפט אויף דיזען שטיין איז אין פעניציאישער אָדער אַלט־העברעאישער שריפט און די שפּראַך איז ענהליך צו העברעאיש.

כער ציהט זיך פ., זיד־אָסט פון טויטען מעער ביז דעם גאָלף פון עלאַן (א צווייג פון רויטען מעער). אין חומש בראשית (קאַפּ. לו) ווערען אויסגערעכענט זיינע נאָ זאַמען, וועלכע האָבען זיך פערשפּרייט אויף דעם באַרג שעיר און האָבען ־רענגט די חורים, די אוראַלטע איינוואוינער פון דיזען באַרג. זיי האָבע יך אויך פערשפּרייט צו נאָרד־אָסט ביז די גרענצען פון מואב אין דעם לאַנ, , וואָס ווערט אָנגערופען ביי די אַראַבער ד ז ש ע ב אַ ל. זיי האָבען זיך צוטיילט אין פערשיידענע שבטים, פון וועלכע יעדערער האָט געהאַט אַ פירסט, וועלכער איז אָנגערופען געוואָרען א ל ו ף. ת י מ ן, עשו׳ס עניקעל, איז געווען איינער פון די בעריהמטעסטע פירסטען פון די שבטים פון אדום, און זיינע נאָכקאָמען, די תימנים, זיינען געווען בעריהמט פיר זייער חכמה. די איינוואוינער פון דזשעבאַל האָבען שוין אין פריהע צייטען געהאַט איינגעפיהרט ביי זיך אַ וואַהל־קעניגשאַפט *), ווערהענד די אדומים פון באַרג שעיר האָבען זיך געפיהרט לויט זייער פּאַטריאַרכאַלישער קאָנסטיטוציאָן. דיזע האָבען די העברעער געלאָזען דורכגעהן דורך זייער לאַנד (דברים ב, 4, 29), ווערהענד דער ק ע נ י ג פון אדום האָט זיי עס ניט ערלויבט (במדבר כ, 18). שפּעטער געפינען מיר די אדומים, ווי די אַנדערע נאַכבאַרליכע פעלקער, אימער אין קריג מיט די העברעער. שאול האָט געפיהרט מלחמה געגען זיי מיט ערפאָלג; דוד׳ס גענעראַלען יואב און אבישי האָבען זיי אין גאַנצען בעזיגט, און דוד האָט בעזעצט זייערע שטעדט מיט מיליטער. שלמה האָט אויסגעשטאַטעט שיפען אין זייער פּאָרט עציון־גבר (מלכים א׳, ט, 26). צו ענדע פון שלמה׳ס רעגירונג האָט אַ פירסט פון אדום, וועלכער איז אין דוד׳ס צייט ענטלאָפען נאָך מצרים, געוואָלט ווידער עראָבערן די אונאָפּהענגיגקייט פון זיין פאָלק (מלכים א׳, יא), אָבער עס שיינט, דאָס איהם איז עס ניט געלונגען. נאָך דער צושפּאַלטונג פון דער אידישער מלוכה האָבען די אדומים געצאָהלט טריבוט צו די קעניגען פון יהודה. נאָך אונטער יהושפט האָבען זיי ניט געהאַט קיין אונאָפּהענגיגע קעניגען, נאָר איינפאַכע גובערנאַטאָרען, אונטערטעניגע אונטער יהודה, און זייערע האַפענס זיינען געווען אונטער דער מאַכט פון די אידען (מלכים א׳, כב, 48 — 49). אונטער יורם, ענדליך, האָבען זיי זיך געמאַכט אונאָפּ-

*) ז. בראשית לו, 31—39 און דה״י א׳, א, 43—50. מען זעהט קלאָר פון דיזע שטעלען, דאָס די קעניגליכע הערשאַפט איז ניט איבערגעגאַנגען פון פאָטער צו זוהן; ווייל מיר געפינען דאָ אַ רייהע פון קעניגען, וועלכע זיינען געווען פרעמד איינער דעם אַנדערען און געבירטיג פון פערשיידענע ערטער.

הענגיג און זיי האָבען פון דאַן אָן געהאַט זייערע אייגענע קעניגען (מלכים ב׳, ח, 20). אונטערוואָרפען פון דאָס ניי דורך אמוציה און עוזיה, האָבען זיי געמאַכט אַן אַטאַקע אונטער אחז׳ן און זיי האָבען גענומען געפאַנגענע פון די אידען (דה״י ב׳, כח, 17). אין דיזער צייט האָבען זיי פראָפיטירט פון אַן אַטאַקע, וואָס די סיריער האָבען געמאַכט געגען יהודה אום צוריק אָפּצונעהמען אילת (מלכים ב׳, טז, 6). פון דיזער צייט אָן ווערען די אדומים מעהר ניט דערמאָהנט אין דער געשיכטע פון די קעניגען פון יהודה. עס שיינט, דאָס זיי זיינען פערבליבען אונאָפּהענגיג ביז די כאַל־דעער האָבען זיי געמאַכט אונטערטעניג (ירמיה כז, 3 און 6), אָבער זיי זיינען ניט אַוועקגעפיהרט געוואָרען אין גלות. אין דער צייט פון דעם גלות פון די אידען (גלות בבל) האָבען זיי צוגענומען דעם זידליכען טייל פון יהודה; זיי האָבען אויך בעזעסען חברון, פון וואנען יהודה המכבי האָט זיי פעריאָגט (מאקאב., בוך 1, 5, 65). יוחנן הורקנוס האָט זיי גענצ־ליך אונטערוואָרפען און האָט זיי געצוואונגען אָננעהמען יודענטום. מיט הורדוס׳ן איז אַן אדום׳שע דינאַסטיע אַרויף אויף דעם טראָן פון יהודה. אַ קורצע צייט פאַר טיטוס׳עס בעלאַגערונג פון ירושלים האָבען די אדומים, וועלכע זיינען געקומען אין דיזע שטאָדט זי צו פערטיידיגען, זיך איבער־געגעבען דאָרטען צו אַבשייליכער אויסגעלאַסענקייט. די איינצעלהייטען וועגען דעם וועט מען געפינען אין דער געשיכטע פון די אידען. פון דיזער צייט אָן פערשווינדט דער נאָמען אדום פון דער געשיכטע.

די הויפּטשטעדט פון דעם לאַנד אדום זיינען געוועזן סלע (וועלכע הייסט ביי די גריכען פעטראַ) און בצרה. נעבען דעם עלאַנישען גאָלף (אַ צווייג פון רויטען מעער) זיינען געוועזן די שטעדט אילת און עציון־גבר. תימן איז געלעגען, לויט דעם הייליגען היעראנימוס, פינף מייל פון פעטראַ. די טעריטאָריע פון די אדומים איז געוועזן אַ טייל פון דער שטיינינגער אראביען.

4. די עמלקים.

עמלק, איינס פון די עלטעסטע פעלקער פון אַראַביען, וואָס ווערט אין דער נבואה פון בלעם׳ען אָנגערופען דער אָנפאַנג פון די נאַציאָנען (ראשית גוים), האָט געהאַט זיין טעריטאָריע צו וועסט פון אדום. די אראבישע טראַדיציאָנען זיינען פערשיידען איבער זיין אורשפרונג; לויט איינינגע טראַדיציאָנען שטאַמט ער פון חם, לויט אַנדערע—פון שם. די ביבעל דערמאָהנט איהם צום ערסטען מאָל אין פערבינדונג מיט דער עקספּעדי־

ציאן פון כדרלעומר, דעם קעניג פון עילם, וועלכער האט געשלאגען ד א ס פ ע ל ד פ ו ן ע מ ל ק (בראשית יד, 7); אבער דיזע שטעלע בע-וויזט ניט, דאס די עמלקים האבען שוין עקסיסטירט צו יענער צייט, אין עס איז מעהר וואהרשיינליך, דאס דער שרייבער פון ספר בראשית האט בענוצט די ווערטער פ ע ל ד פ ו ן ע מ ל ק (שדה העמלקי) אויף דעם סמך, וואס דאס איז שפעטער געווארען דער ארט פון עמלק. לויט יאזעפוס (אלט., בוך 2, קאפ. 1, § 2) שטאמען זיי פון עמלק, עשו'ס עניקעל (בראשית לו, 12).

די עמלקים זיינען געוועזען די ערסטע, וואס האבען זיך געשטעלט געגען די אידען בשעת זיי זיינען ארויס פון מצרים; זיי זיינען געשלאגען געווארען אין דעם טאל פון רפידים. פון דאמאלס אן האבען די אידען געשווארען אן אייביגע שנאה צו די עמלקים. שפעטער, ווען די העברעער האבען געגען משה'ס פערבאט געוואלט געהן נאך דעם לאנד כנען, זיינען זיי גע-שלאגען געווארען פון די עמלקים, וועלכע זיינען געוועזען פעראייניגט מיט די כנענים. אין דער פעריאדע פון די ריכטער זעהען מיר זיי מעהרערע מאל העלפענדיג די שונאים פון די העברעער (שופטים ג, 13; ו, 3). שמואל האט געהייסען שאול'ן מאכען א מלחמה מיט די עמלקים און אין גאנצען אויסראטען זיי; אבער שאול האט געלאזען לעבען דעם קעניג אגג, וועלכער איז שפעטער געטויטעט געווארען פון שמואל'ן. דוד, איידער ער איז פרא-קלאמירט געווארען אלס קעניג, האט זיי אטאקירט מיט זיינען לייט און האט זיי אנגעטאן פיעלע צרות (שמואל א', כ). מיר געפינען זיי אויך צווישען די פעלקער, וועלכע דוד האט אונטערווארפען אין די ערסטע צייטען פון זיין הערשאפט (שמואל ב', ח, 12), און פון דיזער צייט אן זעהען מיר זיי מעהר ניט דערמאהנט. אין דער צייט פון יחזקיהו זיינען 500 פון די בני שמעון געגאנגען צום בארג שעיר, האבען צושלאגען דעם איבערגעבליבע-נעם רעסט פון די עמלקים און האבען זיך פעסטגעזעצט אין זייער לאנד (דה"י, א, ד, 42 — 43).

5. די מדינים.

נאך דעם טויט פון שרה'ן האט אברהם גענומען א צווייטע פרוי מיט'ן נאמען קטורה; ער האט געהאט מיט איהר עטליכע זיהן, פון וועלכע דער פערטער איז געוועזען מדין. פון דיזען מדין זאלען עס שטאמען די מדינים. שוין אין יעקב'ס צייט האט דיזע פאמיליע געפיהרט א קאראוואנען-האנדעל צווישען גלעד און מצרים דורך שכם (בראשית לז, 28). די ביבעל גיט

אונז ניט גענוג איינצעלהייטען, וואס זאלען אנווייזען גענוי דאס לאנד, וואו די מדינים זייען געוועזען עטאבלירט. אבער די אראבישע געאגראפען פון מיטעלאלטער רעדען נאך פון רואינען פון דער שטאדט מ א ד י א ן צו אסט פון דעם עלאנישען גאלף, און עס איז וואהרשיינליך, דאס דער הויפט-ארט פון די מדינים איז געוועזען צו נארד פון רויטען מעער, און האט זיך געצווייגען צו אסט פון אדום ביז די עבענע פון מואב. אין דיזער עבענע האט עס אמאל א קעניג פון אדום געשלאגען די מדינים (בראשית לו, 35); א וואנדערנדער צווייג פון דיזען פאלק האט געלעבט אין די אומגעגענדען פון די בערג חורב און סיני, אונטער דעם פריסטער יתרו (שמות ג, 2). דער גרעסטער טייל פון דער נאציאן האט זיך פעראייניגט מיט די מואבים געגען די העברעער, וועלכע האבען געלאגערט אין דער עבענע פון מואב (במדבר כב, 4). דיזע צוויי פעלקער האבען פרובירט בעקעמפען די העברעער דורך בלעם'ס קללות און דורך פערפיהרונג מיט דער עבודה זרה פון בעל-פעור. משה האט אטאקירט די מדינים מיט צוועלף טויזענד מאן, וועלכע האבען אנגעמאכט צווישען זיי גרויסע שחיטות און האבען געטויטעט פינף פון זייערע פירסטען (במדבר לא). בערך דריטהאלבען הונדערט יאהר נאך דעם, ווי די העברעער האבען איינגענומען דאס לאנד כנען, זיינען די מדינים געווארען גענוג מעכטיג צו אונטערדריקען די העברעער זיבען יאהר. אלע יאהר האבען זיי געמאכט א בעפאל און האבען צושטערט די פראדוקטען פון דעם לאנד, די געטריידע, די פרוכטען און די בהמות. זיי זיינען ענדליך אטאקירט געווארען פון גדעון'ען, וועלכער האט זיי בעזיגט אין איינינע קאמפען. די מפלה פון די מדינים איז געוועזען פאלקאמען; און פון דיזער צייט אן האבען זיי שוין מעהר ניט געקענט זיך אויפהייבען (שופטים, קאפ. ג — ח). דאס איז געוועזען איינער פון די גלענצענדסטע זיגען פון די העברעער, וועלכער האט א לאנגע צייט געקלונגען אין די לידער פון זייערע פאעטען (תהל' פג, 10 — 12; ישעיה ט, 3; י, 26; חבקוק ג, 7).

דער שבט ע י פ ה האט געשטאמט פון דעם עלטערען זוהן פון מדין (בראשית כה, 4). מדין און עיפה זיינין געוועזען זעהר רייך אין קעמלען (ישעיה ס, ו).

די מעדיער און די פּערסיער.

אין דעם קאַפּיטעל, וואו מיר האָבען בעהאַנדעלט די אור־געשיכטע
פון דער מענשהייט, האָבען מיר געזעהען, דאָס פון צענטראַל־
אַזיען האָבען איינינע אַרישע שטאַמען זיך פערשפּרייט איבער דעם איראַני־
שען הויכלאַנד און האָבען זיך דאָרט צושיידט לויט דער פעשיידענהייט פון
זייערע שפּראַכען אין באַקטריער, מעדיער, פּערסיער, פּאַרטהיער, הירקאַניער
און אַנדערע. זיי האָבען פערנומען די גאַנצע שטרעקע לאַנד פון קאַספּישען
מעער ביז צום אינדישען אָקעאַן און פון דעם אייפראַט (פרת) ביז צום אינ־
דוס. דאָרט האָבען זיי זיך אָנפאַנגס בעשעפטיגט מיט פיה־צוכט און ביס־
לאַכווייז זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו אַקערבוי. מיר ווייסען זעהר וועניג
פון דער געשיכטע, ווי אַזוי די קולטור האָט זיך ענטוויקעלט צווישען דיזע
פעלקער, אָבער דאָס ווייסען מיר, דאָס פריהער האָט זיך די קולטור ענטווי־
קעלט אין דעם מזרח־טייל פון דיזען לאַנד, ווייל דאָרט געפינען מיר די ענט־
שטעהונג פון אַ פּריסטער־שטאַאַט פריהער אַלס אין די איבריגע טיילען.

מיר בעזיצען איינינע ריכטיגע ידיעות וועגען דער רעליגיאָן פון יע־
נע פעלקער אין די גאַנץ אַלטע צייטען. דיזע ידיעות שעפּען מיר פון דער
אַוועסטאַ אָדער זענד־אַוועסטאַ, די רעליגיאָנס־ביכער פון
די אַלטע פּערסיער. די לעהרע פון דיזע ביכער שטאַמט פון באַקטריען און
פון דאָרט האָט זי זיך פערשפּרייט איבער גאַנץ איראַן. דער גרינדער פון
דיזער לעהרע איז געווען דער נביא זאַראַטוסטראַ אָדער זאָ־
ראַאַסטער, וועלכער האָט געלעבט לערך 1300 פ. קר. די לעהרע פון
זאָראָאַסטער ווערט געגעבען אין די ביכער פון דער זענד־אַוועסטאַ אין דער
פאָרמע פון אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט אויף אַ באַרג מיט דעם גאָט פון
ליכט אַהוראַמאַזדאַ (אָרמוזד). נאָך דעם, ווי ער האָט דיזע לעהרע געקראָ־
גען, איז אַהוראַמאַזדאַ אַראָפּ פון באַרג מיט אַ געזעץ־בוך, אַ תורה. די פּרינ־
ציפּען פון דיזער לעהרע זיינען: אַל דאָס בייז אין דער וועלט, אַלע אונגלי־
קען און ליידען קומען אַרויס פון דעם פירסט פון פינסטערניס, אַהרי־

מ א ז. דאגגעגען אַל דאָס גוטס קומט ארויס פון דעם הערשער פון ליכט, אַ ה ו ר א מ א ז ד א (אָדער אָ ר מ ו ז ד). דיזעביידע קרעפטען, ליכט און פינסטערניס, פיהרען אַ שטענדיגען שטרייט צווישען זיך. ענדליך וועט אָרמוזד גובר זיין און דאַן וועט אהרימאַן ווערען גוט און ריין, און מיט איהם צוזאַמען וועט אויך אַל דאָס בייז אין דער וועלט גוט און ריין ווערען. די פליכט פון מענשען איז צו טאָן אַלץ וואָס איז מעגליך אום דיזע צייט זאָל קומען וואָס שנעלער. צו דיזען צוועק דאַרף דער מענש פיהרען אַ ריינעם הייליגעם לעבען, ער דאַרף ליב האָבען צו טאָן גוטס און פערמיידען שלעכטס. יעדערער דאַרף זיין גוף רייניגען מיט טבילות און זיין נשמה ערהייבען מיט תפלות. ער דאַרף זיין וואוילטעטיג און פריינדליך צו מענשען, ווי אויך צו ניצליכע חיות, אָבער די שעדליכע חיות זאָל ער פערטיליגען. דער מענש ברויכט ניט צו בויען קיין טעמפּלען, ניט פערעהרען קיין בילדער (גע-צען), ער קען ברייגנען קרבנות אונטער׳ן פרייען הימעל, ערגעץ־וואו אויף אַ בארג. אַלס בילד פון דער העכסטער ריינקייט ווערען פערעהרט די זון און דאָס פייער. דאָך ערצעהלט סטראַבאָ (אַ גריכישער לענדער־בעשרייבער), דאָס ער האָט אויך געזעהן ערטער, וואו די אָנהענגער פון דיזער רעליגיאָן האָ-בען געהאט טעמפּלען מיט מזבחות, אויף וועלכע עס האָט געברענט אַ פייער. וואָס די מאַגיער אָדער פּערסישע פּריסטער האָבען שטענדיג אָנגע-האַלטען עס זאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען.

מערקווירדיג איז געוועזען די אַרט, ווי זיי האָבען בעהאַנדעלט אַ טויטען קערפּער. נאָך זייער מיינונג האָט מען ניט געטאָרט פּעראונרייניגען ניט די ערד, ניט דאָס וואַסער, אויך ניט דאָס פייער. דעריבער האָבען זיי אַ טוי-טען קערפּער ניט איבערגעגעבען צו דער ערד (ד. ה. איהם ניט בעגראָבען), איהם ניט אַריינגעוואָרפען אין וואַסער, אויך ניט פערברענט, נאָר מען האָט דעם בר־מינן אריינגעלעגט אין אַן אָפענעם קאַסטען און איהם געשטעלט אונטער׳ן פרייען הימעל, אום הינט, פויגלען אָדער רויב־חיות זאָלען איהם אויפפרעסען.

אויסער די רעליגיאָנס־ביכער פון די פּערסיער, פון וועלכע מיר שעפּען איינינע ידיעות איבער זייערע רעליגיעזע בעגריפען, ווייסען מיר פון דער קולטור פון די אַלטע איראַנישע פעלקער גאַנץ וועניג. די ידיעות, וועלכע דער אַלטער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט גיט וועגען זיי, שמעקען צו פיעל מיט זאַגע. נאָר די שפּעטערע היסטאָריקער פון די גריכען, ווי קסענאָ-פאָן און אַרריאַן, גיבען אונז עטוואָס ריכטיגעס וועגען די פּערסיער.

מיר ווייסען אויף זיכער פון די אַלטע צייטען וועגען די פּערסיער, דאָס פאַר דעם 8טען יאָהרהונדערט פ. קר. זיינען זיי געווען אונטער דעם יאָך פון די אסיריער, און דאָס אין מיטען פון דיזען יאָהרהונדערט האָבען די מעדיער, א שבט פון די פּערסיער, זיך בעפרייט פון די אסיריער. מיט די מעדיער האָבען זיך דאַמאָלס פעראייניגט אַנדערע שטאַמען פון די פּערסיער און האָבען ערוועהלט ד ע י אָ ק ע ס ׳ ן אַלס זייער פיהער. ער האָט זיך באַלד ערהויבען צו דער שטופע פון א קעניג און האָט געבויט די שטאָדט ע ק ב א ט א נ א אַלס רעזידענץ. ער האָט די נייע שטאָדט בעפעסטיגט און האָט זיך פערשאַפט א לייב־גוואַרדיע, ווי די אסירישע הערשער.

די היסטאָריקער רעכנען דיאָקעס׳ן פיר א ניט־געשיכטליכער פּערזאָן. נאָר זיין זוהן און נאָכפאָלגער פ ר א אָ ר ט ע ס (655 — 633 פ. קר.) ווערט זיכער בעטראַכט פיר א געשיכטליכע פּערזאָן. ער האָט אונטערגע־וואָרפען אונטער זיין הערשאַפט איינינע פון די פּערסישע שבטים און האָט פערשפּרייט זיין הערשאַפט ביז באַקטריאַנא און סאַקטיאַנא. אין א מלחמה מיט די אסיריער האָט ער פערלאָרען זיין לעבען. זיין זוהן קיאַקסאַרעס (633—593) האָט זיך פעראייניגט מיט דעם באַבילאָנישען שטאַטהאַלטער (גובער־נאַטאָר) נאַבו־פּאַל־אַסאַר אום אָנצוגרייפען די אסיריער. זיי האָבען בעזיגט און צושטערט נינוה, די הויפּטשטאָדט פון אסיריען, און אסיריען איז דאַן איבערגעגאַנגען צו די מעדיער. באַלד נאָך דעם האָט קיאַקסאַרעס אויסגע־ריינינגט דאָס לאַנד פון די סקיטהישע רויבער־באַנדעס, וועלכע האָבען פיעלע צרות אָנגעטאָן אין מערב־אזיען.

קיאַקסאַרעס ווערט בעטראַכט אַלס דער אמת׳ער גרינדער פון דעם מע־דאָ־פּערסישען וועלט־רייך. ער האָט געשטרעבט צו פערשפּרייטען זיין הער־שאַפט איבער גאַנץ קליין־אזיען, די לידיער האָבען איהם אָבער געשטערט אין דיזען פּלאַן. נאָך א קאַמף פון זעקס יאָהר איז ענדליך בעשלאָסען גע־וואָרען, דאָס דער טייך האַלים זאָל זיין דער גרענעץ צווישען מעדיען און לידיען (610 פ. קר.). צו פערשטאַרקען דעם שלום, וואָס איז דאַמאָלס גע־שלאָסען געוואָרען, האָט אסטיאַגעס, דער זוהן פון קיאַקסאַרעס, געהייראַט אַריענים, די טאָכטער פון דעם לידישען קעניג אַליטעס.

ווען א ס ט י א ג ע ס ((596 — 559 פ. קר.) איז אַרויף אויף זיין פאָטער׳ס טראָן האָט די מעדישע מלוכה פערנומען דעם שטח פון דער איראַ־נישער וויסטע ביז דעם מזרח־ברעג פון דעם טייך האַלים. אסטיאַגעס איז ניט געגאַנגען אין דעם וועג פון זיינע בעריהמטע עלטערן. ער האָט איינ־געפיהרט אין זיין מלוכה אַן אָריענטאַלישעס, אויסגעלאַסענעס לעבען. די

מעדיער האָבען זיך איבערגעגעבען צו אַ לעבען פון לוקסוס און האָבען אויפגעהערט צו זיין בראַווע העלדען, וואָס זיי זיינען געווען פריהער. אַסטיאַגעס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גרויזאַמקייט און הערשזיכטיגקייט, וועלכע האָבען אַרויסגערופען אַן אויפשטאַנד געגען איהם. איבערהויפט איז געווען אונגליקליך פיר איהם דער אויפשטאַנד פון די פּערסיער אונטער דער לייטונג פון כורש (קירוס, צירוס), וועלכער האָט אומגעוואָרפען דאָס מעדישע רייך און האָט געגרינדעט די פּערסישע וועלט־מלוכה.

כורש'ס יוגענד. איבער די יוגענד־יאָהרען פון דיזען גרויסען פּערסישען זיגער גיט אונז דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט אַן אויספיהרליכע ערצעהלונג, וועלכע איז בעפוצט מיט לעגענדע. לויט דיזער ערצעהלונג האָט אַסטיאַגעס געזעהן אין חלום, ווי פון זיינע קומענדע דורות איז אויסגעוואַקסען אַ בוים, וואָס האָט מיט זיין שאָטען בעדעקט גאַנץ אַזיען און אויך איהם זעלבסט. ער האָט געשיקט רופען די טרוים־דייטער, די פּותרי חלומות, און האָט זיי ערצעהלט זיין זונדערבאַרען חלום. זיי האָבען איהם פּותר געווען, דאָס זיין טאָכטער מאַנדאַנע וועט האָבען אַ זוהן, וועלכער וועט הערשען איבער גאַנץ אַזיען און אויך איבער איהם. דיזע דייטונג פון דעם חלום האָט איהם שטאַרק ערשראָקען. אום צו שטערען דער פערווירקליכונג פון דעם טרוים האָט ער אַוועקגעשיקט זיין טאָכטער נאָך אַ קליינע לאַנדשאַפט פּערסיס און האָט זי פערהייראַט צו אַ קליינעם פּערסישען בעאַמטען, אַ שטילען פרידליכען מענשען מיט'ן נאָמען ק א מ ב י ז ע ס. ער האָט געהאָפט, דאָס פון אַזאַ שדוך האָט ער גאָר ניט צו פירכטען. אַלס אָבער מאַנדאַנע האָט אין אַ יאָהר נאָך דער חתונה געבאָרען אַ זוהן, וועלכען די עלטערן האָבען אַ נאָמען געגעבען כ ו ר ש, ד. ה. „זון”, האָט אַסטיאַגעס ווידער אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר זיין חלום. ער האָט געשיקט בריינגען צו זיך זיין טאָכטער מיט איהר זוהן, און האָט בעאויפטראַגט האַרפּאַגוס'ן, אַ טרייען ערעלמאַן, דאָס קינד צו ערמאָרדען. האַרפּאַגוס האָט פערשפּראָכען דעם קעניג צו פערפילען זיין וואונש. זיין האַרץ אָבער האָט איהם ניט ערלויבט אויסצופיהרען דעם מאָרד. ער האָט גערופען אַ פּאַסטוך און האָט צו איהם געזאָגט: „דער קעניג אַסטיאַגעס בעפעהלט דיר דיזעס קינד צו בריינגען אין אַזאַ אָרט, וואו ער וועט געוויס שנעל אומקומען”. אויך דער פּאַסטוך האָט ניט געהאַט דעם מוט דיזען גרויזאַמען בעפעהל אויסצופיהרען. זיין פרוי האָט דאַמאָלס געבאָרען אַ טויטעס קינד, זי האָט אַן עצה געגעבען דעם פּאַסטוך אָנטאָן דאָס טויטע קינד כורש'ס קליידער און בעגראָבען איהם, און כורש'ן לאָזען לעבען און ערציהען איהם אַלס זייער אייגען קינד.

אויף דעם דריטען טאָג איז דער פאסטוך געגאַנגען צו האַרפּאַגוס'ן און האָט איהם ערצעהלט, דאָס ער האָט כורש'ן אומגעבראַכט און האָט געזאָגט, דאָס ער קען איהם ווייזען זיין טויטען קערפּער. האַרפּאַגוס האָט געשיקט צו דיזען צוועק זיינעם א טרייען דינער און יענער האָט זיך איבערציינגט אין די ריכטיגקייט פון דעם פאסטוך'ס ווערטער און האָט עס מיטגעטיילט האַר-פּאַגוס'ן.



אַסטיאַגעס און האַרפּאַגוס.

כורש איז געוואַקסען אין דעם הייזעל פון דעם פאסטוך ווי א שענע בלום. ווען ער איז אַלט געוואָרען צעהן יאָהר, האָט מיט איהם פּאַסירט די פאָלגענדע געשיכטע. ער האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער אין דאָרף, האָ-בען זיי איהם אויסגעקליבען פיר א קעניג צוליב זיין חכמה און מוטיגקייט. איינמאָל האָט זיך געשפּילט מיט זיי דער זון פון א פאָרנעהמען פּערסיער מיט'ן נאָמען אַרטעמבאַרעס. אַלס דיזער האָט ניט געוואָלט פאָלגען די בע-פעהלען פון כורש'ן, האָט כורש געהייסען איהם בעשטראָפען מיט ריטע.

דער אינגעל איז גלייך אַוועקגעלאָפען צו זיין פאָטער און האָט איהם מיט געוויין ערצעהלט פון דער שאַנדע, וואָס ער האָט געליטען פון כורש׳ן.

אַרטעמבארעס איז דאַן אַוועקגעגאַנגען צום קעניג און האָט פערלאַנגט פון איהם ער זאָל בעשטראָפען דעם פּאַסטוך׳ס זוהן פיר זיין חוצפּה. דער

אַסטיאַגעס און כורש.

קעניג האָט געלאָזט רופען דעם פּאַסטוך מיט זיין זוהן און האָט דיזען מיט גרויס כעס געפרעגט: „ווי אזוי האָסטו געהאַט אין זיך אַזוי פיעל חוצפּה צו בעשטראָפען א קינד פון א מאַן, וואָס איז אַזוי פיעל געעהרט אין מיין הויף?״ כורש האָט איהם דערויף מוטיג געענטפערט: „גנעדיגער

הערר! די קינדער פון דאָרף האָבען מיך ערוועהלט פיר אַ קעניג. אַלע האָבען מיינע בעפעהלען געפאָלגט, נאָר דיזער איז ניט געווען געהאָרזאַם. איך האָב איהם געגעבען די שטראָף, וועלכע ער האָט פערדינט. אויב איך האָב געטאָן אונרעכט, בין איך היר און בין גרייט צו ערהאַלטען מיין שטראָף.

די מיטיגע שפּראַך פון דעם אינגעל אין זיין ערעלע האַלטונג האָבען דעם קעניג איבערראַשט. איבערהויפּט איז איהם געווען אויפפאַלענד די עהנליכקייט פון כורש'ס געזיכט מיט זיין טאָכטער'ס. אויך די יאָהרען פון דעם אינגעל האָבען אין איהם ערוועקט אַ חשד, דאָס דער אינגעל איז זיין איניקעל. ער האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן דעם פּאַסטוך: „ווער האָט דיר געגעבען דיזעס קינד?" דער פּאַסטוך האָט זיך גלייך מודה געווען און האָט ערצעהלט דעם קעניג די גאַנצע געשיכטע. דער קעניג האָט גלייך געשיקט רופען הארפּאַגוס'ן און האָט איהם מיט אַ שמייכעל געפרעגט: „ווי אַזוי האָסט דו מיין טאָכטער'ס זוהן אומגעבראַכט?" הארפּאַגוס, בעמערקענדיג דעם פּאַסטוך היר, האָט באַלד פערשטאַנען, דאָס די זאַך איז ענטדעקט געוואָרען, און ער האָט איהם ערצעהלט די וואַהרהייט. אַסטיאַקעס האָט ניט געוויזען קיין כעס; אין געגענטייל, ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט געווען צופרידען מיט זיין האַנדלונג. דער קעניג האָט געמאַכט אַ מאָהלצייט, צו וועלכער הארפּאַגוס איז אויך געווען געלאַדען. הארפּאַגוס האָט געקריגען אַ בעפעהל פון קעניג צו שיקען זיין זוהן, אַ אינגעל אין כורש'ס עלטער, ער זאָל זיך שפּילען מיט כורש'ן. הארפּאַגוס האָט מיט שמחה ערצעהלט זיין פרוי די גאַנצע געשיכטע. אַלס הארפּאַגוס'עס זוהן איז געקומען אין קעניגליכען הויף, האָט דער קעניג געהייסען זיין דינער שלאַכטען דעם אינגעל, צושניידען איהם אויף שטיקער, אַ טייל פון זיי קאָכען און אַ טייל בראָטען. ביי דער מאָהלצייט האָט מען די געסט געגעבען שעפּסען-פלייש, נאָר הארפּאַגוס'ן האָט מען געגעבען דאָס פלייש פון זיין קינד. „נו, ווי געפעהלט דיר דאָס פלייש, וואָס דו האָסט געגעסען ביים טיש?" האָט אַסטיאַגעס געפרעגט הארפּאַגוס'ן. „אויסערגעוועהנליך גוט", האָט הארפּאַגוס געענטפערט. „ווייסטו, וואָס פיר אַ פלייש דו האָסט געגעסען?" האָט דער קעניג געפרעגט. דערווייל האָבען די דינער אַריינגעבראַכט אַ קאָרב, אין וועלכען עס זיינען געלעגען דער קאָפּ און אַנדערע גלידער פון זיין קינד'ס קערפּער. ווען הארפּאַגוס האָט דאָס דערזעהן, האָט ער ניט געוויזען קיין צייכען פון כעס און אונצופרידענהייט, אָבער אין האַרצען האָט ער געשוואָרען ראַכע צו נעהמען פון דעם טיראַן.

אַסטיאַגעס האָט נאָך דיזער געשיכטע זיך בערוהיגט וועגען דעם חלום און זיין דייטונג. די טרוים־דייטער האָבען איהם ערקלערט, דאָס כורש איז שוין איינמאָל ערוועהלט געוואָרען פון די דאָרפס־קינדער אַלס קעניג און דערמיט איז שוין דער חלום מקוים געוואָרען און עס איז שוין מעהר ניטאָ וואָס מורא צו האָבען דערפאַר. אַסטיאַגעס האָט כורש'ן אַוועקגעשיקט צו זיינע עלטערן, וועלכע האָבען איהם אויפגענומען מיט פרייד.

כורש איז אויסגעוואַקסען אַן ענערגישער אָנגענעהמער מאַן. די פּער־סיער האָבען זיך נאָך געהאַלטען ביי זייערע אַלטע רויהע און איינפאַכע

די גרויזאַמקייט פון אַסטיאַגעס'ן.

זיטען אין דער צייט, ווען די מעדיער אין דעם הויף פון אַסטיאַגעס זיינען געווען איבערגעגעבען צו לוקסוס און אַלערליי פערגניגענס. האַרפּאַגוס האָט אויסגערעכענט, דאָס יעצט איז די צייט צו נעהמען ראַכע פון אַסטיאַגעס'ן פיר די ערמאָרדונג פון זיין קינד. ער האָט אויסגעקליבען כורש'ן פיר זיין ווערקצייג דורכצופיהרען זיין פּלאַן. ער האָט צוגעשיקט צו כורש'ן אַ האָז און האָט דורך דעם טרייען איבערברייניגער אָנגעזאָגט, דאָס ער זאָל דעם האָז אויפשניידען אַליין, קיינער זאָל ניט זיין דערביי. כורש האָט אַזוי גע־

טאָן און צו זיין פערוואונדערונג האָט ער אין בויך פון האָז געפונען אַ בריף. אין דיזען בריף האָט איהם הארפאַגוס אויפגעפאָדערט צו שטעלען זיך אָן דער שפיץ פון די פערסיער אום אַסטיאַגעס'ן, זיין זיידען, אַראָפצוואַרפען פון טראָן און זעלבסט ווערען קעניג, דערפאַר וואָס זיין גרויזאַמער זיידע האָט איהם אַמאָל געוואָלט ערמאָרדען. הארפאַגוס האָט איהם ווייטער פערשפראָכען צו העלפען מיט אַלע זיינע קרעפטען דעם פּלאַן דורכצופיהרען. כורש'ן איז דער פּלאַן געפעלען געוואָרען און ער האָט גלייך גענומען טראַכטען, מיט וועלכע אופן און דורך וועלכע מיטלען ער זאָל די זאַך פערווירקליכען. ער האָט פערפאַסט אַ בריף, האָט פערזאַמעלט די פערסיער, האָט פאַר זיי געעפענט דעם בריף און האָט געזאָגט, דאָס אַסטיאַגעס האָט איהם אין דיזען בריף בעשטימט אַלס זייער אָנפיהרער.

דאַן האָט ער בעפוילען, דאָס יעדערער פון זיי זאָל מאָרגען קומען מיט אַ סערפּ. אויף מאָרגען זיינען זיי אַלע געקומען, יעדערער מיט אַ סערפּ. כורש האָט זיי געהייסען אַ גרויס שטיק לאַנד, וואָס איז געווען בעוואַקסען מיט דערנער, אָפּרייניגען און בעאַרבייטען אין איין טאָג. פאַר נאַכט, נאָך דער שווערער אַרבייט, האָט ער זיי געהייסען קומען צו איהם מאָרגען אָנגעטאָן אין זייערע שענסטע קליידער. ווען זיי זיינען אַלע צוזאַמענגעקומען האָט ער פיר זיי געמאַכט אַ מאָהלצייט מיט פיעל פלייש, וויין און מייערע פרוכטען. נאָך דער מאָהלצייט האָט ער זיי געפרעגט: „וועלכער טאָג געפעלט אייך בעסער, דער נעכטיגער אָדער היינטיגער?" „וואָס פיר אַ פערגלייך", האָבען די פערסיער געענטפערט מיט פערוואונדערונג, „נעכטען האָבען מיר שווער געאַרבייט ווי שקלאַפען און היינט געניסען מיר אַ גוטען טאָג ווי פרייע הערען!" „אויב אַזוי", האָט כורש געזאָגט, „טאָ פאָלגט מיר, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם שווערען יאָך פון די מעדיער, ווערט פרייע הערען ווי היינט און זייט גליקליך; שקלאַפישע אַרבייט ווי נעכטען וועט אייך ערוואַרטען, ווען איהר בלייבט אונטער דער הערשאַפט פון דעם אכזר אַסטיאַגעס."

די פערסיער, וועלכע זיינען שוין לאַנג געווען אונצופרידען פון דער דריקענדער הערשאַפט פון די מעדיער, האָבען גלייך אויף'ן אָרט ערוועהלט כורש'ן אַלס קעניג איבער זיי. ווען די ידיעה פון דער פערסישער רעוואָלוציאָן איז אָנגעקומען צו אַסטיאַגעס'ן, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ גרויסע אַרמעע די רעוואָלוציאָן צו דערשטיקען. אַלס גענעראַל פון דיזער אַרמעע האָט ער בעשטימט הארפאַגוס'ן, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשפּילט די ראָלע פון אַ טרייען איבערגעגעבענעם דינער. הארפאַגוס האָט יעצט געפו-

נען דעם פּאַסענדען מאָמענט ראַכע צו נעהמען פון אַסטיאַגעס'ן. ער איז באַלד אַריבער מיט זיין אַרמעע צו כורש'ן און די ביידע אַרמעען, די מעדישע אונטער האַרפּאַגוס'ן און די פּערסישע אונטער כורש'ן, האָבען זיך אומגעקעהרט געגען אַסטיאַגעס'ן, וועלכער האָט פריהער פאַר אַלין בעשטראָפט מיט'ן טויט די טרוים-דייטער, וואָס האָבען איהם בערוהיגט וועגען כורש'ן און איהם געגעבען אַן עצה כורש'ן צו לאָזען לעבען. נאָך דעם האָט ער צוזאַמענגערופען נאָך אַן אַרמעע און זיי געשיקט געגען די מיאַטעזשניקעס. ביי דער שטאָדט פּאַרסאַגאַדאַ, די אור-אַלטע רעזידענץ פון די פּערסישע פירסטען, איז פאָרגעקומען די שלאַכט צווישען די ביידע אַרמעען (558 פ. קר.). אַסטיאַגעס'עס אַרמעע איז בעזיגט געוואָרען און אַסטיאַגעס זעלבסט איז געפאַנגען געוואָרען. האַרפּאַגוס האָט טריאומפירט און האָט פון איהם חוזק געמאַכט. כורש אָבער האָט איהם בעהאַנדעלט מילד און האָט געזאָרגט פיר איהם ביז די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען.

די הערשאַפט פון די מעדיער איז געקומען צו אַן ענד. אַנשטאָט זיי האָבען די פּערסיער זיך ערהויבען צו אַ וועלט-מאַכט. דיזע ענדערונג קען מען אייגענטליך בעטראַכטען נאָר אַלס וועקסעל פון דינאַסטיעס, ווייל די פּערסיער און מעדיער זיינען געווען נאָר פערשיידענע שבטים פון דעם זעלבינען פאָלק, וועלכעס האָט געהאַט גלייכע אינטערעסען. נאָך דיזער איבערקעהרענים האָט דער פּערסישער אַדעל פערדרענגט דעם מעדיישען, אָבער די פּריסטער זיינען ווי פריהער געבליבען די מעדישע, וועלכע האָבען אויך אונטער דער הערשאַפט פון כורש'ן געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די רעגירונג.

כורש, קרעזוס און סאָלאָן. אַזוי באַלד ווי כורש האָט זיך בעפעסטיגט אויף'ן טראָן, האָט ער בעשלאָסען צו אונטערנעהמען מלחמות געגען די שכנישע פעלקער אום צו פערגרעסערן זיין מדינה. צוערסט האָט ער בעזיגט באַקטריען. נאָך דעם האָט ער זיך געווענדעט געגען קליין-אַזיען, וועלכעס איז דאַמאָלס בעשטאַנען פון פערשיידענע קליינע פעלקער. אין דעם מערב-טייל האָט זיך אויך געפונען אַ היבשע צאָהל גריכישע קאָלאָניעס. אין דרום פון קליין-אַזיען האָבען זיך געפונען פיעלע פעניצישע קאָלאָניעס, אויסער איינינע קליינע פעלקער. צווישען די פערשיידענע פעלקער האָבען זיך אויסגעצייכענט די פריגיער, וועלכע האָבען בעוואוינט דעם אינערן טייל פון דער האַלב-אינזעל קליין-אַזיען.

די געשיכטע פון די פעלקער, וואָס האָבען בעוואוינט קליין-אַזיען, איז פערוויקעלט מיט אַ דונקעלן שלייער. פון די זאַגעס, וועלכע עקסיסטירען

וועגען זיי, קען מען קיין געשיכטליכען פאקט ניט ארויסקריגען. מיר ווייסען אפילו ניט, פון וואנען דיזע פעלקער שטאמען. איינינע פון זיי זיינען געוועזען פון דער ארישער ראסע אנדערע פון דער סעמיטישער. נאר וועגען די פריגיער און קאפאדאקיער קענען מיר מיט איינינער געוויסהייט בעהויפטען, דאס זיי האבען געהערט צו דער ארישער ראסע, די איבריגע אבער האבען וואהרשיינליך געהערט צו דער סעמיטישער ראסע. די הויפט-ראלע פון דיזע אלע קליינע פעלקער האבען געשפילט די לידיער און פריגיער. אין דער צייט, ווען די פערסיער האבען אונטערגענומען זייער מלחמה אין קליין-אזיען, זיינען די קליין-אזיאטישע פעלקער געשטאנען אונטער דער אויבערהערשאפט פון די לידיער. קרעזוס, דער קעניג פון די לידיער, איז געוועזען דער שוואגער פון אסטיאגעס'ן. ער האט לידיען געבראכט צו דער הויכער שטופע פון איהר מאכט, ער האט אויך בעזיגט די גריכישע קאלאניעס.

קרעזוס איז געוועזען זעהר רייך, אזוי דאס אין די אלטע צייטען פלעגט מען זאגען: „רייך ווי קרעזוס.‟ ער האט געפיהרט א קעניגליכען הויף, ארומגערינגעלט מיט די גרעסטע מענער פון קונסט און וויסענשאפט. ער האט פערשטאנען צו בעהאנדלען די בעזיגטע לענדער אזוי, דאס זיי זאלען איהם בלייבען טריי. ער האט זיי נעמליך ערלויבט צו פיהרען זיך נאך זייערע אלטע געזעצען און מנהגים און דאס האט זיי בעפרידיגט. זיין ארמעע איז געוועזען אויסגעצייכענט דיסציפלינירט. דאס אלעס האט געשטארקט זיין מוט און ער האט קיין מורא ניט געהאט פאר א בעפאל פון כורש'ן. ער איז געוועזען איבערצייגט, דאס אין א שטרייט מיט די פערסיער וועט ער זיין דער זיגער. ער איז אזוי ווייט געוועזען זיכער, דאס ער האט איינינע פון זיינע אונטערטעניגע קעניגען מיט זיינע ארמעען צוריקגעשיקט, ווייל ער האט געגלויבט, דאס אפילו מיט ווענינער מיליטער וועט ער כורש'ן שלאגען. דיזער טעות וועגען די מאכט פון זיין פיינד איז געוועזען פיר איהם א גרויסער אונגליק. כורש איז אהן שטערונג אריבער די לידישע גרענעץ, וועלכע איז ניט געוועזען גענוג בעוואכט פון מיליטער, האט נאך א קורצער בעלאגערונג איינגענומען די רעזידענץ סארדעס (549 פ. קר.), גענומען קרעזוס'ן געפאנגען, און דאס לידישע רייך איז געפאלען.

וועגען קרעזוס'ן האט הערָאדאט פאלגענדע זאגע. ווען כורש האט בעזיגט לידיען האט ער קרעזוס'ן און 14 פון די פארנעהמסטע לייט פון לידיען פעראורטיילט צום פערברענען. ווען דער שייטער-הויפען איז שוין געוועזען אין פלאמען און מען האט שוין קרעזוס'ן ארויפגעשטעלט אויף איהם, האט קרעזוס אויסגעשריען: „א סאלאן! סאלאן! סאלאן!‟ כורש, דער-

הערענדיג דיזען אויסגעשריי, איז געווען נייגעריג צו וויסען, וואָס בעדייטען דיזע ווערטער. ער האָט געהייסען אַראָפּנעהמען קרעזוס׳ן פון שייטער־הויפען און ברייגען צו איהם. כורש האָט איהם דאַן געפרעגט, וועגען זיין אויסרוף. קרעזוס האָט איהם געענטפערט: „אָ כורש! ווענניג מענשען זיינען דאָ אין דער וועלט, וועלכע דאָס גליק האָט אויפגעהויבען אַזוי הויך און אַראָפּגעוואָרפען אַזוי טיף, ווי מיך. איך האָב בעהערשט אַ גרויסע מדינה, מיינע אוצרות זיינען געווען די רייכסטע אין דער וועלט. איך האָב זיך גערעכענט פיר דעם גליקליכסטען אין דער וועלט. איינמאָל איז געקומען צו מיר אַ קלוגער מאַן פון גריכענלאַנד מיט׳ן נאָמען סאָלאָן. איך האָב איהם גאַסטפריינדליך אויפגענומען, האָב איהם געוויזען מיינע אוצרות און האָב איהם געפרעגט, אויב ער האָט געזעהן אין דער וועלט נאָך אַזאַ גליקליכען מענשען ווי איך בין. סאָלאָן האָט מיר דערויף געענטפערט: „יע, איך האָב געזעהן אַ מענשען, וואָס איז געווען פיעל גליקליכער פון דיר, דיזער איז אַ געוויסער בירגער פון אַטהען (גריכענלאַנד) מיט׳ן נאָמען טעללוס.״ איך האָב מיט פערוואונדערונג געפרעגט, אין וואָס איז בעשטאַנען זיין גרעסערעס גליק. דערויף האָט מיר סאָלאָן געענטפערט: „דיזער טעללוס האָט געלעבט אין אַטהען אין דער צייט, ווען דיזע שטאָדט איז געווען אין אַ גליקליכען צושטאַנד. ער האָט געהאַט שענע גוטע קינדער און עניקלאַך, פון וועלכע קיין איינער איז פאַר זיין לעבען פון דער וועלט ניט געגאַנגען. דיזער מאַן איז אויך גליקליך געשטאָרבען. אין אַ שטרייט צווישען די גריכען און איינעם פון זייערע פיינדליכע שכנישע פעלקער האָט טעללוס בעוויזען גרויסע גבורות און איז געפאַלען אַלס העלד און פערטיידיגער פון זיין פאָטערלאַנד און די גריכען האָבען איהם געשטעלט אַ גרויסאַרטיגען מאָנומענט צו פעראייביגען זיינע העלדענטאַטען״. „אָבער ווען האַלסטו פיר דעם גליקליכסטען אויסער טעללוס׳ן?״ האָב איך איהם געפרעגט. איך האָב גערעכענט, דאָס ער וועט געווים מיין נאָמען דערמאָהנען. סאָלאָן האָט מיר אָבער דערויף געענטפערט: „צוויי גריכישע יונגע לייט, קעלאָבים און ביטאָן. זיי זיינען געווען ברידער און האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער פיזישער קראַפט און האָבען בעקומען אין די קאַמף־שפילען דעם פרייז אַלס זיגער. איינמאָל האָט זייער מוטער געוואָלט פאָהרען אין טעמפעל, עס איז געווען אַ יום־טוב, די צוג־אָקסען זיינען אָבער ניט געקומען צו דער צייט פון פעלד, האָבען זיך די יונגע לייט, איהרע קינדער, איינגעשפאַנט און האָבען זי אַליין אַוועקגעפיהרט אין טעמפעל, וועלכער איז געווען 45 סטאַדיען ווייט פון זייער וואוינונג. דיזע טייערע מידה פון די קינדער איז בעוואונדערט געוואָרען פון מענער און פון

פרויען, וואָס זיינען געווען אין טעמפעל צו יענער צייט. די מוטער, וועלכע איז געווען זעהר געריהרט פון דער טרייסט־אפּט פון איהרע קינדער און פון דער עהרע, וואָס זיי האָבען איהר בעוויזען, האָט געבעטען ביי די געטער, זיי זאָלען בעלוינען איהרע קינדער פיר זייער עדעלע מידה. נאָך דעם רעליגיאָנס־דינסט האָבען זיך די צוויי ברידער צוגעלעגט אָפּרוהען פון זייער שווע־רער ארבייט אין דעם פּאָרהויף פון דעם טעמפעל, זיינען איינגעשלאָפען און שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען. די געטער האָבען דערמיט בעוויזען, אז דאָס בעסטע פיר א מענשען איז, ווען ער שטארבט באַלד נאָך אן עדעלער טאַט." נאָך דיזער ערצעהלונג האָב איך געפּרעגט סאָלאָן'ען: „קענסטו מיך ניט רעכנען אפילו פיר אזוי גליקליך, ווי דיזע יונגע לייט?" „מען קען נאָך יעצט ניט וויסען, ווי דו וועסט ענדיגען דיין וועלט", האָט סאָלאָן גע-ענטפערט. „דעם מענשען'ס לעבען דויערט געווענליך 70 יאָהר, איין טאָג פון זיין לעבען איז געוועהנליך ניט גלייך צום אַנדערן; זיין לעבען איז פול מיט פערענדערונגען. דו ביזט יעצט דער אייגענטימער פון גרויסע אוצרות. איך וועל דיך נאָר דאַן גליקליך שעצען, ווען איך וועל וויסען, דאָס דו האָסט דיין לעבען גליקליך געענדיגט. די געטער הייבען אָפט הויך א מענשען, אָבער זיי וואַרפען איהם אָפט טיף צוריק אין אונגליק. איך בין געווען זעהר אונצופרידען דאַמאָלס פון זיינע ווערטער. אָבער, ווי ווייט אמת זיי זיינען געווען, זעה איך נאָר יעצט. פון דאַמאָלס אָן האָט זיך מיין מזל געביטען. עס האָט מיר אָנגעהויבען צו געהן שלעכט. איינער פון מיינע צוויי זיהן איז גע'הרג'עט געוואָרען אויף דער יאַגד, דער אנדערער איז שטום געוואָרען; אַלע לענדער, אַלע אוצרות האָב איך פערלאָרען, און בין זעלבסט געקומען צום שייטער־הויפען. דו קענסט פערשטעהן, וואָרום איך האָב אין מיין יעצטי-גער אונגליקליכער לאַגע אויסגערופען דעם נאָמען פון דיזען גרויסען חכם, סאָלאָן."

כורש איז געווען געריהרט פון דיזער געשיכטע. עס איז איהם אָרויף אויף די געדאַנקען, דאָס ער איז אויך ניט זיכער מיט א גליקליכען סוף. ער האָט קרעזוס'ן געשענקט דאָס לעבען און האָט איהם אָנגענומען אַלס פריינד און ראַט־געבער.

גאַנץ לידיען איז אָרונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון פּערסיען. הארפּאַגוס האָט אויך די גריכישע קאָלאָניעס אונטערגעוואָרפען. כורש האָט די גריכען ערלויבט צו לעבען לויט זייערע אייגענע געזעצען און מנהגים, ווי פריהער; ער האָט איינינע גרויסע בעאַמטע פון די פערסיער און מעדיער געזעצט איבער זיי, אָבער ער האָט אויך פיעלע גריכישע בעאַמטע געלאָזען.

עס איז געווען אין אזיען איינגעפיהרט איבערצולאזען די אונטעריאכטע פעלקער זייערע געזעצען און איינריכטונגען ניט בעריהרט. ווען די אונטעריאכטע פעלקער האבען געפרופט דעם יאך אראפצואווארפען, פלעגט מען זיי אריבערטראנספארטירען אין אנדערע לענדער, וואו זיי האבען ניט געהאט די מעגליכקייט צו מאכען אן אויפשטאנד. צוויי פון די גריכישע שטעדט אין קליין־אזיען, פאקאא און טעאס האבען זיך ניט געוואלט אונטערווארפען אונטער דעם פערסישען יאך און האבען אויסגעוואנדערט.

נאך דעם, ווי כורש האט אונטעריאכט קליין־אזיען, האט ער זיך גענומען צו באבילאניען און האט זי בעזיגט מיט אלע איהרע אפהענגיגע מדינות: מעסאפאטאמיען (ארם נהרים), סיריען (ארם), פאלעסטינא און אנדערע. די פעניציער האבען זיך פרייוויליג איבערגעגעבען צו די פערסיער. אלע לענדער צווישען דעם אינדוס און דעם מיטלענדישען ים האבען די פערסיער בעזיגט. נאר עגיפטען איז נאך ניט געווען אונטעריאכט. ער האט געוויס אויך אין זינען געהאט צו אונטעריאכען עגיפטען. עס קען זיין, אז ער האט די אידען ערלויבט זיך צוריקקעהרען אין פאלעסטינא צו דעם צוועק, דאס זיי זאלען איהם העלפען דורכפיהרען זיינע פלענער וועגען עגיפטען.

א קורצע צייט נאך דעם, ווי כורש האט רעגירט אין באבילאניען, האט ער אין דרום־מערב פון פערסיען געגרינדעט א נייע הויפטשטאדט מיט דעם נאמען סוזא (שושן) אנשטאט דער אלטער הויפטשטאדט עקבאטאנא, וועלכע איז געלעגען צופיעל אן א זייט פון דער גרויסער אימפעריע. די נייע רעזידענץ איז אין א קורצער צייט געווארען גרויס און שען.

די וואנדערנדע שבטים, וועלכע האבען זיך געפונען אין צפון פערסיען, פלעגען אפט בעפאלען דאס לאנד און אנמאכען אונרוהען. כורש האט בעשלאסען זיך נעהמען צו זיי, מאכען אן ענדע צו זייער בעפאלען און זיכערן די גרענצען פון לאנד. דאס איז געווען זיין לעצטע אונטערנעהמונג. די בעריכטען וועגען דעם זיינען פערשיידען. לויט העראדאט איז כורש ארויס אין מלחמה מיט דעם סקיטהישען פאלק, די מאססאגעטען, וועלכע האבען געוואינט אין מזרח פון דעם קאכפישען ים און זיינען דאן געווארען רעגירט פון א קעניגין מיט'ן נאמען ט א מ י ר י ס. דעם ערסטען זיג איבער זיי (די מאססאגעטען) האט כורש געוואונען דורך א שפיצעל. ער האט פיעלע פון די מאססאגעטען צו'הרג'עט און פיעלע געפאנגען. צווישען די געפאנגענע האט זיך אויך געפונען דער זוהן פון דער קעניגין, ס פ א ר ג א פ י ז ע ס. דיזער פרינץ האט ניט געקענט איבערטראגען די שאנדע פון געפאנגענשאפט און האט זיך אליין דאס לעבען גענומען. די קעניגין טאמירים

האט דאן געזאמעלט א נייע ארמעע, פון וועלכער זי זעלבסט איז געווען די הויפט־פיהרערין. דיזע מלחמה איז געווען איינע פון די שרעקליכסטע מלחמות אין דער וועלט. די ארמעע פון די פערסיער איז געווארען געשלא־גען און האט זיך געמוזט צוריקציהען (529 פ. קר.). כורש זעלבסט איז גע־פאלען אין דיזער בלוטיגער מלחמה. די זאגע ערצעהלט, דאס טאמירים האט געהייסען אפשניידען כורש'ס קאפ און אריינלעגען אין א לאגעל (לעדערנע פלאש) פול מיט בלוט, און האט געזאגט: „טרינק זיך אן מיט בלוט, בלוט־דורסטיגער טיראן". אזוי האט כורש געענדיגט זיין רעגירונג, וועלכע האט געדויערט פולע 30 יאהר. די פערסיער איז דאך געלונגען זיין קערפער צו כעהאלטען אין דעם פלאץ פון די פערסישע קעניגליכע קברים אין פאסאר־גאדא. צוויי הונדערט יאהר שפעטער האט אלכסנדר מוקדון בעזוכט זיין קבר אין דער בעגלייטונג פון זיין לעהרער, דעם גרויסען גריכישען פילאזאף אריסטאטעל. אויף דיזען קבר איז געווען אן אויפשריפט אין דער פערסישער שפראך: „א מענש! איך בין כורש, דער זוהן פון קאמביזעס'ן, וואס האט געגרינדעט די פערסישע אימפעריע און האט געהערשט איבער אזיען, זיי מיר ניט מקנא דיזען קבר." דער גריכישער היסטאריקער קסענאפאן אבער בעהויפטעט, דאס כורש איז געשטארבען אין א הויכען עלטער אין דער היים צווישען זיינע קינדער און פריינד.

נאך דעם טויט פון כורש איז זיין עלטערער זוהן קאמביזעס ארויף אויף דעם פערסישען טראן (529—522 פ. קר.). זיין אינגערער זוהן, סמערדיס, איז געווען שטאטהאלטער אין איינינע מזרח־פראווינצען. וויל כורש האט דעם גרעסטען טייל פון זיין רעגירונגס־צייט פערבראכט אין מלחמות, האט ער פערנאכלעסיגט די ערציהונג פון זיין טראן־פאלגער, און דיזער איז אויס־געוואקסען א רויהער, גרויזאמער מענש און א שכור. פון פאטער האט ער נאר גע'ירש'עט די לוסט צו בעזיגען פרעמדע לענדער. צוערסט האט ער זיך גע־נומען צו עגיפטען. צו אונטעריאכען עגיפטען איז נאך געווען כורש'ס וואונש.

אבער איידער ער האט געקענט אונטערנעהמען א קריגס־צוג געגען עגיפ־טען, האט ער געהאט פיעל צו טאן ביי זיך אין לאנד אום איינצושטילען די אונרוהען, וועלכע האבען אויסגעבראכען נאך זיין פאטער'ס טויט. ווען דאס לאנד האט זיך בערוהיגט, האט ער זיך גענומען אויספיהרען זיין פלאן געגען עגיפטען. ער האט געזוכט עפעס א זאך, וואס זאל איהם דינען אלס גורם, אלס אויסרייד פיר א שטרייט מיט עגיפטען. און אז מען זוכט געפינט מען. ער האט אויסגעפונען, אז דער עגיפטישער קעניג האט איהם עפעס פוגע בכבוד געווען, אנגעגריפען זיין עהרע, און דאס איז פיר איהם געווען גענוג

אום אַרויסצורופען עגיפּטען צו אַ מלחמה. אַ גריכישער סאָלדאַט, וואָס האָט געדינט אין עגיפּטישען מיליטער, האָט געפיהרט קאַמביזעס'עס אַרמעע דורך די אַראַבישע וויסטע אויף אַ זעהר בעקוועמען און קורצען וועג נאָך עגיפּטען. ביי פּעלוזיום האָבען זיך די ביידע אַרמעען, די עגיפּטישע און די פּערסישע,

כורש'ס טויט.

בעגעגענט; עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שרעקליכע מלחמה, אין וועלכער די עגיפּטער האָבען געליטען אַ פירכטערליכע נידערלאַגע. פון דעם שלאַכט־פעלד זיינען די עגיפּטער ענטלאָפען אין די פעסטונג פון מעמפיס און האָבען

בעשלאָסען מיט אלע קרעפטען זיך צו וועהרען געגען די פערהאַסטע פערסיער. די פערסיער האָבען בעלאגערט די שטאָדט און נאָך א לאנגען און ביטערען קאַמף האָבען זיי איינגענומען די פעסטונג. דאָס עגיפּטישע מיליטער צו-זאַמען מיט'ן קעניג און זיין פאַמיליע זיינען פון די פערסיער גענומען גע-וואָרען געפאַנגענע. קאַמביזעס האָט דיזע געפאַנגענע בעהאַנדעלט זעהר גרויזאַם. 2,000 יונגע לייט פון די עגיפּטישע אדעליגע פאַמיליעס, אונטער וועלכע עס איז אויך געווען דעם עגיפּטישען קעניג'ס זוהן, זיינען אומגע-בראַכט געוואָרען פאַר די אויגען פון זייערע עלטערן; אויך פּסאַמעניט, דער עגיפּטישער קעניג, האָט געמוזט מיט זיינע אייגענע אויגען צוקוקען די הינריכטונג פון זיין זוהן. ער האָט אויך געמוזט צוזעהן, ווי זיין טאָכטער די פּרינצעסין מיט פיעלע אַנדערע אדעליגע פרויען זיינען אין שקלאַפען-קליי-דער דורכגעפיהרט געוואָרען און שקלאַפען-אַרבייט געטאָן. פּסאַמעניט איז געבליבען מוטיג, ער האָט ניט געוויזען קיין צייכען פון טרויער, נאָר ווען ער האָט געזעהען, ווי זיינער אַן אלטער פריינד, וועלכער איז פריהער געווען זעהר רייך, און איז יעצט אויף דער עלטער געצוואונגען צו געהען בעטלען, האָט ער זיך צוואויינט. די טרערען, וועלכע זיינען געווען א צייכען פון א טרייען הארץ, האָבען גערירט קאַמביזעס'ן און ער האָט אָנגעפאַנגען בעסער צו בע-האַנדלען פּסאַמעניט'ן.

נאָך דעם, ווי קאַמביזעס האָט עגיפּטען אונטערוואָרפען אונטער זיין הערשאַפט און זי פערוואַנדעלט אין א פערסישע פּראָווינץ, האָט ער בעשלאָ-סען אויך עטהיאָפּיען צו בעזיגען. איבערהויפּט האָבען איהם צוגעצויגען די גרויסע רייכטימער פון דיזען לאַנד, וועגען וועלכע מען האָט דאַמאָלס ער-צעהלט וואונדערבאַרע זאַכען. צו דיזען צוועק האָט ער געשיקט 50,000 מאַן געגען די אַמאָניטער (עמונים) אין דער לידישער וויסטע. אָבער דיזע גאַנ-צע אַרמעע איז פון זאַמד פערשאָטען געוואָרען אין יענעם שרעקליכען מדבר, אַזוי דאָס קיין איינציגער סאָלדאַט איז ניט געראַטעט געוואָרען. דאָס זעלבע שיקזאַל האָט אויך ערוואַרט די הויפּט-אַרמעע, וועלכע דאָט מאַרשירט נאָך עטהיאָפּיען אונטער דער קאָמאַנדע פון קאַמביזעס זעלבסט. באַלד אין די ער-סטע טעג פון דער רייזע האָט די אַרמעע אָנגעהויבען צו ליידען הונגער און דורסט און פיעלע טויזענדער זיינען צושטאָרבען פון מאַנגעל. קאַמביזעס איז געווען געצוואונגען זיך נאָך מעמפיס צוריקצוציהען.

ווען ער איז אָנגעקומען אין מעמפיס האָט ער געפונען דאָס פאָלק פיי-ערנדיג א גרויסען יום טוב. גאָט האָט זיי צוגעשיקט א נייעם אַפּיס. קאַמביזעס אָבער האָט געמיינט, אַז דאָס פאָלק פרייט זיך איבער זיין מפּלה.

ער האָט געהייסען בריינגען צו איהם דעם הייליגען אָקס און האָט איהם גלייך דערשטאָכען, נאָכהער האָט ער געהייסען צו שמייסען די פּריסטער.

קאַמביזעס איז געווען אַ שרעקליכער טיראַן און איז בעגאַנגען פיעלע שרעקליכע גרויזאַמקייטען געגען די עגיפּטער, ווי אויך געגען די פּערסיער זעלבסט. פון פיעלע גוואַלדטאַטען האָט איהם קרעזוס אָפּגעהאַלטען, וואָרום ער איז געווען זיין ראַט־געבער אַזוי ווי ער איז געווען צו זיין פאָטער כורש. מען דאַרף אָבער ניט פערגעסען, דאָס די עגיפּטער זיינען געווען שרעקליכע שונאים פון פּערסיען, און דעריבער האָבען זיי אָהן צווייפעל פערגרעסערט די רשעות פון די פּערסיער. די גריכען פון זייער זייט האָבען זיך וועניג געקימערט אום די וואַהרהייט וועגען די פּערסיער, און האָבען דערפאַר ווענינ נאָכגעפאָרשט ווי ווייט עס איז אמת אַלץ וואָס מען ערצעהלט וועגען די אכזריות פון די פּערסיער און איבערהויפּט פון קאַמביזעס זעלבסט. עס איז אָבער קיין צווייפעל ניטאָ, דאָס קאַמביזעס איז ווירקליך געווען אַ גרויסער טיראַן. ער האָט זיך זאָגאַר ניט אָפּגעהאַלטען פון ערמאָרדען זיין ברודער סמערדיס. דיזער האָט אַמאָל בעליידיגט אַ מאַגיער. דער בעליידיגטער איז אַוועק נאָך עגיפּטען צו קאַמביזעס און האָט איהם ערצעהלט, דאָס זיין ברודער סמערדיס מאַכט פּלענער איהם, קאַמביזעס'ן, אַראָפּצוזעצען פון טראָן. דיזע נאַכריכט האָט קאַמביזעס'ן שרעקליך אויפגעבראַכט. ער האָט געגעבען אַ בעפעהל צו איינינע גרויסע בעאַמטע מען זאָל סמערדיס'ן אין געהיים ערמאָרדען, און זיי זאָלען ערקלערען דעם מאַגיער פיר זיין ברודער סמערדיס. די בעאַמטע האָבען געטאָן ווי קאַמביזעס האָט זיי בעפוילען און קאַמביזעס האָט איהם עפענטליך אַנערקענט פיר זיין ברודער סמערדיס. דיזער מאַגיער איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אַלס דער פּ ס י ד אָ ־ ס מ ע ר ד י ס (דער פאַלשער סמערדיס).

דריי יאָהר איז קאַמביזעס פערבליבען אין עגיפּטען. ער האָט אָבער געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד און זיך צוריקקעהרען אין פּערסיען, ווייל ער האָט דערהערט, דאָס דאָרט האָט אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציאָן. אין עגיפּטען האָט ער איבערגעלאָזט פּערסישעם מיליטער און איז אַליין אַוועק נאָך שושן, זיין הויפּטשטאָדט. אין דער צייט פון זיין צוריקקעהר האָט זיך געטראָפען, דאָס ביים אַרויפשטייגען אויף זיין פערד איז איהם זיין שווערד אַרויסגעפאַלען פון זיין שייד און האָט איהם מיט'ן שפּיץ געמאַכט אַ וואונד, פון וועלכער ער איז געשטאָרבען. פאַר זיין טויט האָט ער זיך מודה געווען אין דער ערמאָרדונג פון זיין ברודער סמערדיס און האָט אָנגעזאָגט מען זאָל בעשטראָפען יעדען, וואָס וועט זיך אָנגעבען אַלס סמערדיס. קאַמביזעס האָט קיין קינ-

דער ניט געלאָזען און מיט איהם איז זיין פאַמיליע אויסגעלאָשען געוואָרען.

עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס דער אויפשטאַנד אין פּערסיען איז געמאַכט געוואָרען פון דעם מאַגיער, דעם פאַלשען סמערדיס, וועלכער, ווי אַלע מאַגיער, איז געווען פון די מעדיער, און דאָס דער צוועק פון דעם אויפשטאַנד איז דעריבער געווען די הערשאַפט צו די מעדיער צוריק צו ברייננגען. נאָך דעם טויט פון קאַמביזעס האָבען זיך פערזאַמעלט 7 גרויסע לייט פון די פּערסיער אום זיך צו בעראַטען וואָס צו טאָן, און ווי אַזוי אויפצודעקען דעם סוד פון דעם פאַלשען סמערדיס. אונטער דיזע 7 פּערזאָן האָט זיך געפונען איינער מיט׳ן נאָמען דאַריוס (אין העברעאיש: דריוש). דער זוהן פון היסטאַספּעס, וועלכער האָט געהערט צום שטאַם פון די אחאָמענידען, צו וועלכען כורש האָט געהערט. דאַריוס איז געווען אַ מוטיגער און פעהיגער מענש. דער סוד פון פאַלשען סמערדיס איז ענטדעקט געוואָרען און דאַריוס מיט די אַנדערע זעקס פּערסיער זיינען אריין אין קעניגליכען פּאַלאַסט און האָבען דעם פאַלשען סמערדיס ערמאָרדעט.

נאָך דעם טויט פון פאַלשען סמערדיס האָבען זיך די 7 פּערסישע פירסטען בעראַטען, וואָס פיר אַן אַרט רעגירונג מען זאָל איינפיהרען אין פּערסיען. עס זיינען פאָרגעלעגט געוואָרען פערשיידענע פאָרמען פון רעגירונג: אַן אָליגאַרכיע (הערשאַפט פון אדעל־לייט) און אַ דעמאָקראַטישע (פאָלקס־רעגירונג), אָבער ענדליך איז בעשלאָסען געוואָרען צו בלייבען ביי דער מאָנאַרכיע. די זאַגע ערצעהלט, דאָס די 7 פירסטען האָבען צווישען זיך אָפּגעמאַכט, אַז דער יעניגער פון זיי זאָל בלייבען קעניג, וועמעס פערד עס וועט פריהער בעגעגנען דעם אויפגאַנג פון דער זון מיט זיין הירזשען. זיי זיינען אַלע ארויס פאַר זונען־אויפגאַנג אויף אַ שפּאַציער אויף זייערע פערד, און דער פערד פון דאַריוס האָט דער ערסטער געהירזשעט. די זאַגע ערצעהלט ווייטער, דאָס די הירזשעריי פון פערד איז געווען אַ שפּיצעל פון דאַריוס׳ן. ער האָט נעמליך דעם פריהערדיגען אָבענד אַרויסגעפיהרט זיין פערד צום אָנהויב פון דעם וועג, וואָס איז געווען בעשטימט פיר דעם שפּאַציער־גאַנג, און האָט דאָרט אויסגעשפּרייט זעהר גוטע שפּייז פיר איהם. אויף מאָרגען, ווען דער פערד איז געקומען צו דעם זעלביגען אָרט, האָט ער פאַר פרייד אַ הירזשע געטאָן, דערמאָהנענדיג זיך אָן זיין נעכטיגער גוטער שפּייז. די פירסטען זיינען באַלד אַראָפּ פון זייערע פערד און האָבען דאַריוס׳ן גראַטולירט אַלס קעניג.

דאַריוס דער 1טער אָדער דאַריוס היסטאַספּעס (521—485 פ. קר.) האָט געגרינדעט אַ נייע דינאַסטיע. ער האָט זיך פריהער פון אַלץ אויסגע-

צייכענט דערמיט, וואָס ער האָט איינגעפיהרט אַ נייע אָרדנונג אין זיין רע-גירונג. צוליב דעם, וואָס קאַמביזעס איז געווען לאַנג אַוועק, איז אין לאַנד געוואָרען אַ שרעקליכע אונאָרדנונג. עס האָט געפעהלט אין דיזער גרויסער מדינה די איינינקייט, וואָס אַ גוטע רעגירונג פאָדערט. עס האָט געפעהלט אַ גוט אָרגאַניזירטע מאַכט, וואָס זאָל קענען האַלטען אין צאַם די פערשיידענע עלעמענטען פון לאַנד. דיזער צושטאַנד האָט געפיהרט צו שטענדיגע רעוואָ-לוציאָנען און אויפשטאַנדען. דאַריוס האָט געהאַט פיעל צו טאָן ביז עס איז איהם געלונגען אָרדנונג אין לאַנד איינצופיהרען אום ער זאָל זיך פיהלען פעסט אויף דעם טראָן. נאָך דעם, ווי ער האָט געשאַפען אָרדנונג, האָט ער זיך גענומען איינפיהרען אַ נייע אָרגאַניזאַציאָן אין דער רעגירונג. ער האָט דאָס לאַנד צוטיילט אין 20 סאַטראַפּיעס, אָדער גובערניעס. אין יעדער סאַרטאַפּיע האָט ער געזעצט אַ סאַטראַפּ, אַ שטאַטהאַלטער, אַלס אויבערסטען בעאַמטען, אָבער ער האָט נעבען איהם אויך בעשטימט אַ גענעראַל און אַ סעקרעטער, וועלכע זאָלען אַכטונג געבען אויף איהם, דאָס ער זאָל זיין מאַכט ניט בענוצען געגען דעם קעניג, אָדער געגען דער צענטראַל-רעגירונג. דער גענעראַל האָט געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע סאָלדאַטען, אָבער קיין געלט ראָט ער ניט געהאַט, אום ער זאָל ניט זיין אין שטאַנד צו מאַכען אַן אויפ-שטאַנד. דער סאַטראַפּ האָט געהאַט געלט, אָבער קיין סאָלדאַטען. דעם סעקרעטער האָבען ביידע זאַכען געפעהלט. אויסער דעם האָט דאַריוס איינ-געפיהרט אין לאַנד אַ געהיים-פּאָליציי, וועלכע האָט געהאַט איהרע שפּיאָנען אין אַלע סאַטראַפּיעס, און האָט מיטגעטיילט דער צענטראַל-רעגירונג פון יעדער קלענסטער בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען געגען קעניג אָדער געגען דער צענטראַל-רעגירונג. צו געוויסע צייטען פלעגט דער קעניג זעלבסט די סאַטראַפּיעס בעזוכען אום זעלבסט צו קענען ערפאַהרען איבער דעם צו-שטאַנד פון לאַנד.

דאַריוס האָט זיך געהאַלטען ביי דער קלוגער פּאָליטיק, צו געבען אַלע פערשיידענע פעלקער, וועלכע זיינען געווען אונטער זיין מאַכט, גענצליכע אויטאָנאָמיע, ד. ה. די פרייהייט זיך זעלבסט צו רעגירען נאָך זייערע אייגענע געזעצען. מנהגים און רעליגיאָן. זיי האָבען נאָר בעדאַרפט איהם צאָהלען אַ בעשטימטען טריבוט (מס). אום צו פערברייטערן דעם האַנדעל אין לאַנד און אום צו פעראייניגען די פערשיידענע פעלקער פון זיין מלוכה אין האַנ-דעל און אינדוסטריע, האָט ער געבויט נייע וועגען און גאַסען. די פליכט פון מיליטער איז געווען, אונטער אַנדערע זאַכען, אויך צו בעוואַכען די וועגען, דאָס זיי זאָלען זיין זיכער פיר האַנדעלס-רייזענדע פון רויבער-באַנ-

דעם. ער האָט איינגעאָרדענט אַ מין קעניגליכע פּאָסט, וועלכע האָט געקענט אין אַ קורצע צייט פערשפּרייטען די קעניגליכע בעפעהלען אין גאַנצען לאַנד און אויך פערנאַנדערשיקען ידיעות פון אַלע וויכטיגע פּאַסירונגען אין יעדע סאַטראַפּיע. ער האָט אויך איינגעפיהרט איין סאָרט מטבעות פיר אַלע פערשיידענע פעלקער פון זיין קעניגרייך אום דערמיט צו פערלייכטערן די צאָהלונגען פון טריבוט און דעם פערקעהר פון האַנדעל.

די איינריכטונג פון סאַטראַפּיעס האָט געלעגט דעם גרונד צום אונטער-גאַנג פון דער פּערסישער אימפּעריע. יעדער סאַטראַפּ איז געווען אַ דעספּאָט פיר זיך, האָט געהערשט ניט לויט דעם געזעץ, נאָר נאָך זיין אייגענעם קאַפּ-ריז און האָט נאָכגעאַהמט דעם קעניגליכען הויף מיט אַלע פערדאָרבענהיי-טען און הולטייסטוועס. יעדער סאַטראַפּ האָט געדריקט דאָס פאָלק מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט, זיינע אייגענע אינטערעסען זיינען ביי איהם גע-שטאַנען העכער און וויכטיגער פון די אינטערעסען פון פאָלק און פון שטאַאַט. אויסער דעם האָבען די סאַטראַפּען זיך געריסען צווישען זיך זעלבסט און דאָס לאַנד האָט דערפון פיעל געליטען.

דאַריוס האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטען צו האַלטען צוזאַמען אַלע טיי-לען פון זיין לאַנד און מאַכען עס צו איין מעכטיגען רייך. עס איז איהם זעהר שווער אָנגעקומען זיין וואונש דורכצופיהרען. די באַבילאָניער האָבען זיך גע-וואָלט בענוצען מיט דער אונאָרדנונג, וואָס קאַמביזעס'עס טויט האָט פעראור-זאַכט, און האָבען זיך אָנגעהויבען פאָרבערייטען צום אָפּפאַל פון די פּערסיער. באַלד נאָך דעם, ווי דאַריוס האָט דעם טראָן בעשטיגען, האָבען די באַבילאָניער זיך ענטזאַגט צו צאָהלען טריבוט. דאַריוס האָט געשיקט אַ מעכטיגע אַרמעע צו צווינגען באַבילאָניען זיך אונטערצוגעבען. צוויי יאָהר האָט ער בעלאַגערט די וועלט-בעריהמטע שטאָדט בבל, אָבער עס האָט אויסגעוויזען, דאָס די גאַנצע מיה וועט זיין אומזיסט. אין דיזער נויט האָט זיך אַ יונגער פּערסיער גע-אָפּפערט צו איינצונעהמען בבל דורך אַן איינפאַל. דער יונגער פּערסיער, מיט'ן נאָמען צ אָ פּ י ר ו ס, ערצעהלט די זאַגע האָט זיך אָפּגעשניטען דעם נאָז און די אויערן, האָט אָפּגעשאָרען זיינע האָאָר נאָך דער פאָרמע ווי שקלאַפען שערען זייערע האָאָר, און האָט זיך געלאָזט שמייסען זיין רוקען ביז בלוט האָט גערונען. אַזוי איז ער געלאָפען אין בבל אום צו בעטען שוץ געגען דעם גרויזאַמען פּערסישען קעניג. ער האָט די באַבילאָניער איבערצייגט, דאָס ער ברענט מיט ראַכע געגען דאַריוס'ן, און איהם איז געלונגען אַזוי ווייט צו אָפּנאַרען זיי, דאָס זיי האָבען איהם אָנפערטרויט דאָס גאַנצע באַבילאָנישע מיליטער. מיט דיזען אופן איז איהם געלונגען די פּערסיער אין שטאָדט

אַריינצולאָזען, און די באַבּילאָניער האָבען צו שפּעט זיך אַרומגעזעהן ווי זיי זיינען פעררעטעריש בעטראָגען געוואָרען, און עס איז פיר זיי קיין הילף ניט געבּליבען (518 פ. קר.). דאַריוס האָט די איינוואוינער פון בבל גרויזאַם בעהאַנדעלט. 3,000 פון די אָנגעזעהענסטע בירגער האָט ער אַרויפגעזעצט אויף שפּיציגע פּלעקער ביז זיי זיינען אַלע מיט גרויסע שמערצען דורכגעבויערט געוואָרען און צושטאָרבען. די מויערן פון שטאָדט האָט ער אין גאַנצען צושטערט.

פון אַן אינשריפט, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען פון דאַריוס׳ן זעלבסט, זעהען מיר, דאָס צו יענער צייט האָבען אויף פאָלגענדע פעלקער זיך עמפּערט געגען דאַריוס׳ן און האָבען זיך געוואָלט אָפּרייסען פון די פּערסיער און ווערען זעלבּשטענדיג. צו ענדע פון דאַריוס׳עס בעשרייבונג פון דעם פאַלען פון בבל לעזען מיר פאָלגענדע ווערטער: „אין דער צייט, וואָס איך האָב בעלאַגערט בבל, זיינען פון מיר אָפּגעפאַלען די פּראָווינצען: פּערסיען, סוזיאַנאַ, מעדיען, אַסיריען, אַרמעניען, פּאַרטהיען, מאַרגיאַנאַ, די סאַטטאַגידען און די סאַקען”. איהם איז אָבער געלונגען די אַלע פעלקער אונטערטעניג צו מאַכען און האָט איינגעפיהרט נייע אָרדנונגען אין זיין רעגירונג, ווי מיר האָבען עס פריהער געזעהן. נאָך דעם, ווי ער האָט בערוהיגט דאָס לאַנד, האָט ער זיך גענומען צו בעזיגען נייע לענדער. די אַלטע פעלקער האָבען קיין אַנדער זאַך ניט געוואוסט ווי קריג. דורך קריג און נצחונות זיינען זיי גרויס און מעכטיג געוואָרען, און דורך קריג זיינען זיי אָפּגעשוואַכט געוואָרען און צופאַלען און ענדליך אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען.

שוין אין די צייטען פון כורש׳ן האָבען די גרענצען פון דער פּערסישער מדינה דערגרייכט ביז דעם טייך אינדוס אין אינדיען. דאַריוס האָט געלאָזט בויען אַ פלאָטע, מיט וועלכער ער איז דעם אינדוס איבערגעפאָהרען, אַראַביען אַרומגעשיפט, און דורך דעם רויטען מעער (ים סוף) ווידער צוריקגעקעהרט. מיט דער ערפאַהרונג פון דיזער עקספּעדיציאָן האָט זיך דאַריוס בענוצט און איז בעפאַלען אינדיען מיט אַ גרויסער אַרמעע, איינגענומען פּענדזשאַב און האָט דערלאַנגט ביז די הימאַלאַיען־בערג.

נאָך דעם, ווי דאַריוס האָט געענדיגט זיין עקספּעדיציאָן אין אינדיען, האָט ער זיך גענומען צו די האַלב־ווילדע ס ק י ט ה ע ן, אַ באַרבאַרישעס פאָלק אויף דעם צפון־ברעג פון שוואַרצען מעער. מיט אַן אַרמעע פון 700,000 מאַן און 600 רודער־שיפען, אויף וועלכע עס האָבען זיך געפונען 120,000 מאַן פון די גריכען, האָט ער אונטערגענומען דיזען געפעהרליכען פעלד־צוג. דער גריכישער אַרכיטעקט מאַנדראָקלעס האָט זיך אונטערגענו-

מען צו בויען אַ בריק איבער דעם באָספּאָרוס (אַ ים־שטראָס, וואָס טיילט אָפּ אַזיען פון אייראָפּאַ). און אַזוי איז צום ערסטען מאָל אין דער געשיכטע ערשינען אַן אַזיאַטישער בעזיגער אויף דעם אייראָפּעאישען באָדען (515 פ. קר.). אין דער צייט, ווען די פלאָטע איז געשוואומען איבער'ן שווארצען מעער, האָט דאריוס מארשירט מיט זיין אַרמעע דורך דעם נאָרדליכען טייל פון היינטיגער אייראָפּעאישער טירקיי, אום פריהער פון אַלץ אָנצוגרייפען די סקיטהען, וואָס האָבען געוואוינט אין יענער געגענד. ער האָט געלאָזט מאַכען אַ בריק איבער דעם טייך דונאי, און נאָך דעם, ווי ער האָט זיין אַרמעע אַריבערגעפיהרט איבער'ן בריק, האָט ער איבערגעלאָזען די גריכישע סאָלדאַטען צו בעוואַכען דעם בריק. ער האָט געלאָזען אַ בעפעהל, דאָס אויב ער וועט זיך ניט צוריקקעהרען אין 60 טעג, זאָלען די גריכישע סאָלדאַטען דעם בריק אַרונטעררייסען, און זאָלען געהן צוריק צו זייער היים, און די פלאָטע זאָל אויך זיך צוריקציהען. ווי עס שיינט, זיינען די פּערסיער ניט געווען קיין גרויסע בעלי־חשבון, איבערהויפּט אין רעכנען די צייט. אום די גריכען זאָלען ריכטיג וויסען ווען עס ענדיגט זיך די צייט פון די בעשטימטע 60 טעג, האָט זיי דאַריוס געלאָזען אַ שטריקעל מיט 60 קניפּלאָך, אום זיי זאָלען יעדען טאָג אָפּבינדען איין קניפּעל, און ווען עס וועט אָפּגעבונדען ווערען דער לעצטער קניפּעל וועט מען וויסען, דאָס די 60 טעג זיינען פאָראיבער.

די סקיטהען האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס עס לוינט ניט פיר זיי צו שטרייטען מיט דאַריוס'ן אין אָן אָפּענער שלאַכט. זיי האָבען פערמידען יעדע צוזאַמענטרעפונג מיט די פּערסיער, זיי האָבען אָבער געוואוסט ווי אַזוי די פּערסיער אין אַ וויסטע צו פערנארען, וואו זיי האָבען געליטען מאַנגעל און אַלעס נעטיגע און זיינען פיעל מאָל אין פערצווייפלונג געקומען צוליב זייער ביטערער לאַגע. דאַריוס האָט געפאָדערט פון די סקיטהען זיי זאָלען איהם שיקען ערד און וואַסער, אַלס צייכען דאָס זיי גיבען איבער זייער לאַנד אין זיינע הענט און דאָס זיי אַנערקענען איבער זיך זיין הערשאַפט. דער קעניג פון די סקיטהען האָט איהם געשיקט גאָר אַנדערע זאַכען: ער האָט איהם געשיקט אַ פויגעל, אַ פראָש, אַ מויז און 5 פיילען. דאָס האָט בעדייטעט: ווען איהר, פּערסיער, קענט ניט פערוואַנדעלט ווערען אין פויגלאָך צו קענען פליהען אין וואָלקען, ווען איהר קענט ניט פערוואַנדעלט ווערען אין מייז זיך טיף אין דער ערד צו בעהאַלטען, ווען איהר קענט ניט ווערען פרעש אום אין די זומפּען זיך צו בעשיצען, דאַן וועט איהר אייער היים קיינמאָל ניט אָנזעהן, ווייל איהר וועט פערניכטעט ווערען דורך דיזע פיילען.

דאַריוס האָט זיך באַלד איבערצייגט, דאָס ווען ער וועט ניט באַלד זיך צוריק-ציהען וועט ער ווירקליך באַלד ניט האָבען די מעגליכקייט זיך צוריק אהיים צו קעהרען. ער האָט באַלד אָנגעפאַנגען געהן צוריק. די פערלוסטען ביי דיזען צוריקקעהר זיינען גֶעווען זעהר שווערע.

דאַריוס'ן האָט אָבער געדראָהעט נאָך א גרעסערע געפאַהר. די גריכי-שע סאָלדאַטען, וועלכע ער האָט געזעצט ביים דונאַי צו בעוואַכען דעם בריק, האָבען זיך בעדענקט, דאָס יעצט איז א גוטע געלעגענהייט זיך צו בעפרייען פון פערסישען יאָך. דיזעס וועט זיי לייכט אָנקומען, ווען זיי וועלען צושטע-רען דעם בריק און דערמיט בריינגען די פערמישטע ארמעע צו פערניכטונג. פריהער פון אַלץ האָט מ י ל ט י א ד ע ס, א בעריהמטער גריך פון אטהען, געגעבען אַן עצה די יאָניער גריכען אראָפּצואוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון די פערסיער. דאגעגען האָט אַן אַנדער גריך מיט'ן נאָמען ה י ס ט י אָ א ו ס ערקלערט די גריכישע פירסטען, דאָס פיר זיי איז בעסער צו זיין אונטער דעם שוץ פון די פערסיער. ווייל ווי נאָר די גריכען וועלען ווערען אונאָפּהענגיג וועלען זיי באַלד אַרונטערוואַרפען די פירסטען, און וועלען איינאָרדנען ביי זיך רעפּובליקען. דיזע ווערטער האָבען געווירקט אויף די הערשזיכטיגע פירס-טען און ווען דאַריוס האָט זיך צוריקגעקעהרט האָט ער געפונען דעם בריק גאַנץ און בעוואַכט, הגם די 60 טעג זיינען שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען. דער פעלד־צוג געגען די סקיטהען איז געווען אַן אונגליקליכע אונטערנעהמונג, און דאַריוס האָט זיך געאיילט צוריקקעהרען נאָך אַזיען. אָבער איידער ער האָט פערלאָזען איירָאפּאַ האָט ער געשיקט אַן אַרמעע פון 80,000 מאַן גע-גען ט ה ר א ק י ע ן און מ א ק ע ד אָ נ י ע ן, אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל מ ע ג א ב א צ ו ס. דיזער האָט אונטערוואָרפען די צוויי קעניגרייכען אונטער דער הערשאַפט פון די פערסיער און די פערסישע מאַכט האָט זיך דערמיט פערשפּרייט אין איירָאפּאַ ביז גריכענלאַנד. דיזעס לאַנד אָבער האָט געמאַכט אַן ענדע צו די פערסישע זיגען און פערסיען האָט געהאַט צו קעמפען פיר איהר אייגענע ערהאַלטונג.

די ערסטע אורזאַך צום קאַמף מיט גריכענלאַנד איז געווען דער אויפ-שטאַנד פון די יאָניער גריכען אין קליין־אַזיען (502—496 פ. קר.). הגם דאַריוס האָט זיי געשלאָגען און אונטערוואָרפען, איז ער אָבער געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די אַטהענער גריכען, וועלכע האָבען געהאָלפען די יאָניער צום אויפשטאַנד. דאַריוס האָט אונטערגענומען צוויי קריגס־צוגען געגען גריכענלאַנד, אָבערביידע האָבען זיך אויסגעלאָזען אונגליקליך פיר פערסיען. ער האָט זיך אָנגעהויבען צו פאָרבערייטען צו א דריטען גוואַלדיגען קריגס־

צוג, אָהער אין מיטען דער פאַרבערייטונג איז ער געשטאָרבען (485 פ. קר.). דיזע אונטערנעהמונגען פון דאַריוס'ן געגען גריכענלאַנד זיינען זעהר דענק-ווירדיג פיר די געשיכטע פון אייראָפּאַ און זיינען געווען זעהר וויכטיג פיר די ענטוויקלונג פון גריכענלאַנד. דעריבער וועלען מיר וועגען דיזע, ווי אויך וועגען די פעלדצוגען פון דאַריוס'עס נאָכפאָלגער, אויספיהרליך ערצעהלען אין דער געשיכטע פון גריכענלאַנד. היר אָבער, אום ניט צו בלייבען אין מיטען פון דער פּערסישער געשיכטע, וועלען מיר אין קורצען ערצעהלען וועגען די אויפּטואונגען און אונטערנעהמונגען פון די שפּעטערע פּערסישע קעניגען, וועלכע, צוליב זייער אונגליקליכער דעספּאָטיע, האָבען געפיהרט פּערסיען צום אונטערגאַנג.

קסערקסעס דער 1טער (485—467 פ. קר.), דער זוהן און נאָכפאָלגער פון דאַריוס'ן, האָט די גאַנצע צייט פון זיין רעגירונג אָפּגעגעבען צו דער אונטערנעהמונג גריכענלאַנד אונטער זיין רייך אונטערצואוואַרפען. ווען ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס זיין מיה איז אומזיסט, האָט ער זיך איבערגעגעבען צו אַ הולטייסקען, אויסגעלאַסענעם לעבען אין זיין פּאַלאַץ. פרויען האָבען דאַמאָלס געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע אין דער רעגירונג. פיעלע פון זיינע אונטערטאַנען זיינען געווען זעהר עמפּערט געגען זיין אויפ-פיהרונג און מען האָט איהם ענדליך ערמאָרדעט.

אַרטאַקסערקסעס דער 1טער (467—414 פ. קר.), דער זוהן פון דעם פאָריגען, בעקאַנט אין דער געשיכטע מיט דעם צונאָמען לאָנגי-מאַנוס (לאַנג־הענטיג). ער איז דורך די ערמאָרדונג פון זיין עלטערען ברו-דער אַרויף אויף דעם טראָן. זיינע אונטערנעהמונגען געגען גריכענלאַנד זיי-נען אויך געבליבען אָהן ערפאָלג.

זיין זוהן קסערקסעס דער 2טער איז באַלד נאָך זיין טראָן־בעשטייגונג ערמאָרדעט געוואָרען פון זיינעם אַ האַלב־ברודער (פון איין מוטער, און ניט פון איין פאָטער), סאַגדיאַנוס, וועלכער האָט בע-שטיגען דעם טראָן. דיזער איז אויך ערמאָרדעט געוואָרען פון זיינעם אַ ברודער, וועלכער האָט געקעניגט אין פּערסיען אונטער דעם נאָמען דאַ-ריוס דער 3טער (413—404 פ. קר.). דיזער קעניג האָט געהאַט דעם צונאָמען נאָטהוס (באַסטאַרד, ממזר). אונטער זיין רעגירונג האָט פּערסיען אָנגעהויבען שנעל צו זינקען. דער גייסט פון די אַלטע פּערסיער אונ-טער כורש'ן איז אין גאַנצען פערשוואונדען. די מעדיער, לידיער און עגיפּ-טער האָבען זיך עמפּערט און מען האָט געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון געדונגענע גריכישע סאָלדאַטען זיי צו בערוהיגען.

זיין זוהן ארטאקסערקסעס דער 2טער (404—364 פ. קר.), מיט דעם צונאָמען מ נ ע מ אָ ן (אין גריכיש: בעל זכרון), האָט די ערסטע צייט פון זיין רעגירונג געהאַט צו פיהרען א ביטערען קאמף מיט זיין אייגענעם ברודער, כ ו ר ש ד ע ם א י נ ג ע ר ע ן, וועלכען זיין מוטער האָט אויפגעהעצט געגען ארטאקסערקסעס'ן. אין א שרעקליכער שלאכט צווישען די צוויי ברידער, וועלכע איז פאָרגעקומען ביי קונאקסא אין באבילאָניען, איז כורש געפאַלען טויט (401 פ. קר.). פון דיזען קריג איז בעריהמט דער ריק־צוג פון די 10,000 גריכען אונטער ק ס ע נ אָ פ אָ ן, וועגען וועלכען מיר וועלען אויספיהרליך ערצעהלען אין דער געשיכטע פון גריכענלאנד.

ארטאקסערקסעס דער 3טער (364—339 פ. קר.), מיט דעם צונאָמען אָ כ ו ס, האָט דערגרייכט דעם טראָן דורך די ערמאָרדונג פון א גרויסען טייל פון זיין פאמיליע. די עגיפטער האָבען זיך אין זיין צייט אויפגעהויבען און האָבען אויף א געוויסע צייט ווידער געקריגען זייער זעלבשטענדיגקייט. דער גרויזאמער ארטאקסערקסעס האָט זיך אָן זיי נוקם געוועזן מיט גרויס אכזריות און זיי זיינען ווידער ארונטערגעפאַלען אונטער זיין יאָך. ענדליך איז עס געלונגען איינעם ב א י ר א ס, אַן עגיפטישען עוונוך (סרים), איהם צו פערגיפטען. באיראס האָט אויך אומגעבראכט ארטאקסערקסעס' זוהן און האָט ארויפגעזעצט אויף'ן פערסישען טראָן אַן אור־ענין פון דא־ריוס דעם 3טען, ק אָ ד א מ א נ ו ס, אונטער דעם נאָמען ד א ר י ו ס ד ע ר 3 ט ע ר. דיזער איז געוועזן דער לעצטער פערסישער קעניג. דא־ריוס דער 3טער האָט פערלאָרען זיין מלוכה צוזאמען מיט זיין לעבען אין קאמף געגען אלכסנדר דעם גרויסען (330 פ. קר.).

די פ ע ר ס י ש ע ק ו ל ט ו ר האָט ניט דערלאַנגט די שטופע, וועלכע עס האָבען דערגרייכט די קולטורען פון די איבריגע ארישע פעלקער. די אורזאַך דערפון קען מען ניט צושרייבען צו דעם כאראקטער פון דעם פערסישען פאָלק. מען קען זיין נידריגען קולטור־שטאנד פיעל מעהר רעכנען אלס א רעזולטאט פון דער טיראַנישער הערשאפט פון די פערסישע רעגירער, וועלכע האָבען אין סאַמע אָנפאנג אונטערדריקט אין פאָלק יעדע פרייע בעוועגונג אין קולטור. ווייל ווי מיר ווייסען זיינען די אלטע פערסיער געווען זעהר געוויסענהאפטע מענשען, האָבען געהאסט א ליגען און האָבען זעהר געאכטעט פרעמדע זיטען און מנהגים.

וואָס די אורזאַך איז דאָרט געווען, די פערסיער זיינען ניט געווען קיין קולטור־פאָלק, זיי האָבען זיך נאָר אויסגעצייכענט אלס בעזיגער, וועלכע האָבען אויפגעשטעלט א גרויסע מדינה און האָבען זי א צייט אויפגעהאלטען

מיט דעם שווערד. זיי האָבען נאָר געוואוסט פֿון ברוטאַלער קראַפט און גוואַלדטאַטען. דאָס וואָס זיי האָבען דערלאַנגט אין קולטור האָבען זיי פון אנדערע פעלקער גענומען. קיין זעלבשטענדיגער שטריך איז ביי זיי ניט צו בעמערקען אין זייער קולטור. דאָס קעניגרייך פון די פערסיער איז געווען אַ קעניגרייך פון דעספּאָטיע און בעדריקונג. און ווען מיר געברויכען דעם אויסדרוק „אזיאטישע דעספּאָטיע״ מוזען מיר אונטער דעם פערשטעהן איבערהויפּט די פערסישע דעספּאָטיע.

דער פלוך פון דעספּאָטיע איז פריהער פון אַלץ געפאַלען אויף די פערסיער זעלבסט. פון דעם סיסטעם פון שפּיאָנען און געהיים-פּאָליציי זיינען די זיטען און דער אָפענהערציגער כאַראַקטער פון די פערסיער פערדאָרבען געוואָרען. פייגהייט און גרויזאַמקייט האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם עפענטליכען לעבען פון די פערסיער. די סאַטראַפּען זיינען ווילד געוואָרען פון דעספּאָטיע. מאַכען מענשען פיר קאַליקעס, פערקריפּלען זיי דורך אָפּשניידען נעזער, אויערן, הענט, פיס, אויגען-לידער אָדער ליפּען איז געווען אַ זעהר געוועהנליכע שטראָף. די טויט-שטראָפען זיינען געווען שרעקליך באַרבאַריש: ארויפזעצען דעם פעראורטיילטען צום טויט אויף אַ שפּיציגען פּלאָקען ביז דער שפּיץ איז דורך זיין האַלז דורכגעגאַנגען, צוזעגען אויף דער העלפט, פערשטייניגען, דורך אינזעקטען און זונען-היץ צום טויט פערמאַטערן, בראָטען אין גליהענדע אַש, שינדען די הויט לעבעדיגערהייד, מיט זודיגען אויל בעגיסען, לעבעדיגערהייד בעגראָבען. אַזעלכע אונמענשליכע טויט-שטראָפען האָבען די סאַטראַפּען צוגעטראַכט פיר זייערע אונטערטאַנען.

דער צענטער פון דיזע אַלע גרויזאַמקייטען און פערדאָרבענהייט פון זיטען איז, פערשטעהט זיך, געווען דער קעניגליכער הויף. די סאַטראַפּען האָבען נאָר נאָכגעאַהמט דעם קעניג. צו דיזע אַלע שרעקליכע אכזריות קומען נאָך צו הולטייסטווע, שכרות, זנות, וואָס האָט געהערשט אין אַן אונגעהייערן גראַד אין קעניגליכען הויף. און פון דאָרט האָט עס זיך פערשפּרייט אין די פּאַלאַצען פון די אַלטע סאַטראַפּען, וועלכע דאָס אָרימע פּאָלק האָט געמוזט מיט זיין שוויים און בלוט אויסהאַלטען דורך אונגלויבליך שווערע שטייערן.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, דאָס דאַריוס האָט איינגעטיילט זיין אימפּעריע אין 20 סאַטראַפּיעס אום אין בעסערע אָרדנונג די שטייערן צו זאַמלען. די שטייערן זיינען געווען פערשיידענע, אַ טייל פון נאַטירליכע פּראָדוקטען און אַ טייל אין באַרעם געלט. די אַלע שווערע שטייערן זיינען נאָר געפאַלען אויף אַנדערע לענדער פון דער פערסישער אימפּעריע, די פערסיער זעלבסט זיינען געווען פריי פון אַלע אָפּצאָהלען. מעהר פון אַלע אַנדערע

פראָווינצען זיינען געווען בעלעסטיגט מיט שווערע אָפּצאָהלונגען עגיפּטען און באבילאָניען. די ערסטע האָט געמוזט ליפערן 1,000 טאַלענטען זילבער יעהרליך, און די צווייטע 700. פון דער גאַנצער אימפּעריע פלעגט אַריינקומען יעהרליך אין די קעניגליכע קאַסע 7,774 טאַלענטען זילבער (אונגעפעהר 12 מיליאָן דאָללאַר). די לענדער פון אינדיען האָבען געמוזט צאָהלען זייערע שטייערן אין גאָלד צוזאַמען 360 טאַלענטען יעהרליך (אונגעפעהר 8 מיליאָן דאָללאַר). אויסער דעם פלעגט אַריינקומען פיעל גאָלד און זילבער פון נאָהענטע לענדער, וועלכע האָבען דער פּערסישער רעגירונג געצאָהלט „פּריוויליגע" שטייערן אום זיי זאָלען זיין זיכער מיט זייער זעלבשטענדיגקייט און פרייהייט.



חורבות פון דעם הויפּט־טויער צו די קעניגליכע פּאַלאַצען אין פּערסעפּאָלים.

זעהר פיעל גאָלד און זילבער פלעגט אויך אַריינקומען אין די קעניגליכע קאַסע פון צאָל אויף פערשיידענע געגענשטאַנדען: פישעריי, וועלדער, בערגווערק, זאַלץ־קוועלען א. אז. וו. די סומע פון אַלע הכנסות אין פּערסיען איז געווען אונגעפעהר איבער 40 מיליאָן דאָללאַר, וועלכע איז אין יענע אַלטע צייטען געווען א ריזיגע איינקונפט פיר א רעגירונג.

דיזע אלע אונגעהייערע סומעס זיינען צום גרעסטען טייל פערברויכט געוואָרען צו אויסהאַלטען דעם קעניגליכען הויף, וועלכער האָט קיין גרענעץ ניט געוואוסט צו זיינע אויסגאַבען. פיר אויסהאַלטען דעם פוץ פון אן איינ-ציגער פרוי אין הארעם פלעגען אָפטמאָל בעשטימט ווערען די שטייערן פון גאַנצע שטעדט און פראָווינצען. דאָס זעלביגע לעבען האָבען אויך געפיהרט די סאַטראַפען.

דיזע אונגעהייערע פערשווענדונג פון די פערסישע הערשער האָט ענד-ליך אונטערגעגראָבען די עקאָנאָמישע קוועלען פון פאָלק. זי האָט געהאַט איהר ווירקונג אויף אלע געביטען פון דער רעגירונג. גערעכטיגקייט און פער-וואַלטונג זיינען געזונקען טיפער און טיפער. ביי אלע בעאַמטע האָט גע-הערשט אייגעננוץ און אַ שרעקליכע ליידענשאַפט צו לוקסוס און אויסגע-לאַסענקייט. אום צו שאַפען געלט, וואָס האָט זיך דערצו געפאָדערט, האָט יעדער שטיקעל מאַכט-האָבער אויסגעזויגען דאָס פאָלק. ווען אלכסנדר דער גרויסער (אלכסנדר מוקדון) האָט איינגענומען פערסיען, האָט ער דאָרט גע-פונען אזא שרעקליכע אָרימקייט, דאָס ער איז געווען געצוואונגען צו בע-פרייען אייניגע טיילען פון לאַנד אויף אַ געוויסע צייט פון אלע אָפּצאָהלונגען. דאַגעגען האָט ער געפונען אין די שאַץ-קאַמערן פון די קעניגען און פון די סאַטראַפען אַזעלכע אונגעהייערע אוצרות אין גאָלד און אין זילבער, דאָס עס שטייגט איבער יעדע פאָרשטעלונג. אום איבערצופיהרען די אוצרות גאָלד און זילבער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין דער רעגידונגס-קאַסע פון די שטעדט פאַסאַרגאַדאָ און פערסעפאָליס האָט מען געמוזט האָבען פיעלע טויזענדע קעמלען און מויל-עזלען. ווען אלכסנדר האָט געפאַנגען די פערסי-שע אַרמעע אין דער שלאַכט ביי איססאָס, האָט ער געפונען אין קעניגליכען לאַגער 300 ווייבער, 277 קאָך-מייסטערס, 13 וואָס האָבען מילך-שפייזען פיר דעם קעניגליכען טיש צוגעגרייט, 17 געטרענק-מאַכער, 70 קעלער-בע-אַמטע (ד. ה. בעאַמטע איבער אלערליי משקאות), 40 זאַלבען-מאַכער און 40 קראַנצען-פלעכטער. דער הויף-שטאַאט פון מאַנכע קעניגען איז בעשטאַ-נען פון 4,000 פערזאָן, וועלכע האָבען פערברויכט שפייז, געטרענק א. אז. וו. אויף 40 טאַלענטען, ד. ה. לערך 70 טויזענד דאָללאַר, יעדען טאָג.

די פערסיער האָבען קיין אייגענע קולטור ניט געשאַפען. אלץ אין די-זער הינזיכט האָבען זיי גענומען פערטיג פון די באַבילאָניער, אסיריער און עגיפטער. נאָר אין קונסט האָבען זיי עטוואָס אייגענעס געשאַפען, ווייל דאָס האָט געפאָדערט די פראַכט און דער לוקסוס אין קעניגליכען הויף און ביי די סאַטראַפען. אויך האָט די וואַפען-טעכניק ביי זיי דערלאַנגט אַ הוי-

כע שטופע, אלס א רעזולטאט פון שטענדיגע מלחמות. די פערסישע שווערדען זיינען געווען בעריהמט אלס די בעסטע אין גאנצען אלטערטום. די פערסישע קאוואלעריע (רייט־סאלדאטען) איז געווען געקליידט אין אייזען און שטאל. די פאנצער־שופען פון די אפיצירען זיינען געווען בעגאלדעט, זייערע רעק פון פורפור. די פרעכטיגסטע קליידונג און אויסשטאטונג האט ערהאלטען דער קארפוס, וועלכער האט זיך גערופען די 10,000 אונשטערבליכע, ווייל עס האט ניט געטארט פעהלען איינער צו דיזער צאהל, און ווען עס איז איינער פון זיי געשטארבען אדער צוליב אן אנדער אורזאך אוועק, האט מען באלד אויסגעפילט די צאהל מיט אן אנדערן. די רעק פון דיזען קארפוס זיינען געווען בעזעצט מיט דימענטען און געשטיקט מיט גאלד. אויף'ן האלז האבען זיי געטראגען גאלדענע קייטען, ווי די רוימישע הערשער.

אין דער בוי־קונסט האבען זיי נאר נאכגעאהמט אנדערע פעלקער, זיי האבען קיין אייגענעס ניט געשאפען, הגם דיזע קונסט איז ביי זיי געווען העכסט ענטוויקעלט. דער סטיל פון זייער ארכיטעקטור איז געווען דער באבילאנישער און דער אסירישער. די פרעכטיגסטע געביידעס האבען זיך געפונען אין סוזא (שושן) און פערסעפאליס, וועלכע איז פון דאריוס דעם 1טען געגרינדעט געווארען אלס רעזידענץ און אלס רעגירונגס־ארט פיר קעניגען. אין פערסעפאליס עקסיסטירען נאך אין היינטיגער צייט גוואלדיגע רואינען (חורבות), רעסטען פון קעניגליכע פאלאצען, זיילען־גענג, פרעכטיגע זאאלען און מארמארנע טרעפ. אויף פיעלע ווענט געפינען זיך נאך אינשריפטען אין פערשיידענע געמעלדעס, וועלכע שטעלען פאר פעלד־צוגען, אונטערזאכטע פעלקער, הויף־לייט און דאס פערסישע לעבען אין אלגעמיין. רייך און גרויסארטיג זיינען אויך די קברים, וואס זיינען אויסגעהאקט אין פעלזען ביי פערסעפאליס. פיר יעדען קעניג איז אויסגעהאקט אין א פעלז א רייהע פון צימערן, אין וועלכע עס איז אריינגעבראכט אלץ, וואס די פערזאן פיר וועלכע דער קבר איז געמאכט געווארען, האט מעהר געליבט און געשעצט ביים לעבען, אויך זיין רייכטום אין גאלד און זילבער. דעריבער זיינען די קעניגליכע קברים אימער שטארק בעוואכט געווען.

אין וויסענשאפט און ליטעראטור האבען די פערסיער גאר ניט געטאן. דאקטוירים פלעגען זיי ברייגנען פון עגיפטען אדער פון גריכענלאנד. יעדעס שטרעבען נאך וויסענשאפט איז דערשטיקט געווארען אין קריגס־לעבען און אין מאטעריעלען גענוס.

די רעגירונגס־פארמע פון די פערסיער איז געווען געגרינדעט אויף גוואלד און אונטערדריקונג. זיי האבען געדריקט ניט נאר פרעמדע

פעלקער, נאָר אויך איינע די אַנדערע. די ערסטע פערסיער זיינען בעשטאַנען פון 10 שבטים. דיזע שבטים האָבען געשטריטען צווישען זיך, או יעדער פון זיי האָט געוואָלט הערשען איבער די איבריגע. דאָס זיי האָבען פערשקלאַפט די אור־איינוואוינער פון לאַנד, וועלכע זיינען געוועזען פון טונקעלער פאַרב, ווי עס האָבען געטאָן אַלע אַנדערע קולטור־פעלקער — איז קיין צווייפעל ניט. די פערשיידענהייט פון דעם באָדען פון פערסיען, פון וועלכען איינינע ערטער זיינען געוועזען מעהר פּאַסענד פיר אַקערבוי און אַנדערע האָבען ענטוויקעלט אין די איינוואוינער די קריגס־קונסט, האָט געפיהרט דערצו, דאָס איינינע שטאַ־מען מיט קריגערישען גייסט האָבען אונטערוואָרפען אונטער זייער מאַכט די רוהיגע אַקערבויער. די בעזיגער האָבען דאַן געבילדעט דעם אַדעל פון לאַנד, און די בעזיגטע זיינען געוואָרען די אונטעריאָכטע אונטערטאַנען. די בעזיגער האָבען געבילדעט די קריגער־שטאַמען, אונטער וועלכע דער שטאַם פון די פּאַסאַרגאַדען איז געשטאַנען אין דער ערסטער רייהע. צו דיזען שבט האָט געהערט די בעריהמטע פאַמיליע אַחאֶמענידען, פון וועלכע די פּער־סישע קעניגען האָבען געשטאַמט.

דער קעניג האָט זיך גערעכענט פיר דעם פערטרעטער פון אַהוראַמאַזדאַ, אָדער דעם גאָט פון ליכט. און דעריבער האָט איהם דאָס פאָלק פערעהרט אַלס א גאָט. זיין פּערזאָן איז בעטראַכט געוואָרען אַלס הייליג. ווער עס איז צו איהם נאָהענט צוגעקומען, האָט געמוזט מיט׳ן געזיכט צו דער ערד פאַלען. דער קעניג איז געוועזען דער אונבעשרענקטער הערשער און אייגענטימער פון לאַנד. ער האָט געהאַט צו זאָגען איבער דעם לעבען און טויט פון זיינע אונטערטאַנען.

די מאַגיער, אָדער די פּריסטער פון דער זאָראָאַסטערישער רעליגיאָן, זיי־נען געוועזען די העכסטע ריכטער פון לאַנד, און זיינען געוועזען די הויפּט־ראַט־געבער פון קעניג אין געריכט־זאַכען, אָבער זיי האָבען אין פערסיען ניט גע־האַט די זעלבע מאַכט, וועלכע עס האָבען געהאַט די פּריסטער אין עגיפּטען אָדער אין באַבילאָניען. די מאַגיער זיינען געוועזען: ריכטער, וואָהרזאָגער, צייכען־דייטער א. ד. גל. דאָס פּריסטערטום איז געבליבען אין די הענט פון די מעדיער, אפילו נאָך דעם, ווי די הערשאַפט אין לאַנד איז איבערגעגאַנגען פון די מעדיער אין די הענט פון די פערסיער. צו יענער צייט האָט זיך נאָך די רעליגיאָן פון דער פערסיער געהאַלטען ריין. אָבער מיט דער ענטוויקלונג פון דער דעספּאָטיע פון די פּערסישע קעניגען זיינען די מעדיער ביסלאַכווייז פון דער פּריסטער־קאַסטע ארויסגעשפּארט געוואָרען און זייער אָרט האָבען פערנומען פּריסטער איבערגעגעבענע צום פערסישען קעניג. די רעליגיאָן

האָט פערלאָרען איהר פריהערדיגע ריינהייט, עס זיינען אריינגעמישט געוואָרען פיעלע מנהגים פון געצען־דינסט און דער איינפלוס פון דער פריסטער־קאַסטע איז געוואָרען שוואַכער און שוואַכער.

הגם קריגער און פריסטער האָבען זיך געהאַלטען אָפּגעזונדערט פון פאָלק, און זיינען בעטראַכט געוואָרען אַלס בעזונדערע קאַסטעס, האָבען זיי אין פערסיען ניט דערלאַנגט די זעלביגע שטופע, ווי אין עגיפּטען און אינדיען. די דעספּאָטיע, געגרינדעט אויף געוואַלדיגע פערסישע מאַכט, האָט ניט געדולדעט קיין אַנדערע הערשאַפט, קיין פריווילעגירטע קאַסטע. אין פערסיען איז נאָר געווען א י י ן הערשער און אַן אונגעהייערע מאַסע שקלאַפען.

8530-

#4759

Toronto Jewish Public Library
THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS
and may be renewed once, if no application has been registered for it.
A fine of 5 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.
PLEASE ADVISE CHANGE OF ADDRESS

DATE DUE
MAY 15 '81

פּאַגט, י. ג.
וועלטגעשיכטע. באַנד 1.
4759

826	JUL 12 '74	JUL 13 '82	20428
MAR 31 '75	3732	FEB 20 '83	18671
SEP 30 '75	2286	NOV -1 1994	21401
OCT 30 '76	8358	MAY 2 3 1995	30091

4759

JEWISH PUBL... ...ARY
TORONTO